STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02834

# DOS LEBN FUN MOSHEH DAYAN

Shabtai Teveth

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שבתי טבת

# דאס לעבן פון משה דיין

איבערזעצט פון עברית: עובדיה פעלד

צווייטער טייל

אויפן שער־בלאט פון רעכטס: רב־אלוף יצחק רבין, משה דיין און אלוף
עוזי נרקיס ביים שער אריות אין דער אלט־שטאָט פון ירושלים

קאַפּיטל צוועלף

# דע פּולק 89

(מאַי—אויגוסט 1945)

נאָך דעם וואָס ער האָט געזען אין צמח, האָט משה מער נישט געצווייפלט, אַז ער וועט קענען מיט הצלחה אויספירן די פונקציע פון קאָמאַנדיר פון פּולק 89. מיט איין מאָל זענען ביי אים פאַרשוווּנדן די ספקות וועגן זיין צוריקגעשטאַנענקייט אין פאַרגלייך צו אַנדערע אין די זיבן יאָר זינט ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן. ער האָט זיך מער נישט געפילט ווי קיין אינפאַליד. „דאָס וואָס איך האָב געזען ביינאַכט אין צמח, האָט מיך אויפסניי געמאַכט קעמפעריש" — האָט ער געזאָגט. נאָך מער, עס האָט זיך ביי אים אויסקריס־טאַליזירט אַ קריטיק לגבי די קאָמאַנדירן און איינהייטן אין דער „הגנה", וואָס האָט זיך איצט אַנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין צה"ל: „וואָס עס איז אַן אַראַבער האָב איך אויך פריער געוווּסט, אָבער עס איז מיר נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז דאָס איז אַזאַ מין באַשעפעניש". דורכפאַלן, וועלכע ער איז געווען געניגט צו פאַרשטיין לויט דעם ווי מען האָט אים אויפגעקלערט, ווי אַ רעזולטאַט פון נישט גלייכע כוחות, זענען איצט אין זיינע אויגן מיסדערפאַלגן אין רעזולטאַט פון מאַנגל אין איניציאַטיוו, שוואַך און געוואַגטקייט.

דורכגעדרונגען מיט אמונה אין די אייגענע כוחות, האָט ער געשילדערט פאַר יצחק שדה וואָס עס איז פאָרגעקומען אין צמח און געטענהט מיט דער טיפסטער איבערצייגונג פון אַ שליח, אַז די אַראַבישע אַרמייען קען מען לייכט צעשלאָגן מיטן באַדינג, אַז עס וועט אָנגעווענדעט ווערן די ריכטיקע שיטה. ער איז געווען איבערצייגט, אַז זיין פּולק, נאָך דעם ווי ער וועט אַנטשטיין, וועט קענען מנצח זיין דעם שונא. „ווען איך בין צוריקגעקומען פון דגניה, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך ווייס איצט פאַרוואָס אידקען איצט זאָגן „יאָ" צו זיין פאַרשלאַג אָנצופירן מיטן קאָמאַנדאָ־פּולק. איך האָב געוווּסט, אַז די חברה קען מען צעהאַקן זיי זאָלן נישט וויסן פון וואַנען דאָס קומט. איך האָב געזאָגט צו יצחק שדה, אַז מיט דזשיפּן און אויטאָמאַטישע ביקסן קען מען אריינדרינגען אין אלע אראבישע כוחות און מאַכן אָרדענונג".

אורי בר־און איז אָוועק פון דגניה קיין תל־אביב אויפצוקלערן ווי אַזוי

איבערצופירן זיינע מענטשן פון באַטאַליאָן וואָס אין דער בריגאַדע „גולני״, צום קאָמאַנדאָ־פולק פון משה דיין. „משה האָט מיר געזאָגט — דערציילט אורי בר־און — אַז ער האָט אַ באַשטעטיקונג צו נעמען מענטשן און וועמען ער וויל. ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל זיין ביי אים אַ קאָמאַנדיר פון אַ באַטאַליאָן און איך זאָל צונויפזאַמלען נאָך חברה. מער בין איך נישט צוריקגעפאָרן קיין דגניה. אויפן סמך פון דער באַשטעטיקונג, וואָס איך האָב מינדלעך באַקומען פון משהן, האָב איך געשיקט ברענגען חברים פון נהלל און אַנדערע ערטער צו מיין באַטאַליאָן. מאיר עמיתן האָב איך גאָרנישט געזאָגט״.

מאיר עמית איז געווען פאַרטרעטער פון פולק־קאָמאַנדיר אין „גולני״ און ער געדענקט, אַז „פּלוצים איז אין פולק פאַרשוווּנדן די אָפּטיילונג פון די נהלל־מענטשן מיט אורי בר־און בראש. אויך מענטשן פון יבניאל האָבן אָנגעהויבן בעלם צו ווערן איינער נאָכן צווייטן. איך האָב אָנגעהויבן אויפ־צוקלערן וואָס עס האָט פאַסירט און פעסטגעשטעלט, אַז אַלע געפינען זיך אין פולק 89, ווייל זיי ווילן זיין מיט משהן אלס נהלל־מענטשן און צוליב אַנדערע סיבות. איך בין געווען אַזוי אין כעס צוליב דעם, אַז לאַנגע יאָרן האָב איך נישט געוואָלט רעדן מיט אורי בר־און״.

דער ערשטער באַטאַליאָן אין פולק 89, דער פון בר־און און דערנאָך דער באַטאַליאָן ג׳, זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן פון דעם קערן, וועלכן משה האָט געלקחנט פון גולני: 18 מענטשן פון נהלל, 6 פון יבניאל, 4 פון קיבוץ גבת, נאָענט פון נהלל און 3 פון דער מושבה כינרת, נישט ווייט פון יבניאל. די קאָמאַנדירן פון די אָפּטיילונגען און קלענערע איינהייטן האָט אורי בר־און פערזענלעך געבראַכט. דער צווייטער באַטאַליאָן איז געלקחנט געוואָרן פון 43־טן פולק פון דער בריגאַדע „קרייתי״, און דער דריטער באַ־טאַליאָן איז געקומען פון לח״י, וואָס האָט זיך אויפגעלייזט לויטן הסכם מיט דער „הגנה״.

איינער פון די ערשטע אין פולק איז געווען יוחנן פעלץ. אַ בלאָנדער, אַ הויכער מיט אַן אטלעטישער פיגור און נישט דורכשניטלעכן כוח. ער איז געווען פון די געציילטע יידן, וועלכע זענען געווען פון צווייטן דור מיליטער־לייט. ער איז געבוירן געוואָרן אין פוילן אין 1917. זיין פאָטער איז געווען לייטענאַנט אין עסטרייכישן מיליטער. פון 1935 האָט פעלץ גע־טראָגן אין לאַנד מיליטערישע מונדירן, דערפילנדיק פאַרשידענע זיכער־הייטס־פונקציעס, צווישן זיי אויך אַלס אַ רייטער־מיליציאָנער. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך מאָביליזירט אין דער בריטישער אַרמיי, געקעמפט אין דריטן פולק פון דער יידישער בריגאַדע אַלס קאָמאַנדיר פון אַ באַטאַליאָן אין ראַנג פון אַ מאַיאָר. ער איז געווען באַקאַנט ווי אַן עכטער מיליטער־מאַן און אַ מוטיקער קעמפער. אלוף לאַסקאָוו איז געווען פון זיינע פריינט און פאַרערער.

פעלץ אַליין האָט זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון איבערגיין פון איין פונקציע צו דער אַנדערער, ווען אלוף משה צדוק, דעמאָלטיקער שעף פון דער קאַדרען־אָפּטיילונג אין גענעראַל־שטאַב, האָט אים גערופן צו זיך און אים פאַרגעלייגט די נאָמינאַציע פון וויצע־קאָמאַנדיר פון פולק 89. פעלץ האָט געהאַלטן, אַז לויט זיינע קוואַליפיקאַציעס איז ער געווען באַרעכטיקט צו דערוואַרטן די נאָמינאַציע אַלס פולק־קאָמאַנדיר. אַזוי האָט ער אויך געזאָגט צו יצחק שדה, צו וועלכן מען האָט אים געשיקט ער זאָל אים איבערצייגן. שדה האָט אים געזאָגט: „אויב דער קאָמאַנדיר פון פולק וועט זיין דער מענטש, וועגן וועלכן איך טראַכט, איז בעסער, אַז דו זאָלסט זיין דער פאַרטרעטער, איידער אַ זעלבשטענדיקער פולק־קאָמאַנדיר. דאָס איז אַ וויכטיקע פערזאָן און מיט אַ צוקונפט”. אין דעם מאָמענט, זעט אויס, האָט מען נאָך נישט געהאָט באַשלאָסן, צי משה וועט צוריקגעבראַכט ווערן פון עמק הירדן. פעלץ, וועלכער איז, לויט זיינע רייד, „געהאַנגען אין דער לופטן”, האָט זיך געלאָזט איבערצייגן און אָנגענומען די נאָמינאַציע.

אין איינעם אַ טאָג האָט מען אים פאָראָרדנט זיך צו טרעפן אינאָוונט מיט זיין נייעם קאָמאַנדיר אין קאַפע „פּראַק” אויף דער דיזענגאָף־גאַס אין תל־אביב. „פּראַק”, און אַזוי אויך דער קאַפע „שטאָרך” אויף דער זעלבער גאַס, זענען געווען צענטראַלע טרעף־פּונקטן פון „הגנה”־אָפיצירן, און ביי די טישן זענען אָנגענומען געוואָרן וויכטיקע באַשלוסן.

ווי עס פּאַסט פאַר אַ געוועזענעם מאַיאָר אין בריטישן מיליטער, איז פעלץ דערשינען צו דער באַגעגעניש אין אַ מיליטערישן מונדיר, אויסגעפרעסט און אויסגעפוצט. עס איז אים נישט שווער צו אידענטיפיצירן משהן, וועגן וועמען ער האָט שוין פריער געהערט. ער האָט זיך צוגעזעצט צו זיין טיש און געזאָגט: „מיין נאָמען איז פעלץ, מען האָט מיר געזאָגט זיך מיט דיר צו טרעפן”. משה האָט זיך אויפגעשטעלט, דערלאַנגט אים די האַנט און גלייך אויפן אָרט אַ סוף געמאַכט צו דער אָפיציעלקייט: „און מיר האָט מען געזאָגט, אַז דיין נאָמען איז יונתן”.

ווען זיי זענען צוגעטראָטן צום ענין, האָט משה געזאָגט, אַז ער האָט געהערט, אַז פעלץ „איז א גרויסער אָרגאַניזאַטאָר, וועלכער איז מסוגל צו אָרגאַניזירן יעדע זאַך במשך פון פינף מינוט”. פעלץ האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט פאַראינטערעסירט אין קיין אָרגאַניזאַטאָרישער פונקציע, נאָר דווקא אָנצופירן מיט אַ קאַמפּס־איינהייט. ער איז גרייט צו פאַרנעמען זיך מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, כדי צוצוגרייטן דעם פולק צו אַ קאַמפּס־טעטיקייט, אָבער ער איז בשום אופן נישט מסכים צו זיין אַ „פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַטאָר”. משה האָט אים באַרואיקט, אַז עס וועט אים געגעבן ווערן אַ געלעגנהייט אָנצופירן מיט זיינע מענטשן אין קאַמף און האָט אים אויפגעקלערט, אַז דער פולק 89 וועט זיין אַ קאָמאַנדאָ־פולק, „וועמענס ציל איז צו זיין טעטיק הינטער די ליניעס פון פיינט”.

צומאָרגנס האָט משה אָנגעהויבן ווירקן אין גענעראַל־שטאַב צו באַקומען פרייוויליקע פאַר זיין פולק און פעלץ האָט געמאַכט די ערשטע טריט צו אָרגאַניזירן דעם פולק אין זיין באַשטימטער באַזע אין לאַגער תל השומר, דאָס הייסט, אויפשטעלן דעם שטאַב, שאַפן אַ מאַגאַזין, אויסשטאַטונג, אָפּי־צירן־קאָרפּוס א.א.וו. די ערשטע אויטאָס זענען באַשטאַנען פון די געציילטע דזשיפּן, מיט וועלכע עס זענען געקומען בר־און און זיינע מענטשן פון עמק הירדן קיין תל השומר.

עס זעט אויס, אַז שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש זענען געקומען צום אויסדרוק די קעגנזאַצן צווישן משה און זיין פּאַרטרעטער. פּעלץ איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער רעפּרעזענטאַנט פון די בריגאַדע־אָפיצירן. זיין מיליטערישע לערע איז געווען אַ געאָרדנטע און זיין פּראָפעסיאָנעלע מחשבה איז קריסטאַליזירט געוואָרן במשך פון די פינף יאָר דינסט אין דער בריטישער אַרמיי. משה, דאַקעגן האָט אויסגעזען ווי אַ כנופיה־מענטש, ווי אַ פּאַרטיזאַנער און האָט נישט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מיליטער־מאַן. זיין קליידונג איז געווען אָפּגעלאָזן, די הויזן ברייט און נישט אויסגעפּרעסט, די סקאַרפּעטן געוויקלט אויף די קנעכלעך. זיין אופן פון רעדן, הגם אינטערעסאַנט און זאַכלעך, האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט דער מיליטערישער טערמינאָלאָגיע און זיין געדאַנקען־גאַנג איז געווען אינגאַנצן פריי פון פּראָפעסיאָנעלער געשטאַלטונג. בעת זייער ערשטער באַגעגעניש זענען אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן זייערע קאָמפּעטענצן. אָרגאַניזאַציע און לאָגיסטיק — נישט נאָר וואָס זיי האָבן משהן נישט אינטערעסירט, נאָר ער האָט אַפילו נישט פאַרגינט זיי צו פאַרשטיין. מיטן מאָמענט, ווען ער האָט געפונען אין פּעלצן אַ פעאיקן אָרגאַניזאַטאָר, האָט ער אים געלאָזט האַנדלען לויט זיין ווילן. משה האָט דערוואָרט, אַז די דזשיפּן וועלן פאָרן און די אויטאָמאַטישע ביקסן וועלן שיסן — אָבער ווי אַזוי צו ברענגען צו דעם מצב — „דאָס איז שוין דאָס פּראָבלעם פון פּעלצן". ער האָט זיך זייער ווייניק אַריינגעמישט אין די מעשים פון זיין פּאַרטרעטער, אויסער אין פראַגן וואָס זענען געווען פאַר אים ספּעציעל וויכטיק.

פּעלץ, פונקט ווי אַנדערע, האָט גלייך פעסטגעשטעלט, אַז משה באַזיצט די אייגנשאַפט פון אונטערשיידן צווישן עיקרדיקע און אומוויכטיקע זאַכן.

גלייכצייטיק מיט די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנעלע שריט, האָט ער אָנגעהויבן בקיום זיין די הבטחה אַריבערצופירן אין 89־טן פולק די מענטשן פון זיין באַטאַליאָן, וועלכע דינען אין 43־טן פולק. דעם 28־טן מאַי איז אַרויס אַ באַפעל פון גענעראַל־שטאַב צו אַלע בריגאַדע־קאָמאַנדירן, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז דער 89־טער פולק נויטיקט זיך אין אויסדערוויילטע פרייוויליקע, און אויף יעדער בריגאַדע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ קאָנטיגענט פון 40 מענטשן, איינשליסלעך אַ קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג און 4 קאָמאַנדירן פון דרוזשינעס און זיי איבערפירן אין פולק 89 לויטן אויס־

וואָל פון זיין פאָרשטייער. אָבער די קאָמאַנדירן פון די איינהייטן, ווי מען האָט דאָס געקענט דערוואַרטן, זענען נישט געווען גרייט צו פאַרלירן זייערע בעסטע מענטשן לטובת אנדערע איינהייטן. אין קיין שום בריגאַדע האָבן די פאָרשטייער פון 89־טן פולק נישט געפונען קיין 40 קעמפער, וועלכע זאָלן וואַרטן אויף זיי. אפילו נישט קיין דריי.

P. M.

דער קאָמאַנדיר פון 43־טן פולק האָט נישט געוואָלט שענקען אַ גאַנצן באַטאַליאָן פאַר אַ צווייטן פולק, און ספּעציעל נישט דעם באַטאַליאָן וואָס איז געווען באַקאַנט אלס אויסגעצייכנטער. און פון דער אַנדערער זייט האָבן משה און פעלץ נישט געהאַט קיין געדולד צו באַהאַנדלען דעם ענין אין גענעראַל־שטאַב. פעלץ האָט זיך געטראָפן מיט זיינע מענטשן אין געהיים און האָט זיי דערציילט וועגן דעם קאָמאַנדאָ־פולק פון משה דיין. עקיבא סער און זיינע מענטשן האָט ער נישט געדאַרפט לאַנג איבערצייגן. פעלץ איז געקומען צום צווייטן מאָל אין געהיים אין דער מחנה 43, דאָס מאָל מיט אַ ליידיקן אויטאָ. אין אויטאָ זענען אַריין עקיבא סער און 35 פון זיינע מענטשן מיט זייער פּערזענלעכער אויסשטאַטונג און האָבן פאַרלאָזט דעם פולק אָן אַ באַפעל.

דער 43־טער פולק האָט זיך אונטערשיידט פון „גולני" לפחות מיט איין זאַך — זיין קאָמאַנדיר איז אויך געווען אַן אָפיציר פון דער יידישער בריגאַדע, וועלכע איז געווען אַ שול פאַר גוטער אויפפירונג און, וואָס עס איז נישט ווייניקער וויכטיק, ער האָט געהייסן עמוס בן־גוריון, דער זון פון דוד בן־גוריון, דעם פאַרטיידיקונגס־מיניסטער בכבודו ובעצמו. צוערשט האָט ער נישט געוווּסט וווּהין זענען פאַרשוווּנדן עקיבא סער און זיינע מענטשן און פאַרוואָס פעלט אים אַ באַטאַליאָן. ווען ער איז געוווּיר געוואָרן דעם אמת, איז ער נישט געווען צופרידן פון דער „איינקויף"־שיטה פון משה דיין און זיין פאַרטרעטער. ער האָט זיך געוואָנדן צו זיין פאָטער און אים מער ווייניק אזוי געזאָגט: „וואָס פאַרא מיליטער שאַפסטו, ווען איינער גנבעט מענטשןביים צווייטן".

צוויי וואָכן זענען עקיבא סער און זיינע מענטשן געווען אין 89־טן פולק, ביז משה איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צוריקצושיקן זיי אין 43־טן פולק. ער איז געפאָרן צום גענעראַל־שטאַב אין דער באַגלייטונג פון עקיבא סער, כדי צו פּרווון אָפּשרייען די גזירה. אָבער מיכאל בן־גל, דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע „קריית", אויך אַ מאַיאָר אין דער יידישער בריגאַדע, האָט זיי באַגעגנט אין הויף פון שטאַב. זעענדיק עקיבא סער אין דער געזעלשאַפט פון משהן, איז אים דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין, ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און אים געריכטעט צו סערן און לויטן סטיל פון דער בריטישער אַרמיי צו אים אַ זאָג געטאָן אין צאָרן: דו ביסט אַ דעזערטיר, און אויב דו פאָרסט נישט גלייך צוריק אין דער מחנה 43, ליקווידיר איך דיך". „איך בין מיט חרפּה און בושה צוריקגעפאָרן קיין תל

השומר, געגומען אַ לאַסט־אויטאָ, אַרויפגעזעצט מיין גאַנצע חברה און האָפּאַ — צוריק צום 43־טן פּולק. דאָרט האָט אונדז עמוס בן־גוריון איינגעזעצט אין אַרעסט" — האָט עקיבא סער דערציילט.

משה אָבער האָט זיך נישט מיאש געווען און האָט פאָרגעזעצט די באַ־מיאונגען צו באַקומען עקיבא סער און זיינע מענטשן אין זיין פּולק אַריין, און כדי דאָס צו דערגרייכן, האָט ער זיך געוואָנדן דירעקט צו בן־גוריונען. דער קאַמף צווישן די פּולקן 43 און 89 האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּשרה. די פאָרמולירונג פון באַשלוס פון גענעראַל־שטאַב איז געווען אַ נצחון פאַר „קרייתי", אָבער איר פּראַקטישע באַדייטונג — אַ דערגרייכונג פאַר 89. אין בריוו פונעם שעף פון דער קאַדרען־אָפּטיילונג צום קאָמאַנדיר פון דער „קרייתי"־בריגאַדע ווערט אזוי געזאָגט: „אין מיין בריוו האָב איך דיר געמאָלדן, אַז דו דאַרפסט איבערגעבן דער 8־טער בריגאַדע 40 אויסדער־ווײלטע פרייוויליקע. די מענטשן זענען אויספּרובירט געוואָרן דורך פאָר־שטייער פון דער 8־טער בריגאַדע, וועלכע האָבן פעסטגעשטעלט, אַז זיי זענען פּאַסיק. עס איז מיר באַקאַנט געוואָרן, אַז די פרייוויליקע זענען איינ־צווישן אַריבער אין דער בריגאַדע, נישט האָבנדיק וועגן דעם קיין באַפעל. מען דאַרף אָננעמען, אַז עס איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש און איך האָב געמאָלדן דער בריגאַדע 8 גלייך זיי צוריקצושיקן. אָבער דו דאַרפסט מאַכן אַלע שריט, כדי צו געבן דעם קאָמאַנדאָ־פּולק די מענטשן, אין וועלכע ער נויטיקט זיך און וועלכע ער האָט אויסגעוויילט. באַשטעטיק די אויספירונג"

עקיבא סער און זיינע מענטשן זענען באַפרייט געוואָרן פון אַרעסט, איינגעפּאַקט די זאַכן און ווידער געפאָרן קיין תל־השומר, דאָס מאָל געזעצ־לעך. ווען ער איז אָנגעקומען צום 89־טן פּולק, האָט מען אים געשיקט אין אַנדערע בריגאַדעס פון צה"ל צו ווערבירן מענטשן. לויט זיינע רייד האָבן אָבער די בריגאַדעס נישט צוגעשטעלט די קאָנטיגענטן, וועלכע מען האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. „נאָר די, וועלכע זענען אַנטלאָפן, האָבן זיך אָנגע־שלאָסן אין אונדזער קאָמאַנדאָ". מיט אַ קאָפּיע פונעם באַפעל פון גענעראַל־שטאַב איז עקיבא סער געקומען צו שמעון אבידן, קאָמאַנדיר פון דער „גבעתי"־בריגאַדע. ער האָט אים געשיקט צו צבי צורן (דעמאָלט טשער־טענקאַ, היינט רב־אלוף), וועלכער איז געווען קאָמאַנדיר פון 5־טן פּולק. צור האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין מענטשן פאַרן 89־טן פּולק, אָבער „אויב סער וויל, קען ער נעמען די גאַנצע תפיסה־בריגאַדע". סער האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג. אין דער תפיסה־בריגאַדע פון „גבעתי" זענען געווען 15 חיילים, וועלכע מען האָט איינגעזעצט פאַר גנבענען הינער, פאַר שלעפּן דזשיפּן, ראַבעווען און פאַר ענלעכע עבירות. ער האָט געהאַלטן פאַר זיי אַ רעדע וועגן דער וויכטיקייט פון קאָמאַנדאָ־פּולק און אַפילו גע־מאַכט אַ פאַרגלייך, „פּונקט ווי מען האָט באַפרייט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה די סינג־סינג מענטשן, אזוי האָט איר אַ שאַנס אַריבערצוגיין צו

דער קאָמאַנדאָ־אָפּטיילונג”. די אַרעסטאַנטן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער דאָזיקער מציאה און מיטן מאָמענט, ווען מען האָט זיי צוגעזאָגט, אַז די שטראָפן און די משפטים וועלן בטל ווערן, האָבן זיי זיך ווי איין מאַן פרייוויליק צוגעשטעלט צום 89־טן פּולק. די פּולק־פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן, לויט סערס רייד, „נישט געהאַט מיט וועמען צו שפּילן קאָרטן”, האָבן געבעטן, אַז אויך זיי זאָל מען אָננעמען אין פּולק. אַזוי איז ער צוריקגעקומען אין פּולק מיט 18 בחורים פון „גבעתי”.

אַנדערע בריגאַדעס האָבן אַפילו זייערע אַרעסטירטע נישט געוואָלט איבערגעבן דעם 89־טן פּולק. די „אלכסנדרוני”־בריגאַדע האָט נישט געלאָזט די פאָרשטייער פון 89־טן פּולק אַפילו איבערטרעטן די שוועל פון דער מחנה. די בשורה פון קאָמאַנדאָ האָבן זיי אָנגעזאָגט דורך דעם, וואָס זיי האָבן אויסער דעם פּלויט געמאַכט אַן אויסשטעלונג פון דעם בייעם צוציענדיקן געווער פון יענע טעג פון 89־טן פּולק, וואָס מען האָט ביז איצט נישט געזען אין צה״ל — דזשיפּן, וואָס האָבן געבלאַנקט מיט פרישער פאַרב, אויסגעשטאַט מיט צוויי אויטאָמאַטישע ביקסן — איינע פון פאָרנט און די צווייטע פון הינטן. די הנחה איז געווען, אַז די אמתע קעמפער וועלן נישט קענען ביישטיין די לאָקונג פון דעם דאָזיקן „צוקערל”. און פיל האָבן טאַקע געפונען דעם וועג צום 89־טן פּולק אָן דער הסכמה פון זייערע איינהייטן.

משה אדיין איז געווען ארומגערינגלט מיט יוגנט־פריינט. עס זענען געקומען דינען אין פּולק און צו זיין אין זיין געזעלשאַפט נחמן בצר און שמואל וואָלף פון משולמס קלאַס, בעניע זרחי און ישראל גפן זיין שוואָגער. צו דער פּערזענלעכער סוויטע איז צוגעקומען דער זיידע, 62־יאָריקער כאבינסקי, זיין רייט־לערער, וועלכער האָט ביים רייטן געשריען „הוראַ! — און דעראָבערט אַ באַרג”. ער האָט זי אַליין נאָמינירט אַלס פּולק־סערזשאַנט. דערנאָך איז ער מיט משהן אַוועק קיין ירושלים און דאָרט געוואָרן סערזשאַנט פון מיליטערישן לאַגער.

דעם איינדרוק, אַז זיי זענען אַ פאַרשידנאַרטיקער און נישט דיסציפּלינירטער ציבור, האָבן די קעמפער פון 89 באַשטעטיקט אויף כלערליי אופנים. אין דער אָרגאַניזירונגס־פאַזע האָבן זיי „געשלעפּט” ציווילע דזשיפּן, געבראַכט זיי אין דער באַזע, וווּ מען האָט זיי איבערגעפאַרבט אויף כאַקי־קאָליר און געגעבן אַ מיליטערישן נומער. די דאָזיקע שיטה פון באַזאָרגן זיך מיט דער נויטיקער אויסשטאַטונג האָט זיך אָנגעהויבן, ווען די חיילים זענען געקומען צו משהן און האָבן אים געזאָגט, אַז זיי האָבן נישט קיין דזשיפּן און ער האָט זיי געענטפערט „טאָ באַזאָרגט זיי”. ער האָט זייער געוואָלט, אַז דער 89־טער פּולק זאָל וואָס שנעלער זיין גרייט צום פונקציאָנירן. די באַזאָרגונגס־מקורות האָבן אים נישט אינטערעסירט.

אינסטרוקטאָרן־ספּעציאַליסטן פון גענעראַל־שטאַב האָבן געלערנט די חיילים פון 89 ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט געווער. משה האָט געוואָלט די

בעסט־אויסגעשולטע אינסטרוקטאָרן, אָבער פון זיי האָט ער געפּאָדערט, אַז זיי זאָלן דאָס מאַכן גיך. ישראל טל, דעמאָלט אַ ספּעציאַליסט פון דער אינסטרוקטאַזש־אָפּטיילונג פאַר מאַשין־געווער און מיטלמעסיקע אויטאָ־מאַטישע ביקסן, געדענקט ווי ער האָט באַזוכט משהס ביוראָ אין תל השומר. משה האָט אים אויפגעקלערט, אַז זיין ווונטש איז ער זאָל אויסלערנען זיינע מענטשן ווי אזוי זיך צו באנוצן מיטן בראונינג־אויטאָמאַט און אים געפרעגט „ווי לאַנג וועט דויערן, אַז טל זאָל אויסלערנען דעם פּולק?" טל, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט זיין גרינטלעכן צוגאַנג צו אויסשולונגס־פּראָבלעמען, האָט פאָרגעלייגט אַ געאָרדנטן קורס מיט אַלע פּרטים. דאָס איז געווען אַן ענין פון אייניקע וואָכן. משה האָט אים דאַן איבערגעריסן מיט „אָבער איך מיין נישט קיין פּלאַן. איך פרעג וויפל שעה, אָדער וויפל טעג?". טל, וועלכער איז זייער גענוי אין רעדן, האָט געפרעגט צי משה איז אויסן נאָר פאַרפּול־קאָמונג און צי מער אינטערעסירט אים נישט. משה האָט געענטפערט, „רוף דאָס אַן פאַרפּולקאָמונג". דעמאָלט האָט געזאָגט טל, אַז „ער וועט קע־נען פאַרפּולקאָמען די קאָמאַנדירן במשך פון אַ פּאָר שעה". זיין געשפּרעך מיטן קאָמאַנדיר פון פּולק, משה דיין, האָט געדויערט נישט מער ווי 10 מינוט.

די כאַראַקטעריסטיק פון 189טן פּולק וואָלט נישט געווען קיין פולע נישט דערמאָנענדיק טעדי דיפר, אַ קריסט, אַ זון פון אַ פראַנצויזישער פּירשטן־משפחה. זיין קומען אין לאַנד אריין אין 1948 און דאָס אַריינטרעטן אין צה"ל, איז אַרומגענומען מיט אַ געהיימניש. ער איז אַלט געווען ביי 40 יאָר, איינער פון די פרעמדע, וועלכע זענען געקומען אלס פרייוויליקע און וואָס זענען טיילווייז אנגאזשירט געוואָרן דורכן גענעראַל־שטאַב. פעלץ, וועלכער איז אליין געווען פון דער פוסגייער־אַרמיי, האָט געבעטן פון דער אינסטרוקטאַזש־אָפּטיילונג מען זאָל אים שיקן אַ מענטש, וועלכער איז אַ ספּעציאַליסט אין פאַנצער־קאַמף און אַזוי האָט ער באַקומען טעדי דיפר, וועלכן מען האָט גערופן איתן, ווייל ער איז געווען אַ קרוב מיט דער אַריס־טאָקראַטישער משפחה סאן עטיען. צוערשט האָט מען נישט געהאַט צו אים קיין צוטרוי צוליב פאַרדאַכט, אַז ער איז אַ פרעמדער אַגענט. אויפן באַפעל פון פעלצן האָבן אייניקע מענטשן פון 89 נאַכשפּיאָנירט דעם פראַנ־צויזישן אַריסטאָקראַט. אָבער ער האָט זיך דערוואָרבן דעם צוטרוי און באַ־וויזן אָן שום ספק, אַז ער זאָגט אמת און אַז ער איז ווירקלעך געווען קאַפּי־טאַן אין פראַנצויזישע פאַנצער־אָפּטיילונגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה אין דער אַרמיי פון גענעראַל לעקלער. ער האָט גערעדט אַ גוטן ענגליש און דעריבער זענען נישט געווען קיין שפּראַך־שוועריקייטן צווישן אים און משהן און פעלצן. די מענטשן פון פּולק געדענקען אים אַלס אויס־נאָם. אָבער ער האָט געהאַט אַ סך פאַרדינסטן ביים אָנפירן מיטן פּולק בעת שטאַרקע קאַמפן און באַוועגונגען. אין די שלאַכטן האָט ער זיך אויסגעצייכנט אַלס מוטיקער קעמפער.

אין זיין בוך „נגב״, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, האָט טעדי איתן דערציילט וועגן דער „וווּנדערבאַרער אַטמאָספער״, וואָס האָט געהערשט אין 89־טן פּולק און האָט כאַראַקטעריזירט דעם קאָמאַנדיר און זיין פאַרטרעטער. דיין, „פעסט געבויט, אַ קיילעכדיקער קאָפּ, אַן אָנגענעם און לאַכנדיק פּנים, אַ שטאַרקע גאָמבע, אויגן־לאַפּ־זייער סימפּאַטיש. ער איז באַקאַנט מיט זיין מוט און קאַלטבלוטיקייט. מענטשלעך, האָט אַ פּסיכאָלאָגישע פאַרשטענדעניש, אינטערעסירט זיך מיטן גורל פון זיינע מענטשן און זייערע באַדערפענישן, ווייסט ווי אַזוי צו דערווערבן זייער סימפּאַטיע און רעספּעקט און דערוועקן ביי זיי יראת הכבוד און געהאָרכזאמקייט נישט אויפהייבנדיק דאָס קול״. פעלץ, „זעט אויס ווי ער וואָלט איצט אַרויס גלייך פון אַ בריטישן אָפיצירן עס־זאַל״.

אויף דער פראַגע, פאַרוואָס האָט משה צוגעגעבן די באַצייכענונג קאָמאַנדאָ צום פּולק, איז נישטאָ קיין תשובה — נישט אין זיינע טעאָריעס און נישט אין זיינע מעשים. לויט משה דיין האָט דעם נאָמען פאָרגעלייגט יצחק שדה, וואָס האָט מער געמיינט די מענטשן, וועלכע זענען נויטיק פאַר אַ קאָמאַנדאָ־פּולק, ווי זיין מיסיע. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך יגאל ידין האָט געהאַט אַ השפּעה אויפן אויסוואַל פון דעם נאָמען, ווייל ער האָט די גאַנצע צייט אויסגעאיבט אַ דרוק, אַז מען זאָל דורכפירן אַקציעס הינטער די ליניעס פון פיינט און דיין איז דורך אים באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מומחה פאַר אַזאַ טעטיקייט.

די פראַגע פון קאָמאַנדאָ האָט זיך דערוועקט מיט דער גאַנצער ערנסטקייט, ווען פעלץ האָט געפרעגט ווי אַזוי אויסצושטעלן דעם פּולק, צו וואָס פאַראַ קאָמאַנדאָ־אַקציעס? ער האָט פאַרשטאַנען ענינים אזוי ווי זיי זענען, און האָט געפאָדערט אַ קלאָרן ענטפער. אָבער נישט משה און נישט יצחק שדה האָבן געהאַט אַזאַ ענטפער. שדה האָט אויפגעקלערט פעלצן, אַז זיין כוונה איז, אַז דער פּולק זאָל זיך אַדורכרייסן דורך אַ שמאָלן פראָנט הינטער די ליניעס פון די אַראַבער אויף אַ טיף פון 10 קילאָמעטער און אַרויסרופן אַ בהלה. פעלצן דעם פאַכמאַן האָט מען נישט געזוגנד אויפגעקלערט די דאָזיקע כוונה. לויט זיינע רייד האָט דער פּולק נישט געהאַט צו זיין רשות געווענט אויטאָס דורכצופירן אַזעלכע אַקציעס און די אויטאָס, וואָס זענען געשטאַנען צו זיין דיספּאָזיציע, זענען געווען פאַרבונדן מיט די פראָנטאַקסן און אַפּראָוויזאַציע, וואָס האָט פון אים צוגענומען די פרייהייט־טעטיקייט הינטער די ליניעס פון פיינט. צום סוף איז דאָס וואָרט קאָמאַנדאָ געווען נישט מער ווי אַ באַפּוצונגס־וואָרט און דער 89־טער פּולק האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מאָטאָריזירטן פּולק, איינער פון דריי, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין צה״ל.

נאָך אַ קליינער אַקציע אין דאָרף יהודה, איז די ערשטע ממשותדיקע

קאַמפּס־אַקציע פון 89 דורכגעפירט געוואָרן נישט קעגן אַראַבער, נאָר גע־נויער, דווקא קעגן אצ״ל־מענטשן.

די פּרשה „אַלטאַלענאַ״ דאַרף מען אין אַלגעמיין פאַרשטיין אין די ראַ־מען פון בן־גוריונס מלוכהשן צוגאַנג, זיין מורא פאַר די מיליטערישע אָרגאַ־ניזאַציעס און גרופּן, וואָס האָבן עקזיסטירט סעפּאַראַט ביזן 25־טן מאַי 1948 (אין דעם טאָג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער דעקרעט נומער 4 פון דער צייטווייליקער רעגירונג וועגן שאַפן „צבא הגנה לישראל״) און זיין באַשלוס צו גרינדן אויף זייער אָרט אַ נאַציאָנאַל־מלוכהשע אַרמיי. די צייט־ווייליקע רעגירונג אונטער דער אָנפירונג פון בן־גוריונען, האָט אין ברענגען געוואָרן דורך אַ באַזונדערע גרופּע און אויף איר אייגענער האַנט, געזען אַ שווערע פאַרלעצונג פון די געזעצן פון מדינת ישראל. אין דער מעלדונג פון דעם פּרעסע־ביוראָ פון דער רעגירונג פון 21־טן יוני, נאָך אַ טאָג פון געשעענישן אין כפר ויתקין ווערט געזאָגט, אַז „די צייטווייליקע רעגירונג און דער שטאַב פון צבא הגנה לישראל מעלדן, אַז זיי זענען אַנטשלאָסן צו דערשטיקן דעם בייזוויליקן פּרווו זיך נישט אונטערוואַרפן דער איינציקער און אַלגעמיינער קאָמפּעטענץ פון מדינת ישראל און אירע באַפולמעכטיקטע אָרגאַנען״. אצ״ל האָט געהאַט אַן אַנדערע ווערסיע, לויט וועלכער זי האָט געבראַכט דאָס געווער מיט דער „אַלטאַלענאַ״, כדי עס איבערצוגעבן צה״ל אין איינקלאַנג מיט די באַדינגונגען און הסכם, וועלכן אירע פאַרשטייער האָבן געשלאָסן מיטן פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום. מיר וועלן דאָ נישט אריינגיין אין די פּרטים פון דער פּרשה. פון משה דיינס שטאַנדפּונקט, איז נישטאָ קיין ספק, אַז ער האָט זיך באַצויגן מיט פולן צוטרוי צו די דערקלערונגען פון בן־גוריון, פון רעגירונגס־וואָרטזאָגער און פון צה״ל.

די שיף „אלטאלענא״ האָט פאַרוואָרפן דעם אַנקער קעגנאיבער כפר ויתקין זונטיק דעם 20־טן יוני ביינאַכט, און איר אויסלאָדונג האָט זיך גע־צויגן אויך מאָנטיק. דאָס אויספירן דעם באַשלוס פון דער רעגירונג „נישט צו דערלאָזן מיט אַלע מיטלען״ די אויסלאָדונג פון דער שיף, האָט בן־גוריון איבערגעגעבן דער אַרמיי, און ישראל גלילי און יגאל אלון האָבן די דאָזיקע אויפגאַבע אַרויפגעלייגט אויף אלוף דן אבן, קאָמאַנדיר פון דער „אלכסנדרוני״־בריגאַדע, ווייל דער ברעג פון כפר ויתקין האָט זיך געפונען אין געביט פון זיין שטאַב. אָבער דער גענעראַל־שטאַב האָט געהאַלטן, אַז די „אלכסנדרוני״־בריגאַדע אַליין וועט נישט קענען אויספירן די אָנווייזונגען פון דער רעגירונג. איין פּולק פון דער בריגאַדע איז באַשטאַנען פון אצ״ל־לייט און אַ טייל פון זיי זענען אַנטלאָפן פון זייערע איינהייטן און אַוועק קיין כפר ויתקין צו העלפן אויסלאָדן דאָס געווער פון דער שיף. אַזוי האָבן אויך געטאָן די חיילים פון דער „גבעתי״־בריגאַדע אין דרום. זוכנדיק מיליטערישע איינהייטן, וואָס זענען פריי און געטריי דער רעגירונגס־ליניע און געפינען זיך נישט ווייט פון

כפר ויתקין, האָט מען מאָביליזירט איינהייטן פון דער 8־טער בריגאַדע און פון פלמ"ח.

משה האָט זיך געקענט אָפּזאָגן און נישט אָנטיילנעמען מיט זיין פּולק אין דער „אלטאלענא"־אַקציע, אָדער געפינען אַן אַרגומענט, כדי זיך פון איר אַרויסצודרייען, ווי דאָס האָט געטון אַן אַנדערער פּולק־קאָמאַנדיר. אָבער ער האָט באַפאָרצוגט אויסצופירן דעם באַפעל פון יצחק שדה, קאָמאַנדיר פון דער 8־טער בריגאַדע. פון זיינע דריי באַטאַליאָנען — דער געהילף־באַטאַליאָן איז נאָך געווען אין סטאַדיעס פון אָרגאַניזירונג — זענען געווען נאָר צוויי, אויף וועלכע ער האָט זיך געקענט שטיצן בנוגע דעם, וואָס האָט זיך געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ ברידער־קריג: דער באַטאַליאָן פון די מענטשן פון נהלל—יבניאל פון אורי בר־און און M.P. פון עקיבא סער. דער דריטער באַטאַליאָן אונטער דער קאָמאַנדע פון יעקב גארנעק (וועלכן מען האָט גע־רופן דער בלאָנדער דב) איז געווען פּראָבלעמאַטיש צום דעם, וואָס חוץ לח"י־מענטשן האָט ער אויך געהאט געוועזענע אצ"לניקעס. דער בלאָנדער דב האָט דווקא דעקלאַרירט זיין טריישאַפט דער מדינה און צה"ל און פיל זיינע חיילים האָבן געטון אזוי ווי ער. אָבער משה האָט נישט געוואָלט דער־פירן צו קיין שפּאַלטונג אין באַטאַליאָן און האָט באַשלאָסן אים איבערצו־לאָזן אין דער באַזע. די געטריישאַפט־וואָקלונגען זענען דעמאָלט געווען פאַרשטענדלעך אויפן סמך פון דעם פאַקט, וואָס הגם דער באַפעל וועגן שאַפן צה"ל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 28־טן מאַי, האָבן די חיילים פון צה"ל אָפּגעגעבן די געטריישאַפט־שבועה פאַר מדינת ישראל און אירע באַ־פולמעכטיקטע אינסטאַנצן ערשט דעם 28־טן יוני.

אונטערן תירוץ פון געווער־קאָנטראָל האָט מען צוגענומען דאָס געווער פון דעם דריטן באַטאַליאָן און עס אַוועקגעלייגט אין מאַגאַזין אונטער דער שמירה פון עקיבא סערס מענטשן. פעלץ פון זיין זייט האָט אַרויסגענומען די צינגלען פון די ביקסן, אין פאַל ווען די חיילים פון דריטן באַטאַליאָן וועלן פּראָבירן מיט כוח אויפרייסן דעם מאַגאַזין. כדי צו זיין מער זיכער, האָט משה איבערגעלאָזט אין דער מחנה פון פּולק נחמן בצרן, „כדי צו היטן, אַז די חברה פון לח"י זאָל נישט ווילדעווען". מיט זיינע צוויי באַטאַליאָנען און מיט אַ באַטאַליאָן פון 82־טן טאַנקן־פּולק, איז משה ארויס קיין כפר ויתקין.

דאָס בוך פון דער „אלכסנדרוני"־בריגאַדע דערציילט, אַז די בריגאַדע האָט ארומגערינגלט כפר ויתקין דעם 20־טן יוני און אָפּגעשלאָסן די 300 אצ"לניקעס, וועלכע האָבן זיך באַפעסטיקט אויפן ברעג. לויט דעם בוך, איז צומאָרגנס, דעם 21־טן יוני פאַרנאַכט, אַריין דער 89־טער פּולק — דער קאָמאַנדאָ־פּולק אונטער דער אָנפירונג פון משה דיין — מיט דזשיפּן און פּאַנצער־אויטאָס און האָט דורכגעריסן די פאַרטיידיקונגס־ליניעס פון אצ"ל, אָפּגערייניקט כפר ויתקין און אין רעזולטאַט פון דער אַקציע האָט זיך דער

שטח, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער קאָנטראָל פון אצ״ל, באַגרענעצט צו אַ קליינעם ברעג־אָפּשניט״.

איידער ער האָט אָנגעהויבן די אַקציע, האָט משה געפירט געשפּרעכן מיט ישראל גלילי, דעם דעמאָלטיקן געהילף פון פּאַרטיידיקונגס־מיניסטער, וועלכער האָט קאָנצענטרירט די מיליטערישע טעטיקייט אַרום „אַלטאַלענאַ״, און מיט אלוף דן אבן, וועלכער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דעם גאַנצן געביט. לויט די אָנווייזונגען, וואָס ער האָט באַקומען פון זיי, האָט ער צו־שפּרייט זיינע כוחות און אַרומגערינגלט די כוחות פון אצ״ל אויפן ים־ברעג, כדי נישט צו דערלאָזן זיי זאָלן זיך דורכברעכן מיט געווער פון דער שיף און אַז אַנדערע כוחות זאָלן זיך פאַראייניקן מיט זיי. גד יעקובי, וועלכער איז דאַן אַלט געווען 12 יאָר געדענקט, אַז „אַלע קינדער פון כפר ויתקין זענען געלאָפן זען משהן און זענען באַאיינדרוקט געוואָרן פון דעם שוואַרצן אויגן־לאַפּ און דעם רעוואָלווער אויף זיינע לענדן״.

זיין באַפעל צו די מענטשן איז געווען זיך אָפּהאַלטן ווי ווייט דאָס איז מעגלעך פון אַ צוזאַמענשטויס מיט די אצ״לניקעס. אָבער גלייכצייטיק האָט ער בפירוש באַפוילן צו ענטפערן אויף פייער מיט פייער. לויט דעם „אלכסנ־דרוני״־בוך איז אַ טאָג פריער דערהרגעט געוואָרן פון אצ״ל־פייער אַ חייל פון דער בריגאַדע. „אין אָנהויב — דערציילט משה — האָב איך געטראַכט, אַז עס וועט זיין געננוג, אויב מיר וועלן אַרומרינגלען די אצ״ל־לייט און מיר וועלן זיי זאָגן: „געננוג, איר זענט אַרומגערינגלט״. בעת זיינע כוחות האָבן אַרומגערינגלט די אצ״לניקעס, האָבן זיך געפירט פאַרהאַנדלונגען דורך שליחים צווישן ישראל גליל, דן אבן און מנחם בעגין און אַנדערע אצ״ל־פירער.

מאָנטיק דעם 21־טן יוני פאַרנאַכט, איז געקומען צו אַ שיסעריי. בן־גוריון גיט אָן אין זיין בוך „די באַנייטע מדינת ישראל״, אַז עס זענען געווען ערנסטע פאַרלוסטן. 2 צה״ל־חיילים און 6 אצ״לניקעס זענען דערהרגעט געוואָרן און 18 זענען פאַרוואונדעט געוואָרן פון ביידע זייטן. ווי עס פּאַסירט בדרך כלל ביי אַזעלכע פּרשיות, האָט יעדער צד געטענהט, אַז דער קעגנער האָט אָנגעהויבן די שיסעריי. משה און זיינע מענטשן האָבן געטענהט, אַז אין אָנהויב האָבן זיי נישט געענטפערט אויף איינצלנע שאָסן און האָבן געעפנט אַ פייער ערשט דאַן, ווען עס איז דערהרגעט געוואָרן איין חייל און דריי זענען פאַרוואונדעט געוואָרן.

משהס ראָל אין דער שלאַכט איז נישט קלאָר. אורי בר־און געדענקט, אַז אין איינע פון די נאָכמיטאָג־שעהן איז געקומען צו אים משה און אים איבערגעגעבן די קאָמאַנדע איבער 89. אויף זיין פראַגע, וואָס האָט פּאַסירט, האָט משה געענטפערט, אַז ער איז איצט צוריקגעקומען פון אַ באַגעגעניש מיט בן־גוריונען, וועלכער האָט אים געהייסן פליען קיין אַמעריקע צו באַ־גלייטן דעם קערפּער פון דערהרגעטן קאָלאָנעל דוד מאַרקוס. דערנאָך האָט

משה פאַרגעשטעלט בר־אונען פאַרן אלוף דן אבן און אים געזאָגט: „ער איז פון איצט אָן דער קאָמאַנדיר פונעם פולק". פעלץ, זיין פאַרטרעטער האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער אַקציע אין כפר ויתקין. נאָך דעם האָט בר־און געזען משהן ערשט דעם 9־טן יולי.

לויט דעם „אלכסנדרוני"־בוך האָט דער פאַרשטייער פון אצ"ל מסכים געווען צו פאַרהאַנדלען וועגן אולטימאַטום פון צה"ל נאָך דער אַקציע פון פולק 89. צומאָרגנס אינדערפרי, דינסטיק דעם 22־טן יוני, האָט זיך בר־און אלס פאַרשטייער פון 89 באַטייליקט אין דער באַגעגעניש, אין וועלכער דן אבן האָט דיקטירט יעקב מרידורן פון אצ"ל די קאַפּיטולאַציע־באַדינגונגען אין כפר ויתקין. „אַלטאַלענאַ" אַליין איז אָפּגעשוואומען פון ברעג ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט צווישן 89 און אצ"ל אָן אָונט פריער, מאָנ־טיק דעם 21־טן יוני. בעת מרידור האָט אונטערגעשריבן דעם קאַפּיטולאַציע־אַקט, האָט די שיף שוין געאַנקערט קעגנאיבער דעם ברעג פון תל־אביב.

דעם אַלגעמיינעם באַפעל צו ענטפערן אויף פייער מיט פייער האָט אַרויסגעגעבן משה, האָט אָבער די קאָנקרעטע באַפעלן צו שיסן געגעבן אורי בר־און, וועלכער האָט, ווי ער דערציילט, איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער די איינהייטן פון 89 „אָן שמחה".

היות דער עראָפּלאַן מיטן קערפּער פון דוד מאַרקוס איז אָפּגעפלויגן אַ וואָך שפּעטער, דעם 28־טן יוני, דערוועקט זיך די שאלה, פאַרוואָס איז משה נישט געבליבן מיט זיינע מענטשן ביזן סוף פון דער אַקציע אין כפר ויתקין? צי האָט ער אין דער רייזע קיין אמעריקע געזען אַ טיר זיך אַרויס־צודרייען פון אַ נישט אָנגענעמער מיסיע, וואָס ער האָט דערפילט מיט אַ האַלב האַרץ און געהאַנדלט לויט דער חכמה, וואָס זאָגט דעם מענטש, אַז אויב ער קאָן נאָר, זאָל ער נישט זיין פאַרמישט אין אַ זאַך, ביי וועלכער עס איז נישטאָ דאָס האַרץ? אָדער האָט ער מיט זיין שאַרפן פּאָליטישן חוש פאַרויסגעזען דעם געזעלשאַפטלעכן שטורעם, וועלכן עס וועט אַרויסרופן די פּרשה „אַלטאַלענאַ"?

מען דאַרף גערעכענען זיין גרייטקייט צו נעמען אויף זיך די מיסיע פון וועלכער ער האָט זיך געקענט לייכט אַרויסדרייען. הגם עס איז געווען קלאָר, אַז ער האָט די מיסיע נישט איבערגענומען מיט התלהבות און לויט זיין שוואָגער, ישראל גפן, וועלכער האָט אים באַגלייט קיין כפר ויתקין, „האָט ער געמאַכט די אַרבעט מיט אַ געשפּאָלטן האַרץ" — באַשטעטיקן אָבער זיינע מענטשן, אַז ער איז געווען ענערגיש, אָנגרייפעריש און מיט שוואונג. אויף זיין באַפעל זענען די פאַנצער־אויטאָס אַרויפגעפאָרן אויפן פּלויט פון כפר ויתקין און איינגעבראָכן איינעם פון זיינע טויערן. און וואָס שייך זיינע געפילן, האָט ער דאָך בפירוש פאַראָרדנט צו ענטפערן מיט פייער אויף פייער, און לויט משהס ווערטער אַליין „איז די פראַגע פון געשפּאָלטענעם האַרץ אַראָפּ פון סדר היום נאָך דעם ווי די אצ"ל־לייט

זיי האָבן געעפנט אַ פייער און דערהרגעט איינעם פון די חיילים פון פולק".

עס איז דעריבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט געהאַנדלט לויט דעם, וואָס עס האָט אים כאַראַקטעריזירט אין יענע טעג — איבערלאָזן פאַר אַנדערע צו פאַרענדיקן די אַרבעט, וואָס זיי קענען אליין טון מיט הצלחה. אַזוי האָט ער איבערגעלאָזט די דגניות נאָך דער אַנטשיידנדיקער שלאַכט און איז נישט געבליבן אויפן אָרט, הגם עס איז נאָך געווען אַ מורא, אַז עס וועט קומען אַ שווערער סירישער אַטאַק אויפן גשר־אַפשניט; אַזוי וועט ער אויך האַנדלען אין די קאַמפן פאַר לוד און כרתיה אין אַנטשיידנדיקן מאָמענט איז ער געווען מיט זיינע כוחות אין כפר ויתקין, אָבער ווען „אַלטאַלענאַ" איז אָפגעשווומען אין אָפענעם ים, האָט ער געהאַלטן, אַז „דער ענין איז פאַרענדיקט". עס איז מעגלעך, אַז ער האָט געהאַנדלט לויט זיין אויפפאַסונג, געננוי פעסטצושטעלן זיין פערזענלעכע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט. די אחריות פאַר דער פרשה „אַלטאַלענאַ" איז געלעגן אויף דער רעגירונג און אויפן גענעראַל־שטאַב. זיין חלק אין דער פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט האָט ער געגומען אויף זיך מיט דעם, וואָס ער האָט באַפוילן צו ענט־פערן אויף פייער מיט פייער און נאָך דעם איז ער לויט זיין מיינונג געווען באַרעכטיקט איבערצוווייזן דעם באַפעל ווייטער, אויף דעם זעלבן וועג ווי ער איז אים איבערגעגעבן געוואָרן. דערצו נאָך ווען די אָנפירונג איבער דער גאַנצער אַקציע איז געלעגן אין די הענט פון דן אבן, קאָמאַנדיר פון דער „אלכסנדרוני"־בריגאַדע.

ווי עס זאָל נישט זיין, בלייבט די פראַגע אָפן. מאַנטיק דעם 21־טן יוני ביינאַכט, איז ער געפאָרן מיט רות קיין נהלל, כדי זיך צו געזעגענען מיט די קינדער און דער משפחה. צום פולק 89 איז ער, ווי געזאָגט, צוריקגעקו־מען דעם 9־טן יולי.

די פראַגע פון משהס מיליטערישן ראַנג האָט זיך דערוועקט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, ווען ער האָט געמאַכט זיינע צוגרייטונגען צו דער לוויה־רייזע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. קאָלאָנעל דוד מאַרקוס, אַן אַמע־ריקאַנער ייד, וועלכער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין צה"ל אונטער אַן אויס־געטראַכטן נאָמען — מיקי סטאָן — איז דעם 28־טן מאַי נאָמינירט געוואָרן אַלס הויפט־קאָמאַנדיר פון ירושלימער פראָנט און דעם 11־טן יוני, אַ פאַר שעה איידער עס איז אַריין אין קראַפט דער ערשטער פייער־איבעררייס, איז ער על פי טעות דערהרגעט געוואָרן דורך אַ צה"ל־זעלנער. אין זיין צוואה האָט ער געבעטן מען זאָל אים ברענגען צו קבורה אין וועסט־פאָינט, די מיליטערישע אַקאַדעמיע, אין וועלכער ער האָט געלערנט.

דעם געדאַנק, אַז משה זאָל זיין איינער פון די באַגלייטער פון דעם ארון, האָט אַרויסגערוקט אַלעקס ברוידע, וועלכער איז געווען אַ לאַקאָטאָר ביי משהן אין ירושלים אין 1942. ער איז געווען מאַרקוסעס אַדיוטאַנט און נאָך דעם ווי מאַרקוס איז דערהרגעט געוואָרן, איז אַלעקס אַריבער אין

פרעסע־ביוראָ פון דער רעגירונג אין תל־אביב אלס געהילף פון דעם די־רעקטאָר משה פערלמאַן. דאָס האָט ברוידע, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט איבערפירן דעם קערפער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פאַרגעלייגט, אַז משה דיין און יוסף הראל זאָלן באַגלייטן דעם ארון.

דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, יעקב דורי, איז מסכים געווען צו שיקן משהן, „ווייל מיר האָבן געוואָלט אָפּגעבן כבוד דעם געשטאָרבענעם מאַרקוס מיט אַ באַגלייטונג פון הויכן ראַנג". אָבער עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז עס איז געווען נאָך אַ סיבה, אַז זיין פולק האָט זיך געפונען אין אָרגאַניזירונג־סטאַדיע און איז נאָך נישט געווען אַנגאַזשירט אויפן פראָנט. הראל גע־דענקט, אַז ווען זיי האָבן זיך געטראָפן מיט בן־גוריונען דעם 21־טן יוני, האָט ער זיי געמאָלדן, „איר זענט אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַן ערן־וואַך". משה האָט געפרעגט „וווהין?" און אויף בן־גוריונס פראַגע, „קיין אַמעריקע זענט איר גרייט?", האָט משה געזאָגט: „איך בין נישט געווען אין אַמעריקע — מען פאָרט קיין אַמעריקע". עס איז געווען דער ערשטער פייער־איבערייס און ווען עס זענען נישט געפירט געוואָרן קאַמפן, האָט ער נישט געזען קיין סיבה פאַרוואָס ער קען נישט אויסנוצן די פרייע צייט פאַר רייזעס. מאַרקוסן האָט ער פערזענלעך נישט געקענט.

לויט די ראַנגעס, וואָס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן דעם 13־טן יוני, האָט אַ קאָמאַנדיר פון אַ פולק באַקומען דעם ראַנג פון אַ מאַיאָר, און דאָס איז אויך געווען משהס ראַנג אָבער די אָפּצייכענונגען פון די ראַנגן זענען נאָך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן און דעריבער האָט משה געטראָגן פון אַ העכערן פערזענלעכן סטאַטוס ווי דער ראַנג האָט אים געגעבן דער קעגנ־זאַץ צווישן זיין פערזענלעכער פּאָזיציע און זיין ראַנג האָט זיך דערוועקט, ווען עס איז קלאָר געוואָרן דעם שעף פון דער קאַדרען־אָפּטיילונג אין גע־נעראַל־שטאַב, אַז די באַגלייטער פון מת דאַרפן זיין לפחות פון זיין ראַנג. דעריבער האָט מען געדאַרפט משהן און הראלן דערטיילן דעם ראַנג פון סגן־אלוף (פּולקאָווניק) — פון אַ בריגאַדע־קאָמאַנדיר — אָדער אויסוויילן אַנדערע באַגלייטער. דורי האָט דעצידירט לטובת משהן און האָט באַשלאָסן צו געבן אים און הראלן דעם רעפּרעזענטאַנץ־ראַנג פון סגן־אלוף. נאָכן צוריקקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן וועט ער צוריק האָבן דעם ראַנג פון מאַיאָר.

אין גענעראַל־שטאַב האָט מען אויך נישט געוווּסט ווי אַזוי עס דאַרפן אויסזען די רעפּרעזענטאַנץ־מונדירן פון צה"ל. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם האָט געלייזט רות. אין געשעפט „מדים" אויף דער אַלענבי־גאַס אין תל־אביב, האָט זי אויסגעוויילט גרינע כאַקי־בגדים פון וואָל, פּאָפּעלין־העמדער אין איילבירטן קאָליר, ברוינע גירטלען און שוואַרצע בערעטן. איצט איז נאָר געבליבן די פראַגע פון די ראַנג־סימנים. אַנשטאָט אַן ענטפער האָט משה צדוק, דער שעף פון דער קאַדרען־אָפּטיילונג, זיי געוויזן אייניקע געצייכנטע

מוסטערן פון ראנגן אין צה"ל, וועלכע ער האָט פאַרעלייגט, לויט זייבע רייד, בן־גוריונען, אָבער נאָך נישט זוכה געווען צו באַקומען אַ באַשלוס. משה האָט געזאָגט צו צדוקן, „וועסט באַלד זען ווי אַזוי מען באַקומט אַ באַשטעטיקונג". ער האָט גענומען דעם ראַנג־פאָרשלאַג, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער קאַדרען־אָפּטיילונג, איז אַוועק אין בן־גוריונס ביוראָ, אים פאַרגעשטעלט די צייכענונג און אויפגעקלערט די דרינגלעכקייט פון אָננעמען אַ באַשלוס. בן־גוריון האָט אויפן אָרט געגעבן זיין הסכמה צום פאָרשלאַג.

אָבער איצט איז שוין נישט געבליבן קיין צייט צו באַשטעלן געהאָפּטענע ראַנג־סימנים אין אַ וואַרשטאַט. רות און די פרוי פון אַלעקס ברוידע —ביידע פרויען זענען אויך געפלויגן קיין אַמעריקע — האָבן אויף זיך גענומען דאָס אויסהעספטן די ראַנגען לויטן מוסטער, וואָס איז גענומען געוואָרן פון ביוראָ פונעם שעף פון דער קאַדרען־אָפּטיילונג. דעם ערשטן וויינשטאָק־בלאַט האָט זי אָנגעהויבן העפטן אַרויפגייענדיק אויפן עראָפּלאַן אויפן מיליטערישן פלי־פּלאַץ אין עקרון, און דעם לעצטן האָט זי אָנגעהויבן ווען זיי האָבן זיך געפונען איבער באָסטאָן, און אים פאַרענדיקט אין מאָמענט פון לאַנדן אין ניו־יאָרק.

אויף אַריבערצופירן דעם קערפּער פון דוד מאַרקוס האָט די ישראל־רעגירונג געדונגען אַ טראַנספּאָרט־עראָפּלאַן. די פיר באַגלייטער האָבן געהאַט גענוג פּלאַץ, אָבער נישט קיין זיץ־פּלעצער. זיי אַליין האָבן געדאַרפט זאָרגן פאַר אַן אָפּרו־אָרט בייטאָג און אַ שלאָף־פּלאַץ ביינאַכט.

ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין פּאַריז דעם 29־טן יוני, האָט משה באַקומען אַ טעלעגראַמע פון בן־גוריונען: „פאָר נישט קיין ניו־יאָרק, קום גלייך צוריק אין לאַנד. טעלעגראַפיר". די פּלוצימדיקע ענדערונג בנוגע משהס שליחות איז פאָרגעקומען צוליב די חילוקי דעות צווישן בן־גוריונען און די מיטגלידער פון גענעראַל־שטאַב וועגן באַשטימען אַ נייעם קאָמאַנדיר פאַרן צענטראַלן פראָנט אויפן אָרט פון קאָלאָנעל מאַרקוס. בן־גוריון האָט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין איינער, וועלכער האָט געדינט אין דער בריטישער אַרמיי, און דער רעאַלער קאַנדידאַט איז געווען מרדכי מקלף. דאַקעגן האָבן יגאל ידין און אַנדערע אין גענעראַל־שטאַב געפאָדערט דעם אַמט פאַר יגאל אלון. אין יענער צייט און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָט בן־גוריון שוין דעמאָלט געוואָלט טוישן דעם קאָמאַנדיר פון ירושלים, אלוף דוד שאלתיאל און באַשטימען משה דייַנען אויף זיין אָרט. אָבער משה, וועלכער האָט זיך געריסן צו פאָרן קיין אַמעריקע, האָט נישט געענטפערט אויף בן־גוריונס טעלעגראַמע און איז נישט צוריקגעקומען אין לאַנד.

נאָך 17 שעה פליען איבערן אַטלאַנטיק און דער צווישן־לאַנדונג אין גרענלאַנד, האָט דער עראָפּלאַן געלאַנדעט אין ניו־יאָרק דעם 30־טן יוני. צומאָרגנס איז פאָרגעקומען די לוויה אין וועסט־פּאָינט און ביזן צוריקפאָרן איז משהן געבליבן אַ וואָך צייט פאַר באַגעגענישן און פאַרווייַלונגען. צוליב

די גרינגע מונדירן האָבן די קעלנערס פון איינע פון די רעסטאָראַנען זיך טועה געווען און זיי אָנגענומען פאַר אירלענדישע אָפיצירן, אָבער זיי האָבן נישט געהערט די ענגלישע שפּראַך. ווען זיי זענען געוויר געוואָרן ווער עס זענען די געסט, האָבן זיי גיך דורכגעפירט צווישן זיך אַ „מגבית" און איבערגעגעבן משהן, מיט אַ וואַרעמען האַנט־דרוק, 500 דאָלאַר „פאַר ישראל". צוערשט האָט משה נישט רעאַגירט פון טיפער גערירטקייט אויפן דאָזיקן אויסדרוק פון סימפּאַטיע און דערנאָך צוריקגעגעבן דאָס געלט די קעלנערס, זאָגנדיק, „מיר זענען נישט געקומען מאַכן אַ מגבית" דאָס איז געווען די ערשטע באַגעגעניש מיטן אָפּעגעם הארץ און האַנט פון די יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן

אַ צווייטער וויכטיקער מאָמענט בעת זיין באַזוך אין ניו־יאָרק איז געווען די פרעסע־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 3־טן יולי און אויף וועלכער משה דיין און יוסף הראל האָבן דערקלערט, אַז אויב עס וועלן באַנייט ווערן די קאַמפּן נאָכן פייער־איבעררייס, „וועט צה"ל קענען דעראָבערן גאַנץ ארץ ישראל אין פאַרלויף פון פיר־זעקס וואָכן". ביידע זענען שותפים צו דער דאָזיקער דעקלאַראַציע, ווייל זיי האָבן געענטפערט אויף פראַגן איינער נאָכן אַנדערן.

די הויפּט־חשיבות פון משהס וויילן אין ניו־יאָרק באַשטייט אין אַ צופעליקער באַגעגעניש מיט אברהם באום, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף זיין מיליטערישן געדאַנקען־גאַנג און אויך אויף זיין קאַריערע אין צה"ל. פון דער באַגעגעניש איז אויך געקומען די אייגנאַרטיקע דורכרייס־סטראַטעגיע פון פולק 89 אין לוד.

טעדי קאָלעק איז געשטאַנען בראש פון דעם, וואָס מען האָט גערופן LAND AND LABOR (לאַנד און ארבעט) וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ דעלעגאַציע פון דער „הגנה" אין די פאַראייניקטע שטאַטן. קאָלעק האָט באַשטעטיקט דעם פּראָדוצענט פון פרויען־בלוזעס, אברהם באום, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו אינטערוויואירן אַמעריקאַנער פרייוויליקע פאַר דער „הגנה" און שפּעטער פאַר צה"ל אין דער געזעלשאַפט פון קאָלעקן און הראלן האָט משה זיך געטראָפן מיט באומען אויף אַ קאָקטייל־פּארטי אין באַר פון האָטעל 14, ווו עס האָבן זיך געפונען די ביוראָען פון דער „הגנה"־דעלעגאַציע. אין פאַרלויף פון אַ קורצן געשפּרעך, איז משה געקומען צום אויספיר, אַז באום קען מיט זיינע פעאיקייטן זיין אַ באַראַטער פאַר דער דעלעגאַציע פון פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום. אייב באום איז געווען איינער פון די מוטיקסטע זעלנער פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, מיט צאָלרייכע אויסצייכענונגען און וווּנדן. דער קאָמאַנדיר פון דער פערטער פאַנצער־דיוויזיע, גענעראַל דזשאָן ס. ווּד, האָט אים באַצייכנט אַלס דעם „מוטיקסטן זעלנער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה". ער איז באַרימט

געוואָרן אין רעזולטאַט פון אַ מיליטערישער אויפגאַבע, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן אַלס איינע פון די שווערסטע טעותן פון גענעראַל פעטאַן.

דאָס וואָס אייב באום האָט געהאַט צו דערציילן, איז געווען פונקט דאָס, וואָס משה האָט געוואָלט הערן. דאָס קאָקטייל־געשפּרעך איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן ערנסטן אינטערעסאַנטן רעפּעראַט, וועלכן משה האָט געהערט וועגן דער קאַמפּס־סטראַטעגיע פון אַ מאָטאָריזירטער איינהייט. אָבער פריער דאַרף מען דערציילן וועגן די מעשים פון באום, אַ מאַן 185 צענטימעטער הויך, מיט וואָנצעס, וועלכער האָט אויף זיין פּנים, האַנט און פוס שטראַמען פון באַזוקאַ שראַפּנעלן און קוילן.

ווען ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין אַן אַמעריקאַנער פּאַנצער־אָפּטיילונג נאָכן יאַפּאַנישן אָנגריף אויף פּערל האַרבער, איז ער געווען אַ צושניידער פון פרויען־בלוזעס. ער איז געווען אַ קאַפּיטאַן, אָפּעראַציע־אָפיציר אין פּאַנצער־פּולק פון קאָלאָנעל (היינט גענעראַל) קרייטאָן וו. אייבערעמס, ווען מען האָט אים אָנפּאַרטרויט — איינציקע וואָכן פאַרן סוף פון דער וועלט־מלחמה אין אייראָפּע — צו אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלן כּוח, כּדי דורכצובייסן די דייטשע ליניעס און באַפרייען אַמעריקאַנער געפאַנ־גענע פון לאַגער ביי האַמעלבורג. די סיבה פון דער שווערער מיסיע, וואָס איז שפּעטער געשילדערט געוואָרן ווי אַ זעלבסטמאָרד, איז לויט די אַמע־ריקאַנער צייטונגען געווען דער געפאַנגענער לייטענאַנט קאָלאָנעל דזשאָן נייט וואָטערס, דער מאַן פון גענעראַל פּעטאָנס טאָכטער, בעאַטריס.

האַמעלבורג האָט זיך געפונען 96 ק״מ הינטער די פראָנט־ליניעס, וווּ עס זענען געשטאַנען צוויי דייטשע דיוויזיעס. קאָלאָנעל אייבערעמס האָט געטענהט, אַז פאַר דער אויפגאַבע נויטיקט ער זיך אין זיין גאַנצן כּוח, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ האַלבער דיוויזיע. אַזאַ כּוח האָט מען אים נישט געקענט צוטיילן אין די געגעבענע באַדינגונגען, און דער באַפעל פון גע־נעראַל פעטאַן איז אויסגעפירט געוואָרן, טראָץ די ספקות פון זיינע אונ־טערגעאָרדנטע, מיט אַ פיל קלענערן כּוח.

קאַפּיטאַן באום האָט אָרגאַניזירט אַ כּוח פון 300 זעלנער מיט 10 שערמאַן־טאַנקען, 6 לייכטע טאַנקען, 3 האַרמאַטן פון 105 מילימעטער, 27 פּאַנצער־אויטאָס, 7 דזשיפּן און איין אויטאָ מיט מעדיצינישער אויסשטאַטונג צו ברענגען די געפאַנגענע צוריק.

דעם 26־טן מערץ 1945, ביין אַזייגער אינאָוונט, איז דער כּוח פון קאַפּיטאַן באום אַדורך דעם טייך מיין און אָנגעהויבן זיך דורכרייסן דורך די ליניעס פון דער 7־טער דייטשער אַרמיי. מיט ביישפּיללאָזן מוט און שווונג האָט זיך דער פּולק דורכגעזעצט אין קאַמף קעגן טאַנקען, האַרמאַטן און באַזוקעס. באום איז פאַרווונדעט געוואָרן אין פּנים, אין האַנט און פוס, און האָט טראָץ דעם דערמוטיקט זיינע זעלנער צו גיין פאָרויס. דעם 27־טן מערץ 2.30 נאָכמיטאָג, איז ער אַריבער דעם טייך זאַלע און אַ האַלבע שעה שפּע־

טער איז ער אריין אין לאַגער פון די געפאַנגענע ביי האמעלבורג. אָבער דאָ איז ער אַנטפלעקט געוואָרן דורך אַן אויסשפיר־עראָפּלאַן און פון זיין כוח איז מער נישט געבליבן ווי די העלפט. אַפילו ווען ער וועט מצליח זיין צוריקצוקומען, וועט ער נישט האָבן מיט וואָס צו פירן די 1291 געפאַנגענע. מען האָט געקענט נאָר נעמען די געזונטע, וועלכע האָבן זיך געקענט אַרויפזעצן אויף די טאַנקן, אָדער זיך צוזאַמענדריקן אויף די פאַנצער־אויטאָס אויף אַ טראַסע פון העכער 90 ק״מ אַן שפייז. דער סוף פון דער שליחות איז געווען, אַז באומס כוח איז ליקווידירט געוואָרן אויפן צוריקוועג, זיינע מענטשן זענען דערהרגעט און פאַרוואונדעט געוואָרן, אָדער גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. ווי דאָס איז געווען דער גורל פון באומען אליין. צען טעג שפּעטער, דעם 6־טן אפּריל, איז דער לאַגער אין האמעלבורג באַפרייט געוואָרן דורך אַ פיל גרעסערן אַמעריקאַנער כוח.

טראָץ דעם וואָס די שליחות האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שווערן דורכפאַל, האָט באומס אָפּעראַציע־כוח זוכה געווען צו אַ גרויסן רום. גענעראַל פּעטאָן אליין האָט אים דעקאָרירט מיט דער הויכער מיליטערישער אויסצייכענונג (D.J.M.).

אין באַר פון האָטעל 14, האָט משה מיט גרויס דורשט געטרונקען די רייד פון דעם „העלד פון דער 7־טער אַלייע״, ווי עס האָבן אים גערופן די ניו־יאָרקער צייטונגען און ער האָט אין זיין זכרון איינגעשריבן די הויפּט־טעזעס פון דער מיליטערישער תורה פאַר פירן קאַמפן מיט מאָטאָריזירטן כוח:

1. אויב עס איז דאָ אַ וועג, נוץ אים אויס.

2. אַטאַקיר מיט אַ גרויסן כוח אויף אַ ציל, וואָס וועט פאַלן מיט אַ קלענערן כוח. מאַך יעדן אַנשטרענג צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז דער כוח איז פיל גרעסער ווי אין דער ווירקלעכקייט.

3. רייס זיך אַדורך דורך שמאָלע פראָנט־אָפּשניטן און אמבעסטן מיט איין קאָלאָנע.

4. נוץ אויס דעם כוח פון פייער מער ווי אַ פסיכאָלאָגישן פאַקטאָר, ווי אַלס געווער צו דערהרגענען. אַ דערשראָקענער פיינט איז כמעט ווי אַ טויטער פיינט.

5. מיט אַ קליינעם כוח דאַרפסטו זיך באַוועגן די גאַנצע צייט. אין מאָמענט, ווען דו שטעלסט זיך אָפּ, האָסטו שוין פאַרלוירן דעם פאָרטייל אלס מאָטאָריזירטער כוח.

6. פאַרגעס נישט וועגן רעזערוו־כוחות. נוץ זיי אויס, כדי דער פיינט זאָל מיינען, אַז דו האָסט נאָך.

7. ווענד אָן פוסגייער־כוחות פאַר אָקופּאַציע־צילן.

8. האַלט פאַנצער־כוחות פאַר אַ קעגן־אַנגריף.

דעם וועג צוריק אין לאַנד אריין האָט ער געמאַכט מיטן זעלבן טראַנס־

פּאַרט־עראָפּלאַן, וואָס האָט דאָס מאָל געפירט די ערשטע באַנקנאָטן פון מדינת ישראל.

משה איז צוריקגעקומען אין לאַנד פרייטיק דעם 9־טן יולי, געציילטע שעה פאַרן פאַרענדיקן דעם טערמין פון ערשטן פייער־איבעררייס. פון פלי־פלאַץ, אַנגעטאָן אין דעם רעפּרעזענטאַנץ־מונדיר, איז ער אַוועק צום פּולק, וואָס האָט זיך געגרייט צו דער אַקציע „דני" אין קרית אריה. בעת זיין אָפּ־וועזנהייט האָט מיטן פּולק אָנגעפירט פעלץ, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט דעם פּולק פאַר די העכערע מיליטערישע אינסטאַנצן און אויסגעאַרבעט דעם קאַמפּס־פּלאַן פאַרן פּולק. משה האָט באַוויזן אָנצוקומען ביים סוף פון דעם פּולק־אַפּעל. „ווי נאָר מיר ענדיקן דעם אַפּעל — דערציילט בר־און — קומט אָן אַ פּרייוועט (אַ פּריוואַטער אויטאָ), פון וועלכן עס שטייגט אויס משה אין רעפּרעזענטאַנץ־מונדיר און אונדז איז געוואָרן גוט אויף דער נשמה". אויך עקיבא סער האָט געדענקט, אַז עס האָט געהערשט אַ צופרידנקייט.

לויט דער פּשרה צווישן יגאל ידין און בן־גוריון, איז יגאל אלון באַ־שטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון אַלע כוחות אויפן צענטראַלן פראָנט, נאָר כדי דורכצופירן די אַקציע „דני". די דאָזיקע אָפּעראַציע איז באַשטאַנען פון צוויי פאַזעס: א) דעראָבערן לוד און רמלה. ב) אין פאַל ווען די צווייטע פאַזע וועט דאָס דערמעגלעכן — דעראָבערן לאַטרון און ראַמאַללאַ.

פעלצס געוווינהייטן ערב די שלאַכטן זענען נישט געווען לטובת אים. ווייל אויפן וועג צו טוישן די בגדים, האָט משה געהאַט צייט צו טראַכטן און צו קומען צו דער מסקנה, אַז עס איז פאַר אים געקומען דער פּאַסיקער מאָמענט צו פאַרווירקלעכן די תורה, וואָס ער האָט געהערט פון אייב באַום. אָנגעטאָן אין די קאַמפּס־בגדים, איז ער ביינאַכט צוריקגעקומען צום פּולק אין דער געגנט פון כפר סירקין, און האָט אַרויסגערופן צו זיך די קאָמאַנדירן פון די באַטאַליאָנען. אורי בר־און געדענקט, אַז משה האָט דערציילט די באַ־טאַליאָן־קאָמאַנדירן וואָס עס האָט אים געלערנט איינער פון די מוטיקסטע קאָמאַנדירן פון דער אַמעריקאַנער פאַנצער־אַרמיי. דאָס איז מער ווייניק גע־ווען דער אינהאַלט פון זיינע ווערטער: „איר ווייסט, אַז איך ווייס גאָרנישט וועגן פאַנצער־קאַמפּן. האָב איך געפרעגט. און דער אַמעריקאַנער קאָמאַנדיר האָט מיר געזאָגט, אַז אין פאַנצער זענען נישטאָ קיין סטאַבילע כּללים, אָבער עס איז פאַראַן איין גרויסער כּלל — צו פאָרן אויפן פייער פון די רעדער, די גאַנצע צייט זיך באַוועגן, אויב פאָרויס — איז גוט, אויב נישט — איז צוריק, אָבער מען טאָר זיך נישט אָפּשטעלן. אָדער פאָרויס, אָדער צוריק. איך וויל, אַז אַזוי זאָלט איר טון, ווייל איך האַלט, אַז דער אַמעריקאַנער איז געווען גערעכט. מיט אונדזער פייער־כוח, מיט דעם מאָטאָר־כוח, וואָס מיר האָבן, דאַרפן מיר גיין פאָרויס אויף ווי ווייט דאָס איז נאָר מעגלעך".

משה האָט מיט זיין התלהבות און אייגנאַרטיקן שאַרם דעראָבערט זיינע מענטשן און האָט זיי געזאָגט, אַז זיי וועלן דורכפירן די צווייטע פאַזע און

װעלן דערגײן קײן ירושלים דורך ראַמאַללאַ. דאָס װאָס איז שטאַרק געפּעלן געװאָרן זײַנע מענטשן איז געװען די זעלבסטזיכערקײט ערב דער שלאַכט און זײַן קאַמפּס־אָפּטימיזם. נאָך זײַן רעפּעראַט װעגן די קאַמפּס־פּרינציפּן פֿון פּולק, האָט ער מבטל געמאַכט דעם טעאָרעטישן און געניטעם קאַמפּס־פּלאַן פֿון פּעלץ, װעלכער האָט פֿעסטגעשטעלט די באַזונדערע באַװעגונגס־װעגן און פֿײַער פֿאַר יעדער אײנהײט, און באַשלאָסן, אַז דער גאַנצער פּולק װעט זיך באַװעגן אין אײן קאָלאָנע — פֿון דזשיפּן, פּאַנצער־אויטאָס און מאַרזשערס. עס איז נישטאָ קײן ספק, אַז ער האָט געטראַכט װעגן אַן אָפּעראַטיװן כוח ענלעך צום כוח פֿון אײב באום.

װוּ איז געװען פּעלץ? „מען האָט מיך אויפֿגעװעקט צװײ, אָדער האַלב דרײַ בײַנאַכט און מיר געזאָגט, אַז משה דײַן איז צוריקגעקומען און האָט צונויפֿגערופֿן אַלע קאָמאַנדירן און אַז אויך איך דאַרף גלײַך קומען. װען איך בין געקומען, האָט די חברה שוין געהאַט בײַע באַפֿעלן" — האָט פּעלץ שפּעטער דערצײלט. דײַן האָט דערקלערט פּעלצן, אַז ער האָט בטל געמאַכט זײַן פּלאַן, װאָס איז געװען גוט קעגן אַ רעגולערער אַרמײ. „אָבער מיר קעמפֿן נישט קעגן דײַטשן, נאָר קעגן אַראַבער". לויט דעם װאָס ער האָט געזען אין צמח, האָט ער געצװײפֿלט צי מען דאַרף זיך באַנוצן מיט די פּולעמיאָטן. ער האָט נאָך געהאַלטן, „אַז עס איז גענוג אײן קלאַפּ אין דער בלעך — און די אַראַבער װעלן זיך צעלויפֿן װי די פֿײגל". אַ חוץ דעם האָט ער מורא געהאַט, אַז אויב דער פּולק װעט זיך צעשפּליטערן לויט פּעלצס פּלאַן, „װעלן מיר פֿאַרלירן די אײנהײטן, װײַל מיר האָבן נישט קײן דערפֿאַרענע און אויסגעאיבטע קעמפֿער פֿאַר אַ בשותּפֿותדיקער אַרבעט".

דעמאָלט האָט פּעלץ געפֿרעגט, װוּ איז זײַן אָרט אין דער נײַער פּלאַנירונג משה האָט געזאָגט, אַז „דב האָט נישט דאָס זיכערהײטס־געפֿיל" — דאָס איז געװען די ערשטע דערפֿאַרונג פֿון דבן און זײַנע לח"י־מענטשן, װעלכע זענען ביז איצט געװען „פּאָליטישע גאַנגסטערס", לויט דער מײנונג פֿון אַ טײל קעמפֿער פֿון 89־טן פּולק, צו װירקן אין די ראַמען פֿון אַ באַטאַליאָן אויפֿן שלאַכט־פֿעלד — און ער האָט פֿאָרגעלײגט, אַז פּעלץ זאָל גײן צוזאַמען מיט אים, כדי ער זאָל „דערמוטיקן".

לויט פּעלצן האָט ער משהן אַזוי געענטפֿערט: „איך בין נישט קײן אָפֿיציר צו דערמוטיקן דעם פּולק. דו האָסט מבטל געמאַכט מײַן פּלאַן און איצט ביסטו דער קאָמאַנדיר פֿון פּולק. לײג אויף מיר אַרויף אַן אויפֿגאַבע אַלס אָפֿיציר. איך האָב דאָס רעכט צו באַקומען באַפֿעלן און אויסצופֿירן אויפֿגאַבעס. צו דערמוטיקן דבן איז נישט קײן פֿונקציע און נישט קײן באַפֿעל".

משה: „אויב דו װילסט גײן פֿאָרויס, גײ פֿון הינטן".

פּעלץ: „בסדר — איך װעל גײן, װוּ דו װעסט מיר הײסן".

לויט פּעלצס מײנונג, איז משה דאַן געװען אויפֿן ניװאָ פֿון אַן אָפּטײלונגס־קאָמאַנדיר, װאָס הײבט ערשט איצט אָן. נישט מער. אָבער ער האָט

דערוואָרבן דאָס האַרץ פון די מענטשן מיט זיין פאַנטאַסטישן מוט. פּשוט, עס פעלט אים דער פּחד־נערוו. עקיבא סער געדענקט, אַז „משהס דערשיינען ערב דער שלאַכט, האָט אַנגעפילט די מענטשן מיט אַ נייעם גייסט״. זייער באַציאונג צו אים איז געווען ווי צו אַן אָפּגאָט. ער האָט פאַרמאָגט אַ מין מאַגישן כּוח, וועלכן עס איז שווער פאַרצושטעלן מיט ווערטער. מיר זענען געווען פון אים פאַרכּישופט. „משה האָט געזאָגט״, „משה האָט געבעטן״ — מיט די זאַצן אַליין האָסטו אַלץ געקענט דערגרייכן ביי די מענטשן פון פּולק.

און אַזוי, בשעת דער פּולק האָט זיך באַוועגט אין איין קאָלאָנע, משה בראָש און פּעלץ צום סוף מיט דער פּולעמיאָטן־אָפּטיילונג, וואָס איז געפאָרן אויף צוויי פּאַנצער־אויטאָס, האָט זיך אָנגעהויבן — נאָך דעם ווי זיי האָבן זייער שנעל דעראָבערט מוזירא און אַנדערע דערפער — דער אַטאַק אויף קולאַ, שבת פאַרטאָג, דעם 10־טן יולי. אָבער די שלאַכט האָט זיך נישט אַנטוויקלט אַזוי ווי משה האָט זיך פאָרגעשטעלט. עס איז נישט געווען געננוג „צו געבן אַ קלאַפּ אין דער בלעך״, כּדי די אַראַבער זאָלן אַנטלויפן. די שרייבער פון דער באַפרייאונגס־מלחמה זענען געקומען צום אויספיר, אַז אין קולא איז געווען אַ „שווערע שלאַכט״. משה האָט זיך געגנויטיקט אין פּעלצן, וועלכער איז געקומען מיט דער טענה, אַז די קוילן־וואָרפערס וועלן זיין נויטיק „ווייכער״ צו מאַכן דעם שונא מיט באָמבאַרדירונגען און ער האָט אים גע־בעטן אַוועקצושטעלן די קוילן־וואָרפערס און זיי לאָזן אין גאַנג, כּדי צו דערמעגלעכן דעם באַטאַליאָן פון עקיבא סער דורכצורייסן זיך קיין קולא אונטער זייער דעקונג.

אָבער איצט, ווען דער פּולק געפינט זיך אין איין קאָלאָנע, אָן פרייער־דיקע פייער־ און באַוועגונגס־פּלענער, האָט פּעלץ נישט געוווסט, ווו עס געפינען זיך די מענטשן פון פּולק און ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס פייער פון די קוילן־וואָרפערס וועט זיי טרעפן. אַראַבישע סנייפּערס, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן אין די קוקורודזע־פעלדער, האָבן מיט אַ פּינקטלעך פייער באַשאָסן די קעמפער פון פּולק און צוויי מאָל האָבן זייערע קוילן דורכגע־לעכערט די מאַפּעס אין פּעלצס הענט. טראָץ דעם איז פּעלצן מיט גוטע איינפאַלן און מוט געלונגען אַוועקצושטעלן די קוילן־וואָרפערס און שטאַרק צו באַשיסן קולאַ.

נאָך דעם ווי בן־גוריון האָט אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע קיין פּאַריז דעם 29־טן יוני, האָט ער געשיקט נאָך אַ טעלעגראַמע קיין ניו־יאָרק. אָבער משה איז אַוועק צו זיין פּולק און צום שלאַכט־פעלד. ווען בן־גוריון איז געוווּיר געוואָרן, אַז משה איז צוריקגעקומען און איז אַוועק צום פּולק, נישט זעענדיק אים פריער, האָט ער געשיקט אַ בפירושע פאַראָרדענונג, אַז ער זאָל גלייך קומען אין זיין ביוראָ, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען און מיט וואָס ער זאָל נישט זיין באַשעפטיקט.

ווען ער איז אַריין אין ביוראָ פון בן־גוריון אין די קאַמפּס־בגדים, פאַר־

שטויבט און פאַרשוואַרצט, איז אים צום ערשטן מאָל באַקאַנט געוואָרן דער ציל פון דער איינלאַדונג: ער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון ירושלים אויפן אָרט פון אלוף דוד שאלתיאל. ירושלים איז געווען בן־גוריונס הויפּט־דאגה און נישט איין מאָל האָט ער געזאָגט — ווי דאָס באַשטעטיקט אויך מרדכי מקלף — אַז מדינת ישראל שטיצט זיך אויף דריי הויפּט־פּונקטן: ירושלים, תל־אביב און חיפה. אינדוסטריע־צענטער אין חיפה און באַפעל־קערונגס־צענטער אין תל־אביב. אויב עס פאַלט איינער פון זיי, אָדער ביידע צוזאַמען, איז די מלחמה נאָך נישט פאַרשפּילט. אויב עס וועט פאַלן ירושלים — דער גייסטיקער צענטער — וועט אויך די מדינה פאַלן. בן־גוריון האָט געשטרעבט, אַז דאָס יידישע ירושלים זאָל צוריק דעראָבערן דעם יידישן קוואַרטאַל אין דער אַלט־שטאָט און פאַר דעם צוועק האָט ער געזוכט אַן אַגרעסיוון קאָמאַנדיר, וועלכער זאָל זיין אימשטאַנד צו הייבן די מאָראַל ביי די קעמפער אין ירושלים. משהס הצלחה אין דגניה האָט אים רייף געמאַכט אין בן־גוריונס אויגן פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט. אָבער משה האָט זיך אָפּגעזאָגט צו צעשיידן פון זיין פּולק אין מיטן פון דער שלאַכט און איז אויך נישט געווען אַנטציקט פון דעם פאָרשלאַג, וואָס האָט מיט זיך גע־טראָגן דעם ראַנג פון א סגן־אלוף. ער האָט געוואָלט דינען אין אַ קאַמפּס־איינהייט. לויט זיינע רייד האָט ער מצליח געווען „אָפּצושרייען די גזירה" מיט דער טענה, אַז ער געפינט זיך אין מיטן פון דער אַקציע. „בן־גוריון האָט נישט רעזיגנירט, אָבער האָט מסכים געווען אָפּצולייגן אויף אַן אַנדערש מאָל די באַהאַנדלונג פון דער באַמינאַציע".

ווען ער איז אַרויס פון בן־גוריונען, איז שוין געווען פינצטער. פליענ־דיק מיטן דזשיפּ צום פּולק, האָט ער געזוכט קורצע וועגן. ער איז אַריין אין פעלדער, זיך טועה געווען און איז ווידער צוריק אַרויס. צום סוף איז ער אַרויף אויף אַ מינען־פעלד אין דער פינצטערניש. דאָס איז געווען פון די געציילטע פאַלן, ווען משה האָט געטראַכט, אַז זיין סוף דערנעענטערט זיך. „דאָ וועל איך אַרויף אויף אַ מינע" — האָט אַ געדאַנק אומאויפהערלעך גע־עקבערט זיין מוח. טראָץ דעם איז אים געלונגען מיט דער גאַנצער פאַר־זיכטיקייט אַרויסצופאָרן פון דעם מינען־פעלד.

אין צווישנצייט איז פאָרגעקומען אַן אַנטוויקלונג, וואָס האָט אינגאַנצן געענדערט די פּלענער פון דער בריגאַדע. דער 82־טער טאַנקן־פּולק, וואָס האָט אין אָנהויב זיך טועה געווען און האָט אָנגעגריפן ווילהעלמאַ אָנשטאָט דיר טאריף, האָט נישט געהאַט גענוג כוח אויסצוהאַלטן דעם אָנגריף פון די פּאַנצערס פון טיפּ ארמאָן־האַרינגטאָן אויסגעשטאַט מיט אַ האַרמאַט פון 2 ליטרעס, וואָס דער אַראַבישער לעגיאָן האָט געהאַט. 4 אַזייגער נאָכמיטאָג איז אין טירא דערשינען דער קאָמאַנדיר פון 82־טן פּולק און געמאָלדן פּעלצן, אַז במשך פון אַ האַלבער שעה דאַרף ער עוואַקואירן זיינע כוחות פון דיר טאריף און זיך צוריקקערן קיין לוד.

10 אַזייגער בייַנאַכט איז פּעלץ אַליין געלאָפן אויפן שאָסיי פון טירא קיין דיר טאַריף, אַ מרחק פון פיר קילאָמעטער — מורא האָבנדיק פּאַר אַ לויערונג איז ער נישט געפאָרן מיטן דזשיפּ — כדי פעסטצושטעלן וואָס עס קומט פאָר. ער האָט פאַרגעלייגט עקיבא סערן צו באַנייען די שלאַכט פאַרטאָג, אָפּשטויסן די יאַרדאַנער און זיך רוקן פאָרויס פון אַנהויב באַרג ביז צום שפּיץ. ער האָט צוגעזאָגט צוריקצוקומען קיין דיר טאַריף מיט דעם באַטאַליאָן א׳ צומאָרגנס אינדערפרי. נאָך דעם איז פּעלץ לויפנדיק צוריקגעקומען אין שטאַב פון פולק אין טירא. 12 אַזייגער בייַנאַכט האָט ער נאָך געגעבן אַנווייזונגען און איינס אַזייגער האָט ער אויסגעשפּרייט אַ דעקע אונטער אַן איילבירטן־בוים און פאַראָרדנט דעם שומר אים אויפצוּוועקן 4.30 פאַרטאָג, זונטיק דעם 11־טן יולי. ער איז איינגעשלאָפן זייער אַ מידער, האַלטנדיק די האַנט אויפן פּריוואַטן טאָמיגאַן־אויטאָמאַט.

אַרום האַלב פיר פאַרטאָג האָט ער דערפילט ווי מען טרייסלט אים. ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער דערזען משהן, וועלכער האָט אים געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט בעת זיין אָפּוועזנהייט. אַ שטאַרק פאַרשלאָפענער, האָט פּעלץ זיך באַמיט פאַרצושטעלן משהן אַ קלאָר בילד און אַפילו פון צייט צו צייט געפרעגט זיין קאָמאַנדיר, וועלכער איז געזעסן נעבן אים, צי ער רעדט צו דער זאַך. משה האָט געענטפערט, אַז יאָ און אויסגעפרעגט נאָך פּרטים. דאַן האָט אים פּעלץ געזאָגט, „איך האָב נאָך אַ שעה צו שלאָפן, אויב עס אַרט דיך נישט. „משה האָט געזאָגט, „ „בסדר״ און איז פון אים אַוועק.

ווען פּעלץ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון טיפן שלאָף איז שוין געווען 7 אַזייגער און די זון האָט געשיינט איבער די בערג. ער האָט זיך אומגעקוקט און צו זיין איבעראַשונג פעסטגעשטעלט, אַז קיינער איז נישט געבליבן. דער פולק איז פאַרשוווּנדן ווי ער וואָלט נישט געווען. איינער אַליין איז ער געבליבן אין טירא.

ער איז ווידער געלאָפן קיין דיר טאַריף. אויפן וועג האָט ער געטראָפן אַ בלאָנדזשענדיקן דזשיפּ און האָט באַפוילן דעם שאָפער צו פאָרן מיט אים צום פולק. דערנאָך האָט מען אים דערציילט, אַז משה איז אַרויס מיטן פולק פאַרטאָג. לויט איין ווערסיע האָט משה געזאָגט צו זיינע מענטשן, „יונתן איז מיד, לאָזט אים שלאָפן״.

עס איז אָנצונעמען, אַז משה אַליין, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין מנוחה זינט ער איז אַוועק פון ניו־יאָרק, און זיכער נישט זינט ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין זיין פולק פרייטיק־צונאַכטס דעם 9־טן יולי און איז איצט ניצול געוואָרן פון אַ מינען־פעלד, איז געווען אין כעס און האָט אויך אויסגעלאַכט די שלאָף־געוווינהייטן פון זיין פאַרטרעטער. היות פון דער נאַטור האָט ער פיינט געהאַט בשותפותדיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און געפאָדערט, אַז יעדער איינער זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך אַליין, האָט

ער זיכער נישט געהאַלטן, אַז ער דאַרף דערפילן די ראָל פון אַ פאָטער כלפּי פעלצן און אים אויפוועקן. עס קען זיין, אַז די פּרעמדקייט, וואָס דער פּאַרטיזאַנער האָט געפילט לגבי אַ געאָרדנטן און אָרגאַניזירטן אָפיציר פון דער בריטישער אַרמיי האָט אים געהאַלפן אין דער אַזוי מאַקאַברישער האַנדלונג. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די דאָזיקע געפילן זענען געווען שטאַרקערע ווי דער ווילן צו באַזייטיקן אַ קאָנקורענץ, ווי עס האָבן אים חושד געווען פעלץ און אַנדערע.

זונטיק דעם 11־טן יולי פאַרטאָג, איז משה דערשינען אין דיר טאַריף מיט אַ דזשיפּ. ער האָט געוואָלט אינספּעקטירן דאָס שלאַכט־פעלד פון פריי־ערדיקן טאָג און די קאַמפּס־ליניעס פון באַטאַליאָן. אויף דעם איז נישט איינגעגאַנגען עקיבא סער. אין זיין באַריכט האָט ער שפּעטער געשריבן וועגן זיך, „דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן וואָגט נישט אַרויפצופירן דעם קאָמאַנדיר פון פּולק אויפן שלאַכט־פעלד פון נעכטן; ער וויל נישט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער באַליבסטער און אממיינסטן רעספּעקטירטער פּערזענלעכקייט פון פּולק. משה שטיפּט מיטן באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר און טרייבט דעם דזשיפּ באַרג־אַרויף". אַזוי איז אָנגעקומען משה — און נאָך אים עקיבא סער — צו איינעם פון די פּאַנצער־אויטאָס, וואָס איז מיט אַ נאַכט פריער געטראָפן געוואָרן, און האָט געהערט פון קאָמאַנ־דיר ווי אַזוי זיי האָבן געקעמפט און ווער עס איז פאַרוואונדעט געוואָרן. 50 מעטער פון זיי איז אויף דער זייט געלעגן אין קאַנאַל אַ יאַרדאַנישער טאַנק. ער האָט זיך איבערגעקערט בעת דער שלאַכט מיטן באַטאַליאָן פון בר־און. משה האָט שטאַרק געוואָלט צונעמען דעם טאַנק, און האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אים. אַ בינטל קוילן פון אַ יאַרדאַנישער אויטאָמאַטישער ביקס איז איבער אים אדורכגעפלויגן. אַ צווייט בינטל קוילן האָט דורכגע־לעכערט דעם פעלדזיקן באָדן אונטער זייערע פיס. משה און עקיבא האָבן זיך אויסגעצויגן און זיך גוט צוגעדריקט צו דער ערד. קוילן זענען מיט אַ פּייפעריי געפלויגן איבער זייערע קעפּ. ביידע זענען קריכנדיק אויף דער ערד צוריקגעקומען צו זייערע פּאָזיציעס. עקיבא סער האָט צוגערעדט משהן ער זאָל „איבערלאָזן די פּשוטע אַרבעט פאַר די חיילים פון פּולק". אָבער משה איז געווען אַנטשלאָסן ביי זיין מיינונג, אַז מען דאַרף בודק זיין דעם טאַנק. ער איז צוריקגעקומען, קריכנדיק אויף אַלע פיר און האָט געמאָלדן, עקיבא סער און זיך אַ לאָז געטאָן אין געלויף צום טאַנק, אונטער אַ רעגן פון קוילן. אין קאַנאַל איז ער געווען געשיצט און האָט געקענט בודק זיין דעם טאַנק. ער איז צוריקגעקומען, קריכנדיק אויף אַלע פיר און האָט געמאָלדן, אַז דער טאַנק איז אין אַ גוטן צושטאַנד און מיט דער נויטיקער אויס־שטאַטונג. לויטן באַריכט פון עקיבא סער, איז משהן ליכטיק געוואָרן אין די אויגן און ער האָט אויסגערופן, „מיר האָבן אַ פּאַנצער מיט אַ האַרמאַט". לויט זיינע אָנווייזונגען האָבן די חיילים פון באַטאַליאָן פּראָבירט אַרויסצו־

שלעפּן דעם פּאַנצער דורך צובינדן אים מיט קייטן צו אַ טאַנקעטקע, וואָס איז געווען געשיצט דורך אַן ערד־אָנשיט. אָבער די יאַרדאַנער האָבן געעפנט אַ פייער, כדי צונישטצומאַכן דאָס אַוועקשלעפּן דעם פּאַנצער. משה האָט זיך צוגעקוקט צו דעם קאַמף.

לוד איז נישט אַריינגענומען געוואָרן אין דער אויפגאַבע פון 89־טן פּולק. אין דעם פּלאַן „דני" האָט מען די דעראָבערונג פון לוד אַרויפגעלייגט אויף דער בריגאַדע „יפתח", וואָס האָט זיך געדאַרפט שטיצן אויף די טאַנקן פון 82־טן פּולק. טראָץ דעם האָט משה געמאַכט דעם חשבון וואָס עס איז אים געבליבן פון פּולק און צי ער וועט זיין מסוגל זיך אריינצורייסן קיין לוד. נישט קוקנדיק אויף די פּאַרלוסטן, וואָס האָבן אָפּגעשוואַכט דעם כּוח פון פּולק, איז ביי די חיילים געשטיגן די זעלבסטזיכערקייט, דער גלויבן אין זייערע קאָמאַנדירן, די געוואַגטקייט, וואָס האָבן געשטאַרקט דעם פּולק. משה האָט שפּעטער געשריבן: „איך האָב גערופן די קאָמאַנדירן פון די באַ־טאַליאָנען און איך האָב זיי געמאָלדן אויפן הויכן קול, כדי עס זאָלן אויך הערן אַנדערע, אביסל מיט ערנסטקייט און אַביסל אין שפּאַס: מען דאַרף ענדיקן און גיין אויף לוד".

ביז איצט האָט דער 89־טער פּולק דעראָבערט דיר טאַריף, וואָס האָט געדאַרפט פאַרנומען ווערן דורך דעם 82־טן פּולק. עקיבא סער, ווען ער האָט דערהערט משהס באַפעל, האָט אים באַהערשט אַ צווייפל, „גיין אויף לוד?" דאָס איז דאָך נישט אין פּלאַן, און לוד איז נישט אַזוי ווי טירא, קולא, דיר טאַריף, אָדער בית־נאבאללא. דאָס איז אַ שטאָט און זי האָט אַ רוקן — רמלה. אָבער אַז משה זאָגט, ווייסט ער וואָס ער זאָגט. מען טאָר נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט. וואָס וועלן זאָגן די חברה אין דער שכונה? מען דאַרף זיך צואיילן מיטן עסק. „היות אין אָנהויב האָט משה באַפוילן, אַז דער באַטאַליאָן ב׳ זאָל בלייבן אין דיר טאַריף, האָט צו אים סער געטענהט, אַז „עס איז נישט שיין מסדר צו זיין דעם באַטאַליאָן און באַרויבן אים פון דעם כבוד ארייַנצומאַרשירן קיין לוד". משה האָט זיך פאַרענטפערט און געענדערט דעם צוזאַמענשטעל פונעם כּוח: דער באַטאַליאָן א׳ פון דב דעם בלאָנדן וועט בלייבן אין דיר טאַריף און דער באַטאַליאָן ב׳ וועט מיטן פּולק שטורע־מען לוד.

איידער דער 89־טער פּולק איז אַוועק פון דיר טאַריף און געפאָרן דורך די פעלדער — וואָס זענען געווען אַ פיינטלעכער שטח — קיין בן שמן, האָט משה פאָרמולירט פאַר זיינע קאָמאַנדירן די שיטה פון דער אָפּעראַציע. דאָס זענען געווען זיינע פאַראָרדענונגען:

„מען שטעלט זיך נישט אָפּ. אויב מען טרעפט אָן אויף שטרויכלונגען, פייער, אָדער דער טייוול ווייסט אויף וואָס, דאַרפן זיך די אויסשפּיר־דזשיפּן אָפּטראָגן אין אַ זייט און דער פּאַנצער (דעראָבערט ביי די יאַרדאַנער) און די טאַנקעטקעס רייסן זיך דורך. אויב אונדזערס אַן אויטאָ ווערט געטראָפן,

פֿאַרנעמט מען זיך נישט מיט אים און מען האַלט נישט אָפּ די אַנדערע, וואָס קומען נאָך אים, מען מיידט אים אויס און מען גייט פֿאָרויס. קיינער אַ חוץ מיר האָט נישט דאָס רעכט איינצוהאַלטן די קאָלאָנע. מען גייט פֿאָרויס ביי אַלע באַדינגונגען. מען שיסט, מען צעטרעט און מען גייט פֿאָרויס".

און אַזוי — אָן אַ באַפֿעל פֿון בריגאַדע־שטאַב און אָן זיין וויסן — איז די מערהייט פֿון פּולק געפֿאָרן, איבערלאָזנדיק אויפֿן אָרט אַ נישט שטאַרקן באַטאַליאָן. מיט דעם האָט ער כמעט אַנטבלויזט דעם גאַנצן פֿליגל פֿאַר אַן אַנגריף מצד דעם אַראַבישן לעגיאָן. די דאָזיקע האַנדלונג פֿון דיין, טראָץ דער איניציאַטיוו און דעם ווילן צו קעמפֿן, האָט פֿאַרשאַפֿט יצחק שדה עגמת נפש און ער האָט אים דאָס געזאָגט.

דער דורכרייס קיין לוד איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אויסערגעוויינלעכע מיליטערישע הצלחה. פֿאַר צה"ל פֿון 1948 איז דאָס געווען אַן אינאָוואַציע און אַן אָנצייכענונג פֿון אַ נייעם וועג פֿאַר דער צוקונפֿט. יצחק רבין, וועלכער איז געווען אָפּעראַציע־אָפֿיציר בעת דער „דני"־אַקציע און די רעכטע האַנט פֿון אלוף יגאל אלון, האָט געהאַלטן, אַז זי איז געווען אַ זייער געוואַגטע און אָריגינעלע. אלוף אלון אליין האָט אין זיין בוך „די קאַמפֿן פֿון פּלמ"ח", גע־שריבן, אַז דער 89־טער פּולק „האָט זיך מיט גרויס מוט אַריינגעריסן קיין לוד". בן־גוריון האָט יאָרן שפּעטער געטענהט, „איך האָב משהן באַקענט פֿון לוד—רמלה, וואָס איז געווען די גרעסטע דעראָבערונג". אלוף ישראל טל, וועלכער איז געווען קאָמאַנדיר פֿון די פּאַנצער־אָפּטיילונגען אין די יאָרן 1964—1969, האָט אין דער אינסטרוקטאַזש־ליטעראַטור און אין דער טראַ־דיציע פֿון ישראל־פּאַנצער אַריינגעפֿירט דעם אַנגריף אויף לוד אַלס מוסטער־אַקציע אין דער מלחמה פֿון 1948 און לויט זיינע רייד האָט ער אָפּגעשאַצט, אַז „די קאָמאַנדאָ־אַקציע פֿון 89 האָט דערלאַנגט דעם שונא אַ צעשמעטערנ־דיקן קלאַפּ, וואָס האָט אים אַרויסגעשלאָגן פֿון דער גלייכגעוויכט. איך האָב אין דעם געזען אַ וועג־אָנצייכענונג, ווייל דאָס איז געווען אַן אויסגע־שפּראָכענע אַנגריף־אַקציע פֿון אַ מאָטאָריזירטן און באַוועגלעכן כוח. דער אַטאַק אויף לוד איז געוואָרן אַ טייל פֿון דער לעגענדע וועגן פּאַנצער־מיליטער פֿון צה"ל".

דער פּלאַן, וועלכן משה האָט אָנגעווענדעט, איז לויט זיינע רייד געווען גאַנץ פּשוט און זיין אויפֿקלערונג פֿאַר די קאָמאַנדירן פֿון די באַטאַליאָנען האָט געדויערט נישט מער ווי 5 מינוט. דער באַריכט פֿון עקיבא סער באַ־שטעטיקט משהס ווערסיע. לויט דעם האָט ער אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן אויפֿ־געקלערט זיין פּלאַן פֿאַר די קאָמאַנדירן פֿון די איינהייטן: „משה האַלט אין דער האַנט די מאַפּעס פֿון לוד און רמלה און ווייזט מיטן פֿינגער: „מיר גייען אויף לוד, מיר וועלן אריינגיין דורך דאַנען, מיר וועלן מאַכן אַ קרייז און אַרויסגיין דורך דאַנען, עס איז קלאָר?" לויטן פּלאַן, נאָך דעם ווי מען וועט דורכגיין די פּאָזיציע־ליניעס, האָט זיך דער פּולק באַדאַרפֿט פֿונאַנדער־

טיילן, איין באַטאַליאָן וועט זיך אויף דער הויפּט־גאַס ווענדן אויף צפון און די צווייטע אויף דרום. נאָך אַ „פייער־שפּאַציר" וועלן זיך ביידע באַטאַליאָנען טרעפן ביי דער וועג־קרייצונג. אַזוי האָט משה געוואָלט דערשיטערן דעם שונא, אַרויסרופן ביי אים אַ פּאַניק און אים צווינגען צו קאַפּיטולאַציע.

פּאַר אונדז איז אַלזאָ פאַראַן אַ גאַנץ אַנדערער פּלאַן ווי ער ווערט פאַר־געשטעלט דורך יגאל אלון. אין זיין באַשרייבונג „אַ קאָמאַנדע־פּולק גייט אויף לוד", האָט משה פעסטגעשטעלט, אַז זיין ציל איז געווען „צו דערפירן צו אַ כאַאָס און דורך דעם צו דער קאַפּיטולאַציע". משה האָט געהערט וועגן אלונס פּלאַן, אָבער ער האָט געהאַנדלט לויט זיין אייגענעם פּלאַן. די דאָזיקע האַנדלונג, וואָס איז געווען לויט זיין טבע, האָט דערנאָך אַרויסגערופן אַ שאַרפע קריטיק.

לוד און רמלה האָבן צוזאַמען געבילדעט איין פראָנט, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן דורך אַן אָרטיקער באַפעלקערונג פון 40 טויזנט אַראַבער און דורך צוויי רעגולערע באַטאַליאָנען פון ירדנישן לעגיאָן, אויסגעשטאַט מיט פּאַנ־צער־אויטאָס, מיט האַרמאַטן און אַרטילעריע. די לופט־פאָטאָס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך צה"ל האָבן געוויזן, אַז עס איז פאַראַן אַ געשלאָסע־נער פראָנט פון אָקאָפּעס און באַפעסטיקונגען. עס זעט אויס, אַז דאָס איז געווען דאָס איינציקע אָרט אין ארץ ישראל ווו די אַראַבער האָבן אויפגע־שטעלט פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס אין אַ שטאָט.

פאַרן אַריינרייסן זיך קיין לוד, האָט דער קאָמאַנדאָ־פּולק געציילט 367 זעלנער און אָפיצירן. היות דער באַטאַליאָן א' איז געבליבן אין דיר טאַריף, זענען קיין בן שמן — אין דער אויסגאַנגס־באַזע — אָנגעקומען 271 זעלנער, צווישן זיי 150, וועלכע וועלן זיך באַטייליקן אין אָנגריף. צו זייער דיספּאָזיציע זענען געשטאַנען פאָלגנדיקע קאַמפּס־כלים: 8 טאַנקעטקעס, 9 לייכטע פּאַנ־צערס, 1 פּאַנצער, וועלכן מען האָט גערופן „דער שרעקלעכער טיגער" אויס־געשטאַט מיט א 2 פונטיקן האַרמאַט און 20 דזשיפּן מיט אויטאָמאַטן.

די איינהייטן פון „יפתח" האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף אין דרום־מזרחדיקן טייל פון לוד 12 אַזייגער. דער קאָמאַנדאָ־פּולק האָט אָנגעהויבן די שלאַכט 6.20 פאַרנאַכט. לויט משהס זייגער האָט די שלאַכט געדויערט 47 מינוט. דע־ריבער זענען די פּולק־חיילים צוריק קיין בן־שמן 7.07 אינוואָנט. פון בן־שמן קיין לוד איז צוויי ק"מ.

משה אליין איז געווען אין ערשטן טאַנקעטקעס־באַטאַליאָן, וואָס האָט זיך באַוועגט נאָך דעם „שרעקלעכן טיגער". דאָס איז געווען פון די געציילטע פאַלן אין דער מלחמה פון 1948, אַז אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּולק זאָל שטורעמען אַ פּאָזיציע בראש פון זיינע מענטשן. דער פּולק איז געווען אויסגעשטעלט אין איין ריי און זיך באַוועגט אויפן שאָסיי (לויט דער עצה פון אייב באום). דער קאָמאַנדאָ־וואָגן פון משה איז געווען אַן אָפענער פּאַנצער־אויטאָ פאַר אינספּעקציעס. אָבער דער 89־טער פּולק האָט קוים באַוויזן צו גיין פאַרויס

אַ פּאָר הונדערט מעטער און ער איז געווען געצוווּנגען זיך אָפּצושטעלן צוליב אַ האָגל פון פייער, וואָס איז געקומען פון די ערשטע פּאַרטיידיקונגס־ליניעס פון לוד. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און משהס מענטשן האָבן באַנייט די באַוועגונג. משה איז צוריק צו זיין וואָגן און זיינע מענטשן האָבן זיך דערנענטערט צו דער פראָנט־ליניע, שיסנדיק דערביי פון אַלע כלים. דער טעמפּאָ פון פאָרן האָט זיך פאַרגרעסערט און דער פּולק איז שנעל אַריין אין דער הויפּט־גאַס פון לוד, ווערנדיק באַשאָסן פון אַלע זייטן. דאָס שטאַרקסטע פייער איז געקומען פון פּאָליציי־בנין, וואָס איז געווען אַ פעסטונג. דער „טיגער" האָט געענטפערט מיט אַ שטאַרק פייער און די גאַנצע קאָלאָנע איז פאַרבייגעפאָרן. אָבער ווען זיי זענען אָנגעקומען צו דער וועג־קרייצונג, האָט זיך די מיליטערישע אַקציע אויפגעהערט צו פירן לויטן פּלאַן. דער „טיגער" איז אַוועק אויף רעכטס, אין איינקלאַנג מיט די אָנווייזונגען, אָבער די טאַנקעטקעס זענען נישט אַוועק אויף רעכטס און אויף לינקס. דער ערשטער באַטאַליאָן האָט ממשיך געווען אויף דרום, און נאָך אים דער צווייטער באַטאַליאָן. די דזשיפּן האָבן נישט געפונען קיין שוץ הינטער די שטיינערנע פּלויטן און הייף — ווי דאָס האָט באַפוילן משה אין בן־שמן — נאָר זענען ווייטער געפאָרן נאָך די טאַנקעטקעס. אַזוי האָט זיך דער גאַנצער כוח, אחוץ דעם „טיגער", באַוועגט אין איין קאָלאָנע.

דער „טיגער" האָט געפירט אַ מלחמה פון אַ יחיד. ער איז געפאָרן און האָט געשאָסן ביזן צענטראַלן פּלאַץ פון דער שטאָט. דאָרט האָט ער זיך אויסגעדרייט צוריק אויף דרום, האָט אַריינגעקנאַלט דריי קוילן אין וואַסער־טורעם פון לוד און איז אַריין אין אַ „דועל" מיטן בנין פון דער פּאָליציי. דאָרט האָט ער אַליין געפירט אַ מוטיקן קאַמף, ביז עס איז צוריקגעקומען דער פּולק און האָט אים צוגענומען.

אין ערשטן שוווּנג האָט דער פּולק דורכגעשניטן לוד אין דער לענג, איז אַרויס פון דער שטאָט און פאַרגעזעצט ביזן פּאָליציי־בנין פון טיפ טאַגערט, ווו עס האָט זיך באַפעסטיקט אַ באַטאַליאָן פון אַראַבישן לעגיאָן (היינט געפינט זיך דאָ די צענטראַלע תפיסה) ביי דער זייט פון שאָסיי לוד—רמלה. דאָס פּלוצימדיקע דערשיינען פון פּולק האָט אַרויסגערופן אַ בהלה און אַפילו דעם אָנהויב פון אַנטלויפן פון דער ציווילער באַפעלקערונג און זעלנער. היות די לעגיאָנערן האָבן, זעט אויס, זיך נישט אָריענטירט וואָס עס קומט פאָר, איז דער ערשטער טאַנקעטקעס־באַטאַליאָן אַדורך אָן אַ שטערונג. אָבער דעם צווייטן באַטאַליאָן האָט מען מכבד געווען מיט אַ שטאַרק פייער פון די מאַשין־ביקסן, וואָס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן טורעם פון בנין און אין די פענצטער. איין דזשיפּ איז אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן און חיילים פון אַנדערע דזשיפּן זענען געטראָפן געוואָרן. פון פּאָליציי־טורעם האָט מען געוואָרפן גראַנאַטן אין די אָפענע טאַנקעטקעס. אין איין טאַנקעטקע זענען שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן אַלע חיילים.

משה האָט פּרובירט אײַנצוהאַלטן די גאַלאָפּירנדיקע טאַנקעטקעס פון ערשטן באַטאַליאָן, אָבער דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט האָט נישט געאַרבעט. ער איז הײזעריק געוואָרן פון שרײַען און מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט ער צונויפגענומען די מענטשן אין בנין פון דער פּאָליצײַ־סטאַציע און זײ באַפוילן צו באַוועגן זיך אין דער ריכטונג פון צווייטן באַטאַליאָן. ערשט אין רמלה, נאָך דעם ווי ער האָט זיך געוואָנדן אויף מזרח צום וועג קיין ירושלים, בײַ דער באַן־סטאַציע, האָט משה מצליח געווען צו דעריאָגן זײַן ערשטן באַטאַליאָן. דאָ איז אים קלאָר געוואָרן די סיבה פון דער יאָגעניש. אין דער ערשטער טאַנקעטקע זענען קאַליע געוואָרן די ברעקסן, און אַ לאַנגן וועג האָט מען זי נישט געקענט אײַנהאַלטן, און די אַנדערע טאַנקעטקעס זענען געפאָרן נאָך איר ווי קאַטשקעס...

לויט ירוחם כהן, וועלכער איז געווען אינפאָרמאַציע־אָפיציר פון דער 8־טער בריגאַדע, האָט דער שטאַב פון דער בריגאַדע ערשט 6.30 אינאָוונט באַקומען די ערשטע מעלדונג פון 89־טן פּולק, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז משה דיין און זײַן פּולק סטאַציאָנירן אויף דער הויפּט־גאַס פון רמלה. יצחק שדה איז געווען דערשטוינט. „עס איז אים נישט געווען קלאָר וואָס עס טוט דער קאָמאַנדאַ־פּולק אין רמלה. דאָס איז געווען אײנע פון די זעלטענע פאַלן, ווען איך האָב אים געזען אין גרויסן כעס. קײנער פון בריגאַדע־שטאַב האָט נישט געקענט אויפקלערן די סיטואַציע".

דער פּולק האָט סטאַציאָנירט בײַ דער באַן־סטאַציע און אַרום האָט געהערשט רו. משה האָט געציילט די קרבנות. 4 דערהרגעטע פון די דזשיפּן און אײניקע פאַרוווּנדעטע פון די טאַנקעטקעס־אָפּטײלונגען. אײן דזשיפּ איז פאַרברענט געוואָרן בײַ דער פּאָליצײַ־סטאַציע. דער מצב פון די מיליטערישע אויטאָס איז געווען זײער אַ שלעכטער. די מערהײט רעדער זענען געווען דורכגעלעכערט. די ראַדיאָטאָרן זענען זיך צעפּאַלן און די ברעקסן האָבן נישט געאַרבעט. עס האָבן געפעלט חיילים, פון די וועלכע זענען אַראָפּגעפאַלן פון די דזשיפּן בײַ דעם בנין פון דער פּאָליצײַ. „די מאָראַל — דערציילט משה — האָט אָנגעהויבן פאַלן. אַ קאָמאַנדיר פון אײנעם פון די באַטאַליאָנען האָט פאָרגעלײגט צוגײן קײן לאַטרון, אָבער די מערהײט האָט געצווייפלט, צי מיר וועלן מצליח זײַן אַרויסצוגײן פון לוד און ווי אַזוי. מען האָט אָנגעהויבן באַנדאַזשירן די פאַרוווּנדעטע און טוישן די דורכגעלעכערטע רעדער".

אָבער די רו בײַ דער באַן־סטאַציע האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די אויסשפּיר־דזשיפּן האָבן באַריכטעט, אַז די פּאַנצער־אויטאָס פון לעגיאָן אין רמלה דערנענטערן זיך צו דער באַן־סטאַציע. נאָך מער. גראַנאַטן־וואַרפערס, וואָס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין בנין פון דער פּאָליצײַ האָבן אָנגעהויבן באַשיסן דעם פּולק. „עס איז געוואָרן הײס און אומבאַקוועם און די מענטשן האָבן זיך דענערווירט", דערציילט משה. ער האָט באַשלאָסן ווידער זיך דורכצורײַסן, און דאָס מאָל קײן בן־שמן. די פאַרוווּנדעטע האָט מען

אַרויפגעלייגט אויף די טאַנקעטקעס און מען האָט פאַראַכטן די ראַדיאָ־טעלע־גראַפישע מכשירים. די קוילן פון די ירדנישע פאַנצערס האָבן שוין געפייפט איבער זיין קאָפּ ווען משה האָט פאַרענדיקט דאָס אָרגאַניזירן זיינע מענטשן צו אַ נייעם מאַרש.

אין דער זעלבער צייט — ווי עס דערמאָנט זיך ירוחם כהן — האָט זיך יגאַל אלון פאַרבונדן מיט משהן „און אים פאַראָרדנט צו האַלטן זיך אַרום אַ באַקוועמער פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע אין צענטער פון דער שטאָט, כדי אָפּצוציען אַ טייל פון די כוחות, ביז די מענטשן פון „יפתח" וועלן זיך מיט אים פאַראייניקן". משה האָט געענטפערט, אַז צוליב דעם שווערן פייער, די צאָל געליטענע און דעם שלעכטן מצב פון די מיליטערישע אויטאָס, איז ער געצוווּנגען צוריקצופאָרן קיין בן־שמן. ער האָט באַקומען די הסכמה פון יגאַל אלון. ריכטיקער געזאָגט, און דאָס דרינגט אויך אַרויס פון אלונס עדות, אַז דאָס געשפּרעך צווישן זיי איז פאָרגעקומען, ווען משה איז שוין געווען אויפן וועג צוריק און נאָך דער צווייטער שלאַכט ביים בנין פון דער פּאָליציי אויפן שאָסיי לוד—רמלה. באַלד פון אָנהויב איז אלון געווען ביי דער מיינונג, אַז משהס פולק זאָל האַלטן דעם טייל פון לוד, ווו עס געפינט זיך דער פּאָליציי־בנין.

הגם דער אויסזען פון פולק בעתן צווייטן אַריינמאַרש קיין לוד איז געווען אַ נעבעכדיקער — משהס וואָגן איז געפאָרן אויף צוויי דורכגעלעכער־טע רעדער, אויפן ערשטן גאַנג און מיט אַ קאָכעדיקן ראַדיאַטאָר — איז די קאַמפּס־שטימונג פון זיינע מענטשן געווען אַ דערהויבענע. און דאָס איז געווען זייער איינציקער פאָרצוג, ווען זיי זענען אַריין אין דער שווערסטער שלאַכט פאַר לוד. דאָס מאָל זענען די אַראַבער געווען גרייט און האָבן אויך געוואַרט. ביי דעם ברענענדיקן דזשיפּ זענען נאָך געלעגן די פאַרווונדעטע, וועלכע האָבן זיך מיט די לעצטע כוחות צוגעקייקלט צום קאַנאַל און דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן. דער פולק האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן, כדי צונויפצונעמען די פאַרווונדעטע, ממש קעגנאיבער די מאַשין־ביקסן און אויף אַ מרחק פון וואַרפן האַנט־גראַנאַטן. משה האָט געזאָגט צו זיינע מענטשן, אַז די איינציקע האָפענונג אַרויסצוקריגן זיך פון דעם פייער אין וועלכן זיי זענען אריין, איז צו שיסן געניי צום ציל. בעת די קאָלאָנע האָט אָנגעהויבן ענטפערן אויף דער שיסעריי פון די ירדנער אין פּאָליציי־בנין, איז אַ טייל פון משהס מענטשן אַראָפּ פון די מיליטערישע אויטאָס, כדי אַוועקצונעמען די פאַרווונדעטע פון קאַנאַל און אַזוי זענען זיי אליין געטראָפן געוואָרן. שילדערט דאָס עקיבא סער: „משה גייט אַרויס פון פאַנצער־אויטאָ אונטער אַ האָגל פון קוילן מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט, לויפט און העלפט צונויפנעמען די פאַר־ווונדעטע און זיי אַרויפלייגן אויף די אויטאָס".

מיט גרויס מי זענען זיי פאַרביי דעם בנין פון דער פּאָליציי, זיך אָפּגע־שטעלט, כדי צו ציילן די מענטשן און פעסטשטעלן צי אַלע דערהרגעטע

און פּאַרוואונדעטע זענען אַוועקגענומען געוואָרן. זיי האָבן באַנייט דעם מאַרש, דאָס מאָל די דזשיפּן פאָרויס, האָט אַ טאַנקעטקע געשטופּט משהס קאָמאַנדאָ־וואָגן, וועמענס דריי רעדער זענען געווען דורכגעלעכערט. אַ טאַנקעטקע האָט געשלעפּט אַ טאַנקעטקע און אַ דזשיפּ האָט געצויגן אַ דזשיפּ. ביי דער פּאָליציי פון לוד, אין דער שטאָט, האָט זיך דער פּולק געטראָפן מיטן „שרעקלעכן טיגער", וואָס האָט געפירט די מלחמה ווי אַ סאָליסט. איצט האָט ער זיך אָנגעשלאָסן ביים סוף פון דער קאָלאָנע. בלויז דער „טיגער" און צוויי טאַנקעטקעס האָבן זיך באַוועגט מיט די אייגענע כוחות. די מאַשין־ביקסן אויף די דזשיפּן האָבן „אויסגעקערט" דעם וועג מיט זייער פייער און דער פּולק האָט זיך באַוויזן זייער לאַנגזאַם, פירנדיק מיט זיך 9 דערהרגעטע און 17 פּאַרוואונדעטע.

ווען דער פּולק איז צוריקגעקומען קיין בן־שמן און זיך אָנגעהויבן אויפסנייַ צו אָרגאַניזירן, זיך באַזאָרגן מיט בענזין, טוישן די רעדער — איז צוגעפּאַלן די נאַכט. 8 אַזייגער אינאָוונט האָט יגאל אלון צונויפגעשטעלט דעם ערשטן באַריכט וועגן 89־טן פּולק אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז „בשעת די קעמפער פון „יפתח" האָבן באַהערשט דעם דרומדיקן טייל, זענען די קעמפער פון קאָמאַנדאָ־פּולק אַריין אין דער שטאָט, דורכגעפּאָרן לענגאויס דער הויפּט־גאַס און זיך צוריקגעצויגן קיין בן־שמן. זיי האָבן פאַרלוסטן אין מענטשן און אויטאָס. די אַראַבער פון לוד זענען איבעראַשט געוואָרן פון דער שפע פון פייער און פון דעם געוואַגטן דורכברוך, אָבער זיי זענען שנעל צו זיך געקומען און פאַרשטאַרקט דעם ווידערשטאַנד. אין דעם מאָמענט באַהערשן אונדזערע מענטשן דעם מעטשעט און זיין געגנט און קעמפן שווער ביים בנין פון דער פּאָליציי. ביינאַכט וועלן מיר דעראָבערן וויפל מיר וועלן קענען און מאָרגן וועלן מיר פאַרענדיקן". און טאַקע באַר אין בנין פון דער פּאָליציי האָט זיך געפירט די שלאַכט, אָבער שפּעט אין דער נאַכט איז דער בנין פאַרלאָזט געוואָרן און די זעלנער פון לעגיאָן זענען אַרויס פון דער שטאָט. דינסטיק דעם 12־טן יולי אינדערפרי האָבן קאַפּיטו־לירט לוד און רמלה.

אין באַריכט פון 12־טן יולי האָט משה רעזומירט די דערגרייכונגען פון דעם דורכברוך פון 89־טן פּולק קיין לוד: „ליקווידאַציע פון אַלע פּאָזי־ציעס און באַריערן לענגאויס דעם הויפּט־שאָסיי אין לוד און רמלה, אַחוץ דער פּאָליציי אין לוד; דאָס אַרויסרופן אַ בהלה און גורם זיין אַ כאַאָטיש אַנטלויפן פוןביידע שטעט, וואָס האָט דערפירט צו אַ צעמישונג אין דער פאַרטיידיקונג פון לוד און רמלה און איז געווען דער הויפּט־פאַקטאָר אין זייער קאַפּיטולאַציע". אַזוי, בעת יגאל אלון רעדט וועגן אַ קאָמבינירטער אַקציע, וואָס האָט דערפירט צו דער דעראָבערונג און שרייבט־צו אַ גרעס־סערע וויכטיקייט דער קאַמפּס־טעטיקייט פון „יפתח", האָט משה געזען

אין דער טעטיקייט פון 89־טן פולק דעם „הויפּט־פאַקטאָר", וואָס האָט דערפירט צו דער קאַפּיטולאַציע.

אין אַלגעמיין איז די געשיכטע פון צה"ל, די שריפטלעכע ווי די מינד־לעכע, געניגט צוצושרייבן דאָס פאַלן פון לוד און רמלה דעם דורכברוך פון 89־טן פולק, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ געוואַגטער, ווייל ער איז געמאַכט געוואָרן בייטאָג — איינע פון די געציילטע מיליטערישע אַקציעס, וואָס זענען נישט דורכגעפירט געוואָרן אונטערן דעק פון דער פינצטערניש. אלוף חיים לאַסקאָוו, וועלכער איז געווען דער שעף פון דער אינסטרוקטאַזש־אָפּטיילונג אין גענעראַל־שטאַב פון אויגוסט 1948, האָט אויך אין דעם דורכ־ברוך קיין לוד געזען אַ ביישפּיל פון געוואַגטקייט, קאַמפּס־גייסט און אויס־נוצונג פון דער באַוועגונג און פייער־קראַפט. „ווען נישט דער דורכברוך פון משה דיין, האָט ער געזאָגט, וואָלטן די כוחות פון יגאל אלון נישט אַריין. זיי האָבן פריער אַטאַקירט און נישט מצליח געווען. נאָכן דורכברוך, וואָס האָט איינגעבראָכן דעם רוקן פון שונא, האָבן זיי געקענט אַריינגיין קיין לוד. דאָס איז אויך די מיינונג פון סגן־אלוף נתניאל לורך, וועלכער איז געווען דער אַדיוטאַנט פון רב־אלוף יגאל ידין, וואָס ער ברענגט צום אויס־דרוק אין זיין בוך „די געשיכטע פון דער באַפרייאונגס־מלחמה". רב־אלוף ידין אליין, הגם ער איז געווען אין כעס אויף משהן צוליב דעם וואָס עס האָט פּאַסירט נאָכן דורכברוך קיין לוד, האָט באַמערקט: „Nothing succesds like success" (קיין זאַך איז נישט אַזוי מצליח ווי די הצלחה אליין).

גלייך נאָכן דורכברוך קיין לוד, האָט משה באַפוילן דעם פולק — נישט קאָאָרדינירנדיק מיטן שטאַב פון דער „דני"־אַקציע און אָן אַ באַפעל פון יצחק שדה, דעם קאָמאַנדיר פון דער 8־טער בריגאַדע — צוריקצוקערן זיך אין דער באַזע אין תל־השומר.

עס איז שוין געווען פינצטער, ווען דער לעצטער פאַרוואונדעטער איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל אריין און דער פולק און די אויטאָס זענען צוגעגרייט געוואָרן צום מאַרש. די מענטשן זענען געווען זייער מיד נאָך 36 שעה פון קאַמפן און האָבן זיך גענויטיקט אין אָפּרו. משה, וועלכער האָט באַטראַכט זיין פולק ווי אַ קאָמאַנדאָ־איינהייט, וואָס גייט ארויס אין אַן אַקציע און קומט צו איר צוריק, האָט דעריבער פאַראָרדנט זיך צוריקצוקערן קיין תל־השומר. דאָס האָבן זיי געטון דורך אַ פעלד־וועג, האָבן פאַרבלאָנדזשעט און זענען אַרויף אויף אַ מינען־פעלד. איין מינע האָט אויפגעריסן און דער אינפאָרמאַציע־אָפיציר פון פולק איז דערהרגעט געוואָרן און צוויי זענען געוואָרן פאַרוואונדעט. דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אויסערגעוויינלעכע אייגנשאַפט פון משהן. היות ער האָט געהאַלטן, אַז אין פולק איז פאַראַן אַ פערזאָן, וואָס ווייסט בעסער פון אים ווי אַזוי צו געפינען דעם וועג, האָט ער אין זיינע הענט איבערגעגעבן די אַנפירערשאַפט און ער אַליין האָט זיך געלייגט שלאָפן. לויט זיינע רייד, איז ער געווען טויט מיד.

„איך האָב געוווּסט, אַז מיר געפינען נישט דעם וועג (אַרויסצוגיין פון מינען־פעלד). נחמן בצר איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער טאַנקעטקע, מיט וועלכער איך בין געפאָרן און צו אים האָב איך געהאַט צוטרוי. איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע פון דער טאַנקעטקע און בין איינגעשלאָפן". ווען זיי זענען אַרויס אויפן גוטן וועג, האָט אָנגעהויבן טאָגן און דעמאָלט איז עקיבא סער, וועלכער איז געווען פאַרוווּנדעט אין ביידע הענט, איינגעפאַלן אַ געדאַנק דורכצופאָרן די גאַסן פון תל־אביב מיט אַ נצחון־פּאַראַד, „כדי די חברה זאָל אונדז זען". די קאָלאָנע איז אַריין דורכן דרומדיקן טייל פון דער גרויסער שטאָט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן וועקן פון שלאָף און הייבט אָן דעם אַרבעטס־טאָג, און איז געפאָרן דורך די גאַסן הערצל, אַלענבי און בן יהודה. פון דער אַרלאָזאָראָוו־גאַס איז די קאָלאָנע אַוועק אויף מזרח צו דרך פּתח־תקוה און פון דאָרט צו דער באַזע קיין תל־השומר. ווייניק דורכגייער האָבן מיט אַפּלאָדיסמענטן באַגריסט די צעקלאַפּטע מיליטערישע אויטאָס, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן געטראָגן לאָזונגען אָנגעשריבן מיט קרייד און קאַלך ווי: „ישר לענין" (גלייך צום ענין), „אכספּרס נהלל—רבת־עמון" און ענלעכע. אויף דער קרייצונג פון די גאַסן גורדון און בן יהודה האָט זיי דערוואַרט אַ גרויסע איבעראַשונג. יצחק שדה, אָנגעטון אין אַ מיליטערישן מאַנטל, מיט אַ רעוואָלווער אויף די לענדן און אַ שוואַרצן בערעט אויפן קאָפּ איז צופעליק דורכגעגאַנגען די גאַס. זעענדיק, אַז דאָס זענען זיינע מענטשן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און סאַלוטירט, ביז די גאַנצע קאָלאָנע איז פאַרבייגעפאָרן.

אַ טאָג נאָכן צוריקקערן זיך אין דער באַזע, איז משה אַרויסגערופן געוואָרן אין גענעראַל־שטאַב, כדי צו באַקומען באַפעלן אין די ראַמען פון דער אַקציע „מות לפולשים" (אַ טויט די אינוואַזיע־כוחות), וואָס איר ציל עס איז געווען צו עפענען דעם וועג צום נגב. דעם 13־טן יולי האָט זיך משה געטראָפן מיטן הויפּט אָפּעראַציע־אָפיציר, יגאל ידין. אויף משהן אין געווען קענטיק, אַז ער איז שטאַרק מיד און אין זיין געשפרעך מיט ידינען האָט ער באַטאָנט די שוואַכקייט פון זיין פּולק. ער האָט געבעטן יגאל ידין מען זאָל נישט אַרויפלייגן קיין נייע אויפגאַבע אויף זיין פּולק, אויסדריקנדיק די מורא, אַז ער וועט נאָך מער אָפּגעשוואַכט ווערן. ווי משה דערציילט, האָט ער געזאָגט צו ידינען אַזוי: „אַ טייל פון די מיליטערישע אויטאָס איז געטראָפן געוואָרן און איז נישט מער נוצבאַר, און דער איבעריקער טייל נויטיקט זיך אין אַ רעפּאַראַטור; דער מענטשן־כוח איז שיטער געוואָרן, ספּעציעל וואָס שייך קאָמאַנדירן. דער פּולק איז אפשר פּעאיק אויף נאָך אַן אַקציע, אָבער אויב ער וועט אַרויסגיין מיט די איצטיקע כוחות אין אַ נייעם אָנגריף, וואָס וועט פאָדערן אַ לייטישע פּאַרציע דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע און פאַרלוסטן פון אויטאָס — וועט צעקלאַפּט ווערן דער קאָמאַנדאָ־פּולק.

משהס ווערטער האָבן, זעט אויס, איבערצייגט יגאל ידינען, וועלכער האָט שטענדיק געשטרעבט צו האָבן שטאַרקע רעזערוון און האָט מורא געהאַט טאָמער וועט דער גענעראַל־שטאַב בלייבן מיט ליידיקע הענט. בעת משה האָט געוואָרט אין זיין ביוראָ, איז ידין אַוועק צו בן־גוריונען אויף אַ באַראַטונג. נאָך אַ קורצער צייט איז ער צוריקגעקומען און איבערגעגעבן משהן, „אַז אפילו ווען דער פּולק וועט צעשמעטערט ווערן, מוז מען דורכרייסן דעם וועג צום נגב. בעת דעם געשפּרעך האָט משה באַקומען נאָך 6 טאַנקעטקעס און עס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן דער באַפעל גלייך צו גיין מיט זיין פּולק אויף דרום.

צומאָרגנס דעם 14־טן יולי איז דער פּולק אַראָפּ קיין מסמיה און האָט סטאַציאָנירט אין איינעם פון די פּרדסים. אין מיטן פון די צוגרייטונגען צו דער שלאַכט איז ער ווידער אַרויסגערופן געוואָרן אויף אַ באַגעגעניש מיט בן־גוריונען, דאָנערשטיק דעם 15־טן יולי. בעת דער באַגעגעניש האָט ער דערציילט וועגן זיין דורכברוך קיין לוד און זיינע קרבנות. בן־גוריון איז פון דעם באַאיינדרוקט געוואָרן און האָט די פּרטים פון דער אַקציע אַריינגעשריבן אין זיין טאָגבוך. אָבער ער האָט נישט אָנגענומען זיינע ווערטער, אַז די אַקציע אין לוד דאַרף דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע אָפּעראַציעס. לויט בן־גוריונס מיינונג איז דאָס געווען אַן איינמאָליקע הצלחה און נישט קיין נייער וועג, אָדער אַ שיטה. „אַזוי מאַכט מען נישט קיין מלחמה", האָט געזאָגט בן־גוריון צו משהן, וועלכער האָט אין האַרצן געטראַכט, אַז „אַזוי מאַכט מען יאָ אַ מלחמה". לויט יגאל ידין, האָט משהס דורכברוך קיין לוד געשטאַרקט ביי בן־גוריונען דעם איינדרוק, אַז משה איז אייגנטלעך אַ פּאַרטיזאַנער.

דער תירוץ אים איינצולאָדן נאָכאַמאָל איז געווען בן־גוריונס אַנטשלאָסנקייט צו נאָמינירן משהן אַלס קאָמאַנדיר פון ירושלים. אויך דאָס מאָל, פּונקט ווי מיט פינף טעג צוריק, האָט משה געבעטן אָפּצולייגן די נאָמינאַציע. אָבער בן־גוריונס באַשלוס איז שוין געווען אַ פעסטער. עס וועט קומען דער צווייטער פייער־איבערייס און די נאָמינאַציע וועט אַריין אין קראַפט.

מיט די כוחות פון דער אַקציע „מות לפּולשים" האָט אָנגעפירט שמעון אבידן, קאָמאַנדיר פון דער „גבעתי"־בריגאַדע. דער פּלאַן האָט פאָרויסגעזען אַריינצוקלאַפּן אַ קלין צווישן צוויי מצרישע באַזעס און זיי דעראָבערן. איין באַזע האָט זיך געפונען אויף צפון פון שאָסיי מגדל־פאַלודזשאַ (היינט פּלוגות)— בית־עפא און כאָטאַ, און די צווייטע אויף דרום פון שאָסיי — אין קאַרטיאַ. פון דאָרט האָבן זיך די כוחות פון דער „גבעתי"־בריגאַדע פאַראייניקט מיט די באַלאַגערטע כוחות אין נגב. די איינהייטן פון דער בריגאַדע „הנגב", האָבן לויט דעם פּלאַן געדאַרפט קומען פון דרום, כדי צו דעראָבערן ביר אבו־דזשאַבאַר און די פּאָזיציעס אין קואַכאַבאַ און כוליקאַט.

וועגן דער וויכטיקייט, וואָס מען האָט צוגעשריבן דעם 89־טן פּולק אין גענעראַל־שטאַב און אין שטאַב פון דער אָפּעראַציע „מות לפולשים", ווייזן אָן די פאָלגנדיקע שורות אין דעם בוך פון דער „גבעתי"־בריגאַדע: די דע־ראָבערונג פון קארטיא, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן אַלס וויכטיקסטער ציל פון דער אָפּעראַציע, האָט געפּאַדערט אַ טיפע אַריינדרינגונג אין שטח פון פיינט. דעריבער האָט די בריגאַדע באַשלאָסן אַרויפצולייגן די דאָזיקע אויפגאַבע אויפן קאָמאַנדאָ־פּולק — אַ געפּאַנצערטע און מאָטאָריזירטע איינהייט מיט אַ שטאַרקן פייער".

אין די דריי טעג פאַר דער אָפּעראַציע האָט משה דורכגעפירט אינספּעק־ציעס מיט די קאָמאַנדירן, און דעם 16־טן יולי האָט ער אַפילו אויסגעטיילט אַ כוח פאַר אַ „קליין אקציעלע" אָפּצורייניקן די רעשטלעך פון פיינט, וואָס האָבן זיך באַפעסטיקט אין אייניקע אַראַבישע דערפער. אָבער בעת דער נאַכט־אינספּעקציע, וואָס ער האָט דורכגעפירט, כדי בודק צו זיין דעם צוגאַנג־וועג קיין קארטיא, איז ער אָנגעקומען נאָר צו דער סביבה פון פלי־פעלד אין פאַלודזשא, ווו ער איז איינגעהאַלטן געוואָרן דורך אַ שטאַרק פייער. ער האָט נישט מצליח געווען צו דערגיין צום שאָסיי פאַלודזשאַ— קאַרטיאַ און דעריבער האָט זיך זיין פּולק אָנגעטראָפן אויף דער הויפּט־שטרויכלונג בעת דער אקציע — ער האָט נישט געקענט אַריבערפאָרן דעם וואדי מופּאַראַד. לויט דער מאַפּע האָט דער וואַדי אויסגעזעען צו זיין דורכ־גאנגבאַר פאַר מיליטערישע אויטאָס, און דעריבער איז ער גענומען געוואָרן אין באַטראַכט אַלס הויפּט־דורכגאַנג, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז ער געווען טיף און שיף.

ערב דער אָפּעראַציע איז דער 89־טער פּולק געווען איינגעשרומפּן. דער פאַרטרעטער פון פּולק־קאָמאַנדיר, יוחנן פעלץ, איז געלעגן אין שפּיטאָל נאָך דעם ווי ער איז דעם 12־טן יולי פארוואונדעט געוואָרן בעת ער איז געפאָרן מיטן באטאליאָן ב' פון דיר טאריף קיין תל השומר. אין זעלבן צושטאַנד זענען געווען די אויסגעצייכנטע קאמאנדירן פון די באטאליאָנען, אורי בר־און און עקיבא סער (וועלכער איז אנטלאָפן פון שפּיטאָל און דערשינען ביים סוף פון דער אָפּעראציע, האָבנדיק ביידע הענט אין גיפּס). דער פּולק האָט איצט געציילט 221 קעמפער (אין פארגלייך מיט 367 ערב דער „דני"־אקציע) צווישן זיי 17 אָפיצירן (אין פארגלייך מיט 23), 12 סערזשאנטן (פריער 22), 10 קאפּראלן (פריער 22) און 177 פּשוטע זעלנער (פריער 300).

פאַר זיינע מענטשן האָט משה איבערגעחזרט די אָנווייזונגען, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן אויפן וועג קיין בן־שמן און בעת דעם דורכברוך קיין לוד און האָט נאָר צוגעגעבן: „נישט ארויסשטעקן די קעפּ איבער די ווענט פונעם אויטא". משה האָט באַפוילן, אַז דער „שרעקלעכער טיגער" זאָל ווייטער פירן די קאָלאָנע, די דזשיפּן וועלן פארנעמען פּאָזיציעס

אויף ביידע זייטן און די טאַנקעטקעס וועלן זיך אַריינרייסן אין באַ־שטימטן אָביעקט. אויב איינער פון די אויטאָס וועט געטראָפן ווערן, דארפן זיך אנדערע מיט אים נישט פארנעמען, נאָר ווייטער פאָרזעצן דעם אָנגריף.

דעם אטאק אויף קארטיא האָט דער פולק געדארפט אָנהייבן 2 אזייגער פארטאָג, דעם 18־טן יולי. אָבער דער וואדי מופאראד האָט באַוויזן, אז ער איז א מער געפערלעכער שונא ווי די מצרים אין קארטיא. דער „טיגער" האָט מצליח געווען אריבערצופאָרן אויף דער צווייטער זייט פון וואדי, אָבער די ערשטע טאנקעטקע האָט זיך איבערגעקערט. עס איז נישט געווען קיין אנדערע ברירה ווי צוגרייטן צוערשט דעם דורכגאנג אין וואדי מיט לאפאטעס און גראָב־כלים, כדי אויסצוגלייכן. זיינע ווענט. צוערשט האָט משה אליין פראָבירט אָנצופירן מיט דער ארבעט און דערנאָך זי איבערגעגעבן דעם אָפטיילונג ־ קאָמאַנדיר יבניאלי, וועלכער איז געקומען צו דער אקציע גלייך פון קורס. „ער איז געווען פרישער פון אנדערע און האָט נישט פאראטן קיין שום סימנים פון מידקייט און זארג".

כדי צו דעמאָנסטרירן די פולשטענדיקע רואיקייט און אבסאלוטע גלייכ־גילטיקייט לגבי דעם פייער פון די מצרישע גראנאטן־ווארפערס, האָט ער זיך איינגעוויקלט מיט אן אראבישער קעפיע, וואָס ער האָט געהאט ביי זיך, אוועקגעלייגט זיך אויף א בולט אָרט ביי דער וואַנט פון וואדי און איז גלייך איינגעשלאָפן. דאָס בילד פון שלאָפנדיקן קאָמאַנדיר האָט קלאָר געמאַכט זיינע מענטשן, אז ער האָט נישט בדעה מבטל צו מאכן די אויפגאבע, נאָר פארקערט, ער זאמלט כוח ערב דער שלאכט. אזוי האָט ער זיי פולשטענדיק בארואיקט און געגעבן א האָפנונג פאר א גוטן שאנס.

„ווען איך האָב זיך אויפגעוועקט נאָך אַ שעה, דערציילט משה, האָב איך זיך געפרייט נישט נאָר וואָס איך האָב זיך אויסגערוט און איבער־געגעבן דאָס צוגרייטן דעם וואדי־איבערגאנג דעם ריכטיקן מענטש, נאָר הויפטזעכלעך דערפאר, ווייל איך האָב זיך נישט געאיילט אָנצונעמען באַ־שלוסן בעת איך בין געווען מיד און אויסגעשעפט. איצט איז געווען פיל לייכטער צו טראכטן און אָננעמען באשלוסן".

עס איז געווען 3.30 פארטאָג און ער האָט באשלאָסן צו וואַרטן העכסטנס נאָך א האלבע שעה און 4 פארטאָג אָנגרייפן קארטיא מיט די מיליטערישע אויטאָס, וואָס זענען שוין אריבער דעם וואדי. די וועלכע זענען געבליבן שטעקן, וועט ער איבערלאָזן אויפן ארט. אָבער בעת ער האָט אויסגעע־גליכן די ביינער פון שלאָף, האָט אים דער אָפטיילונגס־קאָמאַנדיר, יבניאלי אָנגעכאפט ביים רוקן און מיט א געשריי! „דו ביסט נאָך אויף דער זייט פון וואדי?" און אים אריבערגעשלעפט אויף דער צווייטער זייט. דערנאָך האָט ער זיך אנטשולדיקט און געטענהט, אז ער האָט נישט דערקענט משהן און נישט געוווסט וועמען ער האָט אריבערגעוואָרפן אויף

דער צווייטער זייט. משה האָט ליב געהאַט צו באַמערקן, אַז „ביז היינט איז מיר נישט קלאָר, צי ער האָט מיך באמת נישט דערקענט״.

משה האָט פאַראָרדנט זיינע מענטשן זיך אָפּצוהאַלטן פון שיסן, און ערשט ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט אויף א מרחק פון 200 מעטער פון רוקן פון קאַרטיא, האָבן זיך די טאַנקעטקעס צעשפּרייט, די דזשיפּן האָבן זיך באַוועגט אין צוויי רייען און דער „טיגער״ איז געגאַנגען פאָרויס. אויף א מרחק פון 150 מעטער האָט משה באַפוילן צו געבן פייער פון אַלע כלים. אָבער די מצרישע רעאַקציע איז געווען א נישטיקע. קאַרטיא איז לייכט דעראָבערט געוואָרן אָן קרבנות. דער פּוסגייער־באַטאַליאָן פון יוסף גבע איז אריין אין דאָרף נאָך די טאַנקעטקעס און אָנגעהויבן עס אָפּרייניקן און זיך באַפעסטיקן.

משה האָט לויט זיין שטייגער באַשלאָסן, אַז „דער קאָמאַנדאָ האָט געטון זיינס״ און ער איז פריי. צוויי שעה נאָכן אָנגריף, דעם 18־טן יולי, האָט ער עוואַקואירט דעם פּולק פון קאַרטיא און איז צוריק אַוועק צו דער אויסגאַנג־באַזע אין מאַסמיא און פון דאָרט ממשיך געווען קיין תל־השומר. ער אַליין האָט זיך נאָך באַשעפטיקט מיטן עוואַקואירן די אויטאָס, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין וואַדי.

ווען די מצרים האָבן 8.30 אינדערפרי אָנגעהויבן באַשיסן קאַרטיא מיט 25 פונטיקע האַרמאַטן־קוילן און גראַנאַטן־וואַרפער אַלס צוגרייטונג צו זייער קאָנטער־אָפענסיווע, איז דער 89־טער פּולק שוין געווען ווייט. דער פּוסגייער־באַטאַליאָן פון יוסף גבע איז געבליבן אַליין אין קאַרטיא. דאָס באַשיסן האָט געדויערט דריי שעה און נאָך דעם האָבן די מצרים דורכגעפירט א געוואַגטן אַטאַק מיט פּאַנצער־אויטאָס און פּוסגייער. די מוטיקע האַלטונג פון באַטאַליאָן אין קאַרטיא — ביז עס איז אריין אין קראַפט דער צווייטער פייער־איבערייס און עס האָבן זיך פאַרענדיקט די 100 טאָגיקע קאַמפן — האָט זוכה געווען צו צאָלרייכע שבחים און איינער פון זיינע מענטשן האָט אפילו באַקומען די גבורה־אויסצייכנונג.

שמעון אבידן האָט אין דער גיכער עוואַקואַציע פון 89־טן פּולק פון קאַרטיא און פון „גבעתי״־פראָנט, אין קעגנזאַץ צו זיינע באַפעלן, געזען א שווערע דיסציפּלין ־ פאַרלעצונג מצד משהן און ער האָט דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט דעם גענעראַל־שטאַב. יצחק שדה, וועלכן דער שעף פון גענעראַל־שטאַב האָט געפרעגט וועגן דעם ענין, האָט געענטפערט, אַז ער פון זיין זייט האָט נישט געגעבן משהן קיין באַפעל אַרויסצוציען דעם 89־טן פּולק פון „גבעתי״־אָפּשניט און אים צוריקברענגען פון דרום. דעם 20־טן יולי האָט יגאל ידין באַפוילן דער מיליטערישער פּראָקוראַטור צו שטעלן משהן פאַר א געריכט צוליב פאַרלעצן דעם באַפעל. אָבער בעת דער פאַרהאַנדלונג האָט מען אָנגענומען א טייל פון משהס טענות און דער משפט איז בטל געוואָרן.

# קאַפּיטל דרייצן
# ירושלים

(אויגוסט 1948 — אָקטאָבער 1949)

די נאָמינאַציע אלס קאָמאַנדיר פון דער ירושלימער בריגאַדע איז געווען א וויכטיקער שריט אין משהס קאַריערע אין צה״ל. אָן דעם איז א ספק צי אין דער געשיכטע פון דער באַפרייאונגס־מלחמה וואָלט וועגן אים געבליבן א זכר חוץ ווי וועגן א מוטיקן און נישט דיסציפּלינירטן פּולק־קאָמאַנדיר. ווייל נאָך דעם ווי עס האָט זיך פאַרענדיקט דער צווייטער פייער־איבעררייס, האָבן זיך די הויפּט־קאַמפּן געפירט אויפן דרום־פראָנט אונטער דער אָנ־פירונג פון אלוף יגאל אלון און זיין שטאַב. די קאַמפּן קומען פאָר מיט איבעררייסן, אין א סעריע פון שנעלע דורכבראַכן, וואָס ווערן דורכגעפירט דורך דיוויזיעס, בראש פון וועלכע עס שטייט א סטאַביליזירטער אָפיצירן־קאָרפּוס. אין די דאָזיקע אומשטענדן זענען משהס שאַנסן צו אוואַנסירן אין ראַנג און אויפן אמט געווען זייער שוואַכע.

די נאָמינאַציע האָט אויך געבראַכט צו דער אנטפּלעקונג פון זיינע פּאָליטישע פעאיקייטן, וואָס וואָלטן נישט געקומען צום אויסדרוק, ווען ער בלייבט א פעלד - קאָמאַנדיר. אין ירושלים איז ער אריין אין די ענינים פון וואָפנשטילשטאַנד־הסכם און אין קאָנטאַקט מיט די אונ״א־אָבסערוואַטאָרן און האָט זיך אנטפּלעקט פאַרן ציבור ווי א זעלנער־פּאָליטיקער. עס איז דעריבער פאַראַן א גרונט צו טענהן, אז ער איז געקומען קיין ירושלים נאָר צוליב דער עקשנותדיקער פאָדערונג פון בן גוריון.

די געשפּרעכן וועגן זיין נאָמינאַציע האָבן זיך אָנגעהויבן, ווייל בן גוריון און דער גענעראַל־שטאַב זענען נישט געווען צופרידן פון דעם קאָמאַנ־דיר פון ירושלים, אלוף דוד שאלתיאל. עס האָט געהערשט אן איינשטי־מיקייט, אז מען דאַרף אויף זיין אָרט באַשטימען א מער געוואַגטן און מער אַקטיוון קאָמאַנדיר. ווען משהס קאַנדידאַטור וואָלט אָנגענומען געוואָרן אין יוני דורך דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב יעקב דורי און דעם הויפּט אָפּעראַציע־אָפיציר יגאל ידין, וואָלט זיין נאָמינאַציע נישט איבערגעשריטן די ראַמען פון טוישן קאָמאַנדירן. אָבער דאָס פּראָבלעם פון נאָמינאַציעס אין אלגעמיין האָט געהאַט אַן ערשטראַנגיקע פּאָליטישע באַדייטונג מיט פּאַרטייאישע און פּראַקציאָנעלע אויסווירקונגען. מיט זיין מלוכהשן צוגאַנג האָט בן גוריון געוואָלט איין צה״ל, א פאַראייניקטן און איבערפּאַרטייאישן. און צוליב דעם איז געקומען צו צוזאַמענשטויסן צווישן אים און דעם פּלמ״ח מיט זיינע אָנהענגער אין די פּאַרטייען און אין דער הסתדרות. דורי און ידין, וועלכע האָבן געשטיצט זיין מלוכהשע שטעלונג אלס פּרינציפּ, זענען נישט געווען מיט אים מסכים בנוגע דער צייט פון אויפלייזן דעם שטאַב פון פּלמ״ח. זיי האָבן מורא געהאַט, אז דער דאָזיקער

שריט וועט גורם זיין אן אינערלעכע שווערע דערשיטערונג, וואָס וועט אָפּשוואַכן דעם ווידערשטאַנד־כוח פון ישראל אין דער מלחמה.

בן גוריונס צוגאַנג האָט אַרויסגערופן צוויי קריזיסן. דער ערשטער איז פאָרגעקומען דעם 5־טן מאַי, ווען ידין (דורי איז געווען קראַנק) און מיט אים אייניקע גענעראַלן האָבן דערלאַנגט זייער דעמיסיע אַלס פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס בן גוריון האָט דורכגעפירט דעם באַשלוס פון דער סוכנות־עקזעקוטיווע און האָט בטל געמאַכט דעם אמט פון שעף פון דער לאַנד־קאָמאַנדע פון דער „הגנה", וועלכן עס האָט פאַרנומען ישראל גלילי, פון די מפ"ם־פירער. דער צווייטער קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן דעם 24־טן יוני אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאַרהאַנדלונגען וועגן דער רעאָרגאַניזאַציע פון צה"ל אויף די פיר פראָנטן און וועגן דער נאָמינאַציע פון זייערע קאָמאַנדירן.

די גאַנצע פּרשה האָט דערפירט צו אַ קריזיס צוליב די חילוקי דעות וועגן קאָמאַנדיר אויפן ירושלימער פראָנט און אויפן צענטראַלן פראָנט. בן גוריונס קאַנדידאַט אויפן אָרט פון אומגעקומענעם קאָלאָנעל מאַרקוס איז געווען מרדכי מקלף, געוועזענער בריגאַדע־מענטש און איצט קאָמאַנדיר פון דער „כרמלי"־בריגאַדע. דער קאַנדידאַט פון יגאל ידין און פון אַנדערע גענעראַלן אין שטאַב איז געווען יגאל אלון. אָבער אים איז בן גוריון בשום אופן נישט מסכים געווען צו נאָמינירן. דעם 1־טן יולי דערלאַנגען ידין און אַנדערע גענעראַלן די דעמיסיע־בריוו און פאָדערן פון בן גוריון ער זאָל איבערגעבן זייער אינהאַלט די מיטגלידער פון דער צייטווייליקער רעגירונג. ישראל גלילי — וועמענס נישט פעסטגעשטעלטע פונקציע איז נאָך געווען געהילף פון פאַרטיידיקונגס ־ מיניסטער — שרייבט אויך אַ דעמיסיע־בריוו און שיקט קאָפּיעס צו אייניקע מיניסטאָרן. בן גוריון באַציט זיך צו דעם דעמיסיע פון ידין און פון אַנדערע גענעראַלן ווי צו „אַ פּאָליטישן בונט" און אַ „שווערע פאַרלעצונג" פון דער זיכערהייט פון מדינת ישראל. און זיי וואַרפן פאַר בן־גוריונען די זעלבע באַשולדיקונגען און ידין טענהט אפילו, אַז בן־גוריון ווענדעט אָן דראַסטישע שריט פאַר דער באַנייאונג פון די קאַמפן מיט דער הנחה, אַז אונטערן דרוק פון די געשעעענישן וועלן ידין און זיינע חברים צוריקציען די דעמיסיעס. בן גוריון, פון זיין זייט, רעאַגירט אויף אַן אָריגינעלן אופן — ער איז מודיע די דעמיסיאָנירטע גענעראַלן, אַז ער „דעמיסיאָנירט". אייגנטלעך נוצט ער אויס די גריפּע־קראַנקהייט צו שאַפן אַזאַ איינדרוק.

אָבער די נערוון פון די מיליטער־לייט זענען געווען שוואַכערע. צום סוף איז ידין אַוועק אַהיים צו בן גוריונען, וועלכער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער איז „ברוגז". ער איז געלעגן אין בעט און גערעדט מיט אים זייענדיק אויסגעדרייט מיטן רוקן צו ידינען. טראָץ דעם דערגרייכן ביידע אַ פּשרה. די גענעראַלן ציען צוריק די דעמיסיעס און בן גוריון זיין

„דעמיסיע". מקלף איז נישט באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון ירושׂ־לימער פראָנט און אַלון איז נאָמינירט געוואָרן נאָר אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון די כוחות פון דער „דני"־אַקציע. אָנהייב אויגוסט ווערן נאָמינירט די קאָמאַנדירן פון די פראָנטן, צווישן זיי צבי אַילון — דאַן פאַרטרעטער פון שעף פון גענעראַל־שטאַב און איינער פון די דעמיסיאָנירטע דעם 5־טן מאַי און 1־טן יולי — אַלס קאָמאַנדיר פון צענטראַלן פראָנט און יגאל אַלון אַלס קאָמאַנדיר פון דרום־פראָנט.

דעם 1־טן אויגוסט האָט משה אָנגעהויבן צו אַמטירן אין ירושלים, זייענדיק אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער גרופּע געטרייע פאַרערער, וועלכע ער האָט מיט זיך געבראַכט. און אויב דאָס איז נישט געווען גענוג, האָט ער נאָך אויסגעזוכט זיין אַלטן פריינט און פאַרערער — זלמן מאַרט, קאָמאַנדיר פון „מוריה"־פּולק. מיט אים זענען געווען: זלמן בצר, זיין חבר פון די פריסטע קינדער־יאָרן, דער זקן כאַבינסקי, וועלכער האָט אים אין די קינדער־יאָרן געלערנט רייטן אויף אַ פערד און איז איצט געווען אַ מין סערזשאַנט פון זיין שטאַב; זלמן מאַרט פון דער איסקאַנדעראָן ־ אינוואַזיע (אין סיריע) אין יוני 1941; אַלעקס ברוידע, וועלכער איז אינצווישנצייט געוואָרן אַ מין אַדיוטאַנט און געהילף, אַ פריינט און לאַקאַטאַר אין יאָר 1942; זיין שוואָגער ישראל גפן, וועלכער האָט אים באַגלייט צופוס קיין צמח, אַ זעלנער אין 89־טן פּולק; עקיבא סער, אַן איבערגעגעבענער קאָמאַנדיר, גרענעצלאָזער פאַרערער, מוטיקער קעמפער און שותף צום וויכטיקן דורכברוך אין לוד. די אַלע האָבן משהן פאַרוואַנדלט ווי אין אַ שייך.

איינע פון די סיבות הלמאי משה האָט מיט זיך געבראַכט מענטשן פון 89־טן פּולק, איז געווען, ווי עס געדענקט בר־און, זיין ווילן אַריינצוברענגען אַ נייעם קאַמפּס־גייסט אין דער ירושלימער בריגאַדע. „משה האָט מיר געזאָגט, אַז די מאָראַל פון די ירושלימער קאָמאַנדירן איז אַ נידעריקע און אַז זיי זענען נישט גרייט דורכצופירן קיין אַגרעסיווע אַקציעס; און נישט נאָר די קאָמאַנדירן, נאָר אויך די איינהייטן גלויבן נישט אין זייער כוח און זענען אַפּאַטיש". ירושלים מיט אירע בירגער און קעמפער האָבן איבער־געלעבט דורכפאַלן און אַנטוישונגען. זי האָט זיך אַ לאַנגע צייט געפונען אין אַ באַלאַגערונגס ־ צושטאַנד, געליטן פון גאַסן־קאַמפן, באָמבאַרדירונגען און שיסערייען. זי האָט פאַרלוירן דעם יידישן קוואַרטאַל און אַ רייע ישובים אַרום איר. אירע קעמפער זענען אומגעקומען און אַריינגעפאַלן אין געפאַנ־גענשאַפט. אין גוש עציון און אייניקע שטאָט־טיילן האָט געדראָט די געפאַר פון ירדנישער אָקופּאַציע. אירע חיילים האָבן אַפילו נישט גענאָסן פון קעמפער־שטאָלץ, ווייל די גרויסע קאַמפן זענען געפירט געוואָרן דורך איינהייטן, וועלכע זענען געקומען פון דרויסן ווי די פּלמ"ח־בריגאַדע „הראל", וואָס האָט דערגרייכט די וויכטיקע נצחונות אויף דעם פראָנט־אָפּשניט. הגם דער פּולק „בית חורון" פון דער „עציוני"־בריגאַדע האָט גענומען אַ וויכטיקן

אַנטייל ביים דעראָבערן דעם קאַסטעל אויפֿן וועג קיין ירושלים פֿון מערב, האָט „הראל" זוכה געווען צו שבחים און רום.

„עציוני" — די בריגאַדע, וואָס משה איז באַשטימט געוואָרן אַלס איר קאָמאַנדיר — איז נישט פֿאָרמירט געוואָרן צו זײַן ממש אַ בריגאַדע און אירע פּולקן האָבן קיינמאָל נישט געווירקט אַלס פּולקן. זי איז געווען צעשפּליטערט אויף אײנהייטן, וואָס האָבן זיך קעגנזײַטיק קריטיקירט. נאָר אין איין זאַך זענען זיי געווען געאייניקט — אין דער נעגאַטיווער באַציאונג צו אַלוף שאלתיאל, וועלכן זיי האָבן געוואָלט טוישן. די צעשפּליטערונג איז געווען אַזאַ טיפֿע, אַז אין אָנהייב האָבן די חיילים פֿון פּולק „מוריה" געמיינט, אַז משה קומט נישט אַלס נײַער קאָמאַנדיר פֿון דער בריגאַדע, נאָר אַלס צוגאָב פֿון אַ דזשיפּן־אײנהייט. מאיר אביזוהר געדענקט, אַז „מיר זענען נישט געווען זיכער אַפֿילו, אַז משה האָט באַקומען דעם ראַנג פֿון אַ בריגאַדע־קאָמאַנדיר".

הלל פּעפּערמאַן, וועלכער איז געשיקט געוואָרן צו דער „עציוני"־בריגאַדע צו זײַן דער אָפּעראַציע־אָפֿיציר, כמעט אין דער זעלבער צײַט פֿון משהס נאָמינאַציע, געדענקט, אַז נאָכן אָפּשאַפֿן די באַלאַגערונג פֿון ירושלים, האָט דער ציווילער ציבור פֿרײַ אָפּגעעטעמט, האָט געשמייכלט און איז געווען סימפּאַטיש. דאַקעגן דאָס מיליטער איז געווען אין אַ געדריקטער שטימונג, ווײַל עס האָט נישט געקענט זיך צושרײַבן קיין ערנסטן נצחון. אפֿשר דאָס עצם האַלטן זיך איז געווען אַ נצחון און אַזוי האָבן זעט אויס, אויך געטראַכט די אָפֿיצירן. אָבער אויך זיי האָבן געוווסט, אַז אַנדערע האָבן געהאַט גרויסע דערגרייכונגען און זיי נישט. נאָך מער. די חיילים פֿון „עציוני" האָבן זיך צוגעוווינט צו דער לאַנגער ליניעס־מלחמה, אין פּאָזיציעס, וואָס האָבן זיך במשך פֿון חדשים נישט געענדערט. עס האָט זיך געשאַפֿן אַן אַטמאָספֿער פֿון אויפֿהאַלטן די ליניעס, פֿון זיצן אין די פֿאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס, כּדי זיי צו האַלטן און נישט מער.

דער דאָזיקער מצב איז קלאָר געוואָרן פֿאַר משהן שוין בעת דער ערשטער אינספּעקציע אין רמת רחל. דער קיבוץ, וואָס איז אײַגנטלעך געווען אַ ירושלימער שכונה אין מזרח תלפּיות, איז געווען אַ ציל, וואָס איז אַריבער פֿון האַנט צו האַנט. בעת דער אינספּעקציע האָט משה פֿעסט־געשטעלט, אַז עס הערשט אַן אַטמאָספֿער פֿון צוגעבונדנקייט צו די פּאָזיציעס און צום קאָנווענציאָנעלן, לויטן כּלל פֿון טו און טו נישט. אויף ווי ווײַט עס האָט געהערשט די אַפּאַטיע באַווײַזט דער פֿאַקט, אַז די אינספּעקציע פֿון די קאָמאַנדירן, וואָס ער האָט דורכגעפֿירט אין רמת רחל, איז אויך געווען נישט קיין געוויינלעכע דערשײַנונג, וואָס האָט זיך אײַנגעקריצט אין זכרון. לויט פּעפּערמאַן, „דער שטאָב האָט נישט נאָר נישט אינספּעקטירט און נישט בודק געווען די מעגלעכקייט פֿון פֿײַנט, נאָר איז פּשוט געווען

צופרידן וואָס ער קאָן זיצן רואיק. משה האָט דאָס גלייך געבראַכן מיטן עצם פאַקט, וואָס מיר זענען געגאַנגען קיין רמת רחל".

בעת דער אינספּעקציע איז פאָרגעקומען א פאַל, וועלכער קלערט בעסער אויף די שטימונג, וואָס האָט געהערשט אויפן אָרט און משהס פּירער־אייגנשאַפט. דער פאַרקער אויפן וועג, וואָס האָט פאַרבונדן רמת רחל מיט ירושלים איז פאָרגעקומען נאָר מיט פאַנצערס, די אזוי גערופענע „פּושקעס". עס איז אויך געווען א סטעזשקע פאַר פוסגייער, וואָס האָט אויפן אָפענעם שטח זיך געצויגן לענגאויס א קאַנאַל, וועמענס מזרח־וואַנט איז געהעכערט געוואָרן מיט אן ערד־אָנשיט פון א פּאָר קילאָמעטער, ביז צום „טויטן שטח". וועלנדיק זיך באַקענען מיט אלע פּראָבלעמען פון דער נאָענט און אויך כדי נישט צו פאַרלירן קיין צייט ביז עס וועט קומען א פאַנצער פון דער באַזע, איז משה אוועק קיין רמת רחל אין דער געזעלשאַפט פון פינף קאָמאַנדירן. דער פאַנצער איז געשיקט געוואָרן קיין רמת רחל דורכן שאָסיי, כדי צוריקצוברענגען משהן און זיינע חברים קיין ירושלים. בעת זיי זענען געגאַנגען אין קאַנאַל, האָבן זיי גוט געהערט די שיסעריי, וואָס איז געעפנט געוואָרן אויפן פאַנצער־אויטאָ, וועלכער האָט זיך באַוועגט לענגאויס דעם שאָסיי. נאָכן פאַרענדיקן די אינספּעקציע זענען משה און זיינע חברים צוגעגאַנגען צום פאַנצער, וואָס האָט געוואַרט אויף זיי אין רמת רחל. די טיר האָט זיי געעפנט דער פאַרוווּנדעטער שאָפער, פון וועלכן עס איז גערינען בלוט. לויט זיינע רייד זענען אריין קוילן פון די אויטאָמאַטישע ביקסן דורך די ווינקלען, ווו די „פּושקע" איז געווען געשוויַיסט און די שפּליטערס פון די קוילן האָבן אים געטראָפן אין פּנים און אין די אַקסלען.

הערנדיק די ווערטער פון שאָפער, האָט איינער פון די אָפיצירן געזאָגט צו משהן, בערך: „הער אויס, עס איז פּשוט געפערלעך צו פאָרן מיטן פאַנצער, לאָמיר גיין צופוס דורכן קאַנאַל אהיים". לויט אורי בר־און האָט זיך משה שאַרף אויסגעדרייט צום דאָזיקן אָפיציר און צו אים א זאָג געטאָן: „ווי אזוי שעמסטו זיך נישט אזוי צו רעדן? עס איז געקומען א חייל מיט א פאַנצער, ספּעציעל כדי צו נעמען אייך און מיך און איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אויפן וועג צו אונדז, און איצט וועלן מיר אים צוריקשיקן דורכן געפערלעכן וועג און מיר וועלן גיין מיט א זיכערן קאַנאַל? גיי די דורכן קאַנאַל. איך וועל פאָרן מיטן פאַנצער־אויטאָ".

דאָס ברעכן די קאָנווענציאָנעלע האַנדלונג האָט אַביסל אויפגעהויבן די מאָראַל פון די קעמפער. אָבער דער אָנגענומענער כלל, אז די מאָראַל פון דער מיליטערישער איינהייט ווערט אויפגעבויט נאָר אין דער קאַמפּס־טעטיקייט, איז אויך דאָ געווען גילטיק. הגם משה האָט געשטרעבט צו א ברייטער טעטיקייט — בן גוריון האָט זיך אין אים נישט טועה געווען — און אויף א פּערמאַנענטן אופן אויסגעאיבט א דרוק אויפן גענעראַל־שטאַב

צו באשטעטיקן אים מיליטערישע אקציעס, האָבן פּאָליטישע באַגרענעצונגען פאַרקלענערט די טעטיקייטס - פרייהייט אויפן ירושלימער פראָנט. פּאַקטיש האָט בן גוריון פארשפּעטיקט דעם טערמין צו נאָמינירן משהן אלס קאָמאַנדיר פון ירושלימער פראָנט. הגם אין פלוג האָט דאָס נישט אזוי אויסגעזען, איז דער נישט געלונגענער פרווו פון שאלתיאל אריינצורייסן זיך אין דער אלט־שטאָט — מיט דער הילף פון אַ רייע אטאקעס אָנהייבנדיק פון 9־טן יולי — אויך געווען א פארלוסט פון דער לעצטער געלעגנהייט דורכצופירן א מיליטערישע אקציע אויף אַ ברייטן פאַרנעם. די פארהאַנדלונגען וועגן ירושלים אויף דער גענעראל־פארזאמלונג פון אונ״א און אין זיכערהייטס־ראט, די קאָנטראל פון אָבסערוואטאָרן־אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך פאַר־פולקאָמט, און צום סוף די באַנייאונג פון די באַמיאונגען פון דעם אונ״אָ־פארמיטלער, פירשט פאָלקע בערנאדאָט, צו דערגרייכן אַן ענדגילטיקע לייזונג, האָבן פון פאַרויס אויסגעשלאָסן א ברייטע אגרעסיווע איניציאַטיוו אויפן ירושלימער אָפּשניט. באַר מיטן כוח פון זיין פערזענלעכקייט און אדאנק זיינע פארבינדונגען האָט משה מצליח געווען צו באקומען אַ באשטעטיקונג פאר צוויי אגרעסיווע אקציעס און אויך זיי האָבן זיך פאַר־ענדיקט מיט א דורכפאַל.

אין ירושלים איז פארזיכערט געוואָרן דער פייער־איבערייס, וועגן וועלכן עס האָט באַשלאָסן דער זיכערהייטס־ראַט, דורך אָרטיקע הסכמים, וועלכע בערנאדאָט האָט רעגולירט מיטביידע צדדים. די דאָזיקע הסכמים זענען געבליבן אין קראַפט, טראָץ די נישט גרויסע פארלעצונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען פון צייט צו צייט. אויפן סמך פון די בערנאדאָט־הסכמים איז דעמיליטאריזירט געוואָרן דער הר הצופים און די כוחות פון דער ישראל־פּאָליציי זענען דאָ אוועקגעשטעלט געוואָרן. אויך דער שטח פון דעם פאַלאַץ פון הויך־קאָמיסאַר, ווו עס האָט זיך באזעצט דער שטאַב פון די אונ״א־אָבסערוואטארן, איז דעמיליטאריזירט געוואָרן. אזוי זענען אַרויס־גענומען געוואָרן פון מלחמה־שפּיל צוויי לעבנסוויכטיקע שטחים פאַר דער יידישער ירושלים.

היות די אראבער האָבן פארלעצט דעם דעמיליטאריזאציע־הסכם וועגן שטח פונעם פּאַלאַץ פון הויך־קאָמיסאַר, האָט משה איינגעזען, אז דאָס איז א גוטער פּרעטעקסט צו באַזייטיקן זיי אין אַ נאַכט־אקציע פון דער דעמי־ליטאריזירטער זאָנע און זי צו באַהערשן.

דער גענעראל־שטאַב האָט באַשטעטיקט משהן אַ נאַכט־אָפּעראַציע פון 17־טן אויפן 18־טן אויגוסט, און אין איינקלאַנג מיט בן גוריונס אָנווייזונגען, וואָס האָבן אנטהאלטן צוויי שווערע באגרענעצונגען. די ערשטע, אז די אָפּעראציע דאַרף זיך פאַרענדיקן במשך פון 24 שעה און די צווייטע, א מער דערדריקנדיקע — א בפירושער פאַרבאָט צו דעראָבערן דעם פּאַלאַץ, אין

וועלכן עס זיצן די און״א״לייט, און אפילו נישט אריינדרינגען אין דעם ארומ־געצוימטן שטח.

צוגרייטנדיק די אקציע, האָט משה געטראָפן צוויי געוועזענע אָפיצירן פון דער בריטישער ארמיי, וועלכע האָבן געדינט אין דער יידישער בריגאַדע. איינער איז געווען הלל פעפערמאַן, דער נייער אָפעראַציע־אָפיציר פון דער בריגאַדע; דער צווייטער, מאיר זורע (זארו) דער קאָמאַנדיר פון פולק „בית חורון״, אויף וועמען עס איז ארויפגעלייגט געוואָרן די דורכפירונג פון דער אָפעראַציע. פעפערמאַן און זורע האָבן צוזאַמען געדינט אין בריטישן מיליטער במשך פון זעקס יאָר און זענען געווען גוטע חברים. דעם מיליטערישן דינסט אין דער יידישער בריגאַדע האָבן זיי פארענדיקט אין ראַנג פון קאַפּיטאַן.

ביידע פריינט האָבן דורכגעפירט אַן אינספּעקציע צופוס אויפן אָפשניט, אויף וועלכן מען האָט באַדאַרפט דורכפירן די אָפעראַציע. פון די ירדנישע פּאָזיציעס האָט מען אויף זיי געשאָסן פון צוויי פּונקטן הארמאַט און פון גראַנאַטן־שליידערס. לויט דער מיינונג פון פעפערמאַן איז דאָס פייער פון די ירדנער געווען גוט געאָרדנט און גוט געצילט ווי פון אַ וואַכזאַם און גוט אויסגעשולט מיליטער. זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז אויף דער דרום־מזרח־דיקער זייט פון בערגל אויף וועלכן עס שטייט דער פּאַלאַץ פון הויך־קאָמיסאַר, האָבן זיך די ירדנער באַפעסטיקט אין אַ ריי פּאָזיציעס. דאַקעגן, ווען זיי זענען אַריבער אויף דער דרומדיקער, מצרישער זייט, האָבן זיי זיך נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שום רעאַקציע און דעריבער האָבן זיי אָנגענומען, אַז פון דער זייט וועט זיין לייכטער אַריינצודרינגען.

צוריקקומענדיק פון דער אינספּעקציע, האָט פעפערמאַן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז עס וועט זיין אוממעגלעך צו דעראָבערן דאָס בערגל און עס האַלטן, נישט באַהערשנדיק דעם שפּיץ, דאָס הייסט דעם שטח פון פּאַלאַץ גופא. די נאַכט־אָפעראַציע קאָן טאַקע מצליח זיין אין דער דעראָבערונג פון פּאַלאַץ, אָבער ווען עס וועט אָנהייבן טאָגן, וועלן די חיילים, וועלכע וועלן זיך געפינען אויף די משופּעדיקע ווענט פון בערגל, זיין אויסגעשטעלט אויף אַן אומברחמנותדיק פייער פון פיינט. אויך זארו איז געווען ביי דער זעלבער מיינונג. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 24 יאָר, פון די ייִנגסטע פולק־אָפיצירן פון צה״ל און האָט שוין געהאַט אָנגעפירט מיט אַ באַטאַליאָן אין אייראָפּע.

לויט זיינע ווערטער, האָט ער אויפגענומען מיט פרייד דאָס קומען פון משהן אויפן אָרט פון שאלתיאל, וועלכער איז לויט זיין מיינונג געווען „דער ערגסטער קאַנדידאַט, וועלכן מען האָט געקענט אַוועקשטעלן אין ירושלים״ און זיינע אָפעראַציעס האָט ער באַצייכנט אַלס „אָפעראַטיווע טפשות״. וועגן משהן האָט ער געוווּסט פון זיינע יוגנט־יאָרן, ווען ער האָט פריי־וויליק געדינט אין „הגנה״־אַפּאַראַט אין חיפה און האָט מיט אומרו נאָכ־

געפֿאָלגט זײַנע באַריכטן װעגן די צוגרײטונגען צו דער אינװאַזיע אין יוני 1941 און איז געװאָרן דערשיטערט װען משה איז פֿאַרװוּנדעט געװאָרן. ער איז אױך געװען באַאײַנדרוקט פֿון זײַן דורכברוך קײן לוד. טראָץ דעם האָט ער זיך קריטיש באַצױגן צו זײַן פּלאַן און ער האָט געבעטן פֿון אים אַ דערלױ־בעניש צו דעראָבערן דעם שפּיץ פֿון באַרג, דאָס װאָס ער האָט אָנגערופֿן „דעם לעבנסװיכטיקן שטח פֿון דער אױפֿגאַבע”, און האָט געהאַט דעם אײַנ־דרוק, אַז צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן האָט ער געהערט דעם דאָזיקן באַגריף. משהס ענטפֿער איז געװען אַ נעגאַטיװער צוליב „פּאָליטישע באַ־גרענעצונגען” און צוליב „פּירשט בערנאַדאָט”. זארו, דאַקעגן, האָט געטענהט: „פֿאַרװאָס דאַרפֿן מיר רעספּעקטירן פּאָליטישע באַגרענעצונגען?” אָבער משה האָט זיך פֿעסט געהאַלטן בײַ די באַפֿעלן פֿון גענעראַל־שטאַב. זארו האָט אױפֿגעקלערט זײַנע באַװאָרענישן. די אָפּעראַציע בײַנאַכט װעט דורכ־געפֿירט װערן, אָבער בלײַבן אױפֿן בערגל בײַטאָג װעלן זײַנע מענטשן נישט קענען, „נישט צוליב מאַנגל אין גבֿורה, נאָר װײַל מען װעט אונדז פֿיזיש פֿאַרניכטן”. דעריבער האָט ער געבעטן צו באַשטעטיקן אַן אַלטער־נאַטיװע — אין פֿאַל, װען זײַנע כּוחות װעלן זיך געפֿינען אין אַ שװערער לאַגע, זאָל מען אים דערלױבן צו דעראָבערן דעם שפּיץ פֿון באַרג און דעם דאַך פֿון פּאַלאַץ, און נישט דעם אינערלעכן טײל פֿון דעם בנין. װידער איז משהס תּשובֿה געװען אַ נעגאַטיװע און ער האָט אױפֿגעקלערט זארון, אַז ער האָט געגעבן יגאל ידין אַ מינדלעכע הבֿטחה, אַז ער װעט נישט פֿאַרנעמען דעם פּאַלאַץ פֿון הױך־קאָמיסאַר. דאָ איז אפֿשר צום ערשטן מאָל געקומען צום אױסדרוק די פֿולשטענדיקע געהאָרכזאַמקײט כּלפּי די העכערע פֿון אים ראַנגען, אפֿילו װען ער אַלײן האָט געטראָגן די פֿולע פֿאַראַנטװאָרטלעכקײט. װען די פֿאַראַנטװאָרטלעכקײט איז געלעגן אױף אַנדערע, האָט ער זיך דער־לױבט אױף אַ פֿרײַער האַנדלונג, װאָס האָט געגרענעצט מיט פֿאַרלעצן די דיסציפּלין, װי אין קאַרטיא. אָבער אין ירושלים איז ער געװען דער אײנציקער פֿאַראַנטװאָרטלעכער פֿאַרן אָפּשניט און קײנער איז נישט געװען איבער אים.

אָבער זײַן שטעלונג איז נישט דיקטירט געװאָרן נאָר דורך סיבות פֿון ליאָיאַליטעט. דער סירישער צוריקטריט פֿון צמח, דער איבעראַשנדיקער דורכברוך קײן לוד, די לײַכטע הצלחה בײַם דעראָבערן קאַרטיא, האָבן בײַ אים געשטאַרקט די זעלבסטזיכערקײט, זײַן אורטײל־קראַפֿט און דאָס אָפּ־גרענעצן זיך פֿון דיפּלאָמירטע ספּעציאַליסטן, געװײנטע אָפֿיצירן פֿון דער בריטישער אַרמײ. אַזױ װי ער האָט געזאָגט צו פֿעלצן, אַז די אַראַבער זענען נישט דאָס דײַטשע מיליטער. אפֿילו װען ער האָט נישט געטראַכט, אַז אײן קלאַפּ אין דער בלעך װעט זײַן גענוג װי אין צמח, כּדי דער אַראַבישער לעגיאָן זאָל אַנטלױפֿן, דאַרף מען אָננעמען, אַז ער האָט געהאַלטן, אַז פּעפּערמאַן און זארו שאַצן איבער, צוליב איבערגעטריבענער פֿאַכמענניש־קײט, די געפֿאַר, װאָס דראָט מצד דעם אַראַבישן לעגיאָן, מורא האָבנדיק,

אַז ער וועט רעאַגירן ווי אַן אייראָפּעאיש מיליטער. ווען צה"ל וואָלט גע־האַנדלט נאָר לויט די עצות פון די געוועזענע אָפיצירן פון בריטישן מיליטער, איז אַ ספק צי עס וואָלט בכלל געווען די באַפרייאונגס־מלחמה. פון דער צווייטער זייט האָט דאָס גרינגשעצן זייער רעגולערע מיליטערישע אויסבילדונג געקאָסט מפלות און קרבנות.

פעפערמאַן האָט געפאָדערט פון זארו, אַז ער זאָל זיך נישט אונטער־וואַרפן דעם באַפעל און האָט געזאָגט, „דו ביסט אַ משוגענער, אויב דו נעמסט אויף דיין פּולק, וואָס איז אַזוי שיטער און איז אפילו נישט פעאיק צו אַ פּשוטער פּאַטראָלירונגס־טעטיקייט, אַזאַ שווערע אויפגאַבע". לויט דער מיינונג פון פעפערמאַן האָט זארו קוים געקענט צונויפזאַמלען צוויי אָפּ־טיילונגען פון קעמפער. אָבער זארו האָט אויף זיך גענומען דעם דין, „ווייל אַ באַפעל איז אַ באַפעל".

מיטן מאָמענט, ווען ער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע, האָט ער זיך צו איר געגרייט מיטן גאַנצן האַרץ. כדי צו געבן זיינע מענטשן פּאַרטיידי־קונגס־מעגלעכקייטן אויף די ווענט פון באַרג אויך בייטאָג, האָט ער יעדן איינעם געגעבן אַ קילאָ אויפרייס־מאַטעריאַל, כדי זיך צוגרייטן אַן אָקאָפּע.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן דעם 17־טן אויגוסט, זענען אַרויס פיר אָפּטיילונגען פון זיינע חיילים, אין אַ צוואַנג־באַוועגונג, כדי אַרומצונעמען דעם באַרג פון ביידע זייטן. זארו האָט מיט די אָפּטיילונגען אָנגעפירט מיט דער הילף פון ראַדיאָ־טעלעגראַף פון זיין פּאָזיציע אין תלפיות. אין אָנהויב האָבן זיי געהאַט אַ הצלחה, אָבער זי איז שנעל פאַרביי. די נישט רעגולערע אַראַבישע זעלנער האָבן זיך באַפרייט פון אַלע באַגרענעצונגען און האָבן באַזעצט דעם שפּיץ באַרג, וואָס עס איז געווען פאַרבאָטן זארו און אַזוי האָבן זיי באַהערשט אַ לעבנסוויכטיקן שטח. דער אויפרייס־מאַטעריאַל האָט נישט געהאָלפן די מענטשן אויסצוגראָבן שוץ־פּאָזיציעס אין נאַקעטן פעלדזן־באָדן און זיי זענען געווען אויפגעדעקט פאַרן שטאַרקן פייער, מיט וועלכן די לעגיאָנערן האָבן באַשאָסן די ווענט פון באַרג. דער קאָמאַנדיר פון דער פּלוגה — א באַענטער פריינט פון זארו און זיין פּאַרטרעטער, זענען דער־הרגעט געוואָרן גלייך ביים אָנהויב פון דער אָפּעראַציע און די צאָל קרבנות איז גיך געשטיגן. פון זיין פּאָזיציע אין תלפיות — לויט זיין מיינונג האָט דאָס אָרט אים דערמעגלעכט אָנצוהאַלטן דעם בעסטן קאָנטאַקט מיט זיינע מענטשן און אויך האָבן איבער זיי די שליטה ביינאַכט — האָט זארו אָנגעהויבן אויסצואיבן א דרוק אויפן שטאַב פון דער בריגאַדע, וועמענס פּאָזיציע האָט זיך געפונען ביי 300 מעטער ווייטער, צו באַקומען די דערלויבעניש צו באַזעצן דעם פּאַלאַץ פון הויך־קאָמיסאַר. אָבער פעפערמאַן, דער אָפּעראַציע־אָפיציר פון דער בריגאַדע, האָט נישט באַקומען קיין פאַרבינדונג מיט משהן במשך פון אַ שעה.

עס איז היינט זייער שווער צו רעקאָנסטרואירן די אומשטענדן און

געננו פעסטצושטעלן, אין וועלכער שעה עס איז נישט געווען קיין פאַרבינדונג. לויט פעפערמאַנען איז די שעה געווען אַ פריערע און לויט זארו אַ שפּעטערדיקע. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז עס איז געווען צווישן 8 און 11 ביינאַכט. אין דער צייט איז משה נישט געווען אין דער פּאָזיציע פון דער בריגאַדע און פעפערמאַן האָט אויך נישט באַקומען קיין ענטפער פון זיין טעלעפאָן אינדערהיים. האָבנדיק א חשש, אַז דער טעלעפאָן איז קאַליע געוואָרן אין משהס וווינונג, האָט פעפערמאַן געשיקט אַ ספּעציעלן שליח און ער האָט אים געטראָפן אין שטוב. משה איז גיך אַוועק צו דער בריגאַדע־פּאָזיציע און לויט פעפערמאַנען איז ער דאָרט שוין געווען 11 אזייגער ביינאַכט.

אָן משהן האָט פעפערמאַן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן זאַרון אַ דערלויבעניש צו באַזעצן דעם פּאַלאַץ. ווען עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די אַראַבער — דווקא די נישט רעגולערע זעלנער — באַהערשן דעם לעבנסוויכטיקן שטח און אַז דער מצב פון זארוס מענטשן וועט זיך נאָך מער פאַרערגערן ווען עס וועט אָנהייבן צו טאָג, און זיי וועלן נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו האַלטן זיך אויף די זייטן פון באַרג, האָט ער אַרויסגעגעבן זארון אַ צוריקטריט־באַפעל. לויט זארו האָט ער דעם באַפעל פון פעפערמאַנען באַקומען 12 אזייגער ביינאַכט. אַנדערע עדות באַשטעטיקן די ווערסיע פון פעפערמאַנען, אַז דעם באַפעל האָט ער אַרויסגעגעבן 11 אזייגער אינאָוונט.

ווען משה איז געקומען צום בריגאַדע־שטאַב, האָט ער באַשטעטיקט דעם באַפעל פון פעפערמאַנען. אינצווישנצייט איז צעשטערט געוואָרן די פאַרבינדונג צווישן זארו און זיינע מענטשן אויפן באַרג און דער צוריקטריט פון אים איז נישט געווען קיין געאָרדנטער. זיי האָבן איבערגעלאָזט אויפן שטח פיר דערהרגעטע. זייערע פאַרלוסטן זענען געווען 9 דערהרגעטע, 21 פאַרוואונדעטע און 5 זענען אריינגעפאַלן אין אַראַבישער געפאַנגענשאַפט — א זייער שווערער פּרייז. די מפּלה איז געווען אַ פולשטענדיקע און אָנשטאָט צו הויבן די מאָראַל פון פולק „בית־חורון" און פון דער בריגאַדע, איז זי נאָך מער געפאַלן. דאָקעגן ביי די זעלנער פון אַראַבישן לעגיאָן און ביי די „מוסולמענישע ברידער" האָט געהערשט אַ געהויבענע שטימונג. לויט דער אָריענטאַלישער גוזמא האָט געטענהט דער קאָמאַנדיר פון ירדנישן פראָנט־אָפּשניט, אבדאללא טאל, אַז „אין יידישן אָנגריף זענען דערהרגעט געוואָרן העכער 50 זעלנער, צווישן זיי צוויי הויכע אָפיצירן, איינער אין ראַנג פון אַ בריגאַדע־קאָמאַנדיר און דער צווייטער, פאַרטרעטער פון דיוויזיע־קאָמאַנדיר. עס זענען פאַרוואונדעט געוואָרן נישט ווייניקער ווי 100 יידן און 12 זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. ענלעכע באַריכטן האָט מען אויך געהערט פון די „מוסולמענישע ברידער".

ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט משה צונויפגענומען די חיילים פון פולק „בית־חורון" און זיי געמאכט ביטערע פאַרווורפן. ער האָט זיי גע־

זאָגט, אַז זיי האָבן געקעמפט ווי בטלנים און פאַרשעמט דאָס געווער, וואָס מען האָט זיי געגעבן. עס קאָן זיין, אַז ער האָט דאָס געטון, כדי צו דערוועקן ביי זיי אַ העכערע מאָראַל און זיי זאָלן אַנטקעגנקומען זיין באַנייטן רוף צו מאַכן אַ דורכברוך מיט אַ פרישן כוח, געשטיצט מיט פּאַנצערס, וואָס זאָל אָנגרייפן אַלע זייטן פון באַרג און אויך דעם שפּיץ. לויט פּעפּערמאַנען זענען דאָס געווען סתם דיבורים, ווייל דער פאַרבאָט פון גענעראַל־שטאַב איז נאָך געווען אין קראַפט. אַזוי האָבן משהס רייד אַרויסגערופן פאַרביטערונג ביי די חיילים פון פּולק און האָבן ספּעציעל וויי געטון זייער קאָמאַנדיר זאַרו. לויט זיין מיינונג האָבן די מענטשן העלדיש געקעמפט און האָבן זיך נישט פאַרדינט, אַז מען זאָל זיי מאַכן שווערע פאַרוואורפן.

די פאַרביטערונג פון פּעפּערמאַנען איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער איז אַרויס פון דער זיצונג, פון משהס ביוראָ, אויף אַ דעמאָנסטראַטיוון אופן נישט זאָגנדיק אים קיין שלום. ער איז געווען אין כעס צוליב מאַנגל אין פאַכמענישקייט ביים צוגרייטן די אָפּעראַציע, „אַ מין פאַרן מיט ביידע הענט אויף דער מאַפּע, מען נעמט פון דאַנען און מען נעמט פון דאָרט". ער האָט אפילו פּראָבירט איבערצייגן זאַרו צוגיין מיט אים אין אַ דעלעגאַציע צו יגאל ידין מיט דער פאָדערונג צו באַזייטיקן משהן אַלס קאָמאַנדיר פון ירושלים. אָבער זאַרו האָט דאָס צוליב דיסציפּלין־מאָטיוון קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן. אַ געוויסע צייט האָט אין שטאַב פון דער בריגאַדע געהערשט אַ שלעכטע שטימונג און פּעפּערמאַן איז אַריבערגעפירט געוואָרן פון זיין פונקציע אַלס אָפּעראַציע־אָפיציר צו ווערן קאָמאַנדיר פונעם פּאַנצער־פּולק פון דער בריגאַדע.

במשך פון צוויי חדשים האָט משה געווידמעט פיל ענערגיע דער רעאָר־גאַניזאַציע און אויסשולונג פון דער בריגאַדע. ער האָט געהאַט דריי פּולקן: „מוריה", „בית־חורון" און אַ נייעם פּאַנצער־פּולק, אין וועלכן עס האָבן געדינט אַלס קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָנען עקיבא סער און אורי בר־און. די פאַרשטאַרקונג, וואָס די בריגאַדע האָט באַקומען, איז הויפּטזעכלעך באַשטאַ־נען פון נייע עולים און פרייוויליקע פון אויסלאַנד. זייער באַמיאונגען אריינ־צוברענגען אַ נייעם גייסט און הייבן דעם ניוואָ פון דער אויסשולונג האָבן זוכה געווען אָנערקענונג אפילו מצד זיינע קריטיקער, ווי פּעפּערמאַן און זאַרו. „משה האָט געלערנט אַ לעקציע אין פּאַלאַץ פון הויך־קאָמיסאַר און האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט דער בריגאַדע, וועלכע ער האָט באַקומען, איז אוממעגלעך דורכצופירן גרויסע אַקציעס. אָבער ער האָט זיך באַמיט אָנצו־וואַרעמען די ליניע און זאָרגן דערפאַר, אַז די חיילים פון דער בריגאַדע זאָלן זיין טעטיקער ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט" — האָט פּעפּערמאַן געזאָגט.

אין גענעראַל־שטאַב האָט געהערשט די מיינונג, אַז אין ירושלים האָט מען גיך דערפילט די פּערזענלעכקייט פון משה דיין. ער האָט נישט אויפ־געהערט צו פאָדערן אַ מיליטערישע אַקטיוויטעט, אַ באַשטעטיקונג פאַר

אָפעראַציעס און האָט אויסגעאיבט אַ פּערמאַנענטן דרוק אויפן גענעראַל־שטאַב און אויף בן־גוריונען, צוזאַמען און באַזונדער.

נאָך צוויי חדשים פון פּאָדערונגען איז משהן אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט — ווי עס איז קלאָר געוואָרן, די לעצטע — דורכצופירן אַן אָפּעראַציע מיט אַ גרויסן כוח. אין אָנהויב האָט ער געוואָלט ווירקן אין דער ריכטונג פון דרום, אויף בית לחם. דעם 15־טן אָקטאָבער, ווען אויפן דרום פראָנט האָט זיך אָנגעהויבן די אָפּעראַציע „יואב", ווען עס איז געווען צו פאַרטרייבן די מצרישע אַרמיי פון נגב, האָט ער באַנייט דעם דרוק אויף בן־גוריונען. פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט האָט זיך ממש געבעטן אַ טעטיקייט אויפן ירושלימער אָפּשניט צוזאַמען מיט דער אָפּעראַציע „יואב" אין נגב.

נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די אָפּעראַציע „יואב" און עס זענען דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע דורכברוכן אויפן מצרישן פראָנט, וואָס האָט זיך געצויגן פון חברון־באַרג ביזן מיטללענדישן ים, האָט די „הראל"־בריגאַדע, אונטער דער קאָמאַנדע פון צענטראַלן פראָנט אָנגעהויבן אַ מיליטערישע טעטיקייט קעגן די מצרישע כוחות אויפן חברון־באַרג. ידין אַלס הויפּט־אָפּעראַציע־אָפיציר, האָט געשטיצט משהס פאָדערונג אויסצונוצן זיין בריגאַדע פאַר אַן אָפּעראַציע אויפן דרומדיקן אָפּשניט פון ירושלים, אין די ראַמען פון דער אָפּעראַציע, וועלכע מען האָט גערופן „יקב". אָבער לויט זיינע רייד איז בן־גוריון בשום אופן דערויף נישט מסכים געווען צוליב פּאָליטישע מאָטיוון.

בעת בן־גוריונס באַזוך אין ירושלים, האָט משה געמאַכט אַ באַנייטן פרוּוו אים איבערצוצייגן ער זאָל מסכים זיין אויף דער אָפּעראַציע „יקב". דאָס מאָל האָט אים דאָס מזל צוגעשפּילט. מיט פרייד האָט משה באַריכטעט יגאל ידין, אַז דער פאַרטיידיקונגס־מיניסטער איז מסכים. ידין האָט אָנגעקלונגען צו בן־גוריונען און האָט פון אים באַקומען אַ מינדלעכע באַשטעטיקונג. דעמאָלט האָט ידין איבערגעשיקט משהן אַ טעלעגראַפישע באַשטעטיקונג און אַ באַפעל דורכצופירן די אָפּעראַציע „יקב". אַזוי האָט משה באַקומען דעם באַפעל פאַרן אלוף צבי איילון, דעם קאָמאַנדיר פון צענטראַלן פראָנט, וועמען דער ירושלימער אָפּשניט איז געווען אונטערגעוואָרפן. דער אופן פון באַקומען די באַשטעטיקונג ווייזט אָן אויף דער ספּעציעלער באַציאונג פון בן־גוריונען כלפּי משהן. אָבער די באַמיאונגען, וואָס ער האָט געמאַכט פאַרן באַקומען די באַשטעטיקונג און דער גרויסער צוטרוי צו וועלכן ער האָט זוכה געווען, האָבן נאָר אונטערגעשטראָכן דעם דורכפאַל פון דער אָפּעראַציע.

נאָר איין סיבה פאַרמיבערט דעם מיליטערישן דורכפאַל פון דער אָפּעראַציע: אויך דאָס מאָל האָט געווירקט דער פּאָליטישער פאַקטאָר. פאַרן „יקב" האָט מען צוגעטיילט נאָר 24 שעה, גענויער נאָר די נאַכט־שעהן פון

21־טן אויפֿן 22־טן אָקטאָבער. די סיבה פֿון דער באַשרענקונג איז באַשטאַנען אין דער פֿאַרויסגעזעענער רעזאָלוציע פֿון זיכערהייטס־ראַט, וואָס האָט זיך געדאַרפֿט צונויפֿקומען אין לייק סאַקסעס דעם 19־טן אָקטאָבער. און דער זיכערהייטס־ראַט האָט טאַקע באַשלאָסן וועגן אַ נייעם פֿייער־איבעררייס, אָנ־הויבנדיק פֿון 22־טן אָקטאָבער און וועגן צוריקציען די מיליטערישע אָפּ־טיילונגען צו די פֿריערדיקע פּאָזיציעס אין פֿאַל פֿון פֿאַרלעצן דעם פֿייער־איבעררייס. די באַשטעטיקונג פֿאַרן „יקב" און די פּאָליטישע באַשרענקונג, איז געווען אַ מין געיעג מיטן אונ"אָ־זייגער, צו וואָס ישראל איז שוין געווען צוגעוווינט זינט דעם ערשטן פֿייער־איבעררייס אין יוני און לויט וועלכן זי האָט פּלאַנירט אירע שריט אין אַלע אירע סכסוכים מיט די אַראַבישע מדינות, איינשליסלעך די 6־טאָגיקע מלחמה פֿון 1967 און די אַנטוויקלונגען נאָך איר. די מיליטערישע אקציעס פֿון ישראל זענען דורכגעפֿירט געוואָרן לויט אַ זאַמד־זייגער, וועמענס צייט־באַשטימונגען זענען געווען די באַשלוסן פֿון זיכערהייטס־ראַט וועגן פֿייער־איבעררייס. הגם אויפֿן דרום־פֿראָנט האָבן זיך געצויגן די שלאַכטן נאָכן באַשלוס פֿון זיכערהייטס־ראַט פֿון 19־טן אָקטאָבער, האָט זיך צוליב דער גרויסער פּילבאַרקייט לגבי ירושלים פֿאַרענדיקט די צייט פֿון „יקב" דעם 22־טן אינדערפֿרי.

דער סדר פֿון די אָפּעראַציעס איז געווען פֿאָלגנדיקער: אין דער צייט, ווען אין נגב איז דורכגעפֿירט געוואָרן די אָפּעראַציע „יואב", האָט דער צענטראַלער פֿראָנט אָנגעהויבן די אָפּעראַציע „אל ההר", כדי צוצושמידן די מצרישע אַרמיי צום אָפּשניט פֿון חברון־באַרג און נישט דערלאָזן, אַז זי זאָל אינטערווענירן אין די נגב־קאַמפֿן און כדי אויסצוברייטערן דעם ירוש־לימער קאָרידאָר אין דער ריכטונג פֿון דרום. די אָפּעראַציע „אל ההר" האָט די „הראל"־בריגאַדע דורכגעפֿירט מיט אַ גרויסן דערפֿאָלג. במשך פֿון פֿיר טעג האָט זי זיך געגרוקט פֿאָרויס אויף דרום פֿון דער באַן־ליניע לוד—ירוש־לים. אין דער לעצטער נאַכט פֿון דער „אל ההר"־אָפּעראַציע האָט מען משהן דערלויבט אָנצוווענדן זיין בריגאַדע אין דער אָפּעראַציע „יקב".

זיין פּלאַן איז באַווירקט געוואָרן פֿון דעם צוגאַנג פֿון יגאל ידין און יגאל אלון. דער ערשטער איז געווען אַן אָנהענגער פֿון אַרומגיין די פּאָזיציעס פֿון שונא און דער צווייטער האָט אָנגעווענדעט די טאַקטיק פֿון „אריינגיין דורך דער הינטער־טיר". דעריבער, אַנשטאָט זיך אריינצורייסן קיין בית לחם — וואָס איז געווען דער לעצטער באַריער אויפֿן וועג קיין חברון, אויף דער גלייכער ליניע פֿון דער אקס ירושלים—בית לחם, און וואָס איז געהאַלטן געוואָרן דורכן אַראַבישן לעגיאָן — האָט אויך משה געוואָלט אריינגיין קיין בית לחם דורך דער הינטער־טיר, דורכן באַרג, אויף וועמענס שפּיץ עס געפֿינט זיך דאָס שטעטל בית דזשאללא.

דער באַרג איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נאַטירלעכער באַריער און עס האָבן אים פֿאַרטיידיקט שיטערע מצרישע כוחות אין דער גרויס פֿון אַ באַטאַ־

ליאַן. אויב משהס איינהייטן וועלן איבערווינדן די טאָפּאָגראַפישע שוועריקייטן, וועלן זיי אויך לייכט באַזיגן די מצרישע זעלנער, וועלכע זענען אין אַלע הינזיכטן שוואַכער פון די ירדנער און עס וועט דערגרייכט ווערן אַן איבעראַשונג דורך אַריינדרינגען פון דער נישט דערוואַרטעטער ריכטונג.

די הויפּט־אויפגאַבע אַרויפצוקלעטערן אויפן באַרג און דעראָבערן דעם שפּיץ — איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף מאַרטס פּולק „מוריה". אַנדערע צוויי פולקן האָבן געדאַרפט פאַרזיכערן זיינע פליגלען, „בית־חורון" פון דער לינקער זייט און פּעפּערמאַנס 64־טער פאַנצער־פּולק פון דער רעכטער זייט.

אפשר דערפאַר ווייל ער איז נאָך געווען איבערצייגט, אַזוי ווי אין צמח, אַז עס איז געגנוג אַ קלאַפּ צו געבן אין דער בלעך און די מצרים וועלן זיך צעלויפן — ער האָט דאָס איבערגעחזרט פאַר זיינע חיילים — און אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט שטאַרק געגלויבט אין מאַרטן, האָט ער נישט געהאַנדלט אַזוי ווי עס איז שטענדיק געווען זיין שטייגער און נישט דורכגעפירט פריער אַן אינספּעקציע אויפן וועג פון „מוריה". מאַרט אליין האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ נאַכט־פּאַטרול פון אַ דרוזישע־אויסשפּירער, וואָס איר קאָמאַנדיר דעם שטח.

8 אזייגער אינאָוונט איז די בריגאַדע אַרויס אין וועג.ביידע פאַרזיכערונגס־כוחות — פּעפּערמאַן פון לינקס און זארו פון רעכטס — האָבן מיט הצלחה דורכגעפירט זייער אויפגאַבע און געגאַנגען פאָרויס לויטן פּלאַן. אָבער מאַרטס פּולק, וואָס האָט מיט זיינע פאַרשטאַרקונגען געציילט 6 באַטאַליאָנען, האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט פאָרויס און האָט פאַרלוירן פיל צייט.

די זעקס באַטאַליאָנען פון מאַרטן זענען אַרויס אין וועג און די ערשטע האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין פון מיס־קאַרי צו דער וואַדי, ווו עס גייען דורך די באַן־רעלסן. צי די אויסשפּירער האָבן נישט געפונען דעם וועג, וועלכן זיי האָבן אויסגעוויילט, צי די טראַסע, וועלכע זיי האָבן פעסטגעשטעלט איז באַלד פון אָנהויב נישט געווען קיין ריכטיקע — דער פּולק האָט זיך געפונען אויף אַ שטח אָן אַ וועג. דאָס זוכן אַ וועג אין דער פינצטערניש, האָט אַריינגעפירט דעם פּולק אין ווייגערטנער מיט טעראַסעס צווישן וועלכע עס איז געווען אַ הויך־אונטערשיד פון צוויי מעטער. דאָס אַראָפּגיין פון שיפּן באַרג צום וואַדי איז פאַרגעקומען אין זייער שווערע טאָפּאָגראַפישע באַדינגונגען און ווי מאַרט אליין האָט דערציילט, האָבן זיי זיך „פאַרפלאָנטערט אויף אַן אומבאַשרייבלעכן אופן און אָנגעהויבן פאַרלירן אַ סך צייט".

אינצווישנצייט האָבן די מצרים און נישט רעגולערע אַראַבישע זעלנער, וועלכע זענען געווען אין די פּאָזיציעס, וואָס זענען מיט הצלחה אָנגעגריפן געוואָרן דורך „בית־חורון" און דעם 64־טן פּולק, איבערגעוואָרפן זייערע כוחות אין צענטער פון דער מצרישער ליניע קעגנאיבער דעם פּולק פון מאַרטן. ווען דער אוואַנגאַרד־באַטאַליאָן האָט זיך סוף כל סוף דערנענטערט צום וואַדי, איז ער אַרויף אויף אַ לויערונג — אַזוי האָט זיך אויסגעדאַכט

מאַרטן. אָבער אין דער אמתן איז דאָס געווען נישט מער ווי אַ פּאָזיציע פון אַן אויטאָמאַטישער ביקס, וואָס האָט פולשטענדיק פּאַראַליזירט דעם אוואַנגאַרד־באַטאַליאָן נאָך דעם ווי עס איז געפאַלן דער ערשטער דער־הרגעטער און די איבעריקע האָבן פאַרלוירן דעם מוט.

דער טעות פון מאַרטן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין איינהייט, וואָס זאָל צושמידן די אויטאָמאַט־פּאָזיציע, כדי זי ארומצוגיין מיט אַ פיל גרעסערן כוח אין פאַרגלייך מיטן כוח פון שונא, וואָס איז געשטאַנען קעגן אים. מאַרט אליין איז געגאַנגען מיטן דריטן באַטאַליאָן, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ מרחק פון 200 מעטער פון דעם אוואַנגאַרד־באַטאַליאָן. ער האָט אָנגעהאַלטן אַ ראַדיאָ־פאַרבינדונג מיט דעם אוואַנגאַרד־באַטאַליאָן און זיין קאָמאַנדיר האָט מצליח געווען אים איבערצייגן, אַז „קיין שום זאַך וועט נישט העלפן און עס איז אוממעגלעך צו ליקווידירן די לויערונג”. משהן, וועלכער האָט אים געפאָרשט דורכן ראַדיאָ, האָט ער געענטפערט: „דאָ הערשט אַזאַ צעמישונג, אַז איך זע נישט ווי אַזוי מיר וועלן פון איר אַרויס. מען שיסט דאָ, מען שיסט דאָרט, דער אוואַנגאַרד־באַטאַליאָן קען זיך נישט רירן”.

מאַרט איז געקומען צום אויספיר, אַז אפילו ווען ער וועט טוישן דעם אוואַנגאַרד־באַטאַליאָן און וועט באַזייטיקן די מצרישע אויטאָמאַט־פּאָזיציע — לויט זיינע רייד שפּעטער, האָט מען דאָס געקענט דערגרייכן מיט צוויי־דריי חיילים — וואָלט במילא נישט געבליבן קיין סך צייט דורכ־צופירן די אָפּעראַציע. ערשטנס, וועט זיך פאַרענדיקן די צייט צוליב דער פּאָליטישער באַגרענעצונג. צווייטנס, ווען עס וועט אָנהייבן טאָגן, וועט זיין פולק, וואָס געפינט זיך אויף דער וואַנט פון באַרג, זיין אינגאַנצן אנט־בלויזט פאַר די מצרישע פּאָזיציעס, פון וועלכע עס וועט קומען אַ שטאַרק פייער. מיט אַ צייט שפּעטער האָט מאַרט געזאָגט: „איך ווייס נישט, אפשר אַן אַנדערער קאָמאַנדיר, אַ מער ענערגישער און פּעאיקערער פון מיר, וואָלט געלייזט דאָס פּראָבלעם. איך האָב דאָס פּראָבלעם נישט געלייזט. ספּעציעל פון צייט־שטאַנדפּונקט. איך האָב נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן פאַרענדיקן די אָפּעראַציע ביז פאַרטאָג”.

מאַרט האָט געבעטן אַ דערלויבעניש צוריקצוטרעטן. דער קאָמאַנדיר פון צענטראַלן פראָנט, גענעראַל צבי איילון, וועלכער איז געווען אין דער קאָמאַנדע־פּאָזיציע, האָט אויפן ראַדיאָ־טעלעגראַפישן וועג פאַראַבירט צו עצהן מאַרטן וואָס ער זאָל טון. און משה האָט געזאָגט מאַרטן: „דו אַליין ווייסט ווי וויכטיק עס איז די דאָזיקע אָפּעראַציע און איך דאַרף דיר דאָס נישט אויפקלערן. אָבער אויב דו זאָגסט, אַז דו קענסט נישט, ביסטו אליין דער קאָמאַנדיר אויפן אָרט און דו דאַרפסט באַשליסן וואָס צו טון”.

מאַרט: „אויב אַזוי באַשליס איך צוריקצוטרעטן”.

דער סך הכל איז געווען, אַז איין פּאָזיציע פון אַן אויטאָמאַטישער

מאַשין־ביקס האָט בלאָקירט דעם וועג פון פולק „מוריה" און אין רעזול־טאַט פון דעם — פון דער גאַנצער בריגאַדע. די דערגרייכונג פון דער אָפּעראַציע „יקב" איז געווען די דעראָבערונג פון דאָרף וואלדזשא, אויף מערב פון ירושלים און אויף צפון פון נחל שורק קעגנאיבער דעם היסטאָרישן ביתר. דאָס איז געווען וויכטיק ביים פעסטשטעלן די וואָפנשטילשטאַנד־ליניעס. דאָס איז געווען די איינציקע פּרוכט פון אַ שווערן דורכפאַל.

עס איז פאָרגעקומען נאָך אַ דראַמע, וועלכע עס איז כדאי צו דערמאָנען. בעת מארט און זיינע מענטשן האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אין קאַמף אויף די בארג־שטיגן, האָבן די חיילים פון 6־טן פולק פון דער „הראל"־בריגאַדע באַוויזן זיך צו דערנעענטערן צום שאַסיי בית־לחם—חברון. ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן דעם שטאַב פון „הראל", האָט דער מצרישער קאָמאַנדיר אין חברון געהאַט באַריכטעט זיין שטאַב, אַז אויב ער וועט נישט באַקומען קיין פאַרשטאַרקונג במשך פון 8 שעה, וועלן „חברון און דער גאַנצער שאַסיי ירושלים—באר־שבע זיין אין די הענט פון די יידן". אָבער נאָכן צוריקקער פון פולק „מוריה" און נאָכן דורכפאַל פון פולק „עציוני" האָט אלוף צבי איילון פאַראָרדנט פון זיין בריגאַדע־שטאַב אין בית וגן דעם קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע „הראל" צוריקצוציען די איינהייטן פון 6־טן פולק. משה האָט פראָבירט אים איבערצייגן נישט צוריקצוציען „הראל", נאָר דווקא באפעלן דער בריגאַדע פאָרצוזעצן די אָפּעראַציע. אָבער איילון האָט מורא געהאַט, אַז ווען עס וועט אָנהייבן טאָגן, וועלן אַרומגערינגלט ווערן די איינהייטן פון 6־טן פולק און וועלן לייכט פאַרניכטעט ווערן. היות זיין בריגאַדע האָט פאַרענדיקט איר אָפּעראַציע און אלוף איילון איז געווען פעסט ביי זיין שטעלונג, אַז „הראל" דאַרף זיך צוריקציען, האָט משה פאַרלאָזט די שטאַב־פּאָזיציע, געפאָרן אהיים און זיך געלייגט שלאָפן.

אָבער דער קאָמאַנדיר פון 6־טן פולק, דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צום שאַסיי בית לחם—חברון און דער קולטור־אָפיציר פון „הראל", בעני מהרשק האָבן באשלאָסן, אַז זיי וועלן זיך נישט צוריקציען. אלנפאלס, נישט פריער ווי זיי וועלן מאַכן אַן אָנשטרענג בטל צו מאַכן איילונס צוריקטריט־באַפעל. בעני מהרשק, איינע פון די וווּנדערבאַרע געשטאַלטן פון פלמ"ח און אין דער באַפרייאונגס־מלחמה, וועמענס עלטער איז געווען אין ראַנג פון אַ סערזשאַנט. מארט אליין האָט נישט באַזוכט איז געבליבן פאַר אַלעמען אַ געהיימניש, איז אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט געפלויגן מיט אַ דזשיפּ איבער די בערגיקע אומוועגן, אַרויף אויפן ירושלימער שאַסיי און ווי אַ וואַנזיניקער אַוועק צו משהן. ער האָט אים אויפגעוועקט און אים דערציילט וועגן דער מורא פון מצרישן קאָמאַנדיר אין חברון און פראָבירט אים צו געווינען פאַר דעם פּלאַן פון 6־טן פולק — נישט צוריקציען זיך, נאָר פאָרזעצן דעם אָנגריף די צווייטע נאַכט. משה האָט אים דערמאָנט, אַז דער פייער־איבערייס וועט אריין אין קראַפט 2 אזייגער נאַכ־

מיטאָג פון דעם זעלבן טאָג, דעם 22־טן אָקטאָבער און עס איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז די איינהייטן פון 6־טן פולק וועלן אַרומגערינגלט ווערן. בעני מהרשק האָט געטענהט, אַז צוליב דעם גוטן שאַנס צו דעראָבערן דעם חברון־באַרג און במילא אויך בית־לחם און דער וויכטיקער נאַציאָנאַלער באַדייטונג פון אַזאַ אַקציע, איז באַרעכטיקט די פאַרלעצונג פון פייער־איבערייס. פון משהס שטוב האָט ער זיך פאַרבונדן מיטן קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע „הראל" און באַקומען אַן אונטערשטיצונג פאַר זיין שטעלונג און אויך אַ פאַרזיכערונג, אַז „הראל" וועט זיין גרייט דורכצופירן די אָפּעראַציע אָן דער ירושלימער בריגאַדע. אויף אַזאַ אופן וועט נישט „הראל אַריינפאַלן אין אַ „טאַש", נאָר חברון וועט זיך געפינען אין זייער „טאַש".

די דאָזיקע אַרגומענטן האָבן געווירקט אויף משהן. ער האָט זיך גיך אַנגעטון און איז אַוועק מיט זיין אויטאָ אין גענעראַל־שטאַב, כדי צו באַקומען אַ באַשטעטיקונג — איבערן קאָפּ פון איילון — פאַרן המשך פון דער טעטיקייט. משהס באַמיאונגען זענען נישט געקרוינט געוואָרן מיט קיין דערפאָלג, ווייל בן־גוריון איז געווען קעגן פאַרלעצן די פאַראָרדענונגען פון זיכערהייטס־ראַט, לכל הפחות וואָס שייך דעם ירושלימער פראָנט־אָפּשניט. אזוי האָבן די איינהייטן פון „הראל" פעסטגעשטעלט די ליניע, לויט די פּאָזיציעס, וועלכע זענען געווען אונטער איר קאָנטראָל און וואָס איז זעקס חדשים שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן אַלס די וואָפנשטילשטאַנד־ליניע אין ראָדאָס־הסכם און וואָס האָט געגעבן ישראל דעם דרומדיקן אַקסל פון ירושלימער קאָרידאָר און דעם ראַיאָן פון בית גוברין.

די לעקציע פון צמח, וואָס האָט געבראַכט משהס הצלחות אין לוד און קארטיא, איז אין אַ געוויסער מאָס אויך געווען די סיבה פון די דורכפאַלן אויפן באַרג פון דעם פּאַלאַץ פון הויך־קאָמיסאַר און אין בית דזשאללא. קוקנדיק צוריק אויף די געשעענישן זעט אויס, אַז נאָר אַ טריט האָט אים אָפּגעטיילט פון דער הצלחה אויפן ירושלימער פראָנט און אין אלגעמיין איז ריכטיק געווען דער פרינציפּ, וועלכן ער האָט אַנגעווענדעט — אַז מיט מוט און גוטע איינפאַלן קען אַ קליינער כוח פון צה"ל באַזיגן אַן איבערוויגנדיקן כוח פון די אַראַבער. אָבער משה האָט געזען די שוואַכקייטן פון שונא און זיך ווי געהעריק נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון פון די שוואַכקייטן פון צה"ל און פון זיינע אייגענע פעלערן. דער מוט, מיט וועלכן עס האָבן זיך אויסגעצייכנט איינצלנע חיילים אָדער געוויסע איינהייטן, איז נישט געווען די אייגנשאַפט פון גאַנצן צה"ל. צה"ל האָט אויך נאָך נישט געהאַט די אָרגאַניזאַציאָנעלע כלים און דעם נויטיקן וויסן אויסצושולן אַ מוטיק מיליטער. משהן אַליין איז קלאָר געוואָרן דער אונטערשיד צווישן פאַרטיזאַנער־גרופּן און רעגולערע מיליטערישע איינהייטן, און ווי ער אַליין האָט שפּעטער געטענהט, האָט ער נישט באַזיצט דעם נויטיקן פאַכמענישן וויסן. די ביטערע לעקציע, וועלכע ער האָט באַקומען ביים פּאַלאַץ פון הויך־קאָמיסאַר און אין

בית דזשאללא, האָט אים גוט געדינט, ווען ער איז געווען שעף פון אָפּע־ראַציע־אָפּטיילונג און שפּעטער שעף פון גענעראַל־שטאַב און האָט פּראָבירט און מצליח געווען איינצופּלאַנצן אין די חיילים פון צה״ל דעם מוט און קאַמפּס־גייסט פון פּאַרטיזאַנער און גלייכצייטיק זיי געבן דעם וויסן און תורה פון פּראָפעסיאָנעלן זעלנער.

דער דורכפאַל אין בית דזשאללא האָט פּאַראַליזאַכט אַ שאָדן זיין רע־פּוטאַציע אַלס מיליטער־מאַן, וואָס ער האָט דערוואָרבן אין לוד און קארטיא. צו זיינע אָנערקענטע אייגנשאַפטן — מוט, אָריגינאַליטעט און איינפאַלע־רישקייט, — האָט די עפנטלעכע מיינונג איצט צוגעגעבן נעגאַטיווע אייגנ־שאַפטן. מען האָט אים אָנגעהויבן רופן „פּאַרטיזאַנער", „באַלאַגאַניסט", „היציקער" און „געפערלעכער".

משה האָט נישט געמאכט מאַרטן דעם קלענסטן פאָרוואורף, נישט אין פּריוואַטן געשפּרעך און נישט בעתן באַהאַנדלען פון דער אַקציע אין דער בריגאַדע. הגם דער דורכפאַל אין בית דשאללא האָט אים שטאַרק ווי געטון, מער ווי די מפלה אויפן באַרג פון פּאַלאַץ פון הויך־קאָמיסאַר, האָט ער נישט געמאכט קיין פאָרווורפן מאַרטן און זיינע מענטשן, ווי ער האָט דאָס געטון כלפּי זארו און זיינע חיילים. אין פלוג האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ דיסקרימינאַציע כלפּי זארו, דורך אַרויסווייזן אַ ספּעציעלע באַציאונג צו מאַרטן אלס אַלטן און נאָענטן פריינט, ווערלכן ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין לעבן. אָבער פּאַקטיש האָט משה געפונען אַ פּאָר פונקטן לטובת מאַרטן, ווייל „ער האָט זיך באַמיט לויט זיינע בעסטע מעגלעכקייטן. דאָס איז נישט אַזוי ווי דו זאָגסט ווען אָנצוגרייפן און שטורעמען און דערנאָך ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט נישט אַטאַקירט און נישט געשטורעמט און אַפילו זיך נישט גערירט פון אָרט. מאַרט האָט פּראָבירט און זיך באַמיט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז זיין צייט האָט זיך געענדיקט און איך בין אָנגעקומען צו ווייט. מען קאָן קריטיקירן דעם אָפּעראַטיוון ניוואָ. אָבער עס קאָן נישט זיין קיין פּערזענלעכע קריטיק צוליב זיינע באַמיאונגען און אָנשטרענגונגען".

ביי זיך איז משה געקומען צו דער מסקנה בנוגע דער אָנפירערשאַפט און אָפּעראַטיווער פעאיקייט פון זיין פריינט. ער האָט ווייטער מיט אים אָנגעהאַלטן נאָענטע פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען און ווען מאַרט איז פאַר־וואונדעט געוואָרן אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, איז משה געזעסן ביי זיין בעט אין שפּיטאָל און ווי ווייט מעגלעך אים געהאָלפן. אָבער זיין גורל אין צה״ל — בעת משה איז געווען שעף פון גענעראַל־שטאַב — איז פאַר אים אַנטשידן געוואָרן אין דער נאַכט אין בית דזשאללא. זיין אַוואַנסירונג איז אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַ געוויסע צייט איז ער געווען קאָמאַנדיר פון פּולק „מוריה" און דערנאָך פון אַן אַנדערן פּולק, אַלס אָפּעראַציע־אָפיציר אין אַ בריגאַדע און פאַרטרעטער פון קאָמאַנדיר אין נגב־קרייז. אין 1953 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס מיליטערישער גובערנאַטאָר אין אַראַבישן

דרייעק און איז אויף דעם אַמט געבליבן ביז 1962. ער האָט פאַרנומען נאָך אַ פּאָר אַנדערע אַמטן אין צה"ל און אין 1968 זיך באַפרייט פון מיליטער, אין עלטער פון 51 יאָר, אין ראַנג פון סגן־אלוף, וואָס איז דער ראַנג פון אַ פּולק־קאָמאַנדיר, וואָס ער האָט געהאַט אין 1948.

משהס פּאָליטישע טעטיקייט אַלס קאָמאַנדיר פון ירושלים איז געווען גרעסער ווי די מיליטערישע. די ענינים פון די וואָפנשטילשטאַנד־הסכמים, וואָס זענען דערגרייכט געוואָרן ביי דער פאַרמיטלונג פון בערנאַדאָטן, האָבן אים געבראַכט צו אַ פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט די אָפיצירן פון אַראַבישן לעגיאָן און ספּעציעל מיט קאָלאָנעל אַבדאַללאַ אל טאל, מיט אונ"א־פאַרשטייער, פרעמדע דיפּלאָמאַטן, באַאַמטע פון ישראלדיקן אויסערן־מיניסטעריום און בראש פון זיי דער אויסערן־מיניסטער משה שרת מיט זיינע געהילפן אליהו ששון און ראובן שילוח און מיט דעם, וועלכער האָט געהאַט די וויכטיקסטע באַדייטונג פאַר זיין צוקונפט, דעם פּרעמיער און פאַרטיידיקונגס־מיניסטער דוד בן־גוריון.

דאָס הויז, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס רעזידענץ פון קאָמאַנדיר פון ירושלים האָט געהערט צו אבקאַריוס ביי, אַ קריסטלעכער אַרמענער, איינער פון די אָנגעזעענסטע אַדוואָקאַטן פון מאַנדאַט־ירושלים, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידישער פרוי. ער איז געשטאָרבן אין 1947 און זיין אלמנה איז אַרויסגעפאָרן קיין אייראָפּע. דאָס אבקאַריוס־הויז — אַזוי האָט מען עס גערופן — איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ גרויסן הויף מיט אַ גאָרטן. דער הויף האָט געהאַט אַ פּאַרק־פּלאַץ, אַ גאַראַזש און צוויי טויערן אין דעם שטיינערנעם פּלויט, אַ הויפּט־איינגאַנג און אַ טויער פאַר באַדינונגען. דער בנין איז געבויט געוואָרן פון ירושלימער שטיינער און איז באַשטאַנען פון 2 שטאָק מיט אַ קעלער. ווען דער עטיאָפּישער קייסער, היילע סעלאַסיע האָט געפּראַוועט גלות אין ירושלים, האָט ער געוווינט מיט זיין משפחה אין דעם הויז. דאָס הויז איז לויט ישראלדיקע באַגריפן געווען אַזוי גרויס, אַז אין 1952 — דאָס לעצטע יאָר וואָס ער האָט געוווינט אין דעם הויז — איז עס איינגעטיילט געוואָרן אויף דריי טיילן: אַ רעפּרעזענטאַנץ־דירה פאַר איינעם פון די מיניסטאָרן, אַ דירה פאַר דער משפחה דיין און וווין־צימערן פאַר סטודענטן, וועלכע האָבן פאַרענדיקט דעם מיליטער־דינסט. זיי האָבן דעם הויז געגעבן אַ נייעם נאָמען: רמת־דיין.

רות דיין האָט געפירט אַ געזעלשאַפטלעך לעבן און פאַרוואַנדלט דאָס הויז אין אַ ישראלדיקן און אינטערנאַציאָנאַלן טרעף־פּונקט. פאַר דער פונקציע האָט זי מיט זיך געבראַכט די דערפאַרונג פון אירע עלטערן און אין דער שפּראַך פון עזר וויצמאַן, וועמענס חתונה מיט ראומה (רותס שוועסטער) שוואַרץ איז פאַרגעקומען אין הויף פון הויז — "די שוואַרציאַדע האָט באַהערשט די דייניאַדע". רות האָט איינגעפירט אַ טראַדיציע פון אַן אָפענער שטוב יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג. אָבער די גרויסע צאָל באַזוכער —

נאָטאַבלען, קרובים, פריינט, בני נהלל, רעגירונגס־מענטשן, מיליטער־לייט, זשורנאַליסטן, טוריסטן און סתם בייגעריקע, האָבן דערפירט צו דעם, אַז דאָס הויז איז געווען אָפן אַ גאַנצע וואָך, אויך אין די נעכט. די אומאָרדענונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז די געסט האָבן געקענט מיטנעמען אָנדענק־זאַכן פון דער שטוב, צווישן זיי מער ווי איין זייגער פון רות. די געסט, נישט נאָר וואָס זיי האָבן זיך זייער אָפט נישט געקענט, נאָר אין אַ סך פאַלן זענען זיי אויך געווען אומבאַקאַנט פאַר די גאַסטגעבער. עזר וויי־צמאַן געדענקט אַזאַ טיי־שעה: אַן אַמעריקאַנער טוריסט האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט דעם, וואָס יעדעס מאָל וואָס ער האָט גענומען דעם דערלאַנגטן כיבוד, האָט ער געוואָרפן אַ נערוועזן בליק אויפן זייגער. צום סוף האָט ער מיט צאָרן געזאָגט: „אָט בין איך דאָ און זיץ שוין העכער אַ שעה און קיינער האָט זיך נישט מטריח געווען מיך פאָרצושטעלן פאַר די באַלעבאַטים״. ווען וויצמאַן האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר רותן, ווען די באַלעבאַטים״. ווען וויצמאַן האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר רותן, וועלכע האָט אים געזאָגט, אַז משה וועט נישט קומען, ווייל ער איז זייער באַ־שעפטיקט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גאָר איינגעלאַדן געוואָרן צום בירגערמייסטער דניאל אויסטער, וועלכער האָט געווינט אין דעם שכנותדיקן הויז.

די פונקציע פון קאָמאַנדיר פון ירושלים איז אויך געווען פאַרבונדן מיט אָנהאַלטן קאָנטאַקטן מיט דער פרעסע. פאַקטיש, חוץ דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב יעקב דורי און דעם שעף פון דער אָפעראַציע־אָפּטיילונג יגאל ידין, איז משה געווען דער איינציקער אָפיציר אין צה״ל, וואָס האָט געקענט רעדן אין זיין נאָמען. אַזוי, בעת אַנדערע צה״ל־קאָמאַנדירן, מיט אַ העכערן ראַנג פון אים און גרעסערע מיליטערישע פאַרדינסטן זענען געבליבן אומבאַקאַנט פאַרן ברייטן ציבור, האָט ער זוכה געווען צו ווערן באַרימט.

זיינע באַציאונגען מיט דער פרעסע זענען געווען אויסגעצייכנטע. ירושלים איז שטענדיק געווען אַן אָביעקט פון אַ ברייטער וועלט־פאַר־אינטערעסירונג. זיינע דערקלערונגען זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַלע אויסלענדישע צייטונגען און נישט איין מאָל אויף די ערשטע זייטן פון די וויכטיקסטע צייטונגען. אין זיינע דערקלערונגען איז ער געווען קלאָר, האָט געענטפערט שנעל אויף פראַגן און זיינע ווערטער זענען געווען באַגלייט מיט שארם און הומאָר. ער האָט געוווסט גוט אָפּצוהיטן זיין כבוד און האָט געהאַט אַ בייגונג צו גרויסהאַלטונג, וואָס האָט זיך געשטאַרקט אין פאַרלויף פון די יאָרן. אָבער די דאָזיקע בייגונג האָט ער אַרויסגעוויזן כלפי די ממונים איבער אים. כלפי דעם ציבור איז ער קיינמאָל נישט געווען אָנגעבלאָזן. די דאָזיקע אייגנשאַפט איז אים געבליבן נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן שעף פון גענעראַל־שטאַב און מיניסטער. עס זעט אויס, אַז דאָס איז אַרויסגעפלאָסן פון צוויי מקורות. איין מקור איז געווען דאָס עסטע־

טישע געפיל, און דער צווייטער — די נאַטירלעכקייט אין קאָנטאַקטן מיט מענטשן. דאָס געשפּרעך מיט אים האָט שטענדיק געהאַט אַ מענטשלעכן אַספּעקט. די זשורנאַליסטן האָבן געפילט, אַז ער רעדט נישט מיט זיי ווי אַ מיליטערישער קאָמאַנדיר פון ירושלים, נאָר ווי אַ מענטש, וועלכער פירט אויס אַ באַשטימטע פונקציע לגבי מענטשן, וועלכע דערפילן אַן אַנדערע אויפגאַבע. אלוף טל געדענקט, אַז ווען ער איז געווען קאָמאַנדיר פון דער אָפיצירן־שול און משה דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, איז ער באַאיינדרוקט געוואָרן פון דעם אופן פון זיין רעדן מיט שילער, ווי ער וואָלט געווען איינער פון זיי. פאַקטיש איז ער געווען ענלעך צו די מענטשן, וועלכע האָבן מיט אים אָנגעהאַלטן קאָנטאַקטן אין ירושלים, ווי ער וואָלט פאַרגעזעצט זיינע שפּילן און קאָנקורסן מיט זיינע חברים אין נהלל. דער קאָנטאַקט מיט אים איז געווען אָנגענעם און אָפט פאַרוויילעריש, הויפּטזעכלעך אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אָפיצירן און באַאַמטע, וועלכע זענען געווען אָנגעבלאָזן און זיך געהאַלטן ביי פאָרמעלע צערעמאָניאַלן.

עס זענען געווען זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן געזען אין משהס נישט אָנגעבלאָזענער האַלטונג און אין זיין דירעקטן אופן פון רעדן נישט אַן אויסדרוק פון זיין פּערזענלעכקייט, נאָר אַ פּשטות, וואָס פליסט אַרויס פון מאַנגל אין דערציאונג און אייראָפּעאישער סובטעלקייט. די האָבן אָנגענומען זיינע רייד אַזוי ווי זיי זענען געזאָגט געוואָרן און האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז עס פעלט אים די סאַטיספאַקציע. דאָס איז געווען אַ טעות, וואָס איז אויסגעבעסערט געוואָרן אַ פּאָר יאָר שפּעטער. עס זעט אויס, אַז פון ערשטן מאָמענט אָן האָט ער געוווסט ווי אַזוי אונטערן דעקמאַנטל פון פּשטות, כלומרשט, אויסצובאַהאַלטן פאַרבאָרגענע כוונות און אַנדייטונגען. נאָך מער. זיינע באַציאונגען מיט דער פּרעסע זענען געווען מער קאָמפּליצירט ווי דאָס האָט אויסגעזען אויפן ערשטן אויגנבליק. דער קאַפּיטאַן אַלעקס ברוידע, וועלכער האָט געאַרבעט אין משהס שטאַב, האָט צווישן אַנדערן געזאָרגט פאַרן אימאַזש פון משה דיין אלס מיליטער־מאַן און דיפּלאָמאַט. ברוידע האָט געקענט זייער גוט ענגליש און ער האָט דערוואָרבן אַ דערפאַרונג אין זיינע קאָנטאַקטן מיט דער פּרעסע בעת ער האָט געאַרבעט מיט משה פּערלמאַן אין מלוכהשן פּרעסע־ביוראָ. צווישן די חיילים פון דער „ציוני״־בריגאַדע זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך באַצויגן צו ברוידען ווי צו משהס פּערזענלעכן אָפיציר פאַר עפנטלעכע ענינים.

איינע פון זיינע בולטע דערגרייכונגען איז געווען דאָס, וואָס ער האָט „פאַרקויפט״ משהן צום אַמעריקאַנער זשורנאַל „לייף״ אַלס צוקונפטיקן פּרעמיער פון ישראל. אין דעם נומער פון 18־טן יולי 1949, איז פּובליצירט געוואָרן אַן אילוסטרירטער רעפּאָרטאַזש אונטערן קאָפּ „דאָס נייע ישראל״. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער גרויסער פאָרטרעט פון משהן און דער פאַקט, אַז ער איז געווען דער איינציקער צה״ל־קאָמאַנדיר, וועלכער

איז דערמאָנט געוואָרן אין דעם רעפּאָרטאַזש. אין טעקסט איז געזאָגט געוואָרן: „די טראַדיציע פון גיבורים ווערט געפלעגט (אין ישראל). דער יונגער שיינער זעלנער מיטן אויגן־לאַפּ, האָט פאַרלוירן זיין אויג אין דער ענגלישער מלחמה קעגן ווישי־מיליטער אין סיריע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָבער ער האָט אויך געפירט אַ שווערע מלחמה קעגן די אַראַבער און איצט, חוץ דעם וואָס ער איז קאָמאַנדיר פון ירושלים, ווערט ער אויך באַטראַכט אַלס וואָנטועלער פּרעמיער אין דער צוקונפט".

ווי ברוידע דערציילט, האָט ער טיף געגלויבט, אַז משהס פעאיקייטן און גרויסקייט וועלן אַנטפּלעקט ווערן פאַרן ברייטן ציבור און אַלע וועלן אים וועלן פאַר אַ פּרעמיער. ער האָט בישט געהאַט קיין שום ספק, אַז אין פאַר־לויף פון אַ פּאָר יאָר וועט משה שטיין ביים רודער פון דער מדינה. מיט דעם דאָזיקן ברענענדיקן גלויבן האָט ער אָנגעשטעקט דעם פאָטאָ־קאָרעס־פּאָנדענט פון „לייף". אין צה"ל האָט דער דאָזיקער רעפּאָרטאַזש אַרויסגע־רופן אַ פאַרוווּנדערונג. משה איז בישט געווען צווישן די בולטע קאָמאַנדירן פון דער באַפרייאונגס־מלחמה. דער חשבון פון רווח און פאַרלוסט אין זיינע קאַמפן האָט אים בישט געגעבן דעם זכות צו רום. ער איז געוואָרן באַרימט אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז געווען פון די געציילטע אָפיצירן, וועלכע צה"ל האָט דערלויבט צו פּובליצירן זייערע נעמען און פונקציעס.

דאַקעגן אין מפא"י האָט מען דעם רעפּאָרטאַזש אין „לייף" באַטראַכט אַלס חוזק. בישט נאָר וואָס בן־גוריון איז געווען אין פולן פּאָליטישן שוווּנג, אין שפּיץ פון זיין פּאַרטיי־כוח און נאַציאָנאַלער באַרימטקייט, נאָר אפילו אין דער צווייטער ריי פון די פּאַרטיי־עסקנים האָט קיינער בישט געטראַכט וועגן אָפּטרעטן אים אַן אָרט. ער איז נאָך באַטראַכט געוואָרן אַלס איינער פון דער פאַרנעפּלטער גרופּע, וועלכע מען האָט גערופן אין די פּאַרטיי־קאָרידאָרן די „יונגע". דער רעפּאָרטאַזש אין „לייף" איז, אין בעסטן פאַל, געווען אַ פּריצייטיקע נבואה.

אין פּלוג איז געווען אַ סימן פון זיין פאַרשריט אין דער פּאַרטיי דורך דעם, וואָס ער איז אריינגענומען געוואָרן אין דער כנסת־ליסטע צו די ערשטע וואַלן, וועלכע זענען פאָרגעקומען דעם 25־טן יאַנואַר 1949. דער דאָזיקער פאַקט האָט אפשר געגעבן ברוידען דעם גלויבן, אַז זיין קאָמאַנדיר וועט מאַכן אַ גיכע פּאָליטישע קאַריערע. אין די ערשטע כנסת־וואַלן האָט מפא"י אָפּגעהאַלטן דעם גרעסטן ביז היינט נצחון — 46 פון 120 דעפּוטאַטן. דער נצחון איז אינגאַנצן צוגעשריבן געוואָרן בן־גוריונען. משה, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן 43־טן אָרט, איז געווען איינער פון דער גרופּע מיליטער־לייט און זיכערהייטס־מענטשן — אסף שמחוני, יואל פּלגי און משה נצר — וועלכער איז אריינגענומען געוואָרן אין דער מפא"י־ליסטע אַלס קעגנגעוויכט צו דער ליסטע פון מפ"ם, צו וועלכער עס האָבן געהערט

די וויכטיקסטע קאָמאַנדירן פון דער באַפרייאונגס־מלחמה, ווי יגאל אלון, משה כרמל, שמעון אבידן און אַנדערע. מפא״י האָט געוואָלט באַווייזן דעם ציבור, אַז אויך זי האָט יונגע, וועלכע האָבן אַ חלק אין דער באַפרייאונגס־מלחמה. אָבער קעגן די גענעראַלן און פראָנט־קאָמאַנדירן פון מפ״ם האָט זי געקענט אַרויסשטעלן נאָר איין קאָמאַנדיר פון אַ בריגאַדע, משהן, וועלכער איז אויך געווען אַ גרינער אויף זיין אַמט.

אַז דאָס אַרויסשטעלן די יונגע אויף דער מפא״י־ליסטע צו דער ערשטער כנסת איז געמאַכט געוואָרן צוליב פראָפּאַגאַנדע טעמים, באַווייזט דער פאַקט, אַז משה און אַנדערע מיליטער־לייט האָבן דעמיסיאָנירט פון דער כנסת — נאָך איידער זיי זענען איינגעשווירן געוואָרן — און האָבן זיך צוריקגעקערט צו מיליטערישער טעטיקייט. אַזוי איז פון פאָרויס פאַראייינבאַרט געוואָרן. טראָץ דעם, וואָס דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט כבוד, איז געווען קלאָר, אַז דאָס אַרויסשטעלן אים אויף דער קאַנדידאַטן־ליסטע אויף אַ רעאַלן אָרט איז בישט געווען קיין אויסדרוק פון כוח און השפעה איבערהאַלב מפא״י.

טראָץ דעם איז פאָרגעקומען אַ וועזנטלעכע ענדערונג אין זיין פּאָזיציע פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, וואָס האָט זיך נאָך נישט אַזוי געוואָרפן אין די אויגן. פונקט ווי די אַנפירערשאַפט איבערן פראָנט־אָפּשניט פון די דגניות און פון קאָמאַנדאָ־פּולק 89 האָבן אים צוריק אַרויפגעפירט אויפן וועג פון דער מיליטערישער קאַריערע, אַזוי האָט אים די פונקציע פון קאָ־מאַנדיר אין ירושלים אַריינגעפירט אין העכסטן ראַנג פון דער ישראלדיקער פּאָליטישער וועלט.

זיין דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָר טעג נאָך זיין דורכפאַל אויפן באַרג פון פאַלאַץ פון הויך־קאָמיסאַר. דער שעף פון די אונ״אָ־אָבסערוואַטאָרן, מאַיאָר־גענעראַל (דערנאָך לייטענאַנט־גענע־ראַל) וויליאַם ריילי, האָט סוף אויגוסט 1948 צונויפגערופן פאָרשטייער פון די מיליטערישע כוחות פון ירדן, מצרים און ישראל צו אַ באַגעגעניש אין מאָנאַסטיר (אשורים) ביים יפו־טויער אין ירושלים, כדי צו באַהאַנדלען די לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין ראַיאָן פון פאַלאַץ נאָך דער שלאַכט פון 17־טן אויגוסט. פון איין זייט האָבן די אַראַבער געהאַלטן די פּאָזיציעס, וועלכע זיי האָבן דעראָבערט אויפן שפּיץ באַרג, און פון דער צווייטער זייט האָט צה״ל קאָנטראָלירט די שול־פאַרמע און דעם אַראַבישן קאָלעדזש.

אין דעם מצב האָט יעדער צד געהאַט אַ פאָרצוג און אַ חסרון, און דעריבער אויך אַ פּרעטעקסט צו באַנייען די קאַמפן, כדי זוכה זיין צו אַ פולן פאָרטייל. דאַקעגן איז די אונ״אָ געווען פאַראינטערעסירט צו דערגרייכן אַ פולע דעמיליטאַריזאַציע פון ראַיאָן פון דעם פאַלאַץ, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען דער שטאַב און די אָבסערוואַטאָרן. די באַגעגעניש האָט זיך פאַרענדיקט אָן שום רעזולטאַטן. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס וועט אויך זיין דער גורל פון דער צווייטער באַגעגעניש, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 5־טן

סעפּטעמבער. אָבער דאָס מאָל האָט משה געמאַכט אַן אומדערוואַרטן שריט.

„ווען די ענינים האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט און די פאַרמיטלונג פון די אונ״אָ־לייט — וועלכע זענען אין דער פראַגע פון ירושלים אויך געווען אַ צד — האָט נישט אויסגעזען צו זיין דער בעסטער וועג צו לייזן די פּראָבּלעמען — דערציילט דיין — האָב איך פאָרגעלייגט אַבדאַללאַ טאַל, אַז מיר ביידע זאָלן אויף אַ פּאָר מינוט פאַרלאָזן דעם קאָנפערענץ־זאַל און כאַפּן אַ שמועס אין דערבייאיקן צימער״.

קאָלאָנעל טאַל, קאָמאַנדיר פון ירדנישן ירושלים, איז געווען אַן אַראַבּישער פאַנאַטיקער, אָבער אַ לאָגיש־דענקנדיקער און איז נישט געווען אַזוי פאַרבלענדט ווי אַנדערע אַראַבּישע מיליטערלייט און פּאָליטיקער. צה״ל־פאַרשטייער האָבן ביי אים געפונען אַ מין נאַטירלעכע אָנשטענדיקייט, „אַן אייגנשאַפט, וואָס איז געשטאַרקט געוואָרן דורך זיין בריטישער מיליטערישער דערציאונג, וואָס האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ דרך־ארץ פאַר טרוקענע פאַקטן און פּינקטלעכקייט״. משה האָט איינגעזען, אַז קאָלאָנעל טאַל „איז געשטאַנען העכער פון אַלע אַראַבּישע פּערזענלעכקייטן, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן אין יענער תקופה״ און ער האָט איינגעזען, אַז ער פאַרמאָגט „אַ מענטשלעך געפיל און אַ סך מוט״.

ביידע האָבן געפונען אַ בשותפותדיקע שפּראַך. נאָך אַ פערטל שעה פון אַ געהיימער באַראַטונג זענען זיי צוריקגעקומען און געמאָלדן די באַטייליקטע אין דער קאָנפערענץ, אַז זיי האָבן באַשלאָסן איינצושטעלן אַ דירעקטע טעלעפאָנישע פאַרבינדונג צווישן די קאָמאַנדירן פון ביידע טיילן פון ירושלים „נישט דורכן שטאַב פון די אונ״אָ־אָבסערוואַטאָרן״. גענעראַל ריילי איז געווען „מער ווי איבעראַשט״, ווען ער האָט געהערט די דאָזיקע מעלדונג — צוליב דער פּלוצימדיקער און אומדערוואַרטער ווענדונג. משה האָט אים באַמערקט זאָגנדיק: „איבעראַשונגען זענען נישט דער בעסטער טייל פון לעבן״.

די באַגעגעניש צווישן משה און קאָלאָנעל טאַל איז געווען די ערשטע צווישן די פאַרשטייער פון ישראל און פון ירדנישן קעניגרייך. פון 1934 האָט זיך אליהו ששון, פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דער סוכנות, געטראָפן מיטן קעניג (דעמאָלט נאָך עמיר) אַבדאַללאַ, פּונקט ווי ער האָט זיך געטראָפן מיט אַנדערע אַראַבּישע הערשער און פּאָליטיקער. אָבער מיטן קעניג איז ער געווען נאָענט צו אַ הסכם וועגן ארץ־ישראל. נאָך דעם 11־טן יאַנואַר 1948 האָט ששון געשיקט אַ בריוו צו אַבדאַללאַ, אין איינקלאַנג מיט די אָנווייזונגען פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג וועגן „אַ הסכם צווישן אונדז און דער נויטווענדיקייט צו געפינען אַ וועג צו זיין שנעלער פאַרווירקלעכונג״ און אויך „אייער אַריינמישונג (פון דער ירדן־מלוכה) אין אַראַבּישן טייל פון ארץ־ישראל און זיין דעראָבערונג״.

עס האָט אויסגעזען, אַז קעניג אַבדאַללאַ וועט מסכים זיין אויפן אונ״אָ־

באַשלוס וועגן צעטיילן ארץ־ישראל אויף אַ יידישער מדינה און אַן אַראַ־בישער מדינה — מיטן באַדינג, אַז זי וועט אַנגעשלאָסן ווערן אין זיין קעניגרייך. איידער עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה אין 1948, אייניקע טעג פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה דעם 14־טן מאַי, האָט זיך מיט אים געטראָפן גאָלדע מאיר (דעמאָלט מאירסאָן). זי איז געפאָרן צו אים איבערגעטאָן פאַר אַ מאַן — כדי צו באַהאַנדלען מיט אים די אויבנ־דערמאָנטע פראַגע און אים באַוועגן נישט צוצושטיין צו דער מלחמה פון די אַראַבישע מדינות קעגן מדינת ישראל נאָך איר אַנטשטייאונג. אַבדאַללאַ איז מסכים געווען מיטן באַדינג, אַז עס וועט אַנטשטיין אין ארץ־ישראל איין מדינה מיט אַן אויטאָנאָמיע אין די יידישע טיילן און נאָך אַ יאָר וועט דאָס לאַנד זיין אונטער זיין מאַכט. פרוי מאיר האָט אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג און האָט אַפילו געשטעלט אַן אולטימאַטום, אַז אויב דער לעגיאָן וועט זיך באַטייליקן אין דער מלחמה, וועט זיך ישראל נישט זען געבונדן מיט אירע פריערדיקע פאָרשלאָגן, דהיינו, איר הסכמה, אַז די אַראַבישע טיילן פון ארץ־ישראל זאָלן אַנגעשלאָסן ווערן צו דער ירדן־מלוכה. מיט דעם זענען איבערגעריסן געוואָרן די קאָנטאַקטן צווישן ירדן און ישראל.

די באַגעגעניש צווישן משהן און טאַלן איז געווען די ערשטע זינט עס זענען אויסגעבראָכן די קאַמפן, צווישן פאָרשטייער פון ישראל און ירדן אָן דער אָנוועזנהייט פון אַ דריטן צד, דאָס הייסט פון דער אונ״אָ. דאָס איז געווען די הויפּט־באַדייטונג פון דער באַגעגעניש פון שטאַנדפּונקט פון זיין פּאָליטישן וועג. ווייל שוין דעם 5־טן סעפּטעמבער האָט משה געוואָלט אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיטן צווייטן צד — סיי פאַר אַ מלחמה און סיי פאַר אַ שלום — און לויט זיין מיינונג איז דער אונ״אָ־אַפּאַראַט געווען פאַראינ־טערעסירט אַלס פאַרמיטלער אויפצוהאַלטן אַן אַ סוף די באַריערע און נישט דערלאָזן צו אַ דירעקטן קאָנטאַקט צווישן ישראל און אירע שכנים.

דאָס פאַרלייגן אַ דירעקטע טעלעפאָן־ליניע צווישן אים און קאַלאַנעל אַל־טאַל איז געווען אַן אויפבליץ פון אַ געדאַנק פאַר אַ פּראַקטישער לייזונג. אַזוי, האָט משה געטראַכט, וועלן זיי ביידע קענען „לעשן שריפות״, וואָס זענען אַליין אויסגעבראָכן קעגן דעם ווילן פון ישראל און ירדן. עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז אין די אומשטענדן פון יענע טעג איז דאָס געווען אַן אָריגינעלע לייזונג. פאַר אַ מענטש מיט אַ רעאַליסטישן צוגאַנג צו פּראָב־לעמען ווי משה, זענען די פּראַקטישע לייזונגען געווען וואָרצלען פאַר דער פּאָליטישער אויפפאַסונג, וואָס וואַקסט פון זיי אַרויס. פון דעם מאָמענט אָן זענען זיינע מעשים אויפן פּאָליטישן געביט געווען נישט ווייניקער וויכטיק ווי זיין געדאַנקען־גאַנג. און די קאָנקרעטע מעשים האָט ער דער־גרייכט מיט זיין פּערזענלעכן שאַרם, פאַרנונפט, שנעלער מחשבה, אָפּנ־האַרציקייט, וואָס דערוועקט צוטרוי. די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָבן אים געהאָלפן ברענגען טאַלן צו אַ פּראַקטישער רעגולירונג, אויף וועלכער אַנדערע,

און ער צווישן זיי, וועלן באַזירן די אויפפאסונג, וואָס זאָגט: דירעקטע פאַרהאַנדלונגען מיט די אַראַבער, אָדער גאָרנישט.

די דירעקטע טעלעפאָן־ליניע איז אויך געווען דער ערשטער אויסדרוק פאַר זיין שפּעטערדיקער אָנשויאונג, ווען ער איז געוואָרן שעף פון גענעראַל־שטאַב, אַז די אונ״אָ איז אַ פאַקטאָר, וואָס טיילט פאַנאַנדער, און נישט וואָס דערנעענטערט ישראל און די אַראַבישע לענדער. אין איינקלאַנג מיט דעם האָבן זיך געמערט די באַגעגענישן צווישן אים און טאַלן, ביז זיי זענען געוואָרן אַ מין סטאַבילע אינסטאַנץ, וועגן וועלכער עס באַריכטעט די פּרעסע. פאַר און נאָך יעדער באַגעגעניש זענען איבערגעגעבן געוואָרן קאָמוניקאַטן וועגן דעם סדר־היום און באַריכטן וועגן דעם פאָרשריט פון די פאַרהאַנדלונגען. אַזוי האָבן משה און טאַל געלייזט פּראָבלעמען אָן דער פאַרמיטלונג פון אונ״אָ, וואָס זענען אַרויסגעפלאָסן פון הסכם וועגן פייער־איבערייס, ווי: ברענגען ישראל־אַרבעטער אויפן הר הצופים, דעמיליטאַריזירן שטחים, אויסטויש פון געפאַנגענע, דורכגאַנג־דערלויבענישן פאַר פּילגרימען און צום סוף — די פאַרטיילונג פון דעם הפקר־שטח. די הצלחה פון דירעקטע קאָנטאַקטן האָט דערפירט צו דעם, אַז עס איז געשלאָסן געוואָרן אַ הסכם צווישן די אָרטיקע קאָמאַנדירן אין ירושלים און דערנאָך, ווען משה איז דעם 29־טן יוני 1949 נאָמינירט געוואָרן צו שטיין בראש פון אַלע וואַפנשטילשטאַנד־קאָמיסיעס פון ישראל און די אַראַבישע מדינות אין נאָמען פון גענעראַל־שטאַב, האָט ער געוואָלט אויפשטעלן אַ סיסטעם פון הסכמים צווישן די אָרטיקע קאָמאַנדירן אויף אַלע פראָנט־אָפּשניטן אָן דער פאַרמיטלונג פון די אונ״אָ־אָבסערוואַטאָרן. זיין הנחה איז געווען, אַז ישראל וועט אָנערקענט ווערן דורך אירע שכנים אַדאַנק איר אייגענעם כוח. פון איין זייט האָט די דאָזיקע אויפפאַסונג געהאַט פּאָזיטיווע אַספּעקטן, ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די קאָנטאַקטן מיט טאַלן אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט די אויפפאַסונג וועגן דירעקטע קאָנטאַקטן געקענט דערפירן צו קאָמפּס־אויסברוכן, ווי דאָס האָט טאַקע פּאַסירט.

אין אָנהויב פון זיין פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישן וועג האָט משה אַרויסגעוויזן אַ געוויסע באַאיוויטעט. אין די באַגעגענישן צווישן משהן און טאַלן איז קודם־כל דערגרייכט געוואָרן אַ הסכם וועגן אַן „אויפריכטיקן פייער־איבערייס״, וואָס איז אַריין אין קראַפט דעם 1־טן דעצעמבער 1948. די באַצייכענונג „אויפריכטיקער פייער־איבערייס״ איז געווען משהס. זיין כוונה איז געווען צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן הסכם וועגן פייער־איבערייס, וואָס איז אָנגעוואָרפן געוואָרן די צדדים מיטן כוח פון באַשלוס פון זיכער־הייטס־ראַט — און דעם הסכם, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן פון פרייען ווילן. דאָס באַנוצן זיך מיטן טערמין „אויפריכטיק״ אין פאַרהאַנדלונגען און אין אַ דיפּלאָמאַטישן דאָקומענט האָט אָנגעוויזן אויף דער נאַאיוויטעט, אויב נישט אויפן מאַנגל אין דערפאַרונג. אינטערעסאַנט דערביי איז דאָס, וואָס

משה האָט דאָס נישט געפילט, ביז עס האָט אים דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט דער אונ״אָ־פּאַרמיטלער, ד״ר ראַלף באַנטש. זיין אלף־בית פּאַר משהן איז געווען, אַז יעדער הסכם איז פון פאָרויס געבויט אויף דער הנחה, אַז ער איז אויפריכטיק. און אויב די געשעענישן באַווייזן אַנדערש, קאָן אַ גוט וואָרט נישט ענדערן די לאַגע.

משה איז זייער גיך געוואָרן אַן אָנטיילנעמער אין געשפּרעכן אויפן העכסטן ראַנג וועגן באַשטימען די פּאָליטיק לגבי דעם פייער־איבעררייס. אין פּרעסע־קאָמוניקאַט פון 12־טן דעצעמבער 1948 ווערט געזאָגט, אַז נאָך די פאַרהאַנדלונגען וועגן פאַראייגבאַרטן סדר־היום, האָט סגן־אלוף משה דיין פאָרגעלייגט, אַז אין אָנבליק פון דעם פולן איינשטעלן דעם פייער־איבעררייס אין ראַיאָן פון ירושלים, האָט נישט קיין זין צונויפצורופן קיין ווייטערדיקע זיצונגען, סיידן מען וועט אויף זיי באַהאַנדלען „דאָס פאַרוואַנדלען דעם פייער־איבעררייס אין אַ וואָפנשטילשטאַנד, וואָס וועט מיט זיך ברענגען אַ סטאַבילן „שלום״. לויט דער מעלדונג, האָט קאָלאָנעל טאַל איבערגעגעבן, אַז ער דאַרף זיך צוערשט באַראַטן מיט זיין רעגירונג, כדי צו באַקומען נייע אָנווייזונגען.

דאָס איז געווען די ערשטע קלאָרע אָנדייטונג וועגן אָנהויב פון דירעקטע און געהיימע געשפּרעכן צווישן ישראל און ירדן אין וועלכע משה האָט געשפּילט אַ ראָל, וואָס איז באַצייכנט געוואָרן דורך בן־גוריונען אַלס אַ „וויכטיקע״.

אין סעפּטעמבער האָט אליהו ששון באַנייט זיינע קאָנטאַקטן מיט דער ירדנישער רעגירונג און זיך געטראָפן אויף געהיימע געשפּרעכן מיט אירע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער אין פּאַריז און אין לאָנדאָן. די דאָזיקע קאָנטאַקטן, און אין רעזולטאַט פון זיי ששונס באַגעגעניש אין ירושלים מיט זיין גוטן פריינט ד״ר שאוכאט סאַטי, דעם פּערזענלעכן דאָקטאָר פון קעניג אַבדאַללאַ, האָבן זיך אַנטוויקלט אין אַ סעריע באַגעגענישן מיטן קעניג אַליין, וואָס האָבן דערפירט צו אַ הסכם וועגן וואָפנשטילשטאַנד צווישן ישראל און ירדן.

דעם 10־טן דעצעמבער האָט משה, ביי דער פאַרמיטלונג פון טאַלן, איבערגעוויזן דעם קעניג אַבדאַללאַ אַ נאָטע פון אליהו ששון, אין וועלכער ער האָט געבעטן „איר זאָלט זיין אַזוי גוט און דעלעגירן אַ פאַרטרויעלעכן מענטש זיך צו טרעפן מיט מיר און מיט מיר פאַרהאַנדלען״. דער קעניג האָט זיך צו דעם באַצויגן פּאָזיטיוו און ביז סוף דעצעמבער האָבן זיך ששון און משה דיין אייניקע מאָל געטראָפן מיט טאַלן און מיט ד״ר שאוכאט סאַטי און האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אַ ריי באַגעגענישן מיטן מלך.

דעם 4־טן יאַנואַר האָבן בן־גוריון און משה שרת באַפולמעכטיקט אליהו ששון און ראובן שילוח פון אויסערן־מיניסטעריום, און סגן־אלוף משה דיין, און זיי געגעבן פולע קאָמפּעטענצן „צו פאַרהאַנדלען און שליסן אַ הסכם

מיט זיין מאַיעסטעט דעם קעניג, כדי צו פֿאַרענדיקן די מלחמה־אַקציעס און איינשטעלן שלום־באַציאונגען צווישן ישראל און ירדן". שילוח האָט געדאַרפֿט קומען אויפֿן אָרט פֿון ששון, וועמענס טעטיקייטס־געביט איז געווען אין אייראָפּע.

די ערשטע באַגעגענישן מיטן קעניג אַבדאַללאַ (דעם 16־טן און 30־טן יאַנואַר) זענען מן הסתם פֿאַר משהן געווען מער איינדרוקספֿול. זיי זענען פֿאָרגעקומען אין שטרענגער געהיימניש. משה און ששון האָבן געטראָגן פֿרעמדע מונדירן און זיי זענען אַריבער די גרענעץ ווען עס איז צוגעפֿאַלן די נאַכט צווישן 6 און 7 אַזייגער. זיי זענען געפֿאָרן אין מיליטערישן אויטאָ פֿון אַל־טאַל, וועלכער האָט זיי געבראַכט אין קעניגלעכן פּאַלאַץ אין אַל־שונא. די וועכטער, וועלכע זענען געשטאַנען אויף די קאָנטראָל־פּונקטן, האָט טאַל נישט דערלויבט צו באַלייכטן דעם אויטאָ, און כדי דורכצופֿאָרן אומגעשטערט, האָט ער פֿונדערווייטנס געשריגן: „דאָס איז קאָלאָנעל אַל־טאַל". פֿאַר גרעסערער זיכערהייט האָט משה אַראָפּגענומען דעם שוואַרצן אויגן־לאַפּ און האָט אָנגעטאָן שוואַרצע ברילן.

אַל־טאַל האָט אויך ביידע אָפּגעפֿירט קיין ירושלים. היות די צווייטע באַגעגעניש האָט זיך שטאַרק פֿאַרצויגן, האָט שוין אינדרויסן געטאָגט, ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין ירושלים. אַבדאַללאַ טאַל, וועלכער האָט מורא געהאַט מען זאָל נישט דערקענען זייַנע ישראלדיקע פּאַסאַזשירן, האָט זיי באַפֿוילן זיי זאָלן זיך אויסלייגן אויף דער פּאָדלאָגע פֿון אויטאָ און האָט זיי אַפֿילו צוגעדעקט מיט אַראַבישע קעפּיעס. אויף אַזאַ אופֿן, צוגעדריקט איינער צום צווייטן, זענען משה און ששון אָנגעקומען קיין ירושלים מיט צעבראָכענע אברים.

דאָס אינטערעסאַנטע, פֿון שטאַנדפּונקט פֿון משהס פּערזענלעכקייט, איז געווען דאָס, וואָס טראָץ דעם בכבודיקן קעניגלעכן מעמד און אָן שום ספֿק אויך איינדרוקספֿולער באַגעגעניש פֿאַר אַ מענטש, וועלכער באַזוכט צום ערשטן מאָל אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ, האָט ער נישט דורכגעלאָזט קיין קלייניקייטן. די ערשטע זאַך, פֿון וועלכער ער האָט הנאה געהאַט אין אַל־שונא, איז געווען צו זען ווי דער קעניג איז מכבד ששונען מיט אַ קוש אין מויל. עס איז געווען קלאָר, אַז ער קוקט זיך צו פֿון דער זייט און אין האַרצן איז בישטאָ קיין פּיצל קנאה צו זיין חבר אין דער שליחות, און ער טראַכט דערביי וועגן דעם הויכן פּרייז פֿון אָט דעם כבוד. איין זאַך, פֿון וועלכער ער האָט הנאה געהאַט, זענען געווען די באַציאונגען צווישן פּרוי גאָלדע מאיערסאָן און זיין קעניגלעכן מאַיעסטעט. לויט דעם וואָס טאַל האָט דערציילט ששונען און משהן אויפֿן וועג פֿון ירושלים קיין אַל־שונא, איז אַבדאַללאַ נישט געווען צופֿרידן פֿון דער באַגעגעניש מיט גאָלדען אין מאַי 1948. טאַלס ווערטער האָט דיין איבערגעגעבן אין זיין אייגענעם סטיל: „מיר יידן קענען אַוועקשטעלן אין שפּיץ אונדזערע פֿרויען לויט אונדזער איינ־

זען, אָבער צו דערוואַרטן, אַז ער, דער קעניג אַבדאַללאַ בן כוסיין, זאָל אָננעמען אַן אולטימאַטום און זיך אָפּהאַלטן פון אַ מלחמה אויפן סמך פון אַ וואָרענונג מצד אַ פרוי — נישט ביי אים!" דיין האָט צוגעגעבן, אַז לויט זיין מיינונג וועט איר דער קעניג נישט קענען מוחל זיין דעם פעלער, וואָס ער האָט נישט געהערט איר עצה און איז אריין אין דער מלחמה. לויט ששונען איז די באַגעגעניש נישט געלונגען צוליב דעם איבערזעצער, וועלכן גאָלדע האָט מיט זיך מיטגענומען.

ווען דער קעניג האָט געפרעגט ששונען, לויט די העפּלעכקייטס־מאַניערן, וואָס עס מאַכן די ישראל־מנהיגים, דער פּרעזידענט ווייצמאַן, דער פּרעמיער דוד בן־גוריון, אויסערן־מיניסטער משה שרת און אַנדערע, האָט משה אומגעדולדיק געוואַרט אויפן מאָמענט, ווען ער וועט זיך פרעגן אויף גאָלדע מאירסאָן. דערנאָך האָט ער געשריבן: „און ווען ער איז געקומען צו גאָלדע מאיר און מען האָט אים געזאָגט, אַז זי איז אין מאָסקווע (ווו זי איז געווען אַמבאַסאַדאָר), האָט ער מיט צומאַכן די אויגן און מיט אַ האַנט־באַוועגונג געענטפערט: „כאַלוֹא הונאק, כאלוא הונאק" (לאָזט זי דאָרט איבער, לאָזט זי דאָרט איבער).

כדי צו פאַרזיכערן אַ גוטע אַטמאָספער בעת די געשפּרעכן, האָט דער קעניג פריער געזאָרגט פאַר אַ פייערלעכן אָונט־ברויט. „בעת דעם עסן האָט מען נישט גערעדט וועגן די ענינים פון די פאַרהאַנדלונגען. דאָס עסן האָט זיך געצויגן ביי אַ שעה. צו יעדן מאַלצייט האָט מען דעם קעניג געבראַכט אַ טעפּל זויער־מילך — אַ באַליבט מאכל, וואָס איז געקומען מיט יעדער פאַרציע פליישׂ און רייז, ביז די פרוכטן. דעם קעניג אַליין האָט מען דערלאַנגט אַ געווירץ, מיט וועלכן מען האָט די געסט נישט מכבד געווען — אַ פאַרשעק פון צעמאַלענע בלומען און שמעקעוודיקע בלעטער, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט אין אַ זילבערנעם שאַכטל. נאָכן עסן האָט דער קעניג פאַרגעשטעלט די פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן באַהאַנדלט ווערן און האָט רעקאָמענדירט די אַנוועזנדיקע צו פירן די געשפּרעכן אין אַ גוטער שטימונג. זיינע ווערטער האָט ער דורכגעפלאָכטן מיט בעדואינישע משלים און האָט אויפגעקלערט, אַז אונדזערע פאַרהאַנדלונגען זענען ענלעך צו אַ שווער אָנגעלאָדענעם וואָגן. כדי מען זאָל קענען דערגרייכן דעם ציל, דאַרף מען בהדרגה אַראָפּנעמען די פּראָבלעמען־פּעקלעך, וואָס זענען פאַר אונדז אַ לאַסט" — האָט געשריבן משה.

צווישן די שורות קען מען אַרויסלייענען משהס פאַראינטערעסירונג מיט די געווירצן פון קעניג. מען פילט אויך די אומגעדולד צוליב דעם בעדואינישן אופן פון פירן די פאַרהאַנדלונגען. וועגן דעם איז אויך פאַראַן די עדות פון אליהו ששון, וועלכער האָט, טראָץ דעם וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט קושן פון קעניג, געהאַלטן אַן אויג אויף זיין פּאַרטנער. דער אונטערשיד אין זייערע אָנשויאונגען וועגן זייערע באַגעגענישן מיטן קעניג, זאָגט

עדות אין אַ געוויסער מאָס אויף די אונטערשידן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן צווישן דעם צוגאַנג פון די צה״ל־אָפיצירן, דעם יונגן ישראל־דור, און די מענטשן פון אויסערן־מיניסטעריום, וועלכע זענען געווען די ותיקים אין דער געוועזענער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דער סוכנות. פון איין זייט איז געווען דער 34־יאָריקער משה, אַ תכלית־שטרעבנדיקער, ענער־גישער, וועלכער האָט געוואָלט דערגרייכן קאָנקרעטע מעשים, און פון דער צווייטער זייט דער 50־יאָריקער אליהו ששון, אַ געבוירענער אין סיריע, פון 1934 טעטיק אין דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דער סוכנות, אַ מומחה פאַר אַראַבישע ענינים און פאַר קאָנטאַקטן מיט אַראַבער. ששון איז געווען צווישן די, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז מיט פּריינטשאַפטלעכע און וואַרעמע מענטשלעכע באַציאונגען קען מען לייזן אינטער־נאַציאָנאַלע פּאָליטישע פּראָב־לעמען און דערפירן צו אַ שלום.

די פראַגע, צוליב וועלכער ששון און משה זענען געפאָרן קיין אַל־שונא, איז געווען, ווי מען האָט זי דאַן גערופן — אויסטויש פון געפאַנגענע. פאַקטיש זענען אין דער ישראל־געפאַנגענשאַפט געווען נישט מער ווי העכער 10 ירדנישע געפאַנגענע, דאַקעגן זענען אין די הענט פון לעגיאָן געווען ביי 700 ישראלים, פיל פון זיי זקנים, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין גע־פאַנגענשאַפט אין דער אַלט־שטאָט פון ירושלים און אין גוש עציון. דאָס באַפרייען די געפאַנגענע איידער די מלחמה פאַרענדיקט זיך אויפן אָפיציעלן וועג, האָט באַדייט אַ וויתור מצד ירדן אויף אַ וויכטיקן אַטוט אין די פאַר־האַנדלונגען. ששון האָט געהאַלטן, אין איינקלאַנג מיט זיין צוגאַנג און פּאָליטישער אויפפאַסונג, אַז מען וועט קענען באַפרייען די ישראל־געפאַנ־גענע מיט הומאַניטאַרע מאָטיוון, וואָס וועלן אויפגעקלערט ווערן דעם קעניג לויט די כללים פון מזרח.

דערציילט ששון: „ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אַל־שונא — עס איז געווען 9 אזייגער אין אָוונט — האָט מיך דער קעניג געזען אין מונדיר און איז איבערראַשט געוואָרן. ער האָט צו מיר געזאָגט, ,עליאס, אויך דו האָסט קענגן אונדז געקעמפט?'. האָב איך אים געזאָגט, ,יא סאידנא (אונדזער האַר) דאָס זענען נישט קיין צה״ל־מונדירן, נאָר פרעמדע מונדירן, וואָס מיר האָבן אָנגעטון, כדי צו קומען צו דיר'. דעמאָלט האָט ער מיר געגעבן אַ קוש. איך האָב געזען ווי דיין ווערט צעזעצט פון געלעכטער.

„דערנאָך האָט אונדז דער קעניג אַריינגעפירט אין אַ גרויסן זאַל, אין וועלכן מיר זענען געזעסן אין דער געזעלשאַפט פון הויכע הויף־באַאַמטע און גערעדט וועגן פאַרשידענע ענינים, נאָר נישט וועגן דעם עניין, צוליב וועלכן מיר זענען געקומען. ווי זיין שטייגער, האָט דער קעניג געדאַרפט ווייזן ווי ווייט ער באַהערשט די אַראַבישע ליטעראַטור און געשיכטע און האָט אָנגעהויבן אַרויסברענגען פערל פון די אוצרות פון דער אָריענטאַלישער חכמה און האָט געפרעגט רעטענישן, וועלכע די הויף־מענטשן האָבן אָן

שוועריקייטן געקענט לייזן, אָבער קיינער האָט נישט געגעבן דעם ריכטיקן ענטפער, מאַכנדיק דעם אַנשטעל פון איבעראַשונג און זיי האָבן אויסגעדריקט התפעלות, ווען די תשובה איז געקומען פון קעניג אַליין. אין צווישנצייט גייט די צייט פאַרביי און איך זע ווי דיין איז שטאַרק אומגעדולדיק און די גאַנצע צייט זאָגט ער צו מיר, ׳נו, צוליב וואָס זענען מיר געקומען?׳ און איך זאָג: מען דאַרף האָבן געדולד״.

„ווען עס איז געקומען די צייט, האָט אונדז דער קעניג איינגעלאַדן צו דער סעודה אין אַן אַנדערן זאַל. בעת דער סעודה האָט מען אוודאי נישט גערעדט וועגן דעם עצם ענין. און איך האָב געהאַט מיין כוונה, ווי אַזוי צוצוקומען צו דער טעמע. אָבער דיין האָט אויף מיר געדריקט און געדריקט. און איך ווייס, אַז מען רעדט נישט וועגן עסקים מיטן קעניג בעת דער סעודה״.

מיר זענען צוריקגעגאַנגען צום ערשטן זאַל. אָבער גלייך נאָכן עסן פאַסט נישט דירעקט צוצוטרעטן צום ענין. דעמאָלט האָט דער קעניג אָנגעהויבן דערציילן פאַרשידענע לעגענדעס און רעטענישן. אָבער דער זייגער איז נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט און עס איז שוין געוואָרן נאָך חצות. און דיין זאָגט צו מיר, „ווו האָסטו מיך פאַרפירט? צוערשט רעטענישן, דערנאָך אוונט־ברויט און איצט מזרח־לעגענדעס. מיר זענען דאָך געקומען וועגן עפּעס אַן ענין. און וואָס האָבן מיר געטון, גערעדט און געגעסן?׳ און אויף זיין פּנים זע איך, אַז ווען ער וואָלט נאָר געקענט, וואָלט ער מיר דערהרגעט אויפן אָרט. איך האָב אים געזאָגט: געדולד״.

„צום סוף, ווען לויט מיין מיינונג איז געקומען די פּאַסיקע שעה, האָב איך געזאָגט צו דיינען, ׳איצט וועלן מיר אויפשטיין׳. מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט, ער און איך. אויך דער מלך האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט אונדז אָנגעהויבן באַגלייטן צום אַרויסגאַנג. און איך האָב געוווסט, אַז בדרך כלל צעקושט מען זיך ביים אַוועקגיין — אַזוי איז געווען בעת די פריערדיקע באַגעגענישן. און ווען דער קעניג איז צוגעקומען מיך אַרומנעמען, האָב איך אַריינגערוקט מיין האַנט אין זיין ברייטן גאַרטל און אים געהאַלטן. דאָס איז אַ מנהג פון דער אַראַבישער אַריסטאָקראַטיע. און אויב דו ביסט מצליח דאָס צו טון, איז אַלץ וואָס דו ווילסט בעטן, ווערסטו באַקומען״.

„דער קעניג האָט אויפגעהויבן די הענט און געזאָגט! ׳עליאַס, בעט נאָר דאָס מעגלעכע׳, דאָס הייסט, איך בין אונטער דיין פּאַטראָנאַט און דו קאָנסט בעטן וואָס דו ווילסט. איך האָב געזאָגט, ׳איך וועל בעטן נאָר דאָס מעגלעכע׳ און איך האָב נישט אַרויסגעצויגן די האַנט. דאָס איז געווען אַ ספּעקטאַקל. אַלע שטייען און קוקן זיך צו, צווישן זיי דיין און טאַל. איך האָב געזאָגט: ליבער קעניג, עס זענען דאָ ביי אייך 700 פרויען, קינדער, זקנים און זעלנער, די רעגירונג גיט אויס געלט, כדי זיי אויסצוהאַלטן, פאַרוואָס האַלט מען זיי אין געפאַנגענשאַפט, צוליב וואָס? גיט אונדז זיי אַרויס״.

לויט דער ווערסיע האָט דער קעניג אויסגעפּרעגט טאָלן אַ ריי פּרטים און צום סוף געגעבן זיין הסכמה זיי צו באַפרייען, זאָגנדיק צו שושנען: „וועגן פּרטים דערליידיקט מיט טאָלן".

משהס ווערסיע איז אַן אַנדערע. לויט איר איז פאַר דער רייזע קיין אַל־שונא געפירט געוואָרן אַ דירעקטער און לאַנגער משא ומתן מיט אַל־טאָלן. ערשט נאָך דעם ווי עס זענען פאַראייניבאַרט געוואָרן כמעט אַלע פּרטים און ווען עס איז אויפגעקלערט געוואָרן, אַז דער קעניג איז געגויגט צו באַ־שטעטיקן די באַפרייאונג פון די געפאַנגענע, איז ער מיט שושנען געפאָרן קיין אַל שונא, כדי צו באַקומען דעם אָפיציעלן הכשר. פאַר משהן איז דאָס אַריינשטעקן די האַנט אין גאַרטל פון קעניג געווען אַ פאַרביקער און סימפאַ־טישער פּרט אין דער גאַנצער פּרשה, אָבער נישט דאָס האָט דעצידירט. די שווערע צוגרייטונגס־אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן פריער. משה האָט צוגע־שריבן די באַפרייאונג פון די 700 געפאַנגענע דעם מוט און דער פּערזענ־לעכקייט פון אַל־טאָל. „ער האָט מסכים געווען און רעקאָמענדירט דעם קעניג זיי צו באַפרייען, נישט וואַרטנדיק אויפן וואָפנשטילשטאַנד־הסכם. אַל־טאָל האָט געוווסט, אַז מיט דעם פאַרלירט ער אַ וויכטיקע קאָרט (און גאָט האָט געוווסט אויף ווי ווייט אבדאללא אַל־טאָל האָט זיך צו יענער צייט גענויטיקט אין פאַרהאַנדלונגס־קאָרטן!), אָבער ער האָט פאַר זיך געזען די הומאַניטאַרע זייט פון פּראָבלעם. ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל זייער שנעלע באַפרייאונג, האָט ער צוגעגעבן, אַז ער וועט זיך פילן פיל בעסער, ווען ער וועט וויסן, אַז זיי זענען שוין נישט מער אין מאַפרעק (מדבר־שטעטל אין ירדן)".

דערציילנדיק וועגן דעם, אַז די באַפרייאונג פון די געפאַנגענע איז צוגעגריט געוואָרן פאַר דער פייערלעכער באַגעגעניש מיטן קעניג, האָט משה אייניקע מאָל איבערגעחזרט די ווערסיע, אַז אַל־טאָל האָט אים געבעטן צו אינסצעניזירן קעגן אים אַן אָנגריף אין דער ישראל־פּרעסע. אַזוי וועט ער נישט באַטראַכט ווערן אַלס אוהב ישראל און פאַרעטער צוליב דעם, וואָס די געפאַנגענע זענען באַפרייט געוואָרן פאַר דער צייט און בשלום. „די דאָזיקע בקשה, לפּחות, האָב איך געקענט דערפילן. און אַזוי זענען דער־שינען אָנגריף־אַרטיקלען קעגן אַל־טאָלן אין דער ישראלדיקער פּרעסע" — האָט געשריבן משה. אין „פּאַלעסטיין פּאָסט" (היינט „דזשערוזאַלעם פּאָסט") פון 26־טן דעצעמבער — אַ קורצע צייט פאַר דער באַגעגעניש אין אַל־שונא — איז דערשינען אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל "דער אַראַבישער לעגיאָן האָפּט אָפּצורייניקן ירושלים פון יידן", וואָס אַטאַקירט שטאַרק אַל־טאָלן צוליב זיין עקסטרעמער אַנטי־יידישער שטעלונג. אַל־טאָל שרייבט־צו־ דעם דאָזיקן אַרטיקל צו זיין זכות אין זיין זכרונות־בוך.

צום שלוס פון דער פּרשה דאַרף מען צוגעבן, אַז אַל־טאָל האָט אָפּגע־וואָרפן דעם פאָרשלאָג וועגן באַצאָלן פאַר באַנוצן זיך מיט די מיליטערישע

אויטאַס, מיט וועלכע מען האָט געדאַרפט איבערפירן די געפאַנגענע און פאַר דער באַגלייט־קאַלאַנע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז צומאָרגנס אינדערפרי וועט ער באַקומען אין אַ קאָנווערט די סומע געלט, וואָס מען וואָלט געדאַרפט באַצאָלן פאַר די ירדנישע ציווילע אויטאָס. איצט איז געשטאַנען די פראַגע ווער וועט איבערגעבן טאַלן דאָס געלט. שוין האָט געטענהט, אַז ער וועט דאָס נישט קענען טון, ווייל ער דאַרף אָפפליען קיין ראָדאָס און זיך דאָרט אַנשליסן אין דער ישראל־דעלעגאַציע, וואָס האָט אָנגעהויבן די געשפּרעכן מיט דער מצרישער דעלעגאַציע. און משה האָט זיך אָפּגעזאָגט צו מישן געלט־ענינים מיט זיינע באַציאונגען מיט אל־טאַלן. דאָס פּראָבלעם איז געבראַכט געוואָרן פאַר בן־גוריונען, וועמען ביידע האָבן אָפּגעגעבן אַ פולן דין וחשבון. בן־גוריון האָט באַשלאָסן, אַז שוין וועט פאָרן קיין ראָדאָס און משה וועט זיך פאַרנעמען מיט באַפרייען די געפאַנגענע און מיט אַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען מיט דעם פאַרבונדן. אַזוי האָבן דעם 3־טן פעברואַר אָנגעהויבן צו קומען די ערשטע געפאַנגענע, וועמענס צוריקקער איז איינגעטיילט געוואָרן אויף אייניקע טראַנספּאָרטן.

דער מענטש, וועלכער האָט געגעבן אָנווייזונגען און האָט דעצידירט און איז געשטאַנען הינטער די ישראל־דעלעגאַציעס צום קעניג אבדאללא, איז געווען בן־גוריון. לויט שוונען, האָט אים בן־גוריון געזאָגט, אַז ער זאָל מיטנעמען משהן אַלס באַגלייטער. דערנאָך האָט זיך משה אַליין באַטייליקט אין דער מערהייט ישראל־דעלעגאַציעס, וואָס האָבן זיך געטראָפן מיטן קעניג ביזן דערגרייכן דעם הסכם און פעסטשטעלן די וואָפנשטילשטאַנד־ליניעס.

די וואָפנשטילשטאַנד־געשפּרעכן צווישן ישראל און ירדן זענען געפירט געוואָרן אין צוויי ערטער: דער אויסערלעכער און פאָרמעלער משא ומתן איז פאָרגעקומען אין רויזן־האָטעל אין ראָדאָס, און די געהיימע, דעצידירנדיקע פאַרהאַנדלונגען אין קעניגלעכן פּאַלאַץ אין אל־שונא. וואַלטער איתן, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אויסערן־מיניסטעריום און דער פאָרזיצער פון דער ישראל־דעלעגאַציע אין די וואָפנשטילשטאַנד־געשפּרעכן האָט געהאַלטן, אַז דער קעניג האָט בכוונה געשיקט קיין ראָדאָס מענטשן, וועלכע „מאַכן נישט קיין איינדרוק" און זענען נישט פעאיק צו פירן אונטערהאַנדלונגען, וואָס האָט אים געגעבן אַ דעקונג צו פירן אין געהיים די געשפּרעכן אין זיין פּאַלאַץ אַליין און מיטן וויסן פון זיינע נאָענטסטע הויף־מענטשן. אַזוי זענען דעם 28־טן פעברואַר 1949 צוריקגערופן געוואָרן קיין ישראל די וויכטיקסטע מיטגלידער פון דער ישראל־דעלעגאַציע, כדי אָפּצוהאַלטן געהיימע באַגעגענישן מיטן קעניג און זיינע באַראַטער.

משה האָט די גאַנצע צייט געהאַט אַ קריטישן צוגאַנג, וועגן וועלכן ער האָט אינפאָרמירט די שטאַב־מיטגלידער פון דער „ציוני"־בריגאַדע, וועגן דעם אופן פון פירן די פאַרהאַנדלונגען מיטן צווייטן צד דורך די ישראל־פאַרשטייער פון אויסערן־מיניסטעריום. נאָך איינער פון די ערשטע באַגעגענישן

מיט אל־טאַלן אין דעצעמבער 1949, אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט ראובן שילוח, איז משה צוריקגעקומען פול מיט כעס. ווי ער האָט דערציילט זײַנע נאָענטע, האָט ער אַליין געזען אין דער באַגעגעניש מיט אל־טאַלן אַ געלעגנהייט פאַר אַ דיאַלאָג און הויפּטזעכלעך זי אויסצונוצן, כּדי צו הערן די מיינונג פון קעגנער. אָבער שילוח האָט געהאַלטן לאַנגע רעפעראַטן און נישט געלאָזט אל־טאַלן קומען צום וואָרט. פאַר משהן איז דאָס געווען אַ פראַגע פון פאַרנונפט. דו טרעפסט זיך מיט דײַן פיינט בשעת דעם פייער־איבערייס, וואָס וועט אפשר באַנייט ווערן, דו ווילסט עפּעס פון אים לערנען, אָפּהאַלטן אַ דיאַלאָג און אים באַאײַנפלוסן, אָבער די מענטשן פון אויסערן־מיניסטעריום האָבן בדרך כּלל אָפּגעגעבן דעקלאַראַציעס.

אַפילו בן־גוריון איז נישט געווען געזיכערט קעגן משהס קריטיק. אין דער צייט זענען די קאָנטאַקטן צווישן ביידע געווען אָפּטע און בן־גוריון האָט אינסטרואירט משהן ערב זײַנע באַגעגענישן מיט אל־טאַלן און מיטן קעניג אבדאללא. נאָך די באַגעגענישן האָט משה אים אָפּגעגעבן אַ גענויעם באַריכט און ביידע האָבן אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען ערב דעם משא ומתן וועגן וואָפן־שטילשטאַנד־הסכּם מיט ירדן. פון די דירעקטע קאָנטאַקטן האָט זיך געשאַפן אַ נאָענטקייט צווישן דעם 34־יאָריקן משהן און 62־יאָריקן „אַלטן", וועלכער האָט עוסק געווען אין פּאָליטיק שוין 40 יאָר.

די רעספּעקט־באַציאונג פון משהן צו בן־גוריונען האָט זיך אין אָנהויב נישט אַזוי געשטיצט אויפן גלויבן אין דער וויזיע און תורה פונעם מנהיג, ווי אויף די רעזולטאַטן פון די טאָג־טעגלעכע מעשׂים. די באַציאונג צום אָפּאַר־ראַט פון די אונ"אָ־אָבסערוואַטאָרן, די פראַגן פון פייער־איבערייס אין ירושלים, דאָס אונטערוואַרפן זיך דעם באַפעל פון זיכערהייטס־ראַט וועגן פייער־איבערייס אָדער זײַן פאַרלענגונג, די פאַרהאַנדלונגען מיטן ירדנישן קעניגרייך און אירע אויסווירקונגען אויף דער מיליטערישער טעטיקייט — דאָס זענען געווען פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַרויסגערופן זייער שאַרפע מיינונגס־פאַר־שידנהייטן צווישן בן־גוריונען און משה שרתן. דאָס איז געווען אַן אָפּשפּיגל פון טיפע חילוקי דעות צווישן די ביידע, וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק אויף אַ שאַרפן אופן ערב דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישׂראל משה שרת איז דעמאָלט צוריקגעקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ ער האָט אָפּגע־האַלטן אַ געשפּרעך מיטן דעמאָלטיקן אויסערן־מיניסטער גענעראַל דזשאָרדזש מאַרשאַל, וועלכער האָט אַרויסגערוקט אַ ריי אַרגומענטן פאַרוואָס מען דאַרף אָפּלייגן די פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישׂראל און זי זאָל נישט פאַרקומען דעם 14־טן מאַי 1948. אין געשפּרעך אונטער פיר אויגן האָט שרת געזאָגט בן־גוריונען, אַז ער פערזענלעך איז איבערצייגט געוואָרן פון מאַרשאַלס אַרגו־מענטן און האָט אייַנגעפונען, אַז ער איז גערעכט. בן־גוריון האָט אים געבעטן, אַז ער וועט איבערגעבן דעם פאָלקס־ראַט מאַרשאַלס ווערטער, זאָל ער דער־

ביי נישט צוגעבן זיין פערזענלעכע שטעלונג. שרת איז נאָכגעקומען בן־גוריונס בקשה.

משה דיין איז דעמאָלט געווען אַ טיפּ, וועלכן מען האָט אין צה״ל גערופן מיטן ענגלישן וואָרט „פייטער״ (קעמפער). צו די פּאָליטישע באַראַטונגען מיט בן־גוריונען און שרתן איז ער געפאָרן מיט אַ דזשיפּ אויסגעשטאַט מיט אַן אויטאָמאַטישער ביקס. ער איז געווען שטאַרק באַאיינדרוקט פון די ברייטע האָריזאָנטן, וועלכע בן־גוריון האָט פאַר אים געעפנט. „צום ערשטן מאָל האָבן זיך פאַר מיר געעפנט די פּאָליטישע הימלען און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס זענען פאַראַן פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס פאָדערן אַן אַנטשיידונג״ — האָט משה דערציילט.

משה איז פון זיין נאַטור געגאַנגען מיט בן־גוריונען דעם אַקטיוויסט, און נישט מיט שרתן, וועלכער „האָט שטענדיק געזען די ענינים אין אַנבליק פון די באַלדיקע שוועריקייטן״. אָבער ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו בן־גוריונען, האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז זיין אַקטיוויזם, וואָס זעט אויס צו זיין אומדערשיטערט אין פאַרגלייך צו שרתן, איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ טיפן שיקול הדעת. שרת איז געווען באַאומרואיקט פון דעם, וואָס עס וועלן זאָגן די ענגלענדער און ווי אַזוי עס וועלן רעאַגירן די אַמעריקאַנער און וואָס וועט זאָגן פראַנקרייך און בסך הכל איז ער נישט געווען גרייט צו נעמען אויף זיך קיין ריזיקאָ. וואָס שייך דעם ירושלימער אָפּשניט, האָט זיך משה איבערצייגט, אַז שרת האָט נישט שטענדיק ריכטיק פאָרויסגעזען די געשעענישן און אויב ער האָט געמיינט, אַז דער געגעבענער פאַקטאָר וועט רעאַגירן אַזוי, האָט ער גאָר רעאַגירט אַנדערש. דאַקעגן האָט בן־גוריון שטענדיק געטראָפן אין ציל און זיינע אַנאַליזן און אָפּשאַצונגען זענען שטענדיק געווען ריכטיקע. ער האָט אויך פאָרויסגעזען וואָס עס וועט פּאַסירן און וואָס עס וועט זיין די רעאַקציע. בקיצור, די ענינים האָבן זיך אַנטוויקלט אַזוי ווי עס האָט פאָרויסגעזען בן־גוריון און נישט שרת.

משה האָט אַפילו פעסטגעשטעלט, אַז דאָס פאָרויסזען די געשעענישן איז ביי בן־גוריונען אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ רעזולטאַט פון דעם אָנגענומענעם כלל, אַז די מחשבה דאַרף קומען פאַר דער טאַט. משה איז געווען באַאיינדרוקט פון בן־גוריונס אופן פון האַנדלען און פון זיין שטעלן די פראַגע: „אייגנטלעך, וואָס ווילסטו דערגרייכן?״ און לויט דער תשובה האָט ער דעצידירט וואָס עס איז וויכטיק און וואָס עס איז באַדייטונגסלאָז און דערנאָך האָט ער פעסטגעשטעלט די צילן און דעם פּלאַן זיי צו דערגרייכן. אים איז געפעלן געוואָרן בן־גוריונס אייגנשאַפט פון „נישט רעאַגירן ווי אַ באַלייידיקטער, אָדער אויפגערעגטער. אָבער עס איז פאַראַן אַ פּונקט, צו וועלכן ער שטרעבט, און כדי צו דערגרייכן דעם פּונקט דאַרף מען טון, זיך פאַרעקשנען און אַפילו ריזיקירן. דאַקעגן אין ענינים, וואָס זענען נישט וויכטיק, דאַרף

מען זיך נישט פאַרעקשנען, נישט ריזיקירן און נישט מאַכן קיין גרויסע אָנשטרענגונגען ווען אַנדערע קענען דאָס טון".

דעם פאַרגלייך, וועלכן משה האָט געמאַכט צווישן בן־גוריונען און שרתן, איז אינגאַנצן געווען צום אומגונסטן פון שרתן. שרת האָט ליב געהאַט לענ־גער צו רעדן און זיך באַנוצט מיט מליצות און נישט מיט קיין פּראַקטישער און תכליתדיקער אויפקלערונג. שרת האָט מיט זיין שיינער שפּראַך געהאַט אַן אויבערמאַכט איבער בן־גוריונען, אָבער אין בן־גוריונס ווערטער איז געווען אַ „מעכטיקער וואָלטאַזש".

בן־גוריון איז, אין קעגנזאַץ צו שרתן, נישט געווען גענייגט נתפּעל צו ווערן פון דעם פאַרגלייך צווישן דעם קליינעם ישראל און גרויסע מדינות. לויט משהן „האָט ער קיינמאָל נישט אָנגעהויבן צו אַנאַליזירן דעם שאַנס דורך דעם, וואָס ער פלעגט זאָגן, אַז מיר האָבן צוויי צעבראָכענע שיפן און זיי האָבן טויזנט. פון דער אַנדערער זייט האָט ער שטאַרק פיינט געהאַט דעם פאַטאַליסטישן צוגאַנג, זאָל זיין וואָס עס זאָל זיין, מצדה, אָדער תמות נפשי עם הפלשתים. בן־גוריון האָט טיף אַנאַליזירט וואָס ישראל קאָן טון און ווי אַזוי זי קאָן דערגרייכן אירע צילן, אַפילו לאַנגזאַם און בהדרגה, מיט געדולד און דורך געבן דער מדינה צייט זי זאָל טון אירס; און ער האָט געוווסט צו קאָנצענטרירן אַלע כּוחות און אָנשטרענגונגען אַרום פּראָבלעמען, וואָס זע־נען לעבנסוויכטיקער פאַר ישראל ווי פאַר אירע שונאים. בן־גוריון האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ניכטערן, נישט פאַטאַליסטישן, נישט מיסטישן צוגאַנג, און האָט אין דער זעלבער צייט זיך קיינמאָל נישט דערשראָקן פאַר ענינים אויפן ערשטן בליק".

משה איז געווען פול מיט התפּעלות פאַר בן־גוריונען און ער האָט פון אים געלערנט וויפל ער האָט נאָר געקענט. פון פרייען ווילן האָט ער אין בן־גוריונען געזען זיינס אַ רבין און אויף זיין בוך „יומן מערכת סיני" (טאָג־בוך פון דער סיני־אַקציע), וועלכן ער האָט אים געווידמעט, האָט ער אָנגע־שריבן: „לבן־גוריון, רב ומנהיג". הגם זיך אליין האָט ער נישט באַצייכנט אלס תלמיד און האָט אונטערגעשריבן נאָר דעם נאָמען. דאַקעגן בן־גוריון האָט פון זיין זייט אַרויסגעוויזן מער געפיל כּלפּי משהן. אין 1950 האָט בן־גוריון געשיקט משהן זיין בוך „בהילחם ישראל" מיט דער דעדיקאַציע: „למשה דיין, הלוחם הנועז ורב התבונה — בחיבה ובהוקרה, ד. בן־גוריון". (משה דיין, דעם מוטיקן און זייער פאַרנונפטיקן קעמפער — מיט ליבשאַפט און אָנערקענונג, ד. בן־גוריון).

ווייניק ישראלים בכלל, און יונגע מענטשן בפרט, וועלכע האָבן אָנער־קענט די אָנפירערשאַפט פון בן־גוריונען, זענען געווען פעאיק אין 1948 און נאָך ווייניקער אין 1949 און אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אויפצופירן זיך באַטיר־לעך אין זיין געזעלשאַפט. די מערהייט האָט זיך פאַרלוירן אין זיין געזעל־שאַפט און אָנגענומען זיין יעדעס וואָרט ווי אַ באַפעל, אָדער אַ חסד פון הימל.

וויניקע זענען געזעסן פאַר אים ווי חדר־יינגלעך און מיט יראת הכבוד און טיפן רעספּעקט אויסגענוצט, ווער מער און ווער וויניקער, ווער מיט ערנסט־קייט און ווער מיט חוצפה געמישט מיט חן, די פרייהייט פון רעדן, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן. בן־גוריונען האָט מען געהאַלטן נישט נאָר פאַר אַ חכם, פאַר אַ מענטש מיט טיפע מחשבות און אַ ווייטן בליק, וועלכער שטייט מיט אַ פּאָר קעפּ העכער פון אַלע אַנדערע ישראל־מנהיגים, נאָר איז אויך באַטראַכט געוואָרן אַלס קריגס־מענטש, אַ מוטיקער און מיט אַן אייזערנעם ווילן, וועלכן מען קאָן זיך נישט אַנטקעגנשטעלן.

עס דאַכט זיך, אַז צווישן אַלע יונגע, וועלכע האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיט בן־גוריונען, האָבן נאָר יגאל ידין און משה דיין געוואַגט צו קריטיקירן אים. יגאל ידין, דעמאָלט 32 יאָר אַלט, וועלכער איז געווען נענטער צו בן־גוריונען און בן־גוריון האָט אים געשעצט מער ווי משהן, איז געקומען צו אייניקע צוזאַמענשטויסן מיט אים. וועגן זיינע באַציאונגען מיט בן־גוריונען האָט ידין געזאָגט: „איך בין געווען אַ שווערער טיפּ, אַן אומדערטרעג־לעכער. ביז היינט קאָן איך נישט פאַרשטיין — און איך זאָג עס מיט רעספּעקט כלפי בן־גוריונען — ווי אַזוי ער האָט מיך פאַרטראָגן. די באַציאונגען צווישן אונדז זענען געווען אויסטערלישע, אויך די שווערע קעגנזייטיקע קריטיק. און אין דער זעלבער צייט האָט געהערשט אַ געפיל פון כבוד און סימפּאַטיע".

אויב די קריטיק פון ידין איז אַרויסגעפלאָסן פון די חילוקי־דעות אויפן געביט פון דער הויך־פּאָליטיק, איז די קריטיק פון משהן געווען אַ רעזולטאַט פון אָבסערווירן בן־גוריונס פּערזענלעכע שוואַכקייטן. דער רעזערווירטער משה, וועלכער איז געווען געניטן אַפּצושליסן זיך אין די ד׳אמות פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זיין אַמט, האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיט בן־גוריונס נטיה צו דעצידירן וועגן ענינים, וועלכע ער האָט נישט פאַרשטאַ־נען און דעריבער האָט ער געהאַלטן, אַז עס איז בעסער, אַז ער זאָל נישט אויסדריקן קיין מיינונג, איידער ער פאַרשטייט זי נישט ווי געהעריק.

די אייגנשאַפט פון בן־גוריונען צו פאַרשטיין יעדע זאַך אין די ראַמען פון זיין וועלט־אַנשויאונג, האָט ביי משהן אַרויסגערופן התפּעלות, ווען זי האָט זיך געשטיצט אויף אַלגעמיינע פּראַצעסן און אַנטוויקלונגען, און קריטיק און אַפילו אַ שמייכל, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן טעכנישע פּרטים, אָדער וועגן מענטשן און געשעענישן. דאָס ערשטע מאָל האָט משה דערפילט די דאָזיקע שוואַכקייט פון בן־גוריונען, ווען ער האָט אים באַריכטעט וועגן דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף די באַגעגענישן מיט אבדאללא און האָט אויס־געדריקט די מיינונג אין וועלכע פראַגן מען קאָן מיט אים קומען צו אַ הסכם. אָפּט האָט בן־גוריון אָפּגעוואָרפן זיינע אויספירונגען און אים אויפגעקלערט וואָס דער קעניג איז אייגנטלעך אויסן געווען, ווען ער האָט געזאָגט דאָס און דאָס און אין וועלכע פראַגן קאָן מען נישט קומען מיט אים צו קיין הסכם, ווען ער האָט געזאָגט עפּעס אַנדערש. צוערשט האָט משה רואיק זיך צוגע־

הערט צו זײַנע ווערטער, אָבער איינמאָל האָט ער פאַרלוירן דאָס געדולד און געזאָגט צו בן־גוריונען בערך אַזוי: „דו האָסט זיך קיינמאָל נישט געטראָפן מיט אַבדאַללאַ און איך האָב זיך מיט אים געטראָפן צאָלרייכע מאָל. איך זאָג, אַז צו דעם וועט ער מסכים זײַן און דו זאָגסט מיר ניין! צו דעם וועט ער מסכים זײַן און צו דעם וועט ער נישט מסכים זײַן. פאַרוואָס? ווײַל דו קלערסט אויף פאַרוואָס עס זענען מסכים געווען די מצרים און ווי אַזוי עס האָט אַמאָל געהאַנדלט כינע און ווי אַזוי איז עס אין דער אַלגעמיינער געשיכטע. אָבער דער קעניג אַבדאַללאַ קאָן נישט די אַלע אויפקלערונגען און ער וועט מסכים זײַן צו אַזאַ און נישט אַנדערער לייזונג פון די ענינים און לויט דעם ווי ער פאַרשטייט. און דו האָסט זיך מיט אים נישט געטראָפן, אים נישט געזען. און איך גיי צו אים, קום פון אים, אָבער איידער איך באַווייז נאָך אַרויסצולאָזן אַ וואָרט פון מויל, זאָגסטו מיר שוין צו וואָס ער וועט מסכים זײַן און צו וואָס נישט. עס איז נישט אַזוי". די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער, כדי אויסצובאַהאַלטן דעם כעס.

דער אונטערשיד צווישן משהן, וועלכער זעט די קאָנקרעטע ענינים, נישט אויף אַ היסטאָרישן הינטערגרונט, און בן־גוריונען, וועלכער גייט אין געשפּאַן פון אַ קאָנצעפּציע און אויף אַן אַלעע פון אַ ברייטן היסטאָרישן בליק, האָט נישט איינמאָל דערפירט צו שאַרפע מיינונגס־פאַרשידנהייטן. און איינמאָל — ווען דורכן פענצטער פון בן־גוריונס ביוראָ האָט מען געזען די אונטער־גייענדיקע זון — האָט משה געזאָגט צו בן־גוריונען בערך אַזוי: „איך קוק דורכן פענצטער און זע די אונטערגייענדיקע זון און ביי מיר הייסט עס, אַז די זון גייט אונטער און דער אָוונט הייבט זיך אָן. און ביי דיר? דאָס וואָס די זון גייט אונטער איצט איז נישט וויכטיק — ווײַל דו זעסט ווי אַלע שטערן באַוועגן זיך, ווי דער קאָסמאָס דרייט זיך אַרום און די גאַנצע וועלט אין איר טעטיקייט. דו ביסט נישט אימשטאַנד צו זען אַ באַזונדערן פּרט ווי אַן עפּיזאָד".

בן־גוריון איז געווען באַאיינדרוקט פון משהס פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטישן טאַלאַנט און איז געווען געניגט אים צוצושרייבן די דערגרייכונגען פון ישראל אין די פאַרהאַנדלונגען מיט ירדן. שמעון פּרס געדענקט, אַז בן־גוריון האָט אַ פּאָר מאָל באַטאָנט, אַז דאָס אַרײַננעמען אין דער ישראל־טעריטאָריע דעם געביט פון וואַדי אַראַ און דעם גאַנצן שטח פון דער באַן־ליניע ביתר — ירושלים, שרייבט ער צו משהס זכות. בן־גוריון האָט געזאָגט: „משה האָט אונדז דערוואָרבן אַ גרויסן שטח נאָך דער מלחמה, וועלכן עס האָט גע־האַלטן די איראַקישע אַרמיי און לויט די באַדינגונגען פון פייער־איבערייס האָט דער אַראַבישער לעגיאָן געקענט אַרײַנגיין אין דעם געביט נאָר מיט דער הסכמה פון ישראל. משה האָט מסכים געווען, אַז דער לעגיאָן זאָל אַרײַן אין אָפּשניט פון דער איראַקישער אַרמיי מיטן באַדינג, אַז אַלס עקוויוואַלענט זאָלן מיר באַקומען דעם שטח פונעם דרייעק".

אויך ידין האָט געהאַלטן, אַז משה האָט זיך אויסגעצייכנט אין די פאַר־

האַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון ירדן. אויף אזוי ווייט, אַז ער און אַנדערע אין גענעראַל־שטאַב זענען געווען געצוויגט צו טראַכטן, אַז „משה איז פּעאיקער אַנצוהאַלטן קאָנטאַקטן מיט די אַראַבער, (צו „סייסא"־דיפּלאָמאַטיע אויף אַראַביש) ווי צו מיליטערישער אָנפירערשאַפט". ער האָט אָבער אָפּגעוואָרפן די מיינונג, וואָס עס האָט שפּעטער אויסגעדריקט בן־גוריון אין זיין געזעגענונגס־בריוו צו משה דיין, דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב: „האָסט באַוויזן דיין פּאָליטישן טאַלאַנט אין די פאַרהאַנדלונגען, וועלכע דו האָסט געפירט מיט די פאָרשטייער פון קעניג אבדאללא אין ראָדאָס וועגן וואָפנשטילשטאַנד־הסכם און האָסט איבערגעפירט דעם גאַנצן שטח פון ירושלים־באַן און ביידע זייטן פון שאָסיי וואַדי אַרא אין רשות פון ישראל". ידין, אין קעגנזאַץ צו בן־גוריונען, האָט געהאַלטן, אַז משהס טייל אין הסכם מיטן קעניג אבדאללא איז געווען „אַ קלייגער, כמעט אַ נישטיקער".

עס זעט אויס, אַז ביידע ווערסיעס אַנטהאַלטן אַביסל אמת.

דעם 7־טן יאַנואַר 1949 האָבן זיך פאַרענדיקט די קאַמפן מיטן זיג פון ישראל און דעם 13־טן יאַנואַר האָבן זיך אָנגעהויבן אין ראָדאָס די וואָפנשטילשטאַנד־געשפּרעכן צווישן ישראל און מצרים. דער פּאַרטייל, וועלכן קעניג אבדאללא האָט געהאַט ביזן 14־טן מאַי 1948, איז אים מער נישט בייגעשטאַנען. דאָס נישט אריינמישן זיך פון אַראַבישן לעגיאָן איז נישט געווען מער וויכטיק פאַר ישראל. צה"ל איז איצט געווען פריי פון מצרישן מיליטערישן דרוק און האָט געקענט ריכטן דעם כוח קעגן ירדנישן לעגיאָן און אים לייכט באַזיגן. אָבער בן־גוריון האָט געוואָלט שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל פון קעניג אבדאללאס מצב. אין דער צייט, ווען אַנדערע אַראַבישע מדינות זענען געווען גרייט נאָר צו וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַכן, איז געווען אַ שאַנס, אַז דער קעניג וועט מסכים זיין צו שליסן אַ שלום־אָפּמאַך מיט ישראל. פאַר דעם פּרייז איז די ישראל־רעגירונג געווען גרייט מקיים צו זיין אַ טייל פון דעם הסכם, וועלכן גאָלדע מאירסאָן און אליהו ששון האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט געהאַט פאַרגעלייגט אַבדאַללאַן, אַנצושליסן אַ טייל פון דעם מערבדיקן ברעג (יהודה און שומרון) צו זיין קעניגרייך. אין איינקלאַנג מיט דעם איז דעם 1־טן דעצעמבער 1948 פאָרגעקומען אין יריחו אַ קאָנפערענץ פון אַראַבישע נאָטאַבלען פון ארץ ישראל, אויף וועלכער זיי האָבן אויסגעדריקט דעם ווילן, אַז די אַראַבישע שטחים פון ארץ ישראל זאָלן אַנגעשלאָסן ווערן צום ירדנישן קעניגרייך. אַ פּאָר טעג נאָך דער יריחו־קאָנפערענץ האָט דער ירדנישער פּאַרלאַמענט באַשטעטיקט דעם אַנשלוס. די ישראל־רעגירונג איז געווען געצוויגט צו אַנערקענען דעם אַנשלוס פון מערבדיקן ברעג — ווי זי האָט דאָס שפּעטער אַנערקענט — אָבער נישט לויט די ליניעס, וואָס זי איז געווען געצוויגט צו באַשטעטיקן פאַרן 14־טן מאַי 1948. אזוי איז ישראל נישט איינגעגאַנגען אויף דער פאָדערונג פון קעניג, אַז זיין רעגירונג זאָל איבערנעמען די מאַכט אין רמלה און לוד „מיט לייכטע כוחות פון לעגיאָן" און אויך נישט אויף זיין

הערשאַפט אין גאַנצן דרום־טייל פון נגב, איינשליסלעך אילת (דעמאָלט אום ראשראש). לגבי ירושלים זענען די ישראל־פאַרשטייער מסכים געווען מיטן צוגאַנג פון קעניג — ער איז געווען קעגן דער אינטערנאַציאָנאַליזאַציע פון דער שטאָט און האָט געוואָלט, אַז זי זאָל צעטיילט ווערן אויף ירדנישע און ישראלדיקע ראַיאָנען. — אָבער נישט אויף די חלוקה־גרענעצן, וועלכע ער האָט פאָרגעלייגט.

אין ישראל־ירדנישע פארהאנדלונגען האָט זיך געשאַפן אַ קאָמפּליקאַציע, ווען אין דעצעמבער 1948 איז קלאָר געוואָרן, אַז די איראַקישע רעגירונג איז נישט גרייט צו פירן קיין וואָפנשטילשטאַנד־געשפּרעכן מיט ישראל, ווי דאָס האָט באַשלאָסן דער זיכערהייטס־ראַט דעם 16־טן נאָוועמבער. דאָס איראַקישע מיליטער איז אריינגעדרונגען קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט אַנדערע אַראַבישע כוחות און האָט פאַרנומען פּאָזיציעס לענגאויס די שומרון־בערג, אין די טאָלן און אין פלאַכלאַנד ביים ים־ברעג, פון לאַדזשון דורך וואַדי אַראַ ביז ראש העין. אַזוי איז דער עמק יזרעאל אָפּגעשניטן געוואָרן פון דרומדיקן פלאַכלאַנד און האָט איבערגעלאָזט מדינת ישראל אַ שמאָלן און לאַנגן פּאַס שטח, וועלכן עס איז לייכט דורכצושניידן.

צוערשט האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז די ירדנישע רעגירונג זאָל רעפּרעזענטירן די איראַקישע רעגירונג אין די וואָפנשטילשטאַנד־געשפּרעכן. אָבער ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די געשפּרעכן אין ראָדאָס צווישן ירדן און ישראל דעם 1־טן מערץ 1949, איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די איראַקישע רעגירונג וויל נישט קיין שום וואָפנשטילשטאַנד מיט ישראל, נישט אויף אַ דירעקטן און נישט אויף אַן אומדירעקטן אופן. איר כוונה איז פּשוט געווען — צוריקצוציען אירע כוחות פון ארץ ישראל און דערמעגלעכן דעם אַראַבישן לעגיאָן צו קומען אויף זיין אָרט. ישראל האָט זיך דעם אַנטקעגנגעשטעלט.

ווען דער אַראַבישער לעגיאָן וואָלט פאַרנומען די איראַקישע פּאָזיציעס טראָץ דער קעגנערשאַפט פון ישראל, וואָלט אויסגעבראָכן אַ מלחמה און דער גורל פון לעגיאָן וואָלט געווען זייער אַ ביטערער. דאָס פאַרבעמען דעם איראַקישן פראָנט־אָפּשניט וואָלט שיטער געמאַכט זייַנע כוחות, וואָס זענען סיי ווי סיי געווען איינגעשרומפּן און וואָלט זיי צעצויגן פון אילת ביזן עמק יזרעאל. עס איז געווען קלאָר, אַז נאָך דער מפּלה פון דער מצרישער אַרמיי און נאָך דעם ווי עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַ וואָפנשטילשטאַנד ־ אָפּמאַך מיט מצרים און עס האָבן זיך אָנגעהויבן געשפּרעכן מיט סיריע און לבנון, וועט דער אַראַבישער לעגיאָן שטיין אַליין קעגן צה״ל. די שאַנסן פון אַזאַ פאַרמעסטונג זענען פון פאָרויס געווען באַקאַנט דעם קעניג אַבדאַללאַ.

צוליב דער אויסזיכט צו דערגרייכן אַ שלום־אָפּמאַך מיטן קעניג, האָבן די ישראל־פאַרשטייער גערעדט אין אַ מעסיקן טאָן און אים געמאָלדן,

אז עס איז נישטאָ קיין כוונה צו דעראָבערן שטחים, אָדער דראָען דער אראבישער באַפעלקערונג, נאָר עס איז פאַראַן די שטרעבונג צו א שלום. אויף דער באזע פון א קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש, האָבן געטענהט די ישראל ־ פאַרשטייער, קאָן מען קומען צו א רעגולירונג אָדער א פאַרשטענ־דיקונג וועגן לאָגישע לייזונגען אויפן שטח. די מלחמה־געפאַר איז געווען אזוי קלאָר, אז אין די קאָנטאַקטן מיטן מלך, שריפטלעכע און מינדלעכע, איז געלייגט געוואָרן די אַכט אויף אַ לאָגישער לייזונג און אויף שלום. דער קעניג, וועלכער האָט מורא געהאַט פאַר א מפלה אין א נייער מלחמה, האָט ארויסגעוויזן א גרייטקייט מותר צו זיין אין משא ומתן אויף א חלק פונעם שטח אויף דעם איראַקישן אָפשניט, וועלכן ער וואָלט סיי־ווי פאַרלוירן אין פאַל פון א מלחמה. דאָס פירן דעם משא ומתן מיטן קעניג איז ארויפ־געלייגט געוואָרן אויף יגאל ידין און ער האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט וואַלטער איתן פון אויסערן מיניסטעריום„ געטראָפן מיט קעניג אבדאללא און זיינע באַראַטער אין ירושלים און אל־שונא. צוליב די דאָזיקע געשפּרעכן איז משה צוריקגעפאָרן קיין ראָדאָס און דאָס פירן פאַרהאַנדלונגען וועגן צעטיילן דעם איראַקישן אָפשניט צווישן ישראל און ירדן איז אים איבערגעגעבן געוואָרן. דער קעניג האָט אים גערופן „שתום העין״ (איינאויגיקער) און אין איינער פון זיינע שריפטלעכע באַמערקונגען באַטאָנט ער, אז ער וואָלט געוואָלט אים אָנשליסן צו דער „ליסטע פון זיינע פריינט אין ישראל״.

דעם 19־טן מערץ, באַגלייט דורכן מאיר יהושפט הרכבי (היינט גענעראַל אין רעזערוו און פּראָפעסאָר), האָט זיך משה געטראָפן מיטן קעניג אין זיין פּאַלאַץ אין אל־שונא. לויט אל־טאל, וועלכער האָט זיך אויך באַטיי־ליקט אין דער באַגעגעניש, האָט משה געפאָדערט: „דאָס יידישע פלאַכלאַנד ביים ים־ברעג זאָל פאַראייניקט ווערן מיט עמק יזרעאל דורך וואדי ארא; די ישראל־גרענעצן אין דרייעק זאָלן ארומנעמען סטראַטעגישע ערטער, וואָס זאָלן דערמעגלעכן די פאַרטיידיקונג פון יידישן פלאַכלאַנד ביים ים־ברעג״. אל־טאל שרייבט, אז משה האָט אויפגעקלערט זיין בקשה צו באַקומען די הסכמה פון קעניג פאַר זיינע פאָדערונגען, כדי ישראל זאָל קענען איינגיין אויפן פּרינציפּ פון איבערנעמען דעם שטח דורכן אראבישן לעגיאָן, אָדער דער קעניג זאָל מותר זיין אויף דעם געדאַנק און דערמעגלעכן צו רעגולירן דאָס פּראָבלעם מיט דער איראַקישער ארמיי אין אזא פאָרם, וואָס זאָל באַפרידיקן ישראל. דאָס הייסט, אַ קלאָרע אָנדייטונג אויף אַ מלחמה־געפאַר, אויב דער קעניג וועט נישט מסכים זיין.

משה האָט שפּעטער געשריבן, אז אין דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָכן אונטערשרייבן די וואָפנשטילשטאַנדס־אָפּמאַכן מיט מצרים און לבנון, „האָט ירדן איינגעזען, אז זי האָט אויסצוויילן צווישן צוויי מעגלעכקייטן: פאַר־זעצן דעם קריג מיט ישראל מיט אייגענע כוחות, וואָס דאָס באַדייט דורכ־פאַלן און צוריקטרעטן (די אונטערשטרייכונגען אין אָריגינאַל), אָדער וויתורים

לטובת ישראל, כדי צו קומען צו א וואַפנשטילשטאַנד־הסכם. אבדאללא האָט אויסגעוויילט די צווייטע אלטערנאַטיווע און האָט מסכים געווען, אַז אין די ראַמען פון וואַפנשטילשטאַנדס־הסכם זאָל ישראל באַקומען דעם ערשטן פּאַס בערג פון פלאכלאַנד, וואָס איז געווען אין די הענט פון דער איראַקישער אַרמיי".

די באַגעגעניש אין אל־שונא דעם 19־טן מערץ, בעת וועלכער ער האָט דערגרייכט די פּרינציפּיעלע הסכמה פון קעניג אבדאללא איבערצוגעבן ישראל דעם שטח פון וואדי אַרא און דעם דרייעק, האָט געהאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג, אין דער אַלגעמיינער ראַם פון די פאַרהאַנדלונגען, וועלכע עס האָט געפירט ידין. משהס ספּעציעלעביישטייערונג איז באַשטאַנען אין זיין דרוק, טראָץ די ספקות פון ידין, איינצושליסן אין תחום פון ישראל דעם שטח פון דער באַן־ליניע קיין ירושלים, הגם פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט וועט זיין שווער צו באַשיצן דעם שטח. אַזוי האָט משה דערגרייכט אַ טייל פון דעם, וואָס זיין בריגאַדע האָט נישט געקענט דערגרייכן אין דער שלאַכט ביי בית דזשאללא. אַלס קאָמאַנדיר פון ירושלים איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע, צוזאַמען מיט אל־טאל, צו צעטיילן דעם הפקר־שטח אין ירושלים. דאָ האָט משה דיין באַוויזן, אַז ער איז אַ שאַרפער און געריבענער פאַרהאַנדלונגס־פּאַרטנער, פאַר וועמען יעדער שפּאַן ערד איז זייער וויכטיק ווי דאָס וואָלט געווען גאַנץ ירושלים. דער נוסח, וועלכן ער האָט געפאָדערט בעת די פאַרהאַנדלונגען מיט ירדן איז געווען: „פאָדער אַ באַרג, כדי צו באַקומען אַ מייזל". ווען די געשפּרעכן האָבן זיך פאַרענדיקט מיט הצלחה, איז איבערגעשיקט געוואָרן אַן אַנווייזונג קיין ראָדאָס צו די דעלעגאַציעס, און זיי האָבן דעם 3־טן אַפּריל אונטערגעשריבן דעם הסכם כדת וכדין.

רעזומירנדיק דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז די ערשטע וויכטיקייט ביים דערגרייכן דעם הסכם מיטן קעניג אבדאללא דאַרף מען צושרייבן דער לאַגע און דער פעאיקייט פון צה"ל צו באַזיגן דעם אַראַבישן לעגיאָן. יגאל ידין איז געווען די פּערזאָן, וועלכע איז געשטאַנען בראש פון די פאַרהאַנדלונגען און זיי דערפירט צו אַ דערפאָלגרייכן סוף. וואָס שייך דיינען, האָט ער אין זיין טייל אַרויסגעוויזן אַ דיפּלאָמאַטישן טאַלאַנט און אַנטשלאָסנקייט, וואָס האָט דערפירט צו דעם, אַז ישראל זאָל באַקומען דעם שטח פון דער באַן־ליניע קיין ירושלים. מען האָט אָנערקענט זיינע פּאָליטישע פעאיקייטן און ער איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער דעלעגאַציע, וואָס האָט באַהאַנדלט די פראַגע פון אַ שלום־אָפּמאַך מיטן קעניג אַבדאַללאַ און איז צו דעם צוועק געפאָרן קיין רבת־עמון.

פון די שלום־געשפּרעכן מיטן קעניג אבדאללא איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, חוץ זיין טויט, ווען ער איז דערשאָסן געוואָרן אַלס פאַרעטער דורך אַ ירושלימער סטאָלער, בעת ער איז אַריינגעגאַנגען צו דער מיטאָג־תפילה אין אל־אקצא־מעטשעט פרייטיק דעם 22־טן יולי 1951. פון די אָפּמאַכן, וואָס

זענען אָפּגעשלאָסן געוואָרן צווישן ישראל און ירדן און וועלכע האָבן גע־דאַרפט שאַפן גוטע שכנותדיקע באַציאונגען — אַ פרייען צוגאַנג צו די הייליקע ערטער, אַ דורכגאַנג אין לאַטרון און אַנדערע — איז רעאַליזירט געוואָרן נאָר דער אָפּמאַך וועגן טוישן די פּאָליציי־וואַכן אויפן הר הצופים. די גרינע ליניע — אַזוי האָט מען באַצייכנט די וואָפנשטילשטאַנדס־ליניע — וואָס האָט געדאַרפט זיין „אַן אָרט וווּ עס שטייען פריינט", איז געוואָרן אַ באַריער צווישן פיינט.

„ער איז געווען דער קעניג, אָבער ער האָט נישט געקענט טון דאָס וואָס ער האָט געוואָלט טון", האָט משה געשריבן וועגן אבדאללא. אין ירדן, הגם ווייניקער ווי אין אַנדערע אַראַבישע מדינות, האָבן אָנגעהויבן אויפקומען נייע כוחות, רעוואָלוציאָנערע און פאַנאַטישע, וועלכע שטרעבן צו לייזן דאָס ארץ־ישראל פּראָבלעם מיט מיליטערישע מיטלען. פּאַראַלעל צו דעם איז אויך געפאַלן די השפעה פון די פּאָליטיקער אין דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דער סוכנות און מדינת ישראל איז געקומען צום דרינגענדיקן אויספיר, אַז זי דאַרף פאַרטיידיקן איר קיום מיט איר אַרמיי. יונגע מיליטער־לייט האָבן באַ־קומען מער חשיבות אויף ביידע זייטן פון דער ליניע, וואָס טיילט אָפּ ישראל פון אירע שכנים.

אויך משה האָט זיך אויסגעניכטערט פון דער שלום־האָפענונג, אין וועלכער ער האָט אפשר געגלויבט. פון איצט אָן האָט דער פעלד־קאָמאַנדיר גובר געווען דעם דיפּלאָמאַט. אין אַ בריוו צו בן־גוריונען פון 22־טן סעפּטעמבער 1949, פאַרן אויפגעבן זיין אַמט, לייגט ער מער נישט פאָר צו פירן פאַרהאַנד־לונגען מיט די ירדנער, כדי צו דערפירן צו דער פאַרווירקלעכונג פון די פּאַ־ראַגראַפן פון וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך וועגן אַ פרייען צוגאַנג צו די הייליקע ערטער, אַ דורכגאַנג אין לאַטרון און באַנייען דאָס נאָרמאַלע לעבן אויפן הר הצופים. איצט לייגט ער פאָר צו פּלאַנירן אַ מיליטערישע אַקציע, כדי צו דערגרייכן דעם הר הצופים.

זיין הויפּט־חשש איז געווען, אַז מיט דער צייט וועלן זיך די וואָפנשטיל־שטאַנד־ליניעס פאַרוואַנדלען אין סטאַבילע גרענעצן, אָן אַ שלום־רעגולירונג.

קאַפּיטל פערצן

# אלוף פון מיליטערישן קרייז

## (אָקטאָבער 1949 — דעצעמבער 1952)

דעם 20־טן יולי 1949, אין טאָג, ווען עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער לעצטער וואַפנשטילשטאַנדס־הסכם מיט סיריע — האָט זיך פאַרענדיקט די באַפרייאונגס־מלחמה. אין די פיר אָפּמאַכן ווערט געזאָגט, אַז זיי דאַרפן פאַרלייכטערן דעם איבערגאַנג פון דעם צושטאַנד פון וואַפנשטילשטאַנד — צו אַ סטאַבילן שלום און די צדדים פאַרפליכטן זיך מער נישט צו דראָען און זיך נישט צו באַנוצן מיט מיליטערישן כוח, כדי צו לייזן דאָס ארץ ישראל־פּראָבלעם.

אין ישראל האָט געהערשט אַ שטימונג אין נוסח פון „ותשקוט הארץ”. דאָס געפיל, אַז דער שלום איז נאָענט, האָט אַרויסגערופן אַן אַנטי־מיליטערישע שטימונג. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט איז צה״ל פון אַ גרויסער פאָלקס־אַרמיי, וואָס האָט אַרומגענומען די בעסטע יוגנט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליין מיליטער, וואָס באַשטייט פון אַ סטאַבילער קאָמאַנדע און פון זעלנער פון אָבליגאַטאָרישן דינסט. אָבער די זענען געווען די ערשטע חיילים פון דער מאַסן־עליה, האָבן נישט געקענט קיין עברית, נישט געהאַט קיין בילדונג. און זיי איז נאָך געווען פרעמד די טראַדיציע, וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין צה״ל און פון פיל שטאַנדפּונקטן זענען זיי ענלעך צו חיילים געבוירענע אין אַ ווייטער קאָלאָניע. די באַמיאונגען פון גענעראַל־שטאַב איבערצוצייגן יונגע קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער באַפרייאונגס־מלחמה, זיי זאָלן אויסוויילן אַ מיליטערישע קאַריערע, האָבן געהאַט אַ באַ־גרענעצטע הצלחה. די חיילים פון דער באַפרייאונגס־מלחמה האָבן זיך מיט ענערגיע און גרויסע האָפענונגען געוואָנדן צום ציווילן בירגערלעכן לעבן, צו דער אַרבעט און לימודים אין דער נייער יידישער מדינה, וואָס איז ערשט איצט אַנטשטאַנען מיט זייער הילף.

אויך משה האָט געהאַט ספקות צי ער זאָל בלייבן אין דער סטאַבילער אַרמיי. ער האָט געזאָגט צו זיין חבר, אחיה בן עמי פון נהלל, וועלכער האָט אים באַזוכט אין ירושלים אין האַרבסט 1949, אַז ער וויל זיך באַפרייען פון דער אַרמיי און אַז „ער זעט נישט אין איר זיין צוקונפט”. זיין שטרעבונג איז געווען עוסק צו זיין אין פּאָליטיק.

עס זעט אויס, אַז אַ חוץ דער אַלגעמיינער אַנטי־מיליטערישער שטימונג איז ער אויך באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם, וואָס עס פעלט אים מיליטערישע בילדונג, כדי צו דינען ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער מיליטערמאַן. זיינע חברים האָט ער געזאָגט: „מיין מיליטערישע בילדונג איז נול". דעריבער איז ער געשטאַנען פאַר דער ברירה, „אָדער לערנען די תורה פון מיליטער, אָדער דאָס פאַרלאָזן". משה האָט נישט געהאט קיין גרויסן חשק צו לערנען די מיליטערישע תורה, דאַקעגן איז גרויס געווען זיין אינטערעס פאַר פּאָליטיק.

בן־גוריון איז געווען דער, וועלכער האָט אים צוגערעדט און איבערצייגט צו בלייבן אין סטאַבילן מיליטער און איבערנעמען דעם אַמט פון קאָמאַנדיר פון דרום קרייז. לויט בן־גוריונען האָט משה געטענהט, אַז „אויב איך וועל גיין קיין באר־שבע, וועל איך פאַרזינקען אין די אַנטוויקלונגס־ענינים און איך וועל נישט מצליח זיין אַלס חייל". אָבער בן־גוריון האָט נישט מוותר געווען און אים צוגעזאָגט, אַז עס וועט אים געגעבן ווערן די געלעגנהייט צו דערגענצן די מיליטערישע בילדונג און אַז „די וויכטיקייט פון נגב שטייט פאַר דער מיליטערישער עפעקטיווקייט פון משה". דאָס הייסט, אַז זיין אָרט איז דאָרט, אפילו ווען זיין מיליטערישע בילדונג איז ווייט נישט קיין פולע. דעם 25־טן אָקטאָבער איז משה נאָמינירט געוואָרן אַלס אלוף פּיקוד דרום (שעף פון דער דרום־קאָמאַנדע). דעם ראַנג פון אלוף האָט ער באַקומען פיר טעג פריער.

ווידער האָט די השפעה פון בן־גוריונען געשטאַלטעט זיין לעבנס־וועג. פון דעם מאָמענט, אין פאַרלויף פון פיר יאָר, וועט ער ווערן שעף פון גענעראַל־שטאַב.

בעת זיין נאָמינאַציע, איז דער שעף פון דער דרום־קאָמאַנדע, אלוף יגאל אלון, געווען אויף אַ רייזע אין צפון־אַפריקע. ער אַליין איז וועגן די ענדערונגען אויף זיין אַמט געוויר געוואָרן פון באַאַמטע פון פראַנצויזישן פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום. עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז בן־גוריון האָט אויסגענוצט זיין אָפּוועזנהייט, כדי דורכצופירן די ענדערונג אין דרום־שטאַב מיט אַ מינימום פון רעש און קאָמפּליקאַציעס.

בן־גוריון האָט באַשטימט משהן אַלס שעף פון דער דרום־קאָמאַנדע אין אַ ברייטערער ראַם פון נאָמינאַציעס. אין דער זעלבער צייט האָט ער באַשטימט יוסף אבידן אַלס שעף פון דער צפון־קאָמאַנדע, אלוף שמעון מזא"ה אַלס שעף פון דער קאַדרען־אָפּטיילונג ביים גענעראַל־שטאַב, און אַנדערע. אין נאָוועמבער האָט בן־גוריון באַשלאָסן צו נאָמינירן יגאל ידין אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב אויפן אָרט פון רב־אלוף יעקב דורי און מרדכי מקלף אַלס פאַרטרעטער. ווען יגאל אלון איז צוריקגעקומען אין דעצעמבער, האָט ער איינגעזען, אַז פאַקטיש זענען שוין פאַרנומען אַלע אַמטן, וואָס קומען אין באַטראַכט פאַר אים אַלס איינעם פון די בולטסטע קאָמאַנדירן פון דער באַפרייאונגס־מלחמה. ער האָט אָפּגעהאַלטן אייניקע געשפּרעכן מיט בן־גוריונען,

וועלכער האָט אים פאַרגעשלאָגן אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד זיך צו לערנען. אָבער יגאל אלון האָט דעם 26־טן דעצעמבער דערלאַנגט זיין דעמיסיע.

עס זעט אויס, אַז נאָך דעם ווי ער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון אלוף פיקוד דרום, האָט אים אַנטשפּראָכן נאָר איין אַמט — שעף פון גענעראַל־שטאַב, צו וועלכן ער האָט וואַרשיינלעך געשטרעבט. עס איז אויך קלאָר, אַז בן־גוריון האָט בשום אופן נישט געוואָלט קיין שעף פון גענעראַל־שטאַב, וואָס געהערט צו מפ״ם (הגם אין געשפּרעך מיט אלון האָט ער געטענהט, אַז נאָר צו אים האָט ער צוטרוי). צווישן אַנדערן האָט בן־גוריון געזען אַ מעגלעכקייט, אַז די רויטע אַרמיי פון ראַטנפאַרבאַנד וועט קומען אויפן מיטעלן מזרח און ער האָט מורא געהאַט, אַז די פולקן־קאָמאַנדירן, וועלכע געהערן צו מפ״ם וועלן זיך אָפּזאָגן צו עפענען אַ פייער אויף סאָוויעטישע זעלנער. אין יענער תקופה האָט מפ״ם — הויפּטזעכלעך דער השומר הצעיר — געגלויבט, אַז סטאַלין איז דער „פאָטער פון די פעלקער", וועלכער וועט ברענגען דער וועלט דעם „פעלקער־פרילינג".

אלון און משה זענען געוועזן צו זיך ענלעך מיט דעם, וואָס ביידע זענען נישט געווען געהאַרכזאַם, אָבער לגבי פאַרשידענע פּראָבלעמען. בן־גוריון פלעגט זאָגן וועגן אלונען, אַז ער איז געווען „אַ דיסציפּלינירטער קאָמאַנדיר". זעט אויס, אַז נאָר אויפן מיליטערישן געביט און נישט אויפן פּאָליטישן. דאָס הייסט, דאָס פאַרקערטע פון משהן, וועלכער איז פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט געווען געהאַרכזאַם לגבי בן־גוריונען, אָבער פון צייט צו צייט פלעגט ער פאַרלעצן אַ מיליטערישן באַפעל.

אין נאָוועמבער 1948 האָט זיך בן־גוריון באַקלאָגט אויף דעם אַרויסטריט פון יגאל אלון פאַרן ראַט פון קיבוץ המאוחד, אין וועלכן ער האָט אַנגעגריפן און עפנטלעך קריטיקירט די באַפעלן, וועלכע מען האָט אים געגעבן. בן־גוריון האָט אפילו פאַראָרדנט דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב, רב־אלוף דורי, צו טאַדלען אלונען צוליב דעם. דורי האָט באַצייכנט אלונס אַרויסטריט אַלס אומדערטרעגלעכן, וואָס גראָבט אונטער די דיסציפּלין און מאַכט א סוף צום מינימאַלן צוטרוי, וואָס פאָדערט זיך פון אַ קאָמאַנדיר לגבי די ממונים איבער אים.

בן־גוריונס פּרעטענזיע האָט זיך געשטאַרקט אין יאַנואַר 1949, ווען אלון האָט, אַלס וואָרטזאָגער פון מפ״ם אין דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער ערשטער כנסת, קריטיקירט די באַשלוסן פון דער רעגירונג. ער האָט ווידער פאַראָרדנט דורין צו טאַדלען אלונען צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעבראָכן פון דער אַנגענומענער ראַם אַלס אָפיציר פון צה״ל און מיט דעם וואָס ער האָט עפנטלעך אָנגעגריפן די באַפעלן, וועלכע זענען אים געגעבן געוואָרן און מיט דעם האָט ער געגעבן די חיילים אַ שלעכטן ביישפּיל פון מאַנגל אין לאָיאַליטעט.

פון שטאַנדפּונקט פון דער פּערזענלעכער ריוואַליטעט צווישן ביידע, האָט משה אָנגעהויבן צו פאַרקירצן דעם מרחק, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן

אים און אלונען אין די זיבן יאָר, אין וועלכע עס איז איבערגעריסן געוואָרן זיין מיליטערישע קאַריערע. יגאל אלון וועט צוריקקומען אויף דער מלוכהשער אַרענע 12 יאָר שפּעטער אלס ארבעטס־מיניסטער אין בן־גוריונס קאַבינעט אין נאָוועמבער 1961. דעמאָלט איז משה שוין געווען לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער אין משך פון צוויי יאָר.

דעם 9־טן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען דער צערעמאָניאַל פון טוישן די שעפן פון גענעראַל־שטאַב, און רב־אלוף יעקב דורי האָט איבערגעגעבן די פאָן פון גענעראַל־שטאַב צו רב־אלוף יגאל ידין. מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין צה״ל, וואָס האָט געבראַכט אַ דור פון קאָמאַנדירן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין צה״ל. פון דעם מאָמענט אָן האָט אָנגעהויבן זיך איינ־שרומפן און ס׳איז פאַרשוואונדן דער דור פון הויכע קאָמאַנדירן פון דער „הגנה״. ידין איז אַלט געווען 32 יאָר, ווען ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב — דער ייִנגסטער, וועלכן צה״ל האָט געהאַט.

משה האָט קיינעם נישט געטוישט אין אלונס שטאַב. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס געווען אַ סימן פון זעלבסטזיכערקייט, אַז ער איז פעאיק צו זיין אַ מנהיג פאַר יעדער גרופּע מענטשן. און נאָך. ער נויטיקט זיך נישט אין דער הילף פון דעם אָדער יענעם, ווייל ער אַליין קאָן דערפילן די מיסיע.

דאָס וואָס משה איז געווען ענלעך מיט זיינע וויכטיקע כאַראַקטער־שטריכן צו יצחק שדה, וועלכער האָט אָנגעשטעקט דעם פּלמ״ח מיט זיין איי־גנאַרטיקן גייסט, האָט פאַרלייכטערט דאָס אויפנעמען אים דורך פּלמ״ח־מענטשן אין שטאַב. פיל האָבן געוווסט, אַז יצחק שדה האָט ליב משהן און אַז ער שאַצט אים זייער. די ווערטער, וואָס אַלון האָט געשריבן וועגן יצחק שדה, אַנטשפּרעכן אין אַ גרויסער מאָס אויך משהן: ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, געווען אַ דיכטער, אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער נאַטור פון לאַנד, פון פרויען און פון אייזערנער לאָגיק״. נאָר די באַצייכענונג, „אַ וואָרעם הארץ״, וועלכע אלון האָט דערטיילט שדהן, האָט בכלל נישט אַנטשפּראָכן משהן. די הויפּט־ענלעכקייט צווישן זיי איז אפשר באַשטאַנען אין דעם, וואָס ביידע האָבן ליב געהאַט דאָס וואָס מען באַצייכנט אַלס „הפקרות״, זיי האָבן נישט געשוינט זייער לעבן און געוואָלט אַרויסבאַקומען מאַקסימום הנאה פון לעבן און דערפילן מיט פלייס זייערע אויפגאַבן, ווי עס וואָלט נישט געווען קיין סתירה אין דעם.

משהס פאַרגעניגנס זענען געווען נאַטירלעכע און מענטשלעכע. דאָס ערשטע וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די שטאַב־מענטשן, איז געווען, אַז דער נייער שעף איז נישט מדקדק אין פראַגן פון מיליטערישער קליידונג און אָרדענונג. און צה״ל האָט דווקא אָנגעהויבן צו גיין אויפן וועג פון איינ־פירן דיסציפּלין און צערעמאָניעס און די הויפּט־באַמיאונגען פון יגאל ידין זענען געגאַנגען אין פאַרוואַנדלען די פאַרטיזאַנישע פאָלקס־אַרמיי אין אַ דיסציפּלינירט און רעגולער מיליטער. דעריבער איז איינגעפירט געוואָרן דער

חוב פון סאַלוטירן, טראָגן די ראַנג־אָפּצייכענונגען, בינדעס, היטלען, גע־פּרעסטע מונדירן, אָרדענונג און ריינקייט אין די מחנות. משה האָט זיך געפּילט זייער גוט אָן דעם אַלעמען און אפילו נישט געטראַכט צוליב דעם קאַליע צו מאַכן זיך דאָס גוטע געפיל, צו טראָגן אַ קראַוואַט, אויסצופּוצן זיך און סאַלו־טירן, נאָר דערפאַר ווייל ער איז דער גענעראַל פון דער דרום־קאָמאַנדע.

עס זענען דאָ עדות וואָס וויסן צו דערציילן, אַז איינמאָל, ווען ער איז אַריינגעקומען אויף אַ זיצונג פון גענעראַל־שטאַב, האָט אים רב־אלוף ידין געפרעגט: „פאַרוואָס זענען נישט צוגעקנעפּלט די טאַשן פון דיין בלוזע?" און ער האָט אים באַפוילן צו פאַרלאָזן דאָס צימער און צוריקצוקומען, זיי־ענדיק ווי געהעריק פאַרקנעפּלט.

משהן איז נישט איינגעפאַלן, אַז צוליב דעם וואָס ער איז אַ גענעראַל, דאַרף ער רעזיגנירן פון דעם פאַרגעניגן אָפּצורייסן אָן עפּל פון בוים. אלוף רחבעם זאבי, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ 24־יאָריקער מאַיאָר און אינפאָרמאַציע־אָפיציר, געדענקט, אַז עס זענען אַדורך אַ פּאָר וואָכן זינט משה איז אַריין אין נייעם אַמט און אים האָט מען נישט גערופן צו אַ באַקענונגס־געשפּרעך מיטן קאָמאַנדיר. ער האָט געוואַרט אויף אָן אָפיציעלער איינלאַדונג צו דעם צערעמאָניאַל אין ביוראָ פון אלוף. און אין איינעם אַ טאָג איז צו אים אין ביוראָ געקומען דער גענעראַל אָן ראַנג־אָפּצייכענונגען, אָן אַ היטל און אין סאַנדאַלן, זיך אַוועקגעזעצט אויפן טיש און געבנדיק אים אַ קלאַפּ אין די פּלייצעס אַ זאָג געגעבן: „איך בין דיין קאָמאַנדיר".

רחבעם (גאַנדי) האָט געענטפערט: „איך ווייס".

משה: „לאָמיר גיין עסן פּרוכטן".

דאָס האָבן זיי געטאָן אין איינעם פון די סעדער פון מושב באר־טוביה. נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט משה איינגעלאַדן גאַנדין צו גיין מיט אים „שלעפן" הינער פון כפר וואַרבורג, זאָגנדיק, „מיר וועלן וויניקסטנס עסן אָן אָנשטענדיק מיטאָג". גאַנדי האָט זיך געוואַקלט, מורא האָבנדיק פאַרן כבוד פון אלוף, אויב מען וועט אים כאַפּן. אָבער משה האָט אים באַרואיקט, זאָגנדיק צו אים, „קום, מיך כאַפּט מען נישט".

גאַנדי געדענקט אויך, אַז איינמאָל זענען זיי ביידע אַריין אין אַ פּרדס, כדי צו עסן מאַראַנצן. דער שומר איז אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און געלאָפן צו זיי מיט אָן אויפגעהויבענעם שטעקן. דער שטעקן איז געבליבן הענגען אין ד'ער לופט, ווען ער האָט דערזען משה דיין. „אהאָ, איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז סתם אַ גנב". — האָט ער געזאָגט.

דער פאַרבינדונגס־אָפיציר, אריאל עמיעד, געדענקט, אַז ער איז געווען אויפן וועג צום עס־צימער, ווען ער האָט געהערט אַ רעש הינטער זיך און דערזען דעם אויטאָ פון משהן, וועלכער האָט אים איינגעלאַדן עסן מיט אים אין באר־שבע אויף אַ סולחה־סעודה פון ישראלדיקע און ירדנישע בעדואינער.

דער חברהמאַנישער און אוממיטלבאַרער צוגאַנג אָן מחיצות, האָט גע־

מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף זיינע אונטערגעאָרדנטע. גאַנדי געדענקט, אַז יגאל ידין איז נישט געגאַנגען „שלעפּן" קיין היבער. אין זיינע אויגן איז משהס אויפפירונג דווקא געווען אַ פּלמ"חישע. משה האָט באַשטימט געוווסט ווי אַזוי צו געווינען דאָס האַרץ פון מענטשן.

דאָס באַקענען דעם שטח פון דרום-גאַרניזאָן, וואָס האָט אַרומגענומען אַ העלפט פון דער ישראל-טעריטאָריע, איז פאָרגעקומען אין די ראַמען פון אויספלוגן באַגלייט מיט געפערלעכע איבערלעבונגען אין דער געזעלשאַפט פון זיינע מענטשן. ער האָט זיך גרינטלעך באַקענט מיט אַלע אָפּשניטן און איז אויך געפאָרן איבער פעלדער, פון וועלכע מען האָט נאָך נישט באַזייטיקט די מינעס. דעם וועג קיין אילת האָט ער דורכגעמאַכט אין דער נאַכט, כדי ער זאָל אויך קענען כאַפּן ווילדע טויבן. עמוס חורב (היינט פּרעזידענט פון חיפהער טעכניקום), וועלכער איז געווען דער אָפּעראַציע-אָפיציר, געדענקט, אַז משה האָט זיי פאַרבלענדט מיט די לאָמפּן פון זיין דזשיפּ און שפּעטער זיי געכאַפּט מיט די הענט.

די שפּאַציר־אינספּעקציעס אין מדבר, אין די בערג פון נגב, צו דער גרענעץ פון מצרים — דאָס זענען געווען ביי משהן די גרעסטע פאַרגעניגנס אין אָנהויב פון זיין אַמטירן. „גאַנדי" געדענקט, אַז ווען ער האָט זיך באַקענט מיט די וועגן און אַקסן פון די נגב־בערג, האָט ער אייניקע מאָל באַגלייט משהן. מיטן דזשיפּ זענען זיי געפאָרן איבער די וויסטע שטחים. עס האָט פּאַסירט, אַז זיי זענען נישט געווען אין שטאַב אייניקע טעג. באַשפּייזונג און ברענ־שטאָף האָבן זיי באַקומען דרינגענד מיט דער לופט. איינמאָל זענען זיי אַרויס אין וועג מיט זעקס מיליטערישע אויטאָס, כדי צו געפינען אַ הויפּט-וועג קיין קדש ברנע און קומיצא. אָפּשניט־מאַפּעס און אַוויאַ־פאָטאָס האָט צה"ל נאָך דעמאָלט נישט באַזיצט, און משה און גאַנדי האָבן זיך באַנוצט מיט בריטישע מאַפּעס פון מאַסשטאַב 1 : 100.000. פּלוצים האָבן זיי דערזען זעלנער אויף די בערגלעך קעגנאיבער. עס איז פאַר זיי געווען קלאָר, אַז זיי געפינען זיך אויף דער מצרישער טעריטאָריע. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ צונויפמענשטויס.

משה האָט באַפוילן זיינע מענטשן צו זיין גרייט צום קאַמף און ער האָט געוואַרט. דער מצרישער קאָמאַנדיר האָט אין אָנהויב נישט געוווסט וואָס צו טון און דערנאָך האָט ער געשיקט אַן אָפיציר צו משהן און זיינע מענטשן, כדי זיי צו מעלדן, אַז זיי האָבן איבערגעשריטן די גרענעץ און דאַרפן זיך צוריק־ציען. משה האָט איינגעזען, אַז דאָס איז אַ פּאַסיקער מאָמענט פאַר הומאָר און האָט אָנגעהויבן צו דיסקוטירן מיטן מצרישן אָפיציר און אים איבערצייגן אויף אַ מאַפּע פון 1:250.000, אַז דאָס פאַרקערטע איז ריכטיק. לויט די פונקטן און ליניעס, וואָס ער האָט געצייכנט אויף דער מאַפּע האָט ער געטענהט, אַז דווקא די מצרים זענען אַריבער די גרענעץ. איצט וועלן זיי דאַרפן עוואַ־קואירן דעם מיליטערישן לאַגער, די בנינים און איינריכטונגען און צוריקקערן

קיין מצרים. אין גאַנצן צעמישט איז דער מצרישער אָפיציר צוריק צו זיין קאָמאַנדיר צו באַריכטן אים וועגן די רעזולטאַטן פון די פּאַרהאַנדלונגען. עס זעט אויס, אַז צווישן ביידע האָט זיך צעפלאַקערט אַ ביטערער וויכוח, וואָס האָט משהן און זיינע מענטשן געגעבן גענוג צייט צוריקצוציען זיך צו דער ישראל־גרענעץ.

דער דאָזיקער אינצידענט האָט געהאַט צוויי אויסווירקונגען. קודם כל איז אין דער מצרישער פּרעסע דערשינען אַ באַריכט וועגן אַריינדרינגען פון אַ ישראל־פּאַטרול אין דער מצרישער טעריטאָריע און אַז דער מצרישער קאָמאַנדיר האָט שוין געהאַט געגעבן אַ באַפעל צו גרייטן זיך צום שיסן, אָבער ווען די מצרישע זעלנער האָבן געוועגדעט זייערע ביקסן אויף משהן און זיינע מענטשן האָט ער הורך דער לאָרנעטע דערזען, אַז „אין דזשיפּ זיצט דער ציוניסטישער גענעראַל משה דיין פון ירושלים". אַזוי איז ער אויך פון ירושלים באַרימט געוואָרן אין מצרים.

דערנאָך, אין 1950, איז משה דורכגעגאַנגען אַ קורס פון הויכע אָפיצירן אין ענגלאַנד, און בעת אַ קאָקטייל־פּאַרטיע האָט ער געטראָפן דעם מצרישן אָפיציר דזשאַמאַל אַפּיפי, וועלכער איז דאַן געווען קאָמאַנדיר פון דער לופט־באַזע אין על־אריש. ער האָט אים דערציילט, אַז יענער מצרישער אָפיציר האָט אים באַריכטעט וועגן די יידן, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען אויף דער מצרישער טעריטאָריע און זיין באַזע האָט באַקומען אַ באַפעל צו שיקן צוויי עראָפּלאַנען, כדי זיי אָנצוגרייפן און פאַרניכטן. דאָס האָט ער נישט געטון, ווייל „מיין שיפער־אָפיציר האָט זיך געבאָדן אין ים, און ווען ער איז צוריקגעקו־מען און מיר האָבן איבערגעלייענט דעם שיפר און געשיקט צוויי ספּיטפייטערס דיך צו דערהרגענען, סער, ביסטו שוין געווען אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ". הערנדיק די דאָזיקע געשיכטע, האָט משה געדריקט די האַנט דעם גענעראַל אַפּיפי.

צו אַ ווייטער רייזע אין דער געגנט פון קונטילא האָט משה מיטגעבראַכט זיין 11־יאָריקע טאָכטער, יעל. ביינאַכט האָבן זיי געשאַכטן אַ פאַרבלאָנדזשעט שעפּסל, וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף דעם מיידעלע. זיינע מענטשן געדענקען אים פון דעמאָלט אַלס אָפנהאַרציקן, חברישן דערציילער פון זכרו־נות און וויצן. זיי זענען באַאיינדרוקט געוואָרן פון זיין ליבע צום לאַנד, זיין בקיאות אין תנ"ך און זיינע פאַרגלייכונגען און ביישפּילן, וועלכע ער האָט געשעפּט פון אים. ער האָט אין זיך פאַרמאָגט די ווילדקייט פון מדבר, און ווען ער האָט דערזען ווי אַ קוסט ווערט אַריינגעכאַפּט אין געווימל פון ווינט, האָט ער געפּלעגט זאָגן זיינע חברים, אַז זיי קוקן זיך צו צו אַ „שטורעם־ראָד" און דערמאָנט ישעיהו הנביא (י"ז פסוק 14) „ורודף כמוץ הרים לפני רוח, וכגלגל לפני סופה", און אים באַגלייט מיט זיין בליק ביז ער איז פאַר־שווונדן.

אין צוזאמענהאַנג מיט דעם איז כדאַי צו דערציילן אַ געשיכטע פון 1952. שמעון פרס געדענקט, אַז בן־גוריון האָט געוויילט אין טבריה און האָט איינגע־לאַדן צו זיך דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב, יגאל ידין און משה דיין דעם אלוף פון דער צפון־קאָמאַנדע. ידין און פרס האָבן אָנגענומען די איינלאַדונג פון משהן צו פאָרן מיט אים קיין נהלל אויפן צוריקוועג קיין תל־אביב, כדי צו עסן סמעטענע, וואָס איז אין די צנע־טעג געווען אַ יקר מציאות. ווען זיי זענען אַריין אין זיין שטוב — ווען ער איז געווען אלוף פיקוד הצפון, האָט ער גע־וווינט אין נהלל — האָט זיי אַ שלאָג געגעבן אַ שלעכטער ריח, וואָס האָט זיי צוגענומען יעדן חשק צו עסן און טרינקען. ווילינגלעריש מיט אַ בליש־טשענדיק אויג האָט ער זיי געפרעגט, „אמת, דאָ איז דאָ נישט אַזאַ אָנגענעמער ריח?" און האָט זיי דערציילט די געשיכטע מיט די ציין פון רעקין.

משה האָט געלייענט אין דער צייטונג וועגן אַן אַמעריקאַנער, וואָס האָט געמאַכט אַ שנור פון די נעגל פון אַ לייב און פון די ציין פון אַ רעקין. לייבן זענען נישטאָ אין ארץ ישראל, אָבער וועגן רעקינען אין אילת האָבן צייטונגען פון צייט צו צייט איבערגעגעבן. אין האַרצן האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אַ שנור פון די ציין פון אַ רעקין. אַזוי, ווען עס איז אין דער צייטונג פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אַ ידיעה וועגן אַ געכאַפּטן רעקין, האָט ער גענומען די משפחה און אין דער געזעלשאַפט פון זיינע פריינט אין שטאַב איז ער געפלויגן קיין אילת מיט אַ דאַקאָטאַ־עראָפּלאַן פון לופט־פלאָט. די פישער האָבן אים מיט פאַרגעניגן געגעבן דעם טויטן רעקין, אָבער זיינע ציין האָט ער נישט געקענט לייכט אַרויסרייסן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער אומזיסט געאַרבעט. ווען עס איז צו־געפאַלן דער אָוונט און דער עראָפּלאַן האָט באַדאַרפט צוריק אָפּפליען, האָט ער מיט דער האַק אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון דעם הייפיש — און האָט אים מיטגע־נומען מיט זיך. די צוויי־מאָטאָריקע דאַקאָטאַ האָט געהאַט צוויי דעפעקטן. צו־ערשט האָט זיך אויסגעלאָשן איין מאָטאָר און דערנאָך איז קאַליע געוואָרן דער צווייטער מאָטאָר און דער עראָפּלאַן איז געווען געצוווּנגען צו לאַנדן. די פּאַ־סאַזשירן פון עראָפּלאַן געדענקען, אַז זיי זענען געווען אויפגערעגט צוליב די דעפעקטן. אָבער משה האָט מיט די ציין אויספאַרמירט אַן אייגנאַרטיקע שנור פון דיקן קנויט דורכגעפלאָכטן מיט זילבערנע פעדעם, האָט אַנטפלעקט 8 רייען, אין צווייזייטיקע ריכטונגען, פון שאַרפע ציין ווי ראַזיר־מעסער. די ציין זענען געווען טיף איינגעזונקען אין אַ דיקער שיכט פון פעטס און עס איז געווען זייער שווער צו זיי צוצוקומען. און אַזוי האָט ער פאַרווונדעט זיי־נע פינגער ביז בלוט, נישט אַרויסבאַקומענדיק קיין איין צאָן.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען קיין נהלל, האָט ער געבעטן רותן צו קאָכן דעם קאָפּ פונעם הייפיש אין אַ דרוק־טאָפּ. נאָך לאַנגע שעהן פון קאָכן, האָט זיך געשאַפן אַ געדיכטע מאַסע, וואָס איז געשטאַנען אַ פּאָר טעג און האָט געשאַפן אַ שלעכטן ריח — וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף ידין

און אויף פּרסן — איז צערונען געוואָרן די שיכט פּעטס אין דער מאָרדע פון רעקין און משהן איז געלונגען אַרויסצובאַקומען די ציינער.

אָבער משה האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף אויסצובויערן די לעכער אין די ציין. די טעכנישע זייט האָט אים באַשעפטיקט אַ פּאָר טעג, ביז ער איז געפאַלן אויפן געדאַנק אויסצונוצן פאַר דעם צוועק די בייע מיליטערישע ציין־אַמבולאַטאָריע. ער איז אַוועק קיין תל־השומר מיט די ציין אין אַ זעקל. צוערשט האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער אינטערעסירט זיך מיט די נייע מעדיציניש אײַנריכטונגען פון מיליטער, און ווען מען האָט אים גע־וויזן די נייע בויער־מאַשינען, האָט ער געפרעגט וואָס איז זייער כוח און צי זיי קענען בויערן אַ לאָך אין יעדן צאָן — פון אַ פערד, טיגער און אַ לייב? דער שטאָלצער דאָקטאָר האָט געענטפערט מיט זיכערקייט, „אין יעדן צאָן, אַפילו פון טייוול”. דאַן האָט משה אויסגעשפּרייט פאַר אים די ציין פון רעקין און געזאָגט, „איך וויל זען ווי איר בויערט אין די ציין”. נאָך דעם ווי דער דאָקטאָר האָט צעבראָכן אייניקע נאָדלען, איז אים געלונגען דורכצובויערן לעכער אין די ציין פון רעקין.

משה האָט אַרויפגעצויגן די ציין אויף אַ דיק שטריקל דורכגעפלאָכטן מיט זילבערנע פעדעם און געשאָפן אַן אייגנאַרטיקע שנור, וואָס ער האָט אָפּ־געהיט פאַר אַ ספּעציעלער געלעגנהייט. יאָרן שפּעטער, ווען ער איז געווען אין טאַנגאַנאיקאַ (היינט טאַנזאַניאַ) האָט ער אײַנגעקויפן נעגל פון אַ לייב, זיי אָפּגעשליפן און געמאַכט פון זיי אַ שנור, וועלכן ער האָט געשאָנקען רותן.

ווען סגן־אלוף צבי צור איז אָנגעקומען אין דרום־גאָרניזאָן, האָט זיך גלייך אַנטפּלעקט דער אונטערשיד צווישן אים און משהן. גאַנדי האָט דאָס גלייך דערפילט אויף דער אייגענער הויט. צור האָט אים געזען ווי ער דרייט זיך אַרום אין די סאַנדאַלן און ער האָט אים גערופן צו אַן אויפקלערונג. עס האָט אים נישט געהאָלפן, אַז ער האָט אַ „מינדלעכע דערלויבעניש פון אלוף משה דיין”. צור האָט געזאָגט: „דעם אלוף אַרט נישט ווי אזוי דו און אַנדערע דרייען זיך אַרום, אָבער מיך אַרט עס”. באַלד פון אָנהויב איז געווען קלאָר, אַז דער נייער שעף פון שטאַב אין דרום־גאָרניזאָן וועט אין ענינים פון אָרדע־נונג און דיסציפּלין נישט אײַנגיין אויף קיין שום פשרות.

צוליב מיספאַרשטענדענישן צווישן צורן און משהן, און דער אוממעגלעכ־קייט זיך צוצופּאַסן צו דער אַרבעטס־שיטה פון אלוף דיין, האָט זיין געדולד געפּלאַצט נאָך זיבן חדשים פון בשותפותדיקער אַרבעט. מקלף, וועלכער איז דאַן געווען פאַרטרעטער פון שעף פון גענעראַל־שטאַב, געדענקט, אַז צור האָט זיך צו אים געוואָנדן מיט אַ פאַרצווייפלטן רוף, „איך קאָן נישט מער צוזאַמענ־אַרבעטן מיט משהן”. דעמאָלט האָט מקלף אים איבערגעפירט פון באר־שבע און אים באַשטימט אַלס געהילף פון לייטער פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג ביים גענעראַל־שטאַב. פאַרזענלעכע קאָנפליקטן זענען צווישן זיי נישט געווען — לויט צורס רייד. „משה איז נישט קיין מענטש פון קריגערייען. איך געדענק

נישט, ווען ער זאָל זיך האָבן מיט וועמען געקריגט. אין פּערזענלעכע ענינים איז משה נאָכגיביק און באַמיט זיך אויסצומיידן אַ קאָנפראָנטאַציע. פאַרקערט, אין פערזענלעכע ענינים איז ער ברייטהאַרציק. אָבער צופּאַסן זיך צו זיין אַר־בעטס־שיטה האָב איך בשום אופן נישט געקענט". אָבער ווי אויסטערליש זענען די מענטשלעכע וועגן — אַלס לייטער פון דער קאַדרען־אָפּטיילונג ביים גענעראַל־שטאַב, וועט זיך צור דערנענטערן צו משהן דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב, און אין 1967 וועט ער זיין גרייט צו פאַרלאָזן דעם בכבודיקן פּאָסטן פון גענעראַל־דירעקטאָר פון דער וואַסער־געזעלשאַפט „מקורות", איינע פון די גרעסטע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין ישראל, כדי איבערצונעמען, ווי עס האָט אויסגעזען, דעם צייטווייליקן אַמט פון געהילף פון פאַרטיידי־קונגס־מיניסטער, משה דיין.

בן־גוריונס הבטחה צו משהן, אַז ער וועט דערגענצן זיין מיליטערישע בילדונג, האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט צו ווערן. במשך פון ניין חדשים, טיילווייז אין 1950 און טיילווייז אין 1951, איז משה געזעסן אויף דער שול־באַנק צוזאַמען מיט די גענעראלן אבידר, איילון, צדוק און אַנדערע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל במשך פון עלף יאָר, זינט דעם קורס פון אָפּטיילונגס־קאָמאַנדירן אין יבניאל, וואָס ער האָט געלערנט די מיליטערישע תורה.

די קורסאַנטן און אינסטרוקטאָרן זענען געווען באַאיינדרוקט פון זיינע פעאיקייטן. דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, יגאל ידין, האָט געבעטן די אינס־טרוקטאָרן זיי זאָלן אויסדריקן זייער מיינונג וועגן די שילער. אָבער דאָס איז אים געגעבן געוואָרן מינדלעך און נישט שריפטלעך. וועגן משהן האָבן די אינסטרוקטאָרן געזאָגט: אַן אויסגעצייכנטע טאַקטישע אויפפאַסונג, ארבעט־פלייסיק אין די לעקציעס, באַציט זיך זייער קריטיש צו אַלץ וואָס איז נישט איבערצייגנדיק און איז אומגעדולדיק לגבי טעכנישע פּרטים.

משה האָט זיך אונטערשיידט פון אַנדערע אָנטיילנעמער אינעם קורס מיט דעם, וואָס יעדן אָוונט איז ער געפאָרן אהיים קיין ירושלים, אויך ווען די קורסאַנטן זענען געפאָרן אויף איבונגען אין ווייטע ערטער. חיים בר־לב, וועלכער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון קורס, געדענקט, אַז די קורס־אָנטיילנעמער האָבן דורכגעפירט איבונגען אין גליל, נישט ווייט פון דער צפון־גרענעץ. די שילער און אינסטרוקטאָרן האָבן געוווינט אין צפת. אָבער משה פלעגט יעדן אָוונט פאָרן קיין ירושלים, שלאָפנדיק אויפן הינטערשטן געזעס פון אויטאָ. יעדן מאָרגן איז ער געקומען 8 אזייגער אינדערפרי, וואָך און פריש, גרייט צו אַ נייעם טאָג פון לימודים.

נאָכן פאַרענדיקן דעם קורס, זענען די גענעראלן געווען פאַראינטערע־סירט צו געווינען פאַר זיך די אינסטרוקטאָרן, וועלכע זענען געווען ווי געזוכטע תלמידי חכמים. משה האָט פאַרענדיקט דעם קורס און מיט זיך מיטגענומען זיין אינסטרוקטאָר, סגן־אלוף עוזי נרקיס, וועלכן ער האָט באַשטימט אַלס אָפּעראַ־

ציע־אָפּיציר אין דרום־גאַרניזאָן. דער אלוף־משנה חיים בר־לב, דער קאָמאַנדיר פון קורס, וועט שפּעטער זיין שעף פון זיין שטאַב אין צפון־גאַרניזאָן.

ווען משה האָט אים פאָרגעלייגט אַ פונקציע אין זיין שטאַב, האָט זיך עוזי נרקיס, וועלכער האָט אַ שאַרף אויג און אַ חוש פאַר דער אייגנאַרטיקייט פון צה״ל, שטאַרק געוווּנדערט. אין אָנהויב פון קורס האָט ער אין משהן געזען, „אַ מין כנופיה־מענטש, העכסטנס אַ כנופיה־מנהיג, וועלכער האַנדלט לויט די שיטות פון די אַראַבישע כנופיות און האָט נישט קיין אַנונג אין מיליטערישע ענינים". ווען נרקיס האָט אים געפרעגט, „וואָס איז פּלוצים געשען?" האָט משה געענטפערט, אַז ער איז שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן פון דעם קורס און „איצט וויל איך, אַז מיין שטאַב זאָל זיין אַמבעסטן אָרגאַניזירט און איינגעאָרדנט אין צה״ל". לויט זיין מיינונג, איז נרקיס געווען דער פּאַסיקער מענטש צו אָרגאַניזירן אַזאַ שטאַב.

אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט זענען דער אלוף פון דרום־גאַרניזאָן און דער אָפּעראַציע־אָפיציר געוואָרן אַן ענערגישע מאַנשאַפט, וועמענס אייגנשאַפטן זענען געקומען צום פולן אויסדרוק אין די מאַנעוורעס ב׳, וואָס זענען פאָרגעקומען אין 1951, אַ פּאָר וואָכן נאָכן פאַרענדיקן דעם קורס פּאזע ב׳. די מאנעוורעס ב׳ האָבן אויף אַן איבעראַשנדיקן אופן נישט נאָר פאָראויסגעזאָגט די שיטה פון משה דיין דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב בעת דער סיני־אקציע, פינף יאָר שפּעטער, נאָר האָבן אויך געגעבן אַ מעגלעכקייט צו קריטיקירן צה״ל, ווי ער האָט זיך אויסקריסטאַליזירט בעת דער קאַדענץ פון יגאל ידין אלס שעף פון גענעראַל־שטאַב. און טאַקע ביים רעזומירן די מאַנעוורעס ב׳, איז געקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישן ידין און דיין. צוליב זיין וויכטיקייט איז ווערט צו שילדערן דעם הינטערגרונט און די אומשטענדן פון די מאַנעוורעס ב׳.

איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן, אויב נישט די ערשטע, פון רב־אלוף ידין ווען ער איז נאָמינירט געוואָרן אלס שעף פון גענעראַל־שטאַב, איז געווען איינצוהאַלטן דעם פּראָצעס פון פולער פונאַנדערפאַלונג און צעשטערונג פון דער אַרמיי פון דער באַפרייאונגס־מלחמה און שאַפן עפּעס אַנדערש אויף איר אָרט. דאָס איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע. לויט ידינען — „כמעט אַן אוממעגלעכע". די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און עס האָט געהערשט אַן אַלגעמיינע איבערצייגונג, אַז די וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַכן וועלן דערפירן צו אַ שלום. נאָך מער. לויט ידינס ווערטער, האָט די דעמיסיע פון די קאָמאַנדירן, וועלכע געהערן צו מפּ״ם, „מיך געשטעלט פאַר אַ זייער שווערער לאַגע". סוף 1950 האָט ידין באַריכטעט בן־גוריונען, אַז 6000 אָפיצירן און 25.000 סערזשאַנטן, וועלכע האָבן געדינט ביים סוף פון דער מלחמה, האָבן זיך באַפרייט און פאַרלאָזט די אַרמיי. פון דער אַנדערער זייט האָט די מאַסן־עליה געגעבן צה״ל 40 פּראָצענט פון די זעלנער פון אָבליגאַטאָרישן דינסט און זייער פּראָצענטזאַץ אין די קאַמפּס־איינהייטן איז געווען נאָך העכער. די

נייע עולים האָבן נישט געקענט קיין עברית און זייער אַלגעמיינע בילדונג איז געווען אַ נידעריקע. מיט איין מאָל איז געפאַלן דער ניוואָ פון מיליטער. אין דער זעלבער צייט האָט ידין געדאַרפט אויפשטעלן די רעזערוויסטן־ארמיי און דער דאָזיקער אויפגאַבע האָט ער געווידמעט אַלע זיינע פעאיקייטן. לויט זיין אויפפאַסונג האָט מען געדאַרפט שאַפן אַ קליינע רעגולערע אַרמיי, וואָס קאָן שנעל מאָביליזירן די רעזערוויסטן און ווערן אַ גרויסער קריגס־כוח, וועלכער וועט אַריבערפירן די מלחמה אויפן שטח פון פיינט.

די רעזערוויסטן־אַרמיי איז באַטראַכט געוואָרן ווי די אויסגעשפּראָכענע שאַפונג פון יגאל ידין. ער האָט געשאַפן די געשטאַלט פון צה״ל אַלס רעזער־וויסטן־אַרמיי. ידין איז געווען דער, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט, אַז עס זענען נישטאָ קיין מיוחסים און אַלע דאַרפן דינען אין צה״ל אַלס רעזער־וויסטן. דער ערשטער פּרווו פאַר דעם איז געווען בעת די מאַנעווערס א׳ אין 1950, ווען ידין האָט געשיקט מיליטער־פּאָליצייַ צו אַרעסטירן דעם סעקרע־טאַר פון פינאַנס־מיניסטעריום, וועלכער האָט געמיינט, אַז זיין אַמט באַפרייט אים פון דינסט.

אָבער די הויפּט־קעגנערשאַפט איז געקומען פון די ווירטשאַפטלעכע קרייזן. דער פאַרלוסט פון אַזוי פיל אַרבעטס־שעהן אין דער צייט, ווען עס האָט גע־הערשט די איבערצייגונג, אַז דער שלום איז נאָענט, האָט געפירט צו דעם, אַז די ווירטשאַפטס־ און ביזנעס־לייט האָבן געטענהט, אַז די מילואים (רעזערוויסטן־דינסט) איז אַ שפּיל פון קינדער אין מונדירן. דאַקעגן האָט ידין געטענהט, אַז דער בעסטער וועג אויסצופּראָבירן זיין שיטה איז דער פּראַקטישער פּרווו. ער האָט געפאָדערט דורכצופירן ווייניקסטנס איין מאַנעווער, אין וועלכן עס זאָלן זיך באַטייליקן 100.000 זעלנער. דאָס הייסט כמעט דאָס גאַנצע מיליטער, וואָס ישראל קאָן מאָביליזירן אין פאַל פון אַ מלחמה. און דאָס אין אַ צייט, ווען די ישראל־באַפעלקערונג האָט געציילט ווייניקער ווי אַ מיליאָן נפשות. דער פינאַנס־מיניסטער און די ווירטשאַפטלעכע מיניסטאָרן זענען געווען קעגן דעם דאָזיקן מאַנעווער, טענהנדיק, אַז דאָס וועט חרוב מאַכן די ווירט־שאַפט פון דער מדינה. דער ענטפער פון ידין איז געווען: טאָקע דאָס דאַרף מען אויספּראָבירן.

מען האָט באַשטעטיקט ידינען דריי מענעווערס: די ערשטע מאַנעווערס אין 1950 פעסטצושטעלן די עפעקטיווקייט פון רופן די רעזערוויסטן־כוחות. די צווייטע און דריטע מאַנעווערס אין 1951, ווי טאַקטישע מאַנעווערס. מיט די מאַנעווערס האָט ידין געוואָלט אויספּראָבירן די רעזערוויסטן־אַרמיי אין אַנ־בליק פון צוויי חנחות, סטראַטעגישע און טאַקטישע. איינע — דער שונא וועט פלוצים אָנגרייפן ישראל. די צווייטע — ישראל וועט אַרויס מיט אַ פּרעווענ־טיוון קריג קעגן שונא.

אין די צווייטע מאַנעווערס האָט דער דרום־גאַרניזאָן דערפילט די ראָל פון שונא (די גרינגע מדינה), וועלכער גרייפט פלוצים אָן דעם צענטראַלן

גאַרניזאָן, וואָס שפּילט די ראָל פון ישראל (די בלויע מדינה). אַזוי איז משה געשטאַנען בראש פון די פיינטלעכע כוחות און צבי איילון בראש פון די ישראל־דיקע כוחות. דער מאַנעווער איז איינגעטיילט געוואָרן אין דריי פאַזעס: די ערשטע הצלחה פון די גרינע, דאָס איינהאַלטן זיין כוח דורך די בלויע און די קאָנטער־אָפענסיווע פון די בלויע. די ראָל פון דער מאַנעווערן־לייטונג, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען אלוף צדוק, איז געווען צו שאַפן אַזעלכע סיטואַציעס, וועלכע דער גענעראַל־שטאַב האָט געוואָלט בודק זיין. דאָס האָט די אָנפירערשאַפט פון די מאַנעווערעס געטון מיט דער הילף פון אַ ריכטער־אַפּאַראַט, וואָס איז טיילוויַיז געווען צוגעטיילט צום גרינעם כוח און טיילוויַיז צום בלויען. דער הויכער פּרייַז פון די מאַנעווערעס — כמעט אַ פולע מאָביליזאַציע פון די רעזערוויסטן — האָט מחייב געווען אַלע באַטייליקטע, ספּעציעל לויט דער מיינונג פון יגאל ידין, גענוי מדקדק זיין און פּינקטלעך האַנדלען לויט די כללים פון שפּיל מיט אַלע זיינע פּרטים.

כדי דורכצופירן די מאַנעווערעס איז דער גרינער כוח צונויפגעשטעלט געוואָרן פון די רעגולערע איינהייטן פון דרום־גאַרניזאָן מיט אַ צוגאָב פון פיקטיווע איינהייטן. דאָס הייסט שטאַבן און זעלנער. דער בלויער כוח איז אויך אַזוי צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן.

דעם 29־טן אויגוסט 1951 האָט זיך אָנגעהויבן די שפּיל. אָבער שוין אין ערשטן טאָג האָט אויסגעזען, אַז אלוף משה דיין, דער קאָמאַנדיר פון די פיינט־לעכע כוחות צעשטערט מיט איין מאָל די דורכגעטראַכטע און קאָמפּליצירטע שפּיל.

משה, דער קאָמאַנדיר פון די „גרינע" מיטן אָפּעראַציע־אָפיציר עוזי נרקיס און אורי בן־ארי, וועלכער איז געווען דער פאַרטרעטער פון קאָמאַנדיר פון דער 7־טער פאַנצער־דיוויזיע, האָבן באַשלאָסן גלייך צו ווירקן. באַלד ווי די אָנפירערשאַפט פון די מאַנעווערעס האָט געגעבן דעם צייכן, אַז די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן, איז משה אַרויף אויפן קאָמאַנדקאָר פון אלוף־משנה שמואל גודר, קאָמאַנדיר פון דער 7־טער פאַנצער־בריגאַדע און אים געהייסן פאָרן. דאָס לאָזן אין גאַנג די פאַנצער־בריגאַדע איז געמאַכט געוואָרן אָן דעם וויסן פון די ריכטער. אַזוי האָט די פאַנצער־בריגאַדע איבעראַשט דעם בלויען כוח, וואָס איז נאָך נישט געווען צו דעם צוגעגרייט און איז אים טיף אריין אין רוקן. פאַקטיש האָט זיך די שפּיל פאַרענדיקט נאָך איידער זי האָט זיך אָנגעהויבן. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס געווען אַן איבערחזרונג פון משהס דורכברוך מיט דער באַוועגלעכער וואַך אין „הגנה"־לאַגער אין דזשוארא אין 1937. און אויך איצט, אויף דער טענה, אַז „אַזוי טוט מען נישט, דאָס איז נישט קיין חכמה", האָט ער געענטפערט: „און דאָס איז דווקא אַ חכמה".

דער אָנפירער מיט די מאַנעווערעס האָט גלייך באַריכטעט ידינען, אַז פון ערשטן מאָמענט אָן שפּילן נישט די גרינע לויט די אָנווייזונגען און עס איז קלאָר, אַז דאָס וואָס מען וויל פעסטשטעלן וועט נישט פעסטגעשטעלט ווערן,

ווייל עס וועלן נישט זיין די נויטיקע אומשטענדן דערצו. היות אין די מאַנעוו־רעס האָט מען אַריינגעלייגט אַ סך געלט, האָט מען באַשלאָסן זיי פאַרצווזעצן, כדי צו ראַטעווען וואָס מען קאָן. פאַר דעם צוועק האָט די אָנפירערשאַפט פון די מאַנעוורעס אַרויפגעלייגט אַ בלאָקאַדע אויף די גרינע — אַרום זייער אָרט אויף דער מאַפּע האָט מען אָנגעצייכנט אַ קרייז — און זיי באַפוילן זיך נישט צו רירן פון אָרט במשך פון 24 שעה. ערשט נאָך די 24 שעה האָט מען דערלויבט די גרינע צו באַנייען זייער טעטיקייט.

איינער פון די רעזערוויסטן, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין די מאַ־נעוורעס אויף דער זייט פון די „בלויע" איז געווען דער שרייבער און כנסת־דעפּוטאַט יזהר סמילאַנסקי (ס. יזהר מיט זיין ליטעראַרישן נאָמען), ער איז דאַן געווען אינפאָרמאַציע־אָפיציר אין איינער פון די בריגאַדעס פון אלוף איילון. דאָס איז געווען זיין ערשטע אומדירעקטע באַגעגעניש מיט משה דיין און ער האָט אויף אים געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. לויט זיינע רייד זענען געווען צוגרייטונגען און כלערליי ענינים און ער האָט זיך דורכגעריסן ווי אַ רויבער און געזיגט ״איינס־צוויי. אַלע זענען מיר געבליבן מיט אָפענע מיילער און מיר האָבן נישט געוווסט צי מיר דאַרפן באַוווּנדערן, אָדער לאַכן. ער האָט צעבראָכן אַלע כללים פון שפּיל און איך האָב הנאה געהאַט פון דעם, פון זיין פעאיקייט צו שפּילן זיין אייגענע שפּיל. די גאַנצע אָנפירערשאַפט איז געווען צו עפּעס צוגעגרייט און אָט איז געקומען אַ ווילדער אָקס, און דורכגעבראָכן און גע־לאָפן גלייך — און אַלץ איז געפאַלן.

די רעזומירונג פון די מאַנעוורעס ב׳ איז געווען אַ שטורמישע. אין דער אָנוועזנהייט פון הויכע אָפיצירן האָט דער לייטער פון די מאַנעוורעס, אלוף צדוק, געטענהט קעגן משהן און די גרינע, אַז אין דער ערשטער ריי האָבן זיי זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אָפּצוהאַלטן אַ זיג און אָפּנאַרן דעם צווייטן צד פאַר יעדן פּרייז. נאָך דעם ווי צדוק האָט פאַרענדיקט, האָט משה דערציילט פאַלגנדיקן וויץ: אויף אַ שמחה האָט אַ ייד געשפּילט אויף אַ פידל. עס זענען דאָרט געווען יידן, וועלכע האָבן געזען אַ מענטש, וועלכער אַרבעט שווער, זייער שווער. זיי האָבן צו אים געזאָגט: צי דו ביסט אַ פידלער ווייסן מיר נישט, אָבער אַז דו וועסט נישט מצליח זיין דורכצוזעצן די פידל — אין דעם זענען מיר זיכער. און דער נמשל איז געווען לגבי צדוקן. צי דו פאַרשטייסט מיליטערישע ענינים ווייסן מיר נישט, אָבער אז דו וועסט נישט מצליח זיין צו צעברעכן די גרינע — אין דעם זענען מיר זיכער.

אָבער אויך דער ריכטער, וועלכער איז געווען ממונה איבער די גרינע, האָט געהאַט אַ טענה צו אים. לויט זיינע ווערטער האָבן די גרינע פון אים אויסבאַהאַלטן זייערע פּלענער און אייניקע מאָל אָפילו אים בכוונה אויסגעמיטן.

אָפּוואָרפנדיק די קריטיק קעגן דעם גרינעם כוח, האָט משה איינגעטיילט די אַרבעט צווישן זיך און עוזי נרקיס. ער אליין האָט איבערגענומען די פונקציע פון אַ פאַרטיידיקער, וועלכער אַרגומענטירט מיט לאָגישע און איבער־

צייגנדיקע אַרגומענטן. די חילוקי דעות צווישן זיין שטאַב און דער אָנפירונג פון די מאַנעוורעס זענען לויט זיין מיינונג אַרויסגעפּלאָסן פון מאַנגל אין גענויע אָנווייזונגען. און צוליב דעם וואָס די אָנפירונג האָט געוואָלט אָנוואַרפן די גרינגע איר טעטיקייטס־פּלאַן, האָבן די גרינגע באַשלאָסן צו טון אַלץ לויט זייער פּלאַן.

די פונקציע פון אויסאיבן אַ שאַרפע קריטיק קעגן די אָנגרייפער פון די גרינגע איז צוגעפאַלן עוזי נרקיסן. לויט זיינע רייד זענען פאַר אַלע פעלערן און דעפעקטן פאַראַנטוואָרטלעך די אָנפירער פון די מאַנעוורעס און אויך די ריכטער. נרקיס האָט רעזומירט זיינע רייד מיט אַ פּסוק פון תנ״ך, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פון די קאָמאַנדירן פון צה״ל: „מיר זעט אויס, אַז די כוונה פון דער אָנפירונג פון די מאַנעוורעס איז געווען ווי, „ויהי בימי שפוט השופטים איש הישר בעיני השופטים יעשה״.

דער צאָרן פון יגאל ידין איז געווען זייער גרויס. „נאַרקיסיזם״ — אַזוי האָט ער באַצייכנט די אַרגומענטן פון נרקיסן און עס איז געווען קלאָר, אַז ער מיינט זיין קאָמאַנדיר אלוף משה דיין. אַ סך געדענקען די רעזומירונג פון די מאַנעוורעס ב׳ ווי אַ שווערן צוזאַמענשטויס צווישן יגאל ידין און משה דיין, הגם אויבערפלעכלעך האָט געהערשט רו און שלוה. אויך אין כעס האָט ידין גערעדט אויף אַן עלעגאַנטן אופן. בעת ער האָט געמאַכט דעם ביטערן חשבון מיט משהן האָט ער אויך נישט פאַרגעסן דעם אלוף איילון. לויט זיינע ווערטער זענען געווען דריי הויפּט־פעלערן אין די מאַנעוורעס: די בלויע כוחות זענען געווען צו לאָיאַל צו די ריכטער די גרינגע כוחות זענען געווען צו ווייניק לאָיאַל צו די ריכטער די ריכטער אליין האָבן נישט מצליח געווען צו באַהערשן ביידע.

ידין האָט נישט אָנגערופן קיין נעמען און די שאַרפע ווערטער, וועלכע ער האָט געוועגדעט אויף משהס אַדרעס, ווי „מאַנגל אין רייפקייט״ ביי די גרינגע — האָבן געטראָגן אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. אָבער צום סוף פון זיינע רייד האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און דערציילט אַ מאָלערישן אנעקדאָט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ געלעכטער אין דער ריכטונג פון משהן. עס זענען געזעסן פיר ים־רויבער און געשפּילט אין פּאָקער ביז עס האָט זיך אויפגע־שטעלט איינער פון זיי און מיט כעס געזאָגט: איך וויל נישט אָנרופן קיין נעמען, אָבער ווער עס וועט דאָ ווייטער זאָגן ליגן, וועל איך אים אַרויסנעמען דאָס אַנדערע אויג...

במשך פון דער צייט וועלן ידין און דיין באַטראַכט ווערן אַלס די צוויי גרעסטע שעפן פון גענעראַל־שטאַב פון צה״ל, הגם איינער איז געווען דער קעגנזאַץ פון דעם צווייטן. אָבער אין דער באַפרייאונגס־מלחמה און אין די יאָרן פון ידינס קאָדענץ אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב, איז נישט געווען קיין אָרט פאַר אַ פאַרגלייך צווישן זיי. ידין, וועלכער איז יונגער פאַר משהן, איז פריער רייפער געוואָרן. די באַציאונגען צווישן זיי זענען געווען ענלעך, אין אַ געוויסער מאָס צו באַציאונגען צווישן אַן עלטערן געבילדעטן מענטש מיט ברייטע

האָריזאָנטן, אַ פּאַראַנטוואָרטלעכן און דערפאַרענעם, און אַ יונגן מיט אַ הויכער איינגעבוירענער אינטעליגענץ, איינגעשלאָסן אין זיין אייגענער וועלט, נאָך יינגלעריש און געניגט צו האַנדלען לויט זיינע ליידנשאַפטן. משה האָט רעספּעקטירט דעם געבילדעטן ידין, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טיפן אינטעלעקט און עלעגאַנטער רעפּרעזענטאַנץ און האָט זיך קריטיש באַציגן צו אים, ווייל ער איז נישט געווען קיין קאָמפּס־אָפּיציר און זיך אַרומגע־רינגלט מיט שטאַב־מענטשן, ווייט פון פעלד־לעבן און גענויגט צו צערעמאָניאַלן, פּראָבלעמען פון ישראל. זיין קריטיק אויפן אַדרעס פון ידין דעם שעף פון ביוראָקראַטיע און פּראָצעדורן און אָפּגעריסן פון ברענענדיקע זיכערהייטס־גענעראַל־שטאַב, האָט משה נישט אייך מאָל געלאָזט הערן פאַר זיינע שטאַב־מענטשן און זיינע אינסטרוקטאָרן אויפן צווייטן טייל פון קורס.

ידין האָט געשעצט משהס פּעאיקייטן — דווקא צו דיפּלאָמאַטיע און „שווארצע געשעפטן" — ער האָט א הנאה געהאַט פון זיין פּערזענלעכן שארם און געוואָלט זיין אין זיין געזעלשאַפט צוליב זיין חוש פאַר הומאָר. עס זעט אויס, אַז ווען נישט דאָס, וואָלטן זיך די באַציאונגען צווישן זיי זייער פאַרשאַרפט. ידין פלעגט דערציילן ווי אַזוי ער האָט כסדר מוחל געווען משהן צוליב זיין חוש פאַר הומאָר. אין 1952 האָט ידין דורכגעפירט אַ ספּעציעלע אַקציע קעגן די מיליטערישע אויטאָ־קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָבן זיך געמערט און פאַרשאַפט אַ סך קרבנות. ער האָט פאַראָרדנט דער מילי־טערישער פּאָליציי שווער צו באַשטראָפן יעדן איינעם וואָס וועט פאָרן מיט אַ שנעלקייט פון מער ווי 70 קילאָמעטער אַ שעה, נישט רעכענענדיק זיך מיטן ראַנג, פונקציע, אָדער שליחות. אין איינעם אַ טאָג האָט אים דער קאָ־מאַנדיר פון דער מיליטערישער פּאָליציי באַריכטעט, אַז זיינע מענטשן האָבן געכאַפּט משה דיינען, וועלכער איז געפאָרן מיט אַ שנעלקייט פון 120 ק"מ. ידין האָט פאַראָרדנט צו משפּטן דיינען פּונקט ווי יעדן אַנדערן חייל. אָבער דער קאָמאַנדיר פון דער מיליטערישער פּאָליציי האָט נאָך נישט געהאַט פאַר־ענדיקט דעם באַריכט. ווען דער מיליטערישער פּאָליציאַנט האָט אים פאַר־האַלטן און אים געזאָגט, „קאָמאַנדיר, האָסט נישט באַמערקט, אַז דו ביסט גע־פאָרן מיט 120?" האָט אים משה געענטפערט, „זיי מיר מוחל, איך האָב איין אויג, איז אויף וואָס ווילסטו זאָל איך צוערשט קוקן, אויפן ספּידאָמעטער, אָדער אויפן שאָסיי?" ידין האָט פאַראָרדנט דעם קאָמאַנדיר פון דער פּאָליציי, פאַר דעם ענטפער, באַפרייען אים".

אָבער ידין איז דאָך געווען ביי דער מיינונג, אַז דיינען פעלט די רייפקייט. ער איז געווען אויף אים אין כעס הלמאי ער פאַרלעצט די דיסציפּלין און וואַרפט זיך נישט אונטער די אָנגענומענע באַשלוסן. ער האָט ביי אים פעסטגעשטעלט אַן עיקרדיקן פעלער — דאָס פעלן פון אַ פּאַסיקן צוגאַנג און פאַרשטענדעניש צו דער אַרבעט פון שטאַב. אין דער זעלבער צייט האָט ידין געהאַלטן, אַז יגאל אַלון שטייגט איבער משהן אלס פעלד־קאָמאַנדיר און מיט זיין אינטע־

ליגענץ. זיין מיינונג וועגןביידע האָט זיך אין פאַרלויף פון יאָרן געענדערט, און אין מאַי 1967 — הגם צוליב אַנדערע סיבות — האָט ער מער באַפאָרצוגט משה דיינען אַלס פאַרטיידיקונגס־מיניסטער ווי יגאל אַלונען.

אין 1951 האָט ידין געווידמעט אַ סך ענערגיע צו העכערן דעם ניווא פון די קאָמאַנדירן. הגם דאָס האָט געשטערט דער נאָרמאַלער אַרבעט פון דער אַרמיי, זענען אַלע אָפיצירן פון מאַיאָר און העכער דורכגעגאַנגען די מיליטערישע שול פאַר קאָמאַנדירן פון פולקן און גרעסערע גרופּן פון אָפיצירן זענען געשיקט געוואָרן קיין פראַנקרייך און ענגלאַנד אויף אויסשולונג. צום סוף פון דעם יאָר איז אויך משה געשיקט געוואָרן אויף אַ קורס פון הויכע אָפיצירן אין דאַווייזעס, ענגלאַנד.

ביז איצט האָט ער געוווינט מיט זיין משפחה אין אבקאַריוס־הויז אין ירושלים. פאַר דער רייזע זענען צוויי קינדער געשיקט געוואָרן קיין נהלל צו באַבע־זיידע. דאַקעגן יעל איז געבליבן אין ירושלים, כדי זי זאָל נישט איבער־רייסן די לימודים. זי איז אַריבער אין הויז פון זיידע־באָבע שוואַרץ. נישט איינגעאָרדנט איז געבליבן נאָר די אלמנה שמחה, אַ געבוירענע אין לאַנד פון קורדישן אָפּשטאַם, וועלכע איז געווען אַ געהילף פאַר רותן אין דער הויז־ווירטשאַפט. צווישן איר און דער משפחה דיין האָבן זיך אַנטוויקלט אויסגע־צייכנטע באַציאונגען. איין זון איז דערהרגעט געוואָרן, דער צווייטער איז געווען פאַרהייראַט און די טאָכטער איז אַלט געווען 19 יאָר. זי האָט דערצויגן דיינס קינדער פונקט ווי זיי וואָלטן געווען אירע קינדער. משה האָט געהאַלטן שמחה אַלס די בעסטע דערציילערין פון געשיכטעס נאָך זיין מוטער, הגם זי האָט נישט געקענט שרייבן און לייענען. דאַכט זיך, אַז שמחה איז געווען דער איינציקער מענטש, פאַר וועלכן משה האָט מורא געהאַט און זיך צוגעהערט צו אירע רייד. משה האָט בדרך כלל זיך אָפּגעזאָגט איינצונעמען רפואות ווען ער איז געווען קראַנק. מרדכי בר־און, וועלכער איז געווען לייטער פון זיין ביוראָ ווען דיין איז געווען שעף פון גענעראַל־שטאַב, געדענקט ווי אַזוי רות האָט זיך באַמיט אים צוצורעדן, אָבער אומזיסט, אַז ער זאָל נעמען די פּילן, וועלכע דער דאָקטאָר האָט אים פאַרשריבן. אין איר פאַרצווייפלונג האָט זיך רות געוואָנדן צו שמחה. זי האָט איר געזאָגט, „איך וועל שוין פאַר דעם זאָרגן" און איז צוגעגאַנגען צו זיין בעט, דערלאַנגט משהן די פּילן און אַ גלאָז וואַסער און מיט אַ פעסטער שטימע אים באַפוילן, „ענדיק שוין, ענדיק שוין, איך דאַרף די כלים". און זי איז געבליבן שטיין נעבן זיין בעט אַן אומצופרידענע און מיט דעמאָנסטראַטיווער אומגעדולד, ביז ער האָט געטון אַזוי ווי זי האָט געוואָלט.

איר ענלעכקייט צו גאָלדע מאיר האָט זי אויפגערעגט און פאַרשאַפט עגמת נפש. לויט מרדכי בר־און, איז דאָס געווען די איינציקע טעמע, איבער וועלכער זי איז נישט געווען גרייט זיך צו וויצלען. איינמאָל איז זי געפאָרן מיט משהן אין זיין אויטאָ, און ווען זיי זענען דורכגעפאָרן רמלה און זיך

אָפּגעשטעלט אויף דער הויפּט־גאַס, האָט זיך אַרום זיי פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם אין רעזולטאַט פון דער ידיעה, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל, אַז גאָלדע מאיר און משה דיין פאָרן צוזאַמען שפּאַצירן. שמחה האָט זיך געפילט באַליידיקט און האָט געפרעגט משהן, „צי בין איך באמת אזוי מיאוס?״.

משה האָט מורא געהאַט, אַז שמחה וועט בלייבן אָן פּרנסה און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. דאָס וווינונגס־פּראָבלעם אין 1951 איז געווען זייער שווער. זיין דירה האָט ער פאַרדונגען סטודענטן, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון צה״ל און זיך אָרגאַניזירט אין אַ קאָמונע. זיי האָבן זיך פאַרפליכטעט, אַז פאַר דעם דירה־געלט, וואָס זיי דאַרפן אים צאָלן, וועלן זיי אויסהאַלטן שמחה. און אזוי ביז זייער צוריקקער פון ענגלאַנד איז זי געווען די פאַרבינדלערין צווישן יעל און די אַנדערע צוויי קינדער אין נהלל. זי האָט געאַרבעט אין דיינס הויז ביז 1963 און איז אַוועק צוליבן הויכן עלטער און געזונטהייטס־טעמים.

משה, וועלכער איז געווען סקעפּטיש בנוגע די צה״ל־אָפיצירן, וואָס זע־נען דורכגעגאַנגען אַ בריטישע מיליטערישע שולע, האָט איינגעזען, אַז דער קורס אין דאַוויזעס איז זייער נוצלעך. ער האָט אָנגעהאַלטן אַ בריוולעכן קאָנטאַקט מיטן אלוף־משנה נחמיה ארגוב, דעם מיליטערישן סעקרעטאַר פון בן־גוריון, און מיט רב־אלוף יגאל ידין. אין זיינע בריוו האָט ער צו זיי געשריבן, אַז „ער געפינט אַ גרויסן אינטערעס אין קורס״, „לערנט אויסגעצייכנט״ און דאָס פאַנצער־מיליטער איז די הויפּט־טעמע פון דעם קורס. זיין התלהבות פאַר די לימודים איז געווען אזוי גרויס, אַז ער האָט געבעטן יגאל ידין צו באַשטע־טיקן ים — באַכן פאַרענדיקן דעם קורס פאַר העכערע אָפיצירן — אַ קורס אויף אַ נידעריקערן ניוואָ, אָדער אַ קורס פאַר פאַנצער־אָפיצירן און אַפילו אַ קורס פאַר באַטאַליאָן־קאָמאַנדירן. אין דער פאַזע שטרעבט משה צוריקצופאָרן קיין ישׂראל אלס אינסטרוקטאָר און לערנען אַנדערע וואָס ער האָט געלערנט אין ענגלאַנד. ער האָט זיך אַפילו געוואָנדן צום אלוף־משנה מאיר זרוע (זארו), וועלכער איז ביי אים געווען קאָמאַנדיר פון אַ פּולק אין ירושלים און איצט שעף פון דער אינסטרוקטאַזש־אָפּטיילונג, און אים געבעטן צו אָרגאַניזירן אַ קורס, וואָס זאָל זיין ענלעך צום קורס אין דאַוויזעס.

ידין האָט נישט באַשטעטיקט די בקשה, אָבער האָט מיט צופרידנהייט פעסטגעשטעלט, אַז משה געהערט צו די אויטאָדידאַקטן, אָדער צו די, וועלכע גלויבן אין אייגענעם כוח און זענען בדרך כלל נישט גרייט מודה צו זיין, אַז זיי האָבן וואָס צו לערנען. אָבער נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך איינמאָל איינגעבראָכן און זיי אַנטפּלעקן, אַז עס איז דאָ וואָס צו לערנען, ווערן זיי פאַרשיכורט פון די לימודים און עס צינדט זיך אָן ביי זיי אַן אומדערמידלעכער ווילן צו פאַרטיפן די בילדונג.

סוף 1951 איז פאַר ידינען געווען קלאָר, אַז משה „דאַרף״ זיין שעף פון גענעראַל־שטאַב פאַר די אלופים מקלף און לאַסקאָוו, צווישן זיי, אָדער נאָך

זיי. דאָס זענען געווען די דריי קאַנדידאַטן, וואָס זענען געקומען אין באַטראַכט אויפן אַמט פון שעף פון גענעראַל־שטאַב נאָך אים. ידין האָט געהאַלטן, אַז אַ ריכטיקער אַוואַנס דאַרף זיין פון אַן אלוף צום שטעלפאַרטרעטער פון שעף פון גענעראַל־שטאַב און דער, וועלכער וועט נישט זיין קיין שטעלפאַרטרעטער, וועט אויך נישט זיין קיין שעף פון גענעראַל־שטאַב. דעריבער האָט אלוף מקלף געדאַרפט זיין דער יורש פון ידינען. אָבער דעם 1־טן יאַנואַר 1952 האָט דעמיסיאָנירט מקלף פון זיין אַמט און איז געפאָרן קיין לאָנדאָן שטודירן ביזנעס־אַדמיניסטראַציע. ידין איז געבליבן אָן אַ פאַרטרעטער און אָן אַ שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג — צוויי פונקציעס, וואָס מקלף האָט דערפילט. ער האָט געדאַרפט געפינען אַן אַנדערן קאַנדידאַט, וועלכער זאָל זיין ראוי אין זיינע אויגן צו זיין דער צוקונפטיקער שעף פון גענעראַל־שטאַב. די אלופים פון דעם עלטערן דור פון דער „הגנה" זענען ביי אים נישט געקומען אין באַטראַכט, אַפילו נישט אין דער קלענסטער מאָס. דאַקעגן, טראָץ דער שפּאַנונג, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן זיי צוליב די מאַנעוורעס און טראָץ דעם וואָס ער האָט געקענט זיינע חסרונות, האָט ידין איינגעזען, אַז משה איז דער פּאַסיקסטער קאַנדידאַט. דעריבער האָט ער אויף מקלפן אַרויפגעלייגט די דעליקאַטע מיסיע צו טאַפּן דעם דופק ביי משהן, צי ער איז גרייט צו זיין שטעלפאַרטרעטער פון שעף פון גענעראַל־שטאַב, נישט אַנטפּלעקנדיק, פאַר־שטענדלעך פון וועמען עס קומט דער פאָרשלאָג.

מקלף האָט זיך געטראָפן מיט משהן אין לאָנדאָן. הגם ער האָט נאָך דעם באַריכטעט ידינען, אַז משה האָט נישט געוווסט אין וועמענס נאָמען ער רעדט, שאַפט זיך אַ באַגרינדעטער איינדרוק, אַז משה האָט גלייך געפילט אין וועמענס נאָמען מען לייגט אים פאָר צו ווערן דער ראש פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג און שטעלפאַרטרעטער פון שעף פון גענעראַל־שטאַב. זיין ענטפער צו מקלפן האָט כאַראַקטעריזירט די שנעלקייט פון זיין רעאַקציע און די דיפּלאָמאַטישע פאָרם. נאָך דעם ווי ער האָט פאַרזיכערט מקלפן, אַז די סיבה פון אָפּזאָגן זיך צו זיין שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג איז נישט קיין פערזענלעכע, האָט ער צוגעגעבן דעם ממשותדיקן אַרגומענט, אַז ער האַלט נישט, אַז ער וועט קענען צוזאַמענאַרבעטן מיט יגאל ידין. און ווען מקלף האָט אים אינפאָרמירט וועגן דעם געשפּרעך, האָט ידין פאַרשטאַנען משהס אָפּזאָג צו זיין ביי אים דער נומער צוויי. ידין האָט געוווסט, אַז פאַר משהן איז קלאָר, פונקט ווי פאַר אים, אַז צווישן צוויי האַרטע מענטשן ווי זיי, וועלכע האַלטן זיך יעדער איינער ביי זיין דעה און וועג, וועט דער צוזאַמענשטויס זיין אומפאַרמיידלעך.

אויף מקלפס פראַגע, בעת דעם געשפּרעך, וועלכע אַמטן ער וויל, האָט משה זיך פאַרגעלייגט צו דינען אונטער מאיר זורע, דעם שעף פון דער אינסטרוקטאַזש־אָפּטיילונג, וועלכער האָט געהאַט אַ בידעריקערן פון אים ראַנג, אַלס קאָמאַנדיר פון דער שול פאַר העכערע אָפיצירן. עס איז אָנצונעמען, אַז

משהס כוונה איז געווען די שול פֿאַר קאָמאַנדע און שטאַב, וועמענס גרינ־דונגס־מאַנשאַפֿט האָט אָנגעהויבן די טעטיקייט נאָך אין סעפּטעמבער 1951.

די דאָזיקע אייגנשאַפֿט צו זיין גרייט צו דינען אונטער אַנדערע אָפֿיצירן מיט אַ נידעריקערן פֿאַר אים ראַנג, האָט זיך אייניקע מאָל ביי אים אַנטפּלעקט.

אין יאַנואַר 1958, איידער ער איז באַפֿרייט געוואָרן, האָט ער אליין פֿאַר־קלענערט זיין ראַנג פֿון רב־אַלוף אויף אַלוף און געמאָלדן בן־גוריונען וועגן זיין גרייטקייט צו זיין קאָמאַנדיר פֿון דער שול פֿאַר הויכע אָפֿיצירן אונטער דעם נייעם שעף פֿון גענעראַל־שטאַב; ביים צוגרייטן די כנסת־ליסטע פֿון רפ״י האָט ער זיך געשטעלט אויפֿן 7־טן אָרט נאָך יזהר סמילאַנסקי, שמעון פּרס און אַנדערע, וועמענס פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפֿט איז געווען אַ נידעריקערע פֿון זיינער; אין מאַי 1967 איז ער אַלס רעזערוויסט געווען גרייט איבערצו־נעמען דעם אַמט פֿון שעף פֿון דרום־גאַרניזאָן, צוויי ראַנגען נידעריקער ווי פֿון רב־אַלוף יצחק רבין, וועלכער איז דאַן געווען שעף פֿון גענעראַל־שטאַב.

ווי עס זאָל נישט זיין, האָבן ידין און מקלף געהאַלטן, אַז משהס תשובה איז נישט קיין ענדגילטיקע. זיי זענען געווען גענויגט צו טראַכטן, אַז צוליב פֿאַר־שידענע סיבות וויל ער פֿאַרלענגערן זיין אויפֿהאַלט אין אויסלאַנד. און טאָקע אין זיינע בריוו האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז ער האָט נישט בדעה צוריק־צוקומען נאָכן פֿאַרענדיקן דעם קורס אין דאַוויזעס, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט נישט נאָך דריי חדשים, נאָר ערשט נאָך זעקס מאָנאַטן, וואָס זענען באַשטעטיקט געוואָרן פֿון אָנהויב צו בלייבן אין אויסלאַנד. היות זיינע בקשות פֿאַר ווייַ־טערדיקע קורסן זענען נישט באַשטעטיקט געוואָרן, איז ער געקומען מיט אַ פֿאָרשלאָג צו פֿאָרן קיין פֿראַנקרייך און אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, כדי צו באַטייליקן זיך אין די געלט־זאַמלונגען פֿאַרן מגבית. עס איז מעגלעך, אַז ער האָט זיך נישט געאיילט צוריקצוקומען כל זמן עס איז נישט געווען קלאָר צו וועלכן אַמט ער קומט צוריק.

ידין איז דאַן געווען איבערצייגט, אַז משה וועט זיין דער שעף פֿון גענע־ראַל־שטאַב נאָך אים, און לויט זיין מיינונג איז ער געשטאַנען העכער פֿאַר אַלע אַנדערע גענעראַלן. דעריבער, ווען ער איז צוריקגעקומען פֿון אויסלאַנד, האָט ער אים גערופֿן צו זיך אין ביוראָ און אים נאָכאַמאָל, דאָס מאָל אויף אַ דירעקטן אופֿן, פֿאָרגעלייגט דעם אַמט פֿון שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם שעף פֿון גענעראַל־שטאַב. איצט האָט זיך אויפֿגעקלערט נאָך אַ סיבה פֿון משהס אָפּזאָג. משה האָט געטענהט, אַז ער גלויבט נישט אין פֿאַרטרעטער. צו זיין אַ פֿאַר־טרעטער הייסט אידענטיפֿיצירן זיך מיט דער מיינונג פֿון אַן אַנדערן, אָדער אויסדריקן די דאָזיקע אידענטיפֿיצירונג. אויף דעם איז ער נישט געווען גרייט. ידין איז אַן אַנדערע פּערזענלעכקייט און ער אַן אַנדערע. לויט משהס רייד האָבן שטענדיק צווישן זיי געהערשט פֿריינטשאַפֿטלעכע באַציאונגען, אָבער אין דער זעלבער מאָס האָבן אויך געהערשט חילוקי דעות.

ווען ידינען איז קלאָר געוואָרן, אַז משה וועט נישט זיין דער „נומער 2״,

האָט ער אַרויסגערופן מקלפן פון לאָנדאָן צום רעגולערן מיליטערישן דינסט און איבערצונעמען דעם אַמט פון שטעלפאַרטרעטער פון שעף פון גענעראַל־שטאַב. אין ידינס אויגן איז דאָס איבעררייסן די לימודים פון מקלפן געווען אַן אכזריות־דיקער שריט. דעם 26־טן מאי 1952 האָט מקלף זיך צוריקגעקערט אויפן אַמט פון פאַרטרעטער פון שעף פון גענעראַל־שטאַב און משה איז באַשטימט גע־וואָרן אַלס שטאַב־שעף פון צפון־קרייז.

אין די זעקס חדשים, וואָס ער האָט אַמטירט אַלס שעף פון דער צפון־קאָמאַנדע, האָט ער פיל עוסק געווען אין אינסטרוקטאַזש און איבונגען. ער איז ענלעך געווען צו אַ נייעם סטודענט אויפן אוניווערסיטעט, וואָס וויל זיך טיילן מיט אַלץ, וואָס איז פאַר אים אַנטפּלעקט געוואָרן. חיים בר־לב, וועלכן ער האָט נאָמינירט אַלס שעף פון זיין שטאַב, איז געווען סיי אַ קאַמפּס־אָפיציר און סיי אַ ספעציאַליסט אויפן געביט פון אינסטרוקטאַזש. די ערשטע זאַך, וואָס משה האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, איז געווען צוגרייטן אַ מלחמה־שפיל אין וועלכער ער האָט געוואָלט דורכפירן די דעראָבערונג פון אַ באַ־פעסטיקטן אָביעקט, ווי ער האָט דאָס געלערנט אין ענגלאַנד.

איינער פון די, וועלכע האָבן באַגלייט מיט נייגעריקייט די ערשטע שריט פון דעם אלוף פיקוד הצפון (שעף פון דער צפון־קאָמאַנדע), איז געווען דער אינפאָרמאַציע־אָפיציר פון שטאַב, אַ יונגער מאַיאָר מיטן נאָמען אריאל שרון, וועלכער וועט אין דער צוקונפט אויסשולן די פאַראַשוטיסטן אַלס וווּנדער־באַרע קאַמפּס־איינהייט און העלפן משה דיינען, דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב צו הייבן די קאַמפּס־פעאיקייט און דעם קאַמפּס־גייסט. אריק, ווי מען האָט אים גערופן, האָט נישט געלייגט קיין גרויסע אַכט אויף דעם, וואָס משה איז געקומען אויפן אָרט פון אלוף יוסף אבידר. ער איז געווען רעזיגנירט וואָרטנדיק אויף אַן ענדערונג און שווונג. דאָס לעבן אין שטאַב איז פאַר אים אַן שפּאַנונג, באַגלייט מיט גרויסע און קליינלעכע פּראָבלעמען. ביי אים איז רייף געוואָרן דער באַשלוס צו פאַרלאָזן די אַרמיי און צוריקגיין אין אוניווערסיטעט.

שרון געדענקט, אַז משה האָט, צו זיין איבעראַשונג, אַריינגעבראַכט אַ נייעם גייסט אין צפון־שטאַב. די ערשטע זאַך וואָס ער האָט געטון איז געווען דאָס צונויפרופן אין שק״ם־זאַל אַלע אָפיצירן פון דער צפון־קאָמאַנדע. ער האָט גערעדט צו זיי וועגן זייער סטאַבילן דינסט אין דער אַרמיי. די נייגונג ביים ברייטן ציבור איז געווען קעגן סטאַבילן דינסט אין דער אַרמיי, אַפילו די, וועלכע האָבן ליב געהאַט דאָס מיליטערישע לעבן האָבן געהאַלטן, אַז זיי נעמען אויף זיך אַ נישט אָנגענעמע פליכט. די פאַרשפּרייטע מאָדע איז געווען צו מאַכן דעם איינדרוק ווי דער מיליטערישער דינסט איז זיי אָנגע־וואָרפן געוואָרן און איז נישט פון גוטן ווילן. קעגן דעם האָט דער גענעראַל־שטאַב אַנטוויקלט אַן איבערצייגונגס־שיטה לטובת דעם סטאַבילן דינסט — אַ געמיש פון שיינע ווערטער וועגן נאַציאָנאַלן חוב, הבטחות וועגן מאַטעריעלע

פאַרגיטיקונגען און פיל תחנונים. משהס צוגאַנג איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער. צו זיינע אָפיצירן האָט ער גערעדט אין נוסח: איר זענט דאָ, בין איך אויך דאָ. עס איז נישט בויטוועגדיק אייך צו זאָגן פּאַרוואָס מיר זענען דאָ. ווער עס וויל בלייבן און דינען, ביטע זייער. איך וועל זיך פרייען מיט אים צוזאַמענצואַרבעטן. אָבער ווער עס וויל נישט און ווער עס פילט, אַז מען האָט אים דאָס אָנגעוואָרפן, אָדער רעדט זיך איין, אַז ער טוט אַ טובה דעם פאָלק ישראל — דער קאָן גיין. איך פּאָדער נישט פון קיינעם צו דינען דאָ קעגן זיין ווילן. דאָס איז אַלץ און זייט געזונט.

פאַקטיש דאַרף מען אין דער צפון־קאָמאַנדע זען דעם אָנהויב פון משהס פּירערשאַפט אין צה"ל. דאָ האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרוואַנדלען צה"ל אין אַן אַרמיי, אין וועלכער די זעלנער זענען שטאָלץ צו דינען. כמעט אַלץ וואָס ער האָט איצט געטון, איז פאַר אים נישט געמאַכט געוואָרן. די שטימונג אין דער צפון־קאָמאַנדע האָט זיך גלייך געענדערט. היות די זיכערהייטס־טעטיקייט איז געווען אַ באַגרענעצטע, האָט ער אָנגעהויבן אַ סעריע פון איבונגען, טאַקטישע מאַנעוורעס און צוויי־זייטיקע מאַנעוורעס.

הגם אין דער צפון־קאָמאַנדע האָבן זיך אַנטפּלעקט די ערשטע סימנים פון זיין רייפקייט צו זיין דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, האָבן אים נאָך באַגלייט דערשיינונגען, אפשר נאָך מיט אַ גרעסערער שטאַרקייט, פון ווילייגערישקייט. ער האָט זיך נישט צוגעהערט צו די דיסציפּלין־אָנווייזונגען פון גענעראַל־שטאַב, ווי וועגן שנעלן פאָרן, און אַפילו נישט צו די פאַראָרדענונגען פון דער צפון־קאָמאַנדע. ווען ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, פלעגט ער אָפּטרעטן אין איינער פון זיינע מחנות, אויפנעמען אויף זיין אויטאָ חיילים און חיילות, אַפילו אַזעלכע, וועלכע מען האָט פאַרבאָטן צו פאַרלאָזן די מחנה און פלעגט פאָרן מיט זיי עסן געגנבעטע פרוכטן. אין דער זעלבער מאָס האָט ער נישט געזאָרגט וועגן זיין אייגענער זיכערהייט. ער פלעגט פאָרן אַזוי ווי ער וואָלט בכלל נישט געשוינט זיין לעבן. אָפט פלעגט ער איינער אַליין אַריבערפאָרן די גרענעץ, כדי צו זען נייע לאַנדשאַפטן, אָדער ערטער, וואָס האָבן אים אינטערעסירט. איינמאָל איז ער אַפילו געבליבן שטעקן מיט זיין קאָמאַנדקאַר אין דעם פאַרלאָזטן דאָרף טאַרביכאַ אויף דער צפון־גרענעץ און מען האָט אים פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אַ גאַנצן און געזונטן נאָר אַדאַנק דעם, וואָס אַ קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג האָט אים געזען אַליין פאָרן לענגאויס דער גרענעץ, און ווען ער האָט געזען, אַז ער קומט נישט צוריק, האָט ער אַרויסגערופן הילף.

פאָרן פאַרענדיקן די אַמטירונג אין צפון־שטאַב, איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר זיין צוקונפטיקער באַציאונג צו אריק שרון. ירדנישע זעלנער האָבן געכאַפּט צוויי חיילים, וועלכע זענען געווען אויף אַ פּאַטרול־אינספּעקציע ביינאַכט נישט ווייט פון קאַלקיליאַ.ביידע חיילים האָט מען געהאַלטן אין דער תפיסה און אַלע באַמי־

אהנגען זיי צו באַפרייען מיט גוטן האָבן בישט געהאָלפן. דער ענין איז באַהאַנדלט געוואָרן אין גענעראַל־שטאַב און משה איז געפאַלן אויף אַ געדאַנק. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט ער צו זיך אַרויסגערופן זיין אינפאָרמאַציע־אָפיציר אריק שרון און אים געפרעגט, צי ער קאָן כאַפּן צוויי ירדנער אַלס ערובניקעס. דער ענטפער איז געווען אַ פאָזיטיווער. שרון איז געפאָרן מיט זיין פאַרטרעטער צו דער בריק שייך כוסיין און מיט אַ טריק און רעוואָלווער־דראָאונג פאַרכאַפּט צוויי פון די פיר ירדנישע זעלנער באַוואָפנטע מיט ביקסן און זיי געבראַכט אין שטאַב. איצט האָט מען געקענט דורכפירן אַן אויסטויש פון געפאַנגענע.

קאַפּיטל פופצן

# דער קאַמפּס־מנהיג

**(1955 — 1953)**

די דעמיסיע פון רב־אלוף ידין אין דעצעמבער 1952, איז געקומען אומ־דערוואַרט. קיינער האָט זי נישט געוואָלט און ווייניקער פון אַלע בן־גוריון. עס זעט אויס, אַז זי וואָלט בכלל נישט געקומען, ווען נישט ידינס אַנגע־זאַמלטע מידקייט. צוליב דער קראַנקהייט פון רב־אלוף דורי, האָט ער במשך פון זעקס יאָר געטראָגן כמעט די גאַנצע לאַסט פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער באַפרייאונגס־מלחמה, אויספאָרמירן צה״ל און שפּעטער די רעזער־וויסטן־כוחות.

מעגלעך, אַז צוליב דער מידקייט, האָט זיך פאַרשאַרפט זיין פּילבאַרקייט צו דער קנאה פון די פּאַרטייען, הויפּטזעכלעך מפא״י, צוליב דער הצלחה פון צה״ל אויך אויפן ציווילן געביט. די יאָרן פון ידינס קאַדענץ אלס שעף פון גענעראַל־שטאַב זענען געווען יאָרן פון דער מאַסן־עליה קיין ישראל. אין די ערשטע יאָרן פון דער מדינה־עקזיסטענץ (1948—1952) איז די יידישע באַ־פעלקערונג פאַרדאָפּלט געוואָרן דורך דער עליה פון 700.000 יידן, ביי 580.000 אין פאַרלויף פון 3 יאָר (1949—1951). צייטווייליקע דירות, שווערע ווירט־שאַפטלעכע לאַגע, אַרבעטסלאָזיקייט, מאַנגל אין באַדינונגען, האָבן געשאַפן אַ שווערע אַטמאָספער פון שאַרפער קריטיק כלפּי די רעגירונגס־אינסטאַנצן און דער סוכנות, וואָס האָבן זיך איינגעבראָכן אונטער דער לאַסט פון אַבסאָר־בירן די עליה. ווען ידין האָט געזען די מאַכטלאָזיקייט פון די ציווילע אינסטאַנצן האָט ער באַשלאָסן, אַז צה״ל דאַרף זיי קומען צו הילף. אין דער שפּראַך פון יענע טעג האָט עס געהייסן, ער האָט „אַריינגעפירט צה״ל אין די מעברות״. אַנשטאָט צו פאַרנעמען זיך נאָר מיט איבונגען, האָט צה״ל געהאָלפן אויפשטעלן מעברות און מיט זיי אָנפירן אויף די געביטן פון בילדונג, באַשפּייזונג און אפילו לאַנדווירטשאַפטלעכע אויסבילדונג.

די אַרמיי האָט געהאַט הצלחה אויף די געביטן, אויף וועלכע די ציווילע אינסטאַנצן זענען דורכגעפאַלן. דעמאָלט האָט מען געזאָגט, אַז צה״ל האָט געראַטעוועט די עליה פון 1950. ידין האָט באַרעכטיקט זיין טעטיקייט מיט דעם, וואָס אין 1950 האָט נישט געדראָט קיין שום מלחמה און די נאַציאָנאַלע

זיכערהייט האָט געפּאָדערט צו העלפן די נייע עולים, פון וועלכע עס וועט אין דער צוקונפט באַשטיין די אַרמיי. אָבער די הצלחה פון דער אַרמיי האָט אין ציבור געשאַפן די איבערצייגונג, אַז די יונגע חיילים שטייען איבער די באַאַמטע און די אַלטע פּאַרטיי־עסקנים. אין אַ געוויסער מאָס האָט זיך געשאַפן אַ געזעל־שאַפטלעכע מיינונג — לויט באַשטימטע קרייזן אַ געפערלעכע פאַר דער דעמאָקראַטיע — אַז אין מדינת ישראל איז פאַראַן נאָר איין קערפּערשאַפט, וואָס איז אימשטאַנד דורכצופירן מיט דערפאָלג גרויסע פּלענער: דאָס איז די צבא הגנה לישראל. אַלע אַנדערע זענען אַ פּולשטענדיקער דורכפאַל.

פּאַרטיי־עסקנים, ספּעציעל פון מפא״י, האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט בן־גוריונען, אַז ביים ברייטן ציבור פאַרשפּרייט זיך די מיינונג, אַז עס האָט זיך געשאַפן אַ גינסטיקע לאַגע פאַר אַ מיליטערישן פּוטש. עס זענען אויך געווען מפא״י־עסקנים, וועלכע האָבן אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, אַז דער ציבור לויבט צה״ל און מיט דעם זיין קאָמאַנדיר רב־אלוף ידין און די גאַנצע קריטיק ווענדעט ער קעגן דער רעגירונג און דער גרויסער פּאַרטיי, בראש פון וועלכער עס שטייט בן־גוריון.

און כדי נאָך מער צו פאַרערגערן די לאַגע האָבן זיך צו ידינען געוואָנדן צוויי פּערזאָנען מיט אַ געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע און אים אייניקע מאָל פאָרגעלייגט דורכצופירן אַ פּוטש. אָבער ער האָט דאָס קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן און זיך אַפילו צו דעם באַצויגן ווי צו אַ וויץ. נישט נאָר וואָס ער פּערזענלעך איז געווען זייער ווייט פון אַזאַ געדאַנק, נאָר ער איז אויך געווען איבערצייגט, אַז צה״ל פון זיין נאַטור איז נישט פּעאיק צו דעם. דאָך, ווען עס איז געשטיגן די קנאה פון די פּאַרטייען צו צה״ל און עס האָבן זיך געמערט די וואָרענונגען וועגן אַ מעגלעכער מיליטערישער איבערקערעניש, האָט זיך ידין געוואָנדן צו בן־גוריונען און אים געבעטן צו באַרואיקן די חברים פון זיין פּאַרטיי, ווייל ביידע וויסן דאָך זייער גוט, אַז צה״ל איז נישט פּעאיק צו אַן אויפשטאַנד, אָדער אַ פּוטש.

אויף איינער פון די זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון מפא״י אין 1958, האָט בן־גוריון דערציילט, אַז אין דער תקופה פאַר דער דריטער כנסת, דאָס הייסט אין דער העלפט פון 1955, האָט זיך ווער צו אים געוואָנדן — בן־גוריון האָט נישט אָנגעגעבן דעם נאָמען פון דער פּערזאָן — מיט אַ פאָרשלאָג דורכצו־פירן אַ שטילע איבערקערעניש. לויט זיינע ווערטער האָט ער אין אַן אַנטשלאָ־סענער פאָרם אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע ווענדונג.

צוליב פינאַנסיעלע שוועריקייטן און ספּעציעל צוליב מאַנגל אין פרעמדער וואַלוטע האָט די רעגירונג באַשלאָסן צו קירצן דעם מיליטערישן בודזשעט מיט 10 מיליאָן, פון אַ בודזשעט פון 50 מיליאָן ל״י, אַן ערנסטער חלק. נאָך מער. ווען בן־גוריון האָט וועגן דעם מודיע געווען ידינען אין מיטן 1952, האָט ער אים אויך געגעבן קלאָרע אָנווייזונגען ווי אַזוי די רעדוקציע דורכצו־פירן: אָפּזאָגן 6000 מיליטער־לייט און ציוויליסטן, וועלכע אַרבעטן אין מילי־

טער. דאָס איז געוואָרן די סיבה פון אַ קאָנפליקט צווישן ביידע. ידין האָט זיך געהאַלטן ביי זיין שטעלונג, אַז די איינשפּאָרונג וועט ער דערגרייכן מיט זיינע וועגן דורך פאַרקלענערן די ראַמען, דאַקעגן בן־גוריון האָט געפאָדערט אָפּצו־שאַפן די געווויסע ראַמען און אָפּזאָגן מענטשן פון דער אַרבעט. בן־גוריון האָט אַפילו נישט געוואַרט ביז ער וועט דערגיין מיט ידינען צו אַ הסכם און אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר שטאַב־אָפיצירן, האָט ער איבערגעגעבן וועגן דער נויטווענדיקייט דורכצופירן רעדוקציעס אין מיליטערישן בודזשעט און פּערסאָנאַל. ידין האָט אין דעם געזען אַ טאַקטיק, וואָס בינדט בן־גוריונען צו זיין שטעלונג, פון וועלכער ער וועט זיך נישט קענען צוריקציען צוליב פּרעסטיזש־טעמים, אָדער וועט זי נישט קענען ענדערן.

אין זיין קעגנערשאַפט צו בן־גוריונען האָט זיך ידין באַנוצט מיט אַ פּאָר־מעלן אַרגומענט. בן־גוריון אַלס פאַרטיידיקונגס־מיניסטער דאַרף אים געבן אָנווייזונגען וועגן דורכפירן קירצונגען, אָבער ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן דאַרף ער איבערלאָזן אים, אויב ער האָט צו אים צוטרוי. אָבער בן־גוריון איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיין שטעלונג, אַז מען דאַרף אָפּזאָגן פון דער אַרבעט אַזוי פיל און אַזוי פיל מענטשן. ידין, וועלכער האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס אידענטיפיצירט מיט זיין אַמט, איז לויט דער מיינונג פון איינעם פון זיינע מענטשן געקומען צום אויספיר, אַז דאָס וואָס בן־גוריון האַלט זיך אַזוי שטייף ביי דער פאָדערונג וועגן אָפּזאָגן מענטשן, איז נישט צוליב אָפּשפּאָרונגס־מאָטיוון, נאָר אַז דאָס פליסט אַרויס פון טיפערע סיבות, פון קנאה. ידינען האָט זיך דאַן אויסגעדאכט, אַז בן־גוריונס אמתער ציל איז געווען דער ווילן צו פאַרקלענערן דעם פּאָטענציאַל פון דער אַרמיי ווי אַ ציווילן פאַקטאָר.

ידין האָט געהאַלטן, אַז אויב דער זיכערהייטס־מיניסטער נעמט נישט אָן זיינע וועגן דורכצופירן די איינשפּאָרונגס־רעדוקציעס, איז פאַראַן נאָר איין מסקנה — ער האָט פאַרלוירן דעם צוטרוי צום שעף פון גענעראַל־שטאַב. לויט זיין לאָגיק דאַרף ער זיך אָנגעבן אין דעמיסיע, ווייל עס קאָן נישט זיין, אַז אין צה״ל און אין מדינת ישראל זאָל זיין אַ שעף פון גענעראַל־שטאַב, וועלכער האַנדלט נישט לויטן צוטרוי און איז נישט אינגאַנצן לאָיאַל צו די אָנווייזונגען פון זיכערהייטס־מיניסטער. די דאָזיקע מיינונג האָט ער אויסגעדריקט אין גע־שפּרעכן מיט בן־גוריונען און אַפילו אים געשריבן, אַז אויב ער וועט אים באַפעלן צו האַנדלען נישט לויט זיין וועג, וועט ער נישט האָבן קיין אַנדערע ברירה ווי אַרויסצוציען די מסקנות.

אָבער בן־גוריון איז נישט געווען גרייט אָנצונעמען באַדינגונגען פון קיין שום מענטש און אוודאי נישט פון אַ מיליטער־מאַן. אויף ידינס בריוו האָט ער געענטפערט מיט אַ באַפעל אָפּצוזאָגן 6000 מענטשן. ידין האָט געענטפערט גלייך און דעם 22־טן נאָוועמבער 1952 האָט ער געשריבן צו בן־גוריונען 4 באַזונדערע בריוו, וועלכע ער האָט געשיקט צוזאַמען אין איין פּעקל. איין בריוו האָט אַנטהאַלטן אַ בקשה צו באַפרייען אים פון זיין אַמט, דער צווייטער

האָט באַרעכטיקט דעם ערשטן, דער דריטער איז געווען אַ המשך פון דעם בריוו־אויסטויש וועגן ריכטיקן וועג צו דערגרייכן אַן איינשפּאָרונג, און דער פערטער איז געווען אַ פּערזענלעכער בריוו.

בן־גוריון איז געווען דערשטוינט פון ידינס רעאַקציע און אים געבעטן צוריקצוציען די דעמיסיע, ווי ער האָט דאָס נישט געבעטן פון קיין שום מענטש. אָבער ידינס באַשלוס איז געווען אַן אַנטשלאָסענער. טראָץ דעם וואָס ער האָט געגלויבט אין דער גרויסקייט פון בן־גוריון און אָנערקענט זיין היסטאָרישע חשיבות, האָט ער מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט ווייטער בלייבן אויפן אַמט, וועט זיך איינברעכן דער צוטרוי, וועלכן בן־גוריון האָט געהאַט צו אים און דורך דעם וועט צעשטערט ווערן די גרויסע און גליקלעכע איבערלעבונג, וואָס האָט זיך געשאַפן אין די זעקס יאָר פון זיין צוזאַמענ־אַרבעט מיט בן־גוריונען.

אין דער פּאַזע האָט בן־גוריון געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן שריט. ער האָט פאָרגעלייגט ידינען איבערצונעמען דעם אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער. דאָס הייסט, אַז ער וועט דעמיסיאָנירן פון דער אַרמיי און וועט ווערן אַ מיניסטער, און אויף אַזאַ אופן וועט ער קענען דורכפירן די רעדוקציעס לויט זיין אייגענעם איינזען. ער, בן־גוריון אַלס פּרעמיער, וועט זיך נישט אַריינ־מישן אין זיינע מעשים, בעת איצט אַלס פּאַרטיידיקונגס־מיניסטער איז ער פאַרפּליכטעט צו האַנדלען לויט זיינע קאָמפּעטענצן און אויפפּאַסונג.

אויף דעם פאָרשלאַג האָט ידין אָפּגעוואָרפן, ווייל לויט זיין מיינונג דאַרף דער פּרעמיער גלייכצייטיק זיין דער זיכערהייטס־מיניסטער. אַנדערש וועט דער מיניסטער נישט קאָנען ווי געהעריק אויספירן זיין פונקציע. און אַזוי איז ידין צוריק אַוועק צו זיינע אַרכעאָלאָגישע לימודים אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט. די צעשיידונג האָט שטאַרק וויי געטון בן־גוריונען און ער האָט אים געשריבן אַ געזעגענונג־בריוו, וואָס אַזא האָט ער נישט געשריבן קיין איינעם פון די זיבן שעפן פון גענעראַל־שטאַב, וועלכע האָבן געדינט אין זיין תקופה. עס זענען דאָרט פאַראַן אַזוי פיל סופּערלאַטיוון, אַז עס איז גענוג צו ציטירן נאָר איניקע. וועגן ידינסביישטייער צו דער שאַפונג פון צה״ל האָט ער געשריבן: „דיין ביישטייער אַלס שעפער, וועגווייזער, איניציאַטאָר, פּלאַנירער, אויספירער, עצה־געבער, דערציער״; דער פּערזענלעכקייט פון ידין האָט ער געטיילט אַזעלכע שבחים, ווי „די שטאַרקייט פון דיין ווילן און גייסט, דער פאַרנעם און ברייטקייט פון דיינע האָריזאָנטן, דיין שנעלע און דורכדרינגענדיקע אָריענטאַציע, דיינע טיפע ידיעות אויפן מיליטערישן געביט און געשיכטע, דיין קענען דאָס לאַנד און זיין פאַרגאַנגענהייט, דיין בקיאות אין ספר־הספרים, דיין אומדערמידלעכע ענערגיע און מסירות, וואָס האָט נישט קיין גרענעץ און באַדינגונגען — די אַלע אייגנשאַפטן קומען צום אויסדרוק אין די ראַמען פון צה״ל און פון זיי וועט אונדזער אַרמיי שעפּן אין דער צו־קונפט״. און וועגן ידינס אָרט אין דער געשיכטע: „עס איז אוממעגלעך געטריי

צו שרייבן די געשיכטע פון דער באַפרייאונגס־מלחמה אין איר שלימות, אָדער אפילו איינע פון אירע שלאַכטן, נישט אַנווייזנדיק אויף דיין צענטראַלער ראָל אַלס פּלאַנירער פון די קאַמפּן. דיינע מעשים און דיין ראָל אין די דאָזיקע יאָרן זענען אויף אייביק איינגעקריצט געוואָרן אין דער געשיכטע פון דעם אייביקן פאָלק". און צום סוף, „דערלויב מיר צו דריקן דיין האַנט מיט ליבשאַפט, אַלס חבר און שותף צום ענין, וואָס האָט אונדז פאַרבונדן, טויזנטער און צענדלי־קער טויזנטער צוזאַמען מיט אונדז, אויף לעבן און טויט. — דיין דוד בן־גוריון".

בן־גוריון וועט אויך שפּעטער הויך רעספּעקטירן ידינען אַלס דעם פּע־איקסטן פון אַלע יונגע מענטשן פון דעם דור פון דער באַפרייאונגס־מלחמה צו פאַרנעמען די העכסטע אַמטן. אַ פּאָר יאָר שפּעטער וועט ער אים פאָרלייגן צו ווערן בילדונגס־מיניסטער און אין 1963, ווען ער האָט ענדגילטיק פאַר־לאָזט די רעגירונג, אויך דעם אַמט פון פּרעמיער.

פאַר דער נאָמינאַציע אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב האָט מקלף געבעטן בן־גוריונען צו באַשטימען יצחק רבין אַלס שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג און פאַרטרעטער. בן־גוריון איז נישט מסכים געווען און האָט אפילו אויפ־מערקזאַם געמאַכט מקלפן, אַז כל זמן ער וועט זיין דער זיכערהייטס־מיניס־טער, וועט רבין נישט זיין שעף פון גענעראַל־שטאַב. זעט אויס, אַז ער האָט נישט פאַרגעסן דעם פאַקט, וואָס טראָץ זיין פאַרבאָט און ביטע, האָט זיך רבין באַטייליקט אין דער גאַסן־דעמאָנסטראַציע פון די פּלמ"ח־מענטשן, וואָס איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1949.

נאָך דעם ווי עס איז געפּסלט געוואָרן זיין פּערזענלעכער אויסוואַל, איז מקלף איינגעגאַנגען אויף בן־גוריונס קאַנדידאַט, אלוף משה דיין. אָבער משה האָט זיך ווייטער געהאַלטן ביי זיין פּרינציפּיעלער שטעלונג און נישט געוואָלט זיין קיין פאַרטרעטער. ער האָט געוואָלט זיין נאָר שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג. אַזוי האָבן ביידע איבערגענומען די אַמטן דעם 7־טן דעצעמבער 1952.

די נאָמינאַציע פון דיין האָט אין נהלל אַרויסגערופן אַן איבעראַשונג, וואָס האָט געגרענעצט מיט שטוינונג. אַזאַ רעאַקציע איז אויך געווען פון דער מערהייט נהלל־איינוווינער, ווען ער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב. עס האָט געהערשט די מיינונג, אַז ער איז אַ מוטיקער און געוואַגטער קעמפער, אַ גוטער קאָמאַנדיר פון אַ פּולק און אַפּילו אַ קאָמאַנדיר פון אַ בריגאַדע. דער אַמט פון אַ קאָמאַנדיר פון אַ קרייז־קאָמאַנדע, איז שוין געווען צו הויך פאַר אים; אָבער אַ שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג און דערנאָך שעף פון גענעראַל־שטאַב מיט דער גאַנצער אַפּראָוויזאַציע און אָרגאַ־ניזאַציע — דאָס האָט פאַר די מענטשן פון נהלל אויסגעזען צו זיין אוממעגלעך. דאָס נאָמינירן אים אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב האָבן אייניקע פון זיינע יונגע באַקאַנטע באַטראַכט נישט נאָר אַלס אויסטערלישן באַשלוס, נאָר אויך אַלס אומפאַראַנטוואָרטלעכן שריט מצד בן־גוריונען.

אין אַ נישט קלענער מאָס האָבן די מענטשן פון נהלל אויסגעדריקט אַ ברייטערע מיליטערישע און ציווילע געזעלשאַפטלעכע מיינונג. אין דער פּאַזע האָט מען משהן נאָך געהאַלטן פאַר אַ „ווילדן מענטש", אַ באַלאַגאַניסט און דיסציפּלין־ברעכער. אפילו בן־גוריון, זיין קאָנסעקווענטסטער און עיקרדיקער, און אפשר דער איינציקער אונטערשטיצער, איז נישט אינגאַנצן געווען איבער־צייגט, אַז ער האָט אויסגעוויילט אַ גוטן צוקונפטיקן שעף פון גענעראַל־שטאַב. דער צווייפל בנוגע אים איז קודם כל געווען אַ רעזולטאַט פון זיין אויפפירונג. אָבער אויך נישט ווייניקער צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ מענטש פאַר זיך, אָדער ווי מען האָט אים אָנגעהויבן רופן — אַן איינזאַמער וואָלף. אין קעגנזאַץ צו אַנדערע אויף זיין פּאָזיציע, האָט ער נישט געהאַט קיין רוקן, נישט צווישן די אָפיצירן־גרופּן, נישט אין צה"ל און נישט אין מפא"י, און אוודאי נישט אין אַן אַנדערער פּאַרטיי. זיינע מיינונגען, מחשבות, באַגריפן און פּלע־נער זענען געווען באַקאַנט נאָר אים אַליין. און אין רעזולטאַט פון דעם האָט מען אים נישט געקענט און במילא האָט ער אַרויסגערופן אַ ספק.

מקלף האָט געזאָגט וועגן משהן, אַז „ער איז אַ שווערער קליענט". ערשטנס, ווייל ער האַנדלט אָפט אומדערוואַרטעט. נישט ווייל זיין אופן פון טראַכטן איז נישט קיין ריכטיקער — לויט מקלפן האָט זיך דיין אויסגעצייכנט מיט זיין אַרט דענקען — אָבער קיין שום רעזומירונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף די זיצונגען פון גענעראַל־שטאַב איז נישט געווען קיין פּאַרענדיקטע. „מיר האָבן געמיינט, אַז מיר האָבן זיך צוזאַמענגערעדט, און ער איז צומאָרגנס געקומען מיט עפּעס אַ נייער זאַך". היות דיין איז געווען אַן אומגעדולדיקער, האָט ער אויך געגעבן אָנווייזונגען, וואָס זענען נישט איין מאָל געשטאַנען אין סתירה צו די פריערדיקע, אָדער אין קעגנזאַץ צו די פון שעף פון גענע־ראַל־שטאַב. אזוי, אפילו דאָס זאָל נישט זיין קיין וועזנטלעכער מאַנגל פון לאָיאַליטעט, זענען זיינע מעשים אזוי אויסגעטייטשט געוואָרן, ווייל ער איז נישט געווען קאָנסעקווענט לגבי דער ליניע, וואָס איז פעסטגעשטעלט גע־וואָרן דורכן גענעראַל־שטאַב בנוגע פאַרשידענע פּראָבלעמען.

צווייטנס, צוליב די חילוקי דעות צווישן זיי אין די פראַגן פון דיסציפּלין. מקלף איז געווען אַ פּעדאַנט, דאַקעגן האָט משה זיך קיינמאָל נישט אינטע־רעסירט צי וועמענס שיך זענען פאַרשנורעט, צי דער חייל טראָגט אַ היטל און ווי אַזוי ער טראָגט עס. לויט מקלפן האָט דיין געהאַט אַזאַ שטורמישן כאַראַקטער, אַז „פּאַקטיש האָט ער קיינמאָל נישט געקענט זיין דער נומער צוויי".

די באַציאונגען צווישן מקלפן און דייַנען קאָן מען פאָרשטעלן ווי אַ קלאַסישן ביישפּיל פון מאַנגל אין קאָנטאַקטן. מקלף האָט געזאָגט דייַנען, אַז „ער קריגט זיך נישט מיט מענטשן, ער רייסט פשוט איבער די קאָנטאַקטן מיט זיי". „דייַנען קאָן מען נישט אַריינעמען אין אַ געשפּאַן", אַז „ער באַזיצט אַן אויסערגעוויינלעכע קאָמפּס־ביטרעקייט", „שטראַלט מיט אַ פיירער־שאַרם

אויף די חיילים און אויף מענטשן בכלל״, און אַז ער פֿאַרשטייט נישט אָדער וויל נישט פֿאַרשטיין דעם אַרבעטס־מעכאַניזם אין שטאַב. דיין האָט פּשוט אַרויפֿגעלייגט אַלע אַרבעטן פֿון קאָאָרדינאַציע און פֿאַרבינדונגען אויף זיין געהילף, אלוף־משנה מאיר עמית. וויפֿל דאָס האָט נישט פֿאַרדראָסן מקלפֿן, האָט ער געמוזט מודה זיין, אַז דער אופֿן פֿון משהס אַרבעט לאָזט אים איבער צייט צו דענקען. עס האָט זיך דעריבער געשאַפֿן אַזאַ לאַגע, אַז דער שעף פֿון גענעראַל־שטאַב איז געווען איבערגעלאָדן מיט פּרטים וועגן דער אַרבעט פֿון שטאַב אין פֿראַגן פֿון מענטשן־כוח און לאָגיסטיק, אין דער צייט, ווען משה אַלס שעף פֿון זיין שטאַב האָט גענוג צייט אויף דענקען און אויף אַלגעמיינע באַטראַכטונגען. די באַציאונגען צווישן זיי זענען געוואָרן געשפּאַנט, און אין אויגוסט האָט דיין געבעטן בן־גוריונען צו באַשטעטיקן אים אַ לימודים־אורלויב. בן־גוריון איז אויף דעם פּרינציפּיעל איינגעגאַנגען, אָבער פּאַקטיש האָט ער עס אָפּגעשלעפּט אַ יאָר צייט.

נישט גענוג וואָס רב־אלוף מקלף האָט געהאַט צרות מיטן אלוף, וועל־כער איז געווען אים אונטערגעוואָרפֿן, זענען צוגעקומען נייע שוועריקייטן מצד די ממונים איבער אים. עס איז נישט אדורך אַ האַלב יאָר פֿון זיין קאַדענץ און דער מיניסטער אָן אַ פּאָרטפֿעל, פּנחס לבון, איז געוואָרן דער אַמטירנ־דיקער זיכערהייטס־מיניסטער.

אַז מקלף האָט געוווּסט וועגן דעם, אַז בן־גוריון טראָגט זיך אַרום מיטן געדאַנק וועגן אָפּטרעטן פֿון זיין אַמט, דרינגט אַרויס פֿון זיין הסכמה־בריוו איבערצונעמען דעם פּאָסטן פֿון שעף פֿון גענעראַל־שטאַב. אָבער ערשט אין דער העלפֿט פֿון 1953 האָט בן־גוריון אָנגעהויבן צוגרייטן זיין אַוועקגיין. ער האָט געבעטן פֿון דער רעגירונג אַן אורלויב, כדי ער זאָל קענען אויף אַ גרינט־לעכן אופֿן בודק זיין די לאַגע אין צה״ל און פֿעסטשטעלן די זיכערהייטס־באַדערפֿענישן פֿאַר די נאָענטסטע דריי יאָר. די רעגירונג האָט אָנגענומען זיין פֿאָרשלאַג, אַז אין דער צייט פֿון זיין אָפּוועזנהייט זאָל דער מיניסטער אָן אַ טעקע, פּנחס לבון קומען אויף זיין אָרט אַלס זיכערהייטס־מיניסטער און דער אויסערן־מיניסטער, משה שרת, זאָל ווערן פּרעמיער.

בן־גוריונס אורלויב האָט זיך פֿאַרענדיקט דעם 17־טן אָקטאָבער. דעם 19־טן און 20־טן אָקטאָבער האָט די רעגירונג אויסגעהערט און איינשטימיק באַשטעטיקט זיינע פֿאָרשלאַגן וועגן מיליטער און זיכערהייטס־ענינים. דעם 20־טן האָט ער געמאָלדן, אַז ער האָט בדעה גלייך צו פֿאַרלאָזן די רעגירונג. כדי צו געבן זיין פֿאַרטרעטער, משה שרת גענוג צייט צו פֿאָרמירן אַ נייע קאָאַליציע־רעגירונג, איז ער דערווייל געבליבן אויף ביידע זיינע פּאָסטנס. אָבער ער האָט זיך ווייניק אַריינגעמישט און האָט זיך נאָר אינטערעסירט מיט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, בעת די לויפֿנדיקע אַרבעט ווערט אַלץ מער אויס־געפֿירט פֿון פּנחס לבון. דעם 7־טן דעצעמבער האָט ער דעמיסיאָנירט און זיך

געזעגנט מיטן פּאָלק אין אַ ראַדיאָ־רעדע און מיטן פּרעזידענט. דעם 4־טן דעצעמבער איז ער מיט זיין פרוי פּאָלאַ אַוועק קיין שדה בוקר.

פאַקטיש איז לבון געווען דער אַמטירנדיקער זיכערהייטס־מיניסטער די גאַנצע ערשטע העלפט פון 1953. דער דאָזיקער מענטש וועט וואַרשיינלעך בלייבן אַ רעטעניש. אַ דאַרער, איינגעבויגענער, מיט גרויע האָר פון די יונגע יאָרן אָן, דורכגעזאָפּט מיט קאָניאַק, אַ געבילדעטער מיט אַ גיכער אָריענטאַ־ציע און שאַרפער צונג, אינטעלעקטועל געשטאַנען העכער פון דער מערהייט מפא״י־פירער, איז לבון אויסגעוואַקסן אין דער הסתדרות־טעטיקייט. דער אי־בערגאַנג צו דער מלוכהשער ראַם, ספּעציעל צום פאַרטיידיקונגס־מיניסטע־ריום, האָט ביי אים אַרויסגערופן קעגנזאצן, וועלכע קיינער האָט פריער נישט דערוואַרט. לויט זיינע אָנהענגער איז ער געווען „אַ געשוווירענער אַנטי־אַקטיוויסט, פון די קאָנסעקווענטסטע. ער האָט אויסגעשלאָסן די פּאָליטיק פון כוח, אין וועלכער עס איז פאַראַן אַ געפאַר צו פאַרלירן דאָס, וואָס מיר באַזיצן״. אָבער מיטן איבערנעמען דאָס זיכערהייטס־מיניסטעריום איז דער געשוווירענער פּאַציפיסט געוואָרן אַן אויסגעשפּראָכענער אַקטיוויסט. פון אַ תלמיד חכם, פאַר־טיפט אין דער סאָציאַליסטישער וויזיע, איז ער געוואָרן אַ פּראַקטיקער, וועל־כער שטרעבט צו מעשים און ווייטגייענדיקע ענדערונגען. פון אַ פּרעדיקער צו פעלקער־ברידערלעכקייט איז ער געוואָרן אַ באַציאָנאַליסט, וועלכער לאַכט אָפּ פון די אַראַבער. פון אַ נביא, וועלכער רעדט וועגן געזעלשאַפטלעכן יושר און טובת הכלל, איז ער געוואָרן אַן עגאָאיסט, גרייט איבערצוקערן די וועלט צוליב דעם וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר אַן עוולה, וואָס איז באַגאַנגען גע־וואָרן קעגן אים. לבון, איז לויט בן־גוריונען, געווען אַ דורכפאַל. און דער ערשטער מענטש, וועלכער האָט אים געוואָרנט, אָבער אומזיסט, איז געווען רב־אלוף מקלף.

לבון און מקלף האָבן נישט געפונען צווישן זיך קיין געמיינזאַמע שפּראַך. אין אָנהויב צוליב דעם, וואָס מקלף האָט געפילט, לויט זיינע רייד, אַז לבון באַציט זיך מיט גרינגשעצונג צום מיליטער און באַטראַכט די אָפיצירן אַלס „באַאַמטע אין מונדירן״ (דאָס שפּריכוואָרט האָט מען צוגעשריבן לבונען, ווי אויך אַז די אָפיצירן זענען דער שטאַרקסטער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, וועלכן ער האָט וועט עס איז געזען). בעת אַ באַזוך אין אַ מיליטערישער איינהייט, האָט לבון ווי אָפּגעשפּאָט פון דעם סאַלוטירנדיקן אָפיציר מיט אַ „טאַ טאַ טאַ, וואָס מאַכסטו אַ רעש?״.

בעת געשפּרעכן איז ער צוגעגאַנגען צו פּראָבלעמען ווי אַ תלמיד חכם, וועלכער וויל באַווייזן גרעסערע זאַכלעכקייט ווי מענטשן פון טאַט. איינ־מאָל האָט ער געפרעגט פאַרוואָס יעדער חייל מוז האָבן אַן אייגענעם מאַנטל און צי קאָן מען נישט רעדוצירן און איינשפּאָרן די אויסגאַבן אויף ווינטער־קליידונג? די חיילים, צום ביישפּיל, וועלכע שטייען אויף דער וואַך, טוישן זיך דאָך דריי מאָל צווישן זיך און זיי האָבן גענוג איין מאַנטל; אָדער, צו

וואָס דאַרף מען האָבן טעפּ פאַר די רעזערוויסטן אין די מאַגאַזינען? עס איז דאָך בעסער, אַז די פאַבריקן זאָלן פּראָדוצירן פאַרן ציווילן מאַרק אַ סעריע טעפּ לויט די באַדערפענישן פון מיליטער און אין פאַל פון אַ מלחמה וועט דאָס מיליטער „מאָביליזירן" אַלע טעפּ פון די באַלעבאָסטעס, פּונקט ווי עס ווערן מאָביליזירט די רעזערוויסטן און די אויטאָס.

דאָס, וואָס עס האָט שטאַרק דערשטוינט מקלפן, איז געווען די עקסטרעמע אַקטיוויטעט פון פּנחס לבון. ער האָט פאַרגעלייגט ווייטגייענדיקע רעוואַנזש־שריט אויף קליינע גרענעץ־אינצידענטן. דער איבעראַשטער מקלף האָט אַלאַרמירט בן־גוריונען און אים געוואָרנט קעגן לבונען, זיין פאַרטרעטער. יאָרן שפּעטער, אין יאַנואַר 1961, האָט דערציילט בן־גוריון אויף דער זיצונג פון דער מפא״י־צענטראַלע, אַז לבון האָט געגעבן די שעפן פון גענעראַל־שטאַב, מקלפן און דיינען, געוויסע „אַוואַנטוריסטישע זיכערהייטס־אָנווייזונ־גען און זייער אויספירונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, ווייל צו אונדזער גליק האָבן די שעפן פון גענעראַל־שטאַב פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף פאַרמיידן אַזעלכע געפערלעכע אַוואַנטורעס". דאָס האָט ער געזאָגט, ווען די לבון־פּרשה איז אויסגעבראָכן ווי אַ שטורעם און האָט אויף אַ וואַנזיניקן אופן באַהערשט מפא״י און אירע קעגנער. אין 1953 האָט זיך בן־גוריון נישט באַצויגן ערנסט צו מקלפס וואָרענונגען. אַ פאַקט, וואָס האָט זיך גוט איינגעקריצט אין דיינס זכרון און וואָס וועט האָבן נישט קיין קליינע השפּעה אויף זיין שפּעטערדיקער שטעלונג אין דער לבון־פּרשה.

אין דעם וויכוח וועגן דער סטרוקטור פון דער אַרמיי האָט זיך געשאַפן קעגן מקלפן אַ פראָנט פון לבון, דיין און שמעון פּרס, דעמאָלט וויצע־דירעק־טאָר פון זיכערהייטס־מיניסטעריום. דיין האָט מיט צופרידנקייט אויפגענומען לבונס נאָמינאַציע אַלס פאַרטרעטער פון בן־גוריון. ער האָט אויך געהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט באַלאַסטן די אַרמיי מיט פּראָבלעמען, וואָס דינען נישט איר הויפּט־אויפגאַבע — דער מלחמה. אין רעזולטאַט פון דעם איז געקומען צו אַ גרויסער שפּאַנונג אין די באַציאונגען צווישן מקלפן און דיינען.

די דאָזיקע געשעענישן זענען פאָרגעקומען ווען בן־גוריונס אַוועקגיין איז געוואָרן אַ זיכערע זאַך. אים איז נישט איינגעפאַלן צו פאָדערן די באַזיי־טיקונג פון דיינען לויט מקלפס פאָדערונג. פאַרקערט, ער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל ווערן שעף פון גענעראַל־שטאַב. און אַזוי, שטיצנדיק זיך אויף די באַדינגונגען, וועלכע ער האָט געשטעלט בעת דער נאָמינאַציע, האָט ער דערלאַנגט זיין דעמיסיע בן־גוריונען דעם 6־טן דעצעמבער, אַ טאָג איידער בן־גוריון האָט פאַרלאָזט די רעגירונג. פאַקטיש האָט בן־גוריון נאָמינירט משה דיינען אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב דעם 6־טן דעצעמבער אינדערפרי, און די נאָמינאַציע איז אַריין אין קראַפט דעם זעלבן טאָג 4 אַזייגער נאָכמיטאָג און דערנאָך איז ער געפאָרן קיין ירושלים, כדי צו דערלאַנגען זיין דעמיסיע.

אַזוי אַרום, ווען בן־גוריון האָט זיך געזעגנט מיטן פאָלק דורכן ראַדיאָ, איז דיין שוין געווען דער בייער שעף פון גענעראַל־שטאַב.

אין דעם בריוו צו מקלפֿן, אין וועלכן עס ווערט אונטערגעשטראָכן דער פּערזענלעכער שטריך פון מוטיקייט אין קאַמף, קאָנצענטרירן זיך די שבחים אַרום די אויפגאַבן, וועלכע ער האָט דערפילט בעת זיין דינסט און עס ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער תלמיד. דער בריוו ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „אַלע יאָרן האָסטו דיין געבענטשטע אַרבעט געמאַכט מיט באַשיידנקייט, בקיאות, געטריישאַפט און מוט״.

אויב צווישן די שורות פון בן־גוריונס בריוו קאָן מען אַרויסלייענען אַן אַנטוישונג פון מקלפֿן — און דאָס איז דער איינדרוק, וואָס האָט זיך געשאַפן ביים ברייטן ציבור — איז זי פון אייניקע שטאַנדפונקטן קענטיק נישט געווען קיין באַרעכטיקטע. ווייל טראָץ דער קורצער צייט פון זיין קאַדענץ, האָט מקלף געמאַכט וויכטיקע שריט צו פאַרמירן צה״ל אַלס קאַמפס־קערפּערשאַפט, וואָס משה דיין האָט ממשיך געווען און דערגענצט מיט שווונג.

אין דער רעדוקציע פון דער צאָל אָפיצירן און ציווילע אַרבעטער אין צה״ל, די אויפגאַבע, וואָס בן־גוריון האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, האָט מקלף געזען — און וואָס ידין האָט נישט באַמערקט — אַ זעלטענע געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון עלטערע אָפיצירן און פון נישט־פעאיקע. ער האָט גע־שטרעבט צו האָבן אַ קלענערן אָפיצירן־קאָרפּוס מיט יונגע און פעאיקע אָפי־צירן. ער האָט געשטרעבט מיט ענערגישע שריט צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל און אין דער ערשטער העלפט פון זיין קאַדענץ האָבן פאַרלאָזט דעם מי־ליטערישן דינסט 1920 סטאַבילע מיליטער־לייט און עס זענען אַנגענומען געוואָרן 340 יונגע מענטשן. מקלף האָט געמאַכט דעם ערשטן שריט צו פאַרמירן אַ גרופּע יונגע און ענערגישע סטאַבילע אָפיצירן. משה דיין האָט אַלס שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג דורכגעפירט רעדוקציעס און אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב האָט ער נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם דאָזיקן פּראָ־צעס, נישט האָבנדיק קיין אָפּשפּאָרונגס־אָנווייזונג פון זיכערהייטס־מיניסטער. אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב האָט דיין רעדוצירט דעם מענטשן־כוח, כדי צו איבוועסטירן מער געלט אין קאַמפּס־אויסשטאַטונג.

אַן אַנדערער אָנהויב, וואָס האָט מיט דער צייט געהאַט אַ דעצידירנדיקע באַדייטונג, איז געווען דער באַשלוס פון מקלפֿן וועגן שאַפן די איינהייט 101, וואָס איז באַשטאַנען פון אויסדערוויילטע מוטיקע און פאַרנונפטיקע קעמפער, פון וועלכער דיין האָט שפּעטער געשאַפן די פאַראַשוטיסטן־איינהייטן, וואָס האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויפן קאַמפּס־גייסט פון צה״ל.

דורך אַ שאָק האָט דיין גלייך באַוויזן זיין אָנוועזנהייט, ווען ער האָט איבערגענומען דעם אַמט פון נומער 2 אין צה״ל. דער גענעראַל־שטאַב האָט זיך געפונען אויף אַ בערגל אין רמת־גן און די ביוראָען פון שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג האָבן זיך געפונען אין העכערן בנין, אַ מין צווייטער

שטאָק, צו וועלכן עס האָבן געפירט שטיגן. דער דעצעמבער פון 1952 איז געווען אַ רעגנדיקער חודש. ווען דער הימל פלעגט זיך אויסלייטערן, פלעגט דיין אַרויסגיין זיך אַנוואַרעמען אין די זון־שטראַלן און פלעגט דיקטירן בריוו דער סעקרעטאַרין, אָדער אָפּהאַלטן געשפּרעכן מיטן שעף פון זיין ביוראָ, אָדער מיט איינעם פון זיינע באַזוכער, בעת אַלע פלעגן זיצן אויף די שטיגן אָדער אויף די שטיינער לענגאויס איינעם פון די דורכגענג.

איינער פון זיינע ערשטע באַזוכן איז פאָרגעקומען אין אַן אַרטילעריע־איינהייט. אויפן וועג פון גענעראַל־שטאַב צום לאַגער אין צריפין האָט ער באַפוילן זיין שאָפער זיך אָפּצושטעלן נעבן איינעם פון די פרדסים. ער אַליין איז אַראָפּגעגאַנגען פון אויטאָ, אַריין דורכן פלויט און אָפּגעריסן מאַראַנצן וויפל ער האָט נאָר געקענט טראָגן. ער מיט זיינע באַגלייטער האָבן געגעסן די מאַראַנצן מיט גרויס אַפּעטיט. ווען ער איז אָנגעקומען צום לאַגער זענען אים געבליבן צוויי מאַראַנצן. ער איז אויפגענומען געוואָרן דורך אַן ערן־וואַך און אין מאָמענט, ווען דער לאַגער־סערזשאַנט האָט אויפגעהויבן די האַנט צו סאַלוטירן, האָט משה צו אים אַ געשריי געטאָן: „כאַפּ״! — און אים גע־וואָרפן דעם מאַראַנץ.

שמעון פרס געדענקט, אַז איינעם אַ טאָג זענען אין זיין ביוראָ אַריין איינעקע פון זיינע באַאַמטע און אים געזאָגט: „דער שעף פון דער אָפּעראַ־ציע־אָפּטיילונג איז אינגאַנצן משוגע געוואָרן, גיי טו עפּעס״. פרס איז אַרויס איבערדרויסן און געזען ווי דיין שטייט אויף דער וועראַנדע מיט אַ יאַגד־ביקס אין דער האַנט און שיסט אומגעשטערט און מיט פאַרגעניגן. אויף זיין פראַגע האָט דיין געענטפערט, אַז ער שיסט אויף ווילדע טויבן, וואָס האָבן נישט געפעלט אין דער געגנט פון דעם שטאַב־בערגל. ער האָט איינגעלאַדן זיינע חברים, צווישן זיי שמעון פרסן, אויף אַן אָוונט־ברויט און רותן האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין זאָרגן עס זאָל זיין פלייש. זיין סעקרעטאַרין, לייטענאַנט נאורה מטלון (היינט פרוי בר־נוח) געדענקט, אַז אין איינעם אַ שבת איז באַשטימט געוואָרן אַן אויסעראָרדנטלעכע זיצונג. דער שעף פון ביוראָ, שלמה גזית (היינט תת־אלוף — בריגאַדיר־גענעראַל) און זיי זענען געקומען צו דער צייט און געעפנט דאָס ביוראָ. און אָט זעען זיי ווי דער גענעראַל קומט שלומפּערדיק אָנגעטון און מיט סאַנדאַלן אויף די פיס און אין דער האַנט האַלט ער אַ יאַגד־ביקס. ער איז געקומען זיי מעלדן, אַז די זיצונג איז בטל געוואָרן און ער גייט אויף יאַגד, ווייל ער האָט ווידער אַן אָוונט־ברויט פאַר 25 פּערזאָן.

ער האָט אָנגעהויבן שיסן נאָך אין בני־ברק און האָט אויפגעהערט, ווען נאורה, וועלכע האָט אים באַגלייט, האָט אים געזאָגט, „דו ביסט משוגע, דאָ איז דאָך בני־ברק!״ אזוי איז געווען דער נוסח פון רעדן צווישן ביידע. לויט אירע רייד האָט ער אויסגעהאַלטן ביז מקוה ישראל. דאָרט, אזוי האָט ער איר דערציילט, האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע ווילדע טויבן. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ אינמיטן פעלד, איז אַריין אין אַ גרוב און האָט נישט געקענט זיך

רירן פון אָרט. אַ טעקסי־שאָפער, וועלכער איז פאַרבייגעפאָרן אויפן הויפּט־שאָסיי, האָט אים דערקענט און אים געהאָלפן אַרויסשלעפן דעם אויטאָ, און ביי דער געלעגנהייט ביי אים געבעטן אַ טובה. בעת גאורה האָט פאַרצייכנט די בקשה, האָט דיין געשאָסן אויף די טויבן. דער שלל איז געווען אַ קליינער און זיי זענען געפאָרן אין כפר ביל״ו. דאָרט האָט ער איבערגעלאָזט דעם אויטאָ אויפן שאָסיי און איז אַליין אַריין אין פּרדס. די אויטאָס, וואָס האָבן נישט געקענט דורכפאָרן האָבן אָנגעהויבן צו פייפן. אַ טייל פון זיי האָט זיך דערשראָקן, הערנדיק די אומאויפהערלעכע שיסעריי אין פּרדס. ערשט ווען ער האָט געהאַט אין זיין קאַסטן ביי 50 טויבן, האָט ער געזאָגט, אַז עס איז גענוג, און איז אַהיימגעפאָרן.

עס זענען אפשר געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געמיינט, אַז ער כאַפּט טויבן צוליב משוגעת, אָדער כדי איבערראַשן די געסט. אָבער פאַקטיש האָט ער זיך פאַרנומען מיט יאגד צוליב מאַטעריעלע סיבות און ווייל ער האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אויף זיין לעבנס־סטאַנדאַרט. זיין פינאַנסיעלע לאַגע איז געווען אַ שווערע און וועגן דעם האָט ער אַפילו גערעדט מיט בן־גוריונען, ווען זיי זענען געפאָרן אין אויטאָ אין אַפּריל 1953. זיין געהאַלט נאָך די שטייער־אַראָפּרעכענונגען איז דאַן געווען 200 ל״י אַ חודש, און לויט זיין חשבון האָט ער זיך געניטיקט אין 350 ל״י.

בן־גוריון, וועלכער האָט אין ווירטשאַפטלעכע ענינים געשווועבט אין דער לופט, איז, זעט אויס, נישט באַאיינדרוקט געוואָרן פון דיינס באַקלאָגן זיך. ווייל אַ וואָך נאָך זייער געשפּרעך האָט אים דיין געשיקט אַ בריוו, צו וועלכן ער האָט בייגעלייגט אַ באַשטעטיקונג פון זיין געהאַלט און צוויי בלעטלעך, אויף וועלכע ער האָט גענוי אָנגעגעבן די הוצאות פון זיין משפּחה. דער בריוו האָט אַנטהאַלטן אַ געוויסע אָנדייטונג, אַז ער האָט בדעה צו דעמיסיאָנירן פון מיליטער. דיין האָט אויפגעקלערט, אַז היות ער האָט נישט קיין זייטיקע הכנסה און ער האַלט נישט, אַז ער וועט קאָנען אַראָפּנידערן דעם לעבנס־ניוואָ פון זיין משפּחה, זעט ער נישט קיין מעגלעכקייט ער זאָל ווייטער קענען לעבן פון זיין מיליטערישער פּענסיע.

זיין אָרט רעדן אלס שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג איז נאָך געווען קריטיש און ער האָט גאַנץ פריי געמאַכט באַמערקונגען וועגן די אייגנשאַפטן פון די ממונים איבער אים. אייניקע פון די בולטע פאַלן איז פאַרגעקומען בעתן באַהאַנדלען די פראַגע פון נאָמינירן אַ קאָמאַנדיר פאַר דער שול פון הויכע אָפיצירן. סגן־אלוף (הייסט אלוף) אהרון יריב, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דער גרינדונגס־מאַנשאַפט פון דער שול, האָט אויסגעדריקט א ספקות, צי ער וועט אויך קענען זיין דער קאָמאַנדיר פון דער שול. דיין האָט אים געזאָגט בערך אַזוי: „הער, אויב בן־צבי קאָן זיין פּרעזידענט, מקלף קאָן זיין שעף פון גענעראַל־שטאַב און איך שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג — קאָנסטו אויך זיין קאָמאַנדיר פון דער שול פאַר קאָמאַנדע און שטאַב־אָפיצירן״.

אין ווינטער 1954 האָט אים באַהערשט אַ האָבי פון אַרכעאָלאָגישע אויס־גראָבונגען. לויט זיינע רייד „איז ער אָפּגעשוווינקט געוואָרן מיט איין מאָל". ביז דאַן האָט ער נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פּאַראינטערעסירונג פאַר דעם ענין. די פּאַראינטערעסירונג האָט זיך ביי אים דערוועקט גאַנץ צופעליק. אין איינעם אַ שבת איז ער אַרויס אויף יאגד פון ווילדע טויבן צוזאַמען מיט זיין 13־יאָריקן זון אהוד. זיי האָבן געזוכט טויבן אויף דרום־מזרח פון מסמיה און דערגאַנגען ביז תל צפית. צו זיין שטוינונג האָט ער אין וואַדי דערזען איי־ניקע קרוגן. ער האָט געמיינט, אַז די אַראַבישע דאָרפס־איינוווינער האָבן אַזוי איבערגעלאָזט די קרוגן. אָבער ווען ער האָט זיך דערנענטערט, האָט ער געזען, אַז דער שטאַרקער רעגן האָט אָפּגעשווענקט די ערד און אויפגעדעקט די פאַרשאָטענע קרוגן. ער האָט גענומען אַ קרוג אַלס מוסטער, און ווען ער איז געפאָרן קיין ירושלים, האָט ער עס געוויזן יגאל ידינען, וועלכער איז איני־צווישנצייט געוואָרן אַרכעאָלאָג ד"ר ידין. לויט זיין מיינונג איז די קרוג אַלט געווען דריי טויזנט יאָר, פון דער ישראלדיקער תקופה. „איך האָב געזאָגט צו מיר אליין, צום ביישפּיל, זע וואָס עס פּאַסירט!" — האָט דיין שפּעטער דערציילט. ער איז געווען שטאַרק גערירט און ביי דער ערשטער גע־לעגנהייט איז ער צוריק אַוועק צום בערגל, ווו עס האָט זיך געפונען אַ ישוב פון דער כנענישער און ישראלדיקער תקופות. ער האָט אָנגעהויבן צו גראָבן און פּלוצים — „איך האָב אָנגעהויבן צו גראָבן — האָט זיך געעפנט אַ גאַנ־צער צימער, דאָ זענען געשטאַנען קרוגן, דאָ זענען געשטאַנען מנורות, דאָ די פאַדלאָגע, דער טיש — פּונקט ווי איך וואָלט מיט איין מאָל אַריין אין די טעג פון דוד המלך".

פון דעמאָלט אָן זענען די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, דאָס אַנטפּלעקן אַרכעאָלאָגישע עקספּאָנאַטן און זייער רעסטאַוורירונג געוואָרן די הויפּט־באַשעפטיקונג אין זיין לעבן, אַ ליידנשאַפט, וואָס קאָן נישט אָנגעזעטיקט ווערן, אַ יצר, וואָס קאָן נישט באַפרידיקט ווערן און האָט נישט קיין אָפּהאַלט. אַזוי איז ער עובר געווען אויף די געזעצן וועגן אַרכעאָלאָגישע אויסגראָ־בונגען. ביי איין געלעגנהייט האָט ער געזאָגט, אַז ווען עס וואָלט אים געגעבן געוואָרן די ברירה צו גראָבן אַ האַלבן טאָג און אַ צווייטן טאָג צו זיצן אין תפיסה, אָדער בכלל נישט צו גראָבן און בלייבן אויף דער פריי, וואָלט ער אויסגעוויילט די ערשטע מעגלעכקייט.

זינט 1954 האָט דיין אָנגעזאַמלט אַרכעאָלאָגישע עקספּאָנאַטן, וואָס קיין שום פּריוואַטע פּערזאָן פאַרמאָגט עס נישט. די אייגנאַרטיקייט איז באַשטאַ־נען אין דעם, וואָס ער אַליין האָט אַנטפּלעקט דעם גרעסטן טייל און זיי רעסטאַוורירט מיט די אייגענע הענט. דאָס צונויפקלעפּן די טיילן פון די עקספּאָנאַטן איז ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הויכער קונסט. אין זיין הויז האָט ער איינגעאָרדנט אַ גאָרטן פון אַרכעאָלאָגישע עקספּאָנאַטן מיט אַנטשפּרעכנדיקער באַלויכטונג און אין דער פינצטערניש איז דער גאָרטן

ענלעך צו אַ שטיק לעגענדאַריש לאַנד, וואָס ציט זיך פון דער קעגנוואַרט ביז דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. דיין האָט ווי אויסגעברייטערט זיין וועלט אין חלל און אין דער צייט. אין זיין גאָרטן, פונקט ווי אין זיינע צימערן, געפינען זיך אין די ווענט־שענק אָנגעזאַמלטע אוצרות פון אַלטערטימלעכע עקספּאָנאַטן פון ארץ ישראל, מצרים, ארם נהריים און די דערבייאיקע אינדזלען פון מיטללענדישן ים.

פון שטאַנדפּונקט פון דער עפנטלעכער מיינונג האָט דער האָבי פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען צוגעגעבן צו דער קונדסישקייט און ווילליונגלערישקייט פון דייענען, דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב, אַ שטריך פון נישט רעכענען זיך מיט די אָנגענומענע כללים און פון איבערשרייטן די גרענעצן פון געזעץ. דאָס פאַרלעצן די געזעצן איז געוואָרן אַ טייל פון זיין סילועט, אַ מין פינצטערער און אָפּשרעקנדיקער שטריך, וואָס האָט דערווייטערט געוויסע קרייזן פון זיין באַטירלעכער אַנפירונג.

צוויי אינצידענטן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין ערשטן חודש פון זיין קאַדענץ אַלס שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג, האָבן פאַר אים אַנטפּלעקט די פעלערהאַפטע קאָמפּס־פעאיקייט פון צה״ל. אין ערשטן פאַל האָט אַ גרופּע חיילים פּראָבירט דורכפירן אויף די פּלייצעס, אין דער פינצטערער נאַכט פון 13־טן דעצעמבער 1952, רוק־זעק מיט אמוניציע און גראַנאַטן צום הר־הצופים, וואָס איז לויטן וואָפנשטילשטאַנד־הסכם געבליבן אַן ענקלאַווע אויפן ירדנישן שטח. ווען די חיילים האָבן דערהערט אייניקע שאָסן, וואָס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן דורך צוויי־דריי ירדנישע זעלנער, זענען די חיילים אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט אויף דער ערד די רוק־זעק מיט דער אמוניציע און אויך די היטלען מיט זייערע נעמען און נומערן. אינמיטן דער נאַכט „האָבן די ישראלים פּראָבירט צוריקצונעמען די אויסשטאַטונג, אָבער זיי זענען אָפּגעשטויסן געוואָרן", האָט געשריבן קאָמאַנדאַר עטשיסאָן, פאָרזיצער פון דער ישראל־ירדנישער וואָפנשטילשטאַנדס־קאָמיסיע.

דער צווייטער פאַל איז געווען א נאָך שווערערער. אין דער נאַכט פון 22־טן אויפן 23־טן יאַנואַר 1953 איז אַרויס אַ באַטאַליאָן פון דער אינפאַנטעריע אונטער דער קאָמאַנדע פון פּולק־קאָמאַנדיר, כדי איבערצושרייטן די וואָפנשטילשטאַנדס־ליניע און אויפרייסן אין אַ רעוואַנזש־אַקציע אַ פּאָר הייזער אין דאָרף פאַלמאַ, וואָס געפינט זיך אויף צפון פון קיביע. די איינהייט איז אָנגעקומען ביז די פּלויטן פון דאָרף. נאָך דעם ווי די זעלנער פון דער ירדנישער נאַציאָנאַלער וואַך — אַ מין מיליץ — האָבן געעפנט אַ פייער און דערהרגעט איין חייל און פאַרוונדעט פינף, האָט זיך דער באַטאַליאָן צוריקגעצויגן אויף דער ישראל־טעריטאָריע, נישט אויספירנדיק די אויפגאַבע, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן. אַזעלכע פאַרלוסטן זענען געווען אַ באַווייז, אַז דער שונא איז שטאַרקער, און זיי דינען ווי אַ באַרעכטיקונג פאַר אַ צוריקטריט.

פאַר דיינען איז דער דורכפאַל פון פאלמא געווען אַ קלאָרער באַווייז, אַז צה״ל איז נישט פעאיק צו רעאַליזירן די רעוואַנזש־פּאָליטיק. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1950 און זיך געצויגן אין די שפּעטערדיקע יאָרן. עס איז קלאָר געוואָרן אָן שום ספק, אַז די וואָפנשטילשטאַנדס־אָפּמאַכן וועלן נישט דערפילן די דעקלאַרירטע צילן און וועלן נישט ברענגען קיין שלום. דאָס אַריינדרינגען פון די אַראַבער אין ישראל־ישובים איז כסדר געשטיגן. צוערשט איז דאָס געמאַכט געוואָרן צוליב פערזענלעכע סיבות. פּאַלעסטינעזער, וועלכע האָבן זיך נאָך דער מלחמה פון 1948 געפונען אויף דער צווייטער זייט פון דער וואָפנשטילשטאַנד־ליניע, האָבן געוואָלט צוריק אין זייערע הייזער אין ישראל, אָדער לפחות זיי זען. מיט דער צייט האָט זיך דאָס אַריינדרינגען פאַרוואַנדלט אין אַ באַוועגונג פון רויב און נקמה. עס איז געווען לייכט אריינצודרינגען דורך דער נישט געשטיצטער גרענעץ און אָנגרייפן די ישובים פון נייע עולים, וואָס זענען שנעל אויפגעשטעלט געוואָרן לענגאויס די גרענעצן און אויף די ליידיקע געביטן פון דרום און נגב. בהדרגה האָט דאָס אריינדרינגען פון די דיווערסאַנטן אויפגעהערט צו זיין אַ ספּאָנטאַנישע באַוועגונג און איז מער געוואָרן אַ באַוועגונג אונטערן פּאַטראָנאַט פון ירדן, און שפּעטער פון מצרים.

אין די יאָרן 1952—1954 האָבן די אריינדרינגלער געהאַט אַ הצלחה. די קאָמוניקאַציע צו די גרענעץ־ישובים איז געשטערט געוואָרן און אָפט אַפילו איבערגעריסן געוואָרן צוליב דער מורא פאַר אַראַבישע פּאַסטקעס, מינעס און שיסערייען. די איינוווינער פון די גרויסע שטעט האָבן מורא געהאַט אַרויסצו־פאָרן; די יוגנט האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון אויספלוגן. די אויגן פון ברייטן ציבור זענען געווען געווענדעט צו צה״ל, אָבער ער איז נישט געווען אימשטאַנד איינצושטעלן אָרדענונג אויף די גרענעצן און אין ווייטע ערטער. אין דער כנסת און אין דער פּרעסע זענען געשטיגן די קריטיק און די פאַרביטערונג צוליב דער מאַכטלאָזיקייט פון מיליטער, וואָס קאָן נישט אַ סוף מאַכן צום טעראָר און פאַרזיכערן די איינוווינער רו און בטחון. עס זענען דעריבער געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו באַצאָלן די אַראַבער עין תחת עין און צה״ל־איינהייטן זע־נען געשיקט געוואָרן אויף דער צווייטער זייט פון דער וואָפנשטילשטאַנד־ליניע, כדי אויפצורייסן אַ הויז אָדער אַ ברונעם אַלס רעוואַנזש־אַקט. פאלמא איז געווען נאָר איין ביישפּיל פון די דורכפאַלן פון די קאָמפּס־איינהייטן פון 1951 ביז אָקטאָבער 1953.

די דורכפאַלן פון די קאָמפּס־איינהייטן האָבן געהאַט פאַרשידענע סיבות. צה״ל האָט זיך נאָך געפונען אין פּראָצעס פון אָרגאַניזאַציע, פון פאַרמירן זיינע כוחות און אין דעם איבערגאַנג פון אַ קאָמפּס־שיטה פון אַ פּאַרטיזאַניש מילי־טער צו אַ רעגולערער אַרמיי. די מערהייט חיילים אין דער רעגולערער ארמיי זענען געווען נייע עולים, וועלכע האָבן זיך נאָך נישט אַקלימאַטיזירט אין לאַנד. די הויכע אָפיצירן האָבן נישט געגלויבט אין זייערע חיילים און נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די קליינע קאָמאַנדירן. די איבונגען זענען נישט געווען צו־

געפּאַסט פּאַר אַן ענערגישער קאַמפּס־פּאַרם. אַ טייל צייט פון די איינהייטן איז געווען געווידמעט דער מיסיע פון אַבסאָרבירן די עליה — „דער צוכט פון טאַמאַטן״.

דיין איז געווען דער, וועלכער האָט געשטויסן צה״ל צו פאַרנעמען זיך מיט ליופּנדיקע זיכערהייטס־פראַגן אַלס צענטראַלע אויפגאַבע. אין די קליינע אַקציעס האָט ער געזען אַן אָרגאַנישן טייל פון דער פעאיקייט דורכצופירן אַ גרויסע אַקציע. דער הויפּט־אונטערשייד צווישן אים און אַנדערע קאָמאַנדירן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי זענען געווען גרייט אַנצונעמען אַלע אויפ־קלערונגען. ער דאַקעגן האָט זיי קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן.

פון דאַנען הייבן זיך אָן דיינס אַנשטרענגונגען צו הייבן די קאַמפּס־פעאיקייט און דעם קאַמפּס־גייסט פון צה״ל. ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם, וואָס ער האָט געמאַכט פון פּאַלמאַ אַ סימבאָל פון אַלע מפּלות פון צה״ל, פּאַר אַן אייביקער חרפּה. ער האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן מורא געהאַט מען זאָל זיי נישט אידענטיפיצירן מיטן חרפּהדיקן נאָמען פּאַלמאַ. ער האָט געמאַכט אַ שריט, וואָס איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אויסדרוק פון זיין פּערזענלעכקייט. ער האָט אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן פעסט־געשטעלט: „יעדער קאָמאַנדיר פון צה״ל, וועלכער וועט זיך אָפּהאַלטן פון דערפילן זיין אויפגאַבע, איידער די מערהייט פון זיינע חיילים זענען געטראָפן געוואָרן, אָדער מינדעסטנס די העלפט, וועט באַזייטיקט ווערן פון זיין אַמט״. די דאָזיקע באַדייטונגספולע און ווייטגייענדיקע שטעלונג איז נישט פאַר־איינבאַרט געוואָרן מיטן שעף פון גענעראַל־שטאַב מקלף. און הגם ער איז געווען ביי דער זעלבער מיינונג, אַז מען דאַרף פאָרמירן אַ מער קעמפערישן צה״ל, האָט ער געזאָגט, „איך וואָלט זיך נישט אויסגעדריקט ווי ער״.

א גרויסער טייל פון די גרענעץ־אינצידענטן איז פאָרגעקומען אין געביט פון דער ירושלימער רעזערוויסטן־בריגאַדע, וועמענס קאָמאַנדיר עס איז גע־ווען אלוף־משנה מיכאל שהם. די מערהייט שיסערייען פון דער אַנדערער זייט גרענעץ, רויב און מאָרדן זענען פאָרגעקומען אויף זיין אָפּשניט. עס זענען געווען פאַלן, ווען די אריינדרינגלער האָבן אָפּגעשניטן די אויערן פון זייערע קרבנות. אין זומער 1953 האָבן זיי אָפּגעשניטן דעם קאָפּ פון אַ מיליטערישן פּאָליציסט אין אַ מיליטערישן לאַגער ביי ירושלים און דערמאָרדעט אַ לאַנד־ווירט. שהם האָט דעריבער מער ווי אַנדערע פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט פון דורכפירן דערפאָלגרייכע רעוואַנזש־אַקציעס. ער האָט געהאַלטן, אַז די מערהייט טעראָר־אַקטן ווערן דורכגעפירט דורך די איינוווינער פון דאָרף באַבי סאַמועל, אין וועלכן עס האָט געוווינט סמואלי, אַ באַקאַנטער באַנדיט, וועלכער האָט געגעבן אַ נדר צו דערמאָרדן הונדערט יידן. שהם איז געקומען אויף אַן אָריגינעלן געדאַנק. היות אין זיין בריגאַדע איז נישט געווען קיין איינהייט, וואָס זאָל זיין פעאיק איבערצושרייטן די גרענעץ, אריינדריגנען אין אַראַבישן דאָרף און אויפרייסן דאָס הויז פון סמואלי — דערצו נאָך ווען רעגולערע

איינהייטן זענען נכשל געוואָרן ביי אַזעלכע מיסיעס — האָט ער פאַר דעם צוועק באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ „רעפּרעזענטאַנץ" פון קעמפער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין 1948. אריק שרון, קאָמאַנדיר פון רעזערוו־פּולק אין זיין בריגאַדע, האָט אים אויסגעזען צו זיין פּאַסיק פאַר דער אויפגאַבע.

אין 1953 האָט אריק שרון פאַרלאָזט דעם מיליטערישן דינסט און אָנגע־הויבן שטודירן וויסנשאַפטן וועגן מיטעלן מזרח אויפן ירושלימער אוניווער־סיטעט. אַלס קאָמאַנדיר אין שחמס בריגאַדע איז אים געגעבן געוואָרן מערערע געלעגנהייטן אויסצודריקן זיין מיינונג, אַז מען דאַרף רעאַגירן מיט כוח אויף די רויב און מאָרד־פאַלן און אַז עס איז נישטאָ קיין באַרעכטיקונג פאַר די דורכפאַלן פון די רעגולערע איינהייטן. אין זייערע געשפּרעכן האָט שחם אַרויס־געדרוקט דעם געדאַנק, אַז צה"ל נויטיקט זיך אין אַ ספּעציעלער איינהייט, אַ גוט אויסגעשולטע און מוטיקע, וואָס זאָל ווי געהעריק אויספירן די רעוואַנזש־אַקציעס. אָבער דערווייל האָט ער פאַרגעלייגט שרונען, אַז ער און זיינע חברים זאָלן דורכפירן אַ רעוואַנזש־אַקציע אין נבי סמואל און אויפרייסן דאָס הויז פון סמואלי. די בריגאַדע וועט זיי צושטעלן די נויטיקע אויסשטאַ־טונג פאַר דער הצלחה פון דער אַקציע.

אין אַ בליץ־אַקציע האָט אריק שרון מאָביליזירט 7 נייע חברים, אַלע ציווילע ווי ער. אין דער נאַכט פון 11־טן אויפן 12־טן אויגוסט זענען זיי אַריבער די וואָפנשטילשטאַנד־ליניע און אַוועק אין דער ריכטונג פון נבי סמואל, וואָס ליגט אויפן שפּיץ באַרג אויף צפון פון ירושלים. אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער און אָנגעלאָדן מיט אויפרייס־מאַטעריאַל און געווער זענען זיי אומגעשטערט אַריינגעדרונגען אין דאָרף. אָבער זיי האָבן זיך טועה געווען ביים אידענטיפיצירן דאָס הויז און האָבן נישט אַוועקגעלייגט גענוג אויפרייס־מאַטעריאַל און דורך דעם נישט פאַראורזאַכט קיין גרויסן שאָדן. דער אויפרייס האָט אויפגעוועקט דאָס גאַנצע דאָרף און די זעלנער פון לעגיאָן. אונטער אַ האָגל פון קוילן האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן פון דאָרף און זענען צוריקגעקו־מען קיין ירושלים. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט זייער אויפגאַבע און פאַר־טאָג איז יעדער איינער געגאַנגען צו זיך אַהיים. אָבער דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער באַרימטער איינהייט 101.

די אַקציע האָט באַוויזן שחמען און שרונען, אַז מען קאָן מיט הצלחה אַריבער די גרענעץ פון שונא און די פעלערן פון די זיבן קאָן מען אויסבעסערן דורך איבונגען. שחם האָט אַרויסגעשיקט אַ בריוו צום שעף פון גענעראַל־שטאַב מקלף און פאַרגעשלאָגן צו שאַפן אַ רעגולערע, געהיימע איינהייט פאַר קליינע קאַמפן אויף דער צווייטער זייט גרענעץ און וואָס זאָל אַדמיניסטראַטיוו זיין פאַרבונדן מיט דער ירושלימער רעזערוויסטן־בריגאַדע. אַ קאָפּיע האָט שחם געשיקט צו בן־גוריונען. אין בריוו האָט ער פאַרגעלייגט, אַז דער מאַיאָר אריאל שרון זאָל זיין דער קאָמאַנדיר פון דער פאַרגעלייגטער איינהייט.

מקלף האָט באַשטימט אַ באַגעגעניש מיט שחמען און ער האָט מיטגענומען

שרונען. מקלף איז איבערצייגט געוואָרן פון זייערע ארגומענטן און האָט מסכים געווען צו שאַפן א ספּעציעלע איינהייט פאר רעוואַנזש־אַקציעס.

ווען מקלף האָט געבראַכט זיין פאָרשלאַג צו שאַפן א ספּעציעלע איינהייט אויף דער זיצונג פון גענעראַל־שטאַב, האָט זיך משה דיין קאַטעגאָריש אנטקעגנגעשטעלט. זיין ארגומענט איז געווען, אז גאַנץ צה״ל דאַרף זיין אויפן ניוואָ פון דער ספּעציעלער איינהייט. ער האָט אין די רעוואַנזש־אַקציעס געזען א גוטן גרונט פאר אויסאיבן די ארמיי און האָט מורא געהאַט, אז דאָס שאַפן א ספּעציעלע קאַמפּס־איינהייט וועט נאָך מער אָפּשוואַכן די פעאיקייטן און דעם קאַמפּס־ווילן פון מיליטער. טראָץ דיינס קעגנערשאַפט האָט מקלף ארויסגעגעבן די נויטיקע באַפעלן וועגן שאַפן די איינהייט 101 אין אַ שנעלן טעמפּאָ און אריק שרון איז געשטעלט געוואָרן בראש. פאר דער נאָמינאַציע האָט דיין געגעבן זיין הסכמה מיטן גאַנצן האַרץ. ער האָט אים געדענקט פון דער צפון־קאָמאַנדע און ווען ער איז נאָמינירט געוואָרן אלס הויפּט פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג און איז ארויס פון ביורא פון פרעמיער אין ירושלים, האָט ער געטראָפן שרונען, וועלכער האָט אויף אים געוואַרט אינדרויסן און אים אריינגעשטופּט אין האַנט א צעטל, אין וועלכן עס איז געווען געשריבן: „איך בין איצט אַ סטודענט — אָבער איך עקזיסטיר. אויב עס איז נויטיק אויסצופירן זאכן — בין איך גרייט זיי אויסצופירן״.

די איינהייט 101 וועט אין דער צוקונפט פּראַקטיש דורכפירן אלץ וואָס דיין האָט געפּרעדיקט טעאָרעטיש. הגם פּרינציפּיעל איז ער געווען קעגן שאַפן די דאָזיקע איינהייט, איז ער מיטן גאַנצן האַרץ געווען מיט אירע מענטשן און איר קאָמאַנדיר, ספּעציעל מיט מאיר הר־ציון, וועלכער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער איינהייט אַ קורצע צייט נאָך איר אנטשטייאונג. אפילו אין איר רעקאָרד־תקופה האָט די איינהייט נישט געציילט מער ווי 40 פּערזאָן. זי איז מער ענלעך געווען צו אַ כנופיה ווי צו א רעגולערער מיליטערישער איינהייט. אירע מענטשן האָבן נישט געטראָגן קיין מיליטערישע מונדירן, נאָר יעדער איינער האָט זיך געקליידט לויט זיין טעם. זיי האָבן געטראָגן קורצע הויזן, ווייסע בלוזעס, אָדער קאָלירטע, היטלען מיט דאַשקעס, בערעטן, סאַנדאַלן און זיך פאַרלאָזט בערד. זייער געווער איז באַשטאַנען פון טאָמיגאַנען (בריטישע אויטאָמאַטן) — און נישט צה״ל־געווער — מאַלאַטאָוו־פלעשער און קאָמאַנדאָ־מעסערס. זיי האָבן נישט געטראָגן קיין ראַנג־אָפּצייכנונגען. דאָס פעלן פון צערעמאָניעס, אַפּעלן און היעראַרכיעס האָט זיי דערנענטערט צו דיינען. די איבונגען פון דער איינהייט זענען געמאַכט געוואָרן לויט דער מיינונג און אָנווייזונגען פון שרונען, וועלכער איז אין אויגוסט 1953 אַלט געוואָרן 25 יאָר און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איניציאַטיוו, מיליטערישער פאַנטאַזיע און אויסערגעוויינלעכן חוש פאר קאַמפּס־אָריענטאַציע. ער שטאַמט פון כפר מל״ל, א מושב עובדים אין שרון, וואָס

האָט אין אים איינגעפּלאַנצט ליבע, פּונקט ווי ביי דיינען, אַ שטאַרקע ליבע צו יעדן שפּאַן פון דער ישראל־ערד. פון דער מוטער האָט ער געירשנט בונטאַרישקייט און זעלבסטשטענדיקייט. אין 101 האָט ער געהאַנדלט אַזוי ווי די טראַדיציע און תורה פון צה״ל וואָלטן אינגאַנצן נישט עקזיסטירט.

עס איז אַ ספק, צי די געוואַגטקייט און די אינאָוואַציעס פון שרונען וואָלטן געקומען צום אויסדרוק, ווען אין 101 וואָלט נישט געווען מאיר הר־ציון, אַ יונגער בחור מיט זעלטענע פעאיקייטן פאַר פעלד־לעבן און קאַמף. אויב עס איז פאַראַן גאונישקייט פאַר אַ יחיד־מלחמה, איז הר־ציון, אָדער „הר״, ווי עס האָבן אים גערופן זיינע חברים — דער ערשטער קאַנדידאַט פון ישראל פאַר דעם טיטל. מאיר הר־ציון פון קיבוץ עין־חרוד, 18 יאָר אַלט, איז אין אייניקע הינזיכטן געווען ענלעך צו משה דיין דעם ייִנגל, און האָט אפילו אים איבערשטיגן. עס איז אָנצונעמען, אַז משה דיין האָט וועגן דעם געוווּסט, ווען זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן. ווייל די ערשטע באַגעגעניש האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זיין זכרון און ער האָט זי געשילדערט מיט אַלע איינצלהייטן 14 יאָר שפּעטער, אין 1967.

די ערשטע ממשותדיקע פייער־טבילה פון דער איינהייט 101 איז פאָר־געקומען אין סעפּטעמבער 1953, ווען מען האָט אויף איר אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע צו פאַרטרייבן די באַוואָפנטע אַזאַזמאַ־בעדואינער, וועלכע האָבן געהאַט מצרישע פּאַספּאָרטן און האָבן זיך הפקרדיק אויפגעפירט אויף דער דרומדיקער גרענעץ און באַדראָט די זיכערקייט דורך דעם וואָס זיי האָבן געדינט דעם מצרישן שפּיאָנאַזש און פון צייט צו צייט אָנגעגריפן די צה״ל־פּאַטראָלן אויף דער גרענעץ. זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן טיף אין סיני דורך 16 בחורים פון דער איינהייט 101, וועלכע זענען געפאָרן מיט דזשיפּן און קאָמאַנדקאַרס.

דיין איז ספּעציעל געקומען פון תל־אביב צו דער דרום־גרענעץ, כדי צו באַגריסן די בחורים פון דער איינהייט 101, וועלכע האָבן מצליח געווען צו פאַרטרייבן הונדערטער בעדואינער פון אַזאַזמאַ־שבט. רעדנדיק מיט שרונען און זיינע חברים, האָט ער באַמערקט אַ גרויסן שוואַרצן פויגל, וואָס איז געפלויגן איבער אַ קעמל־פּגר, וועלכער איז געפאַלן אין דער שלאַכט מיט די בעדואינער. ער האָט געקניט און געריכטעט די ביקס אויפן פויגל. אַ הויכער בחור מיט אַ לאַנגער טשופּרינע, אין קורצע הויזן, האָט אים אַ צי געגעבן ביי דער האַנט און מיט כעס אַ זאָג געגעבן: „וואָס טוסטו? דאָס איז דאָך אַן אָדלער!״

אין זיין אַרטיקל, וועלכן ער האָט געשריבן אין 1967 וועגן קאַמפּס־גייסט פון די חיילים, האָט דיין דערציילט:

„איך האָב זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז קעגן מיר שטייט דער קאָמאַנדיר פון אַ פּאַטראָל־איינהייט — מאיר הר־ציון. איך געדענק נישט צי איך בין שוין געווען שעף פון גענעראַל־שטאַב, אָדער נאָר הויפּט פון דער

אפעראציע־אפטיילונג. ווי עס זאל נישט זיין, דאס ארויסרייסן די ביקס פון מיינע הענט דורך א קאפראל איז נישט געווען קיין געוויינלעכע פראצעדור. הר־ציון האט מיר דערקלערט, אז אין לאנד זענען געבליבן סך הכל ביי 30 פארלעך אדלערס און מען דארף זיי היטן פון פארניכטונג. אין דער געגנט לעבן צוויי אדלערס. זיי האבן אויפגעבויט זייער נעסט אויף א שפיציקן פעלז, צו וועלכן די פוקסן און ווילדע קעץ קאנען נישט צוקומען און אויפפרעסן די נײ־אויסגעפיקטע אדלערס. מיר זענען געפארן צום אדלער־פעלדז — א סך צייט איז פארביי זינט דער דאזיקער באגעגעניש. ווען איך דארף געפינען דאס ארט, ווו עס האבן גענעסטעט די אדלער, וואלט איך דאס נישט געקענט טון. אבער איין פראגמענט פון דעם בילד איז געבליבן פריש אין מיין זכרון — אן אדלער הייבט זיך אויף מיט זיינע שווערע פליגלען, קרייזט ארום און פליט העכער, קרייזט ארום און פליט ווידער העכער און הר־ציון געשטיצט אויף זיין ביקס פאלגט אים נאך מיט זיין בליק: נישט קיין בליק פון נייגעריקייט, אויך נישט קיין בליק פון התפעלות, נאר א „פאכמענישער" בליק, וואס פארשט, א בליק פון איינעם, וועלכער וויל זען אלע פרטים ווי ער וואלט געוואלט פון זיי לערנען".

מיט א צייט שפעטער האט דיין געזאגט וועגן הר־ציון, אז „ער איז דער גרעסטער קעמפער, וואס מיר האבן געהאט זינט בר־כוכבאס צייטן". און אין דעם ארטיקל וועגן גייסט פון די קעמפער האט ער אים ארויסגערוקט אלס מוסטערהאפטן ישראל־זעלנער. „דאס אייגנארטיקע, וואס כאראקטע־ריזירט הר־ציון — איז דאס וואס ער איז א מוטיקער און הארטנעקיקער זעלנער, וועלכער קאן הנאה האבן פון עצם קאמף — און גלייכצייטיק א לאנדווירט, וועלכער געפינט א באפרידיקונג אין דער גרויער און שווערער ארבעט". ער האט געזען אין הר־ציון „א וואונדערבארן קעמפער, א מוסטער־האפטן קאמפס־מנהיג". עס זעט אויס, אז די ענלעכקייט אין זייערע אייגנ־שאפטן, האט דערנענטערט הר־ציון צו דיינס הארץ. הר־ציון האט געשריבן א טאג־בוך פון זיינע אויספלוגן, וואס ער האט געמאכט אליין, אדער אין דער געזעלשאפט פון זיין יונגערער שוועסטער שושנה. אבער זיינע אויס־פלוגן זענען געווען דרייסטער און מער געוואגטע פון די, וועלכע עס האט געמאכט דיין.

די הויפט־ענלעכקייט צווישן זיי איז באשטאנען אין דער אינערלעכער געריכטקייט. פונקט ווי דיין האט נישט פיינט געהאט די אראבער און נישט איין מאל געליטן פון דעם וואס ער האט געמוזט מיט זיי פירן מלחמות, אזוי איז אויך געווען הר־ציון. אין זיין טאג־בוך נאכן פארטרייבן די אזאז־מא־בעדואינער, האט ער געשריבן: „ווידער האב איך א שווער געפיל און געפין נישט קיין אינערלעכע שלמות. צי איז דאס דער פיינט? איז דאס אלץ בארעכטיקט? איך האב נאך נישט געפילט אויף מיין לייב די ווירקונג פון קאמף, דעם ווילן מנצח צו זיין, די שנאה כלפי דעם וואס וויל דיר צו־

נעמען דאָס טייערסטע — דיין לעבן. צו לייכט זענען געווען די דאָזיקע ערשטע נצחונות". פונקט ווי דיין האָט ער זיך גענויטיקט אין אַ ספּעציע־לער דערציאונג — כדי „צו דערהרגענען אָן צו באַדויערן" — פון ווייניגייטן, און „קילער". אַזוי איז אויך דערצויגן געוואָרן הר־ציון אין דער איינהייט 101 און שפּעטער ביי די פּאַראַשוטיסטן.

דיין האָט דערטיילט הר־ציונען אַן אָפיצירן־ראַנג, הגם ער האָט נישט געלערנט אין קיין אָפיצירן־שול. „וואָס וועט ער טאָן אין אַן אָפיצירן־שול? ער קאָן נאָר אַנדערע לערנען". — האָט ער געזאָגט. הר־ציון איז געווען אין דער רעגולערער אַרמיי נאָר דריי יאָר. דעם 12־טן סעפּטעמבער 1956, בעת דעם אָנגריף אויף דער פּאָליציי־סטאַציע ראהאווא, איינע פון די לעצטע רעוואַנזש־אַקציעס פאַר דער „קדש"־אַקציע (סיני־מלחמה), איז ער זייער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן אין האַלדז און אָרעם. אַ מיליטערישער דאָקטאָר האָט אים אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן, אָפּערירנדיק אים אויפן שלאַכטפעלד. דיין, דאַן דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, האָט געוואַרט ביי דער גרענעץ, ביי צווייטן קילאָמעטער פון דער רעוואַנזש־אַקציע אין עזה־געביט. זיין ביוראָ־לייטער, סגן־אלוף (הייַנט אלוף־משנה אין רעזערוו) מרדכי בר־און געדענקט, אַז מען האָט עוואַקואירט הר־ציון אויף אַ טראָג־בעטל און עס האָט ווער געזאָגט צו דיינען, „דאָס איז הר". דיין האָט געוואָלט צו אים צוגיין, „אָבער דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז מען טאָר זיך נישט אָפּשטעלן. הר־ציון האָט מען שנעל מיט אַ מיליטערישן אַמבולאַנס אָפּגעפירט אין שפּיטאָל אין באר־שבע. דיין איז געבליבן ביי דער גרענעץ נאָך אַ פּאָר מינוט. ער האָט נישט געקענט באַהערשן זיינע געפילן, זיך אַריינגעזעצט אין זיין אויטאָ און נאָכ־געיאָגט דעם אַמבולאַנס. ער האָט געוואַרט ביז מען האָט אַרויסגעפירט הר־ציון פון אָפּעראַציע־צימער, געשטאַנען אַ לענגערע צייט ביי זיין בעט ביז ער האָט געעפנט די אויגן, געגעבן אַ שמייכל און ווידער זיי פאַרמאַכט. דאָס אַלץ. שווער צו זאָגן צי ער האָט געזען און דערקענט דיינען. אָבער מען האָט באַדאַרפט זען דיינס פּנים — אַזאַ אויסדרוק האָב איך אין מיין לעבן נישט געזען. ער איז געשטאַנען ביים בעט אַ דערשיטערטער און מען האָט געקענט פילן זיין טיפן ווייטיק. אַזוי איז ער געשטאַנען ביים בעט פון אַ מענטש, וועלכער איז נישט געווען ביים באַוווּסטזיין. ער האָט נישט דער־מוטיקט דעם פאַרוווּנדעטן, ווייל עס איז נישט געווען וועמען צו דערמוטיקן. ער איז דאָרט געשטאַנען נאָר צוליב זיינע אייגענע געפילן".

מאיר הר־ציון האָט פאַרווירקלעכט מיט זיין קערפּער, און אָפּט אייבער אַליין, די מיליטערישע תורה פון משה דיין. פּאַקטיש איז ער געווען, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, די פאַרקערפּערונג פון זיין תורה. פון אים האָבן געשעפּט דערמוטיקונג און גענומען אַ מוסטער די חיילים פון 101 און נאָך זיי די פּאַראַ־שוטיסטן־איינהייט און גאַנץ צה"ל.

איר ערשטן קאַמפס־גייסט האָט די איינהייט 101 באַוויזן אין דער רע־

וואַנזש־אַקציע אין ירדנישן דאָרף קיביא. פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט איז קיביאַ געווען דער פּולער קעגנזאַץ צו פּאַלמאַ, און אויב פּאַלמאַ האָט סימ־באַליזירט די ירידה, איז קיביא געווען דער אָנהויב פון דער עליה. קיביא איז אויך געווען אַ ווענד־פּונקט פון אַנדערע שטאַנדפּונקטן.

אויף דער נאַכט פון 12־טן אויפן 13־טן אָקטאָבער 1953 האָבן אַריינ־דרינגלער פון ירדן אַריינגעוואָרפן אַ גראַנאַט אין אַ הויז אין כפר יהוד, וואָס איז געווען טיילווייז באַלויכטן מיט אַ נאַפט־לעמפּל. פון דעם אויפרייס זענען אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן די מוטער און אירע צוויי קינדער. ביז דעם טאָג האָבן די אַריינדרינגלער פון ירדן דערהרגעט 124 ישראל־בירגער. אָבער דער דרייפאַכיקער מאָרד אין כפר יהוד האָט אויפגעשטורעמט די עפנטלעכע מיינונג אין לאַנד. אויך אויף דער צווייטער זייט גרענעץ האָט דאָס פאַרברעכן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. דער קאָמאַנדיר פון אַראַבישן לעגיאָן איז גע־קומען, כדי פערזענלעך אָנצופירן מיט דער פאָרשונג פון די שפורן, וואָס האָבן געפירט פון כפר יהוד קיין ירדן און ער האָט אפילו איבערגעוויזן אַ בקשה צו דער ישראל־רעגירונג נישט אונטערצונעמען קיין רעוואַנזש־שריט, ווייל די ירדנישע רעגירונג האָט בדעה אַליין צו באַשטראָפן די שולדיקע. די דאָזיקע ווענדונג איז אָנגעקומען צו שפּעט צום שעף פון גענעראַל־שטאַב און צום זיכערהייטס־מיניסטער, ווייל זיי זענען נישט געווען אין זייערע ביוראָען.

אין דער זעלבער צייט זענען פאָרגעקומען גרויסע מאַנעוורעס אין צפון פון לאַנד, צו וועלכע עס זענען געקומען בן־גוריון, וועלכער איז נאָך געווען אויף אורלויב און האָט געוווינט אין אַ האָטעל אין טבריה, — זיין פאַרטרע־טער פּנחס לבון, דער שעף פון גענעראַל־שטאַב מקלף און דיין. מקלף גע־דענקט, אַז ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דעם מאָרד האָבן די 4 אָפּגעהאַלטן אַ דרינגענדיקע באַראַטונג דעם 13־טן אָקטאָבער איבערפרי, נעבן אַ דזשיפּ אין דער געגנט פון לוביא. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען דאַרף שאַרף ענטפערן. היות צה״ל האָט געוווּסט, אַז דאָס דאָרף קיביא, וואָס ליגט אויף דער צווייטער זייט גרענעץ קעגנאיבער כפר יהוד, איז אַ באַזע און אַ מקום מקלט פאַר די טעראָריסטן, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז צה״ל וועט אָנ־גרייפן און צעשטערן ביי 50 הייזער. עס זעט אויס, אַז ביים דזשיפּ איז גע־רעדט געוואָרן וועגן דעם, אַז מען דאַרף פאַראָרדענען די צה״ל־כוחות זיך נישט אָפּצוהאַלטן, אויב ביים דורכפירן די אַקציע וועלן דערהרגעט ווערן ציווילע פערזאָנען. מיט יאָרן שפּעטער, בעת אַ וואַל־פאַרזאַמלונג אין צהלה, דעם 31־טן יולי 1965, האָט בן־גוריון באַשולדיקט פּנחס לבונען אין דעם וואָס ער האָט פאַראָרדנט די צה״ל־כוחות אָנצוגרייפן די ציווילע באַפעלקערונג אין קיביא. זיין חלק אין דער באַראַטונג ביים דזשיפּ האָט בן־גוריון געשילדערט ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט פון דער זייט, און נישט מער. אָבער אויך פּנחס לבון האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די אחריות פאַר דער אַקציע אין קיביא. אין אַן עפנטלעכן רעפעראַט אין יאַנואַר 1962 האָט ער געזאָגט: "וועגן דער

רעוואַנזש־אַקציע אין קיביא האָב איך קיינמאָל — נישט אַלס פּאַרטרעטער פון זיכערהייטס־מיניסטער און נישט אַלס דער זיכערהייטס־מיניסטער גופא — נישט געגעבן קיין באַשטעטיקונג פאַר אַ רעוואַנזש־אַקציע אין אַזאַ פאַרנעם און פאַר אַזעלכע אויספיר־וועגן".

דער חשד, אַז לבון האָט געגעבן אַ בפירושדיקע אָנווייזונג צו הרגענען ציווילע פערזאָנען אין קיביאַ, איז געשטיצט צוליב צוויי אינצידענטן, איינער פאַר דער אַקציע און דער צווייטער נאָך איר. אין דער רעגירונג איז געווען אַ כלל, אַז וועגן יעדער רעוואַנזש־אַקציע דאַרפן באַשליסן דער פרעמיער, דער זיכערהייטס־מיניסטער און אויסערן־מיניסטער. היות בן־גוריון איז גע־ווען אויף אורלויב, האָט דער באַשלוס געזאָלט אָנגענומען ווערן דורך משה שרתן, וועלכער איז געווען אויסערן־מיניסטער און פאַרטרעטער פון פרעמיער און פנחס לבון, דער פאַרטרעטער פון זיכערהייטס־מיניסטער. אָבער לבון — צי צוליב זיין גרינגשעצנדיקער באַציאונג צו שרתן, צי צוליב בן־גוריונס אָנוועזנהייט אויף דער באַראַטונג ביים דזשיפ — האָט זיך נישט באַראַטן און נישט געפרעגט שרתן. נאָך דער אַקציע אין קיביאַ, וואָס האָט אויפגעשטורעמט די עפנטלעכע מיינונג אין ישראל און אויף דער וועלט, האָט שרת געפאָדערט אַ דין־וחשבון פון לבונען. און היות ער האָט זיך נישט אינגאַנצן געשטיצט אויף זיין יושר, האָט ער פון אים געפאָדערט דעם שריפטלעכן טעקסט פון דעם באַפעל. פון דעם טעקסט האָט לבון פאַראַרדנט אויסצומעקן איין שורה פון דער קאָפּיע, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן שרתן.

עס איז פאַראַן אַ גרונט פאַר דער סברה, אַז אויף דער באַראַטונג ביים דזשיפ איז גערעדט געוואָרן וועגן 10—12 ירדנישע קרבנות צווישן מיליטער און דער ציווילער באַפעלקערונג.

אין איינקלאַנג מיט די אָנווייזונגען האָט דיין אַרויסגעגעבן באַפעלן וועגן אָנגרייפן דריי ירדנישע דערפער — שוקבא, ניהילין און קיביא. די ערשטע צוויי האָט מען געדאַרפט בלאָקירן און אָפּווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט, און אין קיביא האָט מען באַדאַרפט אויפרייסן אַ גרויסע צאָל הייזער. פון גענעראַל־שטאַב האָט דעם באַפעל געשיקט מאיר עמית צו דער צענטראַלער קאָמאַנדע. צווערשט איז גערעדט געוואָרן וועגן דעם, אַז בראש פון דער אַקציע און פון אַלע איינהייטן, וואָס וועלן זיך אין איר באַטייליקן, זאָל שטיין דער פאַרטרעטער פון קאָמאַנדיר פון פאַראַשוטיסטן־פּולק 890 (דער קאָמאַנ־דיר פון פּולק, סגן־אלוף יהודה הררי האָט געווײלט אין אויסלאַנד). די פאַ־ראַשוטיסטן האָבן געדאַרפט אויספירן די הויפּט־אויפגאַבע אין קיביאַ, דאַקעגן אויף דער איינהייט 101 האָט מען אַרויפגעלייגט די פונקציע פון בלאָקירן און אַריינדרינגען אין די דערפער ניהילין און שוקבא. אָבער אין גאַנג פון דער זיצונג האָט דער פאַרטרעטער פון קאָמאַנדיר אויסגעדריקט דעם ספק צי דער פאַראַשוטיסטן־באַטאַליאָן וועט קענען אויספירן די אויף אים אַרויפ־געלייגטע שליחות, ווייל ער איז נאָך נישט ווי געהעריק צו דעם צוגעגרייט.

שרון, וועלכער איז ביי דער באַראַטונג געווען דער נידעריקסטער אין ראַנג, האָט זיך אַריינגעמישט און געזאָגט, אַז ער איז גרייט צו נעמען דעם „נישט אויסגעשליפענעם באַטאַליאָן" און אַרויסגיין מיט אים אין קאַמף. אַזוי האָבן זיך איבערגעדרייט די יוצרות און שרון איז געוואָרן דער קאָמאַנדיר פון דער אַקציע. דער באַטאַליאָן פון די פּאַראַשוטיסטן און די אײַנהייט 101 זענען געשטעלט געוואָרן אונטער זיין קאָמאַנדע. דער באַפעל, וועלכן שרון האָט באַקומען, האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף אויפרייסן וואָס מער הייזער אין קיביא. מען האָט גערעדט וועגן 50. לויט דיינס מיינונג איז דאָס געווען אַ צו־גרויסע צאָל. דיין האָט מורא געהאַט, אַז עס וועלן זיין צופיל קרבנות צווישן אונדזערע חיילים און ער האָט גערופן שרונען זיך נישט פאַרעקשנען. „אויב דו ווערסט זען, אַז עס גייט זייער שווער, זאָלסטו זיך באַגנוגענען מיט אַ פּאָר הייזער און צוריקקומען". דערציילט שרון: „איך האָב געהערט וואָס ער האָט געזאָגט, און איך האָב באַשלאָסן צו טאָן אַלץ".

נאָך דעם איז דיין אָפּגעפאָרן אין גליל צו באַטייליקן זיך אין די מאַנעוו־רעס, און שרון איז אַוועק צו זיינע אײַנהייטן, כדי זיי צוצוגרייטן צו דער אַקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער זעלבער נאַכט פון 14־טן אָקטאָבער.

די באַטייליקטע אין דער קיביא־אַקציע האָבן שפּעטער איבערגעגעבן, אַז שרון האָט אין האַרצן געוווּסט, אַז די הצלחה פון דער אַקציע וועט האָבן אַ השפּעה אויף זיין צוקונפט און זיין אײַנהייט, און ער האָט ביי זיך באַשלאָסן נישט דורכצופאַלן. פאַרן אַרויסגיין צו דער אַקציע, האָט ער באַזוכט זיינע אײַנהייטן און געזאָגט צו די מענטשן, „מען גייט נישט צוריק, אויב מען פירט נישט אויס די אויפגאַבע". אַ נוסח, וואָס איז געווען אַן איבערחזרונג פון דיינס רייד אויפן אָפיצירן־צוזאַמענפאָר. פאַר שרונען איז געווען קלאָר, אַז ער וועט נישט עובר זיין אויף די באַפעלן, וואָס זענען אים געגעבן געוואָרן, אויב אין גאַנג פון דער שלאַכט און ביים אויספירן די אויפגאַבע וועלן דער־הרגעט ווערן 10—12 ירדנער.

איינע פון שרונס פאַראָרדענונגען איז געווען נישט צו עפענען קיין פייער ביזן דעצידירנדיקן מאָמענט. און אַזוי איז טאַקע געווען. די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן ביינאַכט. די פּאַראַשוטיסטן און די מענטשן פון 101, וועלכע די זעלנער פון דער ירדנישער נאַציאָנאַלער וואַך האָבן באַמערקט — ביי קיביא איז געווען אַ ירדנישע פּאָזיציע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען 30 זעל־נער — האָבן נישט געענטפערט אויפן פייער, וואָס האָט זיך אויף זיי אַ שיט געטאָן. דאָס וואָס די צה"ל־זעלנער האָבן נישט געענטפערט, האָט איבער־געשראָקן די ירדנער. זיי האָבן זיך פאַרלוירן און אָנגעהויבן צו אַנטלויפן אין די פעלדער. ווען די חיילים האָבן אָנגעהויבן שיסן, איז גלייך געפאַלן דער ירדנישער קאָמאַנדיר און זיין פאַרטרעטער. דאָס האָט נאָך מער פאַר־גרעסערט די בהלה און דאָס אַנטלויפן פון די ירדנישע זעלנער. אָבער דער צה"ל־כוח האָט פאַרלוירן דעם איבעראַשונגס־מאָמענט און ער האָט זיך גע־

פונען אונטערן דרוק פון צייט, ביזן אָנקומען פון ירדנישע פאַרשטאַרקונגען. דער צה״ל־כוח האָט דעריבער געמוזט גיך פאַרענדיקן זיין אַרבעט — דאָס אויפרייסן די הייזער.

103 חיילים האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַקציע און 80 פון זיי זענען אַריין קיין קיביא. עס האָט אויסגעזען, אַז די מערהייט איינוווינער פון דאָרף זענען אַנטלאָפן. אין קאַפּע־הויז אין צענטער פון דאָרף האָט געשפּילט דער ראַדיאָ, וועלכן די אַנטלאָפענע האָבן פאַרגעסן צו פאַרמאַכן. די קאָמאַנדירן פון די איינהייטן האָבן אָנגעצייכנט 45 הייזער אויפצורייסן. די חיילים זענען געווען שווער באַלאָדן מיט 700 קילאָ דינאַמיט. שרון און אַנדערע קאָמאַנדירן, און אויך חיילים, זענען געווען איבערצייגט, אַז אין די הייזער איז נישט געבליבן קיין לעבעדיק נפש. די הייזער זענען אויפגעריסן געוואָרן איינס נאָכן צווייטן. 3.30 פאַרטאָג אויפן 15־טן אָקטאָבער, פיר און אַ האַלבע שעה נאָך דעם ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זיך פאַרענדיקט די רעוואַנזש־אַקציע. צוריקקומענדיק האָט שרון באַריכטעט, אַז צווישן זיינע כוחות זענען נישט געווען קיין קרבנות און די ירדנער האָבן פאַרלוירן 10—12 זעלנער. אָבער קיינער פון די באַטייליקטע אין דער אַקציע האָט נישט געוווסט וואָס עס האָט אין דער ווירקלעכקייט פּאַסירט. ווען די חיילים זענען צוריקגעקומען קיין ישראל, האָט שרון באַקומען אַ צעטל פון דיינען, אין וועלכן ער האָט געשריבן: „נישטאָ אייערס גלייכן״.

אָבער אין פאַרלויף פון טאָג האָט זיך אויפגעקלערט דער שוידערלעכער אמת. 69 ירדנער — די העלפט פון זיי פרויען און קינדער — זענען אומגע־קומען אין קיביא, מערסטנטייל אונטער די חורבות פון די הייזער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מורא האָבנדיק פאַר די צה״ל־זעלנער, האָבן זיך די דאָרפס־איינוווינער פאַרשטעקט אין פאַרשידענע באַהעלטענישן און אַזוי האָבן די חיילים, וועלכע האָבן אונטערגעלייגט דעם אויפרייס־ מאַטעריאַל, זיי נישט באַמערקט. די ישראל־רעגירונג און די עפנטלעכע מיינונג אין ישראל, ירדן און אויף דער וועלט, זענען געווען דערשיטערט. אַ פּאָר יאָר שפּע־טער האָט בן־גוריונען אַנטפּלעקט וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דער רעגי־רונגס־זיצונג, אויף וועלכער עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די קיביא־אַקציע. „משה שפּירא (דער אינערן־מיניסטער) האָט זיך געוואָנדן צום אויסערן־מיניסטער און געזאָגט: „איך פרעג דעם אויסערן־מיניסטער, צי ער האָט לפּחות געוווסט וועגן דעם, אָדער צי דאָס איז אים נישט געווען באַקאַנט?״. שרת (וועלכער איז אויך געווען פאַרטרעטער פון פּרעמיער) האָט געענטפערט: „דינסטיק (דעם 13־טן אָקטאָבער) איז מיר באַוווסט געוואָרן וועגן דער־הרגענען די מוטער און אירע צוויי קינדער און וועגן דער רעוואַנזש־אַקציע. איך האָב נישט געזען קיין סיבה דאָס מאָל זיך קעגנצושטעלן, ווען איך האָב געהערט, אַז עס וועט זיין אַ רעוואַנזש־אַקציע — אָבער צומאָרגנס האָב איך זיך געוואָנדן צום זיכערהייטס־מיניסטער (פּנחס לבון) און איך האָב זיך

אַרויסגעזאָגט קעגן. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט באַטראַכטן דעם ענין. פּנחס לבון האָט געזאָגט: „עס איז פאַראַן אַ באַשלוס וועגן איבערגעבן דעם זיכערהייטס־מיניסטער די קאָמפּעטענץ צו באַשליסן וועגן רעאַקציע־שריט. צי עס האָבן דאָס געוווּסט אַנדערע, אָדער נישט, וועל איך נישט זאָגן, ווייל איך שטיי אויף דער באַזע פון דער פולמאַכט, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן דורכן באַשלוס פון דער רעגירונג".

אויף דער זיצונג האָט בן־גוריון געזאָגט: „איך בין געווען אויף אורלויב און קיינער איז נישט מחויב מיך צו פרעגן צי מען זאָל מאַכן אַ רעוואַנזש־אַקציע, אָדער נישט. ווען מען וואָלט מיך געפרעגט — וואָלט איך געזאָגט, אַז מען זאָל מאַכן". ווי עס זאָל נישט זיין, האָט דער זכרון אַריינגעפירט בן־גוריונען אין אַ טעות, ווען ער האָט געשריבן אין „דברים כהויתם" (געשעע־נישן ווי זיי זענען געווען), אַז „וואָס מיר איז געווען באַוווּסט וועגן דער טאַט און דאָס וואָס איך האָב געהערט פון פאַרטרעטער פון זיכערהייטס־מיניס־טער איז דאָס, אַז די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די איינוווינער פון די גרענעץ־ישובים".

מקלף געדענקט, אַז ווען די פּרטים פון דער שווידערלעכער אַקציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין קיביא, זענען באַקאַנט געוואָרן דעם 15־טן אָקטאָבער, איז בן־גוריון ווידער געווען אויף די מאַנעווורעס — אַ פאַקט, וועלכן בן־גוריון אליין באַשטעטיקט אין זיינע שריפטן — און ער האָט פאָרגעלייגט צו מעלדן דעם ציבור אין ישראל און אויף דער וועלט, אַז די אַקציע איז געווען אַ נקמה־אַקט מצד די איינוווינער פון די גרענעץ־ישובים, וועלכע האָבן געליטן פון די אַריינדרינגלער. בן־גוריון האָט געהאַלטן, אַז דער מדינה וועט מען מוחל זיין דעם שקר און דאָס האָט אויך אָנגענומען משה שרת, וועלכער האָט אויסגעבעסערט דעם טעקסט פון בן־גוריונס רעדע צום פאָלק.

דעם 19־טן אָקטאָבער האָט בן־גוריון גערעדט צום פאָלק, שוין ווידער אַלס פּרעמיער און זיכערהייטס־מיניסטער, אָנהייבנדיק פון 18־טן אָקטאָבער. ער האָט געזאָגט: „מיר האָבן דורכגעפירט אַ גענויע קאָנטראָל און עס איז אונדז פולשטענדיק קלאָר געוואָרן, אַז קיין שום מיליטערישע איינהייט, אפילו נישט די קלענסטע, האָט נישט געפעלט פון קיין מיליטערישן לאַגער אין דער נאַכט פון דעם אָנגריף אויף קיביא". די טראַגישע רעוואַנזש־אַקציע האָט ער צוגעשריבן „די איינוווינער פון די גרענעץ־ישובים, מערסטנטייל פליטים פון די אַראַבישע לענדער, אָדער שארית הפליטה פון די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וועלכע זענען במשך פון לאַנגע יאָרן געווען אַ ציל פאַר מערדערישע אָנפאַלן ביי אַ גרויסער צוריקגעהאַלטנקייט פון זייער זייט".

ערשט דערנאָך און צוליב קיביא, האָט מען אין צה"ל אַרויסגעגעבן אַ סטאַבילן באַפעל פריער געני פעסטצושטעלן, צי אין די הייזער, וואָס זענען באַשטימט אויפצוריסן צו ווערן, זענען נישט געבליבן קיין איינוווינער. דיין, צווערשט אַלס שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג און שפּעטער אַלס שעף

פון גענעראַל־שטאַב, האָט אַרויסגעגעבן קלאָרע אָנווייזונגען, אַז חיילים דאַרפן אַריינגיין אין די הייזער און זיך איבערצייגן, צי עס זענען נישטאָ קיין מענטשן, אַפילו ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר פאַר די זעלנער גופא. נאָך מער. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג נישט צו פאַרלעצן קיין ציווילע פערזאָנען. אין אָפּעראַטיווע באַפעלן פון גענעראַל־שטאַב איז פאַרבאָטן געוואָרן צו באַנוצן זיך מיט אַרטילעריע און אין געוויסע פאַלן אַפילו מיט האַנט־גראַנאַטן, כדי נישט צו טרעפן ציווילע פערזאָנען. בעת זיין קאַדענץ וועלן מער נישט זיין קיין אַקציעס קעגן דערפער און זייערע איינוווינער, און די קלעפּ פון צה״ל וועלן געווענדעט ווערן נאָר קעגן מיליטערישע איינהייטן און איינריכטונגען. פאַר צה״ל איז דאָס געווען די ערשטע און לעצטע קיביא.

דיין איז געווען איינער פון די ווייניקע, אָדער דער איינציקער פון צווישן דער אָנפירערשאַפט, וואָס איז נישט באַהערשט געוואָרן דורך קיין בושה־געפילן צוליב די נישט דערוואַרטע רעזולטאַטן אין קיביא. ער האָט באַדויערט ווי אַנדערע דעם טויט פון אומשולדיקע און שוצלאָזע, אָבער ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז דער וועג פון דער מלחמה. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אין קיביא זענען געפאַלן אַ סך קרבנות נאָר דערפאַר, ווייל די חיילים האָבן געגלויבט, אַז זיי רייסן־אויף ליידיקע הייזער.

דעם 19־טן אָקטאָבער איז ער אָפּגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, כדי זיך אָנצושליסן אין דער ישראל־דעלעגאַציע אין דער אונ״אָ און זיך באַראַטן אין שייכות מיט דער ירדנישער אָנקלאַגע אין זיכערהייטס־ראַט. צוליב קיביא איז ישראל איינשטימיק געטאַדלט געוואָרן. אָבער די שטעלונג פון דער עפנטלעכער מיינונג אויף דער וועלט האָט נישט אָפּגעשוואַכט דיינס גלויבן אין דער ריכטיקייט פון די רעוואַנזש־אַקציעס און ער האָט זיך אויך נישט אָפּגעגרענעצט פון דער קיביא־אַקציע. אַ פּאָר וואָכן נאָך זיין צוריקקער פון לייק סאַקסעס, אין זיין ערשטער רעדע אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב דעם 8־טן דעצעמבער, האָט ער געזאָגט צו די אַבסאָלווענטן פון אַן אָפיצירן־קורס: „איר וועט טרעפן קעגן זיך די אַראַבער פון אַראַבישן ארץ ישראל, ביי וועלכע עס איז אין האַרצן איינגעקריצט דער זכר פון דער מפּלה אין דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה און האָפענונגען אויף אַ צווייטער רונדע. די ירדנישע רעגירונג העלפט זיי זיך אָרגאַניזירן און פאַרוואַנדלען זייערע דערפער אין שטאַרקע באַזעס קעגן ישראל. ווען מען וועט וועלן (די עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט) טאַדלען די קיביא־אַקציע און מדינת ישראל, וועלן זיך געפינען פיל פאַקטאָרן דאָס צו טאָן, אָבער ווען מען וועט דאַרפן פאַרזיכערן די הויפּט־שטאָט פון ישראל און די כנסת, וואָס געפינט זיך אַ פּאָר הונדערט מעטער פון דער גרענעץ — וועט איר זיין די איינציקע, וועלכע טראָגן די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט”.

פאַר דיינען איז די אַקציע אין קיביא געווען אַ געלונגענע פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט. פאַקטיש די ערשטע געלונגענע אַקציע זינט דער ערשטער אַקציע אין תל־מוטילא אין מאַי 1951, אין וועלכער די אויפגאַבע איז דערפילט

געוואָרן. דער דאָזיקער פֿאַקט האָט אָן ספק געענדערט דיינס שטעלונג בנוגע דער איינהייט 101. דאָס איז איינע פֿון די היפּט־באַווייזן פֿון זיין פֿעאיקייט צו ענדערן זיין מיינונג אין איינקלאַנג מיט די נייע אומשטענדן און געדאַנקען, אָן אייגנשאַפֿט, וואָס דיין האָט געהאַלטן, אַז זי איז איינע פֿון די וויכטיקסטע און פּאָזיטיוויסטע. ער האָט זיך נישט געהאַלטן ביי דער גאווה און עגאָאיזם פֿון די, וועלכע האָבן געזאָגט: „איך האָב געזאָגט און דאָס איז עס". אויב ביז איצט האָט ער זיך אַנטקעגנגעשטעלט, אַז עס זאָל זיין אַן „אויסוואַל־רעפּרע־זענטאַנץ" און ער האָט געשטרעבט צו דעם, אַז גאַנץ צה"ל זאָל ווערן אַ קוואַ־ליטאַטיווער כוח, איז ביי אים איצט געבוירן געוואָרן דער געדאַנק אויסצונוצן די איינהייט 101, כדי צו שטאַרקן דעם קאַמפּס־גייסט אין אַלע טיילן פֿון צה"ל. דער ערשטער שריט איז געווען די פֿאַראייניקונג פֿון דער אָפּטיילונג 101 מיטן פּולק פֿון די פּאַראַשוטיסטן, וואָס וועט זיך איצט רופֿן 890, אָדער בלויז „צנחנים" — פּאַראַשוטיסטן.

אין 1948 האָט מען דיינען אָנגעהויבן רופֿן אויף יידיש „דער אַראַבער". מען קאָן זיך משער זיין, אַז דאָס איז געקומען צוליב צוויי סיבות. ערשטנס, איז ער אין דער „הגנה" געווען דער אָפּיציר פֿאַר אַראַבישע ענינים. אַ פֿונקציע, וועלכע מען באַצייכנט אין יידיש — „אַראַבישע געשעפֿטן". צווייטנס, זייענ־דיק אַריינגעטון אין אַראַבישע פּראָבלעמען, האָט זיך אים עפּעס צוגעקלעפּט פֿון אַראַבישן כאַראַקטער, אָדער לפּחות פֿון אַראַבישע האַנדלונגען, וועלכע מען האָט באַצייכנט אין יידיש — „אַראַבישע שטיק". די דאָזיקע באַצייכענונגען האָבן זיך צו אים אַזוי „צוגעקלעפּט", אַז זיין שוואָגער עזר וויצמאַן האָט זיך געוויצלט אויף זיין חשבון און געזאָגט: „דיין האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער דיסקוסיע אין דער כנסת וועגן דעם פּראָבלעם פֿון „ווער איז אַ ייד", ווייל ער איז אַן אַראַבער".

די באַצייכענונג „אַראַבער" האָט בדרך כלל כאַראַקטעריזירט אַ מענטש, וועלכער רעדט אַנדערש און דענקט אַנדערש. און עס זעט אויס, אַז דער אופֿן ווי אַזוי ער האָט דערפֿירט צו דער פֿאַראייניקונג צווישן 101 און די פּאַראַשו־טיסטן, האָט קלאָר געמאַכט פֿאַר די פֿאַראינטערעסירטע הלמאי מען האָט דיינען געגעבן אַזעלכע צונעמען. די פֿאַראייניקונג איז פֿאָרגעקומען דעם 6־טן יאַנואַר 1954, אַ חודש נאָך דעם ווי דיין איז באַשטימט געוואָרן אַלס שעף פֿון גענעראַל־שטאַב. אָבער דעם באַשלוס וועגן דעם האָט ער ביי זיך אין האַרצן אָנגענומען במשך פֿון צען וואָכן, פֿון דער לעצטער וואָך פֿון אָקטאָבער 1953 ביזן סוף פֿון דער ערשטער וואָך פֿון יאַנואַר 1954. האָט יעדער איינער פֿון די צוויי קאַנדידאַטן צו זיין דער קאָמאַנדיר פֿון דער פֿאַראייניקטער איינהייט גע־טראַכט, אַז דיינס הבטחה איז געגעבן געוואָרן אים. אָדער פּינקטלעכער גע־זאָגט, יהודה הררי, דער קאָמאַנדיר פֿון פּאַראַשוטיסטן־פּולק, איז נישט געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געטראַכט, אַז ער וועט ווערן דער קאָמאַנדיר פֿון דער נייער אויסדערוויילטער איינהייט. קודם כל איז ער געווען אַ סגן־אלוף

(פּאָדפּולקאָווניק) און שרון בלויז אַ רב־סרן (מאַיאָר). צווייטנס איז ער געווען עלטער פון אים. און דריטנס, ער האָט געהאַט די אונטערשטיצונג פון דער אינסטרוקטאַזש־אָפּטיילונג, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען מאיר זורע. ער האָט געהאַלטן, אַז הררי איז אַן אויסגעצייכנטער פּאַראַשוטיסטן־קאָמאַנדיר און „מוטיק ווי נאָר אונגאָרן קענען זיין". זייענדיק איבערצייגט, אַז דאָס איז אויך די מיינונג פון משה דיין, האָט זורע געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צו דער פאַר־אייניקונג, נישט האָבנדיק אין האַרצן קיין שום ספק, אַז הררי וועט זיין דער קאָמאַנדיר פון דער נייער איינהייט.

אָבער שטרענג געהיים, אָן דעם וויסן פון שעף פון גענעראַל־שטאַב און אָן דעם וויסן פון זורע, האָט משה דיין געמאָלדן שרונען, אַז ער וועט זיין דער קאָמאַנדיר פון דער נייער איינהייט. זורע, וועלכער האָט געהאַנדלט לויט דער אָנגענומענער פּראָצעדור, האָט איינגעלאַדן צו זיך שרונען אין נאָוועמבער און אים געמאָלדן, אַז עס איז פאַראַן אַ פּלאַן צו פאַראייניקן ביידע איינהייטן און אַז הררי וועט זיין דער קאָמאַנדיר פון דער נייער איינהייט. שרונען האָט מען באַשטימט צו ווערן קאָמאַנדיר פון אַן אַנדער איינהייט. הררי האָט אַפילו איבערגעגעבן שרונען גענויע פּרטים וועגן דער נייער איינהייט, בראש פון וועלכער ער וועט שטיין. אין איינקלאַנג מיט דעם האָבן די חיילים פון 101 אָנ־געהויבן אין דעצעמבער דורכצומאַכן אַ פאַראַשוטיסטן־קורס.

ווען דיין האָט איינגעלאַדן הררין צו זיך אין ביוראָ, איז ער געווען איבער־צייגט, אַז מען האָט אים געהייסן קומען, כדי איבערצוגעמען די קאָמאַנדע איבער דער נייער איינהייט. צו זיין גרויסער איבעראַשונג האָט ער געהערט עפּעס אַנדערש. דיין האָט אים געמאָלדן, אַז דער רב־סרן אריאל שרון וועט באַשטימט ווערן אַלס קאָמאַנדיר פון דעם נייעם כוח, וואָס וועט הייסן איינהייט 202.

קוקנדיק צוריק אויף די געשעענישן, איז נישטאָ קיין ספק, אַז דער אויס־וואַל פון משה דיין איז געווען אַ באַרעכטיקטער. איבונגען, אָרדענונג און דיסציפּלין קענען צאָלרייכע קאָמאַנדירן געבן זייערע זעלנער. אָבער מיט מוט, אָריגינעלקייט און שווונג צייכענען זיך אויס ווייניקע. דעריבער איז געווען ריכטיק צו נאָמינירן שרונען אַלס דעם קאָמאַנדיר פון דער נייער איינהייט און פאַרוואַנדלען די 101 אין רוקנביין פון דעם כוח. מיטן מאָמענט, ווען עס איז אַנטשטאַנען די איינהייט 202, האָט דיין געגנבֿי געזען ווי אַזוי ער וועט אַריינגעבן אין צה"ל אַ נייעם קאַמפּס־גייסט.

באַלד ביים אָנהויב פון דער טעטיקייט פון דער איינהייט 202 האָבן זיך געשאַפן אַנדערע באַציאונגען, מער ריכטיקע, צווישן גענעראַל־שטאַב און דער אויספּיר־איינהייט. שרון האָט גאַנץ אַנדערש פאַרשטאַנען די באַפעלן, וואָס זענען אים געגעבן געוואָרן, און במילא האָט ער געשאַפן אַן אַנדערן נוסח פון באַפעלן פאַר זיינע זעלנער. הגם דיין אַלס שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג האָט געפאָדערט „דערפילן די מיסיע", אַפילו פאַרן פּרייז פון 50

פראַצענט קרבנות, איז נאָך דער אָנגענומענער באַפעל אין צה״ל געווען „אויב דו ווועסט קענען — וועסטו טון״. דיין האָט אַלזאָ געלייגט דעם שווערפונקט אויף דער מעגלעכקייט פון אויספירן דעם באַפעל. ער האָט געהאַלטן, אַז מען קאָן דערגרייכן מער, בעת אַנדערע האָבן געמיינט, אַז ווייניקער. דאָס הייסט, אַז דעם „אויב דו ווועסט קענען״, האָבן זיי אויסגעטייטשט מיט אַ פאַרלייכטערונג. דיין האָט געפאָדערט מער. דאַקעגן שרון האָט דעם מאַקסימום באַטראַכט אַלס מינימום. ער האָט שטענדיק געשטרעבט צו מער און די באַפעלן, וואָס ער האָט געגעבן די זעלנער, זענען געווען אין נוסח: „דאָס איז די אויפגאַבע, דערפיל זי״. מיר האָבן געזען, אַז פאַר דער אַקציע אין קיביא איז דיין געווען ווייכער און איז געווען גרייט צו פאַרלייכטערן די אויפגאַבע און דערלויבט שרונען, אויב ער וועט האָבן שוועריקייטן, זיך צו באַגנוגענען מיט אויפרייסן ווייניקער הייזער. דאַקעגן איז שרון געווען דער, וועלכער האָט באַשלאָסן „צו טאָן אַלץ״ און אויפרייסן אַלע 45 הייזער. לויט זיין מיינונג איז דער אייציקער וועג אַרויסצובאַקומען פון די קאָמאַנדירן דעם מאַקסימום, צו געבן זיי אַ באַפעל „טו!״ און נישט „אויב דו וועסט קענען — טו״.

עס איז אַ ספק, צי שרון וואָלט געקענט פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן צוגאַנג, ווען ער וואָלט נישט געהאַט אַזאַ קעמפער ווי מאיר הר־ציון. ער האָט באַוויזן, אַז עס זענען נישטאָ קיין גרענעצן פאַר מוטיקע טאָטן און ווי ווייט גרעסער עס איז טעטיקייטס־פעאיקייט פון אַ זעלנער, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט אַ קאַמפס־גייסט. אַזאַ באַווייז האָט ער געגעבן אין יאַנואַר 1954, ווען אַלס תשובה אויפן דערהרגענען חיילים ביי בית גוברין, איז ער מיט נאָך דריי זעלנער אריינגעדרונגען אין דער פאָרשטאָט פון חברון, דערהרגעט פיר אַראַבער און איז צוריקגעקומען בשלום קיין ישראל. אין דער נאַכט האָבן זיי דורכגעמאכט אַ וועג פון 42 ק״מ הין און צוריק, אינגאַנצן אויפן פיינטלעכן שטח. זיי האָבן געדאַרפט דורכמאַכן דעם וועג דורך פעלדזן און בערג אין אַ זייער שווערן וועטער. פון שטורמישן רעגן און האָגל זענען זיי דורכגענעצט געוואָרן ביז די ביינער. די אברים זענען ממש פאַרפרוירן געוואָרן פון שטאַרקן מדבר־ווינט. ווען זיי זענען אָנגעקומען צום שפיץ באַרג, איז ער געווען באַדעקט מיט שניי. דערנענטערנדיק זיך צו חברון, האָט איינער פון דער גרופע אָנגעהויבן אים צורעדן זיי זאָלן צוריקגיין צוליב דער שפעטער שעה, און ער האָט פאַרגעלייגט דורכצופירן די רעוואַנזש־אַקציע נענטער ביי דער גרענעץ. הר־ציון האָט געשריבן אין זיין טאָגבוך: „איך שווייג. איך בין מיד ווי דער פאָרשלאַג־געבער. יעדער אבר אין מיר שרייט־איבערייסן, צוריקגיין, איך ווייס, אַז איך קען מער נישט ממשיך זיין, עס איז מיר קלאָר, אַז איך וועל נישט קענען דערפילן די אויפגאַבע. דער גאַנצער ענין איז פלוצים געוואָרן נישט וויכטיק און באַדייטונגסלאָז, פאַרוואָס דווקא חברון? וואָס פאַראַ זין האָט צו שיקן פיר מענטשן אין אַזעלכע ערטער. — איך האָב איצט נישט מורא. איך בין צו אַלץ גלייכגילטיק — צום סקריפענדיקן שניי, צו די לויערנדיקע געפארן — און ווידער

עקשנות אַן לאָגיק. מיר פירן אויס טראָץ אַלע לאָקונגען. געפילן און קריזיסן. — מיר גייען פאָרויס". 4.30 פאַרטאָג זענען די פיר צוריקגעקומען און געמאָלדן, אַז זיי האָבן אויסגעפירט די אויפגאַבע.

שרון האָט אויף אַ נאַטירלעכן אופן געטענהט, אַז די אויפגאַבע איז וויכטיקער פאַר די קרבנות און שטייט העכער פון אַלץ; הר־ציונען האָט מען נישט געדאַרפט זאָגן ווו עס איז זיין אָרט בעתן קאַמף. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז געגאַנגען פאָרויס צום ציל מיט עקשנות. פאַר די פּאַראַשוטיסטן פון 202 איז דאָס דערפילן די אויפגאַבע און דער רוף פון קאָמאַנדיר „נאָך מיר!" געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט זענען די פּאַראַשוטיסטן — די רויטע בערעטן געוואָרן די עליטע אין צה"ל. זיי זענען געוואָרן דער מוסטער, צו וועלכן אַנדערע האָבן זיך געוואָלט פאַרגלייכן. און דאָס פּאַראַשוטירן איז געוואָרן אַן אויסדרוק פון אַ ספּעציעלן שטאַנד. אָבער ערשט נאָכן באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער געזעלשאַפט פון יצחק רבין, האָט דיין באַשלאָסן צו גיין אויף די וועגן פון געוויסע אַמעריקאַנער איינהייטן און איינפירן פּאַראַשוטן־קורסן פאַר אַלע צה"ל־אָפיצירן. דער זיכערהייטס־מיניסטער פּנחס לבון האָט זיך אַביסל דערשראָקן פאַר דעם פּלאַן, מורא האָבנדיק, אַז עס וועלן זיין קרבנות און אינוואַלידן. ער האָט זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט, אַז דיין אַליין זאָל דורכמאַכן אַזאַ קורס און עס האָבן נישט געהאָלפן דיינס אַרגומענטן, אַז אַ פּאַראַשוטן־קורס „איז אייגנטלעך גאָרנישט". לבון האָט מורא געהאַט, אַז דיין וועט פאַרוואונדעט ווערן און האָט אים אפילו שריפטלעך אויפמערקזאם געמאַכט, דורך זיין סעקרעטאַר, אַז „דו אַליין קענסט אפשר נישט אָפּשאַצן דיין חשיבות". דיין האָט צוריקגעשיקט דאָס צעטל צו לבונען און צוגעשריבן מיט זיין האַנטשריפט: „מיין חשיבות איז אַזוי לאַנג כל זמן איך בין איך און נישט קיין מאַריאָנעטקע, וואָס מען ציט ביי אַ שטריקל". דיין האָט מיט הצלחה פאַרענדיקט דעם פּאַראַשוטיסטן־קורס און שרון האָט אים דעקאָרירט מיט די פּאַראַשוטיסטן־פליגל.

במשך פון צוויי יאָר, ביז דעצעמבער 1955 לייגט דיין אַרויף די גאַנצע קאַמפּס־טעטיקייט פון צה"ל אויף דער איינהייט 202. אַזוי איז די פּאַראַשוטיסטן־איינהייט געוואָרן אַ „פלאַנצן־שולע" פאַר גיבורים, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט בן־גוריון, און עס וואַקסן אין איר קעמפער, וועלכע דיין אַלס דער זיכערהייטס־מיניסטער וועט זיי באַצייכענען אַלס חיילים דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון מכבייער. ער דערמעגלעכט זיי צו זיין טעטיק, דערטיילט זיי שטיצע און דערמוטיקט זיי מיט אויסדרוקן פון מענטשלעכער סימפּאַטיע. וואַרט זיי אָפּ אויף דער גרענעץ, ווען זיי קומען צוריק פון אַן אַקציע, באַגריסט זיי און אין זיין אויטאָ ברענגט ער זיי ווייטער־טריבן, אַרבוזן און זיסוואַרג; גיט זיי אויסצייכענונגען און רופט זיי ביי זייערע נעמען. דורך דעם איז ער אויסן צו דערוועקן די קנאה פון די קאָמאַנדירן און זעל־

נער פון אַנדערע אייגנהייטן. און ער איז אין דעם מצליח. חיים בר־לב, דער דעמאָלטיקער קאָמאַנדיר פון דער „גבעתי״־בריגאַדע באַשטעטיקט, אַז דיין האָט באַוויזן צו דערוועקן זיין קנאה: „איך האָב זיך געבונטעוועט, וואָס אַלע צוקערקעס גייען פאַר די פּאַראַשוטיסטן״. „ווען זיי זענען געגאַנגען אויף אַן אַקציע קיין עזה, זענען מיר געקומען פאַרנעמען פּאָזיציעס לענגאויס דעם עזה־פּאַס. אָבער אויספירן אַקציעס אויף דער צווייטער זייט גרענעץ האָט מען אונדז נישט געלאָזט. כמעט צוויי יאָר בין איך געווען קאָמאַנדיר פון „גבעתי״ און סך הכל האָט מען אונדז דערלויבט דורכצופירן אַ פּאָר פּאַטראָל־אינספּעקציעס און דאָס איז אַלץ״. קאָמאַנדירן פון אַנדערע אייגנהייטן האָבן אויך געפילט דאָס זעלבע.

די קנאה צו די פּאַראַשוטיסטן האָט געשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען אָנצו־שטעקן אַנדערע צה״ל־אייגנהייטן מיט זייער קאַמפּס־גייסט. דאָס איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם, וואָס צו די אַקציעס פון די פּאַראַשוטיסטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָבסערוואַטאָרן פון גענעראַל־שטאַב, קאָמאַנדירן פון אַנדערע אייגנהייטן און אָפיצירן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע אייגנהייטן און איבערגעגעבן וואָס זיי האָבן געלערנט. דערנאָך זענען די קאָמאַנדירן פון 202 איבערגעפירט געוואָרן צו אַנדערע אייגנהייטן און צו דער אינסטרוקטאַזשאָפּטיילונג. אין פאַרלויף פון צוויי יאָר איז געשאַפן געוואָרן די קאַמפּס־תורה פון פוסגייער־מיליטער פון צה״ל אין די ראַמען פון 202.

אין דעצעמבער 1955 האָט דיין איינגעזען, אַז זיין שיטה האָט מצליח געווען. די פּאַראַשוטיסטן האָבן אָנגעשטעקט גאַנץ צה״ל מיטן קאַמפּס־גייסט. דאַן האָט מען באַטייליקט אַנדערע אייגנהייטן אין אַקציעס ווי אין די קאַמפן פון צאבכא, כינרת און אַקציע „ירקון״. ערב דער סיני־אַקציע אין אָקטאָבער 1956 איז צה״ל געווען אַ נייע אַרמיי.

אַ ספּעציעלע אייגנשאַפט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק באַלד אין די ערשטע חדשים פון דיינס קאַדענץ אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב, וואָס איז געווען אַן ערשטראַנגיקער פאַקטאָר ביים פאָרמירן דעם קאַמפּס־גייסט, איז געווען דער כלל, אַז מען לאָזט נישט איבער קיין דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע אויפן שטח פון שונא. אויך אין דער מלחמה פון 1948 האָבן קאָמאַנדירן און זעלנער געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען נישט איבערצולאָזן פאַרוווּנדעטע אויף דער טעריטאָריע פון שונא. די סיבה פון דעם איז געווען אַ פּשוטע. נישט איין מאָל האָבן זיך די אַראַבער אכזריותדיק איזדיעקעוועט איבער פאַרוווּנדעטע יידן, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. זיי האָבן זיי אויסגעשטאָכן די אויגן, אָפּגעשניטן די צונג און אַנדערע אברים. עס זענען אויך געווען פאַלן, ווען די פאַרוווּנדעטע האָט מען אָפּגעפירט אין די שפּיטעלער און זיי געגעבן אַ גוטע באַהאַנדלונג. אָבער צה״ל האָט נישט געקענט וויסן פון פאָרויס וואָס עס וועט פּאַסירן מיט די פאַרוווּנדעטע, וועלכע וועלן אַריינפאַלן אין די הענט פון שונא. מען האָט גע־

ווסט, אַז די תפיסות אין די אַראַבישע לענדער, ספּעציעל אין סיריע, זענען אַ גהינום. אין געווייסע פֿאַלן איז דער טויט געווען בעסער ווי אין דער געפֿאַנגענשאַפֿט ביים שונא. טראָץ דער ביטערער דערפֿאַרונג פֿון צה״ל זענען נישט געווען קיין פֿעסטע און איינדייטיקע אָנווייזונגען אין דער פֿראַגע. אַזוי, למשל, אין אויגוסט 1953, ווען די פֿאַראַשוטיסטן זענען אַרויס אין אַ רעוואַנזש־אַקציע אין דאָרף אידנא, איידער עס איז געשאַפֿן געוואָרן די איינהייט 202, און זי איז דורכגעפֿאַלן, זענען די חיילים צוריקגעקומען און אפֿילו נישט באַמערקט, אַז איינער פֿון די סערזשאַנטן פֿעלט מיט זיין געווער. דאָס איז באַקאַנט געוואָרן ערשט דאַן, ווען די ירדנער האָבן צוריקגעגעבן זיין קערפּער.

דער כלל פֿון נישט איבערלאָזן פֿאַרוווּנדעטע איז אין אָנהויב אפֿילו נישט געווען איינגעקריצט אין די נשמות פֿון די 101־קעמפֿער און אויך נישט אין 202, וואָס איז געקומען נאָך איר. סוף יוני 1954 האָבן 7 חיילים פֿון 202, אַלס רעאַקציע קעגן דערמאָרדן אַ ייִד אין רעננה, דורכגעפֿירט אַ געוואַגטע אַקציע קעגן דעם לאַגער פֿון אַראַבישן לעגיאָן אין אזון און דערהרגעט דריי זעלנער. דאָס איז געווען אַן אַקציע, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם סוף פֿון די אָנפֿאַלן אויף די דערפֿער און דעם אָנהויב פֿון דער פּאָליטיק אָנצוגרייפֿן נאָר מיליטערישע אָביעקטן. דאָס איז געווען אַ ביטערער און שווערע מאַרש פֿון 30 ק״מ הין־און־צוריק. בעת דער שלאַכט איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן דער סערזשאַנט יצחק דזשיבלי, פֿון די ערשטע קעמפֿער אין 101. אַ שטיק וועג האָבן די חיילים געטראָגן דעם פֿאַרוווּנדעטן. אָבער נאָך דער אַקציע האָבן די חיילים זיך געדאַרפֿט צעטיילן און איבערשרייטן די ישראל־גרענעץ איידער עס הויבט אָן טאָגן און נישט אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון גרויסע ירדנישע כוחות. בעת אַן אָפּרו האָבן זיי זיך באַראַטן וואָס צו טאָן. עס איז געווען 2.30, צוויי שעה איידער עס הויבט אָן צו טאָגן, און זיי האָבן נאָך 13 ק״מ צו דער גרענעץ. אין זיין טאָגבוך האָט הר־ציון געשריבן: „די איינציקע ברירה דרינגט אַריין אין מיין האַרץ און פֿאַראַליזירט מיך מיט איר שרעקלעכקייט. דזשיבלי דאַרף בלייבן. מוז שטאַרבן. דער מענטש, דער קעמפֿער, דער חבר ליגט פֿאַר אונדז אַ מאַכטלאָזער. איך קען אים נישט דאָ איבערלאָזן. איך פֿיל ווי איך ברעך זיך איין. איך טאָר זיך נישט איינברעכן. איך מוז זיך באַהערשן. ווי גוט איז, אַז איך בין דאָ נישט אַליין, אַז נעבן מיר געפֿינט זיך דודי. נישטאָ קיין ברירה, דזשיבלי מוז בלייבן. מיר קוקן זיךביידע אָן און מיר קענען מיט דעם נישט שלום מאַכן. דזשיבלי אַליין בעט מען זאָל אים איבערלאָזן. נאָך דעם ווי דער קאָמאַנדיר פֿון דער אַקציע האָט אַ קוש געגעבן דזשיבלין אין שטערן, זענען די זעקס אין אַ געלויף צוריק אוועק צו דער ישראל־גרענעץ.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז באַוווּסט געוואָרן, אַז דזשיבלי איז אַריינגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט און איז איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. די ירדנער

האָבן אים שטאַרק געפּייניקט, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן העלדיש און זיך נישט איינגעבראָכן בעת דער אויספאָרשונג. די פּאַראַשוטיסטן האָבן זיך געוואָנדן צום גענעראַל־שטאָב אָנצונעמען שריט פאַר זיין באַפרייאונג. דיין, וועלכער האָט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון כלל נישט איבערצולאָזן פאַר־ווונדעטע און האָט געוווסט פון זיין אייגענער דערפאַרונג ווי ביטער עס איז אין דער תפיסה, האָט באַשטעטיקט אַ ריי אויסערגעוויינלעכע אַקציעס מיטן שיפר־צייכן „גיל״ — ראשי תיבות פון „יצחק ג׳יבלי לשחרור״ (יצחק דזשיבלי צו דער באַפרייאונג). די קעמפער פון 202 האָבן מיט דעם אויסן געוועזן צו פאַרכאַפּן ערובניקעס פון אַראַבישן לעגיאָן, כדי צו באַפרייען זייער חבר פאַרכאַפּן ירדנישע זעלנער אויף דער צווייטער זייט גרענעץ. אין איינער פון אין די ראַמען פון אויסטוישן געפאַנגענע. די אַקציעס זענען באַשטאַנען אין די אַקציעס איז הר־ציון געשטאַנען בראש פון אַ גרופּע, וואָס האָט פאַר־כאַפּט אַן ערובניק אין דזשענין. אין אַנדערע צוויי אַקציעס צווישן 13־טן און 18־טן אויגוסט האָט מען פאַרכאַפּט נאָך פיר ערובניקעס. צה״ל האָט אַלזאָ געהאַט פינף זעלנער פון אַראַבישן לעגיאָן. איצט איז דיין צוגעטראָטן צו אַ משא ומתן וועגן באַפרייען דזשיבלי.

דעם 19־טן אויגוסט, ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט לייטענאַנט־גע־נעראַל בארנס, וועלכער איז געקומען אויפן אָרט פון גענעראַל בעניקע אַלס שעף פון די אונ״אָ־אָבסערוואַטאָרן, האָט דיין פאָרגעלייגט, ווי עס גיט איבער בארנס, „נישט צו פאַרשווענדן צייט אויף הקדמות״ — צו באַפרייען די פינף ירדנישע געפאַנגענע אָן שום פאַרבאַדינגונגען. אָבער צי האַלט אויך בארנס, אַז די ירדנער וועלן אַרויסווייזן אַן ענלעכע העפלעכקייט און וועלן באַפרייען דעם סערזשאַנט דזשיבלי, וועלכער געפינט זיך אין זייער תפיסה זינט דעם 28־טן יוני? בארנס באַשטעטיקט, אַז דיינס פאָרשלאָג איז אין זיינע אויגן געווען אַ חוצפהדיקער און געוואַגטער. דזשיבלי איז דאָך אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט אויף דער ירדנישער טעריטאָריע און נאָך דעם ווי ער און זיינע חברים האָבן דערהרגעט אַ פאַר ירדנער; דאַקעגן זענען די פינף ירדנישע געפאַנגענע פאַרכאַפּט געוואָרן פון זייער זיץ־אָרט אין ירדן. טראָץ דעם איז ביי זיין פאַרמיטלונג דורכגעפירט געוואָרן דער אויסטויש. ווען דזשיבלי איז צוריקגעקערט געוואָרן קיין ישראל אַ גאַנצער און געזונטער, האָבן אים זיינע חברים און דיין אויפגענומען מיט גרויס פרייד. דיין האָט אים דער־טיילט די העכסטע אויסצייכענונג.

דזשיבלי איז געווען דער ערשטער און אויך דער לעצטער פאַרוווונדע־טער, וועלכן די פּאַראַשוטיסטן און נאָך זיי גאַנץ צה״ל, האָבן איבערגעלאָזט אויפן שטח פון שונא. פון היינט אָן און ווייטער וועט בפירוש געזאָגט ווערן אין די אַקציע־באַפעלן, אַז „מען לאָזט נישט איבער קיין פאַרוווונדעטע אויפן שטח״, ביז דאָס וועט זיין אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מען וועט נישט דאַרפן וועגן דעם דערמאָנען. פאַקטיש איז דער כלל געהייליקט געוואָרן מיטן

בלוט פון צאַלרייכע זעלנער, ווייל נישט איין מאָל האָבן די רעטער פון די פאַרוואונדעטע באַצאָלט מיט זייער לעבן. דאָס האָט באַדייט, אַז עס איז בע־סער דער טויט איידער איבערלאָזן אַ פאַרוואונדעטן אויפן פעלד. דער דאָזיקער פאַקט האָט געשאַפן אין צה״ל אַן אייגנאַרטיקע קאַמפּס־ברודערשאַפט, וואָס האָט אפשר נישט אירס גלייכן אין אַנדערע אַרמייען אויף דער וועלט.

## די יונגע אַרמיי

אַ שטאַרקער רעגן איז געפאַלן דעם 7־טן דעצעמבער 1953, אין ערשטן טאָג פון משה דיין אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב. טראָץ דעם האָט ער נישט בטל געמאַכט דעם סיום־אַפּעל אין דער אָפיצירן־שול און ער האָט אויפ־גענומען דעם פאַראַד פון די אַבסאָלווענטן פון קורס אין אַ שלאַקס־רעגן. איינדרויסן האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט און דער רעדן האָט אַלעמען דורכגענעצט, און ער האָט געהאַלטן זיין ערשטע רעדע. מיט דעם האָט ער געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז זיינע צוהערער דאַרפן זיין צוגעגרייט צום מצב אין וועלכן זיי — די זעלנער פון צה״ל — וועלן זיין די איינציקע, וועלכע וועלן טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן קיום פון דער מדינה, און נישט די אונ״אָ, נישט די עפנטלעכע מיינונג אויף דער וועלט, און נישט פריינט.

עס איז געווען עפּעס סימבאָליש אין דעם ווינטער־טאָג. נאָך זיין באַ־געגעניש מיט די יונגע אָפיצירן, איז ער געפאָרן אין זיין ביוראָ אין גענעראַל־שטאַב זיך צו טרעפן מיט הויכע און עלטערע אָפיצירן. וועגן אַ טייל פון זיי איז ער געווען ביי דער מיינונג, אַז זיי האָבן שוין זייערס געטאָן און עס איז געקומען די צייט זיי זאָלן פאַרלאָזן דאָס מיליטער־דינסט. מען קאָן מיט דער פולער זיכערקייט זאָגן, אַז איינע פון זיינע ערשטע צילן איז געווען אויפצובויען אַ יונגע אַרמיי. אין דער שפּראַך פון יענע טעג האָט מען גע־רעדט וועגן זיינע באַמיאונגען צו געבן צה״ל „ניי בלוט״ און „יונגע כוחות״.

עס איז אָנגענומען צו טראַכטן, אַז מיטן איבערנעמען דעם אַמט פון שעף פון גענעראַל־שטאַב האָט ער „אָפּגעהאַקט״ אַ סך קעפּ און אַז זיין ערשטע אַרבעט איז געווען דאָס דורכפירן באַזייטיקונגען. דער דאָזיקער פאַקט האָט זיך צוגעקלעבט צו זיין סילוועטקע און ביי אַ טייל פון ציבור האָט זיך איינגעקריצט דער איינדרוק, אַז דיין איז אַ „ביצועיסט״, אַן אויספירער, וועלכער רעכנט זיך נישט מיט די פאַרדינסטן און געפילן פון מענטשן, וועלכע גיבן נישט זייער ביישטייערונג, לויט זיין מיינונג, צום „דערפילן די אויפגאַבע״. די באַצייכענונג „אויספירער״ האָט אין יענע טעג ענלעך גע־קלונגען ווי דאָס וואָרט תליין, ספּעציעל אין די קרייזן פון די מפא״י־עסקנים און אין דער הסתדרות. זיי האָבן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט

זיינע מעשים און אין זייער באַוווסטזיין האָט זיך איינגעקריצט די איבער־צייגונג, אַז דיין איז פּאַר זיי אַ געפאַר, אויב נאָך דער אַרמיי וועט ער גיין אויפן וועג פון אַ פּאָליטישער קאַריערע. צווישן די פּאַרטיי־עסקנים האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ „געפערלעכן מענטש" נאָך איידער ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב. משה שרת, וועלכער איז געווען פּאַרטרעטער פון פּרעמיער, איז ממש אַרויס פון די כּלים, ווען ער איז גע־וויר געוואָרן, אַז בן־גוריון האָט בדעה צו באַשטימען דיינען אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב, איידער ער ציט זיך צוריק קיין שדה־בוקר. שרת האָט אים אַרויסגעשיקט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט זיין קעגנערשאַפט. לויט שרתס מיינונג איז דיין געווען אַ פּאַרטיזאַנער און זיך נישט אויסגע־צייכנט מיט קיין געגוגנדיקער פּאָליטישער אחריות.

פּאַקטיש האָט דיין בהדרגה און לאַנגזאַם דורכגעפירט זיין פּאָליטיק פון פּאַרוואַנדלען צה"ל אין אַ יונגער אַרמיי. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט אייגנטלעך אָנגעהויבן רעאַליזירן דוד בן־גוריון, וועלכער האָט מיטן נאָמינירן דעם 32־יאָריקן יגאל ידין אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב אויסגעמיטן אַ גאַנצע שיכט פון עלטערע „הגנה"־אָפיצירן. דער דאָזיקער פּראָצעס איז דאַן באַצייכנט געוואָרן אַלס „ליקווידאַציע פון דור המדבר". בן גוריון האָט אָנגעהויבן, און דיין האָט אין פאַרלויף פון דריי יאָר פאַרענדיקט דעם פּראָצעס. לויט צבי צורן, וועלכער איז דאַן געווען שעף פון דער קאַדרן־אָפּטיילונג אין גענעראַל־שטאַב, האָט דיין דאָס געמאַכט אין אייניקע פּאַזעס. „ער האָט דאָס געמאַכט לאַנגזאַם, נישט אויף אַ דראַסטישן, אָבער אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן. אויף אַ גאַנץ דעליקאַטן, אָבער ענערגישן אופן האָבן פיל „הגנה"־וותיקים פאַרלאָזט די אַרמיי אין זיין תקופה. אַ צווייטע זאַך, ער האָט איבערגעפירט פיל מענטשן אויף אַנדערע אַמטן. „די עלטערע האָבן באַפרייט זייערע אמטן נישט דורך באַ־זייטיקן זיי, נאָר דורך דעם וואָס עס האָבן געפעלט פאַרשלאָגן פאַר זייער ווייטערדיקער אַוואַנסירונג, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן זייער סטאַזש און ראַנג. אויך סגן־אלוף הררי, וועגן וועלכן מען האָט דערציילט, אַז ער איז געווען דער ערש־טער, וועלכער איז באַזייטיקט געוואָרן, איז נישט „געפלויגן" — אין דער שפּראַך פון מיליטער — נאָר מען האָט אים געזאָגט, אַז די קאָמאַנדע איבער דער נייער איינהייט איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ צווייטן מיט אַ נידעריקערן ראַנג פון אים".

די גאַנצע צייט האָט דיין געשטרעבט צו נאָמינירן קאָמאַנדירן, רעכע־נענדיק זיך נאָר מיט דעם צי דער קאַנדידאַט איז פּאַסיק פאַרן אַמט. אויף וויפל דאָס איז מעגלעך ביי מענטשן, זענען זיינע באַשלוסן געווען פריי פון פערזענלעכע חשבונות. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין צוזאַמענ־האַנג מיטן אַמט פון יצחק רבין. ווען עס האָט זיך געשאַפן אַ שפּאַנונג אין די באַציאונגען צווישן מקלפן און דיינען און מקלף האָט געפאָדערט זיין

באַזייטיקונג, האָט ער פאַרגעלייגט, אַז יצחק רבין זאָל באַשטימט ווערן אַלס שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג. אין 1953 האָט דער (דעמאָלט) אלוף־משנה רבין געלערנט אין דער קאָמאַנדע און שטאַב־שול אין קעמבערלי, ענגלאַנד, און מקלף האָט אים גערופן צוריקצוקומען קיין ישראל. בן־גוריון האָט אָבער אָפּגעוואָרפן מקלפס פאָדערונג און איבערגעלאָזט דיינען אויף זיין אַמט אַלס שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג. ווען דיין איז צוריקגעקומען פון לייק סאַקסעס, ווו ער האָט זיך באַטייליקט אַלס באַראַטער פון דער ישראל־דעלעגאַציע אין דער אונ״אָ אין דער פראַגע פון קיביא און פאַרטיילונג פון ירדן־וואַסער, האָט ער אָפּגעטרעטן סוף נאָוועמבער אין לאָנדאָן און זיך געטראָפן מיט רבינען. אין דער צייט איז שוין געווען באַוווּסט, אַז מקלף וועט דעמיסיאָנירן און דיין וועט קומען אויף זיין אָרט. אין געשפּרעך צווישן זיי האָט רבין געזאָגט, אַז היות ער נעמט אָן, אַז דיין האָט נישט קיין ספּעציעלע פּלענער לגבי אים, דאָס הייסט קיין וויכטיקן אַמט, בעט ער אַ באַשטעטיקונג אויף נאָך אַ יאָר לימודים אין אויסלאַנד. דיין האָט אים געפרעגט וואָס פאַראַ אָנווייזונגען ער האָט באַקומען פון מקלפן, און ווען רבין האָט געענטפערט — „צוריקצוקומען" — אפילו מיט דער כוונה צו טוישן דיינען — האָט דיין געזאָגט, „אויב אַזוי האָסטו נישט נאָך אַ יאָר און דו קומסט צוריק".

רבין איז צוריקגעקומען, נישט ווייסנדיק וואָס פאַראַ אַמט דער נייער שעף פון גענעראַל־שטאַב האָט פאַר אים באַשטימט. קיין גרויסע זאַכן האָט ער פון דיינען נישט דערוואַרט. דעריבער האָט ער זיך געוווּנדערט, ווען ער איז געבעטן געוואָרן צו קומען צו אים גלייך, דעם זעלבן פרייטיק, ווען ער איז אָנגעקומען קיין לוד, הגם עס איז שוין געווען שבת. אין זיין ביורא האָט דיין דערציילט רבינען, אַז ער האָט בדעה צו צעטיילן די אָפּעראַציע־אָפּטיילונג אויף דריי דעפּאַרטאַמענטן — אינסטרוקטאַזש, אינפאָרמאַציע און אָפּעראַציע. דער לייטער פון דער אינסטרוקטאַזש־אָפּטיילונג, מאיר זורע (זארו) האָט פאַרלאָזט די אַרמיי און אַזוי איז ער דערשינען אויף דער ליסטע פון די באַזייטיקטע. רבינען אַלס שעף פון דער אינסטרוקטאַזש־אָפּטיילונג האָט דיין צוגעזאָגט דעם ראַנג פון אלוף (גענעראַל). רבין האָט מיט צופרידנקייט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג. אָבער דיין האָט זיך געדאַרפט באַמיען און איבערצייגן דעם זיכערהייטס־מיניסטער פנחס לבון, ער זאָל מסכים זיין. אויף רבינען איז נאָך געלעגן דער שטויב פון חשד צוליב זיין אָנטייל אין דער דעמאָבסטראַציע פון פלמ״ח אין אָקטאָבער 1949, טראָץ דעם פאַרבאָט־באַפעל. עס איז געווען אַ חשש, אַז ער איז עלול זיך נישט אונטערצוואַרפן אַ באַפעל, וואָס אַנטשפּרעכט נישט זיין וועלט־אַנשויאונג. כדי איבערצוצייגן לבונען, האָט דיין צווישן אַנדערן זיך באַנוצט מיטן אַרגומענט, אַז די אינסטרוקטאַזש־אָפּטיילונג איז נישט קיין אינסטאַנץ, וואָס פירט אָן מיט אַ כוח, און במילא וועט ער נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו ווירקן קעגן באַפעלן, וואָס וועלן אים נישט געפעלן ווערן. די דאָזיקע ווערטער באַווייזן וואָס פאַראַ אַטמאָספער

פון חששות עס האָט געהערשט אין יענע טעג. רבין איז דאָך געווען אַ דיסציפלינירטער מיליטערמאַן און וויניקער דורכגעדרונגען מיטן פּאַרטיי־גייסט ווי אַנדערע זיינע חברים אין פּלמ״ח. אָבער דעמאָלט האָט מען אַנדערש געטראַכט. און דער פאַקט, אַז דיין האָט געקעמפט פאַר זיין נאָמינאַציע, באַווייזט ווי ווייט ער איז געווען פריי פון פּראַקציאָנעלע און פּערזענלעכע אויסרעכענונגען. אין אָקטאָבער 1954 איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן דעם זיכערהייטס־מיניסטער לבון און דיינען וועגן דערטיילן אייניקע אָפיצירן דעם ראַנג פון אלוף. לבון האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן די ראַנגען. דעם 13־טן אָקטאָבער האָט דיין געשריבן צו לבונען אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט פאָרגעלייגט אַ פּשרה: „איך לייג פאָר, אַז דו זאָלסט מעלדן, אַז דו האָסט באַשלאָסן צו פאַרפרירן דאָס געבן דעם ראַנג פון אלוף אַלע צוקונפטיקע אלופים און באַשטעטיקן דעם ראַנג פון אלוף נאָר פאַר יצחק רבין. אויך איך בין נישט גליקלעך פון דער אלופים־אינפלאַציע. אָבער איך זע אין אַ נויטווענדיקייט צו געבן יצחק רבינען אַזאַ ראַנג״. לבון האָט צו דעם מסכים געווען.

אויפן געביט פון ראַנג־אַוואַנסירונגען איז דיין דווקא געווען אַ מחמיר און ער האָט באַשטימט אַ מינימאַלע צייט פאַר אַוואַנסירן פון איין ראַנג צום צווייטן. ער האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל זיך נישט שאַפן אַ לעוואַנטינישע אָדער דרום־אַמעריקאַנישע אַרמיי און ער האָט באַפאָרצוגט אָפיצירן מיט אַ נידעריקן ראַנג, וועלכע מאַכן אַ גרויסע אַרבעט, איידער אָפיצירן, דעקאָרירטע מיט הויכע ראַנגען, וועלכע טוען גאָרנישט. זיינע באַמיאונגען פאַר רבינען זענען געווען אַן אויסנאַם, וואָס האָט בכלל נישט אָפּגעהאַלטן דאָס שאַפן זיך פון אַ פּערמאַנענטער שפּאַנונג צווישן זיי. אַ טיילווייזע אויפקלערונג פון דעם פאַקט ליגט אין דעם כאַראַקטער־אונטערשיד צווישן ביידע. רבין האָט נישט ליב געהאַט דיינס אַרבעטס־שיטה. עס זענען אויך געווען אונטערשיידן, וואָס שטרייכן אונטער די אַנדערשקייט צווישן אַן אויסגעשפּראָכענעם פעלד־קאָמאַנדיר און אויסגעשפּראָכענעם שטאַב־אָפיציר, צווישן א נאַטירלעכן מנהיג, אַ פירער מיט שאַרם און אַן ערשטקלאַסיקן פאַכמאַן, און צווישן אַ טעכנאָקראַט און אַ מענטש, וואָס האַנדלט לויט זיינע חושים און רעאַלקייטס־חכמה, און אַן אינטעליגענטן מענטש מיט אַן אייזערנער לאָגיק אָן אונטערשיד צווישן אַ מענטש, וועלכער האָט נישט מורא פאַר אַנדערע, און אַזאַ, וועלכער ציט זיך צוריק צוליב באַשיידנקייט. רבינען דאַרף מען צוגעבן אַ באַזונדערע אייגנשאַפט — די נייגונג צו שיקן שטעכעדיקע באַמערקונגען צו זיינע ממונים. און אַזוי הגם ביידע האָבן צוזאַמען, דיין אלס שעף פון גענעראַל־שטאַב און רבין אַלס שעף פון דער אינסטרוקטאַזש־אָפּטיילונג געמאַכט אַ פּרוכטבאַרע אַרבעט, און הגם רבינס אינסטרוקטאַזש־אָפּטיילונג האָט געגעבן אַ פּראָפעסיאָנעלע ראַם דער תורה פון משה דיין — דאָס אָרט פון קאָמאַנדיר אין דער שלאַכט, רעאַליזירן די אויפגאַבע — און זיי איבערגעזעצט אויף דער שפּראַך פון מאַנעווורעס און איבונ־

גען, איז רבין געווען אַ וויכטיקע קוועלע פון קריטיקירן דיינען אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב. צוליב דעם האָט ער זוכה געווען צו דיינס באַמערקונג, אַז „רבין איז אַן אויסגעצייכנטער רעטראַאַקטיוויסט". רבין איז נישט גע־בליבן שולדיק און טיילמאָל פלעגט קומען צווישן זיי צו אַן אויסטויש פון שטעכעדיקע באַמערקונגען פון דער רעדנער־בינע פאַר אַבסאָלווענטן פון אָפיצירן־קורסן אין די אינסטרוקטאַזש־באַזעס. רבין האָט געזאָגט, מיינענ־דיק דיינען, אַז „דאָס איז אַ גרויסע אַרמיי — קיינעם וועט נישט געלונגען זי קאַליע צו מאַכן". ער האָט דיינען צוגעקלעפט דאָס ענגלישע שפּריכוואָרט, וואָס האָט אים נאָכגעפאָלגט אַ לאַנגע צייט —

(ער באַנוצט זיך מיט כוח, אָבער ער בויט אים נישט).

„דאָס אָפּהאַקן קעפּ" און די נייע נאָמינאַציעס האָבן אייגנטלעך אָנגעזאָגט דיינס גרויסן פּלאַן צו געבן צה"ל אייביקע יוגנט־קראַפט, וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין ערשטן יאָר פון זיין אַמטירן אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב. דער ערשטער, וועלכער האָט געוואָלט שאַפן אַ יונגע אַרמיי, איז געווען בן־גוריון, ווייל ער האָט שטאַרק באַפאָרצוגט יונגע קאָ־מאַנדירן. די שעפן פון גענעראַל־שטאַב וועלכע ער האָט נאָמינירט נאָך דורי, זענען געווען דער 32־יאָריקער ידין, דער 34־יאָריקער מקלף און דער 38־יאָרי־קער דיין. דער מאַיאָר אריק שרון איז אַלט געווען 25 יאָר, ווען ער האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דער אויסדערוויילטער איינהייט פון צה"ל; צבי צור איז געווען 30 יאָר, ווען ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס שעף פון דער קאַדרען־אָפּטיילונג, און יצחק רבין 31 יאָר, ווען ער האָט איבערגענומען די נייע אינסטרוקטאַזש־אָפּטיילונג. דיין האָט געוואָלט באַפעסטיקן דעם דאָזיקן צושטאַנד. ער האָט אויך געוואָלט גורם זיין אין די ראַמען פון געזעץ, אַז די עלטערע אָפיצירן זאָלן פאַרלאָזן די אַרמיי.

ווי זיין שטייגער, אַן אומגעדולדיקער, האָט ער נישט געוואַרט ביז זיין כוונה וועט גוט פאַרשטאַנען און אויפגעקלערט ווערן דעם מיליטערישן ציבור. לויט מאיר עמית, דעמאָלט געהילף פון שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג, האָט ער אָנגעהויבן איינצוואָרדענען פאַרזאַמלונגען ביי זיך אין דער היים. איך האָב נישט געוווסט וועמען ער האָט איינגעלאַדן און צוליב וואָס. ער האָט צונויפגעזאַמלט די מענטשן אין אַ ספּעציעלער שיטה, נאָר די חברה, וועלכע ער האָט ליב געהאַט און וועמענס אָנשויאונגען ער האָט רעספּעקטירט אָן אונטערשיד פון ראַנג און פונקציע. עס זעט אויס, אַז אין דער ערשטער באַגעגעניש האָבן זיך באַטייליקט 20—30 מיליער־לייט. דאָ האָט ער גערעדט וועגן דעם וואָס ער האָט גערופן „דאָס דאָפּלטע לעבן", אָדער „רינגען פון צווייטן לעבן". זיין געדאַנק איז געווען אַ פּשוטער: אַ גוטע אַרמיי איז אַ יונגע אַרמיי. די שיכט פון אָפיצירן אין העכערן עלטער פאַראורזאַכט ביוראָ־קראַטיע און נישט־עפעקטיווקייט, זי טויט אָפּ פרישע געדאַנקען, שטויסט אָפּ יונגע, פעאיקע אָפיצירן, דערפירט צום טאָפּטשען אויפן אָרט און צו אָראָפּ־

קייקלונג, צו הנאה־פּריווילעגיעס און עגאָאיזם. דעריבער, האָט ער געטענהט, דאַרף מען די אָפיצירן אָנוואַרפן אַן אַלגעמיינעם עלטער, אין וועלכן זיי דאַרפן פאַרלאָזן די אַרמיי. לויט זיין פאָרשלאַג אין עלטער פון 40 יאָר, און פעלד־קאָמאַנדירן נאָך ווייניקער. יעדער איינער, וואָס האָט אויסגעוויילט די מי־ליטערישע קאַריערע דאַרף זיך אַליין צוגרייטן צו אַ צווייטן לעבנס־קרייז, אַ ציווילן, וועלכן ער וועט אָנהייבן גלייך נאָכן פאַרלאָזן דעם מיליטערישן דינסט.

די מענטשן, וועלכע האָבן אים געהערט דאָס ערשטע מאָל אין זיין יווינונג, האָבן נישט גלייך פאַרשטאַנען זיין כוונה. אויך די, וועלכע האָבן אין פּרינציפּ אָנגענומען זיין פּלאַן, זענען נישט מסכים געווען מיטן אופן פון פאַר־שטעלן אים און מיט זיינע פּרטים. חיים בר־לב, דעמאָלט 31 יאָר, דערציילט: „דיינס פּאַטענט איז אין אָנהויב אויפגענומען געוואָרן מיט קריטיק און ערנסטער קעגנערשאַפט, נישט נאָר מצד די קאַנדידאַטן אָנצוהויבן דעם צווייטן קרייז פון לעבן. אויך פאַר די אָפיצירן אין מיין עלטער איז דאָס נישט געווען אָנגענעמבאַר. אין געשפּרעכן צווישן אונדז און מיט אים האָבן מיר געזאָגט — דער עלטער פון 40 יאָר איז אַ הויכער, אָבער דו ביסט נאָך נישט געשטאָרבן. ער האָט אָבער פאַרווירקלעכט זיין פּלאַן מיט כוח". אפילו אלוף־משנה דן טאָלקאָווסקי (היינט אלוף אין רעזערוו) האָט געהאַלטן, אַז „דער אופן פון פאָרשטעלן זיין פּלאַן האָט ביי אייניקע געשאַפן דעם איינדרוק, אַז ער איז צו אימפּולסיוו. פּלוצים שטעלט ער זיך אויף און „האַקט" אַ רעפעּ־ראַט ווי אַזוי צו באַזייטיקן פערציק־יאָריקע חברה פון מיליטער — די צוהע־רער זענען דערשיטערט געוואָרן. די טעזע איז געווען אַ ריכטיקע, אָבער אַזוי דאַרף מען זי אַנטוויקלען?". פיל האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אַן אַרמיי וועמענס הויכע אָפיצירן זאָלן זיין ייִנגער פון פערציק יאָר. דער שעף פון דער קאַדרען־אָפּטיילונג ג״אלוף צבי צור, אויף וועלכן מען האָט אַרויפגעלייגט די אויפגאַבע צו באַאַרבעטן דעם פּלאַן, האָט געזאָגט, אַז „דאָס דאָפּלטע לעבן איז געווען די דערפינדונג פון משה דיין, מיר אַלע האָבן זי נישט פאַרשטאַנען און מיר האָבן זיך צו איר באַצויגן מיט באַוואָרענישן". עס האָבן זיך דערוועקט שווערע פראַגן. צי איז עס גוט פאַר דער אַרמיי, צי איז עס גוט פאַרן מיליטער־מאַן, וואָס וועט ער טון נאָך די פערציק, צי וועט ער זיין אַ פּוסטע כלי, וואָס קיינער וועט זי נישט וועלן, און ווי אַזוי וועט ער מפרנס זיין די משפּחה?

נאָך דעם ווי דער פּלאַן איז גוט באַאַרבעט און צוגעגרייט געוואָרן דורך דער קאַדרען־אָפּטיילונג, איז ער געוואָרן מער אויפגעקלערט און פאַרשטענד־לעך, און אַזוי איז דורך אַלע מיט דער אַלגעמיינער הסכּמה אָנגענומען גע־וואָרן די אַקסיאָמע אַז אַ מענטש פון סטאַבילן מיליטער־דינסט בלייבט נישט אין דער אַרמיי במשך פון דער גאַנצער תּקופה פון זיין לעבנס־טעטיקייט. די קאַדרען־אָפּטיילונג ביים גענעראַל־שטאַב האָט אפילו אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן,

וואָס האָט דערמעגלעכט די מיליטער־לייט פון סטאַבילן דינסט צו פאַרלאָזן די אַרמיי אין עלטער פון 40 יאָר, און פאַר דעם צוועק איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ מיליטערישער פענסיע־פּלאַן. זיין פּרינציפּ איז געווען, אַז אַ 40־יאָריקער זאָל קענען באַקומען אַ רענטע — אַ זאַך, וואָס איז בישט געווען אָנגענומען אין קיין שום אַנדערן געזעלשאַפטלעכן דינסט, אין וועלכן דער רענטע־עלטער איז געווען 65 יאָר. דאָס פענסיע־געזעץ האָט געשאַפן דעם אַלגעמיינעם באַוווסטזיין, אַז ווער עס ווילט אויס אַ מיליטערישע קאַריערע, קען נאָך 20 יאָר פאַרלאָזן די אַרמיי און באַקומען אַ רענטע פון 40 פּראָצענט פון זיין לעצטן מיליטערישן געהאַלט און אָנהויבן אַ ניי לעבן. אין משך פון דער צייט זענען פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער אויפפאַסונג פון „דאָפּלטן לעבן" און די אַרמיי נאָך דיינען האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרעלטערן.

דיינס אויפפאַסונג האָט געהאַט אַ וויכטיקע ווירקונג אויפן געזעלשאַפט־לעכן כאַראַקטער פון ישראל. זיין פּלאַן פון „דאָפּלטן לעבן", האָט אַרויסגע־וואָרפן אויפן ציווילן מאַרק 40־יאָריקע אָפיצירן, פעאיקע, אמביציעזע, פול מיט לעבנס־קראַפט. ווירטשאַפטלעכע און אַנדערע אונטערנעמונגען האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכיאָגן נאָך די אָפיצירן, וואָס האָבן פאַרלאָזט די אַרמיי און האָבן זיי פאַרגעלייגט בכבודיקע פּאָסטנס. און אַזוי האָבן געוועזענע מיליטער־לייט אָנגעהויבן פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין ציווילן, עקאָנאָמישן און פּאָ־ליטישן לעבן, ביז עס האָט זיך צום פּרצוף פון דער ישראל־געזעלשאַפט צוגע־קלעפּט אַ צייכן פון מיליטערישקייט.

צו דער גאַנצער ריי שריט פון משה דיין, וואָס האָבן אים ביים ציבור געשאַפן אַן אימאַזש פון אַ תקיף, וועלכער נעמט איילין און ווייטגייענדיקע באַשלוסן און שטעלט „די דערפילונג פון דער אויפגאַבע" פאַר יעדן געפיל, רעכט, אָדער מענטשלעכקייט, דאַרף מען צוגעבן די פּרשה מיטן פליער סגן־משנה (אונטער־לייטענאַנט) א׳. א זון פון אַ מושבניק אין כפר ביל"ו, האָט זיך אויסגעצייכנט אין לופט־פלאָט און איז געווען זייער אַ דרייסטער. אָנהויב מאַי 1954 איז א׳ געפלויגן אין אַ פּאַטראָל־פלי אין די הימלען פון נגב. אין יענע טעג, גיט איבער אלוף עזר ווייצמאַן „איז די דיסציפּלין אין לופט־פלאָט געווען אַ שוואַכע און עס זענען געווען אַ סך עקסידענטן". עס איז געווען אָנגענומען ביי די פליער צו פליען נידעריק, דורכרייסן זיך אונטער די טעלע־פאָן־דראָטן ,אָדער צווישן צוויי קיל־טורעמס פון די ראַפינעריעס. אויב אין צפון פון לאַנד האָבן זיך די פליער נאָך אַביסל איינגעהאַלטן, איז דער נגב, לויט די רייד פון א׳ אליין, געווען „א ווילדער מערב". און אַזוי, ווען א׳ האָט געזען איינציקע אויטאָס אויפן סדום־שאָסיי, האָט ער געמיינט, אַז עס פאַרט אַ קאָלאָנע פון עקסקורסאַנטן און עס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו זאָגן זיי „שלום" אויף זיין שטייגער, דורך אָפּשרעקן זיי אַביסל. מיט זיין מאָסקיטאָ־עראָפּלאַן האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק איבער זיי, געפלויגן איבערן שאָסיי, אָנ־רירנדיק אים כמעט מיט זיינע רעדער און זיך ווידער אויפגעהויבן. איינמאָל

האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אזוי נידעריק אַז דער שפּיץ פון פּראָפּעלער האָט אָפּגעשניטן דעם צודעק פון איינעם פון די טענדערס אין דער אויטאָ־קאָלאָנע. דער שאָפער האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ און נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט ער באַגריסט מיט דער האַנט דעם לוסטיקן פליער און דעם נאוויגאטאָר.

א׳ און דער נאוויגאטאָר האָבן דערפילט, אַז זיי האָבן געטראָפן דעם אויטאָ און ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אין דער באַזע, האָבן זיי בודק געווען דעם עראָפּלאַן און נישט געפונען קיין שום דעפעקט. טראָץ דעם האָט דער פליער געמאָלדן זיין קאָמאַנדיר וועגן זיין ווילוינגערישער האַנדלונג און ער האָט איבערגעגעבן דעם ענין דעם קאָמאַנדיר פון דער באַזע. דעמאָלט איז געווען אין גאַנג אַן אויפקלערונגס־ און דיסציפּלין־אַקציע אויסצוואָרצלען די ווילדקייט פון די פליער. דער קאָמאַנדיר פון דער באַזע האָט פאַראורטיילט דעם פליער און דעם נאוויגאטאָר אויף 35 טעג מיליטערישע תּפיסה — וואָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרן ווי זייער אַ שווערע שטראָף. פריער איז פאַר אַזאַ עבירה געווען אָנגענומען אַ קנס ,א צוגאָב־דיזשור, אָדער פאַרבאָט צו פאַרלאָזן דעם לאַגער אויף אַ געוויסער צייט.

מיט דעם וואָלט זיך אפשר פאַרענדיקט די אַוואַנטורע. אָבער די קאָלאָנע אויטאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכע. בראש פון איר איז געפאָרן, נישט מער און נישט ווייניקער ווי איינער פון די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דער ראָטשילד־משפּחה, און אין טענדער זענען געזעסן אייניקלעך פון זיינע באַגלייטער. צוריקקומענדיק האָט ראָטשילד דערציילט זיינע חשובע גאַסטגעבער וואָס עס האָט פאַסירט אויפן וועג, און אזוי איז דיינען באַקאַנט געוואָרן וועגן ראָטשילדס איינדרוקספולער באַגעגעניש מיט א׳.

נאָך דעם ווי א׳ איז אָפּגעזעסן פיר טעג אין דער תּפיסה, האָט מען אים געזאָגט ,אַז דער שעף פון גענעראַל־שטאַב וויל אים זען. מען האָט אים געגעבן אַן אויסגעפּרעסטן מונדיר, זייף און וואַרעם וואַסער. נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָפּראַזירט, זיך אָפּגעוואַשן און צוגעקעמט האָט מען אים מיט אַן אויטאָ פון גענעראַל־שטאַב אָפּגעפירט צו דיינען.

א׳ איז באַאיינדרוקט געוואָרן פון דעם וואַרעמען און רואיקן קבלת פּנים פון שעף פון גענעראַל־שטאַב. דער באַזוך האָט זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון אַלס אַ „מענטשלעכער״. נאָך אַ פּאָר באַקענונגס־פראַגן, האָט זיך אפילו געשאַפן אַ דערנענטערונג צווישן ביידע מושבניקעס. ווען דער פליער האָט זיך אַנטשפּאַנט, האָט דיין אים געבעטן ער זאָל דערקלערן מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט, „צי דאָס איז געווען אַ טעות, אָדער אַ ספּאָרט?״ א׳ האָט געענטפערט, „ספּאָרט, ווילדקייט ווי מיר רופן דאָס״.

דעמאָלט האָט דיין אויפגעקלערט, אַז לויט זיין מיינונג האָט די דיסציפּלין פון די פליער דערגרייכט דעם נידעריקסטן פּונקט, און דעריבער איז די שטראָף, וואָס איז אויף אים ארויפגעלייגט געוואָרן נישט גענוגנד. היות ער איז שוין

איינמאָל געמשפּט געוואָרן, קאָן ער אים נישט משפּטן נאָכאַמאָל, כּדי צו פּאַרגרעסערן די שטראָף. דעריבער האָט ער באַשלאָסן צו באַזייטיקן א׳ פון לופט־פּלאַט דאָס הייסט אויפלייזן דעם אָפּמאַך, „כּדי מען זאָל זען און מורא האָבן, ווייל אין דער פראַגע מוז מען איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ שניט״. דער אָפּמאַך ווערט בטל ווערן נאָכדעם ווי ער וועט אָפּזיצן די 35 טעג אין תּפיסה. אַ דערשיטערטער, נישט פאַרשטייענדיק וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט דער 21־יאָריקער פּליער סאַלוטירט און אַרויסגעגאַנגען.

ערשט אין דער תּפיסה האָט ער דערפילט, אַז די וועלט איז אים אונטער־געגאַנגען. אָן דער מעגלעכקייט צו פליען האָט נישט דאָס לעבן פאַר אים קיין שום באַדייטונג. נאָך אַ פּאָר טעג פון אינערלעכע ראַנגלענישן האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו דיינען און געבעטן מחילה. דיין האָט אים געענטפערט מיט אַ בריוו אין דער תּפיסה, און כּדי צו וואָרענען אַנדערע האָט ער אין דער וואָכנשריפט „במחנה״ פאַרעפנטלעכט דעם בריוו פון א׳ און זיין ענטפער. אין זיין מחילה־בריוו האָט א׳ געשריבן, אַז „דאָס געפיל פון זעלבסט־כּבוד האָט אים נישט געלאָזט בעטן רחמים. אַ פּליער, אויב ער איז אַ קאַמפּס־פּליער דאַרף זיין אַ מאַן און אָננעמען די שטראָף מיט שווייגן. אָבער די שטראָף איז אומדערטרעגלעך״. ער האָט דערמאָנט דיינען, אַז אַלס שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג, בעת אַ באַזוך אין דער פּלי־שול, האָט ער אים געפרעגט צי ער האָט בדעה אונטערצושרייבן אַן אָפּמאַך פאַרן סטאַבילן דינסט. די באַזייטיקונג פון לופט־פּלאַט האָט ער באַצייכנט אַלס „אָפּשניידן מיר די פליגלען״ און מיט מוט האָט ער צוגעגעבן, אַז אויב דיין וועט נישט נעמען אין באַטראַכט זיין בקשה אים מוחל צו זיין נאָר צוליב פּרעסטיזש־טעמים, „וועט דאָס זיין אַן אַרעמקייטס־צייגעניש פאַר דיר״. דעם בריוו האָט ער פאַר־ענדיקט „ביטע קער מיך צוריק צו מיין פונקציע אין דער עסקאַדרע, וועלכע האָט מיר, לויט מיין בעסטן וויסן, שוין מוחל געווען און וואַרט אויף מיר אומגעדולדיק״.

דיין האָט געענטפערט, אַז צו זיין באַדויערן קען ער אים נישט מוחל זיין, ווייל לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג זענען די קאַטאַסטראָפעס אין לופט־פלאָט געווען פאַרבונדן מיט נישט פאַרזיכטיקע פליען״, און האָט צוגעגעבן: „איך וואָלט זיך נישט געוואָקלט צוריקצוציען מיין באַשלוס, ווען איך וואָלט געזען אין דעם אַ פאַרלעצונג פון פּרעסטיזש — אפילו ווען עס וואָלט געווען אַזאַ פאַרלעצונג — וואָלט איך העכער געשטעלט די טובה פון דער זאַך און איך וואָלט געענדערט מיין שטעלונג, ווען איך וואָלט זיך איבערצייגט נאָך דיין בריוו, אַז איך האָב זיך טועה געווען. איך האָב נישט בודק געווען צי דאָס באַזייטיקן דיך פון לופט־פלאָט וועט בײַשטייערן פאַר דיין דערציאונג. איך גלויב, אַז אויף להבא, ווען יעדער פּליער וועט וויסן, אַז אַ נישט פאַרזיכטיקער פלי פאַר „ספּאָרט״ באַדייט דאָס פאַרלאָזן דעם לופט־פלאָט, וועט ער זיך פון דעם אָפּהאַלטן״.

ווי עס האָבן שפּעטער באַוויזן די געשעענישן, איז אין דיינס אַנטשלאָסנ־קייט געווען נישט קיין קליינע מאָס פון אָנשטעל. זיין האַרץ איז יאָ געווען מיטן יונגן פליער און זיינע געפילן זענען ווייכער געוואָרן, ווען א׳ האָט גע־בעטן מחילה און געוויינט צוליב די אומטערגעהאַקטע פליגלען. נאָך אַנדער־האַלבן יאָר האָט א׳ דערלאַנגט אַ ביטע וועגן אַ נייעם אָפּמאַך און סטאַבילן דינסט פון לופט־פּלאָט. די באַשטעטיקונג האָט ער באַקומען אויפן סטאַנדאַרטן וועג, פונקט ווי ער וואָלט נישט איבערשריטן דעם תחום פון די קאָמפּעטענצן פון די אינסטאַנצן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע ווענדונגען. אָבער פאַק־טיש איז די ביטע געבראַכט געוואָרן צו דער אויפמערקזאַמקייט פון משה דיין און ער האָט זי אָפּגעשיקט, ווי זי וואָלט זיך נישט געבויטיקט אין זיין אַנט־שיידונג, צו דער באַטראַכטונג פון דער קאַמפּס־עסקאַדרע. דאָס איז געווען אַ מין געהיימער סימן צוריק צו עפענען פאַר א׳ די טויערן פון לופט־פּלאָט. און אזוי איז טאַקע געטאָן געוואָרן.

כדי צו פאַרשאַרפן די גרייטקייט פון דער אַרמיי האָט דיין אָנגעהויבן דורכצופירן פּלוצימדיקע אינספּעקציעס אין די מיליטערישע לאַגערן. במשך פון אַ פּאָר וואָכן איז דאָס געווען די וויכטיקסטע זאַך. מערסטנטייל איז ער געפאָרן אַליין ביינאַכט, כדי בודק צו זיין צי די דיסציפּלין פון דיזשורן ווערט שטרענג אָפּגעהיט. אויב ער האָט געפונען אַ פאַרנאַכלעסיקונג איז ער אַריין אין אַלע פּרטים, דירעקט זיך געטראָפן מיט נידעריקע אָפיצירן און אַפילו סער־זשאַנטן. די דיזשוראַנטן, וועלכע האָבן זיך נישט געפונען אויפן וואַך־פּאָסטן — און עס זענען געווען אָפיצירן, וועלכע האָבן זיך דערלויבט אויסצומיידן די נאַכט־לאַנגווייליקייט דורך זיצן אין קאַפע — זענען גלייך באַזייטיקט גע־וואָרן פון זייערע פּאָסטנס. אין די מיליטערישע לאַגערן האָט זיך שנעל פאַר־שפּרייט דער פּחד פאַר די דאָזיקע נאַכט־באַזוכן פון משה דיין.

בעת איינעם פון זיינע באַזוכן האָט ער גערעדט מיט חיילים, וועלכע זענען ערשט צוריקגעקומען פון נאַכט־איבונגען און האָט מיט אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו זייערע אָנקלאַגעס, אַז ווען זיי קומען צוריק זענען געשלאָסן די קיך און דער עס־צימער און זיי דאַרפן זיך לייגן שלאָפן מיט אַ ליידיקן מאָגן נאָך אַ גרויסן אָנשטרענג אין פעלד. דיין האָט געהאַלטן, אַז עס איז נישט יושרדיק, אַז אין דער צייט ווען די חיילים מאַכן אַדורך שווערע נאַכט־איבונגען, פירן די מענטשן פון די באַדינונגען אַ נאָרמאַל לעבן און די פאַר־אַנטוואָרטלעכע פאַרן עסן און טרינקען שלאָפן זיך גאַנץ רואיק. גלייך האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען דאַרף צוגרייטן וואַרעם עסן פאַר אַלע חיילים, וועלכע קומען צוריק פון איבונגען אָדער פון אַן אַקציע. און ער האָט זיך נישט באַפרידיקט מיטן אַרויסגעבן די דאָזיקע פאַראָרדענונג. נאָר אַליין דורכגעפירט פּלוצימדיקע באַזוכן אין די לאַגערן. אין וויכטיקע ענינים האָט ער זיך געשטיצט נאָר אויף זיך אַליין. אין איינער אַ נאַכט איז ער געקומען צו אַ פאַנצער־איינהייט, וואָס אירע חיילים זענען צוריקגעקומען פון איבונגען און

האָט איינגעפּונען, אַז מען האָט פאַר זיי צוגעגרייט וואַרעמע טיי, אָבער אָן צוקער. מען האָט אים געזאָגט, אַז לויט די אַפּראָוויזאַציע־באַשטימונגען גענוגנט נישט דער צוקער פאַר נאַכט־מאָלצייטן. ער האָט גלייך אָנגעקלונגען אין דער וווינונג פונעם שעף פון דער אַפּראָוויזאַציע, אויפגעוועקט אים פון שלאָף און אים באַפוילן, אַז ער פּערזענלעך, אָדער איינער פון זיינע הויפּט־געהילפן, זאָלן אין דער זעלבער נאַכט ברענגען דריי זעק צוקער אין קיך פון דער איינהייט. דערצו נאָך דאַרף ער באַלד אינדערפרי קומען אין זיין ביוראָ מיט דער אונטערגעשריבענער באַשטעטיקונג, אַז דער צוקער איז געוואָרן צוגעשטעלט. נאורה, דיינס סעקרעטאַרין, געדענקט ווי דער אָפיציר פון דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג האָט באַלד אינדערפרי געוואַרט אין דיינס קאַנצעלאַריע מיט אַ צעטל אונטערגעשריבן דורכן קאָמאַנדיר פון דער איינהייט, אויף וועלכן עס איז געווען געשריבן, „איך באַשטעטיק דאָס דערהאַלטן דריי זעק צוקער”.

אויך מיט זיין קליידן זיך האָט משה געוויזן, אַז די פאָרשריפטן און צערעמאָניאַלן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער מיליטערישער קליידונג באַשעפטיקן אים נישט. הגם ער איז געווען אַ גרויסער קפדן, וואָס שייך דער ריינקייט פון קערפּער און אין זומער האָט ער זיך אַפילו געוואַשן איניקע מאָל אין טאָג, האָט ער נישט געפונען פאַר נויטיק צו טראָגן אָפּגעפּוצטע שיך און אויסגעפּרעסטע מונדירן. נאורה האָט געזאָגט וועגן אים, אַז ער איז אַ „שרעקלעכער שלומפּער”. צו אַן אַפּעל פון אַן אָפיצירן־קורס איז ער געווען מסוגל צו פאָרן שלאָפנדיק אויפן הינטערשטן געזעס פון אויטאָ און דערשיינען אויפן אַפּעל־פּלאַץ מיט צעקנייטשטע הויזן און מיט אַראָפּגעלאָזטע סקאַרפּעטן. די מיטאַרבעטער פון זיין ביוראָ האָבן אים ממש אויפגעצווונגען אַ מענטשלעכן אויסזען דורך דעם וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין ביוראָ אַ פּאָר קאָמפּלעטן פון פרישע און אויסגעפּרעסטע מונדירן, וואָס ער האָט אָנגעטון פאַר פייערלעכע אַפּעלן, אויפטריטן און באַגעגענישן.

אין נאָוועמבער 1954 האָט דיין באַשלאָסן, צוליב בודזשעט־אָפּשפּאָרונגען, אָפּצושאַפן די דרום־קאָמאַנדע און אָנשטאָט דריי קאָמאַנדעס, וואָס זענען געווען ביז איצט, איבערלאָזן נאָר צוויי — אין צפון און אין צענטער פון לאַנד. לויט זיין באַשלוס איז דער דרום־פראָנט אָנגעשלאָסן געוואָרן צום צענטער, און אויפן אָרט פון דער דרום־קאָמאַנדע איז איבערגעלאָזט געוואָרן אַ קליינע אָפּטיילונג, בראש פון וועלכער עס איז געשטעלט געוואָרן אַן אָפיציר אין דער ראַנג פון אַן אלוף־משנה (קאָלאָנעל), וועלכער איז געווען אונטערגעאָרדנט דעם אלוף פון דער צענטראַלער קאָמאַנדע. די ליקווידאַציע פון דער דרום־קאָמאַנדע איז פאַר דיינען געווען אַ פּשוטער ענין, ווי דאָס טוישן אַ שילד, נישט אריינדרינגענדיק אין דער באַדייטונג פון דעם באַשלוס לגבי אַלע ראַנגן. אָבער פאַקטיש האָבן אַלע אָפּטיילונגען פון שטאַב, די מיליטערישע אָפּטיילונגען און באַדינונגען, געדאַרפט מאַכן נייע און ספּעציעלע סידורים, כדי זיך צוצופּאַסן צו דער נייגעשאַפענער לאַגע. דאָס איז געווען אַ פּראָצעס באַגלייט מיט ענדלאָזע

שטערונגען. אָבער היות ער איז געווען מסוגל צו אָנערקענען און זיך מודה צו זיין אין באַגאַנגענעם פעלער, איז נישט אַדורך אַ יאָר און אָן שום וואַקלעניש האָט ער פאַראָרדנט צוריקצוגיין צום פריערדיקן מצב און ווידער אויפשטעלן די דרום־קאָמאַנדע אַלס איינע פון די דריי קאָמאַנדעס.

אין הינטערגרונט פון די דאָזיקע גיכע און קעגנזעצלעכע אנטוויקלונגען האָבן געווירקט נישט נאָר אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָטיוון. נישט ווייניקער האָבן דאָ געווירקט די באַציאונגען צווישן דיינען און בן־גוריונען, ווי עס וועט נאָך ווייטער אויפגעקלערט ווערן. די דאָזיקע עקסטרעמע שריט האָבן צוגעגעבן צום אַלגעמיינעם איינדרוק, אַז דיין איז אַ פינג־פאָנג־באַלעם, וועלכער האַנדלט אימפּולסיוו, אייליק און אומפּאָרזיכטיק. אָבער די, וועלכע האָבן מיט אים צו־זאַמענגעאַרבעט און זענען געווען עדות פון זיין דורכגעטראַכטער האַנדלונג, האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז אַ פאַלשער איינדרוק. לויט מאיר עמיתן „קען זיך קיין מענטש נישט פאָרשטעלן אין זיין פאַנטאַזיע ווי פאָרזיכטיק דיין איז, באַ־זונדערס ביים אָננעמען באַשטעטיקונגען פון די ממונים איבער אים. איך געדענק נישט קיין פאַל, אַז משה זאָל אָננעמען אַ וויכטיקן באַשלוס אָן דער באַשטעטיקונג פון דער העכערער מאַכט".

די דאָזיקע אייגנשאַפט — וואָס שטייט אין קעגנזאַץ צו זיין אימאַזש ביים ברייטן ציבור — האָט איבעראַשט אַפילו בן־גוריונען. איין פאַל האָט זיך איינ־געקריצט אין זיין זכרון אַלס ביישפּיל. דעם 10־טן אָקטאָבער 1956 ביינאַכט, בעת דער רעוואַנזש־אַקציע אין קאַלקיליא, האָט זיך קאָמפּליצירט די לאַגע. פון מינוט צו מינוט איז געוואַקסן די צאָל קרבנות און עס איז געווען אַ מורא פאַרן לעבן פון די חיילים פון דער איינהייט, וואָס האָט בלאָקירט דעם וועג צום שטעטל. כדי צו ראַטעווען די חיילים פון דעם פייער פון אַראַבישן לעגיאָן, האָט דיין געפאָדערט אָנצווענדן אַרטילעריע און אַפילו באַטראַכט די מעגלעכקייט פון באַטייליקן די אַוויאַציע. בן־גוריון האָט שפּעטער דערציילט: „איך האָב זיך זייער געוווּנדערט אויף דיינען בעת דער אַקציע אין קאַלקיליא. עס איז געווען אַ סטאַבילער באַפעל, וואָס פאַרבאָט אָנצווענדן אַרטילעריע און ערא־פּלאַנען אָן דער באַשטעטיקונג פון פאַרטיידיקונגס־מיניסטער. איך האָב גע־מיינט, אַז אויב די אַרמיי איז אין אַ געפאַר — איז נישטאָ קיין שום פאַרבאָט. דאַקעגן דיין, וועלכער האָט געזען די חיילים אין געפאַר, האָט נישט אָנגע־ווענדעט די אַרטילעריע אויף אייגענער האַנט, נאָר מיך אויפגעוועקט אינמיטן דער נאַכט פון שלאָף און געבעטן אַ דערלויבעניש. איך האָב אים געענטפערט „זיכער". ער אַליין האָט נישט געוואָלט וועגן דעם באַשליסן און איך האָב זיך געוווּנדערט, אַז אין אַזאַ מצב פרעגט ער". אין זיין געזעגענונגס־בריוו צו דיינען אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב האָט בן־גוריון געשריבן: „האָסט אָנט־פּלעקט צוויי יסודותדיקע אייגנשאַפטן, וואָס שטייען אין סתירה איינע צו דער אַנדערער — וואָס האָבן דיך געמאַכט צו איינעם פון די בעסטע חיילים אין

צבא הגנה לישראל: כמעט אַ מטורפדיקע געוואַגטקייט, באַלאַנסירט דורך אַ טיפער טאַקטישער און סטראַטעגישער באַטראַכטונג״.

דאָס וואָס עס האָט אים געפעלט וואָס שייך פאַרשטענדעניש און געדולד פאַר דער שטאַב־אַרבעט און אָרגאַניזאַציע, האָט ער דערגענצט מיט זיין שאַרפן חוש פאַר מענטשן, וואָס האָט פאַר אים אַנטפּלעקט זייערע מעלות און שוואַכקייטן. וואָס שייך דעם קאַמף־גייסט און קאַמפס־פעאיקייט, וואָס איז געווען פאַר אים די הויפּט־זאַך, האָט ער זיך אינטערעסירט מיט אַזעלכע איינצלהייטן מיט וועלכע אפילו אַ סערזשאַנט וואָלט זיך נישט פאַרנומען. ווען די אָפּטיילונגען זענען צוריקגעקומען פון אַקציעס, האָט ער זיי אָפּגעוואַרט אויף דער גרענעץ און אויסגעפרעגט די קאָמאַנדירן און די חיילים די קלענסטע פרטים וועגן דער אַקציע. עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז „זיי וואָלטן ליבערשט דערהרגעט געוואָרן אין דער אַקציע, איידער צו באַקומען פון אים אַ קאָפּ־שוועבקונג״. ער האָט גוט געקענט די קעמפער, און די נאָמינאַציעס אין די קאַמפס־אָפּטיילונגען האָט ער געמאַכט נאָר לויט איין כלל — „נאָר טיגערס״. דער וואָס האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט געוואַגטקייט, מוט, גוטע קאַמפס־איינפאַלן און גרייטקייט צו גיין בראש פון זיינע מענטשן, איז נישט נאָמינירט און נישט אַוואַנסירט געוואָרן, אַפילו ווען ער איז געווען אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר. די מוטיקע קעמפער זענען אויך געווען די איינציקע, וועלכע האָבן געווונען זיין פריינטשאַפט.

צו דער אַרבעט אין שטאַב און אין די באַדינונגען האָט ער אויסגעוויילט אַזעלכע, וואָס זיין חוש האָט אים געזאָגט, אַז זיי זענען עפעקטיוו און מסוגל אים צו פאַרשטיין אויפן רמז. ווייל ער האָט נישט געהאַט דאָס געדולד און דעם ווילן אריינצוגיין אין פרטים וועגן זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען מחוץ דעם תחום פון זיינע הויפּט־באַמיאונגען, מיט וועלכע ער האָט זיך פערזענלעך פאַרנומען. צוליב דעם האָט זיך דיין מער געשטיצט אויף מענטשן, ווי אויף טעאָריעס און רייד. ביז דער „קדש״־אקציע אין אָקטאָבער 1956, האָט ער שוין געהאַט דורכגעפירט דעם גרעסטן טייל נאָמינאַציעס. ער האָט שוין דאַן געבאָסן פון דעם מעמד פון אַ פאַרערטן קאָמאַנדיר. מען קען וועגן אים זאָגן, אַז ער האָט נישט דערוואָרבן די סימפּאַטיע פון צה״ל, נאָר האָט געשאַפן אַ נייעם צה״ל לויט זיין ווונטש, וואָס האָט אים רעספּעקטירט. טראָץ דעם איז שטענדיק געווען אַ דיסטאַנץ צווישן אים און זיינע מענטשן. אין אַנדערע אומשטענדן, ביים מקפיד זיין אויף די כללים פון דער שטאַב־אַרבעט, ביי צערעמאָניעס און סאַלוטירונגען, איז די דאָזיקע דערשיינונג געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע. אָבער די אַטמאָספער אַרום דיינען איז געווען אַ פרייע, אַפילו פון אַ געוויסער אָפּגעלאָזנקייט. ער האָט אָפּגעגעבן דעם זעלבן כבוד אַ פשוטן חייל און אַן אלוף. ער פלעגט מאַכן וויצן וועגן זיך אַליין און בדרך כלל האָט ער געשאַפן אַ שטימונג פון נישט־פאָרמעלקייט און פרייהייט פון וואָרט. דעריבער האָט

די דיסטאַנץ, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן אים און זיינע מענטשן אויסגעזען ווי אַן אויסנאַם־דערשיינונג.

עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז דער אמת, וועלכן ער האָט פאַרנומען, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער רעספּעקט־ און דיסטאַנץ־באַציאונג כלפּי אים. די אַרמיי איז אַ קערפּער, וואָס שאַפט פאַר זיך אליין ראַנגן, דיסטאַנצן און פּרעסטיזשן. מיר האָבן געזען, אַז הגם דיין האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף צערעמאָניעס און האָט נישט ליב געהאַט קיין פּאַראַדן און נישט קיין עלעגאַנץ, האָבן פאַר אים געזאָרגט די מענטשן פון זיין ביוראָ, אַז ער זאָל דערשיינען אַלס אָפיציר פון אַן אַרמיי אין איר פולער פּראַכט. און אפילו ווען דיין האָט אויפגענומען זיינע אָפיצירן אין אַ קליינעם ביוראָ, וואָס האָט נישט געמאַכט קיין איינדרוק און נישט אין אַ גרויסן שיינעם זאַל ווי זיינע פאַר־גענגער, האָבן זיך די, וואָס זענען געקומען צו אים, אויפגעפירט אזוי ווי זיי וואָלטן אַריין אין אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ מיט האַרץ־קלאַפּעניש און ציטער. עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז עס האָט געהערשט אַ פּחד אין זיין סביבה, ווייל ער האָט געהאַט די קאָמפּעטענץ צו דעצידירן וועגן גורל פון יעדן אָפיציר און ער האָט זיך נישט געוואַקלט צו באַזייטיקן זייער גיך יעדן איינעם, וועלכן ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף באַזייטיקן.

אָבער עס איז קלאָר, אַז נישט נאָר דער אמת האָט געשאַפן דעם דאָזיקן רעספּעקט און די גרייטקייט פון אַ טייל מענטשן זיך אים אינגאַנצן אונטער־צוואַרפן. מענטשן האָבן אין זיין סביבה געפילט דעם רעספּעקט און דיסטאַנץ, וואָס מען פילט אין קרייז פון אַ גרויסן קינסטלער, אָדער פון אַ גרויסער פּער־זענלעכקייט. עס זעט אויס, אַז דאָס איז געווען אַ פּראָדוקט פון צוויי פון זיינע אייגנשאַפטן. די ערשטע — ער האָט קיינעם נישט דערלויבט זיך צו אים צו פיל צו דערנענטערן. ער איז געבליבן פאַרשלאָסן פאַר אַלעמען, און במשך פון יאָרן איז ער געוואָרן נאָך מער אָפּגעשלאָסן אין זיך. זיינע מענטשן האָבן באַדאַרפט טרעפן צי אין זיינע רייד און מעשים זענען פאַראַן פאַר־באָרגענע כוונות, און אויב יאָ, וואָס פאַרא. פון זיין מויל האָט מען נישט געהערט וואָס עס זענען די מחשבות און געפילן, וועלכע בילדן דעם גרונט פאַר זיינע באַשלוסן. מיט דער זעלבער אייגנשאַפט, אין נאָך אַ שטאַרקע־רער מאָס, האָט זיך אויסגעצייכנט דוד בן־גוריון. עס איז קלאָר, אַז די נויט־ווענדיקייט ריכטיק צו טרעפן און דער חשש, אַז מען קען זיך טועה זיין, העלפן פאַרגרעסערן די דיסטאַנץ און פאַרטיפן דעם רעספּעקט.

די צווייטע אייגנשאַפט — די שטימונגען. די ענדערונגען פון די שטי־מונגען האָבן זיך געלאָזט אָפטער פילן. אין אַלגעמיין איז ער אינדערפרי געווען אין אַ שלעכטער שטימונג און במשך פון טאָג האָט זי זיך פאַרבעסערט. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר דיין־„מומחים״ און זיך באַרימט, אַז זיי ווייסן, ווען ער איז אין אַ שלעכטער שטימונג און זיי האָבן זיך באַמיט אָפּצולייגן די דערלידיקונג פון ענינים, ווען ער איז, לויט

זייער מיינונג געווען אין אַ בעסערן מצב רוח. די, וועמען עס איז אויסגעקומען מיט אים צו רעדן ווען ער איז געווען אין אַ געדריקטער שטימונג, האָבן איינגעזען, אַז ער לאָזט נישט צו די אַנווענזנדיקע צום וואָרט, און מיט אַ מיליטערישער שפּראַך פּלעגט ער ארויף אויף זיי נאָך איידער ער האָט פעסטגעשטעלט צי זיי זענען גערעכט, אָדער נישט.

בדרך כלל האָט ער געהאַלטן פון כלל „נישט אויפקלערן, נישט אַנטשולדיקן זיך". די פאַלן פון בעטן אַנטשולדיקונג ביי מענטשן, וועלכע ער האָט אומזיסט באַליידיקט, זענען געווען נאָך דער מיליטער־תקופה, ווען ער איז שוין געווען אַ מלוכה־מאַן. אַ גרויסע טרייסט האָבן געהאַט די, וועלכע זענען געטראָפן געוואָרן פון זיין שטימונג; ער האָט זיך נישט אָנגעכאַפּט אָן קיין וואָרט און נישט אַרויסגעצויגן קיין נעגאַטיווע קאָנסעקווענצן לויט די רייד פון מענטש. זיין מיינונג וועגן מענטשן איז געווען אַ רעזולטאַט פון זייערע האַנדלונגען אָדער מיסהאַנדלונגען.

זיין באַציאונג צו מענטשן, וואָס האָט אין פלוג אויסגעזען צו זיין פשוט און נישט קאָמפּליצירט, איז במשך פון דער צייט געוואָרן פּראָבלעמאַטיש. ער אליין האָט וועגן זיך געזאָגט, אַז ער האָט נישט ליב צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון מענטשן און אַז זיי לאַנגווייליקן אים. דאָס האָבן געפילט די, וועלכע זענען מיט אים געקומען אין אַ קאָנטאַקט. לויט דער מיינונג פון די „מומחים" איז ביי אים דער אויסגאַנגס־פּונקט פון זיינע באַציאונגען צו מענטשן נישט ליבע אָדער שנאה, נאָר דער רעספּעקט. עס זענען נישטאָ קיין מענטשן, וועלכע ער האָט נישט ליב, נאָר עס זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע ער רעספּעקטירט נישט. זיין באַציאונג איז דעריבער נישט קיין פּערזענלעכע, אויף ווי ווייט דאָס איז מעגלעך. לויט מאיר עמיתן, רעספּעקטירט דיין צוויי קאַטעגאָריעס מענטשן: דרייסטע און קלוגע — און איך וואָלט נישט געזאָגט, אַז ער האָט פיינט טפשים און פילט אַן עקל צו שוואַכלינגען. ער האָט פשוט נישט צו זיי קיין באַציאונג. מיט מוטיקע איז ער גרייט צו פירן געשפּרעכן און רעדן וועגן קלייניקייטן — ווי אזוי עס איז געווען און וואָס עס האָט פּאַסירט, מיט אַלע פּרטים — און זייערע בעמען געדענקט ער זייער גוט. מיט קלוגע האָט ער ליב צו באַהאַנדלען פראַגן, וואָס באַשעפטיקן אים, אַנהויבנדיק פון פּראָפעסיאָנעלע פּראָבלעמען און ענדיקנדיק מיט אַרכעאָלאָגיע און ליטעראַטור. פוןביידע קאַטעגאָריעס מענטשן איז ער גרייט צו לערנען און צו זיין אַ געטרייער און געדולדיקער צוהערער".

דאָס אויסוויילן באַליבטע פאַר אים מענטשן און די אומגעדולד לגבי אַנדערע, האָט ביים ציבור געשאַפן דעם איינדרוק, אַז ער האלט זיך אין גרויסן און ביי די פּאַרטיי־מענטשן האָט זיך איינגעפלאַנצט די איבערצייגונג, אַז ער איז נישט געקנעטן פון טייג פון אַ פּאָליטיקער. דיין אליין האָט אָנערקענט, אַז ביידע מיינונגען זענען ריכטיקע. דאָס איז געווען אַ וויכטיקער אָביעקט אין דער אַנטוויקלונג פון זיין פּערזענלעכקייט, וואָס מען קען ריכטיק אָנרופן

סוווערענע פּערזענלעכקייט. דאָס הייסט, פון אַ פּערזאָן, וועלכע טוט דאָס, וואָס זי וויל טאָן און פאַרבינדט זיך מיט מענטשן נאָר לויט איר אייגענעם ווונטש. דיין האָט זיך מיט גרויס הצלחה אַנטקעגנגעשטעלט, אַז די אומשטענדן און זיינע פונקציעס זאָלן אים אַנוואַרפן טאַטן, אויפפירונג און געזעלשאַפט, וואָס זענען אים נישט צום האַרצן.

ער איז ווי געבוירן געוואָרן צו זיין אַ קינסטלער, אויף וועלכן מען האָט אַרויפגעזעצט אַ מיליטער־מאַן און דערנאָך אַ מלוכה־מאַן. זיין פּערזענלעכקייט דערמאָנט פיל שטריכן פון אַ געבוירענעם קינסטלער: זיין ווילן אויסצופירן זאכן מיט אייגענע הענט און נישט דורך אַ שליח. אַ מאָלער אָדער מוזיקער וועלן דאָך נישט געבן אַנווייזונגען אַנדערע זיי זאָלן פאַר זיי שאַפן — אין קעגנזאַץ צו אַ דירעקטאָר אָדער טעכנאָלאָג, אָדער אַפילו צו אַ געלערנטן. פונקט ווי אַ קינסטלער איז דיין גענייגט צו ענדערן זיינע מיינונגען אין איינקלאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פון זיין שאַפונג. פונקט ווי אַ מאָלער גייט ער צו און נעמט אַוועק פאַרבן לויט דער אַנטוויקלונג פון דער שאַפונג אויפן לייוונט, לויט זיין שטימונג און נייע איינפאַלן. זיכער, אַז דער אויסוואַל פון מענטשן, וואָס זענען אים ליב, איז געמאַכט געוואָרן לויטן שטייגער פון קינסטלער און נישט פון דירעקטאָרן, אָדער פּאָליטיקער. דיין האָט נישט געווידמעט און ווידמעט נישט פיל צייט דער מיליטערישער ליטעראַטור און אויך נישט וועגן מיליטער־לייט און מלוכה־מענער. פּאָעזיע, ליטעראַטור און לעצטנס אפילו דער ספר „זוהר” האָבן אים מער באַשעפטיקט און אויסגעפילט זיינע מחשבות.

עס איז שווער צו זאָגן, אַז די שאַפונג פון אַ שטאַרקער אַרמיי מיט אַן אייזערנעם קאַמפּס־ווילן איז אַ קונסט־אַרבעט. אָבער עס דוכט זיך, אַז אויב דאָס איז בכלל מעגלעך, האָט זיך דיין צו דעם שטאַרק דערנענטערט.

מען קען פעסטשטעלן מיט דער גאַנצער קלאָרקייט, אַז די נעגאַטיווע מיינונג פון די וותיקים פון מפא״י וועגן דיין אלס פּאָטענציעלן קאַנדידאַט פאַר דער אָנפירערשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן קריסטאַליזירן אין דער ערשטער תקופה פון זיין אַרבעט אין דער מחיצה פון פּנחס לבון. אַזעלכע פירער ווי לוי אשכול און גאָלדע מאיר האָבן אויסגעדריקט זייער חשש פאַר בן־גוריונען וועגן נאָמינירן פּנחס לבון צוערשט אַלס פאַרטרעטער און דערנאָך אַלס פאַרטיידיקונגס־מיניסטער און האָבן אים אַפילו געוואָרנט קעגן נישט גוטע רעזולטאַטן. אויף דער זיצונג פון מפא״י־סעקרעטאריאַט, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 31־טן דעצעמבער 1960, האָט גאָלדע מאיר געזאָגט: „איך באַטראַכט די תקופה פון לבון אלס פאַרטיידיקונגס־מיניסטער ווי אַן אומגליקלעכע תקופה”.
די באַציאונג פון משה שרתן צו לבונען איז אפשר צווישן אַנדערן באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם פאַקט, וואָס בן־גוריונס קאַנדידאַט אויפן אַמט פון פּרעמיער איז געווען לוי אשכול, און נאָר צוליב זיין אָפּזאָג האָט מפא״י אים אויסגעוויילט. שרת האָט געהאַלטן, אַז בן־גוריון האָט אויסגעוויילט לבונען

אַלס פּאַרטיידיקונגס־מיניסטער, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט שטיצן זיין ליניע און נישט שרתס. מיט אַנדערע ווערטער, שרת האָט זיך פּאָרגע־שטעלט, און נישט אָן אַ גרונט, אַז בן־גוריון האָט געוואָלט מיט דעם פּאַרזי־כערן דעם המשך פון זיין פּאָליטיק אויך נאָך זיין אַוועקגיין דורך פּרובירן איבערצוגעבן דעם אמט פון פּרעמיער אשכולן, וועלכער איז דורכגעפאַלן און דורך דער נאָמינאַציע פון פּנחס לבון, וועלכער האָט מצליח געווען, אויפן אַמט פון פּאַרטיידיקונגס־מיניסטער.

לבון, זייענדיק נאָך דער פּאַרטרעטער פון פּאַרטיידיקונגס־מיניסטער, איז נישט געווען קיין אָנהענגער פון נאָמינירן משה דיין אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב און האָט בעסער געוואָלט אַ מיליטער־מאַן אָן פּאָליטישע אמביציעס. נאָך מער: פּונקט ווי משה שרת, האָט ער אויך אין אַ בריוו צו בן־גוריונען שריפטלעך אויסגעדריקט זיין קעגנערשאַפט צו נאָמינירן דייענען, און עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן אים געוואָרנט פאַר דייענען. איינער פון זיי האָט דאָס אפילו זייער בילדעריש פאָרגעשטעלט, זאָגנדיק, אַז „דיין איז פּעאיק מ׳זאָל אים אויסטאָן די זאָקן און איבערלאָזן אים די שיך, און ער זאָל דאָס אַפילו נישט פילן״.

טראָץ דעם האָט געהערשט אַ האַרמאָניע אין דער ערשטער תקופה פון זייער צוזאַמענאַרבעט. לבון האָט טאַקע אָנגענומען אַן אַקטיוויסטישע ליניע, אינגאַנצן קעגנזעצלעך צו דער פּאָליטיק פון שרתן. ווי דיין דערציילט, האָט ער מיט צופרידנקייט אויפגענומען די נאָמינאַציע פון לבונען צוליב זיין אַקטי־וויסטישער ליניע. נאָך מער. ווען דער שעף פון גענעראַל־שטאַב מקלף האָט געוואָרנט בן־גוריונען קעגן לבונען צוליב די „אַוואַנטוריסטישע״ באַפעלן, איז משה דיין, וועלכער איז דאַן געווען שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג, געגאַנגען צו בן־גוריונען, כדי אָפּצושוואַכן מקלפס אַרגומענטן און האָט דער־קלערט, „אַז עס איז נישט געגני אזוי״. אין 1953 האָט דיין באַטראַכט לבונען אלס פּרישן רעקרוט אין זיכערהייטס־ענינים און וועלכער האָט נישט קיין דערפאַרונג אין דער צוזאמענאַרבעט מיט מיליטער־לייט. לויט דער מיינונג פון דייענען איז מען לגבי לבונען באַגאַנגען אַ געוויסע עוולה מיט דער קריטיק, וואָס מקלף האָט געריכטעט קעגן לבונען. אויך נאָך דעם ווי עס איז אויסגעבראָכן די „פרשה לבון״ אין 1960, איז דיין אַרויסגעטראָטן קעגן בן־גוריונען, וועלכער האָט אין אַ מאָמענט פון כעס באַשולדיקט לבונען, אין אַן ענגן שטוב־קרייז אין צהלה, אַז ער האָט באַפוילן צו הרגענען ציווילע פּערזאָנען בעת דער בלוטיקער רעוואַנזש־אַקציע אין קיביא. לויט דייענען זענען ציווילע פּערזאָנען דערהרגעט געוואָרן אין קיביא אין רעזולטאַט פון אַ טעות, ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען.

מען קאָן אויך אָננעמען, אַז די שטיצע, וועלכע דיין האָט דערטיילט לבונען אין אָנהויב פון זייער צוזאַמענאַרבעט האָט געהאַט אויך אַנדערע סיבות. למשל דער שאַרפער קעגנזאַץ, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן לבונען און

מקלפן, האָט געקענט צואיילן דעם אוואַנס פון משה דיין אויפן אמת פון שעף פון גענעראַל־שטאַב. ווי עס זאָל נישט זיין, האָט צווישןביידע געהערשט אַ האַרמאָניע ביז יוני 1954. פאַר דיינען איז לבון געווען אַ „זייער אינטעליגענטער, שאַרפער, קלוגער און הויפּטזעכלעך אַן אַנטי־טעזע צו שרתס זיכערהייטלעכע און פּאָליטישע באַטראַכטונגען". אַלץ וואָס שרת האָט פאָרגעשלאָגן, האָט לבון פאַרגעלייגט דאָס פאַרקערטע. און דיין האָט אים צוגעגעבן רעכט. אויך נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך דערווייטערט און זענען זיך געוואָרן קעגנער, האָט דיין געהאַלטן, אַז לבונס ליניע האָט אַנטשפּראָכן זיין מיינונג. איין ענין קאָן דינען אַלס אויסגעשפּראָכענער ביישפּיל.

בעת דער קאַדענץ פון פּנחס לבון אין 1954 האָבן זיך זייער פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן ישראל און אירע שכנים און די אַראַבישע מדינות האָבן פאַרשטאַרקט דעם עקאָנאָמישן קאַמף קעגן איר. אין אויגוסט האָבן די סיריער געכאַפּט די ישראלדיקע האַנדלס־שיף „נחמן", וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון טערקיי, און האָבן גענומען אין געפאַנגענשאַפט דעם קאַ־פּיטאַן און די מאַטראָזן; אין אָקטאָבער האָבן די מצרים פאַרהאַלטן די שיף „בת־גלים" און אַרעסטירט די גאַנצע מאַנשאַפט. ביידע פאַרלעצונגען פון פרייען שיפס־פאַרקער האָבן אויפגעשטורעמט די עפנטלעכע מיינונג אין לאַנד. ווען אַ סירישער פּאַסאַזשיר־עראָפּלאַן האָט אין דער העלפט דעצעמ־בער 1954 אָפּגעווייכט פון זיין פלי־טראַסע, האָבן אים עראָפּלאַנען פון יש־ראלדיקן פלי־פלאָט געצוואונגען צו לאַנדן אין לוד און עס זענען אַרעסטירט געוואָרן 4 פּאַסאַזשירן און 5 מיטגלידער פון דער מאַנשאַפט. די כוונה פון לבונען איז געווען, אַז זיי זאָלן דינען אַלס ערובניקעס פאַר די מענטשן פון „נחמן" און „בת־גלים" און פאַר די פינף חיילים, וועלכע זענען גענומען גע־וואָרן אין געפאַנגענשאַפט דורך דער סירישער אַרמיי.

דאָס צווינגען דעם סירישן עראָפּלאַן צו לאַנדן איז אַליזאַ געמאַכט גע־וואָרן אַלס רעוואַנזש־אַקציע קעגן דער מיינונג פון שרתן, וועלכער איז נישט געווען קיין אָנהענגער פון רעוואַנזש־אַקציעס. אַלס פּרעמיער האָט שרת באַשלאָסן צו באַפרייען דעם עראָפּלאַן מיט די מענטשן אָן שום עקוויוואַ־לענט מצד סיריע און מצרים. בעת דעם וויכוח אין דער כנסת דעם 17־טן יאַנואַר 1955, אין רעזולטאַט פון אַן אומצוטרוי־וואָטום מצד „חרות" קעגן דער רעגירונג, האָט שרת געטענהט, אַז „דער סירישער עראָפּלאַן איז איינ־געלאַדן געוואָרן דורך אונדז צו לאַנדן אין לוד, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז אַן עראָפּלאַן, אויך אַ ציווילער, וואָס דרינגט אַריין אין אונדזער לופט־רוים, נישט מעלדנדיק וועגן דעם — קאָן מען אים איינלאַדן צו לאַנדן. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די דאָזיקע הנחה איז נישט געווען קיין באַגרינדעטע — מיר קענען נישט נאָר טרעפן, נאָר אויך געטראָפן ווערן". שרת האָט אַרויס־געוויזן גרויסמוטיקייט כלפּי די אַראַבער, גלייבנדיק, אַז אויף רעספּעקט ענטפערט מען מיט רעספּעקט און אויף רעוואַנזש מיט רעוואַנזש.

אין דעם וויכוח האָט שרת אויפגעקלערט זיין פּאָליטישע אויפפאַסונג זאַגנדיק, „מדינת ישראל האָט אַ ברירה — אויסצוווילן, צי זי וויל זיין אַ מדינה פון געזעץ, אָדער פון רויב". לבון האָט מיט שרתן אָפן דיסקוטירט. ווען עס איז געקומען זיין ריי צו רעדן, האָט ער מיט סאַרקאַזם און שפּאָט גע־רעדט וועגן „אַ מדינה פון געזעץ און זעלבסטפאַרטיידיקונג". דאָס, וואָס שרת האָט באַטראַכט אַלס רויב, האָט לבון געהאַלטן אַלס זעלבסטפאַרטיידיקונג. דיין האָט זיך מיט אים פולשטענדיק אידענטיפיצירט.

אָבער לויט דער מיינונג פון שרתן האָבן די קעגנזאַצן צווישן אים און לבונען איבערגעשטיגן די ראַמען פון דער אינערלעכער מחלוקת אין דער רעגירונג און פּאַרטיי. ווען ביידע זענען געווען בן־גוריונס פאַרטרעטער אַלס פּרעמיער און פאַרטיידיקונגס־מיניסטער, האָט שרת געמיינט, אַז לבון וויל אים מכשיל זיין און ער האָט אַפילו אַנטפּלעקט זיינע חששות פאַר לבונען. אין אַ בריוו, וועלכן ער האָט געשריבן דעם 14־טן אויגוסט 1953 צו לבונען האָט ער זיך באַקלאָגט דערויף, אַז ער האַלט נישט אָן דעם נוהג, וואָס האָט געהערשט צווישן דעם אויסערן־מיניסטער און בן־גוריונען דעם פּאַרטיידי־קונגס־מיניסטער, לויט וועלכן עס איז אים „איבערגעגעבן געוואָרן פון פאָרויס וועגן יעדער ערנסטער רעאַקציע קעגן איינעם פון די שכנותדיקע לענדער און וועגן יעדן ענערגישן שריט כלפּי דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין דער מדינה". אַלס פּרעטעקסט פאַרן בריוו האָט געדינט די זוך־אַקציע, וואָס די אַרמיי האָט דורכגעפירט אין אַראַבישן דאָרף טירא און קעגן די וועלכע האָבן פּראָטעסטירט אין דעם ענין אין דער כנסת, האָט ער מיט זיין איינגעבאַרטיקער איראָניע געטענהט, אז סוף כל סוף האָט מען אין כפר טירא נישט געפונען קיין „מאַהאָגאָני־מעבל". אַ צווייטער פּרעטעקסט איז געווען די רעוואַנזש־אַקציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 12־טן אויגוסט. שרת האָט פאַרענדיקט דעם בריוו מיט דער בקשה, אַז מען זאָל אים „מעלדן פאָרויס און אין דער צייט וועגן יעדער ערנסטער אַקציע, וואָס דאַרף דורכגעפירט ווערן" לויט די אָנ־ווייזונגען פון לבון, אָדער זיין באַשטעטיקונג.

עס איז דעמאָלט געווען אַ מין „באַן טאָן" אין דער אָנפירונג פון זיכער־הייטס־מיניסטעריום און אין דער אַרמיי אָפּצולאָכן פון שרתן, אַ טאָן צו וועלכן לבון האָט זיך גוט און לייכט צוגעפּאַסט. כלפּי שרתן האָט ער זיך באַציגן מיט גרינגשעצונג. בעת בן־גוריון האָט שטענדיק גערעדט אין נאָמען פון דער רעגירונג אָדער פון דער אַרמיי, האָט זיך לבון מערסטנטייל באַנוצט מיטן נוסח „איך האָב אַרויסגעגעבן דעם באַפעל", „איך האָב פאַראָרדנט" וועגן אַקציעס, וואָס די אַרמיי האָט דורכגעפירט. צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען אַ געוויסע גרויסהאַלטונג לגבי שרתן און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַ־טייליקן אין די זיצונגען פון די מפא״י־מיניסטאָרן און מפא״י־פירער, וועלכע שרת האָט צוזאַמענגערופן, זעט אויס, כדי צו באַהאַנדלען די באַציאונגען צווישן ביידע. צוליב דער סיבה האָט שרת געשריבן נאָך אַ בריוו צו לבונען דעם 19־טן

אויגוסט 1953, פינף טעג נאָכן פריערדיקן בריוו, אין וועלכן ער האָט זיך מער נישט באַמיט אויסצובאַהאַלטן זיין חשד: „דיין אָפּזאָג זיך צו באַטייליקן אין דער באַראַטונג פון חברים־מיניסטאָרן רופט אַרויס אַ גרויסע שטוינונג און שאַפט אַ שווער פּראָבלעם. אויב די כוונה איז צו דערפירן צו מיין דעמיסיע פון אַמט אַלס פאַרטרעטער פון פרעמיער, איז נישטאָ קיין לייכטערע פון דעם זאַך... צי איז דאָס דיין ווילן?".

דער חשד, אַז עס ווערט געמאַכט אַ פּרווו מכשיל צו זיין שרתן, האָט זיך נישט באַגרענעצט נאָר צו לבונען. די וותיקים אין דער אָנפירונג פון מפא"י האָבן פאַר זייערע אויגן געזען אַ טראַיקאַ — לבון, דיין און פרס — וואָס פירט אַן אַקציע אויך קעגן די, וועלכע שטיצן שרתס פּאָליטיק, די אַנטי־אַקטיוויסטן ווי ער אליין, וועלכע האָבן איינגעפּונען, אַז עס קאָן זיין אַ רעגירונג אָן בן־גוריונען. די „טראַיקאַ" האָט מען חושד געווען אין איין אלגעמיינעם ציל, וואָס פאַראייניקט זיי — צוואיילן בן־גוריונס צוריקקער פון שדה בוקר.

אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט דעם 6־טן סעפּטעמבער 1970, האָט זלמן ארן אַנטפּלעקט אַביסל פון זיינע געדאַנקען אַלס איינער פון שרתס אָנהענגער אין 1954. ארן איז געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון מפא"י אין די ערשטע יאָרן פון מדינת ישראל, געווען מיטגליד אין אַלע כנסות און אין דער קאָמיסיע פאַר אויסערן־ און זיכערהייטס־ענינים. אין דער רעגירונג פון משה שרת איז ער געווען מיניסטער אָן אַ פּאָרטפעל. ער איז אויך געווען דער גייסטיקער און מאָראַלישער פּילאַר ביים סוף פון די פופציקער און זעכציקער יאָרן פון דער מפא"י טראַיקאַ — גאָלדע מאיר, זלמן ארן און פנחס ספּיר. ארן האָט קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט די עקזיסטענץ פון דער טראַיקאַ. אָבער לויט זיינע רייד, האָט „די „טראַיקאַ" — לבון, דיין און פרס — געוואָלט באַזייטיקן שרתן, און זייערע שריט זענען געווען געוועגדעט אויך קעגן שרתס אָנהענגער. אין דער רעגירונג איז געווען אַ גרופּע חברים, וועלכע האָט אָפּגעוואָרפן דעם אַקטי־וויזם אלס פּאָליטיק און האָט געוואָלט יעדן אַקטיוויסטישן שריט באַטראַכטן אין צוזאַמענהאַנג מיט יעדן באַזונדערן פאַל". ארן האָט צוגעגעבן, „אַז דער־נאָך זענען אויך געווען אַנדערע פאַלן, און אונדזער גרופּע האָט באַזייטיקט בן־גוריונען". ער איז אויסן געווען די קריזיס־תקופה פון דער „לבון־פּרשה", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1960.

פרס אליין האָט געזאָגט, אַז בן־גוריון איז אין די געשפּרעכן מיט אים געווען פאַר לבונס קאַנדידאַטור אלס פאַרטיידיקונגס־מיניסטער. דיין האָט געזאָגט: „עס האָט זיך דאַן געקענט שאַפן דער איינדרוק, אַז לבון, דיין און פרס האָבן געוואָלט באַזייטיקן שרתן. מיר זענען דאָך לגמרי נישט מסכים גע־ווען מיט שרתן און מיר האָבן דאָס נישט אויסבאַהאַלטן. עס איז זיכער, אַז עס האָט זיך נישט געקענט שאַפן אַ באַגלויבטער איינדרוק, אַז פרס און איך ווילן פאַרכאַפּן די מאַכט. קיינער פון אונדז האָט נישט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור אויפן אַמט פון פרעמיער. אָבער שרת און זיינע חברים האָבן

געקענט מיינען, אַז מיר וועלן פירן אַ פּאַרקערטע פּאָליטיק און מיר וועלן זיך נישט רעכענען מיטן פֿאַקט, אַז ער איז דער פּרעמיער. דאָס הייסט, אַז מיר וועלן אים נישט שטעלן פֿאַר קיין געשעענע פֿאַקטן, נאָר מיר וועלן שטויסן די מדינה צו פירן אַ פּאַרקערטע פּאָליטיק ווי עס וויל דער פּרעמיער. זיי האָבן געקענט אַזוי טראַכטן פון פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט, אָבער נישט, אַז עס איז צווישן אונדז געווען אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע קנוניה". לויט דיינס רייד, האָבן שרת, ארן און אַנדערע, וועלכע זענען געווען ביי אַן אַנדערער מיינונג, געקענט טראַכטן אַזוי ווי זיי, אַז דיין און פּרס זענען „עקסטרעמע אַוואַנטור־ריסטן, וועלכע וועלן פּאַרזעצן זייער פּאָליטיק און וועלן פייפן אויף שרתן".

די באַציאונגען צווישן לבונען און דיינען האָבן זיך מיט דער צייט אָנגע־הויבן אָפּקילן און אָנהויב זומער 1954 האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ ריס צווישןביידע.

צום ריס האָבן דערפירט קעגנזאַצן אין דער אויפפאַסונג, וואָס האָבן גע־בראַכט דיינען צו דערלאַנגען איין דעמיסיע צוליב אַ קויף־טראַנזאַקציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן קעגן זיין מיינונג — אַ קאָנפליקט, וואָס האָט זיך פאַר־ענדיקט מיט צוריקציען די דעמיסיע. אַ צווייט מאָל האָט ער געשריבן אַ דע־מיסיע־בריוו צוליב דער דירעקטער ווענדונג פון שעף פון דער אַוויאַציע, אלוף דן טאָלקאָווסקי, צום זיכערהייטס־מיניסטער. די מחלוקת צווישן זיי איז באַ־שטאַנען אין דעם, צי דער מיניסטער קען אָנהאַלטן דירעקטע באַציאונגען מיט מיליטערישע קערפּערשאַפטן און זעלנער, ווי עס האָט געהאַלטן לבון, אָדער אַז אַלץ ווערט געמאַכט ביי דער פאַרמיטלונג פון די אָנגענומענע קאַנאַלן, דאָס הייסט דורך דער קאַנצעלאַריע פון שעף פון גענעראַל־שטאַב, ווי דאָס האָט געהאַלטן דיין און ווי עס האָט אייגנגעפירט בן־גוריון. לבונס אָנהענגער האָבן אַפילו איבערגעגעבן, אַז „אין איין פאַל, ווען דיין האָט געזען, אַז אין ביוראָ פון זיכערהייטס־מיניסטער זיצן צוויי־דריי הויכע אָפיצירן און באַ־האַנדלען מיט אים פאַרשידענע פראַגן, האָט ער זיי געמאַכט שווערע פאַרווורפן אויפן אָרט".

פון דעם גאַנצן ברייטן קאַמף וועגן קאָמפּעטענצן צווישן לבונען און דיינען דאַרף ספּעציעל אונטערגעשטראָכן ווערן די פאַרבינדונג צווישן דעם זיכערהייטס־מיניסטער און דעם וואָס איז אין דער שפּראַך פון צענזאָר באַ־קאַנט געוואָרן אַלס דער „קצין הבכיר" (הויכער אָפיציר). ווייל דאָ זענען געווען פאַרבאָרגן גיפט און פאַרביטערקייט. פון דעם האָט זיך אָנגעהויבן דער „עסק ביש" און פון דעם איז געבוירן געוואָרן די „לבון־פרשה" פון 1960 און אַלץ, וואָס האָט פון איר אַרויסגעשפּראָצט און זיך פאַרברייטערט.

צוערשט האָט לבון געפאָדערט צו באַקומען אַ דירעקטן באַריכט פון דעם אָפיציר, אַלס צוגאָב צו דעם באַריכט, וואָס עס איז דערלאַנגט געוואָרן דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב. עס זענען פאַראַן עדות־באַשטעטיקונגען, אַז זיין רעכט צו באַקומען באַריכטן האָט עס לבון פאַרוואַנדלט אין אַרויסגעבן דירעק־

טע אַנווייזונגען וועגן פּלאַנירן און אויספירן. ווי עס זאָל נישט זיין, איז קלאָר אָן שום ספק — סיי לויט לבונען און זיינע אָנהענגער, און סיי לויט זיינע קעגנער — אַז ער האָט אָפּגעהאַלטן באַגעגענישן אונטער פיר אויגן מיטן „הויכן אָפיציר" און אים געגעבן פּלאַנירונגס־אַנווייזונגען. די מיינונגען האָבן זיך געטיילט נאָר אַרום דער פראַגע, צי ער האָט אים אויך געגעבן אויספיר־אַנווייזונגען. פון דעם שטאַנדפּונקט פון אחריות אין צוזאַמענהאַנג מיטן „עסק ביש" איז געווען פון גרויסער וויכטיקייט דאָס אונטערשיידן די פּלאַנירונגס־אַנווייזונגען און אויספיר־אַנווייזונגען. פונעם שטאַנדפּונקט פון די באַציאונגען צווישן לבון און דיין איז דאָס געווען דאָס זעלבע. פאַר דער אַרמיי און דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב איז אויך אַ פּלאַנירונגס־אַנווייזונג אָן אַן אויספיר־אַנווייזונג לכל הפחות אַן אָנהויב־פּאַזע.

אויך בנוגע צוויי אַנדערע וויכטיקע פּונקטן פון דער פּרשה זענען נישטאָ קיין שום חילוקי דעות. ערשטנס, אַז דיין אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב איז געווען קעגן דער אַקציע, וואָס מען האָט שפּעטער אָנגערופן „עסק ביש", אין אַלע אירע פּאַזעס — קעגן דעם געדאַנק, פּלאַנירונג און אויספירונג. צווייטנס, אין דער צייט פון געשעענישן איז פאָרגעקומען אויך די באַגעגעניש אונטער פיר אויגן צווישן לבון און דעם „הויכן אָפיציר", אין וועלכער עס האָט זיך אָפּילו נישט באַטייליקט דיינס פאַרטרעטער, אלוף אבידר, ווייל דיין האָט דאַן געווײלט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

בן־גוריונס טאָגבוך אַנטהאַלט נאָטיצן וועגן דעלעגאַציעס פון מפּא"י־חברים, וואָס זענען געקומען צו אים קיין שדה בוקר, אָנהויבנדיק פון 13־טן יולי און אים איבערגעגעבן ווי ווייט זיי זענען באַזאָרגט פון דער זיכערהייטס־לאַגע. דעם 24־טן אויגוסט, נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט דיין באַזוכט בן־גוריונען און „אים איבערגעגעבן וועגן דער אויסטערלישער אַנווייזונג פון פנחס לבון בעת זיין אָפּוועזנהייט אין לאַנד. די אַקציע איז דורכגעפאַלן און מען האָט באַדאַרפט וויסן, אַז זי וועט דורכ־פאַלן".

מפּא"י־פירער האָבן אַפּעלירט צו בן־גוריונען ער זאָל פאַרענדיקן זיין „אורלויב" און צוריקקערן אין דער רעגירונג. אין זיין טאָגבוך האָט ער פאַר־צייכנט: „איך וועל נישט צוריקגיין. איך האָב זיך באַזעצט אין שדה בוקר — און דאָ וועל איך בלייבן". ער איז געווען פעסט אַנטשלאָסן נישט צוריקצוקערן צו דער מדינה־אָנפירערשאַפט במשך פון צוויי־דריי יאָר.

די וועלט־פּרעסע האָט שפּעטער פאַרבונדן דאָס, וואָס מען האָט גערופן אין ישראל „עסק ביש" מיט סאַבאָטאַזש־אַקטן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין מצרים. דעם 11־טן דעצעמבער 1954 האָט זיך פאַרן מיליטערישן געריכט אין קאַיר אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון 11 ייִדן, וועלכע מען האָט באַשולדיקט אין געהערן צו „אַ ציוניסטישער גרופּע פאַר שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש". די צייטונגען, ישראלדיקע און אויסלענדישע, האָבן איבערגעגעבן, אַז אין באַ־

שולדיקונגס־אַקט האָט די מצרישע פּראָקוראַטור געטענהט, אַז בעת דעם משא ומתן צווישן גרויס־בריטאַניע און מצרים וועגן סועץ און ווען די פּאַר־אייניקטע שטאַטן האָבן אָנגעהויבן פּאַרנעמען דאָס באַפרייטע אָרט פון דער ענגלישער השפעה, האָבן די מיטגלידער פון דער „ציוניסטישער גרופּע" אונ־טערגעלייגט אין יולי 1954 צינד־באָמבעס אין פּאָסט־מיניסטעריום, אין קינאָ־זאַלן, אין די אַמעריקאַנישע אינפאָרמאַציע־ביוראָען אין קאַיר און אין אַלעק־סאַנדריע. די מצרישע פּראָקוראַטור האָט געטענהט, אַז די באַשולדיקטע האָבן געוואָלט שטערן דעם דערנענטערונגס־פּראָצעס צווישן דער אַמעריקאַנער רע־גירונג און דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג פון קאָלאָנעל אבדול נאַצער, אונ־טערן דעקמאַנטל פון אַ ברייטער אונטערגרונט־טעטיקייט. אַ טייל פון די באַ־שולדיקטע האָבן זיך מודה געווען אין אויספירן סאַבאָטאַזש־אַקטן, אָבער האָבן אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונג וועגן שפּיאָנאַזש. דאָס מצרישע געריכט האָט אַרויסגעטראָגן אין יאַנואַר 1955 שווערע אורטיילן. צוויי באַשולדיקטע זענען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט, זעקס האָבן באַקומען פון 7 יאָר ביז אייביקע תפיסה. נאָר צוויי זענען באַפרייט געוואָרן. איינער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין זיין תפיסה־קאַמער, איידער עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער אורטייל.

די שווערע אורטיילן האָבן אַרויסגערופן אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער וועלט און אין ישראל איז דער שטורעם געווען געוואַלדיק גרויס. עס איז אַרויסגערוקט געוואָרן די פראַגע, צי די ישראל־רעגירונג האָט נישט קיין עפעקטיווע קאָנ־טראָל איבער דעם זיכערהייטס־מיניסטעריום און זיינע געהיימע אַקציעס. דעם 1־טן פעברואַר 1955 האָט דער דיכטער נתן אַלטערמאַן געווידמעט זיין וועכנטלעכע רובריק אין דער צייטונג „דבר" די פאַראורטיילטע אין קאַיר און ער האָט געפרעגט „נישט נאָר ווי אַזוי, נאָר פאַרוואָס זענען געפאַלן די העלדן ?". ער האָט פאַרענדיקט מיט דער פאָדערונג „אַרויסצוציען פּראַקטישע מסקנות".

דער פּרעמיער משה שרת, וועלכער האָט נישט געוווּסט אפילו נישט מיט קיין רמז וועגן דעם „עסק ביש", האָט נאָמינירט אָנהויב יאַנואַר 1955 אַ קאָ־מיסיע פון צוויי פּערזאָן — רב־אַלוף יעקב דורי, געוועזענעם שעף פון גענעראַל־שטאַב און יצחק אולשן, פּאָרזיצער פון העכסטן געריכט, זיי זאָלן אויספאָרשן און פעסטשטעלן, צי דער „עסק ביש" איז דורכגעפירט געוואָרן לויט די אָנווייזונגען פון לבון, אָדער איז געמאַכט געוואָרן, ווי ער טענהט, נאָר דורכן „הויכן אָפיציר" און אָן זיין וויסן. דורי און אולשן האָבן נישט געקענט דערגיין צום אמת. אין זייערע אויספירונגען האָבן זיי פעסטגעשטעלט:

„רעזומירנדיק דעם ענין באַדויערן מיר זייער, וואָס מיר האָבן נישט די מעגלעכקייט צו ענטפערן אויף די פראַגן, וואָס זענען אונדז געשטעלט גע־וואָרן דורכן פּרעמיער ; מיר האָבן נישט קיין אַנדערע מעגלעכקייט ווי צו זאָגן, אַז מיר זענען נישט איבערצייגט געוואָרן איבער יעדן אָנגעמבאַרן ספק,

אז (דער הויכער אָפיציר) האָט נישט באַקומען קיין אָנווייזונגען פון זיכערהייטס־מיניסטער (פּנחס לבון); אָבער גלייכצייטיק זענען מיר נישט זיכער, אַז ער האָט טאַקע געגעבן די אָנווייזונגען, וואָס ווערן אים צוגעשריבן״.

מיט אַנדערע ווערטער — רעמי.

אין דער צייט, ווען עס האָט זיך קריסטאַליזירט אַ פעסטע שטעלונג מצד די מפא״י־פירער — שרת, אשכול, גאָלדע מאיר און אַנדערע — אַז אין רעזולטאַט פון די מסקנות פון דורי און אולשן דאַרף לבון דעמיסיאָנירן און אין דעם גייסט האָט מען איבערגעגעבן די שטעלונג בן־גוריונען דורך אַ דעלעגאַציע, וואָס איז געפאָרן קיין שדה בוקר — האָט דווקא דיין אַרויסגעוויזן גרויסמוטיקייט און אַ באַציאונג פון מחילה כלפי דעם געשלאָגענעם לבון. דיין האָט דערציילט לבונען, וואָס ער האָט איבערגעגעבן דער קאָמיסיע אולשן—דורי. דאַקעגן האָט שאול אביגור — פון די „הגנה״־וותיקים, וועלכן מען האָט געהאַלטן אַלס אַ מענטש פון געוויסן און מאָראַל אין זיכערהייטס־פראַגן און איז געווען בן־גוריונס קאַנדידאַט אויפן אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער, איידער ער, בן־גוריון, איז אַוועק קיין שדה בוקר און געווען נאָענט צו משה שרתן מיט משפחה־בונדן — האָט געטענהט פאַר בן־גוריונען, אַז „מען דאַרף פּנחס לבונען באַזייטיקן״; אין דער צייט ווען די אָנפירערשאַפט פון מפא״י האָט געטענהט, אַז עס איז געבראָכן געוואָרן דער צוטרוי צווישן דער אַרמיי און דעם זיכערהייטס־מיניסטער און צוליב דעם האָט זיך געשאַפן אַ געפערלעכע לאַגע פאַר דער זיכערהייט פון ישראל — האָט דיין דווקא גערעדט באַרואיקנדיק. דעם 25־טן יאַנואַר האָט ער געזאָגט בן־גוריונען, אַז „ער האַלט, אַז אויב פּנחס לבון וועט בלייבן נאָך אַ האַלב יאָר, וועלן זיך קענען איינשטעלן קאָרעקטע באַציאונגען״.

במשך פון די אַלע גלגולים פון „עסק ביש״ און דער „לבון־פרשה״ וועט זיך דיין האַלטן קאָנסעקווענט ביי דער שטעלונג און פאַרטיילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער דורכגעפאַלענער אַקציע צווישן פּנחס לבון און דעם הויכן אָפיציר, הגם פון פאָרמעלן שטאַנדפּונקט האָט ער געהאַלטן, אַז לבון טראָגט די אויסשליסלעכע אחריות. ער וועט אויך נישט אָפּטרעטן פון דער שטעלונג, ווען דער פּאָליטישער גורל פון בן גוריונען וועט זיין אין אַ געפאַר. אין דער־אָ פּאַזע, סוף 1954 און אָנהויב 1955, האָט אויסגעזען, אַז דיין איז נישט געווען צופרידן נישט פון לבונען און נישט פון דעם הויכן אָפיציר. ביידע האָבן געהאַנדלט איבער זיין קאָפּ און דעריבער האָט ער ביידע געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן געקעכץ, וואָס זיי האָבן אָפּגעקאָכט. אינסטינקטיוו פילט ער, אַז עס איז בעסער פאַר אים זיך צו דערווייטערן און נישט צו זיין פאַרמישט אין דעם, וואָס איז צו יענער צייט געווען נאָר אַ סכסוך צווישן לבונען און זיינע חברים אין דער מפא״י־אָנפירונג און ער וויל נישט נעמען אין דעם קיין שום אָנטייל.

דעם 2־טן פעברואַר האָט פּנחס לבון דערלאַנגט שרתן זיין דעמיסיע. די

די גאַנצע מפא"י־אַנפירונג, חוץ זלמן ארן, איז געווען ביי דער מיינונג, אַז מען דאַרף זי אָננעמען. שרת אַליין האָט זיך דורך אַ שליח געוואַנדן צו בן גו־ריונען און אים געבעטן, ער זאָל ווערן זיכערהייטס־מיניסטער אין זיין רעגי־רונג. מפא"י נויטיקט זיך, אַז בן־גוריון זאָל זיין אין דער רעגירונג אויך צוליב די זיך דערנענטערנדיקע וואַלן צו דער דריטער כנסת. און אַזוי איז בן גוריון דעם 21־טן פעברואַר 1955, קנאַפּע 15 חדשים נאָכן אַוועקגיין קיין שדה בוקר צוריקגעקומען, כדי איבערצונעמען דעם אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער. נאָך די כנסת־וואַלן אין דעם זעלבן יאָר, האָט ער דעם 18־טן אויגוסט געשאַפן זיין ד־טע רעגירונג און ווידער געוואָרן פרעמיער און זיכערהייטס־מיניסטער. אָבער דער „עסק ביש" איז געווען ווי אַ צייט־באָמבע, וועמענס אַפּאַראַט איז גע־לאָזט אין גאַנג און זי וועט אויפרייסן אין 1960 און וועט גורם זיין בן גוריונס ענדגילטיק אַוועקגיין אין פרילינג 1963.

## קאפיטל זעכצן

# די אָפּעראַציע „קדש" (סיני־אַקציע)

פאַקטיש ערשט נאָך בן־גוריונס צוריקקער אין דער רעגירונג אַלס זי־כערהייטס־מיניסטער אין פעברואַר 1955, הייבן זיך אָן ענגע אַרבעטס־באַציאונגען צווישן אים און דיינען. הגם כלפי חוץ האָט בן־גוריון נישט איבערגעלאָזט קיין שום ספק וועגן זיין פּאָזיטיווער באַציאונג צו דיינען, האָט ער אים כלפי פנים נישט באַפרייט פון נסיונות. ווי שמעון פּרס דערציילט, האָט בן־גוריון נישט געצווייפלט אין דעם, אַז דיין איז אַ גלענצנדיקער מיליטער־מאַן, אָבער ער איז נאָך נישט געווען איבערצייגט צי ער קען זיין דער „נומער 1" אויפן ניוואָ פון יגאל ידין. דיין האָט דאָס באַמערקט און לויט זיינע רייד, האָט ער געדאַרפט באַווייזן בן־גוריונען, אַז ער איז נישט נאָר אַ זעלנער און קאַמפּס־מנהיג, נאָר אויך אַ גוטער שעף פון גענעראַל־שטאַב.

בן־גוריון איז איינער פון די ווייניקע, וועלכע אַנטפּלעקן זיך נישט אינגאַנצן און וועלן קיינמאָל נישט מודה זיין, אַז זיי בויטיקן זיך אין דער הילף פון אַנדערע. אין דעם נאָמינאַציע־בריוו פאַר דיינען אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב שטרייכט בן־גוריון אונטער זיינע אָפּשטאַם־אייגנשאַפטן — אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין לאַנד, וואָס ער האָט באַטראַכט אַלס „פאַר־פליכטנדיקע אַריסטאָקראַטישע צייגעניש" און אַז ער איז „אַ קינד פון דער חלוצישער התיישבות". דעריבער האָט בן־גוריון דערוואַרט, אַז דאָס לעבן פון משה דיין, וואָס איז „געבונדן מיט ערד־אַרבעט, מלחמה־גבורה, פאַר־שטענדעניש און מלוכהשע איבערגעגעבנקייט, וועלן אַרויפלייגן דעם חותם אויף אַלע צה"ל־קאָמאַנדירן און חיילים". דעם בריוו האָט ער אונטערגעשריבן „מיט גלויבן און פאַרערונג". אין זיין געזעגענונגס־בריוו צו דיינען פון 28־טן יאַנואַר 1958 האָט אים בן־גוריון באַצייכנט אַלס „איינעם פון די בעסטע זעלנער פון צה"ל", וועלכער האָט דערהויבן צו דער גרעסטער הויך די קאַמפּס־פעאיקייט פון צה"ל און דורכגעפירט אַ באַדייטונגספולע ווענדונג מיט רייכע רעזולטאַטן. ער האָט אָנגעוויזן אויף „געוואונטשענע אייגנשאַפטן", וואָס כאַראַק־טעריזירן „אַ מיליטער־פירער פון גאָטס גנאָד מיט אַן אומפאַנגרייכער פּאָליטישער פאַרנונפט". צום סוף האָט זיך בן־גוריון צוריקגעקערט צו זיין

נאָמינאַציע־בריוו און געזאָגט, אַז די האָפענונג, וואָס ער האָט געלייגט אויף אים איז מקויים געוואָרן. דעם געזעגענונגס־בריוו האָט ער אונטערגעשריבן „באחווה ובהוקרה" — „מיט ברודערשאַפט און פאַרערונג". פון דעם קען מען מאַכן דעם אויספיר, אַז עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פּראָצעס, וואָס האָט געפירט פון בן־גוריונס „אמונה" צו דייַנען צו „אחווה" (ברודערשאַפט).

אין קעגנזאַץ צו דער אָנגענומענער מיינונג זענען זיך ביידע נישט געפאַלן אין די אָרעמס בעת דער ערשטער באַגעגעניש צווישן דעם זיכערהייטס־מיניסטער און דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב און דיין האָט נישט איין מאָל זיך פאַרטראַכט איבער דער אמתער באַציאונג פון בן־גוריונען צו אים. דיין אַליין האָט געהאַלטן, אַז ער האָט איבערצייגט בן־גוריונען וועגן זיינע פעאי־קייטן ערשט ביי די גרויסע רעוואַנזש־אַקציעס אין 1956 און האָט אינגאַנצן געוווּנען זיין אָנערקענונג אין דער סיני־אַקציע. אָבער דאָס איז ער געוויר געוואָרן ערשט דאַן, ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם געזעגענונגס־בריוו צום פאַרענדיקן זיין קאַדענץ.

אין זאַך האָט זיך אָפּט איבערגעחזרט ביי בן־גוריונען, און דאָס איז די פראַגע „וואָס טוסטו דאָ?" ער האָט געקענט זען די אָפיצירן פון גענעראַל־שטאַב, וועלכע קומען צו דער רעגולערער וועכנטלעכער זיצונג און זיי שטעלן די זעלבע פראַגע. ווען ער איז געקומען אויף אַן אָפיציעלן וויזיט קיין פאַריז אין זומער 1960 און האָט געזען אלוף־משנה עוזי נרקיס, דעם מיליטערישן אַטאַשע אין פאַריז, צווישן די, וועלכע האָבן אים מקבל פנים געווען, האָט ער געדריקט זיין האַנט און אים געפרעגט: „וואָס טוסטו דאָ?" פרס איז געווען געניגט אויסצוטייטשן די דאָזיקע שאלה אַלס בן־גוריוניסטישע אַלטערנאַטיווע צו דער פראַגע „מה שלומך?" (וואָס מאַכסטו?).

אָבער וואָס פאַראַ פירוש מען זאָל נישט געבן, האָט דיין דערציילט פאַלגנדיקע געשיכטע, וואָס ווייזט אָן אויף דער סיטואַציע פון חידוש און פאַרוווּנדערונג, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב: „אין דער ערשטער תקופה פון מיין אַרבעט מיט אים, ווען איך פלעג אַריינקומען אין זיין ביוראָ, פלעגט מיך בן־גוריון טיילמאָל פרעגן, ‚וואָסטו טוסטו דאָ?' פלעג איך אים זאָגן: ‚בן־גוריון, איך בין דער שעף פון גענעראַל־שטאַב". און בן־גוריון פלעגט פרעגן: ‚וואָס, נישט יגאל ידין?' און איך פלעג ענטפערן: ‚ביין, ער איז אַוועק. איך בין דער שעף פון גענעראַל־שטאַב'. דעמאָלט בין איך אין זיינע אויגן נאָך נישט געווען אויפן ניוואָ פון יגאל ידין און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב צו וואָס צו שטרעבן. נאָך אַ געוויסער צייט האָט ער מיך ווידער אָנגעהויבן פרעגן ‚וואָס טוסטו דאָ?' ווען איך האָב געענטפערט, אַז איך בין דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, האָט ער געפרעגט, ‚וואָס, נישט חיים לאַסקאָוו?' דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער ענין איז געענדיקט און איך דאַרף גיין".

לויט דיינען איז די דאָזיקע דערציילונג, פון שטאַנדפּונקט פון איר

אמתדיקייט, „אַזוי אויף דער גרענעץ. איך צווייפל נישט, אַז ער האָט שטאַרק ליב געהאַט יגאל ידינען, האָט אים זייער רעספּעקטירט און האָט זיך פון אים צעשיידט מיט גרויס צער. אַ לענגערע תקופה בין איך נישט געווען ביי אים אָנגענומען. ער האָט באַדאַרפט ענדערן אַ סך פון זיינע באַגריפן, כדי ער זאָל טראַכטן, אַז איך בין אַ גוטער שעף פון גענעראַל־שטאַב. אָבער יגאל איז אין זיינע אויגן געווען אַן אויסגעצייכנטער שעף פון גענעראַל־שטאַב. דערנאָך איז ער „געשטאָרבן" פאַר לאַסקאָוון, וועלכן ער האָט אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט. ער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין מיין פאַרטרעטער און איך האָב אים נישט געוואָלט. דאָס איז נישט דערפאַר, ווייל בן־גוריון האָט במשך פון פיר יאָר נישט געדענקט, אַז איך בין דער שעף פון גענעראַל־שטאַב. זיין פראַגע ,וואָס טוסטו דאָ?', האָט געהאַט דעם ציל צו געבן מיר אַ שטאָך. ער האָט זיך נישט געוואַקלט צו שטעכן און ער האָט דאָס אָפט געטאָן".

אין משך פון דער גאַנצער תקופה פון זייער צוזאַמענאַרבעט איז נישט געווען קיין אָפענע שפּאַנונג, הגם אונטער דער אויבערפלאַך זענען געווען שאַרפע קאָנטראַסטן. בן־גוריון איז באַאיינדרוקט געוואָרן פון די אָנקלאַגעס מצד מיליטער־לייט און ציוויליסטן וועגן דיינס האַרטער באַציאונג צו מענטשן, אַ באַציאונג, וואָס איז דעפינירט געוואָרן אין דעם אָפט איבערגעחזרטן זאַץ: „ער איז נישט קיין מענטש". בן־גוריון האָט דערציילט דיינען וועגן די אָנקלאַגעס, וואָס קומען צו אים און האָט אים געפרעגט, „פאַרוואָס ביסטו אַזאַ האַרטער?" אויף דעם האָט געענטפערט דיין: „אויך אויף די בני צרויה האָט מען געזאָגט ,בני צרויה קשים' טראָץ דעם האָבן זיי געהאָלפן דוד המלך דעראָבערן די מלוכה". דאָס איז געווען אַ קלאָרע אָנדייטונג אויף די היסטאָרישע באַטראַכטונגען פון בן־גוריון אַליין און אויף דער פּאָזיציע, וואָס דיין האָט זיך אַליין אויסגעוויילט.

דעם מאַנגל אין אָפענע צוזאַמענשטויסן צווישן ביידע דאַרף מען אין אַ גרויסער מאָס צושרייבן צו דיינס זכות, ווייל ער האָט זיך בדרך כלל אָפּגעהאַלטן פון פערזענלעכע קריגערייען, באַזונדערס מיט בן־גוריונען, וועמענס פירערשאַפט ער האָט אָנגענומען מיטן גאַנצן האַרצן; ער האָט זיך שטאַרק באַמיט נישט צו שטעלן בן־גוריונען — ווי דאָס האָט געטון ידין — אין אַ לאַגע פון אָדער־אָדער, אין וועלכער ער קאָן צוליב זאַכלעכע מאָטיוון און פרעסטיזש־טעמים, באַשליסן קעגן אים. ער פלעגט פאַרשטעלן בן־גוריונען זיין מיינונג און אויך די שטעלונג קעגן איר.

אָבער אונטער דער אויבערפלאַך, וואָס איז געווען גלאַטיק און ריין פון שפּאַנונגען, האָבן זיך ביידע געפילט פריי צו מאַנעווורירן איינער קעגן דעם צווייטן. אַ ביישפּיל פאַר דעם איז געווען די נאָמינאַציע פון אלוף חיים לאַסקאָוו אַלס פאַרטרעטער פונעם שעף פון גענעראַל־שטאַב. דיין, וועלכער האָט נישט געוואָלט זיין קיין פאַרטרעטער פון אַן אַנדערן, האָט אויך נישט געוואָלט האָבן קיין פאַרטרעטער. ער האָט געוואָלט, אַז זיינע מיטאַרבעטער

זאָלן אים זיין נאָענט צום האַרצן. דעם אלוף אבידר, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס „נומער 2" — אַלס שעף פון אָפּעראַציע־אָפּטיילונג — האָט ער ווי ווייט מעגלעך איגנאָרירט און האָט דירעקט צוזאַמענגעאַרבעט מיט מאיר עמית און עוזי נרקיס. אין אָקטאָבער 1955, ווען אבידר האָט זיך באַפרייט פון מיליטער און איז אַוועק קיין מאָסקווע אַלס אַמבאַסאַדאָר פון ישראל, האָט ער זיך פריינטלעך מיט אים געזעגנט און אַפילו געשאָנקען דער פרוי אבידר די קייט, וואָס ער האָט געמאַכט פון די ציינער פון רעקין. אָבער בן־גוריון, וועלכער האָט געגלויבט אין דער שיטה, אַז דער „נומער 2" דאַרף זיין אַ קעגנזאַץ צום „נומער 1", כדי איינציען די לייצן און די שליטה איבער אים, האָט באַשטימט לאַסקאָוון אַלס שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג און פאַרטרעטער פון שעף פון גענעראַל־שטאַב. דאָס איז געווען אַ קלאָרער מאַנעוור פון בן־גוריונען, וועלכער האָט געוווסט, אַז דיין איז קעגן אַ פאַרטרעטער בכלל און קעגן לאַסקאָוון בפרט.

דיין האָט נישט דערפירט צו קיין קאָנפליקט מיט בן־גוריונען צוליבן נאָמינירן לאַסקאָוון אַלס זיין פאַרטרעטער. און הגם ער איז געווען ביי דער מיינונג, אַז ער וועט נישט קענען מיט אים אויסקומען צוליב אונטערשידן אין דער מענטאַליטעט און כאַראַקטער, האָט ער אָבער מיט דעם שלום געמאַכט. אָבער ער האָט געהאַנדלט אַזוי ווי ער וואָלט נישט געווען, ביז עס איז קלאָר געוואָרן, אַז לאַסקאָווס ביישטייערונג וועט זיין אַ גרעסערע אויף אַן אַנדערן אַמט. אין זומער 1956 איז לאַסקאָוו באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון די פאַנצער־כוחות, מיטן אַרגומענט, אַז זיי נויטיקן זיך אין אַ קאָמאַנדיר פון אַזאַ ניוואָ. און אַזוי ביזן סוף פון זיין קאַדענץ אין יאַנואַר 1958, האָט דיין נישט געהאַט קיין פאַרטרעטער. אויף זיין פאַרשלאַג איז מאיר עמית נאָמינירט געוואָרן אַלס שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג אָן דעם טיטל פון פאַרטרעטער און איז נישט באַטראַכט געוואָרן דורך בן־גוריונען אַלס דער צוקונפטיקער שעף פון גענעראַל־שטאַב. דער דאָזיקער אַמט איז געווען רעזערווירט פאַר לאַסקאָוון.

וואָס שייך דער זיכערהייטס־פּאָליטיק, באַזונדערס בנוגע דער נויט־ווענדיקייט פון רעוואַנזש־אַקציעס, האָט געהערשט כמעט אַ פולשטענדיקע הסכמה צווישן בן־גוריונען און דיינען. עס איז אַפילו אָנצונעמען, אַז ביים פאַרגלייכן זייערע כאַראַקטערן וועט זיך אַרויסווייזן, אַז בן־גוריון איז געווען קעמפערישער. דיין האָט וועגן דעם געוווסט און לויט זיינע רייד, „איז בן־גוריון אין האַרצן אַ גרויסער קעמפער, אָבער שטענדיק באַמיט ער זיך אַליין זיך איינצוצוימען, טאָמער וועט ער אַריינציען ישראל אין אַן אוואַנטורע נאָר דערפאַר, ווייל דאָס בלוט קאָכט אין אים". בן־גוריונס זעלבסטבאַהערשונג, זיין פעאיקייט אָפּצוטיילן די שטורמישע געפילן פון קאַלטן שכל, האָט אים אָפּט דערפירט צו דעם, וואָס עס האָט כלפי חוץ אויסגעזען ווי אַ וואַקלדיקער, ווי מיר וועלן עס נאָך שפּעטער זען.

אין די יאָרן 1953—1956 זענען פּאַרגעקומען געשעענישן, וואָס האָבן אויפגעקאָכט דאָס בלוט פון בן־גוריון און דיין. און נישט נאָר זייער בלוט. הויפּטזעכלעך דריי געשעענישן: די טעראָר־אַקטן און סאַבאָטאַזש־אַקטן פון די אַראַבער קעגן ישובים און בירגער; די מצרישע בלאָקאַדע קעגן ישראלדיקן שיפס־פאַרקער אין סועץ־קאַנאַל און אין דער אילת־בוכטע; די צוגרייטונגען פון מצרים צו אַן אַלגעמיינער מלחמה קעגן ישראל. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז צווישן זיי איז געווען אַ צוזאַמענהאַנג פון אומשטענדן און זייער אַנטוויקלונג, און איין געשעעניש ציט מיט זיך מיט די צווייטע. דעריבער האָט זיך אויך די ישראלדיקע רעוואַנזש־פּאָליטיק אַנטוויקלט פון רעוואַנזש־אַקציעס קעגן טעראָר־אַקטן ביז צו אַ פּרעווענטיוון קריג אין אָקטאָבער 1956.

דיין האָט דורכגעפירט אַן איבערקערעניש אויפן געביט פון רעוואַנזש־פּאָליטיק, ריכטנדיק אַלע אַקציעס אויסשליסלעך קעגן מיליטערישע אָביעקטן, כדי צו פאַרמיידן אַ צווייטע קיביאַ און כדי די גאַנצע לאַסט אַרויפצולייגן אויף דער אַראַבישער מאַכט. אין זיין אַרטיקל „צווישן פּאַלמאַ און קדש" האָט ער געשריבן, „די רעוואַנזש־אַקציעס זענען נישט געווען קיין אַקטן פון בקמה אָדער שטראָף. נאָר האָבן געהאַט דעם ציל אָפּצושרעקן. זייער ציל איז געווען צו באַווייזן די אַראַבער, אַז די טעראָר־אַקטן ברענגען זיי אַ גרעסערן שאָדן ווי נוצן.

די ווירקלעכקייט האָט באַוויזן, אַז ער איז געווען גערעכט. אין ערשטן יאָר פון זיין קאַדענץ אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב, ווען עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די קלעפּ פון די רעוואַנזש־אַקציעס, האָט עס אויסגעזען, אַז די אַראַבישע רעגירונגען און זייערע אַרמייען, באַזונדערס פון מצרים און ירדן, זענען דורך זיי באַווירקט געוואָרן און האָבן זיך באַמיט צו פאַרקלענערן דאָס אַריינדרינגען קיין ישראל דורך זייערע טעריטאָריעס. אין 1954 האָט זיך די צאָל דערהרגעטע ישראל־בירגער פאַרקלענערט אויף 33 (דאַקעגן איז געוואָקסן די צאָל פאַרוונדעטע — 77) און אין 1955 האָט זיך די צאָל קרבנות נאָך מער פאַרקלענערט — 24 דערהרגעטע (69 פאַרוונדעטע). נאָר אין 1956, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט די אָפּעראַציע „קדש", איז געשטיגן די צאָל קרבנות — 54 דערהרגעטע (129 פאַרוונדעטע), אָבער נאָך דעם האָט זיך די צאָל קרבנות כסדר פאַרקלענערט, און פון 1959 און ווייטער איז די צאָל קרבנות יעדעס יאָר געווען קלענער פון 10 און מערסטנטייל אַפילו ווייניקער ווי 5. אַזוי ביז 1967.

די שטאַרקע רעוואַנזש־קלעפּ פון דיין, אויסשליסלעך קעגן מיליטערישע אָביעקטן, האָבן נישט פאַראורזאַכט קיין גרעסערע צאָל קרבנות צווישן די חיילים. אין 1951 זענען געפאַלן 70 חיילים פון דער פיינטלעכער טעטיקייט, אין 1952 — 24. אין 1953, ווען דיין איז געווען שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג, זענען געפאַלן 27 חיילים און אין 1954, אין ערשטן יאָר אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב און פון פאַרשטאַרקן די רעוואַנזש־אַקציעס — 24. אין

1955, אין קעגנזאַץ צו דער כסדרדיקער ירידה פון דער צאָל ציווילע קרבנות, איז שטאַרק געשטיגן די צאָל קרבנות צווישן די חיילים און האָט דערגרייכט — 50. און אין 1956, נישט אַריינרעכנדיק די געפאַלענע אין דער סיני־מלחמה — 63. אין פלוג זעט אויס, אַז אין דעם אַלגעמיינעם בילאַנס פון ישראלדיקע פאַרלוסטן, חיילים און ציווילע פערזאָנען צוזאַמען, האָבן די געוואַגטע רעוואַנזש־אַקציעס נישט דערגרייכט זייער ציל. אָבער דאָ האָט זיך אַנטוויקלט די צווייטע פאַזע אין צוגאַנג פון משה דיין, און דאָס איז די באַפעסטיקונג פון ישראלס זיכערהייט דורך אַנטוויקלען דעם אָפּשרעקונגס־כוח פון צה"ל. אין זיין רעפעראַט פאַר צה"ל־אָפיצירן האָט דיין געזאָגט, אַז דער פאַקט, אַז נאָך אַ שטאַרקער רעוואַנזש־אַקציע האַלט די געטראָפענע אַראַבישע מדינה זיך אָפּ פון אַ רעאַקציע און באַפעלט נישט אירע כוחות איבערצושרייטן די גרענעץ און אַנצוגרייפן ישראל, "באַווייזט די אַראַבישע שוואַכקייט און די אומפעאיקייט צו פאַרמעסטן זיך מיט ישראל". דעריבער דאַרף מען פון סעפּטעמבער 1955 זען די צאָל צה"ל־קרבנות ווי אַ פאַרטיילונג צווישן דער טאָג־טעגלעכער זיכערהייט און דעם אויפבוי פון אַן אָפּשרעקונגס־כוח.

עס איז נישט ריכטיק — ווי דאָס האָט טיילמאָל אויסגעזען — אַז ישראל האָט דעראָבערט די אָפּשרעקונגס־פעאיקייט פאַר פרייז פון אַ סך געפאַלענע חיילים. אין די פיר יאָר פאַר דער קאַדענץ פון משה דיין אַלס שעף פון גענע־ראַל־שטאַב, זענען 143 חיילים געפאַלן פון פיינטלעכע אַקציעס, און אין די פיר יאָר פון דיינס אַמטירן אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב — 1954—1957 — געווי די זעלבע צאָל, נישט אַריינרעכנענדיק די סיני־מלחמה. אין דער הספד־רעדע פאַר אורי אילן פון מגן ישראל, האָט דיין געזאָגט: "די אַרמיי קען נישט פאַרזיכערן דאָס לעבן פון די חיילים — ווייל דאָס לעבן פון די חיילים פאַר־זיכערט דאָס לעבן פון פאָלק. דאָס מיליטער קען נישט פאַרזיכערן די טאָטאַלאָ־זיקייט אין שלום־צייטן, ווייל טאָטן פאַרזיכערן דאָס פאָלק אין דער מלחמה".

אין קעגנזאַץ צו דער מיינונג, וואָס האָט געהערשט ביים ציבור, האָט דיין נישט פאַרגרעסערט די צאָל און פאַרנעם פון די רעוואַנזש־אַקציעס. פאַר־קערט, פון מערץ 1951 ביז אַפּריל 1952 (די דאָזיקע אָנגאַבן זענען אויסגע־רעכנט געוואָרן לויטן בודזשעט־יאָר) האָט ישראל דורכגעפירט 25 רעוואַנזש־אַקציעס; אין 1952/53 — 22, אין 1953/54 — 38; דאַקעגן אין די יאָרן, אין וועלכע דיין איז געווען שעף פון גענעראַל־שטאַב, האָט זיך זייער צאָל פאַרקלענערט. אין 1954/55 זענען געווען 15 רעוואַנזש־אַקציעס, אַ יאָר שפּע־טער — 8, און אין 1956/57 (אָן דער "קדש"־אַקציע) — 10. נאָך דער סיני־אַקציע איז געוואָרן רואיק און אין לעצטן יאָר פון דיינס קאַדענץ אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב האָט ישראל נישט דורכגעפירט קיין שום רעוואַנזש־אַקציעס און אַזוי אויך צוויי יאָר שפּעטער. אַזוי האָט דיינס פּאָליטיק זיך באַרעכטיקט פון די וויכטיקע שטאַנדפּונקטן.

סיי בן־גוריון און סיי דיין זענען געווען זייער פילבאַר, וואָס שייך דעם

לעבן פון די חיילים. געוויסע מיטאַרבעטער פון בן־גוריון זענען ביי דער מיינונג, אַז די נשמה־יסורים צוליב די קרבנות צווישן די חיילים זענען ביי אים געווען אויסגעגאָסן אויפן פנים און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די טייערע אבידות האָבן ביי אים אַרויסגערופן אַ גייסטיקע מידקייט, וואָס האָט דערפירט צו זיין צייטווייליקן אַוועקגיין אין דעצעמבער 1953. דיינס געזיכט האָט וויי־ניקער פאַראַטן, וואָס עס קומט פאָר ביי אים אין דער נשמה. אָבער איינער פון זיינע באַטנטע מיטאַרבעטער, וועלכער האָט זיך געפונען מיט אים בעת דער רעוואַנזש־אַקציע אין קאַלקיליא, וווּ עס זענען דערהרגעט געוואָרן 18 חיילים און 88 זענען פאַרוואונדעט געוואָרן, האָט באַמערקט אַ ראַ־דיקאַלע ענדערונג אין זיין אויסזען און לויט זיינע ווערטער „איז עס געווען זייער טרויעריק אים צו זען". ער אַליין האָט דאָס געפילט און אפשר האָט ער געהאַלטן, אַז זיין צו שטאַרקע פילבאַרקייט גיט נישט צו קיין זיכערקייט דעם קאָמאַנדיר פון דער אַקציע און זיינע מענטשן, און דעריבער האָט ער פאַרלאָזט די קאָמאַנדע פון דער אַקציע, געפאָרן צום גענעראַל־שטאַב און פאַרטאָג זיך צוריקגעקערט צו דער פאָזיציע פון דער קאָמאַנדע, כדי זיך צו טרעפן מיט די צוריקגעקומענע פון דער אַקציע.

דיין, נישט אַזוי ווי בן־גוריון, איז געווען פילבאַר אויך לגבי דעם צווייטן צד. אין דעם טראַגישן סכסוך, וואָס קומט פאָר אין ארץ ישראל, איז ער נישט געווען גלייכגילטיק לגבי דער עוולה, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן די אַראַ־בער און זיין מסירות צו ישראל האָט ביי אים נישט אַנטוויקלט קיין פשרהלאָזע היפּאָקריזע. אַן אויסדרוק פון דעם — וואָס האָט איבעראַשט און אַפילו דערשטוינט אַ סך ישראלים — האָט ער אַנטפּלעקט אין זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 1־טן מאַי 1956 אויפן פרישן קבר פון רועי רוטבערג, אַ מיטגליד פון קיבוץ נחל־עוז, וועלכן אַראַבער האָבן אָנגעגריפן בעת ער האָט מיט זיי גערעדט, זיצנדיק אויפן פערד. זיי האָבן אים פאַרלשפּעט קיין עזה און דאָרט פאַרפייניקט צום טויט: „בעכטן אינדערפרי איז דער־מאָרדעט געוואָרן רועי. די רואיקייט פון פרימאָרגן האָט אים פאַרבלענדט און ער האָט נישט געזען די, וועלכע האָבן אויף אים געטשאַטעוועט אויפן ראַנד פון פעלד. לאָמיר היינט נישט וואַרפן קיין באַשולדיקונגען אויף די רוצחים. וואָס קענען מיר טענהן קעגן דער שטאַרקער שנאה צו אונדז? אַכט יאָר ווי זיי זיצן אין די פּליטים־לאַגערן פון עזה און קעגנאיבער זייערע אויגן פאַרוואַנדלען מיר אין אונדזער נחלה די ערד און דערפער, אין וועלכע זיי און זייערע אבות זענען געזעסן. נישט פון די עזה־אַראַבער, נאָר פון אונדז אַליין וועלן מיר פאָדערן דאָס בלוט פון רועי. דעם חשבון מיט זיך אַליין וועלן מיר מאַכן היינט. מיר זענען אַ דור פון התנחלות און אָן אַ העלם פון האַרמאַטן־לופע וועלן מיר נישט קענען פלאַנצן קיין בוים און בויען קיין הויז".

אָבער ווייסנדיק גוט וואָס פאַראַ עוולה עס איז פאַראורזאַכט געוואָרן די אַראַבער און פאַרשטייענדיק זייער שנאה צום דור פון יידישע קאָלאָניסטן,

האָט ער גלייכצייטיק געהאַלטן, אַז דאָס אָפּהאַלטן די רעגירונגען פון ירדן און מצרים סיי פון דערמוטיקן און פאַרשטאַרקן די טעראָריסטישע טעטיקייט און סיי פון מיליטערישע אָנגריפן, איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען זיי וועלן וויסן מיט זיכערקייט, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה דערוואַרט זיי אַ פולשטענדיקע מפלה.

די ווענדונג — דאָס שיקן נישט־קליינע מיליטערישע אייגהייטן — איז געשען אין דער נאַכט פון 28־טן פעברואַר 1955, אַ וואָך נאָכדעם ווי לבון האָט פאַרלאָזט דאָס זיכערהייטס־מיניסטעריום און בן־גוריון איז צוריקגעקומען. צוויי אָפּטיילונגען פון פאַראַשוטיסטן האָבן אָנגעגריפן אַ מצרישן מיליטערישן לאַגער ביי דער באַן־סטאַנציע אין עזה און אַ קלענערער כוח האָט געבילדעט אַ פאַסטקע פאַר דער מצרישער פאַרשטאַרקונג, וואָס וועט קומען צו הילף דעם אָנגריפענעם מיליטערישן לאַגער. מער וועלן נישט געמאַכט ווערן קיין רעוואַנזש־אַקציעס מיט קליינע כוחות. פון דעם מאָמענט אָן וועט שטייגן דער כוח, וואָס פירט דורך די רעוואַנזש־פּאָליטיק.

די סיבה פון דער עזה־אַקציע, ווי מען רופט זי, די אַקציע פון 28־טן פעברואַר, זענען געווען אַ ריי גרענעץ־אינצידענטן, וואָס זענען פאַראורזאַכט געוואָרן דורך דער מצרישער אַרמיי, הויפּטזעכלעך דאָס אַריינשיקן טעראָריס־טישע גרופּן אין שליחות פון מצרישן געהיים־דינסט, וועלכע האָבן געמאָרדעט ציווילע פערזאָנען פון באַהעלטענישן און פאַראורזאַכט מאַטעריעלע שאָדנס. אָבער די רעזולטאַטן פון דער אַקציע האָט באַפעסטיקט די סברה, אַז זי האָט געהאַט ווייטערע און ברייטערע צילן ווי אַ רעוואַנזש־אַקציע, דהיינו — אַ באַווייז פון אַן איבערמאַכט און אָפּשרעקונג. אין דער עזה־אַקציע זענען דערהרגעט געוואָרן 36 מצרישע זעלנער און 2 ציווילע פערזאָנען פון עזה און 31 מצרישע זעלנער זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן; עס זענען אויך אויפ־געריסן געוואָרן הייזער און אַ ברונעם אין מצרישן מיליטערישן לאַגער. דאָס אַלץ האָט געשטאַרקט דאָס אַלגעמיינע בילד, אַז די פאַראַשוטיסטן, וועלכע האָבן נישט געליטן קיין אבידות, האָבן אומגעשטערט דורכגעפירט די אַקציע אין מצרישן מיליטערישן לאַגער.

מחוץ די גרענעצן פון ישראל האָט מען אַ לאַנגע צייט נישט אָנגענומען די אמתע פאַקטן, אַז די דאָזיקע אַקציעס מיט גרויסע רעזולטאַטן, זענען דורכ־געפירט געוואָרן דורך נישט גרויסע מיליטערישע אייגהייטן. די אונ״אָ־אָבסערוואַטאָרן, צום ביישפּיל, האָבן געשאַצט, אַז 500 חיילים האָבן זיך באַ־טייליקט אין דער קיביאַ־אַקציע, בעת פאַקטיש האָבן אָנטיילגענומען 103 אָפּיצירן און חיילים. אין דער כנרת־אַקציע האָט מען דעם ישראל־כוח געשאַצט אויף אַ גאַנצע בריגאַדע. דער דאָזיקער פאַקט איז אפשר געווען צווישן די פאַקטאָרן, וואָס האָבן אין אַ געוויסער מאָס צונישט געמאַכט די פּאָרויסזע־אונגען פון משה דיין. אַנשטאָט די מצרישע רעגירונג זאָל אַ סוף מאַכן צו דער טעראָריסטישער טעטיקייט, איניציאירט און אָרגאַניזירט זי דורכן

מצרישן מיליטער, כדי נישט דערפירן צו אַ מלחמה, וואָס וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַ מפּלה פאַר מצרים, האָט די מורא פאַר דער איבערמאַכט פון ישראל געשטויסן מצרים, לויט נאַצערס רייד, צו באַוואָפענען זיך (די געוועער־טראַנזאַקציעס מיט טשעכיע) און זיך צוגרייטן צו אַ מלחמה, כדי צו פאַרניכטן ישראל. און דאָס האָט גורם געווען אַ נייע אַנטוויקלונג אין דער ישראלדיקער רעוואַנזש־פּאָליטיק — פאַזע ג׳ — דאָס הייסט די נויטווענדיקייט פון אַ פּרעווענטיוון קריג, אָדער פון אַן אומגעריכטן קלאַפּ.

די פראַגע ווי אַזוי וואָלטן זיך אַנטוויקלט די געשעענישן, ווען בן־גוריון וואָלט געהאַט אַן אַנדערן שעף פון גענעראַל־שטאַב, וועט בלייבן נישט פאַרענטפערט. עס זעט אויס, אַז אַ שעף פון גענעראַל־שטאַב, וועלכער וואָלט געווען ווייניקער דינאַמיש, נישט אַזוי אַנטשלאָסן געשטרעבט צום ציל, ווייניקער פּאָליטיש אָריענטירט און נישט אַזוי געוואָגט, וואָלט געפירט צו מעסיקייט און פאַרלאַנגזאַמונג. דיין, צוליב זיין גרויסער הצלחה צו דערפירן צה״ל צו אַ הויכער קאַמפּס־פעאיקייט, צוליב זיין פּאָליטישער אויפפאַסונג און דרייסטקייט, איז געווען אַ פאַקטאָר, וועלכער האָט געשטויסן בן־גוריונען און האָט דורך דעם גורם געווען אַן עסקאַלאַציע. נאָך דער טשעכישער געוועער־טראַנזאַקציע אין סעפּטעמבער 1955, האָט דיין מער ווי בן־גוריון געשטרעבט צו פאַרשאַרפן די גרענעץ־סכסוכים — דורך וואָס מער שטאַרקערע רעוואַנזש־אַקציעס, כדי זיי זאָלן דערפירן צו אַ מלחמה, אין וועלכער ישראל וועט מיט קליינע פאַרלוסטן אָפּהאַלטן — בנוגע דעם האָט ער נישט געהאַט קיין שום ספק — אַ נצחון. בן־גוריון דאַקעגן, האָט מורא געהאַט פאַר אַ מלחמה און זיך געוואַקלט צו גיין אין דער ריכטונג סיי צוליב פּאָליטישע סיבות און סיי צוליב דער מורא פאַר אַ סך מענטשלעכע קרבנות.

דיינס שטרעבונג צו פאַרשאַרפן דעם סכסוך האָט געפונען איר אויסדרוק אין פאַרשטאַרקן די קלעפּ אין די רעוואַנזש־אַקציעס. און נישט ווי מען האָט אים חושד געווען, באַזונדערס דער לינקער פליגל אין מפּ״ם, אין אַרויסרופן סכסוכים, אָדער אין דער שפּראַך פון יענע טעג: אין „דערוואַרעמען די גרענעץ״. זיין איבערגעגעבנקייט און געהאָרכזאַמקייט צו בן־גוריונען האָבן געקענט דינען אַלס מוסטער. אָבער ער האָט געקענט בן גוריונען און האָט געוויסט, אַז מען קאָן אים באַאיינפלוסן. נישט איין מאָל האָט ער דעריבער דערוואַרט, אַז די רעוואַנזש־אַקציע וועט גורם זיין אַ שטאַרקע מצרישע רעאַקציע, וואָס וועט צווינגען די ישראל־רעגירונג אַנצווענדן נאָך שטאַרקערע מיטלען און דורך דער רעאַקציע און רעוואַנזש וועט אין אַ קייטן־ווירקונג זיך שאַפן אַ באַקוועמע פּאָליטישע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע לאַגע צו דעראָבערן דעם עזה־געביט דורך צה״ל. ווען די גרענעץ האָט זיך דערוואַרעמט און איינער פון די קאָמאַנדירן פון די בריגאַדעס האָט זיך טיף איינגעגראָבן פאַר פאַרטיידיקונגס־צוועקן און האָט אַפילו דערוואַרט אַ לויב מצד דיינען, וועלכער איז געקומען באַזוכן די בריגאַדע און אירע גוטע באַפעסטיקונגען, האָט ער

צו זיין גרויסער איבערראשונג געהערט דיינס ביטול־באַמערקונג: „וואָס האָסטו זיך איינגעגראָבן? אויב עס וועט זיין עפּעס ערנסטעס ווילן מיר אָנגרייפן און נישט זיך פאַרטיידיקן”. ער האָט באַפוילן צו פאַרשיטן אַלע אָקאָפּעס. לויט זיין מיינונג זענען די בעסטע באַפעסטיקונגען דער אָנגריף און ער האָט נישט דערלויבט צו בויען קיין פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס לענגאויס די גרענעצן.

טראָץ דעם אונטערשיד און ווי עס וואָלט געווען א סתירה, האָט דיין פּאַרווירקלעכט זיינע אויפפאַסונגען אין די ראַמען פון דער אַבסאָלוטער לאָ־יאַליטעט כלפּי דער העכערער פּאָליטישער מאַכט. אַלס ביישפּיל דערפאַר קאָן דינען די שלאַכט ביי א־צאַבכאַ, אין דער דעמיליטאַריזירטער זאָנע פון ניצנה (אין אַראַביש אל אודזשא) אין נאָוועמבער 1955. די שלאַכט איז געווען א רעזולטאַט פון א לאַנגדויערנדיקער און קאָמפּליצירטער אַנטוויקלונג, וואָס האָט זיך גענומען פון די חילוקי דעות צווישן די רעגירונגען פון ישראל און מצרים בנוגע דעם פּירוש צו די פּאַראַגראַפן פון דעם הסכם וועגן וואָפנשטילשטאַנד, וואָס האָבן באַשטימט די דעמיליטאַריזאַציע פון דעם ניצנה־שטח אין תחום פון ישראל און האָבן באַגרענעצט די צאָל און קאַטעגאָריע פון די כוחות, וועלכע די מצרים האָבן געקענט האַלטן אויף זייער טעריטאָריע. די מצרים האָבן געטענהט, אַז דאָס אויפשטעלן דעם קיבוץ קציעות אין תחום פון ישראל איז געווען א פאַרלעצונג פון דער דעמיליטאַריזירטער זאָנע, בעת ישראל האָט געהאַלטן דאָס פאַרקערטע, אַז אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער קיבוץ איז נישט קיין מיליטערישע איינהייט און אַז דער הסכם פאַרבאָט נישט די לאַנדווירטשאַפט־לעכע באַאַרבעטונג פון שטח. דאָס איז געווען א ישראלדיקער קאָמענטאַר צום וואָפנשטילשטאַנד־הסכם, ווען עמענס פּאָטער עס איז געווען דיין, ווייל אין דער אמתן זענען די קיבוץ־מיטגלידער געווען זעלנער אָנגעטון אין ציווילע קליידער. די אונ״אָ־אָבסערוואַטאָרן האָבן, נישט אָן צווייפל, מסכים געווען צו דער פאָדע־רונג פון ישראל אוועקצושטעלן פונקטן מיט ציווילער פּאָליציי, בעת די מצרים האָבן זיי באַטראַכט אַלס מיליטערישע איינהייטן. די פאָדערונג פון אונ״אָ־אָבסערוואַטאָרן אויפסניי אָנצוצייכענען די אינטערנאַציאָנאַלע גרענעץ, כדי צו פאַרמיידן אַריינדרינגונגען צוליב א טעות פון ביידע צדדים, איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער ישראל־רעגירונג, אָבער איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער מצרישער רעגירונג. די נייע גרענעץ־אָנצייכענונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז צוויי מצרישע פּאָזיציעס געפינען זיך אויף דער ישראל־טעריטאָריע. דער מצרי־שער אָפּזאָג, אויף דער פאָדערונג פון די אונ״אָ־אָבסערוואַטאָרן, צו פאַרלאָזן די צוויי פּאָזיציעס, האָט ארויסגערופן א ריי צוזאַמענשטויסן. די דאָזיקע צוזאַ־מענשטויסן האָבן דערפירט צו א שווערן קריזיס, ווען די מצרים האָבן אָנגע־גריפן די פּאָליציי־פונקטן ביי בארותיים, האָבן דערהרגעט איין פּאָליציאַנט, דריי פאַרוואונדעט, צוויי גענומען אין געפאַנגענשאַפט און באַזעצט דעם דרום־דיקן טייל פון דער דעמיליטאַריזירטער זאָנע אין געביט פון ישראל און זיך דאָרט באַפעסטיקט. לויט בן־גוריונען האָט צה״ל באַקומען א באַפעל צו פאַר־

טרייבן די מצרים פון דער ישראל־טעריטאָריע נאָך דעם ווי אלע פאָדערונגען פון דער אונ״אָ כלפּי די מצרים האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן. זינט עס זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן די קאַמפּן אין דער באַפרייאונגס־מלחמה, איז דאָס געווען דער ערשטער פאַל, ווען צה״ל איז געווען געצווונגען צו באַנוצן זיך מיט כוח, כדי צו פאַרטרייבן א פרעמדע ארמיי פון ישראל־שטח״.

כדי צו באַזייטיקן די מצרישע ארמיי, וואָס איז אריינגעדרונגען אין דער ישראל־טעריטאָריע, האָט מען געמוזט פירן א קאַמף קעגן זיין עיקרדיקן שטיץ־פּונקט — די פעסטונג א־צאַבכא, א בערגל מיט פינף באַפעסטיקטע פּאָזיציעס, פינף קילאָמעטער אויף דרום פון בארותיים, אויף דער מצרישער טעריטאָריע, וואָס האָט געהאַט א כוח פון א פאַרשטאַרקטן פּולק. אלס מיליטע־רישע אקציע איז דאָס געווען די גרעסטע זינט 1951 און פון שטאַנדפּונקט פון צה״ל איז דער חידוש באַשטאַנען אין דעם, וואָס צום ערשטן מאָל האָבן צוזאַמען מיט די פּאַראַשוטיסטן געקעמפט חיילים פון „גולני״ און פון נח״ל. דאָ האָט זיין אָנגעהויבן איבערפּלאַנצן די פעאיקייט און קאַמפּס־גייסט פון די פּאַראַ־שוטיסטן אין אלע יבשה־איינהייטן.

די שלאַכט איז פאָרגעקומען ביינאַכט, אין א גרויסן פאַרנעם אויף אַ ברייטן שטח. די באַפעסטיקטע פּאָזיציעס פון א־צאַבכא זענען דעראָבערט און פאַרניכטעט געוואָרן און די גאַנצע אויסשטאַטונג איז אריינגעפאַלן אין די הענט פון צה״ל — אויטאָס, טאַנקעטקעס, הארמאַטן און מאַשין־געווער. 50 מצרישע חיילים זענען דערהרגעט געוואָרן קעגנאיבער 7 חיילים פון צה״ל. צווישן די פּאָליטישע באַגרענעצונגען, וואָס בן גוריון האָט ארויפגעלייגט אויף דיינען, איז געווען די פאָראָדערונג צו עוואַקואירן א־צאַבכא גלייך נאָכן פאַרענדיקן די אקציע.

עוזי נרקיס, דעמאָלט געהילף פון שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג, געדענקט, אז ביי 3 אזייגער ביינאַכט, ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט די שלאַכט און עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, איז ער געזעסן אין דער געזעלשאַפט פון דיין אויף איינעם פון די אָבסערוואַציע־בערגלעך. נרקיס האָט געהאַלטן, אַז ער פאַרשטייט די מחשבות פון זיין קאָמאַנדיר, וועלכער האָט דערוואַרט א מצרישן קאָנטער־אַטאַק, וואָס וועט דערמעגלעכן א קעגן־קלאַפּ און דורך דעם צו אַן אַנטוויקלונג, וואָס קאָן דערפירן צו אַ מלחמה. נרקיס האָט פאָרגעלייגט דערוי־בער דיינען נישט צוריקצושיקן גלייך די כוחות, נאָר א ביסל אָפּוואַרטן. זייער אָנוועזנהייט אויף דער מצרישער טעריטאָריע אין מיטן העלן טאָג וועט צווינגען דעם פּרעזידענט נאַצער דורכצופירן אַ קאָנטער־אַטאַק. לויט נרקיסן האָט דיין צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — א כאַראַקטעריסטישע באַוועגונג בעת ער פאַרטראַכט זיך — און האָט געזאָגט: „איך האָב צוגעזאָגט בן גוריונען, מיר מוזן גלייך צוריקגיין״.

די שלאַכט אין א־צאַבכא איז פאָרגעקומען נאָך דעם ווי די מצרים האָבן בלאָקירט די אילת־בוכטע און האָבן געשלאָסן די געוועור־טראַנזאַקציע מיט

די סאָוויעטן — ביידע זאַכן אין סעפּטעמבער 1955. אין דער צייט איז איבער־געריסן געוואָרן דער שיף־פאַרקער קיין אילת און די פליען פון „אל־על" קיין דרום־אפריקע, א לופט־ליניע, וואָס גייט איבער דער אילת־בוכטע. פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך די מצרישע ארמיי אָנגעהויבן שטאַרק צו באוואָפענען מיט סאָוויעטיש געווער. אין דער זעלבער צייט איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די אַראַבישע טעראָריסטישע טעטיקייט מיט דער הילף פון מצרישן מיליטער, ווען נאַסער האָט אין אַפּריל 1955 באַשלאָסן, אַז די טעראָר־ און סאַבאָטאַזש־אַקטן זענען גוטע וועגן צו פירן א מלחמה קעגן ישראל און האָט פאַר דעם ציל געשאַפן א ספּעציעלע אײנהייט מיטן נאָמען „פידאיין". די דאָזיקע טעראָ־ריסטישע אײנהייטן זענען געקומען פון עזה־פּאַס, ירדן, סיריע און לבנון. דיין איז געווען ביי דער מיינונג, אַז איצט מער ווי שטענדיק דאַרף ישראל שטעלן די אַראַבער אויף אַן אולטימאַטיוון אופן פאַר דער ברירה: שטרענג אָפּהיטן דעם שלום, אָדער אַראָפּקייקלען זיך צו א מלחמה.

דיין האָט מורא געהאַט, אַז אויב ישראל וועט נישט אַרויס אין א פּרעווענ־טיוון קריג, קען זי אָנגעגריפן ווערן דורך די מצרים ביי קלענערע בצחון־שאַנסן און מיט גרעסערע פאַרלוסטן. ער האָט זיך געהאַט אויף וואָס צו שטיצן: דעם 29־טן סעפּטעמבער איז באַקאַנט געוואָרן, אַז שיפן מיט שווער געווער — טאַנקן, האַרמאַטן און עראָפּלאַנען און אויך אונטערוואַסער־שיפן קומען אָן קיין מצרים און דער קאַירער ראַדיאָ האָט דערקלערט, אַז „דער טאָג פון ישראלס חורבן דערנענטערט זיך, עס וועט נישט זיין קיין שלום אויף די גרענעצן, מיר פאָדערן נקמה, און נקמה הייסט טויט פאַר ישראל". דיין האָט נישט אָפּגעשלעפּט. ווי נאָר עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די בלאָקאַדע אויף אילת, האָט ער פאָרגעלייגט בן גוריונען צו באַהערשן די בוכטע און זי צו עפענען מיט כוח. בן גוריון — וועלכער איז דאַן געווען זיכערהייטס־מיניסטער אין דער רעגירונג פון שרת — האָט דעם פאָרשלאַג נישט אָנגענומען.

דעם 19־טן אָקטאָבער איז דיין געפאָרן קיין פּאַריז אויף א דרייסיק־טאָגיקן אורלויב. אָבער דעם 22־טן האָט אים בן גוריון געשיקט א טעלעגראַמע, אַז ער זאָל גלייך צוריקקומען. צומאָרגנס, דעם 23־טן האָט ער זיך געטראָפן מיט בן גוריונען, וועלכער איז נאָך נישט געווען איינגאַנצן געזונט נאָך א קראַנק־הייט. מען קאָן זיך משער זיין, אַז דיין איז געווען געשפּאַנט צו וויסן, פאַרוואָס מען האָט אים אַזוי דרינגענד אַרויסגערופן צום קראַנקן בן גוריון. אָבער דאָס געשפּרעך וואָס בן גוריון האָט אָנגעהויבן, האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגע־צייכנט. ער האָט געבעטן דיינען, ער זאָל אים באַריכטן וועגן דער זיכערהייטס־לאַגע און וועגן אַנדערע אַקטועלע פּראָבלעמען. ערשט ביים סוף פון געשפּרעך האָט בן גוריון אַרויסגעגעבן אייניקע אָנווייזונגען, וואָס איינע פון זיי איז געווען „זיין גרייט צו דעראָבערן די אילת־בוכטע (שאַרם א־שייך, ראַס־נאַצראַני און די אינדזלען טיראַן און סאַנפיר)", כדי צו פאַרזיכערן א פרייען שיף־פאַרקער

פאר ישראל אין ים סוף. אזוי ארום איז אים קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס ער האָט געדאַרפט איבעררייסן דעם אורלויב.

דעם 2־טן נאָוועמבער, נאָך די אַלגעמיינע וואַלן, איז בן גוריון צוריק געוואָרן פּרעמיער און זיכערהייטס־מיניסטער. דעם זעלבן טאָג האָט ער פאַרגעשטעלט די קאָאַליציע־רעגירונג אין דער כנסת און אין זיין רעדע האָט ער אָנגעדייט וועגן זיינע מלחמה־כוונות. „די פאַרשטייער פון מצרים אין אונ״אָ האָבן אָפן דערקלערט, אַז דער מלחמה־צושטאַנד צווישן ישראל און מצרים האַלט אָן. די מצרישע רעגירונג האָט פאַרלעצט דעם יסודותדיקן אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ וועגן פרייען שיף־פאַרקער אין סועץ, וועגן וואָס עס איז פאַראַן אַ בפירושער באַשלוס פון זיכערהייטס־ראַט. מצרים פּרובירט איצט צו בלאָקירן דעם וועג פאַר ישראל־שיפן אין דער בוכטע פון ים־סוף, אין קעגנזאַץ צום אינטערנאַציאָנאַלן פּרינציפּ פון פרייען פאַרקער אויף אַלע ימען. די דאָזיקע איינזייטיקע מלחמה דאַרף אָפּגעשטעלט ווערן, ווייל זי וועט נישט קאָנען בלייבן אַן איינזייטיקע אויף לאַנגע יאָרן״.

„די ישראל־רעגירונג איז גרייט, ווי פריער, געטריי אָפּצוהיטן די וואָפנשטילשטאַנדס־אָפּמאַכן אין אַלע זייערע פּרטים און אין זייער בוכשטעבלעכן זין. אָבער דער דאָזיקער חוב ליגט אויך אויף דעם אַנדערן צד. דער הסכם, וואָס וועט פאַרלעצט ווערן דורכן אַנדערן צד, וועט אונדז אויך נישט פאַרפליכטן. אויב די וואָפנשטילשטאַנדס־ליניעס וועלן געעפנט ווערן אויף דער צווייטער זייט גרענעץ פאַר דיווערסאַנטן און מערדער — וועלן זיי נישט בלייבן געשלאָסן פאַר די פאַרטיידיקער. אויב אונדזערע רעכט וועלן פאַרלעצט ווערן דורך גוואַלד־טאַטן אויף דער יבשה אָדער אויפן ים — וועלן מיר זיך פאַרזיכערן די טעטיקייט־פרייהייט צו באַשיצן אונדזערע רעכט אויפן עפעקטיווסטן אופן. מיר שטרעבן צו שלום — אָבער נישט צו זעלבסטמאָרד״.

די שלאַכט אין צאַבכא און די דעבאַטע אין דער כנסת וועגן דער נייער רעגירונג איז פאָרגעקומען אין דער זעלבער צייט, דעם 2־טן און 3־טן נאָוועמבער. דיין האָט געוווסט פון פאָרויס, וואָס בן גוריון וועט זאָגן אין דער כנסת. די פאָראָרדענונג זיך צוצוגרייטן צו דער דעראָבערונג פון דער אילת־בוכטע האָט ער גיך אויסגעפירט און האָט פאַרמירט אַ ספּעציעלן קאָמאַנדאָ־כוח פון פאַראַשוטיסטן און פוסגייער־איינהייטן אונטער דער קאָמאַנדע פון אלוף־משנה (דעמאָלט) חיים בר־לב. די באַשטימטע אקציע האָט מען באַצייכנט מיטן שיפרנאָמען „עמר״ — דער נאָמען פון בר־לבס זון. מען האָט אפילו געשיקט אַ פאָדער־פאַטראָל אין אַ ספּעציעלער אַקציע מיטן נאָמען „ירקון״, וואָס האָט אויסגעפאָרשט די דורכפאָר־מעגלעכקייטן פאַר מיליטערישע אויטאָס אין סיני אויפן וועג צו דער אילת־בוכטע.

און אַזוי זיצנדיק אויפן בערגל ביי אַ־צאַבכא האָט דיין גוט געוווסט, וואָס עס זענען בן־גוריונס טענדענצן, ווען ער האָט באַשלאָסן צוריקצוברענגען די ישראל־כוחות גלייך נאָך איידער עס הייבט אָן צו טאָגן און האָט זיך נישט גע־

לאָזט פאַרכאַפּן דורכן לייכטן ארגומענט צו פּראָוואָצירן די מצרים צו א קעגן־אַנגריף און דורך דעם ארויסרופן א מלחמה.

די פּרשה פון דער שלאַכט אין א־צאַבּכאַ האָט געהאַט אַ קאָמישן סוף. נאָך דעם ווי די כּוחות האָבן זיך עוואַקואירט און זענען צוריקגעקומען קיין ישראל, האָבן זיך די מצרים צוריקגעקערט אין זייערע צעשטערטע פּאָזיציעס מיט נצחון־שאַלן. די קאַירער צייטונגען פון 4־טן נאָוועמבער האָבן מיט ריזן־קעפּ אָנגעזאָגט, אַז די מצרישע אַרמיי האָט אַנגעגריפן, אָפּגעשטויסן און פאַרטריבן די צה״ל־איינהייטן און זיי פאַראורזאַכט 200 טויטע. אפילו דער דעמאָלטיקער שעף פון די און״אָ־אָבסערוואַטאָרן, גענעראַל בערנס, האָט אין דעם געזען אַ באַרעכטיקונג פאַר הומאָר און האָט געשריבן: „דער קאָנטר־אַטאַק פון מצרים, אויב מען קען דאָס אַזוי אָנרופן, האָט אויפסניי דעראָבערט אַ נישט פאַרטיידיקטן באַרג״.

במשך פון איין חודש האָט צה״ל דורכגעפירט פיר אַקציעס, אין וועלכע די צאָל געטראָפענע פון ביידע צדדים איז געשטיגן פון איין אַקציע צו דער צווייטער. אין דער ראהאווא־אַקציע אין דער נאַכט פון 11־טן סעפּטעמבער 1956, האָט צה״ל געהאַט 9 פאַרוווּנדעטע, און דער אַראַבישער לעגיאָן 20 דערהרגעטע; אין דער דזשעראַנדאל־אַקציע, אין דער נאַכט פון 13־טן סעפּ־טעמבער, איז די צאָל געטראָפענע פון צה״ל געשטיגן אויף 13 (1 דערהרגע־טער) און פון לעגיאָן — 22 (דערפון 16 דערהרגעטע); אין כוסאַן זענען געווען 26 צה״ל־געטראָפענע (10 דערהרגעטע) און 51 ירדנישע זעלנער (39 טויטע), און אין קאַלקיליא — די קרוין פון אַלע רעוואַנזש־אַקציעס, אויב מען קאָן זי אַזוי אָנרופן — זענען די אבידות פון צה״ל געווען די שווערסטע זינט דער באַפרייאונגס־מלחמה — 106 (פון זיי 18 טויטע); די אבידות פון אַראַבישן לעגיאָן האָבן באַטראָפן 102 (פון זיי 88 טויטע).

נאָך דער אַקציע אין קאַלקיליאַ האָט זיך דיין געטראָפן מיט די צייטונגס־רעדאַקטאָרן און האָט אַליין דערוועקט די פראַגע: „מיר זענען אַ קליינע אַרמיי און אונדזערע בעסטע בחורים לייגן מיר נאָך דער אַקציע אַריין אין שפּיטאָל. די פראַגע איז: וואָס וועט זיין ווייטער?״

ער האָט נישט גערעדט וועגן אַן אַנדערן וועג חוץ אַ מיליטערישן. זיין ספק בנוגע די רעוואַנזש־אַקציעס איז אַרויסגעדרונגען אויסשליסלעך פון דעם וווּקס פון די אבידות אין צה״ל. וועגן דער השפּעה פון די דאָזיקע אַקציעס אויפן פיינט האָט ער בכלל נישט געצווייפלט: „איך גלויב נישט, אַז ירדן קאָן בלייבן גלייכגילטיק נאָך דעם וואָס עס האָט נעכטן פּאַסירט (אין קאַל־קיליאַ). אויב אַלס רעוואַנזש פאַר דערהרגענען צוויי זעלנער ווערן דער־הרגעט הונדערט ירדנישע זעלנער און פּאָליציאַנטן, וועלן זיי זיך דאַרפן גוט פאַרטראַכטן צי עס לוינט זיי צו שיקן די פידאַיון־טעראָריסטן און עס איז אַ ספק, צי זיי וועלן ווייטער זיי שיקן ווען זיי וועלן וויסן, אַז פאַר יעדער זייערער טאַט איז פאַראַן אַ שטראָף און אַ באַצאָלונג. איך גלויב, אַז אויב מיר

װעלן פֿאַרזעצן די דאָזיקע שיטה װעלן מיר צװינגען די ירדנער זײ זאָלן אױפֿהערן צו שיקן די טעראָריסטן. אָבער פֿאַר אונדז שטײט די פֿראַגע, צי מיר קענען טאַקע פֿאַרזעצן די דאָזיקע שיטה?״

פֿון זײַנע װערטער דרינגט אַרױס, אַז אַ פּרעװענטיװער קריג איז זײַן ענטפֿער אױף די בײדע פֿראַגן.

װען בן־גוריון האָט געבראַכט פֿאַר דער רעגירונג זײַן פֿאָרשלאַג צו עפֿע־נען די אילת־בוכטע מיט כּוח, אַ קורצע צײַט נאָך דעם װי ער האָט זי פֿאָר־געשטעלט פֿאַר דער כּנסת, איז ער געבליבן אין אַ מינדערהײט. די רעגירונג האָט באַשלאָסן, אַז די צײַט איז נישט פּאַסיק פֿאַר אַזאַ אַקציע און ישׂראל װעט האַנדלען „אױפֿן אָרט און אין דער צײַט, װאָס װעלן זײַן גוט פֿאַר ישׂ־ראל״. בן־גוריון האָט דעם דאָזיקן באַשלוס איבערגעגעבן דײַנען און ער איז פֿון דעם געװען זײער אַנטױשט. דעריבער האָט מען צװישן אַנדערן געזאָגט װעגן אים, אַז „ער איז אָפּטימיסטיש בנוגע די אַראַבער און פּעסימיסטיש בנוגע די ייִדן״. דאָס הײסט, אַז ער גלױבט, אַז די אַראַבער װעלן צװינגען ישׂראל צו קעמפֿן, און נישט אַז די ייִדן װעלן קומען צו דער דאָזיקער ריכ־טיקער מסקנה. מיט אַנדערע װערטער — די אַראַבער װעלן מאַכן רעטנדיקע פֿעלערן.

דעם 5־טן דעצעמבער 1955 האָט דײַן, אין אַ בריװ צו בן־גוריונען אַלס זיכערהײטס־מיניסטער, שאַרף רעאַגירט אױפֿן באַשלוס פֿון דער רעגירונג. די פֿאָרמולירונג, אַז ישׂראל װעט האַנדלען „אױפֿן אָרט און אין דער צײַט, װאָס װעט זײַן פּאַסיק פֿאַר איר״, איז פֿאַר אים געװען אַן אָנגעבלאָזענע און אױסגעלײדיקטע פֿון אינהאַלט, װײַל הינטער איר איז נישט געשטאַנען קײן שום רעאַלער פּלאַן צו עפֿענען די אילת־בוכטע. די טעטיקײטס־ליניע פֿון דער רעגירונג האָט ער באַצײכנט אַלס „נישט ריכטיקע און זי װעט אונדז דערפֿירן צום פֿאַרלירן די פֿרײַהײט אױפֿן געביט פֿון שיפֿס־פֿאַרקער און אַװיאַציע אין ראַיאָן פֿון דער אילת־בוכטע. אין אַזאַ מצב װעט אילת זײַן פֿאַר אונדז אַ ברעג בײַ אַ געשלאָסענער אָזיערע און דער אַרױסגאַנג פֿון איר װעט זײַן אָפּהענגיק פֿון דער מצרישער הסכּמה״. אין דער טאַטלאָזיקײט פֿון דער רעגירונג גלײַך נאָך דער בלאָקאַדע, האָט ער געזען „אַ פֿאַקטישן פֿאַרציכט אױף דער פֿרײַהײט פֿון שיפֿס־פֿאַרקער און אַװיאַציע אין ראַיאָן פֿון דער אילת־בוכטע״.

ער האָט אױסגעדריקט זײַן מײנונג, אַז ישׂראל דאַרף מעגלעך װאָס פֿריער (במשך פֿון אײן חודש) דורכפֿירן די דעראָבערונג פֿון דער אילת־בוכטע״. זײַן שטעלונג איז אָפּגעװאָרפֿן געװאָרן און דער קאָמאַנדאָ־כּוח „עמר״ — נאָך דעם װי ער האָט דורכגעפֿירט די כּינרת־אַקציע דעם 11־טן דעצעמבער — איז אױפֿגעלײזט געװאָרן. צװישן די שורות פֿון זײַן בריװ צו בן־גוריונען פֿון 5־טן דעצעמבער קאָן מען אַרױסלײענען זײַן קריטיק. ער דערמאָנט בן־גוריונען, אַז דער פֿרײַער צוגאַנג צום הר הצופֿים און דאָס באַנוצן זיך מיטן

לאַטרון־שאָסיי זענען פאַרלוירן געגאַנגען פאַר ישראל „צוליבן אָפּזאָג פון די ירדנער פון איין זייט און צוליב אונדזער אָפּהאַלטן זיך פון זיין פאַר־ווירקלעכונג (פון הסכם) פון דער אַנדערער זייט". אין 1949, איידער ער האָט פאַרלאָזט דעם שטאָב אין ירושלים, האָט דיין פאַרגעלייגט בן־גוריונען צו פאַרזיכערן מיט כוח די רעכט, וועלכע די ירדנער האָבן זיך פאַרפליכטעט צו געבן ישראל אין דעם וואָפּנשטילשטאַנדס־הסכם.

די צווייטע באַמערקונג, וואָס ווייזט אָן אויף זיין קריטישער שטעלונג, איז געווען, אַז בן־גוריון אַליין האָט זיך פאַרפליכטעט צו אַ מיליטערישער אַקציע אין קלאָרע דעקלאַראַציעס און האָט אפילו איבערגעגעבן „דעם מצרישן פרעמיער דורך דער פאַרמיטלונג פון גענעראַל בערנס, די שטעלונג פון דער רעגירונג, וואָס זאָגט, אַז ישראל וועט נישט מסכים זיין צו אַן איינזייטיקער דורכפירונג פון די וואָפּנשטילשטאַנדס־אָפּמאַכן". מיט אַנדערע ווערטער — דיין האָט אָנגעדייט, אַז בן־גוריון האָט געשטעלט אין אַ געפאַר זיין באַ־גלויבטקייט.

הגם אין דעם בריוו איז פאַראַן אַ קלאָרע באַשולדיקונג כלפּי בן־גוריונען, האָט ער אים פון איר באַפרייט אין זיין בוך „יומן מערכת סיני" (טאָגבוך פון דער סיני־אַקציע), ווו ער האָט געשריבן: „הגם מיין בריוו איז געווען געווענדעט צו בן־גוריונען, האָב איך זיך נישט געדאַרפט ווענדן צו אים, ווייל ער האָט געוואָלט באַפעלן דער אַרמיי דורכצורייסן די בלאָקאַדע, נאָר די רעגירונג האָט באַשלאָסן, אַז עס איז נאָך נישט געקומען די צייט און מען דאַרף אָפּלייגן די אַקציע אויף אַן אַנדערער צייט".

פון פאָרמעלן שטאַנדפּונקט און כלפּי חוץ איז דאָס געווען גענוג. אָבער ביי זיך אין האַרצן האָט דיין געוווסט, אַז באַשלוסן אין וועמענס וויכטיקייט ער האָט געגלויבט און האָט זיי געוואָלט אָננעמען, האָט בן־גוריון באַוויזן דורכצופירן אין דער רעגירונג. דאָס וואָס ער איז ביים אָנהויב געווען אין אַ מינדערהייט אין פראַגן, וואָס זענען געווען לעבנסוויכטיק אין זיינע אויגן, האָט אים נישט געבראַכט צו קיין פאַרציכט אין זיין קאַמף. פאַרקערט, ער האָט נישט אָפּגעלאָזט ביז ער האָט אַרום זיך געשאַפן די נויטיקע מערהייט. דיין האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז בן־גוריונס פּאָזיציע אין דער רעגירונג בכלל, און אין זיכערהייטס־פראַגן בפרט, איז געווען אַזאַ אָנגעזעענע, אַז ווען ער וואָלט טיף געגלויבט אין דעם, אַז די מיליטערישע דעראָבערונג איז דער איינציקער וועג צו עפענען די אילת־בוכטע, וואָלט ער געקאָנט געווינען די מערהייט מיניסטאָרן פאַר זיין שטעלונג. אָבער טיילמאָל האָט בן־גוריון געוואָלט ווייזן, אָדער דאָס איז אים געווען באַקוועם, אַז ער איז אין אַ מינדערהייט און אַז זיינע הענט זענען געבונדן דורך דער מערהייט.

דער אויסגאַנגס־פּונקט פון זייער צוגאַנג צו זיכערהייטס־פראַגן איז גע־ווען אידענטיש מיט דעם, וואָס ער איז אַרויסגעפלאָסן פון דעם זעלבן קאָש־מאַר — דאָס פאַרגיסן יידיש בלוט. אָבער בעת בן־גוריון האָט מורא געהאַט,

אין פאַל פון אַ מצרישן נצחון, פאַר אַ שחיטה און אומקום — „דאָס יידישע פאָלק אין זיין לאַנד וועט נישט זיין קיין סטאַדע פאַר אַ שחיטה. דאָס וואָס היטלער האָט געמאַכט מיט הילפלאָזע זעקס מיליאָן יידן אין די געטאָס אין אייראָפּע, וועט קיין שום צורר ישראל נישט מאַכן מיט די פרייע יידן אין זייער פאָטערלאַנד", האָט ער געזאָגט אין דער כנסת דעם 2־טן נאָוועמבער, פאַרשטעלנדיק זיין רעגירונג — האָט דייגען באַאומרואיקט די מורא, אַז עס וועט באַשטימט ווערן אַ ביליקער פרייז פאַרן לעבן פון די ישראלים. ווען ער האָט מספּיד געווען דעם קיבוצניק רועי רוטבערג האָט ער געזאָגט: „אונדזער בלוט וועט אומזיסט נישט פאַרגאָסן ווערן"; און אין זיין רעפּעראַט פאַר די קאָמאַנדירן האָט ער אונטערגעשטראָכן: „מיר האָבן דעם כוח צו באַשטימען אַ הויכן פרייז פאַר אונדזער בלוט". די בילדער פון פּאָגראָמען אין מזרח־אייראָפּע און דער אומקום אין דער נאַצי־תקופה זענען געווען טיף איינגעקריצט אין באַוווסטזיין פון דוד בן־גוריון, אַ געבוירענער אין פּלאָנסק, פּוילן. דיין דער חייל, וועלכער איז געווען זיכער אין דער באַ־נייטער קאַמפּס־פעאיקייט פון צה"ל, איז נישט געווען מסוגל זיך פאָרצו־שטעלן אַ שחיטה איבער ישראל־יידן און ער געדענקט „ווי אַראַבער זענען אַנטלאָפן אַזוי ווי פייגל פון קלאַפּן אין בלעך". אויך נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה האָט ער וועגן איר וויניקער גערעדט ווי פון אַ קיום־מלחמה און מער ווי אַן אויסדרוק פון בענקשאַפט פון פאָלק צו דער נחלה פון זיינע אבות.

אין פראַגן פון שטחים איז דיין געווען אַ גרעסערער פאַנאַטיקער. בן־גוריון איז געווען קעגן דער דעראָבערונג פון עזה־געביט — נישט דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געטראַכט אַזוי ווי דיין, אַז מען דאַרף דערוויטערן די מצרישע אַרמיי און ליקווידירן דעם מקור פון דער טעראָריסטישער טעטיקייט, נאָר ווייל ער האָט געזען אַ פּלאָנטער פון פּראָבלעמען אין אַ געביט, וואָס איז געדיכט באַוווינט פון אַראַבער. פאַר דייגען איז דער שטח געווען וויכטיקער ווי די פּראָבלעמען. זיין נישט גרייטקייט מוותר צו זיין אפילו אויף „איין שפּאַן", איז געקומען צום אויסדרוק, ווען ער איז געווען קאָמאַנדיר פון ירושלים, בעת מען האָט פעסטגעשטעלט די הפקר־שטחים. און די רעכט פון שיף־פאַרקער זענען פאַר דייגען געווען ווי שטח און דאָס באַרויבן די רעכט־באַגרענעצונג פון שטח.

אָבער דער הויפּט־אונטערשיד צווישן ביידע איז באַשטאַנען אין דעם צוגאַנג צו דער מלחמה און צו אירע רעזולטאַטן. בן־גוריון האָט פאַר זיך געזען אַ שווערערע מלחמה מיט אַ סך קרבנות. ער איז אויך געווען פיל־באַרער כלפּי דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט, באַזונדערס כלפּי דער רעאַקציע פון די גרויסמאַכטן. בן־גוריון איז געווען באַאיינדרוקט פון דער מיליטערישער פאַרשטאַרקונג פון מצרים מיט דער הילף פון סאָוויעטישן געווער. אין זיין באַריכט, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן אין דער כנסת דעם 2־טן יאַנואַר 1956 וועגן דער זיכערהייטס־לאַגע האָט ער געזאָגט, אַז „במשך

אַלע יאָרן נאָכן פאַרענדיקן די שלאַכטן מיט זיבן יאָר צוריק, האָבן אַלע אַראַבישע אַרמייען, און אפילו מצרים אַליין, אַן איבערמאַכט אויפן געביט פון געווער אין אַלע מיליטערישע אַפּטיילונגען, סיי אויף דער יבשה, סיי אויפן ים און סיי אין דער לופט, שוין נישט רעדנדיק וועגן מעכטיקן קוואַנטיטאַטיוון פאָרטייל אויפן געביט פון מענטשן־כוח". לויט בן־גוריונס רייד האָט „די טשעכישע געווער־טראַנזאַקציע ראַדיקאַל געענדערט די לאַגע אין די לעצטע חדשים אויף אַ שווערן און געפערלעכן אופן".

דיין איז ווייניקער באַאיינדרוקט געוואָרן ווי בן־גוריון פון דעם קוואַנטיטאַטיוון מיליטערישן פאָרטייל פון די אַראַבישע מדינות. און הגם ער האָט זיך זייער ערנסט באַצויגן צו דער פאַרפלייצונג פון מצרים מיט סאָוויעטיש געווער, האָט ער אין דער טשעכישער טראַנזאַקציע נישט געזען קיין דירעקטע געפאַר. אין מערץ 1956 האָט ער געזאָגט, אַז „די ישראל־יוגנט איז מסוגל צוצושטעלן מער פליער און טאַנקן־מאַנשאַפטן ווי אַלע אַראַבישע פעלקער צוזאַמען. אונדזערע שונאים קאָנען האָבן פיל מיגן, סטאַלין־טאַנקן און צענטוריאָנען, אָבער צו זיי דאַרף מען האָבן פליער און שאַפערן מיט בילדונג און פעאיקייטן". און דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז אַ מצרישער אָנגריף אויף ישראל וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַ מפּלה און ער איז זיכער אין נצחון פון צה"ל „צוליבן הויכן טעכנישן פּאָטענציאַל פון ישראל און דעם הויכן קאַמפס־גייסט פון צה"ל". די דאָזיקע ווערטער זענען געווען דער אָנהויב פון זיין פּירערשאַפט, וואָס שטאַרקט דעם בטחון אין אַ מאָמענט פון נויט. פון דאַנען האָט זיך אפשר אָנגעהויבן זיין מיליטערישע אָנפירערשאַפט, וואָס האָט געשטראַלט אויך אין דער ריכטונג פון ציווילן ציבור.

בן־גוריון האָט מורא געהאַט פאַר מצרישע באָמבאַרדירונגען פון באַפעלקערונגס־צענטערן. איינע פון זיינע גרונט־אויספאַסונגען איז געווען אַז ישראל נויטיקט זיך אין אַ וויכטיקן פאַרבינדעטן, איידער זי וועט אַרויס אין אַ מלחמה, און אָן אַזאַ פאַרבינדעטן טאָר זי קיין מלחמה נישט אָנהויבן. דיין דאַקעגן האָט געזאָגט צום ציבור, אַז עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז „מיר וועלן נישט קענען אויסמיידן קיין שווערע לופט־אָנגריפן אויף אונדזערע ישובים און אפילו דעראָבערונגען פון קליינע שטחים". — אָבער ער האָט צוגעזאָגט אַן ענדגילטיקן נצחון. ער האָט געהאַלטן, אַז ישראל קאָן זיך אָן עצה געבן אָן אַ פאַרבינדעטן, און פון זיינע רייד האָט מען געקאָנט פאַרשטיין, אַז אַ צוגעאיילטע מלחמה, איידער די מצרישע אַרמיי וועט פאַרדייען דאָס געווער און די סאָוויעטישע שיטות, וועט פאַרבעסערן די זיכערהייטס־לאַגע פון ישראל. בן־גוריון איז געווען קעגן אַ פּרעווענטיוון קריג.

אויך דאָס פּראָבלעם ווי אַזוי וועט אויסזען די לאַגע נאָך דער פּרעווענטיווער מלחמה, האָט באַזאָרגט בן־גוריונען. די מפּלה וועט נישט דערנענטערן די הערצער פון די אַראַבער צו ישראל און נישט דעם שלום; דער ריס צווישן

די פעלקער וועט זיך פאַרטיפן און די מויער פון שנאה וועט נאָך העכער ווערן. דער פּרעווענטיווער קריג וועט שאַפן דעם אימאַזש, אַז ישראל איז אַן אַגרעסאָר און נישט קיין שלום־שטרעבנדיקע מדינה און דורך דעם וועט נאָך מער אָפּגעשוואַכט ווערן די קליינע אונטערשטיצונג מצד דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט. און צום סוף דער פּאָליטישער אַספּעקט. ירדן און מצרים זענען געווען פאַרבונדן מיט פאַרטיידיקונגס־אָפּמאַכן מיט גרויס־בריטאַניע און מצרים האָט אָנגעהויבן פאַרטיפן אירע פאַרבינדונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד. ישראל איז געווען אַליין און איזאָלירט אין דער וועלט, אין וועלכער עס פאָרמירן זיך בלאָקן. די דערגרייכונגען פון ישראל אויפן שלאַכט־פעלד וועלן פון איר צוגענומען ווערן דורך די שטאַרקע פאַרבינדעטע פון די אַראַבער. די נויטווענדיקייט פון אַ שטאַרקן פאַרבינדעטן איז אין בן־גוריונס אויגן געווען אַזוי לעבנסוויכטיק, אַז אַ געוויסע צייט איז ער געווען ביי דער מיינונג, אַז עס וואָלט געווען גוט, ווען ישראל וואָלט זיך אָנגעשלאָסן אין דער בריטישער פעלקער־געמיינשאַפט (קאָמאָנוועלט), אַ מין דאָמיניע ווי אויסטראַליע, אָדער ניו־זעלאַנד, און ער האָט אפילו פּראָבירט דאָס פאָרצולייגן בריטאַניע. אַ צייט שפּעטער האָבן זיינע שליחים געטאַפּט דעם דופק צי ישראל קאָן זיך אויף וועלכן עס איז אופן אָנשליסן אין אַטלאַנטישן פּאַקט. אָבער אַלע זיינע באַמיאונגען האָבן נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן און אָן אַ פאַרבינדעטן האָט אים די פּאָליטישע לאַגע פון נאָך דער מלחמה געגעבן אַ באַרעכטיקונג זי צו פאַרמיידן פון פאָרויס.

לויט דער מיינונג פון שמעון פרס, האָט בן־גוריון געהאַט נאָך אַ מאָטיוו קעגן פּרעווענטיוון קריג: „אַ מדינה, וואָס געפינט זיך אין אַ געפאַר — אפילו ווען זי האָט אויסצושטיין אַ שווערן דרוק — טאָר נישט איגנאָרירן דעם היסטאָרישן מאָמענט, וואָס ברענגט דעם משפט פון די צוקונפטיקע דורות, וועלכע וועלן קאָנען אויפסניי און זאַכלעך בודק זיין דעם כאַראַקטער, די לאָגיק און מאָראַל פון די באַשלוסן, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אונטערן דרוק פון די אומשטענדן״.

עס קען זיין, אַז צוליב די דאָזיקע סיבות האָט בן־גוריון נישט אויסגעאיבט קיין דרוק אויף דער רעגירונג זי זאָל מסכים זיין אָנצוווענדן מיליטערישע שריט סוף 1955, כדי צו עפענען די אילת־בוכטע. לויט פרסן האָט בן־גוריון געזען אין דער מלחמה אַ נויטווענדיקייט — נישט קיין געלעגנהייט. ער איז געווען גרייט צו גיין אויפן וועג פון אַ פּרעווענטיוון קריג, נאָר אין אַ לאַגע, ווען עס איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה און יעדעס אָפּלייגן איז ווי אַ זעלבסטמאָרד. דאַקעגן האָט דיין אין דער זעלבער צייט געהאַלטן, אַז עס איז נישט פאַרנונפטיק צו וואַרטן ביזן לעצטן מאָמענט, ביז ישראל וועט געבראַכט ווערן צו אַ מצב פון נישט האָבן קיין אַנדערע ברירה. ער איז געווען מער וואַכזאַם לגבי אַן אַנטשפּרעכנדיקער געלעגנהייט און האָט נישט געוואָלט זי דורכלאָזן. אין זיין בריוו פון 5־טן דעצעמבער 1955 צו בן־

גוריונען, אין וועלכן ער האָט געפּאָדערט עפענען די אילת־בוכטע במשך פון אַ חודש, האָט ער בפירוש געזאָגט: „וואָס שייך דער צייט, זעט עס נישט אויס, אַז אין נאָך אַ פּאָר חדשים אַרום וועט דער מאָמענט זיין פּאַסיקער פּאַר אַזאַ אַקציע — מיט דער פאַרשטאַרקונג פון מצרישן כוח, הויפּטזעכלעך אין דער לופט, וועלן זיך פאַרקלענערן אונדזערע מיליטערישע שאַנסן מצליח צו זיין אין דער אַקציע".

אָבער בן־גוריון האָט געוווּסט, אַז די געשיכטע חזרט זיך, בדרך כלל, איבער און ער לייגט פּאַר „געלעגנהייטן". און טאַקע, אייניקע חדשים שפּעטער האָט זיך געשאַפן אַ נייע געלעגנהייט.

אין 1956 האָט זיך די זיכערהייטס־לאַגע אַנגעהויבן פאַרערגערן. עס האָבן זיך געמערט די דערקלערונגען פון מצרישע וואָרטזאָגערס וועגן דעם, אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון פאַרניכטן ישראל און אַז מצרים האָט דעם ווילן און דעם כוח דאָס צו טאָן. עס זענען באַקאַנט געוואָרן פּרטים וועגן די ליפע־רונגען פון סאָוויעטיש געווער פאַר מצרישן בוימוואָל און פאַר האַלב אומ־זיסט — „530 פּאַנצער־אויטאָס, 500 האַרמאַטן פון פאַרשידענעם קאַליבער, ביי 200 קאַמפּס־עראָפּלאַנען און קריגס־שיפן".

דיין האָט דאָס באַצייכנט ווי אַ פולשטענדיקע איבערקערעניש אין דעם מיליטערישן באַלאַנס. פאַר דער טשעכישער טראַנזאַקציע האָבן די מצרים געהאַט 80 סילאָן־עראָפּלאַנען אין פאַרגלייך מיט 50 ישראלדיקע, פון דעם זעלבן דור. די טשעכישע טראַנזאַקציע האָט פאַרגרעסערט די צאָל מצרישע סילאָן־עראָפּלאַנען אויף 200, מערסטנטייל מאָדערנע, דאָס הייסט פיר מאָל גרעסער פון דער צאָל פון ישראלדיקע סילאָן־עראָפּלאַנען. דער לופט־באַלאַנס איז געוועזן דער שוואַכסטער פּונקט לגבי ישראל. אָבער אויך אויפן געביט פון פּאַנצער־געווער און אַרטילעריע האָט זיך די לאַגע פאַר ישראל פאַרערגערט.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך געשטאַרקט די טעטיקייט פון די „פידאייון"־טעראָריסטן, וואָס האָט דערפירט צו אַן ערנסטער שטערונג אין נאָרמאַלן לע־בנס־שטייגער אין ישראל, באַזונדערס אין די גרענעץ־ישובים. די פאַרשטאַרקטע טעטיקייט פון פידאייון איז געווען אַ צוגרייטונגס־שריט צו אַ מצרישן מילי־טערישן אַנגריף. און כדי צו דערגענצן דאָס בילד פון דער אַראַבישער צו־גרייטונג צו דער מלחמה קעגן ישראל, איז צוערשט אין סעפּטעמבער 1956 געשאַפן געוואָרן אַ בשותפותדיקער מצריש־סירישער שטאַב און אַ חודש שפּע־טער, אין אָקטאָבער, אַ בשותפותדיקער מצריש־ירדנישער שטאַב. דעם 24־טן אָקטאָבער איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַ מיליטערישער אָפּמאַך צווישן מצרים, סיריע און ירדן. אַזוי האָבן זיי ענגער געמאַכט דעם דערשטיקונגס־רינג אַרום ישראל.

אָבער אין דער דערדריקנדיקער לאַגע האָט זיך באַוויזן אַ ליכטיקער שטראַל פאַר ישראל אין דער גיכער אַנטוויקלונג פון אירע באַציאונגען מיט פראַנקרייך. אמת, שמעון פּרס איז שוין אין סוף 1954 געקומען קיין פראַנקרייך

מיט בן־גוריונס א בריוו צום גענעראל פּיער קעניג, דעם דעמאָלטיקן קריגס־מיניסטער, און ער האָט זיך פּאָזיטיוו באַצויגן צו דער בקשה וועגן ליפערן געווער פאַר ישראל. פאַר דעם, אין אויגוסט, איז ער אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן אָרדער פון ערן־לעגיאָן פאַר זיין קאַמף לטובת א פרייע פראַנקרייך אין יוני 1941. בעת זיין באַזוך אין פאַריז האָט ער געפירט געשפרעכן מיט גענעראַל קעניג, גענעראַל גיום, אַדמיראַל נומי און גענעראַל זעלער. טראָץ דעם האָט פּרס רעזומירט דאָס יאָר 1955 מיט א געוויסער צופרידנקייט און אויך מיט א קלאָרער אנטוישונג: „עס איז געשאַפן געוואָרן א דירעקטער קאָנטאַקט מיט צאָלרייכע פראַנצויזישע פּאָליטיקער, עס איז געבראַכן געוואָרן דאָס אייז אויפן געביט פון געווער, מיר האָבן שוין איינגעקויפט האַרמאַטן און טאַנקן, אָבער וואָס שייך עראָפּלאַנען, א חוץ אייניקע מאַסקיטאָ־עראָפּלאַנען, וועלכע מיר האָבן באַקומען, האָבן מיר נישט באַוויזן צו באַזייטיקן די שוועריקייטן".

שמעון פּרס, דער דעמאָלט 33־יאָריקער גענעראַל־דירעקטאָר פון זיכער־הייטס־מיניסטעריום האָט פאָרויסגעזען, אַז פראַנקרייך וועט קאָנען זיין דער אָפענער אָדער באַהאַלטענער פאַרבינדעטער, — וועלכן בן־גוריון האָט אַזוי געזוכט. און אין יעדן פאַל קאָן זי זיין א מקור פאַר א מער געאָרדנטער ליפע־רונג פון מאָדערן געווער, הויפּטזעכלעך עראָפּלאַנען.

אָבער נאָר אין אָנהייב 1956, נאָך די פּאַרלאַמענט־וואַלן אין פראַנקרייך און דער פאָרמירונג פון דער רעגירונג בראש מיטן סאָציאַליסטישן פירער גי מאָלע, — מיט פינאָ אַלס אויסערן־מיניסטער און בורזשעס־מאָנורי אַלס קריגס־מיניסטער — האָט פּרס געקענט שרייבן: „סוף־כל־סוף איז געקומען דער שבֿט. די אמת און פאָרמעלע שוועריקייטן, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן וועג, זענען באַזייטיקט געוואָרן און די געווער־ליפערונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אין א פּאָ־ליטישן פאַרנעם". אַזוי האָבן אין מערץ 1956 געלאַנדעט אין ישראל די ערשטע „מיסטער־4" עראָפּלאַנען. קעגן דער „טשעכישער טראַנזאַקציע", וואָס האָט געשאַפן א געווער־באַלאַנס לטובת מצרים, האָט אָנגעהויבן ווירקן די „פראַנצוי־זישע טראַנזאַקציע", כדי צוריקצושטעלן די מיליטערישע גלייכגעוויכט.

די „פראַנצויזישע טראַנזאַקציע" איז טאַקע געשלאָסן געוואָרן מיט דער פאַרשטענדעניש, אַז ישראל וועט זיך באַנוצן מיטן געווער קעגן מצרים, אָבער נישט דווקא פאַר א פּרעווענטיוון קריג. בן גוריון און אויך דיין האָבן גע־טענהט אין אָנהייב 1956, אַז דאָס געבן ישראל מאָדערן געווער קען אָפּהיטן דעם שלום דורך דעם, וואָס ער וועט איינצוימען די אַגרעסיווע טענדענצן פון מצרים. דיין האָט דערקלערט דעם 11־טן פעברואַר 1956, אַז „די אַראַבער וועלן נישט וואַגן אָנצוגרייפן, אויב מיר וועלן האָבן געווער". דאַקעגן האָט פראַנקרייך געוואָלט דורך שטאַרקן ישראל אָפּשוואַכן די מצרישע הילף פאַרן אויפשטאַנד אין אַלזשיריע. אין רעפעראַט פאַר די קאָמאַנדירן אין יאַנואַר 1956 האָט דיין געזאָגט — און האָט אויסגעדריקט א פאַרקערטע מיינונג ווי די, וואָס האָט געהערשט אין די זיכערהייטס־קרייזן אין ישראל — אַז עס איז מעגלעך, אַז

נאַצער וועט נישט ארויס אין א מלחמה אין זומער. אזוי, אז די פראנצויזישע געווער־ליפערונג איז בכלל נישט די ערשטע פאזע פון צוגרייטן די „קדש״־אקציע, אָדער די סועץ־מלחמה.

פאקטיש איז אויפגעשוואומען די מעגלעכקייט, אז ישראל, פראנקרייך און גרויס־בריטאניע זאָלן צוזאמען אונטערנעמען מיליטערישע שריט קעגן מצרים ערשט נאָכן 26־טן יולי, ווען נאצער האָט פּראָקלאמירט די נאַציאָנאליזאציע פון סועץ־קאנאל. לויט שמעון פּרסן, וועלכער איז אפשר דער באגלויבטסטער מקור פאר דעם, איז דער געדאנק ארויסגעבראכט געוואָרן דורך פראנקרייך. לויט זיינע רייד, האָט ער דעמאָלט געוויילט אין פאריז און זיך געטראָפן מיט בורזשעס־מאָנורי, וועלכער האָט זיך צו אים פּלוצים געוואָנדן מיט דער פראגע: „אין וויפל צייט וועט זיך אייער ארמיי נויטיקן, לויט אייער מיינונג, כדי איי־בערצושרייטן דעם סיני און דערגיין צום סועץ?״ פרס האָט געענטפערט, אז „די אַנגענומענע אָפּשאַצונג ביי אונדז איז — פינף ביז זיבן טעג״. בורזשעס־מאָנורי האָט צוגעגעבן און געפרעגט צי ישראל האָט בדעה צו ווירקן איין טאָג אויף אירע דרומדיקע גרענעצן, אויב יאָ — ווו? איך האָב געענטפערט, אז אונדזער סועץ איז אילת״. מיר וועלן קיינמאָל נישט משלים זיין מיט דער בלאָקאדע און דאָס וועט זיין די סיבה פון דער ישראלדיקער אקציע, אויב זי וועט קומען״.

מעגלעך, אז דאָס זענען סתם פראַגן און ענטפערס, ווי פרס שטעלט זיי פּאָר און ערשט דריי חדשים שפּעטער „האָבן מיר אויף אַן ערנסטן אופן זיך צוריקגעקערט צו דער דאָזיקער טעמע — און ווידער אין א געשפּרעך מיט בארזשעס־מאנורי, אין סעפּטעמבער 1956. ער האָט אונדז דערציילט וועגן די וואַקלעניש און וויכוחים, וואָס האָבן זיך געפירט אין לאָנדאָן אַרום דעם סועץ־ענין און ער האָט צוגעגעבן מיט א שמייכל: עס איז מעגלעך, אז דער בריטישער טערמין (וואָס איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן פאר א בריטיש־פראנצויזישער אקציע קעגן מצרים) איז נענטער פאַרן ישראלדיקן טערמין (צו עפענען די אילת־בוכטע מיט כוח, אַ טערמין, וואָס איז אויך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן) ווי דער פראנצויזישער טערמין״. פרס האָט ארויסגעשיקט א טעלעגראמע צו בן גוריונען און ער האָט געענטפערט מיט א טעלעגראמע, אז „אויב עס האַנדלט זיך נאָר וועגן א טערמין, זענען מיר נענטער צו פּאַריז ווי צו לאָנדאָן״. דעם אינהאַלט פון דער טעלעגראמע האָט פרס איבערגעגעבן דעם פראנצויזישן קריגס־מיניסטער. פראנקרייך האָט געוואָלט צואיילן די מלחמה קעגן מצרים „פאַרן סוף פון יאָר, פאַרן ווינטער, פאַר דער מעגלעכער דעמיסיע פון דער איצטיקער רעגירונג״, לויט ווי דאָס האָט דערקלערט בארזשעס־מאנורי אין געשפּרעך מיט שמעון פּרסן. סוף 1956 האָט אויסגעזען צו זיין אויך גינסטיק צוליב די אומרוען אין פּוילן, וואָס האָבן צוגעשמידט די אויפמערקזאמקייט פון קרעמל, און אויך צוליב די פּרעזידענט־וואַלן אין די פאראייניקטע שטאַטן, וואָס האָבן אבסארבירט די עפנטלעכע מיינונג און די אמעריקאנער רעגירונג.

אין דיינס טאָגבוך איז פאַרשריבן, אַז דעם 1־טן סעפּטעמבער, בעת דער זיצונג פון גענעראַל־שטאַב, איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון מיליטערישן אַטאַשע אין פּאַריז, וואָס האָט „אָנטהאַלטן ידיעות וועגן ענגליש־פראַנצויזישן פּלאַן צו דעראָבערן דעם סועץ־קאַנאַל". די מוסקאַטיר־אַקציע. בעת דער מיטאָג־הפסקה פון דער זיצונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קורצע באַראַטונג און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, „אין יעדן פאַל דאַרפן מיר זיין גרייט אויף אַ מעגלעכער מלחמה אין אונדזער ראַיאָן". דיין האָט פאַראָרדנט צו פאַרקלענערן די צאָל זיצונגען אין די נאָענטסטע צוויי וואָכן און אין דער פרייער צייט האָט ער באַזוכט אָפּעראַטיווע איינהייטן. אין זיין טאָג בוך פון 25־טן סעפּטעמבער דערציילט ער וועגן געשפּרעך צווישן בן גוריונען, פּרסן און אים בעת זיי זענען געפאָרן קיין ירושלים אין זעלבן אויטאָ. צוערשט האָבן זיי גערעדט וועגן אַ רעוואַנזש־אַקציע און „ערשט אין המשך פון דער נסיעה האָבן מיר אָנגעהויבן באַהאַנדלען די רעזולטאַטן פון דעם באַזוך פון שמעון פּרס אין פראַנקרייך". מען דאַרף זיך דעריבער פאָרשטעלן, אַז ערשט אין דעם טאָג איז צום ערשטן מאָל ערנסט באַהאַנדלט געוואָרן די באַטייליקונג פון ישראל אין דער ענגליש־פראַנצויזישער מיליטערישער אַקציע אַלץ פּראַקטישע מעגלעכקייט.

עס זעט אויס, אַז אין אָנהויב האָבן נאָר בן־גוריון און פּרס געוווּסט וועגן די געהיימע אַנטוויקלונגען. פּרס איז אָפט געפאָרן קיין פּאַריז און לאָנדאָן און האָט אָנגעהאַלטן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט ביידע אייראָפּעאישע גרייסמאַכטן. דער קרייז פון די אינפאָרמירטע האָט זיך אויסגעברייטערט ווען בן גוריון האָט אַריינגעפירט אין סוד דעם פינאַנס־מיניסטער לוי אשכול, אויף וועמען עס וועט פאַלן דער עול פון דער מאָביליזאַציע און אויסשטאַטונג און גאָלדע מאיר, וועלכע איז אין יוני 1956 געקומען אויפן אָרט פון משה שרתן אַלס אויסערן־מיניסטער. דיין איז איינציקע מאָל געפלויגן אין געהיים קיין פראַנקרייך אין געוווּר־ענינים.

דעם 28־טן סעפּטעמבער איז ער געפלויגן צוזאַמען מיט גאָלדע מאיר און משה כרמל — דער קאָמוניקאַציע מיניסטער פון דער אחדות העבודה פראַקציע, וועלכער איז געווען דער ערשטער נישט מפא"י־מענטש אין דער רעגירונג, וואָס האָט געוווּסט וועגן דעם גרויסן סוד — — און שמעון פּרס און אַנדערע, אין אַ באַמבאַרדיר עראָפּלאַן פון מוסטער נעפּטור פון פראַנצויזישן לופט־פלאָט, אין וועלכן עס איז נישט געווען קיין לייטער. כדי אַרויסצוגיין, האָט מען באַדאַרפט פון איר אַרויסשפּרינגען. דער קאָמאַנדיר פון מיליטערישן לאַגער, וועלכער האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן די פּאַסאַזשירן פונעם עראָפּלאַן, האָט גלייך דערקענט דיינען לויטן שוואַרצן לאַפּ אויפן אויג. צוקוקנדיק זיך מיט גרויס פאַראינטערעסירונג ווי אַזוי מ'נעמט אַראָפּ גאָלדע מאיר דורך דער אונטערשטער טיר פון עראָפּלאַן און ווי אירע פיס שאָקלען זיך אַרויס פון דעם עראָפּלאַן־בויך און שוועבן איבער דעם באָדן,

האָט ער געזאָגט צו דיינען, „ביי אונדז קלויבט מען אויס סעקרעטארינס מיט שענערע פיס".

בן גוריון איז געפלויגן קיין פראנקרייך דעם 21־טן אָקטאָבער 1956, כדי במשך פון פיר טעג צו פאַרהאַנדלען מיט די פאַרשטייער פון פראַנקרייך און גרויס־בריטאַניע. זיין דעציזיע וועגן א בשותפותדיקער אקציע מיט פראנקרייך און בריטאַניע איז אָנגענומען געוואָרן ערשט דעם 24־טן אָקטאָבער, בעת זיין לעצטן טאָג אין פראנקרייך, ווען ער האָט אונטערגעשריבן דעם פּראָטאקאָל פון דער אזוי גערופענער „סאווער־קאָנפערענץ" — אויפן נאָמען פון דער ווילע נישט ווייט פון פאַריז, אין וועלכער עס זענען פאָרגעקומען די געשפּרעכן פון די דריי פאַרטנערן. דאָס הייסט נאָך פינף טעג פאר דעם אָנהייב פון דער „קדש"־אָקציע. דעם ענין האָט בן גוריון געבראַכט פאַר דער רעגירונג פרייטיק דעם 26־טן אָקטאָבער, כדי אים צו באַהאַנדלען און צו באַשליסן, און די אָפּאָזיציע האָט ער וועגן דעם אינפאָרמירט זונטיק דעם 28־טן אָקטאָבער, א טאָג פאר דער סיני־אקציע. דער ענערגישער אופן פון דורכפירן דעם באַשלוס פון דער רעגירונג וועגן דער „קדש"־אקציע, האָט ביי דיינען נאָך מער געשטאַרקט דעם איינדרוק, אז ווען בן גוריון וואָלט געוואָלט, וואָלט ער געקענט דורכפירן א באַשלוס אויף דער רעגירונג וועגן עפענען די אילת־בוכטע נאָך אין דעצעמבער 1955.

זיין בוך „דער טאָגבוך פון דער סיני־אקציע" עפנט דיין מיט א באַהאַלטענער קריטיק אויפן אדרעס פון בן גוריונען: „די סיני־אקציע איז געווען דער דאָפּלטער רעזולטאט פון אָ פאַרערגערונג אין די פּאָליטישע און ויכערהייטס באַציאונגען צווישן ישראל און אירע אראבישע שכנים און דער פראנצויזיש־ענגלישער דעציזיע צו באַהערשן מיט כוח דעם ראיאָן פון סועץ־קאַנאַל. ווען נישט די אנגלא־פראנצויזישע אקציע איז א ספק צי ישראל וואָלט אַרויס אין דער סיני־מלחמה און ווען זי וואָלט דאָס געטון, וואָלט די מלחמה־אַקציע געווען אַן אַנדערע סיי פון מיליטערישן און סיי פון פּאָליטישן שטאַנדפונקט". לויט זיין מיינונג האָט בן גוריון געדאַרפט באַשליסן וועגן אַ מיליטערישער אקציע צו עפענען די אילת־בוכטע אויך אָן יעדער פארבינדונג מיט דער נאַציאָנאַליזאַציע פון סועץ־קאַנאַל.

דיין טיילט דעריבער אָפּ צווישן דער דעראָבערונג פון דער אילת־בוכטע, וואָס ער האָט פאַרגעלייגט אין הארבסט 1955, און דער „קדש"־אקציע אין אָקטאָבער—נאָוועמבער אין 1956. די ערשטע אקציע האָט געדאַרפט זיין א זעלבסטשטענדיקע און די צווייטע, הגם אויך זי איז געמאַכט געוואָרן צוליב ישראל־מאָטיוון, איז געווען אָפּהענגיק פון פראנקרייך און ענגלאנד. פון זיין קריטיק דרינגט אַרויס, אַז ער האָט באַאָפּצוגט אַ זעלבשטענדיקע אַקציע, ווען זי וואָלט דורכגעפירט געוואָרן סוף 1955, וועלכע וואָלט אפשר פארמיטן, אָדער געמאַכט פאַר איבעריק פון ישראלדיקן שטאַנדפונקט, די קאָמפּליצירטע און אַנטוישנדיקע סיני־אַקציע.

פון די דריי האָבן זיך דיין און פרס מער געריסן צו דער מלחמה ווי בן גוריון. דיין איז, לויט זיינע רייד, ביזן לעצטן מאָמענט נישט געווען זיכער, צי בן גוריון וועט צום סוף באַשליסן וועגן ארויסגיין אין א מלחמה. לויט פּרסן, „האָט בן גוריון פאר קיינעם נישט אנטפּלעקט — אויך נישט אונדז (דיין און פרס) — וואָס עס איז זיין ענדגילטיקע שטעלונג. אויך משה און איך האָבן געהאַט אַ ספק וואָס שייך דער ענדגילטיקער שטעלונג פון בן גוריון".

אין דער פּאָליטישער דעבאַטע אין דער כנסת, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 15־טן אָקטאָבער — צוויי וואָכן פאר דער סיני־אַקציע — האָט בן־גוריון נאָך געי רעדט קעגן דער פּרעווענטיווער מלחמה. דיסקוטירנדיק מיט די וואָרטזאָגער פון דער אָפּאָזיציע, וועלכע האָבן געפאָדערט אן איניציאירטע מלחמה, האָט בן־גוריון געזאָגט: „די רעגירונגס־מיטגלידער און איך האָבן נישט אָנגענומען די דאָזיקע מיינונג. מיר זענען פאר זעלבסט־פארטיידיקונג. אויב מיר וועלן אָנגעגריפן ווערן, וועלן מיר קעמפן מיטן גאנצן כוח, וואָס שטייט צו אונדזער רשות ביז א נצחון. אָבער מיר גיבן זיך אָפּ א דין וחשבון פון די מלחמה־גרוילן און אירע צעשטערע־רישע גייסטיקע און מאַטעריעלע אויסווירקונגען און מיר האלטן נישט, אז מלחמות לייזן בכלל היסטאָרישע פּראָבלעמען. אלנפאלס ברענגען זיי נישט קיין דויערהאפטע לייזונג און דעריבער איילן מיר זיך נישט צו קיין מלחמה".

די ערשטע ענדערונג אין בן־גוריונס שטעלונג, וואָס איז אויסגעטייטשט געוואָרן, אז ער איז מחייב א מיליטערישע אַקציע, איז געווען דאָס אָננעמען די איינלאַדונג פון גי מאָלע צו קומען קיין פּאריז אויף געהיימע געשפּרעכן מיט פאָרשטייער פון פראנקרייך און ענגלאַנד. ווען פּרס איז ארייַנגעקומען אין זיין ביוראָ מיט דער טעלעגראַמע אין דער האנט, זענען דאָרט געזעסן ארום בן־גוריונען אשכול, גאָלדע מאיר און דיין געשפּאַנטע און אומגעדולדיקע. אין דער באַראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען, צי מען זאָל אָננעמען די איינלאַדונג פון פראַנצויזישן פּרעמיער, זענען לויט פּרסעס רייד נישט געקומען צום אויסדרוק קיין חילוקי דעות. אָבער „גאָלדע איז געווען סקעפּטיש", אשכול איז געווען פאַר בן־גוריונס נסיעה און „דיין האָט קוים אויסבאַהאלטן זיין התלהבות". עס איז איבעריק צוצוגעבן, אז פּרס איז נישט ווייניקער געווען ענטוזיאַסטיש. אין יענע טעג — אַזוי האָט ער דערציילט — „איז פּרס ארומגעגאַנגען מיטן געפיל, אַז עס קומט אַ גרויסע און היסטאָרישע שעה אין די ישראל־פראַנצויזישע באַציי־אונגען — אָבער אויב מען וועט נישט באַווייזן זי אויסצונוצן, קאָן זי פאַרשווינדן און מער זיך נישט איבערחזרן".

די פראַגע לגבי דער „קדש"־אקציע, פּונקט ווי לגבי דער פאַרשטאַרקונג פון די רעוואַנזש־אַקציעס — איז געווען אין וואָס פאַרא מאָס האָבן דיין און פּרס משפּיע געווען אויף בן גוריונען. איינס איז געווען קלאָר — פון ערשטן טאָג אָן, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרהאַנדלונגען מיט די פראַנצויזן וועגן א בשותפותדיקער אקציע, האָט בן־גוריון אָנגענומען א שטעלונג, וואָס

האָט אויסגעזען צו זיין אויסטערליש און אפילו סתירותדיק. ער האָט זיך באַצויגן קריטיש צו אַלע פאָרשלאַגן און טעלעגראַמעס, אָבער ער האָט נישט גע־שטערט און אפילו דערמוטיקט יעדן שריט, וואָס האָט צום סוף דערפירט צו דער סיני־אַקציע. פאַקטיש האָט ער ביזן לעצטן מאָמענט רעזערווירט פאַר זיך די דעציזיע — פרייהייט. די גרויסע מיליטערישע אויסשטאַטונג, וואָס ישראל האָט איינגעקויפט אין פראַנקרייך, האָט געקענט דינען אַלס באַווייז, אַז באַלד פון אָנהייב האָט ער געהאַט ביי זיך באַשלאָסן אָנצוהייבן די מלחמה — אָבער אין פלוג. די דאָזיקע אויסשטאַטונג איז אויך געווען נויטיק, כדי זיך צו פאַר־טיידיקן קעגן אַ מעגלעכן מצרישן אָנגריף און בן גוריון האָט נישט אַזוי מדקדק געווען מיט וואָס פאַרא מאָטיוון די פראַנצויזן זענען איבערצייגט גע־וואָרן, זיי זאָלן פאַרקויפן געווער ישראל. אויך דער פאַקט, וואָס עס איז פאָר־געקומען אַ מין בשותפותדיקע פראַנצויזיש־ישראלדיקע פּלאַנירונג, איז נישט געווען קיין איבערצייגנדיקער באַווייז וועגן זיין שטעלונג. אין לעצטן מאָמענט האָט ער געקענט דעצידירן קעגן אַ פּרעווענטיוון קריג און אַריינלייגן די פּלענער אין אַרכיוו.

פּרסעם השפעה אויף דער ענדגילטיקער דעציזיע פון בן גוריון איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט באַוויזן, אַז אין פראַנקרייך האָט ישראל געפונען אַ פּאָליטישן מקור פאַר מיליטערישער אויסשטאַטונג און אַ פאַרבינדעטן אין פאַל פון אַ מלחמה. דיינס השפעה איז געווען אַ מער גרינטלעכע און טיפע. ער האָט דאָך פאַרוואַנדלט צה״ל אין אַן אַרמיי, וועמענס זיג איז געזיכערט. דאָס איז געווען דער ממשותדיקער פירוש פון די פאַרשטאַרקטע רעוואַנזש־אַקציעס, וועלכע דיין האָט געפירט, אויף אַ דעקלאַראַטיוון אופן נישט אַלס נקמה־אַקציעס, נאָר אַלס וואָרענונג כלפּי דער אַראַבישער מדינה, וואָס וועט נישט צוימען אירע איינוווינער און נישט אָפּהאַלטן זיי פון פיינטלעכע אַקטן כלפּי ישראל — „וועלן די ישראל־כוחות מאַכן אַ חורבן אין דעם לאַנד״.

אפילו דעם 21־טן אָקטאָבער האָט בן־גוריון נאָך נישט געהאַט באַשלאָסן וועגן אַרויסגיין אין אַ מלחמה. זייענדיק אויפן וועג צום פלי־פּלאַץ, אין איין אויטאָ מיט דיינען און מיט פּרסן, האָט ער זיך נאָך געשלאָגן מיט דער דעה און אפילו פאַראָרדנט דעם שאַפער צוריקצופאָרן אין זיכערהייטס־מיניסטעריום. נאָך לאַנגע באַמיאונגען האָט זיךביידע יונגע מיטאַרבעטער איינגעגעבן אים אָפּצוהאַלטן פון דעם, און דער שאָפער האָט פאָרגעזעצט די רייזע צום פלי־פּלאַץ.

דעם 21־טן אָקטאָבער זענען זיי אָנגעקומען קיין פראַנקרייך. בן גוריון איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער ווילע סאַוואַר. די הויפּט שטרייט־פראַגע אַרום וועלכער עס האָט געקענט פּלאַצן דער פּלאַן פאַר אַ בשותפותדיקער טעטיקייט באַלד אין דער ערשטער פאַזע, איז געווען דער כאַראַקטער פון פּלאַן. די ענגלענדער האָבן געזוכט אַ תירוץ, וואָס זאָל אויפקלערן דער עפנטלעכער מיינונג אין ענגלאַנד זייער אָנגריף אויף מצרים. זייער פאָרשלאַג און דאָס איז אויך

געווען זייער תקיפותדיקע פֿאָדערונג בעת דעם משא ומתן איז געווען, אַז ישׂראל זאָל אָנהייבן דעם קריג. דאָס הייסט אָנגרייפֿן מצרים און דעמאָלט — ווען די מלחמה וועט זיין אין פֿולן גאַנג און אין רעזולטאַט פֿון אַן אולטימאַטום צו ישׂראל און מצרים אָפּצושטעלן דאָס פֿייער — וועלן זיך די אַרמייען פֿון פֿראַנקרייך און ענגלאַנד אַריינמישן אין סכסוך אונטערן דעקמאַנטל פֿון שלום־היטער און וועלן פֿאַרנעמען דעם ראַיאָן פֿון סועץ־קאַנאַל.

בן־גוריונס ענטפֿער איז געווען אַן אַבסאָלוטער ניין. ער האָט נישט געוואָלט קיין פֿאַרטיילונג פֿון די פֿונקציעס, לויט וועלכע ישׂראל וועט זיין דער אָנגרייפֿער און פֿראַנקרייך און ענגלאַנד די צדיקים. ער איז אויך געווען באַזאָרגט מיט דעם, וואָס עס וועט אין פֿאַרלויף פֿון דער וואָך — פֿון אָנהייבן די קאַמפֿן ביז דער אַריינמישונג פֿון פֿראַנקרייך און ענגלאַנד — פּאַסירן מיט די ישׂראל־שטעט צוליב די מצרישע באָמבאַרדירונגען. ער האָט זיך באַצויגן מיט אַ גרויס חשד צו ענגלאַנד, וואָס קען זיך אין לעצטן מאָמענט צוריקציען פֿון דעם פּלאַן נישט איינטיקנדיק קיין פֿינגער אין די וואַסערן פֿון סועץ. בן־גוריון האָט אין דער שטעלונג פֿון ענגלאַנד געזען די העכסטע צביעות פֿון עלביאָן און אַפֿילו אַ פּרווו צוגישטצומאַכן די פֿריינטשאַפֿט און צוזאַמענאַרבעט צווישן ישׂראל און פֿראַנקרייך אונטער דעם אויסגעקליגלטן דעקמאַנטל פֿון אַ דרייזייטיקער אַקציע.

די פּאָזיטיווע סיבה, וואָס איז געווען שטאַרקער פֿאַר דער נעגאַטיוועך, אָפּצוּוואַרפֿן די בריטישע שטעלונג, איז געווען זיין שטרעבונג צו שאַפֿן אַ פֿולע שותּפֿות צווישן ישׂראל און ביידע אייראָפּעאישע גרויסמאַכטן. מען קאָן זאָגן, אַז כדי צו דערגרייכן פֿאַרבינדעטע איז בן־גוריון געווען גרייט צו באַצאָלן אַפֿילו דעם פּרייז פֿון אַ מלחמה. אָבער די בריטישע שטעלונג האָט פֿון פֿאָרויס אויסגעשלאָסן אַ פֿולע שותּפֿות און האָט זיך געשטיצט אויף אַ באַזונדערער ישׂראל־דיקער אַקציע פֿון איין זייט און דער ענגליש־פֿראַנצויזישער אינטערווענץ — קעגן ישׂראל און מצרים — פֿון דער אַנדערער זייט.

אָבער פֿאַר דיינען איז דאָס וויכטיקסטע געווען צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ מצרים. דער תּירוץ, דער נוסח און די פֿאָרם זענען פֿאַר אים געווען פֿון צווייטראַנגיקן באַדייט. זיין חשד כּלפּי די ענגלענדער איז נישט געווען אַזוי צוגעשפּיצטער און ער איז נישט געווען אַזוי שטאַרק באַזאָרגט וועגן גורל פֿון די ישׂראל־שטעט אין רעזולטאַט פֿון די מעגלעכע באָמבאַרדירונגען פֿון דער מצרישער אוויאַציע. נאָך דעם 17־טן נאָוועמבער 1955, האָט אים דער קאָמאַנדיר פֿון לופֿט־פֿלאָט, גענעראַל דן טאָלקאָווסקי, איבערגעגעבן אַ דאָקומענט, אין וועלכן ער האָט אָנגעגעבן די אַרגומענטן פֿאַר אַ באַלדיקן פּרעווענטיוון קריג. גלייכצייטיק אָבער האָט ער פֿעסטגעשטעלט, אַז דער ישׂראלדיקער לופֿט־פֿלאָט וועט במשך פֿון צוויי־דריי טעג דערגרייכן אַן איבערמאַכט אין דער לופֿט. דיין האָט לויט זיין שטייגער געבעטן טאָלקאָווסקין איבערצוגעבן דעם דאָקומענט בן גוריונען. ערב דער „קדש“־אַקציע האָט דיין געבעטן טאָלקאָווסקין צו געבן אַ נייע אָפּשאַצונג פֿון דער לאַגע און ער האָט ווידער באַקומען דעם

ענטפער, אז די אוויאציע „האָט בכלל נישט מורא זיך צו פאַרמעסטן אליין מיט די מצרים".

דיינען האָט באַאומרואיקט גאָר אַן אנדערער חשש — אַז ישראל וועט דורכ־לאָזן די געלעגנהייט. איצט איז געווען די פּאַסיקסטע שעת הכושר צוליבן אויפשטאַנד, וואָס איז אויסגעבראָכן אין אונגאַרן און זיין אונטערדריקונג דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי, וואָס האָט איינגאַנצן אַבסאָרבירט דעם קרעמל. אין זיין טאָגבוך פון 7־טן סעפּטעמבער 1956 האָט ער געשריבן, אַז „מען טאָר זיך נישט אַריינפּלאָנטערן אין אַ לאַגע אין וועלכער מיר וועלן זיין געצוווּנגען דורכצולאָזן באַקוועמע פּאָליטישע געלעגנהייטן צו שלאָגן מצרים".

אויף דער דריי־זייטיקער קאָנפערענץ אין סאַוואַר איז דיין געווען דער, וועלכער האָט געפונען די ריכטיקע, אָריגינעלע און איבעראַשנדיקע מיט איר פּשטות פאָרמולירונג, וואָס האָט געבראַכט די צדדים צו אַן אויסגלייך און האָט דערמעגלעכט די פאַרשטייער פון ישראל, פראַנקרייך און ענגלאַנד אונטערצו־שרייבן דעם אָפּמאַך. דער דאָזיקער פאַקט האָט באַשטימט געהאַט אַ השפּעה אויף בן־גוריונס ענדגילטיקער דעציזיע. עס איז שווער זיך צו באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז ווען עס וואָלט געווען אַן אַנדערער שעף פון גענעראַל־שטאַב, וועלכער וואָלט נישט געווען מסוגל צו דערגרייכן אַ פשרה צווישן די סתירות־דיקע שטעלונגען פון ישראל און גרויס־בריטאַניע, וואָלט בן־גוריון פונקט ווי פון דער ערשטער מינוט אָן, זיך וויטער קעגנגעשטעלט דער סיני־אַקציע.

די ענגלענדער האָבן געוואָלט באַרעכטיקן זייער אַריינמישונג דורך אָנווענדן די פונקטן פון זייער אָפּמאַך מיט מצרים פון יאָר 1954, — לויט וועלכן זיי האָבן עוואַקואירט זייערע באַזעס אין סועץ־ראַיאָן — וועלכע דערלויבן זיי אַ מיליטערישע אינטערווענץ אין פאַל פון אַ מלחמה. דיין האָט דעריבער פאָרגע־לייגט, אַז אָנשטאָט ישראל זאָל אַרויס אין אַ מלחמה קעגן מצרים, וועט זי דורכפירן אַ רעוואַנזש־אַקציע פון אַ גרעסערן פאַרנעם. מיט דעם האָט ער באַ־פרידיקט די ענגלענדער און האָט אויך פאַרלייכטערט די שווערע לאַגע פון בן־גוריונען. ווייל אַ גרעסערע רעוואַנזש־אַקציע וועט מען קאָנען אויפקלערן דער עפנטלעכער מיינונג אין לאַנד און די מיטגלידער פון דער רעגירונג. צוליב אַזאַ רעוואַנזש־אַקציע וועט ישראל נישט געטאַדלט ווערן אַלס אַגרעסאָר; זי וועט אויך ניט דערפירן צו דער באָמבאַרדירונג פון די ישראלדיקע שטעט — פאַר וואָס בן־גוריון האָט שטאַרק מורא געהאַט און ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט שטעלן אין אַ געפאַר די איינוווינער פון די שטעט בלויז כדי צו דערמעגלעכן די ענגלענדער אָנצוגיין אַלס צדיקים. אין די אויגן פון דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט איז אַ גרעסערע רעוואַנזש־אַקציע געווען באַרעכטיקט ווי אַן אַקציע מצד אַ מדינה, וואָס פאַרטיידיקט זיך און שיצט דאָס לעבן און פאַרמעגן פון אירע איינוווינער.

דער גרעסטער פאָרטייל פון זיין פאָרשלאָג און פון זיין שטאַנדפּונקט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די גרעסערע רעוואַנזש־אַקציע וועט אין דער ערשטער

ריי זיין א זעלבשטענדיקע ישראלדיקע אקציע. אין זיין טאָג־בוך פון 17־טן סעפּטעמבער 1956 האָט דיין געשריבן: „די מלחמה, וואָס דאַרף פאָרקומען, וועט אויסברעכן צוליבן בטל מאכן דעם אינטערנאַציאָנאַלן סטאַטוס פון סועץ־קאַנאַל. דאָס איז נישט קיין ישראל־פּראָבלעם, הגם אויך מיר האָבן אין דעם אַן אינטערעס. דעריבער שטרעבן מיר נישט צו דערגיין ביז צום קאנאל און צו זיין א צד אין דעם סכסוך". עס זעט אויס, אז דאָס איז אויך געווען זיין געהיי־מער צוגאנג אויף דער קאָנפערענץ אין דער סאַוואַר־ווילע. ער איז געווען פאַר א זעלבשטענדיקער ישראלדיקער אקציע לויט דער ישראלדיקער אויסרעכענונג. אויב דאָס איז מעגלעך צו טאָן ביי א קאָאָרדינאַציע, אָדער צוזאמענארבעט מיט אַנדערע, איז ער נישט קעגן דעם. אָבער פאַר אים, אין קעגנזאַץ צו בן גוריונען, איז די פולע צוזאמענארבעט מיט אנדערע נישט געווען קיין הויפּט־באַדינג.

דערנאָך האָט מען דיינען באַאויפטראָגט צו פאָרמולירן זיין פאָרשלאַג אין דער אָפּעראַטיווער שפּראַך. מיט דעם האָט ער אַרויסגעוויזן זיין גרויסן טאַלאַנט פאַר אַלע אָנטיילנעמער אין סאַוואַר. ווייל פון איין זייט האָט די ישראל־אַקציע אין דער אָנהויב־פאַזע געדאַרפט אויסזען ווי אַ רעוואַנזש־אַקציע, און פון דער צווייטער זייט, כדי צופרידנצושטעלן די ענגלענדער, ווי אַ מלחמה־טעטיקייט, וואָס באַרעכטיקט זייער אַריינמישונג לויטן אָפּמאַך פון 1954. זיין אויסגעצייכנטן איינפאַל האָט מען געקאָנט באַצייכענען ווי — אָנהויבן די מלחמה פון סוף. דאָס האָט ער דערגרייכט מיט דער הילף פון זיין אָפּעראַטיוון פאָרשלאַג אַראָפּצולאָזן אַ ישראלדיקן פאַראַשוטיסטן־פולק פאַר דעם מיטלע־דורכגאַנג, נעבן דעם פאַרקער־דענקמאָל נישט ווייט פון סועץ־קאַנאַל, נאָענט פון דעם ענדציל פון דער צה"ל־אַקציע. אויב עס וועלן זיך באַשטעטיקן בן־גוריונס חששות און ענגלאַנד וועט נישט האַלטן איר הבטחה, וועט פאַרזיכערט ווערן דער צוריקטריט פון דער פאַראַשוטיסטן־איינהייט דורך דער יבשה, נאָך דעם ווי זי וועט זיך פאַרבינדן מיט אַ כוח, וואָס וועט זיך צו איר דורכרייסן. און אזוי וועט זיך די אַקציע פאַרענדיקן ווי אַ רעוואַנזש־אַקט און נישט מער. און אויב די פראַנצויזן און די ענגלענדער וועלן האַנדלען לויטן הסכם, וועט מען אין דער אַקציע פון ישראלדיקן פאַראַשוטיסטן־כוח נישט ווייט פון סועץ־קאַנאַל קאָנען זען אַ מלחמה־אַקט אין ראַיאָן פון קאַנאַל, וואָס באַרעכטיקט זייער אינטערווענץ.

ענגלאַנד פון איר זייט איז מסכים געווען, אַז די אַקציע זאָל זיך אָנהויבן מיט אַ מיליטערישער אַריינדרינגונג און נישט ממש מיט אַ מלחמה. ענגלאַנד האָט אַפילו געגעבן איר הסכמה, אַז פראַנקרייך זאָל העלפן ישראל מיט אַן אַוויאַציע־דעקונג, וואָס זאָל שיצן אירע שטעט, און דורך באַשיסן מיט דער ים־אַרטילעריע די מצרישע באַזעס אויפן סיני־ברעג — אַ פאָדערונג פון בן־גוריונען, וועלכער האָט געוואָלט האָבן אַן אויסגעשפּראָכענעם אויסדרוק פאַר דער אַנגלאָ־פראַנצויזישער צוזאַמענאַרבעט מיט דער ישראל־אַקציע.

נאָך דעם ווי דיינס פאָרשלאַגן זענען אָנגענומען געוואָרן דורך די ענג־

לענדער און פראַנצויזן, האָט בן־גוריון נאָך נישט אַנטפּלעקט צי עס איז גע־קומען דער מאָמענט פון דער אַנטשיידונג. אַ פּאָר שעה פאַרן אונטערשרייבן דעם הסכם אין סאוואר איז ער געזעסן אין גאָרטן אין דער געזעלשאַפט פון דיין, פּרס און זייערע געהילפן. נאָך אַ לאַנגן פאַרטראַכטן זיך, האָט ער זיך געוואָנדן צו דיינען און אים געפרעגט: „און וואָס דענקסטו?" און דיין האָט געענטפערט, „לויט מיין מיינונג דאַרף מען גיין". בן־גוריון האָט געהערט און געשוויגן. ערשט ווען ער האָט אונטערגעשריבן דעם דאָקומענט, האָבן זיינע מיטאַרבעטער געוווּסט, אַז די אַנטשיידונג איז געפאַלן. אין זיין טאָגבוך האָט דיין אייניקע טעג שפּעטער געשריבן: „דער מאָמענט אין וועלכן איך האָב געוווּסט, אַז עס האָבן זיך פאַרענדיקט אַלע וואַקלענישן און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר גייען אַרויס אין קאַמף, איז פאַר מיר געקומען מיט אייניקע טעג צוריק, דעם 25־טן אָקטאָבער".

ווי ווייט בן־גוריון איז כלפּי חוץ געווען קאַלט, פאַרזיכטיק, האָט אויס־באַהאַלטן זיינע כוונות און מדקדק געווען אין די קלענסטע פּרטים, האָט ער טיף אין האַרצן געדאַרפט באַהערשן די גרויסע און שטורמישע וויזיע. ווי דיין האָט דאָס אַנטפּלעקט אין אָנהויב פון זייער באַקאַנטשאַפט, איז בן־גוריון צו־געגאַנגען צו יעדן ענין מיט ברייטע האָריזאָנטן פון זיין וועלט־אַנשויאונג. די סיני־אַקציע האָט ער דעריבער געזען אין די ראַמען פון אַ נייער פּאָליטישער מאַפּע אויפן מיטעלן מזרח, וואָס וועט פון איין זייט ברענגען אַ שלום צווישן ישראל, אַ זיכערע אין אירע גרענעצן און די אַראַבישע מדינות, און פון דער צווייטער זייט וועט זי באַפעסטיקן פונדאַסניי די השפּעה פון פראַנקרייך און ענגלאַנד אין מיטעלן מזרח. לויט זיין מיינונג האָט פראַנקרייך געמאַכט אַ פעלער מיט דעם, וואָס זי האָט אויסגעברייטערט די גרענעצן פון לבנון, ווייל מיט דער פאַרגרעסערונג פון שטח איז געקומען אַ צוגאָב פון דער מוסולמעני־שער באַפעלקערונג, וואָס האָט דערשיטערט די שטאַרקע פּאָזיציע פון דער קריסטלעכער מערהייט און במילא האָט זי פאַרקלענערט די עקזיסטענץ־מעג־לעכקייט פון נאָך אַ מדינה אויפן מיטעלן מזרח, וואָס זאָל זיין אַ פריינט פון פראַנקרייך. בן־גוריון האָט געהאַלטן, אַז דעם פעלער קאָן מען אויסבעסערן דורך צונעמען דעם ליטאַני־שטח פון לבנון און אים אָנשליסן צו ישראל. אַ פיל גרעסערע אויסבעסערונג האָט אַנטהאַלטן זיין פאָרשלאַג צו ליקווידירן די ירדן־מלוכה — וואָס איז אינערלעך צעשפּליטערט און ווערט פון דרויסן צעריסן — און זי צעטיילן צווישן ישראל און איראַק, וואָס וועט אינגאַנצן צוניִשט מאַכן נאַצערס השפּעה אין סיריע און וועט פאַרשטאַרקן די ענגלישע פּאָזיציע. אין דרום פון ישראל האָט ער געזען די ישראל־מאַכט אין דער אילת־בוכטע, און דעם סועץ־קאַנאַל אונטער אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטראָל.

אַ טייל פון זיין אויפפאַסונג וועגן נייעם מיטעלן מזרח נאָך דער סיני־אַקציע, איז געקומען צום אויסדרוק, ווען צוויי טעג נאָך דער „קדש"־אַקציע — און די סועץ־מלחמה האָט נאָך געדויערט — האָט ער דעם 7־טן נאָוועמ־

בער געמאָלדן אין דער כנסת וועגן דעם „מעמד פון הר סיני", וואָס איז באַ־נײַט געוואָרן" און גערעדט וועגן „באַפרייען" דעם „מפרץ שלמה" — אַ תנ"כישן נאָמען, מיט וועלכן ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַנוצט. פאַר דער בוכטע פון שארם־א־שייך. ער האָט ציטירט דעם גריכישן היסטאָריקער פּראָקאָפּיוס פון 6־טן יאָרהונדערט, וועלכער האָט געשריבן וועגן יידישע ישובים. פּאַקטיש האָט בן־גוריון פּראָקלאַמירט אַ נײַע מלכות ישראל פון דן אין צפון ביז דעם אינדזל יוטבת — אַ העברעאישער נאָמען פאַרן טיראַן־אינדזל אין די שריפטן פון פּראָקאָפּיוס.

פאַר בן־גוריונען איז די סיני־אַקציע געווען מער ווי די ליקווידאַציע פון די „פידאין"־טעראָריסטן און עפענען די אילת־בוכטע פאַרן ישראלדיקן שיפס־פאַרקער. מען דאַרף זיך משער זײַן, אַז אויב ער איז אײַנגעגאַנגען צו באַצאָלן אַ שווערן פּרײַז פון א מלחמה, האָט ער געשטרעבט צו אַ ווײַטגײיענדיקער ענדערונג. אויך שמעון פרס, פּונקט ווי בן־גוריון, איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער נײַער פּאָליטישער וויזיע.

דווקא דײַן, וועלכער איז נישט געווען מסוגל אויסצובאַהאַלטן זײַן התלה־בות אין אָנבליק פון דער מלחמה־געלעגנהייט און וועלכער האָט אַזוי מורא געהאַט זי צו פאַרלירן, איז פון די דרײַ געווען דער ניכטערסטער, אויב נישט דער אײנציק ניכטערער. ער איז נישט מיטגעריסן געוואָרן דורך קיין שום צווײ ,אָדער דרײַזײַטיקער פּאָליטישער וויזיע; אין זײַן פאַנטאַזיע האָט ער נישט געצייכנט קיין נײַע מאַפּעס פון מיטעלן מזרח און זיך נישט פאַרנומען מיט שאַפן קיין נײַע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע סיטואַציעס. פאַר אים זענען דאָס געווען לופט־שלעסער. ער האָט זיך געהאַלטן בײַ יסודותדיקע פּראָבלעמען: ליקווידירן דעם טעראָר, דערווײַטערן דעם אַראַבישן אָנגריף און עפענען די אילת־בוכטע און די הימלען פון אילת פאַר ישראל. אויך די טעריטאָריאַלע ענדערונג, צו וועלכער ער האָט געשטרעבט, איז פאַר אים געווען אַן אויס־שליסלעכער ישראל־עניין, וואָס דאַרף נישט זײַן פאַרבונדן מיט פראַנקרײַך און ענגלאַנד. דײַן האָט געהאַלטן, אַז ישראל דאַרף באַזעצן דעם עזה־געביט, כדי צו דערווײַטערן דאָס מצרישע מיליטער און די פידאין־טעראָריסטן. און אַזוי, ווען בן־גוריון און פרס האָבן אין זייער פאַנטאַזיע געזען אַ פויגל בעך מיט וונדערבאַרע „פייגל", האָט זײַן אויג געזען נאָר איין „פויגל" — די מצרישע אַרמיי — וואָס ער האָט געקאָנט פאַנגען.

ער איז געווען מער פאַרהאַרטעוועט לגבי די צוקונפטיקע געשעענישן. ווײַל 36 שעה נאָך דעם ווי בן־גוריון האָט גערעדט וועגן ישראל, וואָס שפּרײט זיך אויס ביז דעם אינדזל יוטבת, איז ער ווידער דערשינען אין דער כנסת — אין רעזולטאַט פון דעם דרוק מצד דעם ראַטנפאַרבאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן — און געמאָלדן וועגן די באַדינגונגען, בײַ וועלכע ישראל וועט זײַן גרייט זיך צוריקצוציען פון אירע דעראָבערונגען. אָנשטאָט אַ נײַער פּאָליטי־שער סיטואַציע אין מיטעלן מזרח, האָט זיך אַלץ צוריקגעקערט צום פריער־

דיקן מצב. נאָך ערגער — עס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן דער פּראָצעס פון דער סאָוויעטישער אַריינדרינגונג און וווקס פון איר השפּעה. און אין ענגלאַנד איז געפאַלן די רעגירונג פון אַנטאָני אידען און די נייע רעגירונג האָט זיך מער נישט באַצויגן מיט סימפּאַטיע צום פּלאַן פון דער סועץ־מלחמה.

בן־גוריון — נאָך דער סיני־אַקציע — האָט פאַר זיך געשטעלט וויכטיקער פּרעטענסיאָנעלע צילן. ער האָט געזאָגט, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער סיני־אַקציע איז געווען צו שטאַרקן די זיכערהייט פון ישראל און צעברעכן נאַצערס מיליטערישן כוח. צוויי צילן, וואָס דיין האָט זיך געשטעלט פון אָנהויב. די דערגרייכונגען פון בן־גוריונען זענען געווען די באַזייטיקונג פון דער מצרישער מלחמה־דראָאונג אויף אַ פּאָר יאָר, פּאַקטיש ביז 1967, און די פּאָליטישע באַפעסטיקונג פון ישראל אין באַוווסטזיין פון צאָלרייכע מדינות אין דער וועלט.

דעם 3־טן יוני 1956 האָבן די דאָקטוירים ענדגילטיק פעסטגעשטעלט — דבורה דיין האָט אַ ראַק אויף דער לעבער און אין די לונגען, וואָס וועט זיך שנעל פאַרשפּרייטן. שבת דעם 28־טן יולי, מיטאָג־צייט, איז זי געשטאָרבן. עס זענען געווען מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן שמואלן, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז דבורה זאָל אירע לעצטע טעג פאַרברענגען אין נהלל, אין שויס פון דער משפּחה, און משהן, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז פון מעדיצינישן שטאַנדפּונקט וועט פאַר איר זיין בעסער, אויב זי וועט זיין אין שפּיטאָל.

משה איז געזעסן טאָג־טעגלעך ביי איר בעט. ער איז נישט געווען בלויז אין די טעג, ווען די זיכערהייטס־לאַגע און די מיליטערישע צוגרייטונגען האָבן איב נישט דערלויבט צו פאָרן קיין נהלל. שמואל פלעגט זי אַרויסנעמען מיטן בעט אין גאָרטן פון הויז קעגנאיבער די צוויי גרויסע ציפּרוס־ביימער, וועלכע ער האָט פאַרפלאַנצט ביים הויז אין די ערשטע טעג פון נהלל.

לויט טאָגבוך, וואָס שמואל האָט געפירט — און וועלכן ער האָט פאַרשריבן די רייד פון זיין קראַנקער פרוי — איז משה אָנוועזנד געווען בעת אירע לעצטע שמועסן. איינמאָל, ווען די ווייטיקן האָבן זיך געשטאַרקט, האָט זי געזאָגט צו משהן: „הלוואי זאָלסטו קומען אינדערפרי און מיך טרעפן אַ טויטע. דאָס וועט זיין אַן אויסלייזונג פאַר מיר און אַ מתנה פאַר אייך". אַ פּאָר מאָל האָט זי דערמאָנט די דרייסטקייט פון איר זון און מען האָט געזען, אַז זי איז זייער שטאָלץ מיט דער דאָזיקער אייגנשאַפט. איינמאָל האָט זי געזאָגט: „משה איז אַ דרייסטער, ווען עס וואָלט מיט אים פּאַסירט אַזאַ זאַך, וואָלט ער זיך אריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ". און ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער טויט, האָט זי געזאָגט: „מוסיק, דו ביסט אַ מוטיקער, אַ דרייסטער, די קאָנסט אַלץ — און מיר איינשפּאָרן ליידן און יסורים קאָנסטו נישט?".

שבת דעם 28־טן יולי האָט זיך דיין פאַרנומען מיט אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען ביי עזה. פון גענעראַל־שטאַב האָט מען געשיקט אַ „פּייפּער"־עראָפּלאַן, כדי אים אויפצוזוכן און מעלדן וועגן טויט פון דער מוטער. דער

פּליער האָט דאָס געטון דורך אַראָפּלאָזן אַ פּעקל, אין וועלכן עס איז געווען אַ צעטל מיט דער טרויעריקער ידיעה.

מיטן טויט פון דער מוטער האָט דיין פאַרלוירן דעם נאָענטסטן, געליבטסטן און צום מערסטן געשעצטן מענטש.

## סיני-אַקציע אָקטאָבער—נאָוועמבער 1956

גבוראַגטקייט און שנעלקייט, די צוויי טאַקטישע אייגנשאַפטן פון קאָמאַנדיר פון קאָמאַנדאָ־פּולק אין לוד אין 1948, זענען אויך געווען דער שליסל צו דער הצלחה פון שעף פון גענעראַל־שטאַב אין דער אָפּעראַציע „קדש" — אין 1956. היות די דאָזיקע אייגנשאַפטן כאַראַקטעריזירן אויסגעצייכנטע מיליטער־לייט אין אַלע אַרמייען, איז נויטוועגדיק צו שילדערן ווי אַזוי זיי האָבן זיך אַנטפּלעקט ביי דיינען.

דאָס אַראָפּלאָזן אַ פּולק פּאַראַשוטיסטן אונטער דער קאָמאַנדע פון רפאל איתן אין רוקן פון דער מצרישער אַרמיי, 150 ק״מ מיט דער לופט־ליניע פון דער ישראל־גרענעץ אויפן וועג, וואָס פירט קיין פּאָרט טאופיק ביים סוף פון סועץ־קאַנאַל, איז געווען אַ ריזיקאַלישער שריט. גרויסע כוחות פון שונא האָבן בלאָקירט די וועגן צום פּולק און גרויסע רעזערוו־כוחות האָבן זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט פון קאַנאַל אויף אַ מרחק פון סך הכל 60 ק״מ. נאָך מער — די לופט־דעקונג, וואָס דער דאָזיקער כוח האָט באַקומען, איז געווען זייער אַ שוואַכע. די קאַמפּס־עראָפּלאַנען, וואָס האָבן זיך געפונען ווייט פון זייערע באַזעס, זענען אָנגעקומען צו די פּאַראַשוטיסטן מיט ווייניק ברענשטאָף און זענען נישט געווען אימשטאַנד אריינצוגיין אין לאַנגע לופט־קאַמפן. דאַקעגן האָבן די מצרישע פליי־באַזעס זיך געפונען אין דער נאָענט און האָבן אַרויס־געשיקט באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, וואָס האָבן טאַקע פאַרשאַפט דעם דעסאַנטן־כוח פאַרלוסטן.

אין דער געפערלעכער לאַגע האָט דער פּאַראַשוטיסטן־פּולק געדאַרפט דורכהאַלטן מינדעסטנס 24 שעה ביז עס וועט זיך מיט אים פאַרבינדן דער צווייטער פּאַראַשוטיסטן־פּולק, וואָס באַוועגט זיך אויף דער יבשה און פירט אַ מלחמה מיט מצרישע כוחות לענגאויס דעם וועג פון 200 ק״מ. דאָס איז געווען אַ שווערער און צעשטערטער וועג, וואָס האָט גורם געווען מעכאַנישע דע־פעקטן אין צענדליקער טאַנקן און טאַנקעטקעס — פיל מער ווי עס האָט געטון דער שונא. עס איז דעריבער געווען אַ באַגרינדעטע מורא, אַז דער פּאַראַ־שוטיסטן־פּולק וועט בלייבן אַליין מער ווי 24 שעה — דיין האָט געהאַלטן, אַז 48 שעה. אין דער צייט האָבן די מצרישע כוחות געקענט אים אינגאַנצן ליקווידירן.

דעם 29־טן אָקטאָבער, 4.59 נאָכמיטאָג — אַ מינוט פאַרן געפּלאַנטן אָנהויב — האָט געלאַנדעט דער פּאַראַשוטיסטן־פּולק נישט ווייט פון דעם מיטלע־דורכגאַנג. אין דער זעלבער צייט האָבן צה״ל־כוחות איבערגעשריטן די ישראל־מצרישע גרענעץ אין צוויי ערטער, אין ראס נאקאוו און אין קונטילא. במשך

פון אַ קורצער צייט האָבן זיך די צוויי אַריינדרינגונגען פאַרוואַנדלט אין לאַנגע מיליטערישע אָפּעראַציעס, איינע כדי זיך צו פאַרבינדן מיטן פאַראַשוטיסטן־פּולק און די צווייטע צו דעראָבערן שאַרם־אַ־שייך. אָבער אין דער נאַכט פון 29־טן אָקטאָבער האָבן די דריי אָפּעראַציעס אויסגעזען ווי אַ טייל פון אַ פאַר־גרעסערטער רעוואַנזש־אַקציע. זיי האָבן דערמעגלעכט צו פאַרעפנטלעכן אַן אָפיציעלע מעלדונג, וועלכע האָט לויט דיינען געדאַרפט זיין „אַ תקיפותדיקע און דראָענדיקע און אין דער זעלבער צייט טאָר זי נישט אַנטפּלעקן אונדזערע אמתע כוונות". ער אליין האָט געשריבן די מעלדונג פון וואָרטזאָגער פון צה"ל, וואָס האָט באַקומען די באַשטעטיקונג פון בן־גוריונען. אין דער נייעס־אויִדיציע פון 9 אזייגער אין אָוונט אין „קול ישראל" ווערט געזאָגט:

„דער וואָרטזאָגער פון צה"ל איז מודיע, אַז כוחות פון צה"ל זענען אריינ־געדרונגען און אָנגעגריפן פידאַין־איינהייטן אין ראס אל נאקאוו און קונטילא און האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס מערבדיק פון נאכאל־קרייצוועג אין דער נאָענט פון סועץ־קאַנאַל. די דאָזיקע אָפּעראַציע איז געקומען אין רעזולטאַט פון די מצרישע מיליטערישע אָנגריפן אויף דער ישראלדיקער קאָמוניקאַציע אויף דער יבשה און אויפן ים, מיטן ציל צו פאַרניכטן און באַרויבן די ישראל־בירגער פון דער מעגלעכקייט צו לעבן אין שלום".

כדי צו העלפן די מצרים צו בלייבן אין טעות און זיי זאָלן מיינען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן נאָך אַ רעוואַנזש־אַקציע און פאַרזיכערן ווי ווייט מעגלעך, אַז זיי זאָלן נישט פאַרשטיין, אַז עס איז געעפנט געוואָרן קעגן זיי אַ מלחמה, האָט דער גענעראַל־שטאַב זיך באַנוצט מיט אַ פּשוטן און עפעקטיוון אָפּנאַר־פּלאַן. במשך פון דריי חדשים האָט זיך די טעטיקייט פון צה"ל קאָנצענטרירט אויפן ירדנישן אָפּשניט, דאַקעגן אויף דער ישראל־מצרישער גרענעץ האָט דיין געזאָרגט, אַז עס זאָל הערשן רו. אין פאַרגלייך צו די פיר גרויסע רעוואַנזש־אַקציעס, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן קעגן ירדן אין סעפּטעמבער און אָקטאָבער, האָט צה"ל נישט רעאַגירט מיט קיין שום אָפּעראַציע אויף די אָנגריפן פון מצרישע כוחות קעגן די ישראל־זעלנער. עס האָט אויסגעזען, אַז די באַ־ציאונגען צווישן ישראל און מצרים זענען „נאָרמאַלע", אפילו „גוטע", אין פאַרגלייך מיט די טעג פון שפּאַנונג אין ניצנה־ראַיאָן און דעם קאַמף פון א־צאבכא סוף 1955.

אין דער צייט, ווען די מיליטערישע טעטיקייט קעגן ירדן איז געשטיגן, האָט דיין געזאָרגט צו האַלטן דעם סוד — אַז דער צעשמעטערנדיקער קלאַפּ איז געווענדעט קעגן מצרים. אין די זיצונגען פון גענעראַל־שטאַב האָט ער נישט באַטייליקט די גענעראַלן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צו דער „קדש"־אָפּעראַציע, ווי למשל דעם אלוף יצחק רבין. אין דער „קדש"־אַקציע איז דערגרייכט געוואָרן אַ פולע איבעראַשונג און די מצרים זענען נישט געווען די איינציקע קרבנות פון דעם אָפּנאַר־פּלאַן. אויך די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט זיך אויפגעוועקט אייניקע טעג פאַרן אָנהויב פון דער מיליטערישער אקציע.

די איבעראַשונג איז געווען אַ מין טיילווייזע פּאַרטיידיקונג פון דעם פּולק, וואָס איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן מיט פּאַראַשוטן נישט ווייט פון מיטלע. דער מצרישער מזרח־שטאַב האָט טאַקע רעאַגירט אזוי ווי דיין האָט דאָס פּאָרויסגעזען. אַנשטאָט צו פּראָקלאַמירן אויסנאַם־צושטאַנד און באַלדיקע מלחמה־גרייטקייט, האָט דער מזרחדיקער מצרישער שטאַב געהאַנדלט לויט זיינע סטאַבילע באַפעלן. אַ פּאָר שעה נאָכן אַראָפּלאָזן דעם דעסאַנט איז געשיקט געוואָרן די צווייטע מצרישע בריגאַדע צו באַזעצן דעם מיטלע־דורכגאַנג און צו גיין פאָרויס אין דער ריכטונג פון זיין מזרחדיקן דורכגאַנג. דאָרט האָבן געוואַרט די מצרישע איינהייטן ביז צו דער שלאַכט, וואָס איז פאָרגעקומען צוויי טעג שפּעטער, דעם 31־טן אָקטאָבער. דאָס איז געווען אַ פאַמעלעכדיקע אָרטיקע רעאַקציע, וואָס האָט איבערגעלאָזט צה״ל די פולע פרייהייטס־טעטיקייט אויף אַלע אָפּשניטן פון פראָנט.

אַן אַנדערער וויכטיקער שריט איז געווען דאָס שיקן די 9־טע בריגאַדע מיטן יבשה־וועג קיין שאַרם־א־שייך. דאָס איז געווען אַ פוסגייער־בריגאַדע, וואָס אירס אַן איינהייט האָט דעם 29־טן אָקטאָבער איבערגעשריטן די גרענעץ און פאַרנומען ראס על נאַקאוו. פון דאַנען האָט זי דעם 31־טן אָקטאָבער געדאַרפט אָנהויבן אַ שווערן וועג פון 400 ק״מ דורך וואַדיס און שמאָלע זאַמד־וועגן ביז שאַרם־א־שייך. די לעצטע 150 ק״מ זענען געווען די שווערסטע. די מיליטערישע אויטאָס זענען געזונקען אין די טיפע זאַמדן און ספּעציעלע כלים האָבן געמוזט אַרויסשלעפּן פון די זאַמדן יעדן אויטאָ און יעדן האַרמאַט. דערנאָך האָט די בריגאַדע אָנגעטראָפן אויף אַ געשלאָסענער וואַנט פון שטיינער און פעלדזן. עס איז אַפילו געווען אַ מורא, אַז די גאַנצע בריגאַדע זאָל בלייבן שטעקן אין מיטן מדבר.

די שנעלקייט, וואָס דיין האָט געפאָדערט פון די צה״ל־כוחות איז טיילווייז געווען אַ פּאָליטישע נויטווענדיקייט. ער האָט מורא געהאַט, אַז וואָס לענגער עס וועט דויערן די אַקציע, „וועלן זיך פאַרגרעסערן די פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס — דער דרוק פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דאָס צושטיין פון „פרייוויליקע״ (פון קאָמוניסטישן בלאָק) צו העלפן מצרים א.א.וו. מיר טאָרן נישט מער פאַרציִען די אַקציע ווי צוויי וואָכן״.

אין דער מלחמה האָט דיין געהאַנדלט לויטן פּיינט און נישט לויט דער מיליטערישער תורה. דאָס האָט אַרויסגערופן די קריטיק פון דאָקטרינערע קאָמאַנדירן. זיי האָבן זיך מער גערעכנט מיט דער געשריבענער תורה ווי מיטן פּיינט. פונקט ווי ער האָט אין 1948 ערב דער אַקציע אין לוד, געזאָגט צו זיין פאַרטרעטער פעלץ, אַז דער פּולק 89 קעמפט נישט קעגן דייטשן מיליטער, אזוי האָט ער איצט איבערגעחזרט זיינע ווערטער צום רבי פון פעלץ, אלוף חיים לאַסקאָוו, קאָמאַנדיר פון די פאַנצער־כוחות, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון זיינע קריטיקער — „מיר דאַרפן זיך אָפּהאַלטן פון יעדער מעכאַנישער אַנאַלאָגיע, צווישן דער טעטיקייט פון די מצרישע איינהייטן און די אָפּעראַציעס,

וועלכע עס וואָלט דורכגעפירט אַן אייראָפּעאישע ארמיי אין ענלעכע באַדינ־גונגען".

די „קדש"־אָפּעראַציע איז צוגעגאַנגען ממש אזוי ווי עס האָט זי פאָרויס־געזען דיין, אַדאַנק דער אויסגעצייכנטער פּלאַנירונג, זאָרגפעליקער אויסאיבונג, שנעלקייט און אַגרעסיוקייט און געניוע צוגרייטונגען — הגם צוגעאיילטע — און דער געטרייער און עלאַסטישער אויספירונג פון די קאָמאַנדירן און חיילים. פּאַקטיש זענען אלע שליסל־פּאָזיציעס אין סיני שוין געווען אין די הענט פון צה"ל 48 שעה נאָכן אָנהויב פון דער מלחמה, אַחוץ שאַרם־א־שייך, וווהין עס איז אָנגעקומען די 9־טע בריגאַדע ערשט דעם 5־טן נאָוועמבער נאָך אַן אויסער־געוויינלעך פאַרמאַטערנדיקן וועג און זי דערלאַבערט כמעט אָן אַ מלחמה.

די שנעלקייט איז אַלזאָ געווען אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר פאַר דייענס פון אַלע שטאַנדפּונקטן. אָבער דער עיקר איז געווען זיין גוט קענען די מענ־טאַליטעט פון פיינט, די זייער ריכטיקע דערוואַרטונג פון זיינע רעאַקציעס און בליץ־שנעלער ענפער אויף זיי. דאָס קענען דעם שונא האָט דערמעגלעכט דייענען צו קאָנצענטרירן זיך אַרום דעם נויטווענדיקסטן, זיך אָפּהאַלטן פון צעשפּרייטן זיינע אָנשטרענגונגען אויף דעם וואָס עס איז איבעריק און פריצייטיק. זיינע צוגרייטונגען זענען געווען פּראַקטישע, אָן דאָקטרינערישער באַפּוצונג. וואָלט דיין זיך טועה געווען אין דער אָפּשאַצונג פון פיינט — און ווען עס וואָלטן געדעכט געווען זיינע קריטיקער — איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אפשר אַנשטאָט אַן אויסערגעוויינלעכן נצחון, וואָלט צה"ל געליטן אַ חרפּהדיקע מפּלה.

מיטן מאָמענט, ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז דיין פאַרשוווּנדן פון גענעראַל־שטאַב און האָט זיך אָנגעשלאָסן צו די קעמפנדיקע כוחות. אין פאַרלויף פון דער מלחמה האָט ער צוויי־דריי מאָל באַזוכט דעם גענעראַל־שטאַב. אין זיין טאָגבוך האָט ער וועגן דעם באַמערקט: „אין די אָוונטן בין איך צוריק אַוועק צו דער קאָמאַנדע־פּאָזיציע און איך האָב די גאַנצע צייט געהאַט מיט זיך אַ פאַרבינדונגס־מכשיר און איך בין געווען אין אַ פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט דער קאָמאַנדע. די שטאַב־אָפּיצירן טענהן, אַז דאָס איז נישט גענוג און מיין אָפּוועזנהייט פון שטאַב צעשטערט דעם נאָרמאַלן סדר פון דער אַרבעט. עס קאָן זיין, אַז זיי זענען גערעכט, אָבער איך בין נישט מסוגל, כ'וויל נישט אַנדערש האַנדלען"". דאָס אָנפירן מיט די לויפנדיקע ענינים פון דער מלחמה, האָט ער איבערגעלאָזט דעם שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג, אלוף מאיר עמית, לויט וועמענס רייד „דיין האָט אונדז איגנאָנצן פאַרלאָזט".

דיין פלעגט פאָרן צום שלאַכט־פעלד אין אַ דזשיפּ, אין דער באַגלייטונג פון אַ פאַרבינדונגס־דזשיפּ, וואָס האָט אים נישט שטענדיק געקענט נאָכיאָגן. פון גאַנצן שטאַב איז מיט אים נאָר געווען דער סגן־אלוף (דעמאָלט) מרדכי בר־און, דער שעף פון זיין ביוראָ, וועלכער האָט צווישן אַנדערן אויך געזאָרגט פאַרן טאָגבוך. דעם 30־טן אָקטאָבער אינדערפרי, איז דיין אָנגעקומען אין דער געגנט פון קוציימאַ און צו זיין דערשטוינונג איז אים באַקאַנט געוואָרן פון דעם קאָ־

מאַנדיר פון דער דרום־קאָמאַנדע, אלוף־משנה אסף שמחוני, אַז ער האָט אַריינגע־פירט אין קאַמף די 7־טע פּאַנצער־בריגאַדע און זי האָט אין אַ גאַלאָפּ אָפּגע־שוועכט יעדן ווידערשטאַנד אויף איר וועג. די באַפעלן האָבן בפירוש פעסט־געשטעלט, אַז די פּאַנצער־כוחות וועלן נישט אָנהויבן דעם קאַמף פאַרן 31־טן אָקטאָבער. שמחונין האָט מען גוט אויפגעקלערט, פּונקט ווי די אַנדערע צה״ל־קאָמאַנדירן, אַז צוליב מיליטעריש־פּאָליטישע מאָטיוון האָט מען אַזוי באַשלאָסן. פאַקטיש האָט דיין געוואָלט אָפּהיטן דעם כאַראַקטער פון אַ רעוואַנזש־אַקציע לגבי אַלע אָנהויב־אָפּעראַציעס ביזן 31־טן אָקטאָבער, ווען פראַנקרייך האָט געדאַרפט אַריין אין סיני־קריג דורך באַשיסן מיט ים־אַרטילעריע די מצרישע פּאָזיציעס אין רפיח. כל זמן עס איז נישט געווען די זיכערקייט, אַז פראַנקרייך און ענגלאַנד וועלן האַלטן זייער וואָרט, האָבן בן־גוריון און דיין נישט געוואָלט דורכפירן אַן אָפּעראַציע, וואָס זאָל טראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם מלחמה־כאַ־ראַקטער, ווי דער אָנגריף פון אַ גאַנצער פּאַנצער־דיוויזיע.

שמחוני האָט געהאַנדלט כלפּי דיינען, פּונקט ווי דיין פלעגט זיך באַציען צו די ממונים איבער אים — נישט אָננעמען זייערע רייד ווי דאָס לעצטע וואָרט. שמחוני איז אַלזאָ נישט באַאיינדרוקט געוואָרן פון דער פּאָליטישער אויפקלע־רונג וועגן דעם רעאַליזירונגס־פּלאַן און זיך געהאַלטן ביי זיין מיינונג, אַז „מען טאָר נישט פאַרשווענדן קיין איין מינוט און גלייך נאָך אָנהויבן די מיליטערישע אָפּעראַציעס דאַרף מען אויסנוצן די איניציאַטיוו און די איבעראַשונג, גיין פאָרויס און דעראָבערן וואָס מען קאָן״. דעריבער האָט ער אָנגעווענדעט אַלע כוחות, וואָס זענען געשטאַנען צו זיין רשות ביים סוף פון דער פאַזע א׳ און נישט אין די פאַזעס ב׳ און ג׳, ווי עס האָט אים באַפוילן דער פּלאַן פון גענעראַל־שטאַב.

עס איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפער וויכוח צווישן דיינען און שמחוני, אין וועלכן דער לעצטער איז נישט געבליבן שולדיק. אַלס קאָמאַנדיר פון דרום־פראָנט איז ער „נישט גרייט צו שטיצן זיך דערויף, אַז עמעץ (די ענגליש־פראַנ־צויזישע כוחות) וועלן אָנהויבן די מיליטערישע אַקציע, און דעריבער געפינט ער נישט קיין באַרעכטיקונג אָפּצוהאַלטן אונדזערע אָנגריפן במשך פון 48 שעה. ער זעט אין די אָנווייזונגען פון גענעראַל־שטאַב אין דער פראַגע אַ פּאָליטישן און מיליטערישן פעלער״. מיט אַנדערע ווערטער, שמחוני האָט געהאַלטן, אַז ער פאַרשטייט מער ווי זיינע קאָמאַנדירן. אין אַ געוויסער הינזיכט האָט דיין גע־שניטן דאָס, וואָס ער האָט געזיית. פּונקט ווי די העכערונג פון קאַמפס־גייסט און קאַמפס־פעאיקייט, פּונקט ווי דער ווילן צום קאַמף און די גרייטקייט פון די קאָמאַנדירן צו גיין די ערשטע אין דער שלאַכט, פּונקט ווי די שנעלקייט און מוט פון גאַנצן צה״ל, אַזוי איז אויך דאָס פאַרלעצן דעם באַפעל דורכן אלוף פון דער דרום־קאָמאַנדע — געווען די פּרוכטן פון זיין אָנפירערשאַפט. ווי מיר וועלן באַלד זען, איז דאָס נישט געווען די איינציקע באַפעל־פאַרלעצונג אין דער „קדש״־אָפּעראַציע.

דער כעס פון דיין אויף שמחוני איז געווען אַ דאָפּלטער. קודם כל דאָס אַריינפירן די פּאַנצער־בריגאַדע 24 שעה פאַרן טערמין וועט אַנטפּלעקן מצרים די כוונות פון דער צה״ל־אָפּעראַציע. אויב זיי האָבן ביז איצט געמיינט, אַז זיי שטייען פאַר אַ פאַרגרעסערטער רעוואַנזש־אַקציע, וועט פאַר זיי איצט זיין קלאָר אויסער יעדן ספק, אַז מען האָט קעגן זיי געעפנט אַ מלחמה. און דאַן קאָן דער גורל פון די 395 פּאַראַשוטיסטן ביי מיטלע זיין זייער אַ ביטערער.

דיינס אופן פון רעאַגירן אויף דער פאַרלעצונג פון באַפעל איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן אין פאַרלויף פון קומענדיקן טאָג. אַ צאָרנדיקער האָט ער פאַרלאָזט דעם קאָמאַנדיר פון דרום־פראָנט און זיך געלאָזט אין געיעג נאָך דער 7־טער פּאַנצער־בריגאַדע. ער איז דורכגעפאָרן דאָס דאָרף קוציימא און געזען די אָרעמקייט, אַן אויפגעריסן געשעפט, פּגרים פון קעמלען, וואָס זענען אומגעוויטיק דערשאָסן געוואָרן ביים ברונעם — „דאָס גאַנצע בילד האָט געמאַכט אַ זייער נעבעכדיקן און טרויעריקן איינדרוק״, האָט ער פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך.

עס זענען אדורך 8 שעה צווישן געבן דעם באַפעל דער פּאַנצער־בריגאַדע דורך שמחוני און דער באַגעגעניש מיטן קאָמאַנדיר בן־ארי. אינצווישנצייט האָט די בריגאַדע שוין געעפנט דעם אַטאַק אויף אום קאַטעף אויפן פראָנט־אָפּשניט אבו־אגיילא, הגם שמחוני האָט באַפוילן דעם קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע — דאָ איז ער געבליבן געטריי די אָנווייזונגען פון דיין — אָפּצושטעלן זיך און זיי נישט אָנגרייפן. דיין באַמערקט אין זיין טאָגבוך, „אָבער ווי עס קומט פאַר אין אַזעלכע פאַלן, „די פאַרבינדונג האָט נישט געקלאַפּט ווי געהעריק״, און די מאַנשאַפט פון דער פּאַנצער־בריגאַדע האָט געעפנט אַן אָנגריף אויף אום קאַטעף״.

דיין האָט באַשלאָסן, אַז מען קאָן נישט צוריקדרייען די ווייזערס פונעם זייגער. מ׳קאָן נישט צוריקציען די בריגאַדע, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן דעם קאַמף קעגן די מצרישע באַפעסטיקונגען. איצט האָט ער געוואָלט אַרויסציען „דעם מעגלעכן מאַקסימום פון דעם אַריינטריט פון דער פּאַנצער־בריגאַדע אין דער מלחמה״. דעריבער האָט ער אויפן אָרט געענדערט, געבנדיק אַ דירעקטן באַפעל דעם קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע, איר צייט־קאַלענדאַר און אויף איר אַרויפגעלייגט גלייך אויסצופירן די אויפגאַבע אין די ראַמען פון דער „קדש״־אַקציע — וואָס זי האָט געדאַרפט טון אין דער פאַזע ג׳. דיין האָט פאַראָרדנט בן־אורי איבערלאָזן אום קאַטעף און פּרוּווסרוקן זיך אין דער ריכטונג פון מערב צום כּוועץ מיט צוויי פּאַראַלעלע אַקסן.

שפּעט אין דער נאַכט פון 30־טן אָקטאָבער האָט דיין באַזוכט בן־גוריונען, וועלכער איז געלעגן קראַנק אויף אַ גריפּע. דאָ איז אים באַקאַנט געוואָרן, אַז די אַנגלאָ־פראַנצויזישע כוחות האָבן אָפּגעלייגט דעם טערמין פון זייער אָנגריף אויף די מצרישע לופט־באַזעס, אויף נאָך 5 שעה. ביז דאַן וועט דער מצרישער לופט־פלאָט זיין פריי פאַר אַ טעטיקייט קעגן ישראל און בן־גוריון האָט זייער מורא געהאַט פאַרן גורל פון די פּאַראַשוטיסטן אין מיטלע און געפאָדערט מען זאָל זיי צוריקברענגען קיין ישראל. דיין האָט אים דערמוטיקט מיט זיין בטחון,

אַז אויך אָן דער אַנגלאָ־פראַנצויזישער אינוואַזיע וועט צה״ל קאָנען פאַרענדיקן די „קדש״־אַקציע מיט הצלחה. דעם קראַנקן בן־גוריון האָט ער געשווינט און אים נישט איבערגעגעבן די נישט אָנגענעמע פּרטים פון דעם פּרימאָרגן — דאָס פאַרלעצן דעם באַפעל דורך שמחוני און דאָס ארייננפירן די 7־טע בריגאַדע אין דער מלחמה פאַר דער צייט און אָן אַן אַנטשפּרעכנדיקן פּלאַן. זעט אויס, אַז ער האָט נישט געוואָלט פאַרשאַפן דעם קראַנקן קיין עגמת נפש און צאָרן — ער האָט אים וועגן דעם באַריכטעט דריי טעג שפּעטער — אויך נאָר דערפאַר, ווייל אין האַרצן האָט ער געפילט אַ סימפּאַטיע צו אַזעלכע קאָמאַנדירן ווי שמחוני, וועלכער איז אים געווען ענלעך. „בעסער צו קעמפן קעגן ראַסן־פערד, ווען דאָס פּראָבלעם באַשטייט אין דעם ווי אַזוי זיי איינצוצוימען — איידער צו שטופּן אָקסן, וואָס ווילן זיך נישט רירן״, האָט ער פאַרשריבן אין זיין טאָגבוך.

אַזוי האָט דיין פעסטגעשטעלט דעם כלל, אַז עס איז בעסער, אַז מען זאָל זיך מאַכן צאָרנדיק צוליב צופיל טון, איידער צוליב נישט טון, אָדער ווייניק טון.

די בלוטיקע שלאַכט אין דער סיני־קאַמפּאַניע, אין וועלכער עס זענען געפאַלן 38 חיילים און 10 זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן, מער ווי אין אַלע דורכברוך־שלאַכטן צוזאַמען — איז לויט דער מיינונג פון דיין געווען אַן איבעריקע און איז אויך פאַרגעקומען אַלס רעזולטאַט פון נישט אויספירן אַ באַפעל. אַ בפירוש־דיקער באַפעל פון גענעראַל־שטאַב האָט פאַרבאָטן אריק שרונען, דעם קאָמאַנ־דיר פון דער פאַראַשוטיסטן־בריגאַדע 202, צו גיין פאָרויס, כדי צו דעראָבערן דעם מיטלע־דורכגאַנג.

דער צווייטער פאַראַשוטיסטן־פּולק האָט דורכגעמאַכט דעם וועג דורך דער יבשה און זיך פאַראייניקט מיטן פּולק, וואָס איז אַראָפּגעלאָזן געוואָרן מיט די פאַראַשוטיסטן ביים מזרחדיקן דורכגאַנג פון מיטלע אין דער נאַכט פון 30־טן אָקטאָבער. שוין אין די ערשטע שעהן פון טאָג, פון 31־טן אָקטאָבער, האָט שרון געוואָלט זיך אַרייננבאַקומען אין מיטלע־דורכגאַנג, כדי צו פאַרבעסערן זיין טאַק־טישע לאַגע. ער האָט געהאַט סיבות נישט צו זיין צופרידן פון דעם מצב — די ליניעס, אויף וועלכע עס האָבן זיך באַפעסטיקט די איינהייטן פון דער ברי־גאַדע, האָבן נישט געגעבן טאַקטישע שטאַרקייט, הויפּטזעכלעך אין אָנבליק פון דער מעגלעכקייט פון אַן אָנגריף מצד דעם מצרישן פאַנצער. אָבער אַרום 11 אַזייגער איז צו אים מיט אַן עראָפּלאַן געקומען דער שעף פון דרום־שטאָב סגן־אלוף (הייַנט אלוף) רחבעם זאבי און געבראַכט מיט זיך אַ בפירושן באַפעל פון דיינען נישט אריינצוגיין אין דעם מיטלע־דורכגאַנג און זיך נישט צו פאַר־פּלאָנטערן אין קיין שלאַכטן. נאָך פאַרן קומען פון זאבי האָט מען פאַרבאָטן שרונען — אין ראַדיאָ־געשפּרעכן מיטן גענעראַל־שטאַב און מיט דער דרום־קאָמאַנדע — צו גיין פאָרויס צום מיטלע־דורכגאַנג. עס איז מעגלעך, אַז די ידיעות, וועלכע ער האָט געהערט פון זאבי — וועגן פאַרשריט און הצלחות — האָבן משפּיע געווען אויף אריק שרונען. אין פאַראַשוטיסטן־בוך („ספר הצנ־חנים״) איז וועגן דעם געשריבן: „זיי האָבן געוואָלט קעמפן. דאָס זענען געווען

אַלטע קאַמפּס־פערד. קעמפער, וועלכע האָבן זיך געריסן צו דער שלאַכט. זינט דער באַפרייאונגס־מלחמה זענען זיי איצט צום ערשטן מאָל ארויס אין אַ ממשות־דיקן קאַמף; און אָט קעמפט דער גאַנצער צה״ל: פּאַנצער, פוסגייער, אַוויאַציע. אויך זיי האָבן געוואָלט קעמפן, זיך דורכרייסן און זיין די ערשטע ביים סועץ״. שרון האָט געפאָדערט דורכצופירן אַן אינספּעקציע אין מיטלע. צו דעם האָט מסכים געווען זאבי מיטן באַדינג, אז דאָס וועט זיין נאָר אַ פּאַטרול־כוח און מען וועט זיך נישט פאַרפּלאָנטערן אין קיין שלאַכט.

נאָך איידער ער איז אָפּגעפלויגן פון מיטלע האָט זאבי געזען אַ גרויסן פאַרמירטן כוח — צו גרויס, לויט זיין מיינונג, ווי עס איז נויטיק נאָר פאַר אַ פּאטרול — טאַנקעטקעס, לייכטע טאַנקן, געוועהר־טרעגער און דזשיפּן. די דאָזיקע קאָלאָנע איז אריין אין מיטלע און אין אַ פּאַסטקע, וואָס עס האָט צוגעגרייט פאַר דעם כוח די מצרישע ארמיי, וועלכע האָט איינגעאָרדנט זיינע פּאָזיציעס אין די היילן פון מיטלע־דורכגאנג. איצט האָט די גאַנצע בריגאַדע געמוזט אַריין אין דער שלאַכט, כדי צו ראַטעווען די קאָלאָנע, וואָס איז אריינגעפאַלן אין דער פּאַסטקע. במשך פון זיבן שעה האָבן די פּאַראַשוטיסטן געקעמפט פאַר זייער לעבן, אָפּרייניקנדיק איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער, איין חייל נאָך דעם צווייטן. דאָס איז געווען דער גרעסטער גבורה־קאַמף אין דער געשיכטע פון די פּאַראַשוטיסטן. די מצרים האָבן אין דער שלאַכט געהאַט 200 טויטע.

ווידער איז פאַר דיינען געשטעלט געוואָרן די אָפּשאַצונג פון צופיל טון. אין זיין טאָגבוך האָט ער פאַרצייכנט זיין רעאַקציע: „זייער באַשלוס אַנצו־גרייפן דעם מיטלע־דורכגאַנג אין קעגנזאַץ צו דער פאַראָרדענונג רופט טאַקע ביי מיר אַרויס אַ כעס, אָבער איך קאָן זיי פאַרשטיין. עס זענען אַדורך נאָר 8 יאָר פון דער באַפרייאונגס־מלחמה, אין וועלכער איך האָב אָנגעפירט מיט אַ קאָמאַנדאָ־פּולק פון דזשיפּן, און איך בין אימשטאַנד זיך פאַרצושטעלן דעם מצב, אין וועלכן איך וואָלט אליין באַשלאָסן צו דעראָבערן אַ טאַקטישע פּאָזי־ציע, כדי אויף איר צו באַפעסטיקן מיין איינהייט — אפילו, ווען די דאָזיקע אָפּעראַציע וואָלט געווען קעגן די אָנווייזונגען פון גענעראַל־שטאַב״. און כדי נישט איבערצולאָזן קיין ספק בנוגע זיין שטעלונג, האָט דיין צוגעגעבן די פאָלגנדיקע ווערטער: „וואָס שייך דער פאַרלעצונג פון מיינע פאַראָרדענונגען און מיין מחילה־באַציאונג צו דעם, איז דער אמת, אַז איך באַטראַכט פאַר זייער אַ שווער פּראָבלעם אזעלכע פאַלן, אין וועלכע איינהייטן פירן נישט אויס זיי־ערע קאַמפּס־מיסיעס — און נישט די פאַלן אין וועלכע די איינהייטן ווייכן אָפּ און ווירקן אויסער די אויפגאַבן, וואָס זענען אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן״.

צוויי פראַגן האָבן זיך דערוועקט לגבי דייַנס פּערזענלעכקייט אין רעזול־טאַט פון דער מיטלע־שלאַכט. די ערשטע, צי עס איז אים געווען קלאָר, אַז שרון האָט פאַרלעצט דעם באַפעל און אין רעזולטאַט פון דעם האָבן 38 פון די בעסטע צה״ל־קעמפער אומזיסט פאַרלוירן זייער לעבן — פאַרוואָס האָט ער אים נישט באַזייטיקט, אָדער געשטעלט פאַר אַ דיסציפּלין משפט? פּאַקטיש האָט דיין

נאָמינירט דעם אלוף חיים לאַסקאָוו אַלס אויספאָרשער־אָפיציר. פאַר אים האָט שרון געטענהט, אַז דער שטח, אויף וועלכן עס איז אַראָפגעלאָזט געוואָרן דער פאַראַשוטיסטן־פולק און אויף וועלכן עס האָט פאַרנומען פאָזיציעס די גאַנצע בריגאַדע, האָט נישט געגעבן קיין גוטע פאַרטיידיקונג קעגן פאַנצער־כוח און ער האָט באַקומען ידיעות וועגן מצרישע טאַנקן, וואָס געפינען זיך 70 ק״מ פון אים. „ווען דער פאַנצער־כוח פון פיינט וואָלט זיך יענע נאַכט נישט צוריקגעצויגן אין דער ריכטונג צום סועץ, ווייס איך נישט צי די צאָל פון אונדזערע פאַרלוסטן וואָלט נישט געווען אַ גרעסערע". — האָט שרון געזאָגט. אַלס קאָמאַנדיר אויפן אָרט האָט ער באַשלאָסן אויסצוקלייבן אַ בעסערן שטח פון טאַקטישן שטאַנדפונקט. לויט זיינע ווערטער האָט ער אויך באַפוילן דעם פאַטרול־כוח „זיך נישט אַריינצולאָזן בשום אופן אין אַ שלאַכט". אָבער דער פאַטרול איז אריינגעפאלן אין אַ לויערונג און די שלאַכט פאַר מיטלע איז פון דעם מאָמענט אָן געוואָרן אַ רעטונגס־שלאַכט. דעריבער, האָט געטענהט שרון, „זענען די קרבנות פון מיטלע נישט געווען אומזיסטע. עס איז געשטאַנען די מעגלעכקייט צו בלייבן געטריי דעם באַפעל נישט צו פאַרפלאָנטערן זיך דורך מפקיר זיין די מענטשן. דער קאַמף איז געווען אַ נויטווענדיקייט פון מענטשלעכן שטאַנדפונקט".

נאָך דעם ווי לאַסקאָוו האָט אויסגעפאָרשט די פרשה, האָט דיין געבראַכט אריק שרונען צו אַ מין בוררות פאַר בן־גוריונען. דאָס איז געווען אַן אויסנאַם און אַן איינציקע האַנדלונג, וואָס איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק דער פערזענלעכער און וואַרעמער באַציאונג צו שרונען מצד דעם זיכערהייטס־מיניסטער. אויף בן־גוריונס פראַגע, צי דאָס אריינדרינגען פון פאַטרול טיף אין דער מיטלע איז נישט געווען קיין איבעריקער שריט, האָט שרון געענטפערט בערך אזוי: „הייגט, ווען איך זיץ מיט דיר דאָ אין צימער, אין אַ פאָטעל און איך טרינק טיי — בין איך גרייט מסכים צו זיין, ווען איך ווייס דאָס, וואָס איך האָב נישט געוווסט דאַן, אַז דאָס איז געווען אַן איבעריקער שריט. אָבער לויט דער אינפאָרמאַציע, וועלכע איך האָב געהאַט אויפן פעלד, זייענדיק אָפגעריסן, מיט אַ שלעכטער פאַרבינדונג, מיט שטילשווייגן און אָן שום אָנווייזונגען, אָן אַן אינפאָרמאַציע־דינסט און אַלץ וואָס איז געווען אויפן פעלד איז געווען אויף מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט — איז מיין אָפשאַצונג דאַן געווען אַן אַנדערע". זיינע ווערטער זענען אָנגענומען געוואָרן דורך בן־גוריונען.

דיין האָט פאָרגעשטעלט זיין ווערסיע, און צום סוף האָט בן־גוריון פעסטגעשטעלט, אַז ער באַטראַכט זיך נישט קאָמפעטענט צו פסקנען וועגן חילוקי דעות צווישן צוויי קאָמאַנדירן. שרון איז אַרויס ריין פון משפט. פאַרוואָס האָט דיין אויסגעוויילט דעם אויסטערלישן וועג? אַ טייל פון דער תשובה ליגט אין דער סימפאַטיע־באַציאונג צו די קאָמאַנדירן — די „ראַסן־פערד" — וועלכע זענען שולדיק צוליב זייער איבערגעטריבענער טעטיקייט און אַ טייל ליגט אין זיין אומווילן זיך אריינצומישן און אַנטשיידן אין פערזענלעכע ענינים.

אויך אַלס פֿאַרטיידיקונגס־מיניסטער וועט ער פֿערזענלעכע ענינים ברענגען פֿאַר העכערע אינסטאַנצן, ווי דעם פּרעמיער־מיניסטער.

די צווייטע פֿראַגע — נאָך דער אויפֿקלערונג ביי בן־גוריונען און נאָך דעם ווי ער אליין האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז ווען ער וואָלט געווען אויפֿן אָרט פֿון שרונען וואָלט ער אויך געהאַנדלט פּונקט ווי ער — פֿאַרוואָס האָט ער אין זיין בוך „דאָס טאָגבוך פֿון דער סיני־אַקציע" פֿאַרעפֿנטלעכט זיין ווערסיע, וואָס זאָגט, אַז די שלאַכט איז געווען אַן איבעריקע און די קרבנות זענען געווען אומזיסטע. פֿאַרוואָס האָט ער זיך נישט גערעכנט מיט די געפֿילן פֿון די עלטערן, אלמנות און קינדער פֿון די געפֿאַלענע? אזוי האָבן געפֿרעגט א סך פֿון די, וואָס האָבן געלייענט דאָס בוך. אויך נאורה, זיין געוועזענע סעקרעטאַרין, האָט דאָס געפֿרעגט נאָך דעם ווי זי האָט געלייענט, אויף זיין בקשה, דעם מאַנוסקריפּט פֿון זיין בוך. דיין האָט איר געענטפֿערט, „ווייל דאָס איז דער אמת".

דאָס ליב האָבן דעם אמת איז ביי דיינען פֿאַרמירט געוואָרן נישט אין אַ קלייננער מאָס דורך דער יסודותדיקער אייגנשאַפֿט פֿון זיין פֿערזענלעכקייט פֿעסטצושטעלן אויף אַ קלאָרן אופֿן זיין אחריות. דורך די אמת־אַנטפּלעקונגען, מיט וועלכע ער האָט זיך געטיילט מיטן ברייטן ציבור, זענען זיינע פֿאַרפּליכ־טונגען לגבי דעם ציבור געוואָרן מער רעזערווירט. ווי ער וואָלט געזאָגט בייטאָג און ביינאַכט: אַזאַ בין איך, דאָס זענען מיינע מעלות און דאָס זענען מיינע חסרונות, דאָס זענען מיינע דערגרייכונגען און דאָס זענען מיינע דורכפֿאַלן, אזוי האָב איך געטון און אַזוי האָב איך געזינדיקט. אויב איר, דער ציבור, ווילט מיך נאָך אַלעמען און לייגט אויף מיר אַרויף אויפֿגאַבן, ווילט מיך אויס — איז דאָס אויף אייער אחריות. צו אים וועט מען נישט קענען קומען מיט דער טענה, אַז ער האָט באַקומען, אָדער איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף אַן אַמט צו־ליב מאַכן דעם אָנשטעל.

דעם 1־טן נאָוועמבער פֿאַרטאָג האָט זיך דיין צוגעקוקט פֿון דער נאָענט צו דער שלאַכט פֿאַר רפֿיח. די פֿראַנצויזישע באָמבאַרדירונג פֿון ים איז געווען נישט מער ווי אַ חוזק. וועגן דער באָמבאַרדירונג האָט דיין געזאָגט, אַז „דער לויתן האָט געבוירן אַ קליין פֿישעלע". סך הכל האָבן די פֿראַנצויזן אויסגעשאָסן אויף רפֿיח 150 קוילן פֿון 155 מ"מ — א סך ווייניקער פֿון דעם קוואַנטום, וועלכן די אַרטילערישע הילף פֿון דער יבשה וואָלט דערטיילט אַזאַ אָנגריף. דערצו נאָך, ווען אַ טייל פֿון די דאָזיקע קוילן איז געפֿאַלן אויפֿן ים און אין דער געגנט פֿון שטאַב פֿון אלוף לאַסקאָוו, קאָמאַנדיר פֿון דער דיוויזיע, וואָס האָט אַטאַקירט רפֿיח און וועלכער האָט אייניקע מאָל געבעטן אָפּצושטעלן די בוצלאָזע אַרטילערישע שיסעריי פֿון די פֿראַנצויזן.

פֿון דער נאָענט האָט משה געזען די דעראָבערונג פֿון דעם וועג־קנופּ רפֿיח. נאָך אַ שלאַכט פֿון אייניקע שעה איז דורכגעריסן געוואָרן דער מצרישער פֿראָנט און 10.30 אינדערפֿרי פֿון 1־טן נאָוועמבער האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע

פּאַזע פון דער שלאַכט — די 7־טע פּאַנצער־בריגאַדע איז ארויף אויפן שאָסיי, וואָס פירט קיין על־אריש.

במשך פון 24 שעה, ביזן 2־טן נאָוועמבער 11 אזייגער אינדערפרי, האָט זיך דיין געפונען אין דער געזעלשאַפט פון דער אַוואַנגאַרד־אייגהייט פון דער 27־טער בריגאַדע, ווי ער וואָלט געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ באַטאַליאָן, אָדער העכסטנס אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּולק.

דער איינציקער פּרווו, וועלכן די מצרים האָבן אונטערגענומען, כדי איינ־צוהאַלטן די כוחות פון צה״ל אויף זייער וועג פון רפיח קיין על־אריש, איז געמאַכט געוואָרן ביים דזשידי־דורכגאַנג, פון וועלכן מען האָט געעפנט אַ פייער אויף דער „אייגהייט פון שעף פון גענעראַל־שטאַב״. דיין האָט זיך מיט פּאַר־וווּנדערונג צוגעקוקט צום מצרישן אַרטילעריסט, וועלכער האָט באַשאָסן מיט זיין האַרמאַט זיינע צוויי מיליטערישע אויטאָס און שפּעטער האָט ער פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך, „איך ווייס נישט פאַרוואָס ער איז נישט אַנטלאָפן (אין יעדער געזעלשאַפט זענען פאַראַן אויסנאַמען). דיין און זיינע באַגלייטער האָבן געמוזט אַראָפּשפּרינגען פון די אויטאָס און געפינען אַ שוץ אין קאַנאַל ביי דער זייט פון שאָסיי. דיין האָט באַוווּנדערט דעם מצרישן אַרטילעריסט פונדערווייטנס, ביז זיין פּאָזיציע איז איינגעשטילט געוואָרן.

דיין האָט אָבסערווירט די שלאַכט, וועלכע עס האָט געפירט די אַוואַנגאַרד־אייגהייט מיט דער מצרישער פּאָזיציע אין דזשידי און איז געווען אַזוי שטאַרק באַאיינדרוקט פון דער קאַמפּס־פעאיקייט פונעם קאָמאַנדיר, אַז ער האָט גע־פרעגט וועגן זיין נאָמען. ווען ער איז געוויר געוואָרן, אַז דאָס איז דער קאָ־מאַנדיר, וועמענס אַוואַנס ער האָט אָפּגעהאַלטן, האָט ער גלייך אויפן אָרט באַשטעטיקט די העכערונג פונעם ראַנג. פאַרנאַכט האָט זיך דער אַוואַנגאַרד־כּוח אָפּגעשטעלט ביי זעקס קילאָמעטער פון על־אריש. דאָ האָט זיך די אייגהייט אָפּגעשטעלט צו נעכטיקן, און דיין האָט אָנגעהויבן ענטפערן אויף די טעלעגראַ־מעס, וועלכע מען האָט צו אים געשיקט פון העכסטן שטאַב. דערנאָך האָט ער געפונען אַן אָרט מיט ווייכן זאַמד צו שלאָפן צוזאַמען מיט די חיילים, וועלכע זענען געווען איבעראַשט צו זען ווי ער וויקלט זיך אַרום מיט די דעקעס און שלאָפט איין נעבן זיי. אָבער די אַרטילערישע שיסעריי האָט אים נישט געלאָזט שלאָפן. „די עקספּלאָזיעס האָבן נישט געשטערט צו שלאָפן, אָבער דער זאַמד, וואָס איז געפאַלן אויף אונדזערע פּנימער פון די עקספּלאָדירטע קוילן, האָט אונדז איבערצייגט, אַז מען דאַרף טוישן דאָס אָרט און אַריבערגיין צו דער שוץ־וואַנט פון בערגל״. זאַבי, וועלכער האָט באַגלייט דיינען האָט געזאָגט, אַז איין האַרמאַטן־קויל איז געפאַלן נעבן דיינען און ער האָט אים געזען ווי ער קריכט אַרויס פון אַ שוואַרצן רויך, שמייכלט און זוכט אַ נייעם, אַ מער באַקוועמען אָרט צו שלאָפן.

פּאַרטאָג איז די 27־טע בריגאַדע אַריין קיין על־אריש, פון וואַנען דאָס מצרישע מיליטער האָט זיך צוריקגעצויגן. דיין איז אַרומגערינגלט געוואָרן

דורך חיילים, וועלכע האָבן אים געבעטן אונטערשרייבן מיליטערישע מאַפּעס, מיליטער־ביכלעך, באַנדאַזשן, ציגאַרעטן־שאַכטלעך און בילדער פון אבדול נאַצער. דעם קאָמאַנדיר פון דער 27־טער בריגאַדע האָט ער געגעבן אַ מתנה־אַ מאַפּע פון אַ לופט־בילד פון על־אַריש, אויף וועלכער ער האָט אָנגעשריבן, „פאַר זוהר, די טאָכטער פון דעם דעראָבערער פון על אריש — משה דיין". דערנאָך האָט ער געמאָלדן בר־לבן, אַז ער האָט בדעה צו מאַכן אַן אינספּעקציע איבער דער שטאָט. ער האָט אָפּגעוואָרפן זיין פאָרשלאַג צו פאָרן אין אַ גע־פּאַנצערטן אויטאָ, וועמענס אייזערנע ווענט זענען אַ שוץ קעגן פייער פון לייכט געווער. אין מיטן פון דער אינספּעקציע איז אים קלאָר געוואָרן, אַז נישט אַלע מצרישע זעלנער האָבן פאַרלאָזט על־אַריש. אַ טייל פון זיי האָט זיך אויסבאַ־האַלטן און געשאָסן אויף די צה"ל־זעלנער פון ביקסן און מאַשין־געווער. און אזוי, ווען דיין און זיינע באַגלייטער האָבן אַרויסגעקוקט פון אַן אָפענעם פענצ־טער פון איינעם פון די בנינים אין דער שטאָט, האָט אַ מצרישער זעלנער אָנגעשטעלט אויף זיי די אויטאָמאַטישע ביקס און אויסגעשאָסן. דער פאַרביי־גייענדער־זעלנער, וועלכער איז געשטאַנען נעבן דיינען, איז דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. ערשט דאַן איז דיין צוריק אַוועק אין דער קאָמאַנדע פון דער 27־טער בריגאַדע און געטוישט דעם קאָמאַנדקאַר אויף אַ געפּאַנצערטן אויטאָ, כדי פאָרצוזעצן די אינספּעקציע איבער דער שטאָט.

11.30 איז דיין אָפּגעפלויגן קיין תל־אביב און איז על פי נס ניצול געוואָרן פון די שיסערייען פון צה"ל־זעלנער, וועלכע האָבן געמיינט, אַז איבער זיי פליט אַן עראָפּלאַן פון שונא.

דער עזה־ראַיאָן מיט זיינע הונדערטער טויזנטער איינוווינער איז דעראָ־בערט געוואָרן דורך צה"ל דעם 2־טן נאָוועמבער. אָבער די הויפּט־מחשבות וועגן דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע האָט דיין פריער אויספּראָבירט אויף די קליינע ערטער, צווערשט אין על־אַריש און דאַן אין א־טור וווהין ער איז געפלויגן דעם 3־טן נאָוועמבער. דרך אגב, איז צו אים צוגעשטאַנען אלוף מאיר עמית, דער שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג, וועלכער האָט איינגעפונען, אַז אויך אים קומט צו זען די מלחמה, און דאָס פירן די מלחמה־אָפּעראַציעס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף זיין געהילף אלוף־משנה נרקיס.

זיין פלי קיין א־טור האָט געהאַט דעם ציל צוצואיילן די פאַראַשוטיסטן, וועלכע האָבן דעראָבערט דאָס שטעטל, זיי זאָלן פאָרזעצן די דעראָבערונגס־אָפּעראַציע אין דער ריכטונג פון שארם־א־שייך. דיין האָט געפילט, אַז די גינס־טיקע שעה פון אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט איז אַריבער און דער דרוק אויף ישראל האָט אָנגעהויבן צו ווירקן. און אין מיטן פון באַהאַנדלען אָפּעראַ־טיווע פראַגן מיטן קאָמאַנדיר פון פאַראַשוטיסטן־פּולק אין א־טור, האָט דיין אַרויסגעגעבן אָנווייזונגען אין ציווילע ענינים. א־טור, וואָס האָט געציילט 5000 איינוווינער, האָט געדינט ווי אַ טראַנזיט־סטאַציע פאַר די עולי־רגל קיין מעקאַ. דאָ איז געווען אַ קליינער פאָרט, אַ נעבעכדיקער האָטעל, אַ קאַראַנטין

און אַ שפּיטאָל פֿאַר קרעציקע. די אייַנוווינער האָבן זיך הויפּטזעכלעך מפרנס געווען פֿון פֿיש־פֿאַנג.

אַלס ערשטן שריט האָט דייַן באַפֿוילן מבטל צו מאַכן דעם אַרויסגאַנג־פֿאַרבאָט, וואָס איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויפֿן שטעטל אַ נאַכט פֿריער. גלייכצייטיק האָט ער פֿאַראָרדנט די פֿאַראַשוטיסטן „צו העלפֿן די אייַנוווינער באַנייען דאָס נאָרמאַלע לעבן". ער האָט זיי דערלויבט צו באַנייען די אַרבעט אין די גערטנער און פֿעלדער און דעם פֿיש־פֿאַנג נישט ווייט פֿון די ברעגן. 11 יאָר שפּעטער, אַלס זיכערהייטס־מיניסטער, וועט ער אָננעמען ענלעכע באַשלוסן בנוגע דער באַפֿעלקערונג פֿון די שטחים, וואָס זענען דעראָבערט געוואָרן אין דער 6־טאָגיקער מלחמה.

אויפֿן צוריקוועג פֿון אַ־טור האָט ער געלאַנדעט אין על־אַריש. לויט זייַנע פֿריערדיקע באַפֿעלן איז נאָמינירט געוואָרן אַ מיליטערישער גובערנאַטאָר, דער קאָמאַנדיר פֿון דער פֿוסגייער־בריגאַדע אין ראַיאָן. אויך דאָ האָט ער אַרויסגעגעבן אָנווייזונגען צו דערפֿירן וואָס שנעלער צו דער נאָרמאַליזאַציע פֿון לעבן. אָבער אין על־אַריש איז אָנגעצייכנט געוואָרן איינער פֿון די וויכטיקע כללים אין דער פּאָליטיק פֿון דייַנס מיליטערישער אַדמיניסטראַציע, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אויף אַ קריסטאַליזירטן אופֿן אויף די שטחים, וואָס זענען דעראָבערט געוואָרן אין יוני 1967 — לאָזן אין גאַנג דעם נאָרמאַלן אַפּאַראַט און זיך באַנוגענען מיט דער קאָנטראָל איבער אים. דווקא די מצרישע אינזשעניערן האָבן אויפֿסניי געלאָזט אין גאַנג דאָס וואַסער־ווערק און די עלעקטרישע סטאַציע אין על־אַריש. זייַן אַלגעמיינע אָנווייזונג איז געווען: אַ לייכטע האַנט לגבי די אייַנוווינער און ווי ווייט מעגלעך זיך אָפּהאַלטן פֿון גורם זייַן ליידן זייער באַפֿעלקערונג. דאָס האָט גורם געווען אַ פּאָזיטיווע רעאַקציע מצד דער באַפֿעלקערונג. די שטאָטראַט־מיטגלידער און די נאָטאַבלען האָבן אויף אַ בשותּפֿותדיקער פֿאַרזאַמלונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 3־טן נאָוועמבער איינשטימיק אויסגעווייַלט דעם מיליטערישן גובערנאַטאָר אַלס נייַעם בירגערמייסטער אויפֿן אָרט פֿון דעם פֿריערדיקן, וועלכער איז אַנטלאָפֿן קיין מצרים צוזאַמען מיטן מצרישן מיליטער.

די דעראָבערונג פֿון עזה־ראַיאָן איז פֿאַרענדיקט געוואָרן דעם 3־טן נאָוועמבער. נאָך דער מפּלה אין רפיח און על־אַריש האָבן די מצרישע אייַנהייטן געשטעלט אַ שוואַכן ווידערשטאַנד. דייַנס צוזאַמענברוך־אויפֿפאַסונג האָט זיך דאָ פֿולשטענדיק באַרעכטיקט. דער באַשלוס אַרייַנצוגיין קיין עזה איז געווען אַ דעציזיע אין דער לאַנגער מחלוקת צווישן בן־גוריונען און דייַנען. אין 1948 איז דער עזה־ראַיאָן איבערגעגעבן געוואָרן אונטער דער קאָנטראָל פֿון קריגס־מיניסטער און פֿלאָט־מיניסטער פֿון מצרים, וועלכע האָבן נישט אָנגעשלאָסן דעם עזה־ראַיאָן צו מצרים, נאָר געזען אין אים אַ טייל פֿון דער אַראַבישער פּאַלעסטינע אין דער צוקונפֿט.

אין 1956 זענען אין עזה־פּאַס געווען 200.000 אַראַבישע פּליטים, אַחוץ די

60.000 סטאַבילע איינוווינער. די גרויסע אַראַבישע באַפעלקערונג אויף אַזאַ ענגן שטח האָט גורם געווען בן־גוריונס קעגנערשאַפט אָנצושליסן עזה צו ישראל און ער וואָלט געווען קעגן אָנשליסן דעם דאָזיקן ראַיאָן צו ישראל, אפילו ווען די אַראַבער אַליין וואָלטן דאָס פאָרגעשלאָגן מיט שלום־וועגן. „עזה איז פאַר אונדז אַ לאַסט” — האָט געזאָגט בן־גוריון. ער האָט מורא געהאַט, אַז מדינת ישראל וועט פאַרלירן דעם יידישן כאַראַקטער צוליב דער אַראַבישער מינדערהייט מיט אַ נאַטירלעכן צוװוקס, וואָס איז דריי מאָל גרעסער פאַרן יידישן. צוזאַמען מיט אַראַבישע איינוווינער פון עזה האָט מען געקענט זען דעם טאָג, ווען די אַראַבער וועלן בילדן אַ מערהייט אין ישראל.

דיין האָט אין עזה געזען „אַ מצרישן מיליטערישן פינגער אַרייַנגערוקט אין די ריפּן פון ישראל”. בן־גוריון האָט זיך באַצויגן צו עזה ווי צו אַ דעמאָגראַפישער געפאַר פאַרן יידישן כאַראַקטער פון ישראל. דאַקעגן דיין האָט אין עזה געזען אַ מצרישע באַזע, וואָס איז דערווייטערט פון תל־אביב נאָר מיט 60 ק”מ. די „קדש”־אַקציע האָט אים דערמעגלעכט צו דערגרייכן זיין ציל אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך און ער האָט פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך דעם 3־טן נאָוועמבער, אַז „די הויפט־באַדייטונג פון אונדזער באַהערשן עזה באַשטייט אין באַזייטיקן פון איר די מצרים”. אָבער איצט האָט ער זיך איבערצייגט ווי קאָמפּליצירט און שווער עס איז דאָס עזה־פּראָבלעם פון דעמאָגראַפישן שטאַנדפונקט. אַ פשוטע לייזונג, אין פלוג, וואָס איז אים געקומען אויפן געדאַנק, איז געווען צו פאַרטרייבן די פליטים און דורך דעם צוגרייטן דעם אָנשלוס פון עזה־פאַס אָן פּראָבלעמען. אָבער דאָס האָבן נישט אַקצעפּטירט נישט בן־גוריון און נישט דיין, וועלכער האָט פאַרשריבן אין זיין טאָגבוך: „פאַר מיר איז דאָס פון אָנהויב אָן נישט געווען אָנגעמבאַר”. קיין אַנדערע לייזונג האָבן ביידע נישט געהאַט. דיין, ווי עס זאָל נישט זיין איז געווען פאַר איבערלאָזן די ענינים אַזוי ווי זיי זענען, דאָס הייסט, אָנפירן דעם עזה־ראַיאָן מיט דער הילף פון דער מיליטערישער מאַכט. מיט איין אונטערשיד: אָנשטאָט דער מצרישער אַרמיי וועט דאָס טון די ישראל־אַרמיי, וואָס וועט זיין בעסער פון פאַרטיידיקונגס־שטאַנדפונקט. דאָס איבעריקע וועט מאַכן די צייט.

ווען ער איז אָנגעקומען קיין עזה, האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ פאַרטיקע תורה — לפחות אירע פּרינציפּן — פון אַ מיליטערישער אַדמיניסטראַציע. די דאָזיקע תורה האָט זיך אויסקריסטאַליזירט פון געדאַנקען, דערפאַרונגען און פערזענלעכע נייגונגען. עס זעט אויס, אַז זיינע באַציאונגען מיטן בעדואינישן שבט אל־מאזריוו אין די קינדער־יאָרן האָבן געהאַט נישט קיין קליינע ווירקונג. וואָכאַש דער פאַסטוך, מיט וועלכן ער האָט זיך געשפּילט אויף די פעלדער פון נהלל, עמיר דיאב, וועלכער איז געווען זיין גאַסטגעבער ביי דזשיפטליק און די אָרעמע פאַלאַכן פון מידזשדאל, וועלכע האָבן דערוועקט זיין צער; דאָס אַלץ האָט בייגעשטייערט — באַוווסטזיניק אָדער נישט־באַוווסטזיניק — צו

דער פאַרמירונג פון דער ליבעראַלער פּאָליטיק, ריין פון שנאה און נקמה. אויך זיין דערפאַרונג מיט דער ישראלדיקער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די ראַיאָנען מיט אַן אַראַבישער מינדערהייט אין 1948, האָט אים געפירט צו פאַרשידענע געדאַנקען, ווען ער איז געווען שעף פון דער קאָמאַנדע אין דרום און צפון, שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג און שעף פון גענעראַל־שטאַב. פון צייט צו צייט האָט ער אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז די מיליטערישע אַדמיניסטראַציע איז אַן איבעריקע און מען דאַרף זי בטל מאַכן. ער האָט אָנגעטראָפן אויפן ווידערשטאַנד פון בן־גוריון און זיינע באַראַטער פאַר אַראַבישע ענינים. איינע פון די אינטערעסאַנטסטע זאַכן אין פאַרגלייך צווישן בן־גוריונען און דיינען איז דער אונטערשייד אין זייער באַציאונג צו דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע. דיין, וועלכער איז געווען דער אָנהענגער פון א מלחמה, האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר א ווי ווייט מעגלעך ליבעראַלער און הומאַנער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע, ביז צום אָפּשאַפן זיינע וויכטיקע פונקציעס. ער האָט כסדר געפאָדערט אָפּצושוואַכן די קאָנטראָל דורך פאַרלענגערן די אַרבעטס־פאַרקער־דערלויבענישן, למשל פון אַ טאָג, אָדער אַ וואָך, אויף אַ פּאָר חדשים, אַ יאָר, אָדער נאָך לענגער. דאַקעגן בן־גוריון, וועלכער האָט אזוי מורא געהאַט פאַר אַ מלחמה, איז געווען ביי דער מיינונג, אַז מען דאַרף אָנווענדן אַ שטייפע ליניע און אַ פולע מיליטערישע אַדמיניסטראַציע.

באַלד פון אָנהויב האָט ער פעסטגעשטעלט אַ וויכטיקן כלל — נישט פירן די מיליטערישע אַדמיניסטראַציע מיט דער הילף פון קאָלאַבאָראַטאָרן. זיין פאַראָרדענונג איז געווען, אַז די אינסטאַנצן, וועלכע זענען אויסגעוויילט אָדער נאָמינירט געוואָרן דורך די מצרים, זאָלן פאָרזעצן זייער אַרבעט. ער האָט געפילט אַן עקל צו קאָלאַבאָראַטאָרן און געצווייפלט אין דער נוצלעכקייט פון זייער אַרבעט. אָבער עס זעט אויס, אַז דער דאָזיקער באַשלוס איז אַרויסגעפלאָסן פון זיין אויפפאַסונג, אַז מען דאַרף זיך נישט אַריינמישן אין לעבן פון די אַראַבער און מ׳דאַרף זיי לאָזן לעבן לויט זייער ווילן, כל־זמן זיי פאַרלעצן נישט די זיכערהייט פון ישראל און פון צה״ל. אין דער שטאָט עזה האָט דיין איבערגעלאָזט דעם מוניציפּאַלן אַפּאַראַט, וועלכן ס׳האָבן אויפגעשטעלט די מצרים, חוץ די נאָמינאַציע פון רושדי אַל־שאַווא אַלס בירגערמייסטער אויפן אָרט פון מוניס אַל־ראַיס, וועלכער איז פריער געווען אַ הויכער באַאַמטער אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און איז שפּעטער באַשטימט געוואָרן דורך די מצרים אַלס בירגערמייסטער. אַל־שאַווא איז געווען אַ נאָטאַבל פון עזה רעספּעקטירט דורך די איינוווינער. בעת זיינע באַגעגענישן מיט די אויסגעוויילטע און נאָטאַבלען פון עזה האָט דיין כסדר איבערגעחזרט, אַז ער האָט נאָר איין פאָדערונג פון די איינוווינער — אַז זיי זאָלן פאָרזעצן זייער נאָרמאַל לעבן. ער פאָדערט נישט פון זיי קיין פּאָליטישע לאָיאַליטעט אָדער ליבע צו ישראל; וואָס פאַראַ געפילן און מיינונגען זיי זאָלן נישט האָבן — זאָלן זיי זיך אָפּהאַלטן פון פאַרלעצן

צה״ל. די מיליטערישע אַדמיניסטראַציע אין עזה איז געווען אַ קורצע. אָבער דאָ האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט די פּרינציפּן פון דער פּאָליטיק, וועלכע דיין האָט איינגעפירט אַלס פּאַרטיידיקונגס־מיניסטער אויף די שטחים, וועלכע זענען דעראָבערט געוואָרן אין יוני 1967.

נאָך דעם ווי ער האָט באַהאַנדלט ענינים פון דער אַדמיניסטראַציע, איז דיין אַרויף אויפן לענגלעכן בערגל מונטאר, וואָס איז שטענדיק געווען אַ שליסל־פונקט צו דעראָבערן די שטאָט עזה. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ פּאַראינטערעסירונג פאַר די מצרישע באַפעסטיקונגען און זיך געהיט נישט אַרויפצוגיין אויף מינעס, וואָס זענען נאָך נישט באַזייטיקט געוואָרן. אָבער אין דער אמתן האָט זיין אויג געפּאַרשט די ערטער, אין וועלכע עס זענען דורכגעפירט געוואָרן אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען. ער איז טאַקע גיך צוגעטראָטן צום גראָבן און האָט אויפגעדעקט אַ כנענישן קבר (1300 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט), אין וועלכן עס איז געווען אַ קרוג און אַ טעלער, וואָס מען האָט מיטגעגעבן דעם פאַרשטאָרבענעם. דעם צעבראָכענעם קרוג האָט ער גענומען אַהיים, כדי אים צו רעסטאַווירן.

דער עזה־פּאַס און דער האַלב־אינדזל סיני, ווי אַן אוצר פון אַרכעאָלאָגישע עקספּאָנאַטן, האָבן אים אינטערעסירט ביזן לעצטן טאָג פון צוריקטריט. ער האָט דורכגעפירט ברייטע אויספלוגן אין די ערטער פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, אַליין געגראָבן, געקויפט עקספּאָנאַטן פאַר זיין געלט און באַקומען מתנות. אַ קליינער האַרמאַט פון 16־טן יאָרהונדערט, וועלכן ער האָט באַקומען אַלס מתנה פון די נזירים פון סאַנטאַ קאַטערינאַ אין הארץ פון סיני, דעקאָרירט ביז היינט צו טאָג דעם גאָרטן פון זיין הויז. אין קלויסטער סאַנטאַ קאַטערינאַ איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד. נאָך דעם ווי מען האָט פאַר אים געעפנט דאָס בוך פון די באַזוכער און מען האָט אים געוויזן די אונטערשריפטן פון גענעראַל לעקלערק אין נאָמען פון נאַפּאָלעאָן, פון צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן און פון איסמאיל פּאשא, האָבן די נזירים געבעטן אויך זיין אונטערשריפט.

ער האָט אַנטוויקלט אַ גיכע און עפעקטיווע אויסטויש־באַדינונג מיט די בעדואינער, וועלכע האָבן געלעבט אין דער געגנט פון שייך זאוויד. זיי האָבן זיך געפונען אין דער נאָענט פון דער אַלטערטימלעכער אנטידאָן און איר פּאָרט. מיט אַ ספּעציעלן אויספלוג — מיט צוויי פּאַנצער־אויטאָס און אַ קאָמאַנדקאר — איז דיין אָנגעקומען צו דער מצרישער עקספּערימענטן־סטאַציע און אַנטפּלעקט צו זיין דערשטוינונג פּאַלמעס־פלאַנצן אין האַלבע, אַלטע קרוגן. דער שעף פון זיין קאַנצעלאַריע, בר־און, געדענקט, אַז דיין איז געווען טיף דערשטוינט פון דעם וואָס ער האָט געזען. דערנאָך איז ער אַריינגעפאָרן אין בעדואינישן דאָרף, — אָבער אַלע זענען אַנטלאָפן פאַר דיינען און פאַר די מיליטערישע אויטאָס. ווען ער איז נאָכאַמאָל צוריקגעקומען קיין שייך זאוויד, האָט ער געפאָרשט די בעדואינער און האָט פון זיי געהערט ווו זיי געפינען די

קרוגן און מטבעות. גלייך אויפן אָרט האָט ער מיט זיי געמאַכט אַ טראַנזאַקציע — ער וועט ביי זיי קויפן די געפונענע עקספּאָנאַטן. צוערשט איז ער אַליין געקומען יעדן פרייטיק צום פעסטגעשטעלטן טרעפונגס־אָרט, וואָס איז געוואָרן א מין אינדיאַנישע אויסטויש־סטאַציע, האָט באַצאָלט די בעדואינער מיט ווייניק געלט און מיט אַ סך קאַווע און טיי און דערפאַר באַקומען קרוגן און מטבעות, וועלכע זיי האָבן געפונען. דערנאָך האָט ער געשיקט זיין קאַנצעלאַריע־שעף צו די באַגעגענישן און צום סוף פלעגט זיין שאָפער אַליין פאָרן צום טרעפונגס־פונקט און פלעגט דורכפירן די אויסטויש־טראַנזאַקציע.

זיין לעצטער „שפרונג" פון גענעראַל־שטאַב אין דער „קדש"־אַקציע האָט אפשר צום מערסטן כאַראַקטעריזירט דעם אופן פון זיין פירן די מלחמה. דעם 4־טן נאָוועמבער איז ער נישט געווען רואיק צוליב קעגנזעצלעכע ידיעות וועגן פאָרשריט פון דער 9־טער בריגאַדע. צוויי מאָל האָט מען איבערגעגעבן, אַז זי האָט דעראָבערט שארם־א־שייך אַ פאַרלאָזטע, און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ טעות. דיין האָט געזאָגט, „אַז אויך אַ קאָמאַנדיר, וואָס איז געבענטשט מיט אַ גרעסערן געדולד ווי איך האָב, וואָלט עס פאַרלוירן". ער האָט דעריבער באַשלאָסן אליין צו פאָרן צו דער 9־טער בריגאַדע און צו פאַרזיכערן, אַז דער אַטאַק אויף שארם־א־שייך זאָל דורכגעפירט ווערן דעם זעלבן טאָג. דער פאָליטישער זאַמד־זייגער פון דער מדינה האָט זיך דערנענטערט צום סוף. „וואַרשיינלעך וועט דאָס געמאַכט ווערן אָן מיר, אָבער איך האָב נישט געוואָלט איבערלאָזן קיין שום ספק", האָט ער פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך.

דעם 5־טן נאָוועמבער 8 אזייגער אינדערפרי איז ער אַרויסגעפלויגן אין דער באַגלייטונג פונעם געהילף פון אָפעראַציע־שעף, עוזי נרקיס. נאָך אַ צוויי־שעהדיקן פלי מיט אַ דאקאטא־עראָפלאַן האָבן זיי געלאַנדעט אין א־טור. לויטן פלאַן האָט אויף זיי געדאַרפט וואַרטן אַ פייפער־עראָפלאַן, כדי אָפצופליען צו דער 9־טער בריגאַדע, אָבער ער איז נאָך נישט געקומען. היות ער האָט נישט געוואָלט מוותר זיין אויף זיין פלאַן, האָט דיין באַשלאָסן צו דעריאָגן דעם פאַראַשוטיסטן־פולק, וואָס איז אַרויס 3.30 פאַרטאָג, כדי אויך אָנצוגרייפן שארם־א־שייך. ער האָט איבערגעגעבן נרקיסן די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן מיליטערישע אויטאָס פאַר דער רייזע און ער אַליין האָט אָנגעהויבן צו פאַרהאַנדלען מיט אַן איינוווינער פון א־טור, וועלכער האָט געהאַט אַן אַלטע קרוג.

אַ שעה שפעטער איז נרקיס צוריקגעקומען מיט דריי אויטאָס — אַ קאָמאנדקאר און צוויי מצרישע ציווילע טענדערס, וועלכע דיין האָט באַצייכנט אַלס „צווייפלהאַפטע". אין דער באַגלייטונג פון אַ פאָר רעזערוויסטן־זעלנער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין א־טור, זענען דיין און נרקיס מיט דער איינגעקויפטער קרוג אָפגעפאָרן קיין שארם־א־שייך.

50 ק"מ זענען זיי געפאָרן אָן פאַסירונגען. פלוצים האָט זיך איבער די זאַמדן נישט ווייט פון שמאָלן אַספאַלט־וועג אַנטפלעקט אַ גרויסער מצרישער

מיליטערישער לאַגער. די מצרישע זעלנער זענען אַרומגעגאַנגען אייבציקווייז און אין גרופּן און זענען געווען אויסגעשטאַט מיט געווער און אַמוניציע. דאָס זענען געווען זעלנער, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון שאַרם־א־שייך, וואָס איז דעראָבערט געוואָרן 9 אזייגער אינדערפרי, בעת דיין איז נאָך געווען אין דער לופט.

וואָס נענטער דיין איז געקומען צו שאַרם־א־שייך, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די צאָל מצרישע זעלנער, וועלכע האָבן זיך דאָרט צוריקגעצויגן. נרקיס געדענקט, אַז עס איז אים באַפאַלן אַ פּחד — די אַנטלאָפענע באַוואָפנטע מצרישע זעלנער האָבן לייכט געקאָנט אויסלאָזן זייער כעס און אַפּוואַשן פון זיך דעם פלעק פון דער מפּלה דורך אַנגרייפן דיינען און זיינע געצייל טע באַ־גלייטער. דיין האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע — ווידער איז ער געוואָרן אַ קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג — און פאַראָרדנט די חיילים נישט צו ענטפערן מיט פייער אויף איינצלנע קוילן. „צום ווייניקסטן פון אַלץ האָב איך געוואָלט היינט בלייבן שטעקן צווישן א־טור און שאַרם־א־שייך און זיך פאַרפלאָנטערן אין אַ קאַמף מיט אַנטלאָפענע מצרישע זעלנער". אויך ער האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט אויסברעכן אַ שלאַכט, אין וועלכער די מצרים וועלן אים און זיינע באַגלייטער צערייסן אויף שטיקער.

אָבער די מצרים זענען געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק צו דער קליינער קאָלאָנע, וואָס איז דורך זיי דורכגעפאָרן. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען נעבן דיינען און נישט געלייגט אויף אים קיין אַכט. „עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז זיי האָבן באַמערקט, אַז מיר זענען ישראל־זעלנער, אָבער זיי האָבן אויף אונדז נישט געשאָסן און זיך אויך נישט פאַר אונדז אויסבאַהאַלטן, נאָר פּשוט דורכגע־גאַנגען נעבן אונדז מיט אַן אויסדרוק פון מידקייט און הילפלאָזיקייט אויף זייערע פּנימער. די פאַרוווּנדעטע צווישן זיי האָבן קוים געשלעפּט זייערע פיס און זענען אַפילו נישט אַראָפּ פון שאָסיי, כדי פריי צו מאַכן דעם וועג פאַר אונדזערע אויטאָס".

נאָכן באַזוך אין שאַרם־א־שייך איז דיין צוריקגעפלויגן קיין תל־אביב און געמאָלדן בן־גוריונען, אַז שאַרם־א־שייך איז דעראָבערט געוואָרן און די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. אויף דעם האָט בן־גוריון באַמערקט אַביסל אין שפּאַס און אַביסל מיט ערנסטקייט: „און דו קענסט דאָס נישט פאַרטראָגן?".

דיין, וועלכער דערציילט דאָס אין זיין בוך, האָט פאַרצייכנט „איך האָב אים נישט געענטפערט. ער ווייסט זייער גוט, אַז דאָס וואָס עס דריקט מיך איז נישט דאָס אָפּשטעלן די קאַמפן, נאָר די מורא וועגן אונדזער מעגלעכקייט צו שטיין אין דעם פּאָליטישן קאַמף, וואָס הויבט זיך איצט אָן". און אפשר האָט ער אויך מורא געהאַט, אַז עס עפנט זיך אַ שפּאַלט אין דער פּאָליטישער אי־דענטיטעט צווישן אים און בן־גוריונען?

## קאַפּיטל אכצן

## מפא״י — רפ״י
(1967 — 1958)

דעם 14־טן נאָוועמבער 1956 האָט די כנסת באַשטעטיקט דעם באַשלוס פון דער בן־גוריון־רעגירונג צוריקצוציען זיך פון די דעראָבערונגען אין דער „קדש״־אַקציע, אויב עס וועלן זיין צופרידנשטעלנדיקע רעגולירונגען מיטן אויסנאַם־כוח פון דער אונ״אָ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויפן סמך פונעם באַשלוס פון זיכערהייטס־ראַט. די פאָרמולירונג פון באַשלוס האָט איבערגעלאָזט דער רעגירונג צייט און מאַנעווורירונגס־פעאיקייט אָפּצושלעפן מיטן צוריקטריט און אפשר איבערלאָזן די צה״ל־כוחות אין די ראַיאָנען, אין וועלכע די רעגולירונגען וועלן נישט זיין קיין צופרידנשטעלנדיקע. דיין האָט אָנגעווענדעט דעם מאַקסימום פון זיין השפעה, כדי ווי ווייט מעגלעך אָפּצוהאַלטן דעם צוריקטריט מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט עפּעס פּאַסירן וואָס וועט אַ סוף מאַכן צום צוריקציען צה״ל פון די שטחים. אָבער דער צוריקטריט איז דורכגעפירט געוואָרן שטופנווייז ביזן סוף.

דיין איז געווען קעגן צוריקטריט, און באַזונדערס פון עזה. זיין הויפּטאַרגומענט איז געווען, אַז דער אונ״אָ־כוח און די קראַפט פון די באַשלוסן פון זיכערהייטס־ראַט וועלן נישט אָפּהאַלטן די מצרישע אַרמיי פון צוריקצוקומען אין סיני און אין עזה־פּאַס און זיי ווידער צו פאַרוואַנדלען אין אַן אָנגריף־באַזע באַגענט צום באַפעלקערונגס־צענטער פון ישראל און אין אַ באַזע פאַר אַ פייַנטלעכער אינפילטראַציע פון טעראָריסטן. זיין שטעלונג קעגן צוריקטריט האָט ער אויסגעדריקט אין זיינע געשפּרעכן מיט בן־גוריונען בעת באַהאַנדלען די אָפּשאַצונגען פון אבא אבן, וועלכער איז דאַן געווען ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין דער אונ״אָ און אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דיין איז נישט מסכים געווען מיט אבא אבן, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז עס איז נישטאָ קיין ברירה, צוליב דער עפנטלעכער מיינונג פון דער אונ״אָ און דעם דרוק פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ראַטנפאַרבאַנד פאַר אַ פולן צוריקטריט.

בן־גוריון האָט נישט אויסבאַהאַלטן פון זיינע חברים אין דער אָנפירונג פון מפא״י וועגן דיינס קעגנערשאַפט צום צוריקטריט. מיט זיין דערלויבעניש האָט עקיבא גוברין, דער פאָרזיצער פון דער קאָאַליציע און מפא״י־פראַקציע אין דער כנסת, איינגעלאַדן דיינען ער זאָל פאַרשטעלן זיין שטאַנדפּונקט פאַר

דער מפא"י־פראַקציע אין דער כנסת, איידער עס קומט פאַר די פּאָליטישע דע־באַטע און די כנסת האָט אָנגענומען איר באַשלוס פון 14־טן נאָוועמבער. דיין איז דערשינען אין ציווילע בגדים און גערעדט קעגן צוריקטריט אַ שעה צייט. צומאָרגנס, ווען די כנסת האָט אָנגענומען דעם באַשלוס וועגן צוריקטריט, האָט אים גוברין געטראָפן אין ירושלים און אים געפרעגט וואָס עס איז זיין געפיל נאָכן באַשלוס פון דער כנסת? דיינס ענטפער איז געווען, „דער מונדיר האַלט מיך". לויט גוברינען האָט ער מיט דעם געוואַלט זאָגן: „איך טראָג אַ מיליטע־רישן מונדיר, איך באַקום באַפעלן".

זיין באַשלוס וועגן צוריקטריט האָט בן־גוריון ענדגילטיק אָנגענומען נאָך דעם ווי ער האָט באַקומען פון פרעזידענט אייזנהאַוער אַ באַשטעטיקונג, אָדער הבטחה — וואָס איז דאָן באַצייכנט געוואָרן דורכן אויסערן־מיניסטער גאָלדע מאיר אַלס „דערוואַרטונגען און אויפקלערונגען — אַז אין עזה־פּאַס וועט זיך געפינען נאָר דער אונ"אָ־כוח און נישט די מצרישע אַרמיי", אַ הבטחה, וואָס איז, לויט בן־גוריונען, נישט מקוים געוואָרן דורך די פאַראייניקטע שטאַטן. נאָך דעם ווי די כנסת האָט דעם 14־טן נאָוועמבער באַשטעטיקט דעם באַשלוס פון דער רעגירונג צו פאַרלאָזן די שטחים, האָט בן־גוריון איינגעלאַדן צו זיך די צה"ל־קאָמאַנדירן, כדי זיי אויפצוקלערן זיין פּאָליטיק. צום שלוס פון זיינע רייד האָט ער יעדן אלוף באַזונדער געפרעגט צי ער איז איבערצייגט געוואָרן פון זיינע ווערטער. אַלע האָבן געענטפערט, אַז יאָ. נאָר אלוף חיים לאַסקאָוו האָט געענטפערט נעגאַטיוו. דיינען — זיין שטעלונג האָט ער געוווסט — האָט בן־גוריון נישט געפרעגט און דיין האָט זיין שטעלונג געהאַלטן פאַר זיך. עס איז קלאָר, אַז די אַרמיי האָט נישט געוווסט וועגן דעם, אַז דיין איז נישט מסכים מיט בן־גוריונס שטעלונג. עוזי נרקיס, דעמאָלט דער געהילף פון שעף פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיילונג, וועלכער האָט פיל צייט פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון משה דיין געדענקט, אַז „דיין האָט נישט אויסגעדריקט קיין שום צווייפל אין דער קאָמפּעטענץ פון בן־גוריון צו באַפעלן אים אַזוי, אָדער אַנדערש. פון אים האָב איך נישט געהערט קיין שום קעגנערשאַפט צום צו־ריקטריט".

עפּעס וועגן זיין שטעלונג איז באַקאַנט געוואָרן דער אַרמיי אין טאָג פון פאַרלאָזן שארם־א־שייך. זשורנאַליסטן און פאָטאָגראַפן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט, כדי צו באַריכטן וועגן צוריקציען זיך פון דער בוכטע, וואָס האָט גורם געווען די מלחמה. דיין האָט צונויפגערופן די אָפיצירן און חיילים, איידער זיי וועלן זיך באַווייזן פאַר דער פרעסע, און האָט זיי געזאָגט, „חברה, שמייכלט, מיר וועלן זיי נישט ווייזן קיין טראַגעדיעס און זאָלן זיי נישט מיינען, אַז עס איז אונדז טרויעריק".

אַן אַנדער מאָל איז ער געווען אָפענער. אין די לעצטע פּאַזעס פון צוריק־טריט, נאָך דעם ווי ער האָט סאַלוטירט צו דער ישראל־פאָן, וואָס איז אַראָפּ־געלאָזט געוואָרן פון הויז פון מיליטערישן גוברנאַטאָר אין על־אריש, דעם

15־טן יאנואר 1957, האָט דיין געזאָגט צו די זשורנאַליסטן: „די קאָמאַנדירן דאַרפן עסן די פּאַרציעס פון צה"ל, סיי די באַטעמטע און סיי די ביטערע".

אפשר צוליב דער באַמערקונג און אפשר צוליב זיינע געשפּרעכן מיט די כנסת־דעפּוטאַטן פון מפא"י, איז דעם ציבור עפּעס באַקאַנט געוואָרן וועגן די חילוקי דעות צווישן אים און בן־גוריונען און עס זענען אַפילו פאַרשפּרייט גע־וואָרן קלאַנגען וועגן זיין כוונה צו דעמיסיאָנירן. איידער ער איז אַרויס אויף אורלויב, דעם 11־טן מערץ 1957, האָט דיין איינגעלאַדן צו זיך איניקע גע־נעראַלן און פאַר זיי אָפּגעלייקנט די דאָזיקע קלאַנגען און זיי באַצייכנט אַלס גרונטלאָזע. בעת דער באַגעגעניש האָט ער אויסגעדריקט זיין מיינונג וועגן דעם וואָס פּאַסט באַציאונג עס דאַרף זיין צווישן דער אַרמיי און דער רעגי־רונג: „איך אַלס בירגער און זעלנער וואָלט עס באַטראַכט אַלס אַ נעגאַטיווע דערשיינונג, ווען דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, אָדער ווער אַנדערש אין דער תקופה (פון צוריקטריט) וואָלט געוואָלט אָנווענדן די השפּעה פון דער אַרמיי, אָדער פון אַן אַנדערן פּאַקטאָר און וואָלט פּראָבירט צו באַאיינפלוסן די באַשלוסן פון דער רעגירונג. ווער עס נעמט אויף זיך צו זיין אַ חייל, איינ־שליסלעך דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, נעמט אויף זיך די זיכערהייטס־פּאָליטיק פון דער רעגירונג. בעת די רעגירונג באַהאַנדלט די זיכערהייטס־פּאָליטיק, דאַרף זי זיין דורכגעדרונגען מיט דער זיכערקייט, אַז די אַרמיי איז אַן אינסטרומענט אין אירע הענט און וועט דורכפירן דאָס, וואָס מען וועט אויף איר אַרויפלייגן. און כל זמן די רעגירונג איז די פאַרשטייערין פון פאָלק, האָבן מיר נישט, אָדער ווער אַנדערש, קיין רעכט אויסצואיבן אַ דרוק אָדער אַרויסצוטרעטן קעגן דער רעגירונג. די איינוווינער פון די גרענעץ־ישובים, וועלכע זענען בירגער, און די רעגירונג, וואָס איז זייער פאַרשטייער, קאָנען שרייען און אַלאַרמירן, אָבער מיר דאַרפן נאָר באַדינען".

די מחלוקת אין דער פראַגע וועט זיך באַנייען אין דער תקופה נאָך דער יוני־מלחמה, ווען בן־גוריון וועט זיין פאַר אַ צוריקטריט צו די גרענעצן פון 4־טן יוני, פון פאַר דער 6־טאָגיקער מלחמה, און דיין וועט זיין ביי דער דעה, אַז מען טאָר זיך נישט צוריקציען פון שארם־א־שייך, פון עזה־פּאַס און פון אַנ־דערע פאַרנומענע שטחים.

נאָך דעם ווי די עוואַקואַציע פון די שטחים איז פאַרענדיקט געוואָרן אין פרילינג 1957, איז דיין געפאָרן אויף אַ לענגערן אורלויב און אויף איניקע רייזעס קיין אויסלאַנד. אין סעפּטעמבער איז ער אָנגעקומען קיין יאָהאַנעס־בורג, דרום־אַפריקע, אין שפּיטאָל פון באַרימטן פּלאַסטישן כירורג, ד"ר דזשעק פּען, וועלכער האָט געמאַלטן דער פּרעסע, אַז „משה דיין וועט קאָנען טראָגן אַ קינסטלעך גלאָז". צוריקקומענדיק קיין ישראל האָט דיין אויך באַשטעטיקט, אַז די אָפּעראַציע וועט באַשטיין פון אַ פּאָר פּאַזעס און מיט זייער פאַרענדיקונג וועט מען קאָנען אַריינפּאַסן אין זיין געזיכט אַ גלעזערן אויג. אָבער דאָס איז געוווען אַן אומזיסטע האָפענונג. די באַמיאונגען פון די

כירורגן האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל. אָבער די אָנשטרענגונגען פון משה דיין צו דערגרייכן אַ נאָרמאַלן אויסזען, אַפילו נאָכן איינדרוקספולן נצחון אין סיני און דער באַרימטקייט, וואָס עס האָט דעראָבערט זיין גע־שטאַלט מיטן אויגן־לאַפּ, באַווייזט, אַז ער האָט נישט משלים געווען מיט זיין אויסזען. ווי עס זאָל נישט זיין איז קלאָר, אַז ער האָט נישט געטראַכט ווי אַנדערע, אַז דער שוואַרצער אויגן־לאַפּ וועט אים העלפן אין פּאָליטישן לעבן, אין וועלכן ער וועט אין דער צוקונפט אַריינטרעטן, און אַפילו ווען ער וואָלט געהאַלטן, אַז דאָס קען אים העלפן, וואָלט ער זייער געוואָלט אויסזען ווי אַ נאָרמאַלער מענטש.

אין 1958 איז ער ווידער אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד, דאָס מאָל קיין בורמא און סיאַם אין דער געזעלשאַפט פון שמעון פרס, און דערנאָך קיין לאָנדאָן און פּאַריז. אין פּאַריז האָט ער באַקומען די העכסטע פראַנצויזישע אויסצייכענונג — הויכער קאָמאַנדיר פון פראַנצויזישן ערן־לעגיאָן. נאָכן צוריקקומען האָט ער דערלאַנגט בן־גוריונען אַ בקשה צו באַפרייען אים פון אַמט פון שעף פון גענעראַל־שטאַב.

פון דעם מאָמענט אָן הויבט זיך אָן זיין דערנענטערונג צום פּאָליטישן לעבן, אין וועלכן ער איז אַריין אָפיציעל, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער פערטער כנסת אין 1959. עס זעט אויס, אַז זיינע טריט זענען געווען דורכגעטראַכטע און פאַרזיכטיקע און פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט זענען זיי געווען אַ שפּיל אין באַהעלטענישן מיט בן־גוריונען. עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז דיין איז געווען אַנטשלאָסן צו עפענען אַ צווייטן קרייז אין זיין „דאָפּלטן לעבן", און דווקא אויף דער פּאָליטישער אַרענע.

אויב דיין האָט אַ רגע געטראַכט — ווי ער האָט עס געטון — אַז בן־גוריון וועט אים רופן צו פאַרנעמען אַ מיניסטער־אַמט, האָט ער געמאַכט אַ ביטערן טעות. ער האָט געקענט בן־גוריונען, אָבער ער האָט געוואָרט אויף אַ רמז. בן־גוריון האָט אים איינגעלאַדן צו אַ געשפּרעך און ער האָט געהאָפט, אַז ווען זיי וועלן באַהאַנדלען די פראַגע פון זיינע לימודים אויפן אוניווער־סיטעט, וועט אפשר בן־גוריון דערמאָנען, אַז די וואַלן פון 1959 דערנענטערן זיך און צוליב דעם איז די לערן־צייט פון דיינען אַ באַגרענעצטע און אפשר איז בעסער, אַז ער זאָל נעמען אָן אַלגעמיינע טעמע, נישט קיין טעמע פאַר אַן אַקאַדעמישן טיטל און אפשר וועט ער זאָגן, אַז אָנשטאָט צו לערנען איז בעסער ער זאָל גלייך אַריינטרעטן אין דער פּאַרטייאישער אַרבעט. אָבער בן־גוריון האָט געהאַלטן בסוד זיינע געדאַנקען און כלפּי חוץ האָט ער אַרויס־געוויזן אַ טיפע פאַראינטערעסירונג פאַר דער טעמע פון די לימודים, וואָס דיין האָט זיך אויסגעוויילט — דעם מיטעלן מזרח. ער האָט אונטערגעשטראָכן ווי וויכטיק עס איז די דאָזיקע טעמע און ווי ווייט עס פילט זיך אַ מאַנגל אין תּלמידים, וועלכע פאַרטיפן זיך אין די פּראָבלעמען פון אונדזער ראַיאָן און אַזוי ווייטער. ער האָט נישט געזאָגט דיינען, אַפילו מיטן קלענסטן רמז, אַז

די צייט ביז די וואַלן איז זייער קורץ און נישט גענוג, כדי צו דערגרייכן אַן אַקאַדעמישן טיטל. דאָס געשפּרעך צווישן זיי האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ האַרציקן האַנט־דרוק און דיין איז אַוועק מיט די בעסטע ווונטשן פון בן־גוריונען ער זאָל מצליח זיין אין די לימודים. זיינע פּלענער וועגן דיינען האָט בן־גוריון פאַר קיינעם נישט פאַראַטן.

אַ טייל פון ציבור האָט אין דיינען געזען דעם יורש, אָדער איינעם פון די יורשים פון בן־גוריון. אויב דיין האָט אויך אַזוי געטראַכט, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז נישט קיין ירושה, וואָס גייט איבער אויטאָמאַטיש, אָדער ביי דער געפּלאַנטער און אַקטיווער הילף פון דעם, וועלכער לאָזט איבער די ירושה. זיין פּאָליטישן וועג וועט ער דאַרפן אָנהויבן מיט אייגענע כוחות. אַ ישראל־זעלנער, וועלכער האָט געאַרבעט לאַנגע יאָרן מיט בן־גוריונען, באַמערקט, אַז בן־גוריונס פּרינציפּיעלע אויפפאַסונג איז געווען, אַז אַ שטאַטסמאַן טאָר נישט געבן קיין פּערזענלעכע הבטחות. און בן־גוריון האָט קיינמאָל נישט געטיילט קיין פּאָסטנס איידער ער האָט אָנגעהויבן פאָרמירן אַ נייע רעגירונג. מיט דעם האָט ער זיך אונטערשיידט פון זיינע חברים אין דער מפא״י־לייטונג און באַזונדערס פון לוי אשכולן, וועלכער האָט נאָך אים איבערגענומען דעם פּרעמיער־אַמט.

אין דעם יאָר, אין 1958 האָבן אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט געלערנט אייניקע אַזוי גערופענע „צעירי מפא״י", די מערהייט פון זיי אין די דרייסיקער יאָרן, צווישן וועלכע די בולטסטע זענען געווען אברהם עופר, אריה (ליאָוואַ) אליאב און מאיר אביזוהר. צוזאַמען מיט דיינען האָבן זיי געהערט די לעקציעס און געגעסן ביי איין טיש אין סטודענטן־רעסטאָראַן.

דיין, אַן אלוף אויף אַ שטודיום־אורלויב, האָט געדונגען אַ צימער און איז געוואָרן אַן אָנפאַנגער־סטודענט אויפן העברעאישן אוניווערסיטעט. קיין גרויסן פאַרשריט האָט ער נישט געמאַכט און האָט אַפילו נישט פאַרענדיקט די לימודים וועגן מיטעלן מזרח. ער האָט געדאַרפט לערנען אַראַביש אַלס צוגאָב־קעגנשטאַנד, אָבער ער האָט פון דעם רעזיגנירט. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז אויב די לימודים וועלן זיך פאַרציען, וועט ער אַראַביש לערנען שפּעטער, און אויב די לימודים־תקופה וועט זיין אַ קורצע און ער וועט באַקומען אַן אַמט אין דער נאָענטסטער רעגירונג, וועט ער במילא נישט האָבן גענוג צייט צו לערנען אַראַביש. אויפן אוניווערסיטעט פלעגט מען זאָגן — ווער אין אַ וויציקן טאָן און ווער מיט דער גאַנצער ערנסטקייט — אַז דיין שרייבט איבער פון אַנדערע בעת די עקזאַמענס. ער האָט דאָס אליין באַשטעטיקט: „דאָס איז ריכטיק. אברהם עופר האָט מיר געוואָרפן צעטעלעך בעת די עקזאַמענס. דאָס איז ווי איבערשרייבן".

נאָך אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב האָט ער געפּרוווט געפינען אַ וועג צו דער פּאָליטישער טעטיקייט נאָך דער שפּאַלטונג אין מפ״ם אין 1955, ווען „לאחדות העבודה" איז ווידער געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטיי, האָט זיך

דיין געטראָפן מיט יגאל אלון — אין דער אָנוועזנהייט פון אלוף מאיר עמית און סגן־אלוף רחבעם זאבי — כדי צו באַהאַנדלען די אַלגעמיינע סיטואַציע.ביידע האָבן געוואָלט אויפקלערן אין וואָס פּארא מאָס קענען זיי האָבן אַ בשותפותדיקן פּאָליטיש־פּאַרטייאישן וועג און האָבן אויסגעדריקט זייערע מיינונגען וועגן די באַציאונגען צווישן די יונגע עלטערע, וועגן דער מעג־לעכקייט פון אַ מיליטערישער איבערקערעניש — וואָס ביידע האָבן אויס־געשלאָסן — און אַנדערע פּראָבלעמען. ביידע האָבן אָנגעוויזן אויף די שווע־ריקייטן מיט די „זקנים" אין זייערע פּאַרטייען. אָבער אין סך הכל איז צווישן זיי צו קיין דערנענטערונג נישט געקומען.

צום סוף פון דיינס קאַדענץ אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב זענען ענגער געוואָרן זיינע באַציאונגען מיט די „יונגע" אין מפא"י. פּונקט ווי זיי האָט ער אויך געהאַלטן, אַז עס זענען נויטיק ענדערונגען און אויסבעסערונגען.

אין מאַי 1958 איז פאָרגעקומען די צווייטע סעסיע פון דער 8־טער מפא"י־קאָנפערענץ. די „יונגע" האָבן געהאַט 71 דעלעגאַטן אויף 1200. אין צענטער פון דער דעבאַטע זענען געשטאַנען די ווייטגייענדיקע פאָרשלאָגן פון גענע־ראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות, פּנחס לבון, וועגן ענדערונגען אין דער הסתדרות־ווירטשאַפט. ער האָט געפאָדערט די צעשפּליטערונג פון דער הס־תדרות־ווירטשאַפט, כדי צו פאַרשטאַרקן זיין שליטה און די מאָראַל פון ועד הפועל פון דער הסתדרות. מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן דער צוקונפטיקער קאָנפליקט מיט דיינען, וועלכער איז געווען קעגן דעם. און פון פּאַרטייאישן אַספּעקט האָבן די וותיקים צום ערשטן מאָל אויף דעם צוזאַמענפאָר אָפן דער־קלערט, אַז „דער ציל פון די יונגע איז צו דעראָבערן פּאָזיציעס פאַר דער צייט", און דאָס צוליב זייער פאָדערונג צו ענדערן דעם וואַל־סיסטעם פאַר פאַרטיי־קאַנדידאַטן. די צוויי סיבות האָבן געעפנט די מחלוקת, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָך דער פאַרטיי־קאָנפערענץ. מיר וועלן צוגעבן צו דעם, אַז צווישן די וותיקים, וועלכע האָבן געלויערט אויפן ערשטן טעות פון משה דיין, איז געווען פּנחס לבון, וועלכער האָט געהאַט אַ ביטער האַרץ אויף דיינען און פּרסן זינט זיין נישט געלונגענער קאַדענץ אַלס זיכערהייטס־מיניסטער, ווי עס האָט דאָס בילדעריש געשילדערט אברהם עופר: „לבון האָט געוואָרט אויף דיינען אין ועד הפועל".

עופר האָט געזאָגט: „פּונקט ווי אַ היפּי — האָט ער אַלץ אָנגעגריפן": דעם גאַנצן עסטאַבלישמענט, די הסתדרות, דעם קיבוץ, נח"ל, דאָס באַאַמטנ־טום, די פּאַרטיי־עסקנים און די אַלגעמיינע לייטונג.

דיין איז געווען פאַר אַ „גרויס ישראל" און די דאָזיקע שטרעבונג איז געקומען צום אויסדרוק אין זיין געדאַנקען־גאַנג און אין פּאָליטישער קריטיק. אויב ישראל איז נישט געוואַקסן אין שטח נאָך דער סיני־אַקציע, דאַרף זי וואַקסן מיט איר באַפעלקערונג, אויפן געביט פון דער ווירטשאַפט, טעכנאָלאָ־גיע, וויסנשאַפט און קולטור. ער האָט געשטרעבט צו אַ גיכער און טיפער אַנט־

וויקלונג פון ישראל, וואָס זאָל קאָנען אויפנעמען אַ גרויסע עליה און דערגיין צו אַ באַפעלקערונג פון דריי־אַ־האַלבן — פיר מיליאָן יידן ביז 1970. דעריבער איז דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט פאַר די סטודענטן, געשטאַנען אין אַ שאַרפן קעגנזאַץ צו די ווערטער פון פנחס לבון אויף דער 8־טער קאָנפערענץ. ער האָט נישט געהאַלטן, אַז עס איז געקומען די צייט צו געבן די אַרבעטער עקאָנאָמישע פריווילעגיעס, נאָר קודם כל דאַרף מען זאָרגן פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון מדינה־כוח דורך אַנטוויקלען דעם עקאָנאָמישן פּאָטענציאַל פון לאַנד. אויב דאָס איז נישט געווען גענוג, האָט ער אויך באַרעכטיקט דאָס אָפּזאָגן אַרבעטער, כדי צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט און עפעקטיוויקייט פון די אונטערנעמונגען.

דיינס ווערטער זענען אויפגענומען געוואָרן ווי אַ רוף צו אַ „בונט פון די יונגע".

דאָס יאָר 1959 איז געווען אַ יאָר פון וואַלן. אין יאַנואַר זענען אויסגעוויילט געוואָרן די דעלעגאַטן צו דער 9־טער מפא"י־קאָנפערענץ און אין מאַי זענען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער 9־טער הסתדרות־קאָנפערענץ, און אירע אײַנסטאַנצן זענען אויפסנײַ אויסגעוויילט געוואָרן. דעם 3־טן נאָוועמבער זענען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער 4־טער כנסת און צו די מוניציפּאַליטעטן. צו די וואַלן האָט זיך מפא"י צוגעגרייט, כדי אויסצונוצן דעם נצחון אין סיני אין 1956, דעם עקאָנאָמישן פּראָספּעריטי, דעם פּרעסטיזש און די פאַרבינדונגען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, צו וועלכע ישראל האָט זוכה געווען אין רעזולטאַט פון דער מלחמה.

בן־גוריון איז אַנטשלאָסן צו פאַרסירן זײַנע יונגע — דיין, פּרס און אבא אבן, וועלכער האָט פאַרענדיקט זיין קאַדענץ אַלס אַמבאַסאַדאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן און איז צוריקגעקומען קיין ישראל. לויט זיין מיינונג האָבן זיי זיך אויף זייערע אַמטן אויסגעצייכנט מיט זייערע פעאיקייטן און מיט זיי וועט ער קענען אויפפרישן די ערשטע רייען פון מפא"י.

פאַר דיינען האָט בן־גוריון נישט אַנטפּלעקט אפילו מיט דער קלענסטער אַנדייטונג וואָס עס זענען זיינע פּלענער לגבי אים. הייַנט איז קלאָר, אַז ער האָט גאָרנישט געטראַכט צו געבן דיינען אַן אַמט פון אַ פּאָליטישן מיניסטער אין זיין רעגירונג. אָבער די וותיקים האָבן געהאַלטן, אַז בן־גוריון האָט אָנגעווענדעט אַ פיל גרעסערע השפעה לטובת דיינען, ווי דאָס איז געווען בויטיק פאַר דער אויסנאַם־אונטערשטיצונג, וואָס ער האָט אים געגעבן. אַזוי האָט ער געטון אין בית בערל און וואָס נאָך וויכטיקער, אַזוי האָט ער געטון כלפּי דער פּרעסע.

בן־גוריון האָט אויסגעשפּרייט זיינע פליגלען איבער דיינען אויך קעגן זיינע נישט פּאַרטייאישע קעגנער. זיין ליבע־אַפּערע איז צום ערשטן מאָל באַקאַנט געוואָרן דעם ברייטן ציבור פון דעם ערשטן בוך פון זיין טאָכטער, יעל דיין, „פּנים חדשות במראה" (אַ ניי פּנים אין שפּיגל), וואָס איז דערשינען אין

1959. די דאָזיקע ליבע־פּרשה איז נאָך מער באַקאַנט געוואָרן אין 1963, ווען הדסה מור, וועלכע איז געווען פאַרמישט אין דער ליבע־אַפּערע, האָט געוואָלט שלאָגן ליטעראַרישן אָדער אַנדערן קאַפּיטאַל — און האָט זי אַנטפּלעקט אין דעם ראָמאַן „גליענדיקע ווענגן", אין וועלכן זי האָט געשילדערט אירע באַציאונגען מיט דיינען דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב און סטודענט, אונטערן שוואַכן דעקמאַנטל פון אַן אַנדערן נאָמען און אַמט. אָבער איידער די טעמע איז באַהאַנדלט געוואָרן אין די ביכער, האָבן די מפא"י־וותיקים, וועלכע האָבן אַלע צייטן ליב געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיט פּערזענלעכע רכילות דערציילט — פּונקט ווי עס האָט וועגן דעם גערעדט דער ברייטער ציבור — וועגן דיין דעם פרויען־יעגער. זיינע מעשים אויף דעם געביט זענען געווען אָפּטע טעמעס אין די געשפּרעכן צווישן די מפא"י־פירער און עס איז קלאָר, אַז זייענדיק אַ מיליטער־מאַן, אַ גענעראַל, אַ קעמפער מיט גרויסע נצחונות, האָבן די רכילות־טרייבער פאַרגרעסערט מיט זייער רייכער פאַנטאַזיע זיינע אמתע דערגרייכונגען אין די ליבע־אַפּערעס.

פאַר די פּוריטאַנישע אָדער צביעותדיקע מפא"י־וותיקים זענען דיינס ליבע־אַפּערעס געווען אַן ערנסטער בלויז אין זיין פּערזענלעכקייט אַלס פּאַרטיי־קאַנדידאַט. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן דער מאָראַל אין פּריוואַטן לעבן און דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל. אויב אַ מענטש איז נישט געטריי זיין פרוי, איז ער נישט געטריי זיין פּאַרטיי א.א.וו. עס איז שווער צו וויסן, צי די פראַגע פון דיינס באַציאונגען מחוץ דער הייראַט וואָלט בכלל דערגאַנגען צו אַ פּרינציפּיעלער באַהאַנדלונג דורכן פּרעמיער און מפא"י־פירער, ווען בן־גוריון וואָלט נישט געשטעלט געוואָרן פאַר אַ צושטאַנד אַן אַ ברירה דורך דעם געטראָפענעם מאַן. דאָס איז געווען דב ירמיה, דיינס חבר פון זיינע קינדער־יאָרן אין נהלל, וועלכער האָט געדינט אין צה"ל און פאַרלאָזט דעם מיליטער־דינסט אין ראַנג פון סגן־אלוף (פּאָדפּולקאָווניק). זייענדיק אין מיליטער האָט ער חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל מיט אַ פרוי, וועלכע איז געווען פיל יינגער פון אים. לויט דעם ווי די פרוי האָט דערציילט, האָבן זיך איינגעשטעלט ענגע באַציאונגען צווישן איר און דיינען, ווען ער האָט געהאָלפן ירמיה צו באַקומען אַ גט פון דער ערשטער פרוי. אגב, איידער הדסה מור האָט פאַרעפנטלעכט איר בוך, האָט זי געגעבן דיינען די געלעגנהייט איבערצוחזרן דעם זאַץ, וואָס ווערט צוגעשריבן דעם דוקס פון וועלינגטאָן אין ענלעכע אומשטענדן — „פאַרעפנטלעך און גיי צום טייוול".

מיט ווייטיק האָט זיך דב ירמיה געוואָנדן אין סעפּטעמבער 1959 מיט צוויי בריוו צו בן־גוריונען. אין די בריוו האָט ער דערציילט, אַז נאָך דעם וואָס דיין האָט אים אָפּגעטון, האָט ער זיך צעשיידט פון זיין פרוי און זייער זון. ער האָט געפּרעגט בן־גוריונען פאַרוואָס ער שטיצט דיינען דעם היפּאָקריט. ער האָט, אַלזאָ, אַרויסגערוקט אַ געזעלשאַפטלעכע טענה און געפאָדערט גערעכטיקייט פאַרן כלל.

לויט בן־גוריונס מיינונג זענען דאָס צוויי פּרשיות. ער האָט אונטערשיידט צווישן דעם פּערזענלעכן און אינטימען אַספּעקט, און דעם געזעלשאַפטלעכן. נאָך מער. לויט בן־גוריונען האָט ירמיה באַדאַרפט האָבן טענות נישט נאָר קעגן דעם מאַן, נאָר אויך קעגן דער פרוי, און ער האָט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז זי איז נישט קיין פּריוואַט אייגנטום, נאָר אַ פרייע פּערזאָן.

בן־גוריון האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז אויך אין די אַלטע צייטן האָט מען אונטערשיידט — און עס איז נויטווענדיק צו אייגטערשיידן — צווישן פּריוואַטע באַציאונגען פון מאַן און פרוי און געזעלשאַפטלעכע ענינים. לויט אים קאָן אַ מענטש זיין דאָס גאַנצע לעבן אַ נזיר און אַ קדוש — און אַ לא יוצלח פאַר אַ געזעלשאַפטלעכער שליחות, און פאַרקערט. פון דער יידישער געשיכטע האָט ער געבראַכט אַ ביישפּיל פון דוד המלך און בת־שבע. לויט בן־גוריונען איז דאָס, וואָס דוד האָט אָפּגעטון אוריה, זיין דינער און געטרייען זעלנער, פיל ערגער ווי דאָס וואָס ער האָט געטון בת־שבע. טראָץ דעם האָט אפילו נתן הנביא, וועלכער האָט אים געשטראָפט מיט רייד, נישט געזאָגט, אַז גאָט האָט אים באַזייטיקט פון קעניגלעכן טראָן, און די מלוכה האָט עקזיסטירט אין זיין דינאַסטיע ביזן חורבן פון בית ראשון און עס איז נישטאָ קיין קעניג, וועלכער זאָל ווערן מער פאַרערט אין דער יידישער געשיכטע. דער צווייטער ביישפּיל, וועלכן בן־גוריון האָט געגעבן דב ירמיה, שטאַמט פון דער ענגלישער געשיכטע, פון לאָרד נעלסאָן. בן־גוריון האָט געטענהט, אַז דאָס ענגלישע פאָלק ווייסט וואָס ער האָט געטון מיט דער פרוי פון ענגלישן אַמבאַסאַדאָר אין נע־אַפּאָל, און דאָס פאַרמינערט נישט די ליבע און פאַרערונג פון דעם העלד מצד דעם פאָלק.

מיט דער טענה, אַז מען קאָן נישט — און מען טאָר אפילו נישט — בודק זיין דאָס אינטימע לעבן פון אַ מענטש, האָט בן־גוריון אָפּגעוואָרפן די בקשה פון דב ירמיה אויפצוגעבן די אונטערשטיצונג פאַר דייגען. ער האָט אויך נישט אָנגענומען די טענה, אַז דיין איז אַ צבועק, ווייל ער האָט נישט אויסגעפירט — און לויט בן־גוריונס טענה וועט ער נישט אויספירן — די אויפגאַבע פון אַ שטראָפער און פרעדיקער אין אינטימע ענינים. דאַקעגן זאַכן, וואָס ער האָט געטון אין שליחות פון פאָלק האָט ער דורכגעפירט נישט נאָר מיט גרויס טאַלאַנט, נאָר אויך מיט מסירות נפש און דאָס וואָס ער האָט געפאָדערט פון אַנדערע, האָט ער צוערשט געפאָדערט פון זיך אַליין און אין קאַמף איז ער געגאַנגען דער ערשטער פאַר זיינע אונטערגעאָרדנטע.

די דאָזיקע אייגדייטיקע שטעלונג פון בן־גוריון האָט באַלד פון אָנהויב אַ סוף געמאַכט צו דער מעגלעכקייט אויסצונוצן פּרשיות פון זיין אינטימען לעבן אַלס פיינטלעכע קעגן אים פּראַקציאָנעלע אָדער פאַרטייאישע פּראָפּאַ־גאַנדע אין אָנפאַנג פון זיין פאָליטישן וועג. פאַקטיש האָט ער געהאַט און האָט איין ליבע מחוץ דער הייראַט־ראַם, וואָס דויערט שוין 17 יאָר.

נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַפרייט פון דער אַרמיי, האָט דיין באַנייט זיינע

אויפטריטן און פאַרשאַרפט זיינע ווערטער אין טאָן און אין אינהאַלט. דער ריס צווישן די וותיקים און די „יונגע" האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט, ווען בן־גוריון האָט דעם 22־טן נאָוועמבער פאַרעלייגט צו שאַפן אַ ברייטן וואַל־שטאַב, אין וועלכן עס זאָלן אויך זיין פאַרטראָטן די „יונגע". די וותיקים זענען געווען קעגן דעם, אַז די אָנפירונג מיט די וואַלן זאָל מען אַרויסנעמען פון די הענט פון די מיטגלידער פון ענגן סעקרעטאַריאַט, וואָס באַשטייט נאָר פון וותיקים. פאַר זיי איז געווען קלאָר, אַז די באַטייליקונג פון די „יונגע" אין דער אָנפירונג פון דער וואַל־קאַמפּאַניע וועט זיי שפּעטער געבן פּריווילעגיעס און פּאָזיציעס. העכסטנס זענען זיי געווען גרייט צוצוקאָאָפּטירן דיינען צום ענגן סעקרעטאַריאַט, כדי די וואַל־ענינים זאָלן בלייבן אין זייער שליטה. אָבער דיין האָט דאָס אָפּגעוואָרפן.

די וויילער צו דער 4־טער כנסת האָבן געגעבן בן־גוריונען דעם אייננ־דרוקספולסטן נצחון. פון 120 כנסת־דעפּוטאַטן האָט מפא"י באַקומען 47, מיט 7 מער ווי אין דער 3־טער כנסת — אַ גרויסע דערגרייכונג אין ישראל און אין דער כנסת, אין וועלכער עס זענען פאַרטראָטן 12 פאַרטייען.

מפא"י איז אריין מיט פרישע כוחות, מיט 11 נייע דעפּוטאַטן, וואָס איז אויך געווען אַ גרויסע דערגרייכונג. צווישן זיי האָט זיך אויסגעצייכנט פנחס ספיר, דער מיניסטער פאַר האַנדל און אינדוסטריע, וועלכער איז פּונקט ווי דיין צום ערשטן מאָל דערשינען אין דער וואַל־קאַמפּאַניע פון 1959; פּונקט אַזוי ווי דיין, פרס און אבן האָבן געהאַט אַ חלק אין בן־גוריונס נצחון אויפן פּאָליטישן און זיכערהייטס־געביטן, אַזוי האָט ספיר געהאַט אַ חלק אינעם נצחון אין זכות פון דעם ווירטשאַפטלעכן שוווּנג און זיינע קאָנטאַקטן מיט עלעמענטן פון ברייטע וויילער־קרייזן, וואָס האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט געשטימט פאַר די ליבעראַל־בירגערלעכע פאַרטייען. צווישן די, וועלכע זענען צום ערשטן מאָל אויסגעוויילט געוואָרן אין דער כנסת, זענען געווען ד"ר יוספטל, אבא אבן און שמעון פרס.

לגבי דיינען האָט די 4־טע כנסת דערוועקט אַ משפחה־פּראָבלעם. ביז איצט איז זיין פאָטער, שמואל דיין, געווען דעפּוטאַט אין אַלע כנסת־קאַדענצן, און אין דער דריטער כנסת איז ער געווען דער איינציקער דעפּוטאַט פון נהלל. מיטן צוזאַמענשטעלן די ליסטע פון די מפא"י־קאַנדידאַטן צו דער 4־טער כנסת איז משה דיין אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער הויפּט און לאַנד־רשימה, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורכן סעקרעטאַריאַט פון מפא"י; דאַקעגן האָט שמואל דיין געדאַרפט אויסגעוויילט ווערן אין דעם קרייז פון די מושבים, אין דעם טייל פון דער ליסטע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די קרייז־פאַרשטייער אין דער פאַרטיי. אין 1959 זענען רעזערווירט געוואָרן פינף זיכערע פּלעצער פאַרן קרייז פון דער מושבים־באַוועגונג. די מיטגלידער פון קרייז־ראַט האָבן אין געהיימע און פערזענלעכע וואַלן אויסגעוויילט זייערע קאַנדידאַטן. היות עס איז געווען באַקאַנט, אַז משה דיין וועט במילא

דערשיינען בראש פון דער ליסטע, זענען פיל געווען גענויגט נישט אויסצו־ ווײלן זײן פּאַטער אַנגעמענדיק, אַז עס איז געגוג, אַז אין דער כּנסת וועט זײן איין פאָרשטייער פון דער דיין־משפּחה און פון כּפר נהלל אין דער מפּא״י־פראַקציע. אַזוי־אַרום זענען נישט געווען גענוג שטימען, וועלכע שמואל דיין האָט באַקומען, כּדי אים צו פאַרזיכערן אַ רעאַלן פּלאַץ אויף דער קאַנדידאַטן־ליסטע. ווען יעקובי האָט טעלעפאָניש באַריכטעט משהן און אים איבערגעגעבן ווער עס איז אויסגעוויילט געוואָרן דורך דעם מושבים־ראַט, האָט ער גלייך געפרעגט: „און וואָס איז מיט מיין פאָטער?״. נאָך דעם ווי יעקובי האָט אים געזאָגט, אַז שמואל איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן 7־טן אָרט, איז אויף דער צווייטער זייט טעלעפאָן־ליניע געווען אַ קורצע הפסקה, און צום סוף האָט דיין געזאָגט: „אַ שאָד״, מיט אַ טאָן פון אַ מענטש, וועלכער גיט זיך איבער דעם געבאָט פון גורל. נאָך דעם ווי משה דיין איז אויסגעוויילט געוואָרן צו דער 4־טער כּנסת, האָט זיין פאָטער מער נישט זוכה געווען צו זיין אַ דעפּוטאַט. ער איז נפטר געוואָרן דעם 11־טן אויגוסט 1968 ווי אַן עסקן פון דער מושבים־באַוועגונג.

אַנטוישט פון דעם, וואָס ער האָט נישט זוכה געווען צו דערגרייכן 61 ערטער אין דער כּנסת, האָט בן־גוריון ווידער געמוזט שאַפן אַ קאָאַליציע־רעגירונג. אין פלוג האָט דאָס אויסגעזען צו זיין אַ לייכטע אויפגאַבע נאָך זיין גרויסן נצחון אין די וואַלן. די שותּפים פון מפּא״י וועלן זיך טאַקע באַ־טייליקן אין דער נייער רעגירונג. טראָץ דעם פאַרציט זיך דער פּראָצעס פון פאָרמירן די נייע 9־טע רעגירונג פון ישראל, און דווקא צוליב שוועריקייטן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין דער זיגרייכער מפּא״י גופא.

די וותיקים פון מפּא״י האָבן נישט פאַרגעסן דעם קאָנפליקט מיט די „יונגע״. עס זענען קוים פאַרביי די וואַלן און זיי האָבן זיך ווידער אָרגאַניזירט קעגן די „יונגע״. אויפן איבערבעטונגס־צוזאַמענפאַר אין כּפר ירוק האָט גאָלדע מאיר געמאָלדן, אַז זי וועט נישט מסכּים זיין צו נעמען אויף זיך אַן אויפגאַבע, וואָס די פאַרטיי וועט אויף איר אַרויפלייגן. דאָס באַדייט איצט, אַז בן־גוריון האָט נישט קיין אויסערן־מיניסטער. אין פלוג האָט ער דעם דאָזיקן אַמט געקענט איבערגעבן דיינען, אָדער אבא אבן.

אָבער בן־גוריון האָט נישט געקאָנט און האָט אוודאי נישט געוואָלט רע־זיגנירן פון גאָלדע מאיר. דערצו נאָך, ווען זלמן ארן איז געגאַנגען אין אירע וועגן און אויך געמאָלדן, אַז ער וועט נישט איבערנעמען דעם אַמט פון ביל־דונגס־מיניסטער, וועלכן ער האָט פאַרנומען אין דער פריערדיקער רעגירונג. די כּללים פון שפּיל זענען בן־גוריונען געווען מער באַקאַנט ווי יעדן אַנדערן, ווייל אין אַ גרויסער מאָס האָט ער די כּללים אַליין געשאַפן. דער אָפּזאָג פון גאָלדע מאיר און זלמן ארן איז פאַר אים געווען אַ סימן, אַז זיי ווילן פירן אונטערהאַנדלונגען אין זייער נאָמען און אין נאָמען פון זייערע חברים אין דער פאַרטיי־אַנפירונג. ווען ער וואָלט אָנגענומען זייער אָפּזאָג אָן אַ רעאַקציע,

וואָלט ער איינגעזען, אַז אַנדערע וותיקים גייען אין זייערע שפּורן און ער וואָלט דאַן געמוזט שאַפן אַ רעגירונג נאָר פון „יונגע". בן־גוריון האָט זיך נישט געוואָלט צעשיידן פון די וותיקים און האָט אויך געגלויבט, אַז די „יונגע" זענען שוין אימשטאַנד צו קומען אויפן אָרט פון די וותיקים. דערצו נאָך איז געווען אַ ספק צי אחדות העבודה און מפּ"ם און אַ טייל פון די רעליגיעזע פּאַרטייען וועלן מסכים זיין צו באַטייליקן זיך אין דער קאָאַליציע־רעגירונג, אין וועלכער מפא"י איז רעפּרעזענטירט נאָר דורך די „יונגע". דאָס האָט אי־בערגעשטיגן יעדע פאַנטאַזיע.

טראָץ דעם וואָס ער האָט געזען די שוועריקייטן אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג, איז בן־גוריון נישט געווען גרייט צו רעזיגנירן פון זיין באַשלוס אַריינצונעמען משה דיין אין דער רעגירונג. ער האָט נאָך באַפאָרצוגט יגאל ידין און אים פאָרגעלייגט דעם אַמט פון בילדונגס־מיניסטער און אפילו פון וויצע־פּרעמיער, אָבער ידין האָט אָפּגעזאָגט. אין דער פראַגע פון דיין האָט בן־גוריון געשטעלט די וותיקים פאַר אַ געשעענעם פאַקט. שבת דעם 11־טן נאָוועמבער, אַ וואָך נאָך די וואַלן, האָט ער צונויפגערופן דעם אַזוי גערופענעם „חברינו" — אַ נישט אָפיציעלע אינסטאַנץ פון מפא"י, וואָס באַשטייט פון אירע מיטגלידער אין דער רעגירונג, ועד הפועל פון דער הסתדרות, וואָס איז פאַקטיש די העכסטע אינסטאַנץ, וועלכע איניציאירט און נעמט אָן באַשלוסן. כל זמן די „יונגע" זענען אַריינגעדרונגען אין די אויסגעוויילטע און אָפיציעלע פּאַרטיי־אינסטאַנצן, האָבן זיך די וותיקים געטרייסט מיט דעם, אַז אין דער העכסטער דעצידירנ־דיקער אינסטאַנץ איז זייער שליטה אַ פולע און געזיכערטע. און דאָ צו זייער גרויסער איבעראַשונג זענען זיי געוווּיר געוואָרן, אַז בן־גוריון האָט איינגעלאַדן צו דער זיצונג פון „חברינו" אויך דיינען, וועלכער איז נאָך נישט קיין מיניס־טער. דער איינציקער פּירוש צו דער איינלאַדונג איז געווען, אַז בן־גוריון איז אַנטשלאָסן צו נאָמינירן דיינען אַלס מיניסטער.

די פירער פון „גוש" (פון די וותיקים) זענען געווען „דערשיטערט" פון בן־גוריונס באַשלוס. מיט זייער פאַרשפּיצטן חשד האָבן זיי אין בן־גוריונס שריט געזען אַ וואָרענונגס־צייכן לגבי זיך קעגן מער ווייטגייענדיקע ענדערונגען, וועלכע ער פּלאַנירט דורכצופירן אין דער צוקונפט אין דער פּאַרטיי. אָבער אין מיזאַמע פאַרהאַנדלונגען, מערסטנטייל אומדירעקטע, מיט גאָלדע מאיר און זלמן ארן, איז קלאָר געוואָרן, אַז די וותיקים זענען גרייט אויף וועלכן עס איז אופן „אַראָפּצושלינגען" דיינען אַלס לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער — אָבער נישט אויף אַ פּאָליטישן אַמט. אָבער גאָלדע מאיר איז קאַטעגאָריש געווען קעגן נאָ־מינירן שמעון פּרסן אַלס וויצע זיכערהייטס־מיניסטער.

אַנדערטהאַלבן חדשים נאָך די וואַלן, דעם 16־טן דעצעמבער 1959, האָט בן־גוריון ענדלעך פאָרגעשטעלט זיין רעגירונג פאַר דער כנסת. אין פּלוג איז אין מפא"י דערגרייכט געוואָרן אַ שלום בית. אין דער רעגירונג זענען פאַר־טראָטן „יונגע" און וותיקים — גאָלדע מאיר און זלמן ארן האָבן זיך צוריקגע־

קערט צו זייערע פריערדיקע אַמטן — און אַזוי אויך אין דער כנסת, אין דער הסתדרות און אין די פּאַרטיי־אינסטאַנצן. אַלזאָ, אויסערלעך האָט זיך אַלץ געפּירט נאָרמאַל. די 9־טע רעגירונג איז געווען די שטאַרקסטע מפּא״י־רעגי־רונג מיט 10 צווישן 16 מיניסטאָרן. אַ געוויסע צייט האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט ענערגישער טעטיקייט און שווונג.

אָבער די טיפע אינערלעכע דערשיטערונג און די פּאַרדאַכטן, וואָס האָבן זיך דערוועקט, האָבן נישט געגעבן קיין רו די וותיקים. זינט מאַי 1958 — ווען בן־גוריון האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דיין — האָט זיך ביי זיי פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון מורא, טאָמער וועלן די „יונגע״ מיט בן־גוריונס הילף צונעמען ביי זיי די מאַכט. דער דריילינג — גאָלדע מאיר, זלמן ארן און פּנחס ספּיר וועלכן מען האָט גערופן די „טראָיקא״ — האָט זיך אָרגאַניזירט אין אַ האַרטנעקיקער איינהייט גרייט זיך קעגנצושטעלן בן־גוריונען.

דער ערשטער קריזיס אין דער מיניסטאָרן־פּראַקציע פון מפּא״י איז אויס־געבראָכן אַ פּאָר חדשים נאָך דער פאָרמירונג פון דער 9־טער רעגירונג. דעם 10־טן מאַי 1960 האָט בן־גוריון געמאָלדן אין דער כנסת וועגן דער דעמיסיע פון דעם בילדונגס־מיניסטער זלמן ארן. די סיבה פון דער דעמיסיע איז געווען דער סכסוך צווישן אים און דעם לערער־פאַרבאַנד אין ישראל און זיין טענה, אַז בן־גוריון האָט געשטיצט דעם לערער־פאַרבאַנד.

דער פּחד און חשש פון די וותיקים איז געקומען נישט נאָר פון די איי־גענע רייען. סוף 1958 האָבן זיך אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג און אין די נאָענטע צו איר קרייזן פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן געפעלשטע דאָקומענטן און פאַלשע עדות, וואָס זענען אין זיינער צייט דערלאַנגט געוואָרן דער אולשן־דורי קאָמיסיע, וואָס האָט אין יאַנואַר 1955 געפאָרשט דעם אַזוי גערופענעם „עסק ביש״ פון 1954 און וואָס האָבן דערפירט צו נישט אַנטשיידנדיקע מסקנות צווישן פּנחס לבון און דעם „הויכן אָפיציר״. ווען נישט די פעלשונג און דער שקר — האָבן געטענהט אַ טייל פון די אויפגעשטורעמטע וותיקים — וואָלט די דאָזיקע קאָ־מיסיע פעסטגעשטעלט, אַז לבון איז פולשטענדיק אומשולדיק און טראָגט נישט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם „עסק ביש״ און במילא וואָלט ער ווייטער געווען זיכערהייטס־מיניסטער און מען וואָלט נישט צוריקגערופן בן־גוריונען פון שדה בוקר. די לאַגע וואָלט דאַן געווען אַ גאַנץ אַנדערע.

שוין בעת דער ערשטער רונדע פון דעם איבערבעטונגס־צוזאַמענפאָר אין כפר ירוק, שבת דעם 6־טן דעצעמבער 1958, האָט אברהם האפט געשריבן אַ צעטל צו דיינען וועגן דער עוולה, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן לבונען. דער אינהאַלט פון בריוול האָט אַזוי אויפגעקאָכט דיינען, אַז ער האָט עס גלייך איבערגעגעבן בן־גוריונען און אים דערמוטיקט צו פאָרשן די קלאַנגען וועגן שקר און פעלשונגען אויף דער אולשן־דורי קאָמיסיע. דאָס קרייז־געריכט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן „עסק ביש״, האָט אויך אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט אויפצוקלערן צי איינער פון די מיליטערישע עדות איז באַוויגן

געוואָרן אָפּצוגעבן אַ פֿאַלשע עדות־דערקלערונג פֿאַר דער קאָמיסיע. דעם 28־טן אויגוסט 1960 האָט בן־גוריון באַפֿוילן דעם שעף פֿון גענעראַל־שטאַב, חיים לאַסקאָוו, צו נאָמינירן אַ מיליטערישע אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע, „אויסצופֿאָרשן אויף אַ גרינטלעכן אופֿן די קלאַנגען וועגן פֿעלשונגען און אויסבאַהאַלטן דאָ־קומענטן". פֿון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שדים־טאַנץ, וואָס מען רופֿט די „לבֿון־פּרשה" און וואָס האָט געשאַפֿן אַ געדריקטע שטימונג אין דעם ישׂראלדיקן ציבור במשך פֿון פֿינף יאָר.

אין פֿלוג האָט זיך די „לבֿון־פּרשה" געדרייט אַרום דער פֿראַגע, צי איז פֿאַראַן אָן אָרט פֿאַר אַ קאָמפּעטענטער געריכטלעכער אויספֿאָרשונג פֿון דעם „עסק ביש" פֿון 1954, ווי עס האָט געפֿאָדערט בן־גוריון, אָדער עס איז גענוג פֿאַר בן־גוריונען, אויפֿן סמך פֿון די באַוויזן, וואָס זענען אים צוגעשטעלט געוואָרן, צו פּסקנען, אַז לבֿון איז אומשולדיק און האָט נישט געגעבן די פֿאַר־אָרדענונג דורכצופֿירן דעם „עסק ביש", ווי דאָס האָט געפֿאָדערט לבֿון. ער האָט נישט אָנגענומען די תּשובֿה פֿון בן־גוריון, „פּנחס, איך האָב דיך נישט געפּסלט, אָבער איך בין נישט קיין ריכטער און איך קען דיך נישט רעהאַ־ביליטירן, ווייל דאָס וואָלט באַדייט, אַז איך באַשולדיק דערמיט דעם הויכן אָפֿיציר און איך האָב נישט חוקר און דורש געווען וואָס האָט פּאַסירט אין 1954 און איך בין נישט באַפֿולמעכטיקט צו דעם, און אפֿילו ווען איך וואָלט דערקלערט, אַז דו ביסט ריין פֿון יעדן חטא — מוז נישט קיינער אָננעמען מיינע ווערטער, ווייל איך בין נישט קיין פֿאָרשער און נישט קיין ריכטער".

אין דער אַטמאָספֿער פֿון פֿאַרדאַכטן, וואָס האָט געהערשט אין 1960, זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מיט דער הילף פֿון אַ געריכט־לעכער אויספֿאָרשונג האָט בן־גוריון געוואָלט אָנווענדן די טאַקטיק פֿון אָפּ־שלעפּן און פֿאַרווישן, און זיין כּוונה איז געווען צו האַלטן פּנחס לבֿונען אין אַ צווייפֿלהאַפֿטן מצבֿ, כּדי אָפּצושוואַכן די וותיקים און שטאַרקן די „יונגע". נאָך מער. די אָנהענגער פֿון די וותיקים האָבן געגלויבט, אַז דאָס רעהאַביליטירן לבֿונען וועט במילא אָפּשוואַכן די „יונגע" און אָפּשטעלן זייער גאַלאָפּירונג צו דער מאַכט.

די קעגנער פֿון בן־גוריון האָבן גוט מיט אים מאַנעווּרירט און אים אַריינ־געפֿירט אין שווערע סיטואַציעס. דער ציבור האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז נישט דער זעלבער בן־גוריון און אין עלטער פֿון 74 יאָר איז ער נישט מער אַזוי וואַכזאַם און שאַרף. אָבער עס זעט אויס, אַז די הויפּט־סיבה פֿון זיין שוואַכקייט איז נישט געווען זיין עלטער, נאָר דער אינערלעכער קריזיס, וואָס קומט פֿאָר ביי אים אין שייכות מיט זיין אימאַזש ביים ברייטן ציבור. ווייל אַלס פּרעמיער איז ער געווען קאָמפּעטענט צו שאַפֿן אַ מלוכהשע אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע און אויף אַזאַ אופֿן זיך פֿאַרנעמען מיט דער פּרשה לויט זיין איינזען. אָבער אַזוי האָט ער נישט געטון, ווייל ער האָט געוווסט, אַז ער איז אין אַ מינדערהייט. ער האָט טאַקע געהאַט דעם כּוח דורכצוזעצן זיין ווילן אין דער

רעגירונג, אָבער דעמאָלט וועט ער אויסזען ווי אַ דיקטאַטאָר און טיראַן. און פאַר בן־גוריונען דעם שטאַרקן מאַן איז איצט געווען וויכטיק צו דערשיינען אַלס דעמאָקראַט און ליבעראַל. דעריבער האָט ער דערוואַרט, אַז דער יוסטיץ־מיניסטער, וועלכער איז אויך לויטן געזעץ באַפולמעכטיקט, וועט באַשטימען אַ מלוכהשע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. בן־גוריון האָט זיך געפונען אין אַ מינ־דערהייטס־פּאָזיציע צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, די מיניסטאָרן, וועלכע האָבן געהערט צו אַנדערע פּאַרטייען זענען געווען צופרידן מיטן קריזיס אינערהאַלב מפא״י און אויך אַ טייל פון די מפא״י־מיניסטאָרן — ווי פּנחס ספּיר, וועלכער איז געווען דער לעבעדיקער גייסט אין לבונס זעגלען — האָבן געגלויבט, אַז בן־גוריון האָט געהאַנדלט ווי ער האָט געהאַנדלט, כדי צו שטאַרקן די „יונגע", דאָס הייסט, דיינען און פּרסן. ווייל זייער גיך האָט זיך די קאַמפּאַניע פון לבון געווענדעט קעגן זיי. אַנשטאַט אַ קאָמפּעטענטע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע זאָל זיך מיט דעם פאַרנעמען, האָט זיך מיטן „עסק ביש" און מיט אַלע טענות פון פּנחס לבון באַשעפטיקט די אויסערן־ און זיכערהייטס־קאָמיסיע פון דער כנסת און פון איר האָבן זיך צום ערשטן מאָל אין איר געשיכטע „דורכגעשמוגלט" פּרטים פון די זיצונגען פאַר דער פּרעסע. אזוי איז דעם ברייטן ציבור באַקאַנט געוואָרן פון פּנחס לבון אליין, וועלכער איז דערשינען פיר מאָל פאַר דער כנסת־קאָמיסיע אין אָקטאָבער 1960, נישט נאָר דאָס, וואָס איז פאַרבונדן מיטן „עסק ביש", נאָר הויפּטזעכלעך די שאַרפע קריטיק קעגן די זיכערהייטס־אינסטאַנצן אין ישראל.

אין זיינע אויפטריטן פאַר דער קאָמיסיע האָט לבון, וואָס אַן אמת, באַ־טאָנט, אַז ער האַלט נישט, אַז דיין און פּרס זענען געווען שותפים צו די פעל־שונגען און צו די צוגרייטונגען פון די פאַלשע עדות־דערקלערונגען. זיין הויפּט־טענה קעגן זיי איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס בעת זייער דערשיינען פאַר דער אולשן־קאָמיסיע, האָבן זיי אים פאַרגעשטעלט אַלס מענטש, אויף וועלכן מען קאָן זיך נישט שטיצן, וועלכער גיט אַרויס באַפעלן און לייקנט זיי אָפּ. און דער עצם־פאַקט וואָס די דאָזיקע באַשולדיקונגען זענען אַרויס־געהויבן געוואָרן אין דער זעלבער צייט וואָס די פעלשונגען און פאַלשע עדות־דערקלערונגען, איז נישט קיין צופעליקייט.

אויף אַזאַ אופן, הגם נישט בן־גוריון, נישט דיין און פּרס זענען מיט גאָרנישט געווען פאַרמישט אין דעם „עסק ביש" פון 1954 און האָבן נישט געהאַט קיין שום שייכות צו די באַציאונגען צווישן פּנחס לבון און דעם „הויכן אָפיציר", זיין דירעקטן קעגנער — זענען זיי געוואָרן די הויפּט־קרבנות פון דעם אויפגעהעצטן און אויפגעשטורעמטן ציבור צוליב דער עוולה — דערווייל נאָך אין דער ראָם פון אַ השערה — וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן לבונען. עס זענען אויפגעשטאַנען אייניקע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, כדי צו פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע, צווישן זיי פון רעליגיעזע סטודענטן, וועלכע האָבן דערקלערט דעם 3־טן פעברואַר 1961, אַז זיי וועלן „פאַרזעצן

דעם קאַמף צו באַזייטיקן בן־גוריונען, משה דיין, שמעון פּרס און זייערע מענטשן פון די מאַכט־פּאָזיציעס אין דער מדינה". דאָס איז נישט געווען די איינציקע דעקלאַראַציע פון דעם סאָרט אין יענער צייט.

צום סוף האָט קיין שום אויספאָרשונג נישט באַוויזן, אַז עס זענען געמאַכט געוואָרן וועלכע עס איז פעלשונגען, אָדער אַז עס זענען אויסבאַהאַלטן געוואָרן דאָקומענטן, וואָס זענען נוגע עדות־דערקלערונגען, וועלכע זענען אויפגענומען געוואָרן דורך דער אולשן־דורי־קאָמיסיע. וואָס לענגער עס האָט זיך פאַרצויגן די לבון־פּרשה, איז דער „עסק ביש" פון 1954 געוואָרן אַ זייטיקער ראַנד־ענין. די הויפּט־פּראַגע, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן אויפרודערונג ביים ברייטן ציבור, איז געווען די טענה, וואָס איז אַרויסגעדרונגען פון לבונס רייד און איז צעבלאָזן געוואָרן דורך די קעגנער פון מפא"י און קעגנער פון די „יונגע" אינערהאַלב מפא"י — אַז אונטער בן־גוריון אַלס זיכערהייטס־מיניסטער, דיין אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב און פּרס אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון זיכערהייטס־מיניסטעריום האָט זיך אַנטוויקלט דער „בטחוניזם", דאָס הייסט, אַ פּאָליטישער אינטערעס, וועלכער האָט אונטערן הייליקן דעקמאַנטל פון דער מדינה־זיכערהייט אויסן געווען די פּערזענלעכע טובה.

אין דער עפנטלעכער מיינונג איז פאַרגעקומען אַן אויסערגעוויינלעכע איבערקערעניש. בן־גוריון, וועלכער איז נאָך נעכטן געווען אַ פאַרערטער גיבור, רעטער און היטער פון ישראל — דער, וועלכער האָט אָפּגעהאַלטן דעם גרעסטן וואַל־נצחון אין ישראל — איז היינט געוואָרן אַ טיראַן, אַ מענטש, וועלכער איזדעקעוועט זיך און אַ זקן, וועמענס צייט איז פאַריבער. נאָך ערגער. ביי אַ טייל פון ציבור האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז בן־גוריון האָט אויסגעטראַכט און פאַרגרעסערט די זיכערהייטס־שוועריקייטן פון ישראל, כדי צו פאַרשטאַרקן זיין מאַכט. און אין אַ געוויסער מאָס איז בן־גוריון טאַקע געווען דער קרבן פון זיין הצלחה. נאָך דער סיני־אַקציע איז שטיל געוואָרן אין אונדזער ראַיאָן און אין 1960 האָט דער ציבור שוין פאַרגעסן די געפאַרן פון אַן אַראַבישער פאַרניכטונגס־מלחמה. בן־גוריונס פאָדערונג צו פאַרשטאַרקן דעם זיכערהייטס־מוסקול פאַר דער צוקונפט האָט אויסגעזען צו זיין איבערגעטריבן און איבעריק. איצט האָט מען געהערט טענות, אַז בן־גוריון און דיין האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט „דערוואַרעמט" די גרענעצן מיט אַ כוונה, כדי צו פלעגן דעם אַזוי גערופענעם „בטחוניזם".

די דאָזיקע ווענדונג אין דער עפנטלעכער מיינונג איז געווען אַ מתנה פון הימל פאַר די קעגנער פון מפא"י אינדרויסן און פאַר די קעגנער פון די „יונגע" אין דער פּאַרטיי. בן־גוריון האָט נישט געפילט די פּלוצימדיקע ענדערונג, וואָס איז פאַרגעקומען אין דער עפנטלעכער מיינונג און זיך באַצויגן צו דעם ווי צו אַ פאַראיבערגייענדיקער דערשיינונג, וואָס ווערט געשאַפן דורך פּיינטלעכע זשורנאַליסטן און פּאַרטיי־קעגנער. די שריט, וואָס ער האָט אָנגעווענדעט, האָבן פאַראורזאַכט איין דורכפאַל נאָכן צווייטן.

עס האָט אויסגעזען, אַז עס איז געקומען די צייט פון לוי אשכול. מיט זיין באַליבטן וועג פון פשרה האָט ער פּראָבירט צו ראַטעווען די מפא״י פון אַ שווערן אינערלעכן קריזיס. אַנשטאָט אַ מלוכהשער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע האָט ער פאָרגעלייגט אַ מיניסטאָרן־קאָמיסיע. אַזאַ קאָמיסיע, האָט ער גע־גלויבט, וועט באַפרידיקן בן־גוריונען, ווייל די אויספאָרשונג וועט טראָגן אַ רעגירונגס־כאַראַקטער ,הגם נישט קיין מלוכהשן, און וועט באַפרידיקן לבונען מיט דעם, וואָס די קאָמיסיע וועט זיין אַ געזעלשאַפטלעכע און נישט קיין גע־ריכטלעכע. אין דער רעגירונג האָט אשכול פאָרגעלייגט, אַז 7 מיניסטאָרן, וועלכע האָבן געבילדעט אַ סוב־קאָמיסיע, זאָלן זיך באַקענען מיט די מאַטע־ריאַלן פון „עסק ביש" און קומען צום באַשלוס צי עס איז פאַראַן אַן אָרט פאַר אַ מלוכהשער אויספאָרשונג, אָדער נישט. זיין כוונה איז געווען א סוף צו מאַכן צו דער לבון־פּרשה און יעדעס מיטל צו דערגרייכן דעם ציל איז געווען כשר אין זיינע אויגן. פון דעם מאָמענט אָן האָט אָנגעהויבן צו שטייגן זיין השפעה און מאַכט אין דער מפא״י און אין דער רעגירונג. ער האָט געוווּנען די אונטערשטיצונג פון די וותיקים, וועלכע זעען אין אים אַ כוח, וואָס קאָן טאָרמאָזירן סיי די „יונגע", סיי בן־גוריונען.

די קאָמיסיע פון 7 אונטער דער לייטונג פון לוי אשכול האָט געזינדיקט כלפּי יעדן אָנגענומענעם פּראָצעדוראַלן כלל און אין דער פאַנטאַזיע איז זיך שווער פאָרצושטעלן אַ גרעסערן מישמאַש פון קאָמפּעטענצן און אינסטאַנצן ווי זי האָט אַרויסגערופן. זי האָט שטודירט, בודק געווען, געפאָרשט, באַהאַנדלט, דיסקוטירט, אויסגעהערט און נישט אויסגעהערט עדות — און צום סוף געקו־מען צו מסקנות, וואָס זענען אַ קונסט־ווערק פון אַ פּשרה אין נוסח פון לוי אשכול. פון איין זייט האָבן די 7 מיניסטאָרן פעסטגעשטעלט, אַז „לבון האָט נישט געגעבן די פאָראָרדענונג, אויף וועלכער עס שטיצט זיך דער „הויכער אָפיציר", און אַז דער „עסק ביש" איז נישט דורכגעפירט געוואָרן מיט זיין וויסן" און פון דער צווייטער זייט האָט די קאָמיסיע נישט פעסטגעשטעלט ווער עס האָט געגעבן די אָנווייזונגען. פון אירע מסקנות קען מען פאַרשטיין, אַז לבון אַלס פאַרטיידיקונגס־מיניסטער האָט נישט גוט געפירט די ענינים פון דער אַרמיי און אין זיין תקופה זענען געווען בלויזן, „וואָס שטאַמען צווישן אַנדערן פון מאַנגל אין קלאָרע קאָמפּעטענצן און פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויפן העכסטן ראַנג". דאָס הייסט, אַז אפילו ווען לבון איז נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן „עסק ביש", איז געווען אַ באַרעכטיקונג צו באַזייטיקן אים פון זיכער־הייטס־מיניסטעריום.

פאַר באַשטעטיקן די מסקנות פון דער קאָמיסיע האָבן געשטימט 10 מי־ניסטאָרן, צווישן זיי אשכול, גאָלדע מאיר און פנחס ספּיר. דריי — דיין, יוספטל און אבא אבן האָבן זיך אָפּגעהאַלטן. בן־גוריון אליין האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער זיצונג און איין מיניסטער איז געווען אין אויסלאַנד. פון לבונס שטאַנדפּונקט זענען די מסקנות געווען אַ פּערזענלעכער זיג. ער האָט דער־

גרייכט, אַז עס וועט נישט זיין קיין געריכטלעכע אויספאָרשונג און די רע־האַביליטאַציע האָט ער באַקומען פון אַ געזעלשאַפטלעכער אינסטאַנץ און איז אויך באַפרייט געוואָרן פון דער אחריות פאַר געבן די פאָראָרדענונג צום „עסק ביש״. אָבער בן־גוריון, אין קעגנזאַץ צו די אויסרעכענונגען פון אשכול, איז נישט געווען גרייט אַריבערצוגיין צום סדר היום. דעם 25־טן דעצעמבער האָט ער געמאָלדן, אַז ער וועט נישט קענען בלייבן אין דער רעגירונג. פאַרן שלום־בית אין דער מפא״י איז ער נישט געווען גרייט מוותר צו זיין אויף זיינע פרינציפן. ער איז אַרויס אין אַ קאַמפּאַניע אונטערן נאָמען „האמת קודמת לכל״ (דער אמת פאַר אַלץ), מיטן ציל צו פאַרלעצן די מסקנות פון דער קאָ־מיסיע פון 7 מיניסטאָרן, וואָס זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויף אַ פּסולן וועג און פעסשטעלן אַ יורידיש־מלוכהשע ראַם אויסצופאָרשן דעם אמת וועגן „עסק ביש״. פון דעם מאָמענט אָן האָט ער אָנגעהויבן צו מאַכן באַמיאונגען — וואָס אַלע זענען דורכגעפאַלן — בטל צו מאַכן די קאָמיסיע פון 7 און אירע מסקנות. דורך בטל מאַכן די קאָמיסיע האָט ער געוואָלט צוריק אויפבויען זיין גוטן נאָמען. דעם 31־טן דעצעמבער 1960 האָט בן־גוריון דעמיסיאָנירט, סך הכל 13 חדשים נאָכן פאָרמירן די רעגירונג. ער האָט געמיינט, אַז נאָכן שאַפן אַ נייע רעגירונג וועט ער קענען מבטל מאַכן די באַשלוסן פון דער פריערדי־קער רעגירונג. איצט האָט אשכול געוואָלט איבערבעטן בן־גוריונען. די באַ־זייטיקונגס־זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט פון מפא״י דעם 4־טן פעברואַר 1961 איז פאַקטיש געווען אַ גענעראַל־פּראָבע ערב דעם קאַמף צווישן די אָנהענגער פון בן־גוריון און זיינע קעגנער אין מפא״י. פון דעם מאָמענט אָן וועט וואַקסן דער כוח, וואָס שטעלט זיך אים אַנטקעגן, בראש פון וועלכן עס שטייט די „טראָיקאַ״ — גאָלדע מאיר, זלמן ארן און פנחס ספיר — ביז ער וועט דעראָבערן אַ מערהייט. אין צענטראַל־קאָמיטעט האָבן נאָר 60 פּראָצענט געשטימט פאַר באַזייטיקן לבונען און 40 פּראָצענט קעגן.

צוליב בן־גוריונס דעמיסיע פון פּרעמיער־אַמט איז נישט געווען קיין אַנדערער וועג ווי דורכצופירן נייע וואַלן, אין וועלכע מפא״י האָט פאַרלוירן 5 מאַנדאַטן אין דער כנסת. אַ שטאַרקערער קלאַפּ קעגן בן־גוריונען איז געווען די פּאַראייניקונג פון די פיר פּאַרטייען, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער 9־טער קאָאַליציע־רעגירונג און האָבן געפאָדערט צו שאַפן אַ רעגירונג נישט מיט בן־גוריונען אַלס פּרעמיער. און אַזוי איז די פונקציע פון פאָרמירן די נייע רעגירונג איבערגעגעבן געוואָרן אשכולן, וועלכער האָט פון דעם מאָמענט אָן געזען דעם אָנהויב פון זיין מאַכט אין מפא״י. ער האָט גובר געווען די קעג־נערשאַפט פון צוויי שותפים אין דער 9־טער רעגירונג און האָט מצליח געווען צו שאַפן די 10־טע רעגירונג מיט בן־גוריונען אין דער שפּיץ.

בן־גוריון איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ער איז געשטאַנען בראש פון דער רעגירונג, וואָס אַן אַנדערער האָט פאַר אים געשאַפן. די פאַרביטערט־

קייט איז ביי אים געוואַקסן. ער האָט געפילט, אַז עס שטאַרקט זיך די קעגנער־שאַפט מצד די מפא״י־וותיקים און ספּעציעל מצד גאָלדע מאיר. אין דער פראַגע פון באַציאונגען מיט מערב־דייטשלאַנד און פון די דייטשע געלערנטע אין מצרים איז זי כמעט אָפן אַרויסגעטרעטן קעגן אים. זי האָט געגלויבט — און אין דעם גייסט האָט זי גערעדט אין דער כנסת — אַז מיט דער הילף פון דייטשע געלערנטע ווערט מצרים אויסגעשטאַט מיט אַ געפערלעך און צעשטע־רעריש געווער. דאָס איז געווען אַן איבעריקע פּאַניק, וואָס האָט שווער גע־טראָפן בן־גוריונס באַמיאונגען צו דערפירן צו אַ דערנענטערונג און צו דיפּלאָ־מאַטישע באַציאונגען צווישן ביידע מדינות. במשך פון אַ לאַנגער תקופה האָט בן־גוריון געטראַכט וועגן אָוועקגיין, און צום סוף, דעם 16־טן יוני 1963, איז געקומען די מעלדונג, וואָס האָט איבעראַשט זיינע חברים אין דער רעגירונג, אַז ער דעמיסיאָנירט צוליב פּערזענלעכע טעמים. פאַקטיש האָט ער דערוואַרט, אַז מחוץ דער רעגירונג וועט ער מער מצליח זיין אין זיין מלחמה קעגן דער קאָמיסיע פון זיבן.

10 טעג נאָך בן־גוריונס דעמיסיע האָט אשכול פאַרגעשטעלט אין דער כנסת זיין רעגירונג אַלס „המשך־רעגירונג״ פון בן־גוריון.

במשך פון פינף יאָר — פון דעצעמבער 1959 ביז נאָוועמבער 1964 — אין די ראַמען פון דריי רעגירונגען, איז דיין געווען לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער. די גאַנצע צייט האָט די לבון־פּרשה אויפגעשטורעמט דעם ברייטן ציבור און באַזונדערס די מפא״י, האָט פאַרטיפט דעם ריס צווישן בן־גוריונען און די וותיקים און דערשיטערט דעם יסוד, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דיין. טראָץ דעם האָט זיך זיין קאַדענץ אַלס לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער אויסגע־צייכנט מיט אייגנאַרטיקייט.

דיינס פּאָליטיק וועגן אַ „פּלאַנירטער לאַנדווירטשאַפט״ און פאַרגרעסע־רונג פון עקספּאָרט איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. אים איז אויך גע־לונגען צו פאַרגרעסערן די הכנסה פון די לאַנדווירטן. לויט די באַריכטן פון בנק ישראל זענען די הכנסות פון די לאַנדווירטן אין דעם לאַנדווירטשאַפטס־יאָר תשכ״ט (אָקטאָבער 1958 — אָקטאָבער 1959) געווען 251 מיליאָן ל״י. אַ יאָר שפּעטער — דאָס ערשטע יאָר פון משה דיינס קאַדענץ אַלס לאַנדווירט־שאַפטס־מיניסטער — זענען זייערע הכנסות געוואַקסן אויף 266 מיליאָן ל״י און אַ יאָר שפּעטער זענען די הכנסות געשטיגן אויף 319 מיליאָן ל״י. און דאָס אין פאַרגלייך מיט דער ירידה אין זייערע הכנסות אין דער תקופה פון פאַר דיינס קאַדענץ. אויף אַזאַ אופן, דורך פּלאַנירונג און פאַרקלענערונג פון די עודפים, זענען יאָר־יערלעך געשטיגן די הכנסות פון די לאַנדווירטן בעת זיין קאַדענץ. דאָס איז, מן הסתם, געווען איינער פון די הויפּט־סיבות, וואָס די לאַנדווירטן האָבן זיך באַצויגן מיט רעספּעקט און אָנערקענונג צו דיינען. ווען ער האָט דעמיסיאָנירט פון זיין אַמט אין נאָוועמבער 1964, האָבן אפילו די, וועלכע האָבן געהערט אין אָנהויב צו זיינע קעגנער, אויסגעדריקט די

מיינונג, אַז ער איז געווען אַ דערפֿאָלגרייכער לאַנדווירטשאַפֿטס־מיניסטער, צווישן זיי פֿאָרשטייער פֿון די קיבוצים און אַפֿילו פֿון דער לינקער מפ״ם און פֿאָרשטייער פֿון דעם פֿויערן־פֿאַרבאַנד. די צייטונג „הארץ״ האָט געשריבן וועגן דער „בליענדיקער לאַנדווירטשאַפֿט״ אין דער תקופֿה פֿון משה דיין.

עס איז כמעט נישט געווען קיין געביט, אויף וועלכן עס זענען געווען טעטיק אשכול און ספּיר, אַז דיין זאָל נישט ריכטן זיינע שאַרפֿע קריטיק־פֿיילן. זיינע צוזאַמענשטויסן מיט אשכולן האָבן זיך כסדר געמערט, בעיקר וועגן די פּרייזן פֿון שפּייז־פּראָדוקטן, דער הויך פֿון די סובסידיעס פֿאַר דער לאַנדווירטשאַפֿט, וואַסער־קאָנטיגענטן, פֿאַרנעם פֿון דער התישבֿות און ווו צו בויען נייע שטעט. דעם 21־טן יולי 1960 האָט דיין געמאָלדן דער ווירטשאַפֿטלעכער קאָמיסיע פֿון דער כנסת, אַז „אין די נאָענטסטע פֿיר יאָר וועלן נישט אַנטשטיין קיין נייע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע ישובֿים, אויב זיכערהייטס־סיבות וועלן דאָס נישט פֿאָדערן״ — צוליב מאַנגל אין וואַסער־רעזערוון און עודפֿים פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן. דאַקעגן האָט אשכול פֿאָרעפֿנט־לעכט זיין פּראָגראַם צו קאָלאָניזירן דעם חבֿל הבשור אין נגבֿ, אין וועלכן ער האָט געזען „אַן אַרויספֿאָדערונג פֿאַר אַ דור״. ער האָט גערעדט וועגן צענדלי־קער ישובֿים און אַ קרייז־שטאָט מיט אַ גרויסער באַפֿעלקערונג. דיין האָט דווקא געשטיצט דעם פּלאַן וועגן אַן אינדוסטריעלן צענטער אין ערד־ראַיאָן און אשכול האָט אין ערד געזען אַ קאָנקורענץ פֿאַר זיינע גרויסע פּלענער אין בשור־ראַיאָן, וואָס האָט נאָך זיין טויט באַקומען דעם נאָמען חבֿל אשכול, כּדי צו פֿאַראייביקן זיין אָנדענק.

אשכול און ספּיר האָבן מסכּים געווען און אַפֿילו דערמוטיקט דעם וווקס פֿון תּל־אָבֿיבֿ דורך געבן אַ באַשעפֿטיקונג פֿאַר דער באָדן־אויסשפּרייטונג אויף צפֿון פֿון ירקון (דער פּראָיעקט ל׳). דאַקעגן דיין האָט דעם זעלבן באָדן פֿאַר־פֿרוירן, ווייל ער איז געווען פֿאַר צעשפּרייטן די באַפֿעלקערונג איבערן גאַנצן לאַנד. אַלס לאַנדווירטשאַפֿטס־מיניסטער איז ער געווען דער ממונה איבערן מינהל מקרקעי ישראל (פֿאַרוואַלטונג איבערן מלוכהשן באָדן).

אשכול האָט אָוועקגעגעבן אומזיסט אַ פּריוואַטער געזעלשאַפֿט די קאָנ־צעסיע צו בויען אַ נייע שטאָט אין אשדוד, דאַקעגן האָט דיין דאָס באַטראַכט פֿאַר אַ נאַרישן שריט און אַ געזעלשאַפֿטלעכע אומגערעכטיקייט. וואָס שייך אשדוד און דעם וווקס פֿון תּל־אָבֿיבֿ, האָט דיין באַשולדיקט אשכולן און ספּירן, אַז זיי פֿאַרלעצן די פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג וועגן צעשפּרייטן די באַפֿעל־קערונג. מען נעמט צו לאַנדווירטשאַפֿטלעכן באָדן און מען מאַכט רייך קאַפּי־טאַליסטן, וועלכע האָבן אליין נישט געמאַכט קיין גרויסע אָנשטרענגונגען און באַוווּלט דערבײַ די, וועלכע ווילן זיך באַזעצן אויפֿן באָדן. אין די צוויי ענינים האָט דיין איניציִאירט געזעלשאַפֿטלעכע אַקציעס קעגן אשכול, ספּירן און דער אַלטער גוואַרדיע, וואָס שטיצט זיי. אין פֿאַל פֿון אשדוד האָט דיין אַפֿילו געהאָלפֿן דורכפֿירן אין דער כנסת אַ באַשלוס קעגן אשכול, וואָס האָט אים

געצווונגען צו שליסן אַ נייעם אָפּמאַך מיט די קאָנצעסיאָנערן, לויט וועלכן די רעגירונג האָט צוריק באַקומען אין אירע הענט אַ העלפט פון די קאָנצעסיעס.

וואָס שייך באַליידיקנדיקע צונעמען האָט זיך דווקא דיין צווישן די דריי אויסגעצייכנט מיט גוטע מאַניערן. זיין שפּראַך איז געווען אַ באַהערשטע און אַ ריינע. דאַקעגן האָט אים ספּיר אין אַ וויציקן טאָן גערופן דער „פעלד־מאַרשאַל". „דער פעלדמארשאל פאַרשטייט די ענינים פון סובסידיעס פאַר אייער", און „דער פעלדמארשאל" האָט געציכטעט מאַנימייקער־טאָמאַטן, איר האָט געזען, און ענלעכע באַמערקונגען. און אשכול האָט אים פשוט גערופן אבו דזשילדאַ (דער נאָמען פון אַ באַקאַנטן אַראַבישן כנופיה־פירער).

נאָך דעם ווי בן־גוריון האָט געמאָלדן אויף דער זיצונג פון דער רעגירונג דעם 25־טן דעצעמבער 1960, אַז ער וועט מער נישט קענען בלייבן אין דער רעגירונג צוליב דעם אומרעכט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן דורך דער קאָמיסיע פון די זיבן מיניסטאָרן, האָט ער אויך אַרויסגעשיקט דעם 30־טן דע־צעמבער אַ בריוו צום סעקרעטאַריאַט פון מפא"י, אין וועלכן ער איז מודיע וועקן זיין „ענדגילטיקן" באַשלוס צו פאַרלאָזן די רעגירונג. דער סטיל, וועלכן בן־גוריון האָט אויסגעוויילט, איז זייער נאָענט צו אַ גייסטיקער צוואה — „טוט אַלץ פאַר דער פאַראייניקונג פון דער פאַרטיי — פון דער שלמות פון דער פאַרטיי און איר ריינקייט איז אין אַ נישט קלענער מאָס אָפּהענגיק דער גורל פון דער מדינה. איך בין זיכער אַז איר וועט וויסן אָפּצוהיטן ביידע זאַכן". דער סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרטיי איז זיך צוזאַמענגעקומען דעם 21־טן דעצעמ־בער אויף אַ זיצונג, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז פאַרטאָג און די אָנטיילנעמער האָבן נישט געוווסט אויף זיכער, צי בן־גוריונס באַשלוס איז באמת אַן ענד־גילטיקער, אָדער צי עס איז נאָך געבליבן אַ מעגלעכקייט אים איבערצוצייגן און איבערעדן ער זאָל ענדערן זיין באַשלוס.

פון דעם וואָס עס דרינגט אַרויס פון בן־גוריונס רייד און פון די געדאַנקען, וועלכע ער חזרט איבער צוויי מאָל אין זיין בריוו, אַז דער גורל פון דער מדינה און מפא"י איז אָפּהענגיק פון „געוויסן־ריינקייט פון אירע פירער", האָבן די מנהיגים פון מפא"י פאַרשטאַנען, אַז דער באַדינג פון בן־גוריונען איז צו נאָמינירן אַ יורידישע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וואָס זאָל אויספאָרשן דעם „עסק ביש" פון 1954. מיט אַנדערע ווערטער, בטל מאַכן די מסקנות פון דער קאָמיסיע פון 7. מיט דעם וועט דער ציבור זען, אַז בן־גוריון איז געווען גערעכט פון ערשטן מאָמענט אָן און וועט צוריק באַנייען צו אים דעם צוטרוי און אויף ווי ווייט מעגלעך צוריקשטעלן זיין גוטן נאָמען. אָבער דאָס וואָלט אויס־געטייטשט געוואָרן אַלס פולשטענדיקע דיסקרעדיטאַציע פון אשכולן און פון די אַלטע מנהיגים, וועלכע האָבן געשאַפן די קאָמיסיע פון די 7 מיניסטאָרן, האָבן זיך אין איר באטייליקט און באַרעכטיקט אירע מסקנות. דעריבער האָבן זיי אין בן־גוריונס באַדינג געזען נאָך אַ מאַנעווער קעגן זיי, כדי צו פאַר־שוואַרצן זייער פּנים אין די אויגן פון ציבור. זלמן ארן האָט דאָס אויסגעדריקט

אויף פאָלגנדיקן אופן : „די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פאַרן ענין פון 1954, לויט דער פאָדערונג פון בן־גוריון, האָט געדאַרפט זיין אַ גרויסער ברודער־קבר פאַר אַלע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע פון די 7. איך האָב נישט וועגן דעם קיין שום צווייפל". דאָס נאָמינירן אַן „אויספאָרשונגס־קאָמיסיע" וואָלט באַדייט אַ נצחון פאַר בן־גוריונען און במילא וואָלט דאָס געשטאַרקט דעם פּרעסטיזש פון די „יונגע". דאַקעגן דאָס אָנערקענען די מסקנות פון דער קאָמיסיע פון די 7 וואָלט באַדייט אַ נצחון פאַר די וותיקים. די קאָמיסיע פון די 7 איז דעריבער געוואָרן אַ מין סטראַטעגישע פּאָזיציע, פון וועלכער די וותיקים האָבן געקעמפט אויך אין דער צוקונפט זיך פאַרזיכערן די שליטה איבער דער פּאַרטיי.

גאָלדע מאיר האָט דאָס גיך פאַרשטאַנען, און דעריבער האָט זי גלייך געמאָלדן, אַז אויך זי גיט זיך אָן אין דעמיסיע. אַזוי האָט זי פאַרבלאָקירט דעם וועג פאַרן פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט נאָכצוגעבן בן־גוריונען. לויט ארנס ווערטער אויף דער זיצונג פון פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט, „וועט גאָלדעס דעמיסיע גורם זיין די דעמיסיע פון ספּירן". היות זלמן ארן האָט נאָך פריער דעמיסיאָנירט, איז קעגן דער דעמיסיע פון בן־גוריון געשטאַנען די דעמיסיע פון דער „טראָיקאַ", דאָס איז געווען אַ דראָאונג געווענדעט קעגן פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט. דאָס הייסט, אַז אויב דער סעקרעטאַריאַט וועט אַנטקעגנקומען בן־גוריונס פאָדערונג דורך שטיצן די נאָמינאַציע פון אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וועט ער דאַרפן געפינען אַנדערע קאַנדידאַטן אויף די אַמטן פון גאָלדע מאיר און פנחס ספּיר. ארן האָט אויפגעקלערט די מיטגלידער פון סעקרעטאַריאַט, אַז פון דער דעמיסיע פון גאָלדע מאיר און ספּיר דרינגט אַרויס, אַז אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט וועט אַנטשטיין אַ נייע רעגירונג אָן מפא"י, „צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מדינה".

אין פלוג האָט דער סעקרעטאַריאַט פאַר זיך אַ פּאָר מעגלעכקייטן : איינע, נאָכצוגעבן בן־גוריונען און דורך דעם שאַפן אַ רעגירונג אונטער זיין אָנפירונג מיט דער באַטייליקונג נאָר פון די „יונגע". אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך. די קאָאַליציע־פּראַקציעס האָבן שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז זיי וועלן זיך נישט באַטייליקן אין דער רעגירונג, בראש פון וועלכער עס וועט שטיין בן־גוריון. אשכול איז געווען דער, וועלכער האָט צום סוף געזאָרגט פאַר פאָרמירן אַ רעגירונג אונטער זיין לייטונג. אַ רעגירונג אָן די אַלטע פירער איז געווען אַ פאַנטאַזיע. אויף דער זיצונג פון סעקרעטאַריאַט האָט דיין אַליין געזאָגט, אַז „בן־גוריון וועט וועלן אַ רעגירונג מיט גאָלדע, אשכול און ספּיר, און ווען ארן וואָלט נישט דעמיסיאָנירט, אויך מיט ארנען".

די צווייטע מעגלעכקייט — נאָכגעבן גאָלדען און ספּירן און דורך דעם שאַפן אַ רעגירונג אָן בן־גוריונען — איז אויסגעשלאָסן געוואָרן דורך אַלע מיטגלידער פון סעקרעטאַריאַט, איינשליסלעך גאָלדע מאיר און ארן. און דעמאָלט איז געבליבן די לעצטע מעגלעכקייט — אַז אַן אַנדערע פּאַרטיי זאָל שאַפן אַ רעגירונג ; אָבער דאָס איז געווען אַזאַ אָפּשרעקנדיקער געדאַנק, אַז

דער סעקרעטאַריאַט האָט זיך אָפּגעהאַלטן אים צו באַהאַנדלען. מיט איין וואָרט — אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג. און די צעמישונג אין מפא״י האָט זיך טאַקע געצויגן פינף וואָכן, ביז בן־גוריון האָט דעם 21־טן יאַנואַר 1961 פאַרווירקלעכט דאָס, וואָס ער האָט געשריבן צום פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט און דערלאַנגט זיין דעמיסיע דעם מדינה־פּרעזידענט.

דער דרוק אויף דיינען איז כסדר געוואַקסן. אין זיין פּאָליטישן לעבן איז ער דערגאַנגען צו אַן אַנטשיידנדיקן מאָמענט — אפשר צו אַ מאָמענט פון אמת — אין וועלכן ער דאַרף אָננעמען באַשלוסן, וואָס וועלן פאַרמירן זיין אידענטיטעט, פאַר זיך און פאַר אַנדערע. זיין לאַגע האָט זיך קאָמפּליצירט צוליב אייניקע טעמים. קודם כל איז ער אין האַרצן נישט מסכים געווען מיט אייניקע שריט פון בן־גוריונען. לויט זיין מיינונג האָט לבון נישט געגעבן די אָנהויב־פאַראָרדענונג, אין רעזולטאַט פון וועלכער עס איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג דער „עסק ביש״, נאָר דאָס איז געשען צוליב דער אייגענער איניציאַטיוו פון דעם אַזוי גערופענעם „דריטן מאַן״, און ערשט נאָך דער פּאַסירונג האָט לבון געגעבן די פאַראָרדענונג דעם „הויכן אָפיציר״. אויסער דעם האָט דיין געהאַלטן, אַז אויב בן־גוריון האָט באַשטימט לבונען אַלס זיין פאַרטרעטער און האָט מיט דעם אָפּגעקאָכט דאָס געקעכטס, זאָל ער זיך נישט באַקלאָגן, ווען ער דאַרף עס אויפעסן. אַזוי איז דיין פּרינציפּיעל מסכים געווען מיט די מסקנות פון דער מיניסטאַרן־קאָמיסיע.

נאָך מער. ער איז נישט געווען פאַר אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע און אין קעגנזאַץ צו בן־גוריונען האָט ער געהאַלטן, אַז עס וואָלט געווען בעסער, ווען מען פאַרענדיקט די פּרשה באַלד אין אָנהויב. אַזוי האָט ער אַפילו געזאָגט אויף דער זיצונג פון סעקרעטאַריאַט דעם 31־טן דעצעמבער. אָבער אין דער זעלבער מאָס איז ער געווען קעגן פריערדיקן באַשלוס פון סעקרעטאַריאַט, וואָס האָט באַשטימט אשכולן אַלס „עושה שלום״, און וואָס האָט אייגנטלעך דערמעגלעכט די אַנטשטייאונג פון דער קאָמיטע פון 7. ער איז אויך נישט געווען צופרידן פון איר אַרבעט און פון דעם אופן פון אַרויסציען די מסקנות דורך דער קאָמיסיע.

דיין האָט גוט געוווּסט, אַז דער זיכערסטער וועג אויפצוהאַלטן און ממשיך צו זיין די בן־גוריוניסטישע פּאָליטיק, וועלכע ער האָט געשטיצט מיטן גאַנצן האַרץ, איז געווען דער המשך פון בן־גוריון אַלס פּרעמיער־מיניסטער. דעריבער האָט ער אויף זיך גענומען די פונקציע פון אַ פאַרמיטלער, און טראָץ זיין קעגנערשאַפט צו דער יורידישער אויספאָרשונג, האָט ער פאָרגעלייגט אויסצובעסערן דעם באַשלוס פון סעקרעטאַריאַט פון 20־טן אָקטאָבער, וואָס זאָגט, אַז דער ענין פון 1954 „דאַרף דערגיין צו אַ פולער אויסשעפּונג פון דין און צדק אין די אַנטשפּרעכנדיקע מלוכהשע אינסטאַנצן פון דער מדינה״. דאָס איז געווען אַ פאָרמולירונג, וואָס איז געווען נענטער צו בן־גוריונס ווילן, אַז דער ענין זאָל אויסגעפאָרשט ווערן „אין די אַנטשפּרעכנדיקע מלוכהשע און

יורידישע אינסטאַנצן". זיין אויסבעסערונג איז איינשטימיק אָנגענומען געװאָרן, אָבער נאָך דעם ווי די זיצונג האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן אשכול און די וותיקים אונטערן דרוק פון לבונען, מצליח געווען אויסצומעקן דאָס וואָרט „יורידישע".

זלמן ארן, וועלכער האָט אָבסערווירט און נאָכגעפאָלגט די שריט פון משה דיין, האָט לויט זיינע רייד באַקומען דעם איינדרוק, אַז „דיין האָט שטאַרק פּראָבירט צו העלפן בן־גוריונען, אַז עס זאָל זיין אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. ער האָט זיך באַטייליקט אין כלערליי קאָמיסיעס נאָר כדי צו פאַרטיידיקן בן־גוריונען און אים צו העלפן. דיין אליין האָט געדאַרפט די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע אויף כפרות".

מען דאַרף זיך משער זיין, אַז דיין האָט געזען ווי עס וואַקסט דער כוח פון די וותיקים און עס פאַרקלענערט זיך בן־גוריונס השפעה. אויף דער באַגעגעניש פונעם קרייז פון די „יונגע" דעם 18־טן נאָוועמבער האָט ער געזאָגט, אַז „בן־גוריון פאַרלירט די קאָנטראָל איבער די ענינים און ער איז עלול בקרוב צו פאַרלירן די אָנפירערשאַפט אין דער פּאַרטיי". אַלס מענטש, וועלכער האָט אָנגעהויבן די פּאָליטישע קאַריערע, האָט ער געדאַרפט אַזוי האַנדלען, אַז זיין פּאָליטישע צוקונפט זאָל נישט זיין פאַרבונדן מיט איין פּערזאָן. אייגנטלעך, מער ווי די עקזיסטענץ־פאַרנונפט פון אַ פּאָליטיקער, איז דאָ געקומען צום אויסדרוק זיין טיפע און נאַטירלעכע נייגונג צו זיין אַליין. יזהר סמילאַנסקי האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז „דיין האָט געהאַנדלט אַזוי, אַז מען זאָל אים נישט אידענטיפיצירן מיט בן־גוריונען. ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל אים באַטראַכטן אַלס צוגעהעריקער צו אַ געשלאָסענער גרופּע, צו אַ ריכטונג, צו איין קערפּערשאַפט, אַז ער פאָלגט וועמען נאָך, אַז ער דעצידירט נישט, אַז ער איז נישט קיין אייגנאַרטיקע ראַסע. ער האָט זיך באַמיט אונטערצושטרייכן, אַז ער איז נישט בן־גוריון".

נישט ווי שמעון פּרס, וועלכער האָט זיך פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט בן־גוריונען און זיינע פאָדערונגען און וועלכער האָט זיך געשטעלט היגטער אים אָן שום באַוואָרענישן, האָט דיין געהאַנדלט לויט זיין טבע און לאָגיק און דעריבער געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געטאַנצט אויף צוויי חתונות: ער האָט געווירקט, כדי צו העלפן בן־גוריונען, אָבער זיך מיט אים עפנטלעך נישט אידענטיפיצירט, נאָר ערשט נאָך אַ געוויסער צייט, נאָך דעם ווי דער קאַמף איז געווען פאַרבונדן מיט בן־גוריונס וועג אין אַלגעמיין; ער האָט זיך אַפילו באַטייליקט אין די „קיך־זיצונגען" פון גאָלדע מאיר, ווו עס זענען אנטשידן געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס ענינים איידער זיי זענען געבראַכט געוואָרן פאַר די קאָמפּעטענטע פּאַרטיי־אינסטאַנצן. אויף איינע פון די דאָזיקע זיצונגען האָט ער בפירוש געזאָגט, אַז לויט זיין מיינונג האָט לבון נישט געגעבן דעם באַפעל. לויט די באַגריפן און די אומשטענדן פון 1960

האָט דאָס באַדייט אַן אויסגעשפּראָכענע אונטערשטיצונג פֿאַר דער שטעלונג פֿון די וותיקים.

אויף דער זיצונג פֿון פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט דעם 31־טן דעצעמבער איז דיין געווען אַן אויסנאַם. עס איז אַרויסגערוקט געוואָרן אַ רעזאָלוציע־פֿאָרשלאַג, אַז די מפּא״י־חברים וועלן זיך נישט באַטייליקן אין קיין שום רעגירונג, בראָש פֿון וועלכער עס וועט נישט שטיין בן־גוריון. די מיינונגען האָבן זיך געטיילט וועגן דעם, צי עס איז שיין און פּאַרטייפּאָליטיש אָנצונעמען אַזאַ מין צוטרוי־באַשלוס. אָבער עס איז געווען אַ פֿולשטענדיקע הסכּמה וועגן דעם, אַז בן־גוריון איז דער איינציקער קאַנדידאַט פֿון מפּא״י אַלס פּרעמיער־מיניסטער און יעדער איינער פֿון די באַטייליקטע האָט אונטערגעשטראָכן מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט, אַז ער וועט נישט אַנטיילנעמען אין דער רעגירונג, אויב אין שפּיץ וועט נישט שטיין בן־גוריון. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט די זיצונג געטראָגן אַ ביזאַנטישן כאַראַקטער. דער איינציקער, וועלכער האָט געהאַנדלט אַנדערש איז געווען דיין. ער האָט געזאָגט: „אויב עס וועט זיך שאַפֿן אַ לאַגע, אַז בן־גוריון וועט דעמיסיאָנירן און איך וועל האַלטן, אַז עס איז לטובֿת דער מדינה, אַז עס זאָל אַנטשטיין אַ מפּא״י־רעגירונג און אויב מען וועט מיר, חלילה, פֿאָרלייגן אַריינצוטרעטן אַלס לאַנדווירטשאַפֿטס־מיניסטער — וועל איך אַריינטרעטן. איך דאַרף זיך נישט אידענטיפֿיצירן מיט בן־גוריונען״.

זייענדיק דער איינציקער אין סעקרעטאַריאַט, וועלכער זאָגט, אַז ער וועט זיך באַטייליקן אין אַ רעגירונג בראָש פֿון וועלכער בן־גוריון וועט נישט שטיין, האָט דיין באַוויזן, אַז ער האָט מוט. און עס זעט אויס, אַז נאָר דער, וואָס האָט מוט, איז מסוגל דאָס ריכטיק אָפּצושאַצן. די מפּא״י־מיטגלידער זענען אַזוי דערשיטערט געוואָרן פֿון דיינס רייד, אַז פֿיל פֿון זיי האָבן דאָס אַפֿילו געהאַלטן אַלס כּפֿירה בעיקר, אָדער פֿאַראַט. יוסף אלמוגי, וועלכער איז דאַן געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון מפּא״י, האָט אַפֿילו געבעטן פֿון בן־גוריונס סעקרעטאַר נישט איבערצוגעבן אים די סטענאָגראַמע פֿון דער זיצונג, ווייל דיין דערשיינט „אין אַ נישט שיינער פֿאָרם״. אָבער דווקא בן־גוריון איז באַאיינדרוקט געוואָרן פֿון דיינס רייד. נאָך דעם ווי ער האָט געלייענט די סטענאָגראַמע האָט ער געזאָגט צו זיין סעקרעטאַר בערך אַזוי: „איך האָב זיך איבערצייגט, אַז אין דער גאַנצער מפּא״י איז פֿאַראַן נאָר איין מענטש, וועלכער ווייסט וואָס עס באַדייט אַ ריכטיקע מלוכהשע ליניע. אַלע זאָגן, אַז אָן בן־גוריונען איז נישטאָ קיין רעגירונג. דער איינציקער, וועלכער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די ליניע — און נישט דער מענטש — איז וויכטיק, איז געווען דיין״.

טראָץ דעם האָט זיך ביי די, וועלכע זענען געשטאַנען נאָענט צו בן־גוריונען, געשאַפֿן דער איינדרוק, אַז טיף אין האַרצן, נישט אַרויסווייזנדיק דאָס פֿאַר קיינעם, איז ער געווען אַנטוישט פֿון דיינס שטעלונג, וואָס איז געווען

אזוי נאָענט צו דער שטעלונג פון די וותיקים, וועלכע זענען געווען קעגן אים. עס איז שווער צו וויסן, ווען עס איז באַוווסט געוואָרן בן־גוריונען, אַז אויך דיין האַלט, אַז לבון האָט נישט געגעבן דעם באַפעל און דעריבער איז ער נישט מסכים מיט בן־גוריונען אין דער שליסל־פראַגע. לויט בן־גוריונען איז דאָס אים באַקאַנט געוואָרן אין האַרבסט 1964 אין שדה בוקר, ווו ער האָט זיך מתבודד געווען נאָך זיין ענדגילטיקן אַוועקגיין און פון וואַנען ער האָט פאָרגעזעצט זיין פאַרלוירענע שלאַכט. אין זיין בריוו צו דיינען פון 2־טן סעפּטעמבער האָט ער אים געבעטן צו ענטפערן „יאָ, אָדער ניין" — און מיט דעם האָט ער אַנטפּלעקט אַביסל פון זיינע געפילן — צי עס זענען ריכטיק אשכולס ווערטער אין דער סטענאָגראַמע פון דער קאָמיסיע פון 7 — וועלכע בן־גוריון האָט לויט זיינע רייד געלייענט ערשט אין האַרבסט 1964 — דהיינו: „דיין זאָגט מיר, אָדער האָט מיר געזאָגט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אויף אַ מסיבה מיט נאָך צען מענטשן, (די קיך־זיצונג ביי גאָלדע מאיר), אַז ער איז זיכער, אַז לבון האָט נישט געגעבן דעם באַפעל". בן־גוריון פאַרלענגערט זיין בריוו מיט צוויי דערגענצונגען, וואָס זאָגן עדות ווי אויפגעשטורעמט ער איז געווען. אין איין דערגענצונג איז ער ממשיך די ווערטער פון לוי אשכול אויף דער זיצונג פון דער קאָמיסיע פון 7, לויט וועלכע דיין האָט אים געזאָגט, אַז „לבון האָט פריער נישט געגעבן דעם באַפעל, אפשר נאָך דעם האָט ער געגעבן די באַשטעטיקונג", און פאַרענדיקט מיטן זאַץ, פון וועלכן עס דרינגט אַרויס אומגעדולד און כעס. „ביטע — ענטפער קלאָר!".

לויטן ענטפער־בריוו פון משה דיין דעם 4־טן סעפּטעמבער, האָט בן־גוריון שוין געוווסט, אַז דיין איז מיט אים נישט מסכים. זיין ענטפער האָט ער געעפנט מיט דער פעסטשטעלונג, „הגם דו האָסט שוין געפרעגט און איך האָב דיר שוין געענטפערט אייניקע מאָל, שריפטלעך און מינדלעך, וועל איך גערן איבערחזרן מיינע רייד". און דיין האָט אויפסניי באַשטעטיקט די השערה פון 1960.

אזוי ארום האָט זיך געשאַפן — און איז אפשר אייגנטלעך צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט געוואָרן — א קליינער ריס צווישן דיינען און בן־גוריונען אין גאַנג פון דער לבון־פרשה אין 1960 און 1961. היות די לאַגע אָן אַן אויסוועג האָט זיך געצויגן אין דער אָנפירונג פון מפא"י, האָט בן־גוריון אַרויסגעשיקט דעם 26־טן פעברואַר 1961 נאָך אַ בריוו צו די פאַרטיי־פירער און זיי געראָטן צו באַטייליקן זיך אין דער רעגירונג אָן אים. „דער איינציקער פרעמיער, וועלכער קומט אין באַטראַכט — איז אשכול", האָט געשריבן בן־גוריון און אויף אַזאַ אופן האָט ער געקרוינט דעם מפא"י־פירער, וועלכער וועט קומען נאָך אים. היות ער האָט געהאַלטן, אַז אשכול איז נישט פּאַסיק אויפן אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער און דעריבער וועט ער נישט קענען פאַרנעמען ביידע אַמטן, האָט בן־גוריון פאָרגעזעצט: „עס וועט שטיין די פראַגע פון זיכערהייטס־מיניסטער. איך וואָלט אָן וואַקלונגען מסכים געווען צו זיין דער

זיכערהייטס־מיניסטער אין אשכולס רעגירונג, אָבער דאָס מאָל וועל איך דאָס נישט טאָן (ווי ער האָט דאָס געטון אין דער רעגירונג פון משה שרת) צוליב אַנדערע סיבות, אויף וועלכע איך וויל זיך נישט אָפּשטעלן". אין זיין בריוו האָט בן־גוריון נישט אָנגעגעבן דעם פּאַסיקן קאַנדידאַט אויפן אַמט פון זי־כערהייטס־מיניסטער נאָך אים. אָבער דיינען האָט ער בכלל נישט דערמאָנט.

עס זעט אויס, אַז בן־גוריון איז דערגאַנגען צום ענדגילטיקן נוסח פון זיין בריוו מיט אינערלעכע ספקות. ווייל עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן — אין שלמות ווערט דער נוסח געגעבן אין בוך פון נתן ינאי „קרע בצמרת" (אַ ריס אין דער אָנפירונג) — אַ פריערדיקער און נישט אונטערגעשריבענער טעקסט, אין וועלכן בן־גוריון האָט אָנגעגעבן דריי מעגלעכע קאַנדידאַטן לויט דעם סדר: „איך וואָלט באַשטימט שמעון פרסן אַלס זיכערהייטס־מיניסטער. אָבער אויב דאָס וועט אַרויסרופן אַ קעגנערשאַפט צווישן צענטראַלע חברים, וועל איך זיך נישט איינשפּאַרן מיט מיין פאָרשלאַג. מען קאָן נעמען דיינען און באַ־שטימען אַן אַנדערן חבר אַלס לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער. מיט דעם וועלן נישט זיין קיין שוועריקייטן, אָדער מען דאַרף זיך אפשר ווענדן צו יגאל ידינען, ער זאָל נעמען אויף זיך דעם דאָזיקן אַמט".

לויט נתן ינאי, האָבן אייניקע מפא"י־פירער איבערצייגט בן־גוריונען אַרויסצונעמען פון זיין בריוו די נעמען פון זיינע קאַנדידאַטן אויפן אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער. עס איז פאַראַן אַן אָרט פאַר אַ סברה, אַז עס איז געווען נאָך אַ טעקסט, אין וועלכן בן־גוריון האָט פאַרגעלייגט זיינע קאַנדידאַטן אין אַן אַנדערן סדר. ווי עס זאָל נישט זיין, אין פעברואַר 1961 איז דיין נישט געווען דער איינציקער און נישט דער ערשטער קאַנדידאַט פון בן־גוריונען אויפן אַמט פון פאַרטיידיקונגס־מיניסטער.

נאָך דעם ווי עס וועט אויסברעכן דער קאָנפליקט צווישן אשכולן און אים, וועט בן־גוריון אויפסנייע אָנגעבן נעמען פון אייניקע פּערזאָנען, וועלכע זענען ראוי צו זיין פּרעמיער און זיכערהייטס־מיניסטער אויפן אָרט פון לוי אשכול, אָבער דער נאָמען פון משה דיין וועט צווישן זיי נישט דער־מאָנט. ווידער דערשיינט יגאל ידין אַלס זיין באַפאָרצוגטער קאַנדידאַט און פאַר זיין ענדגילטיקן אָוועקגיין אין 1963 ווענדעט ער זיך צו אים מיט אַ בריוו און שלאָגט אים אויפסנייע פאָר זיך אָנצושליסן אין מפא"י, כדי אויס־געוויילט צו ווערן אין דער כנסת און צו געניסן פון זיין פולער אונטער־שטיצונג אויפן אַמט פון פּרעמיער. דיינען וועט בן־גוריון דערמאָנען אין אָנהויב 1964 אַלס פּאַסיקן קאַנדידאַט אויפן אַמט פון פינאַנס־מיניסטער. ערשט אין זומער 1967, אונטערן דרוק פון דער קאָנצענטראַציע פון די מצרישע אַרמייען אין סיני, וואָס באַדראָט דעם קיום פון ישראל, ציט זיך בן־גוריון צוריק און שטיצט די נאָמינאַציע פון דיינען אויפן אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער.

פּאַקטיש איז דיין געבליבן אין אַ לאַגע פון אַ פאַרשפילטן פון ביידע

זייטן. די פראַגע פון זיכערהייטס־מיניסטער האָט זיך פּראַקטיש נישט דער־וועקט אין 1961, ווייל נאָך די וואַלן צו דער 5־טער כנסת אין אויגוסט 1961 האָט זיך בן־גוריון אַקטיוו באַטייליקט אין צוזאַמענשטעלן די קאָאַליציע, וועלכע אשכול האָט פאַר אים פאָרמירט. אָבער איצט האָט בן־גוריון נישט נאָר מקריב געווען משה דיינען צו אַ פּאָליטישן אַמט, נאָר האָט אַפילו געוואָלט אים טוישן אין לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטעריום און באַשטימען אויף זיין אָרט יגאל אלונען. דיינען האָט ער פאַרגעלייגט צו זיין שיכון־ און אַנטוויקלונגס־מיניסטער. פאַר דיינען איז נישט געווען קיין אַמט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן זיינע פאַראינטערעסירונגען און פעאיקייטן און עס איז אַפילו אין דעם געווען אַן אָנדייטונג פון אַ דעגראַדאַציע. דאָס איבערפירן אים פון לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטעריום האָט געקענט אזוי אויסגעטייטשט ווערן, קודם כל צוליב דעם, וואָס דאָס וועט זיין אַ מין פעסטשטעלונג וועגן זיין דורכפאַל אויפן ערשטן מיניסטעריאַלן פּאָסטן. און אַזוי האָט טאַקע געטראַכט בן־גוריון, ווייל אין די אָנדערהאַלבן יאָר וואָס זענען אַדורך ביז זומער 1961, האָט זיך דיין נאָך געפונען אין פּראָצעס פון קריסטאַליזירן און פאַרווירקלעכן זיין פּאָליטיק; אין דער צייט ווען דער בילאַנס פון דער עפנטלעכער מיינונג האָט זיך גענויגט קעגן אים צוליבן דורכפאַל פון די מאַנימייקער־טאָמאַטן, ליקווידאַציע פון די שטאָטישע שטאַלן, דאָס אָרגאַ־ניזירן אויפסניי פון פּלאַנירונגס־צענטער, פעסטשטעלן נייע וואַסער־ און באָדן־קאָנטיגענטן און ענלעכע ענינים; אין דער צייט, ווען ער האָט אַליין דורכגעפירט ענדערונגען אין אַפּאַראַט פון לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטעריום. דעריבער האָט דיין געענטפערט בן־גוריונען אין נוסח — אָדער לאַנדווירט־שאַפטס־מיניסטער, אָדער גאָרנישט.

און דעמאָלט האָט בן־גוריון געטראָפן אין פּילבאַרן פּונקט. ער האָט פאָרגעלייגט דיינען אַ וויצע־מיניסטער אין זיין מיניסטעריום. נישט קיין געוויינלעכן וויצע־מיניסטער, נאָר דעם רב קלמן כהנא פון פּועלי אגודת ישראל. „צו וואָס דאַרף איך האָבן הרב כהנא אַלס וויצע־מיניסטער?" — אַזוי בערך האָט געפרעגט דיין און האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז דאָס איז נויטווענדיק, כדי צו באַקומען שטימען פאַר דער קאָאַליציע. און דיין האָט בערך אַזוי רעאַגירט: „אויב דער אַרגומענט איז די פאָרמירונג פון דער קאָאַליציע, דאַן מאַך דעם הרב כהנא פאַר דיין פאַרטרעטער".

אויך מצד אשכולן האָט דיין נישט געקענט דערוואַרטן קיין אונטער־שטיצונג. אשכול, וועלכער האָט אין דער לבונס באַזייטיקונג, וואָס האָט מפייס געווען בן־גוריונען און אים צוריקגעבראַכט צום פּרעמיער־אַמט געזען אַ געשעעניש, וואָס סימבאָליזירט דעם אָנהויב פון זיין זעלבשטענדיקער אָב־פירערשאַפט אין מפא"י — איז זייער ווייט געווען פון צו זיין דיינס אַ חסיד בכלל און אַלס לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער בפרט. פון אים האָט ער באַ־שטימט נישט געקענט דערוואַרטן קיין אונטערשטיצונג.

אַ מאָראַלישע הילף, לכל הפחות, האָט ער באַקומען דווקא פון גאָלדע מאיר. צווישןביידע האָט זיך געשאַפן אַ נאָענטקייט, וואָס אַ טייל פון אירע סיבות זענען אָפּגעבאַרע און קלאָרע. דיין האָט מער באַפאָרצוגט די שטאַרקע און אַנטשלאָסענע פערזענלעכקייט פון גאָלדע מאיר ווי פון לוי אשכול, וועלכער איז איינגעגאַנגען אויף פשרות, זיך געוואַקלט, פאַרצויגן און קאָמ־פּליצירט ענינים אָן אַ סוף, כּדי די אַנטשיידונג זאָל פאַלן אין רעזולטאַט פון די אומשטענדן און מידקייט פון די פּאַרטנערן און נישט צוליב זיין באַשלוס. די נישט פּינקטלעכקייט פון אשכולן האָט באַזונדערס אָפּגעשטויסן דיינען און זיין שטייגער אָנצוגעבן נישט גענויע ציפערן — ער פלעגט, למשל, זאָגן, אַז „דאָס וועט קאָסטן 4, 5, 6, אפשר 7, אָדער 8 מיליאָן ל״י — האָט נישט איין מאָל אַרויסגעפירט דיינען פון דער גלייכגעוויכט. און גאָלדע מאיר, אַ חוץ דעם וואָס זי האָט רעספּעקטירט און אַפילו ליב געהאַט דיינען אַלס מוטיקן מיליטערמאַן און געוואַגטן קאָמאַנדיר, האָט גוט קענען געלערנט זיין פּאָליטישן פאַרנונפט בעת דער קאָאָפּעראַציע צווישן לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטעריום און אויסערן־מיניסטעריום ביים אויסאַרבעטן הילפס־פּלענער פאַר די שוואַך־אַנטוויקלטע לענדער. זי איז זיכער באַאיינדרוקט געוואָרן פון דיינס גרייטקייט אויסצודריקן זיין מיינונג וועגן דער לבון־פּרשה, וואָס האָט אויך טיילווייז אַנטשפּראָכן איר מיינונג. מען קאָן זיך אויך משער זיין, אַז זי האָט געוואָלט צוציען דיינען צו איר מחנה אין פאַל, ווען זי וועט אַמאָל דאַרפן פירן אַ קאַמף מיט אשכולן וועגן דער אָנפירערשאַפט פון מפא״י אין דער תקופה נאָך בן־גוריונען, וואָס איז פּלוצים געוואָרן אַזוי קאָנקרעט און נאָענט.

גאָלדע מאיר האָט זיך אַלזאָ אַריינגעמישט לטובת דיינען. כּדי צו דערמעגלעכן דעם המשך פון זיין באַטייליקונג אין דער רעגירונג, האָט זי פאַרגעלייגט אויסצושאַלטן פון אויסערן־מיניסטעריום די אָפּטיילונג, וואָס איז עוסק אין אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַציע, און זי פאַרבונדן מיט גע־וויסע אָפּטיילונגען פון לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטעריום און שאַפן אַ נײַ מי־ניסטעריום, וואָס איז דורך די מפא״י־עסקנים באַצייכנט געוואָרן אַלס „מיניסטעריום פאַר זיך אַנטוויקלנדיקע לענדער״, בראש פון וועלכן עס זאָל שטיין דיין. פון איר שטאַנדפּונקט, אַלס אויסערן־מיניסטער, איז דאָס געווען אַ נישט־עגאָאיסטישער און גרויסצוגיקער זשעסט. דיין האָט אָפּ־געוואָרפן אויך דעם־אָ פאָרשלאָג, ווייל זיין הויפּט־קעגנערשאַפט איבער־צונעמען אָן אַנדערן אַמט אין דער רעגירונג איז אַרויסגעדרונגען פון זיין שטרעבונג צו פאַרענדיקן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין לאַנדווירט־שאַפט־מיניסטעריום.

צום סוף האָט ער דערגרייכט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט און האָט ממשיך געווען אַלס לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער. עס האָט אויך אויסגעזען, אַז עס זענען באַזייטיקט געוואָרן די חילוקי־דעות צווישן אים און בן־

גוריונען — אויף אַזוי פיל, אַז עס האָבן זיך ווידער דערוועקט די דער־וואַרטונגען אויף אַ טעטיקער הילף פאַר דער באַפעסטיקונג פון דער פּאָזיציע פון די „יונגע” אין מפא״י. אָבער דער קאַמף, וועלכן בן־גוריון האָט געפירט קעגן דער קאָמיסיע פון די זיבן מיניסטאָרן, האָט געריכטעט אַלע זיינע שריט זינט דעצעמבער 1960. עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן דאָס באַצייכנט אַלס אַ משוגעת. און אַזוי האָט ער אין משך פון די צוויי יאָר, וואָס זענען געבליבן ביז זיין אָוועקגיין, קיינעם פון די „יונגע” נישט צוגעגרייט פאַר אַ העכערן אַמט. אויפן אַמט פון פּרעמיער האָט ער נישט געהאַט קיין כוח און קיין ווילן וועמען צוצוגרייטן. אָבער אויפן אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער זענען די „יונגע” געווען באַרעכטיקט צו דערוואַרטן, אַז ער וועט מכשיר זיין איינעם פון זייערע קאַנדידאַטן. בן־גוריון האָט אָבער נישט געהאַט דעם ווילן אָדער די מעגלעכקייט דאָס צו טון, און אפשר גרייטנדיק זיך צום קאַמף אין דער צוקונפט פאַר אָפּשאַפן די מסקנות פון דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע, האָט ער נישט געוואָלט ריזיקירן מיט קיין ברייטער פאַרמעסטונג מיט דער אַלטער אָנפירערשאַפט, אין וועמענס שטיצע ער האָט זיך גענויטיקט.

ווען בן־גוריון האָט דעמיסיאָנירט אין דער העלפט יוני 1963, דאָס מאָל אויף שטענדיק, האָבן די „יונגע” זיך געפילט ווי ער וואָלט זיי מפקיר געווען. עס זענען צווישן זיי געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געטענהט, אַז בן־גוריון אַליין האָט געראָטן אשכולן איבערצונעמען חוץ דעם פּרעמיער־אַמט אויך דאָס זיכערהייטס־מיניסטעריום און דורך דעם האָט ער געשלאָסן דעם וועג פאַר דיינען, אָדער פאַר פּרסן צו פאַרנעמען אַ פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציע פון ערשטראַנגיקער באַדייטונג. לויט נתן ינאי אין זיין בוך „קרע בצמרת” (דער ריס אין דער אָנפירונג), האָט בן־גוריון קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט, אַז ער האָט געגעבן אשכולן אַזאַ עצה. לויט בן־גוריונען אַליין האָט ער אין 1963 „נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז אשכול זאָל אויך זיין פאַרטיידיקונגס־מיניסטער. איך האָב זיך זייער געוווּנדערט וואָס ער האָט אויף זיך דאָס גענומען”.

אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז ער האָט נישט פאַרגעלייגט אשולן און נישט דער פאַרטיי קיין אַנדערן קאַנדידאַט אַלס זיכערהייטס־מיניסטער, ווי ער האָט דאָס געטון בעת זיין אַוועקגיין אין 1954 און ווי ער האָט געשריבן אין דעם פּראָוויזאָרישן דעמיסיע־בריוו פון פעברואַר 1961. און אפשר האָט ער דערוואַרט, אַז יגאל ידין וועט אַנטקעגנקומען זיין דרינגענדיקן בריוו, וועלכן ער האָט געשיקט מיט אַ ספּעציעלן שליח צו די אַרכעאָלאָגישע אויסגראַבונגען אין מצדה און אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז ער (ידין) דאַרף אַלץ פאַרלאָזן און ווערן דער צוקונפטיקער פּרעמיער — וועט אויך זיין דער זיכערהייטס־מיניסטער? אַן אַנדערע ווערסיע זאָגט, אַז נאָכן אָפּזאָג פון יגאל ידין — וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן דורך אַז

אינטערווענץ פון אַ וויכטיקער פערזענלעכקייט פון מפא״י, וועלכע האָט געזען אַ „קאַטאַסטראָפע״ פון שטאַנדפּונקט פון אינערלעכן קאַמף, אויב ידין וועט פּאָזיטיוו ענטפערן אויף דער ווענדונג — האָט בן־גוריון געהאַלטן, אַז עס איז נישטאָ קיין נויטווענדיקייט פון אַ באַזונדערן זיכערהייטס־מיניסטער, ווייל אשכול, וועלכער וועט פאָרמעל טראָגן דעם דאָזיקן טיטל, וועט זיך פּראַקטיש קענען אַרויסהעלפן דורך זיין פאַרטרעטער אין זיכערהייטס־מיניסטעריום, שמעון פּרס.

אשכולן און פּרסן האָט בן־גוריון טאַקע גערופן „חמד צמד״ (אַן אַנגענעם פּאָרל) און אויף דער געזעגענונגס־מסיבה פאַר די באַאַמטע פון זיכערהייטס־מיניסטעריום האָט ער געזאָגט: „איך לאָז איבער די זיכערהייטס־ענינים אין געטרייע, איבערגעגעבענע און טיכטיקע הענט״. און מעגלעך אויך, אַז אין זומער 1963 האָט ער ווייניקער געוואָלט העלפן דיינען, ווי אין פעברואַר 1962.

עס איז קלאָר, אַז דיינס פּאָזיציע האָט זיך באַדייטנד פאַרערגערט. קודם כל האָבן שוין אין 1961 די ותיקים פון מפא״י געוואָלט אויפסניי זיך פאַראייניקן מיט אחדות העבודה — די יונגע פון מפא״י, וועלכע זענען אַוועק פון איר אין 1942 — אַנשטאָט מיט די „יונגע פון מפא״י, וועלכע גייען מיט בן־גוריונען. און ווען די פיר שותּפים פון מפא״י אין דער קאָאַליציע גרינדן דעם „קלוב פון די פיר״, כדי צו שאַפן אַן איינהייטלעכן פראָנט, וועמענס ציל עס איז נישט צו דערלאָזן צו אַ רעגירונג מיט בן־גוריונען בראש, מאַכן אשכולן, גאָלדע מאיר און ארן אַן אויסטערלישן און אָריגינעלן שריט: זיי באַטייליקן זיך אין דער זיצונג פונעם ראַט פון אחדות העבודה, כדי איבערצוצייגן אירע פירער זיי זאָלן זיך אָפּרייסן פון מפ״ם און פון „קלוב פון די פיר״ און זיך אָנשליסן אין בן־גוריונס רעגירונג, וועלכע אשכול האָט געשאַפן.

אין פלוג איז דאָס אַ פּאַראַדאָקס, אָבער פאַקטיש, אויפן הינטערגרונט פון דער אָפּשוואַכונג פון בן־גוריונס כוח, איז דאָס געווען אַ שריט אין דער ריכטונג פון קריסטאַליזירן אַ נייעם פּאָליטישן כוח אַלס קעגנגעוויכט צו בן־גוריונען און צו זיינע „יונגע״. און אחדות העבודה איז טאַקע אַנטקעגנגעקומען דער ווענדונג פון די מפא״י־פירער, פאַרלעצט די טריישאַפט־שבועה, וואָס זי האָט געגעבן מפ״ם און דעם „קלוב פון די פיר״ און זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעגירונג, וועלכע אשכול האָט געשאַפן פאַר בן־גוריונען. דאָ הייבט זיך אָן דער מערך (בלאָק) צווישן מפא״י און אחדות העבודה, וואָס האָט דערפירט צו דער שאַפונג פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי אין 1968. פון שטאַנדפּונקט פון משה דיין איז דאָס געווען אַ פאַרמירונג פון אַ כוח, וואָס איז געווען קעגן אים, סיי פערזענלעך און סיי פּאָליטיש. אין דער רעגירונג, וועלכע אשכול האָט פאַרמירט קומט צוריק יגאל אלון, צום ערשטן מאָל נאָך צוועלף יאָר, אַלס אַרבעטס־מיניסטער און אַלס קאַנדידאַט, וועלכער

שטרעבט צום אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער און פּרעמיער. פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט — אין פראַגן פון געזעלשאַפט און ווירטשאַפט — האָט נישט דיין קיין שאַרפערע קעגנער, ווי די מענטשן פון אחדות העבודה.

אין דער ערשטער רעגירונג פון לוי אשכול, איז די פּאָזיציע פון דייעגן געווען אַן אָפּגעשוואַכטע פון אייניקע שטאַנדפּונקטן. אשכול, וועלכער איז געווען פינאַנס־מיניסטער, איז איצט, דעם 24־טן יוני 1963, געוואָרן פּרעמיער און זיכערהייטס־מיניסטער, בעת די אַלגעמיינע מיינונג איז, אַז זיינע פּע־איקייטן אויפן צווייטן אַמט דאַרפן ערשט באַוויזן ווערן. דאַקעגן דיין איז פאַר פיל געווען דער נאַטירלעכער קאַנדידאַט אויף דעם אַמט. אַן אַנקעטע, וואָס מפא״י האָט דורכגעפירט אין זומער 1961 און איז פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן דעם 14־טן יולי 1961 האָט באַוויזן, אַז דיין איז דער צווייט־פּאָפּולערס־טער מענטש אין מפא״י נאָך בן־גוריונען, און דער דריטער אין ישראל, נאָך בן־גוריון און מנחם בעגין. איצט האָט אשכול אָנגעהויבן צו דעריאָגן.

און פון השפעה־שטאַנדפּונקט האָבן אַנדערע אָנגעהויבן אים איבעריאָגן. אבא אבן, וועלכער איז ביז איצט געווען בילדונגס־מיניסטער, איז געוואָרן וויצע־פּרעמיער, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָפּגעקערט פון בן־גוריונען און זיך איינגאַנצן אָנגעשלאָסן צו די וותיקים. און אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי גאָלדע מאיר, זלמן ארן — וועלכער איז ווידער געוואָרן בילדונגס־מיניסטער — און פּנחס ספּיר, האָבן אין אַ גרויסער מאָס פאַרשטאַרקט זייער השפעה אין מפא״י און אין דער רעגירונג פון לוי אשכול. דיין אַליין האָט זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון איזאָלאַציע, ווייט אָדער דערווייטערט פון די השפעה־קרייזן.

צוערשט פירט דיין אַ קאַמף פאַר זיין השפעה. די ערשטע זאַך וואָס ער טוט, איז דאָס מעלדן אשכולן וועגן זיין דעמיסיע. די צייטונגען קאָמענטירן דאָס אַלס רעאַקציע קעגן דעם, וואָס אשכול האָט אַליין איבערגענומען דעם אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער. אָבער דאָס איז דאָך שוין געווען אַ געשעע־נער פאַקט. דיין איז אַלזאָ אויסן געווען אויסצודריקן זיין פּראָטעסט און אונטערצושטרייכן זיין נישט צוגעהעריקייט צו דער אָנפירערשאַפט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שאַפונג פון דער נייער רעגירונג און פאַר איר פּאָליטיק.

דיין איז נישט מודיע, נישט דער פּאַרטיי און נישט דעם ציבור, פאַרוואָס ער האָט דערלאַנגט זיין דעמיסיע. ווען זשורנאַליסטן דריקן אויף אשכולן, באַשטעטיקט ער נישט, אַז דיין האָט דעמיסיאָנירט, נאָר זאָגט, ווי דאָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „הארץ״ דעם 20־טן יוני, „משה דיין האָט מיר אינדערפרי געזאָגט, אַז ער וועט נישט מאַכן קיין שום שוועריקייטן. ער וועט זיך באַטייליקן אין דער רעגירונג, אָבער עס קאָן זיין, אַז ער וועט זי פאַרלאָזן אין אַ פּאָר חדשים אַרום. דאָס איז רעכט פון יעדן מיטגליד אין דער

רעגירונג״. פון זיין זייט מעלדעט דיין, אַז ער גייט אַרויס אויף אורלויב, און אַזוי טוט ער טאַקע.

דער קאַמף איז פאָרגעקומען אין אַ סעריע באַגעגענישן צווישן אשכולן און דיינען און זייערע פּאַרמיטלער. אשכול אַנטפּלעקט זיך אַלס ערשטקלאַסיקער פּאָליטישער טאַקטיקער און צום סוף האַלט ער אָפּ אַ צעשמעטערנדיקן נצחון איבער דיינען. ווען דיין איז אים מודיע וועגן זיין דעמיסיע, בעט אים אשכול זי אָפּצולייגן אויף אַ „צוויי־דריי חדשים״, כדי „אויסצומיידן דערשיטערונגען אין דער רעגירונג״. דיין איז נאָכגעקומען אשכולס ביטע און דורך אים דערמעגלעכט צו באַפעסטיקן זיינע פּאָזיציעס. ער באַווייזט אויפסניי, אַז זיין כוח „מסדר״ צו זיין מענטשן איז גרעסער פאַר זיין פעאיקייט מסדר צו זיין ענינים.

דעם 24־טן יוני האָט אשכול פאָרגעשטעלט די 11־טע רעגירונג פון ישראל פאַר דער כנסת, און צוויי טעג שפּעטער האָט ער באַקומען דעם צוטרוי־וואָטום. פון דעם מאָמענט אָן איז געוואַקסן זיין כוח בכלל, און אין זיין קאַמף מיט דיינען בפרט.

אַפילו היינט צו טאָג איז שווער צו וויסן גענוי וואָס עס זענען געווען דיינס פאָדערונגען. עס זעט אויס, אַז דיין האָט געפאָדערט פון אשכולן צו שאַפן אין מפא״י אַ באַגרענעצטן קאַבינעט פאַר זיכערהייטס־ענינים מיט דער טענה, אַז עס איז פאַראַן אַ וועזנטלעכער אונטערשיד צווישן זיין צוגעהעריקייט צו דער בן־גוריון רעגירונג און דער רעגירונג פון אשכול פון שטאַנדפּונקט פון זיין שותפות צו דער אחריות פאַר די זיכערהייטס־ענינים. אויף אַזאַ אופן האָט ער געוואָלט פאַרזיכערן פאַר זיך אַ בכורה־פּאָזיציע אין זיכערהייטס־ענינים און אַ השפעה איבער אשכולן. ער האָט אַפילו געפאָדערט, לויט ווי עס האָבן דאַן געשריבן די צייטונגען, אַז מען זאָל אים דערמעגלעכן אַ פרייען און דירעקטן צוגאַנג צו די מקורות פון זיכערהייטס־אינפאָרמאַציעס, וואָס וואָלט אים דערמעגלעכט צו האָבן אַ פּערמאַנענטע און ענגע קאָנטראָל איבער אשכולס דעציזיעס און אַפילו אים אינסטרואירן.

נאָך דעם ווי עס זענען פאַרביי די דריי אַפּוואַרטונגס־מאָנאַטן, האָט דיין געמאָלדן, אַז ער איז אַנטקעגנגעקומען דער ווענדונג פון אשכולן און באַשלאָסן צו בלייבן אין דער רעגירונג, נאָך דעם ווי ער האָט געהערט אויפקלערונגען וועגן אייניקע פּראָבלעמען, וועלכע ער האָט באַרירט, בעיקר זיכערהייטס־ענינים (לויטן „הארץ״ פון 11־טן סעפּטעמבער). דיין האָט זיך אויך באַקלאָגט דערויף, אַז דאָס ווייניקע, וואָס ער האָט באַקומען אַלס לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער האָבן אשכול און ספּיר אָנגעהויבן פון אים אָוועקצונעמען מיט פלינקייט.

אָבער פון סוף 1963 געפינט זיך דיין אויפן נידעריקסטן פּונקט פון זיין רעגירונגס־קאַריערע. נאָך דעם ווי זיינע קעגנער האָבן אים פאָרגעשטעלט אַלס פּוסטע כלי, ווענדעט דיין אָן אַ זעלבשטענדיקע ליניע און דריקט אויס

זיינע מיינונגען וועגן פֿאַרשידענע ענינים פֿולשטענדיק פֿריי, וואָס אשכול באַטראַכט אַלס אַטאַק קעגן אים. סוף נאָוועמבער איז די אָנפֿירערשאַפֿט פֿון מפא"י געצווונגען אויפֿסניי צו באַהאַנדלען די פּאָזיציע פֿון משה דיין. די באַציאונגען צווישן אשכולן און דיינען פֿאַרערגערן זיך כסדר, און דעם 4־טן נאָוועמבער דעמיסיאָנירט דיין פֿון דער רעגירונג. ער באַראַט זיך נישט מיט קיינעם און זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער ווערן וועגן דעם געוווּיר נאָך דעם ווי דאָס איז שוין אַ געשעענער פֿאַקט. זיין דעמיסיע דערלאַנגט ער אשכולן 5 מינוט פֿאַר 10 אזייגער אינדערפֿרי, ווען עס הויבט זיך אָן די רעגירונגס־זיצונג. אשכול דריקט אויס זיין פֿאַרוווּנדערונג און זאָגט, אַז ער ווייסט נישט וואָס האָט גורם געווען דיינס דעמיסיע. דיין פֿון זיין זייט שווייגט במשך פֿון אייניקע חדשים.

דעם 2־טן יולי 1965, אין אַן אינטערוויו, וועלכן ער האָט דערטיילט דער צייטונג „מעריב", האָט דיין אויפֿגעקלערט, אַז ער האָט נישט דעמיסיאָנירט צוליב דעם וואָס אשכול האָט אים נישט געלאָזט אַרבעטן, נאָר ווייל „איך האָב פּשוט נישט געהאַלטן, אַז איך בין אַ שותף צו דער אַלגעמיינער רעגירונגס־פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט — אין דער ווירטשאַפֿט, זיכערהייט, צעשפּרייטקייט פֿון דער באַפֿעלקערונג א.א.וו. אין דער מאָס וואָס איך קאָן ממשיך זיין צו טראָגן די אחריות פֿון אַ רעגירונגס־מיטגליד". אויף דער פֿראַגע, צי ער האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז אשכול ווייל פֿון אים פּטור ווערן, האָט ער געענטפֿערט: „ניין!, ווען איך וואָלט איין מאָל דאָס געפֿילט, אפֿילו אין דער קלענסטער מאָס, וואָלט איך פֿאַרשטענדלעך גלייך דעמיסיאָנירט. אַ מיניסטער דאַרף נישט זיצן אין דער רעגירונג, אויב דאָס איז נישט דער ווילן פֿון פּרעמיער".

דעם דאָזיקן אינטערוויו האָט ער געגעבן נאָך דעם ווי עס איז פֿאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין מפא"י און בן־גוריון איז פֿון איר אַרויסגעטרעטן און געשאַפֿן די רפ"י־פּאַרטיי. אין דער פּאַזע האָט זיך דיין נאָך נישט אָנגעשלאָסן אין רפ"י און ער איז נישט פּאַראינטערעסירט צו פֿאַרשאַרפֿן די באַציאונגען מיט זיינע קעגנער אין מפא"י. אָבער זיינע נאָענטע זאָגט ער, אַז די סיבה פֿון דער דעמיסיע איז געווען „דער מאַנגל פֿון צוטרוי" צווישן אים און אשכולן. שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען פֿאַרטיידיקונגס־מיניסטער, האָט ער אַפֿילו אַנטפּלעקט דעם אמתן הינטערגרונט פֿון זיין אוועקגיין אין נאָוועמבער 1964. „עס זענען געווען שלעכטע באַציאונגען. אשכול האָט זיך איבער מיר איזדעקעוועט און איז מיר דערגאַנגען די יאָרן". זיין לאַגע אין דער רעגירונג האָט ער געשילדערט אויף אַ בילדערישן אופֿן, וואָס שפּיגלט אויך אָפּ זיין באַציאונג צו זיך אליין: „עס איז פֿאַראַן אַ געשיכטע וועגן אַ סאָוויעטישן צוואַנגס־לאַגער. כדי נישט צו זינקען אין שניי גייען די אַרעסטאַנטן צו דער אַרבעט און צוריק אויף אַ באַן־אָנשיט, וואָס איז העכער און גליטשיק אויף ביידע זייטן. די שומרים האָבן אַ באַפֿעל צו שיסן יעדן איינעם, וועל־

כער פראָבירט צו אַנטלויפן. די אַרעסטאַנטן גייען אין פינפטלעך און צווישן זיי געפירט זיך אַ ייד, וועלכער ווייסט, אַז די גויאישע אַרעסטאַנטן איז־דעקעווען זיך איבער אים צוליב זייער כוליגאַניזם. זיי שטופּן אים פון איינעם צום צווייטן, כדי ער זאָל זיך דערנעענטערן צו דער גליטשיקער זייט, זיך אויסגליטשן און פאַלן. דעמאָלט וועט מען אים חושד זיין, אַז ער וויל אַנטלויפן און מען וועט אים דערשיסן. עס קומט אַ טאָג און דאָס גע־ליינגט זיי. איינער גיט אים אַ שטופּ, דער ייד קוילעט זיך אַראָפּ, די שומרים שיסן און דערהרגענען אים. איך האָב זיך געפילט אין דער רעגירונג ווי דער דאָזיקער אַרעסטאַנט און אַז דאָס וועט זיין מיין סוף. אַלץ וואָס איך האָב געטון, אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט, איז נישט געפעלן געוואָרן. מען האָט מיר אַרויסגענומען די נשמה. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי ווילן מיך אַראָפּוואַרפן אין תהום. צו וואָס האָב איך באַדאַרפט וואַרטן ביז מען וועט מיר אַרויסנעמען די נשמה? איך האָב געזאָגט אַ גוטן טאָג — און אַ סוף. איך האָב געזאָגט צו אשכולן, „עס דאַרפן זיין צוטרוי־באַציאונגען צווישן פרעמיער און זיין מיניסטער. איך בין דיר נישט צום האַרצן אַלס מיניס־טער, אָדער אַלס מענטש און דו ביסט מיר נישט צום האַרצן אַלס פרעמיער".

בן־גוריון האָט געשיקט אַ בריוו צו דיינען, אין וועלכן ער האָט אויסגע־דריקט זיין קעגנערשאַפט צו זיין דעמיסיע. דיין האָט אים געענטפערט, אַז „כדי צו בלייבן אין דער רעגירונג איז נויטווענדיק אַ מינימאַלע אידענטיפי־צירונג צווישן מיר און דעם פרעמיער".

די גאַנצע צייט איז בן־גוריון געווען באַשעפטיקט מיט צוגרייטן זיין מלחמה קעגן די מסקנות פון דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע. ער האָט געגלויבט, אַז מיט דעם וואָס ער איז נישט אין דער רעגירונג האָט ער פאַרבעסערט זייַנע שאַנסן. דעם 22־טן אָקטאָבער 1964 איז ער אַוועק קיין ירושלים און איבערגעגעבן פערזענלעך דעם יוסטיץ־מיניסטער אין זיין היים דעם מאַטע־ריאַל, וועלכן ער האָט אויפגעזאַמלט און רעדאַגירט מיט דער הילף פון יוריסטן. דער יוסטיץ־מיניסטער האָט איבערגעגעבן דעם מאַטעריאַל דעם יורידישן באַראַטער פון דער רעגירונג.

די שטעלונג פון יורידישן ראַטגעבער, משה בן־זאב, איז אינגאַנצן געווען אויף דער זייט פון בן־גוריונען. לויט דער שטעלונג „וואָלטן די פאַקטן־פעסטשטעלונגען פון דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע נישט אויסגעהאַלטן דעם פּרווו, ווען זיי וואָלטן געשטעלט געוואָרן פאַר אַ קריטיק פון ישראל־געריכט". אזוי ווי בן־גוריון האָט אויך בן־זאב געהאַלטן, אַז דער יורידישער ווערט פון די מסקנות פון דער קאָמיסיע, שטייגט נישט איבער דעם ווערט, וועלכן מען קאָן געבן דער פערזענלעכער מיינונג פון די מיניסטאָרן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָמיסיע און ער האָט געטענהט פונקט ווי בן־גוריון, אַז נאָך דעם ווי די כנסת האָט באַשטעטיקט די מסקנות פון דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע, זענען זיי „די פּרוכט פון דער רעגירונג און נישט פון

דער כנסת", און דעריבער איז די רעגירונג באַפולמעכטיקט, אויב זי וועט וועלן, זיי צו ענדערן. דער יורידישער באַראַטער איז, אַלזאָ, געווען נאָענט צו דער רעקאָמענדאַציע, אַז עס איז בעסער, אַז די רעגירונג זאָל באַשליסן וועגן אָנהויבן אַן אויספאָרשונג וועגן דער פּיינלעכער פּרשה און דאָס מאָל אַן אויספאָרשונג ווי עס באַדאַרף צו זיין און אין פולן פאַרנעם.

דער סעקרעטאַריאַט און דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי האָבן ווידער באַ־האַנדלט די פראַגע צי מען דאַרף שאַפן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פאַרן „עסק ביש" פון 1954. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט אשכול שוין געגעבן זיין הסכמה פאַר דעם אַלס עקוויוואַלענט פאַר נישט באַהאַנדלען אויפסניי די מסקנות פון דער קאָמיסיע פון 7. אָבער דריי שעה נאָך דעם האָט ער געענ־דערט זיין שטעלונג צוליבן דרוק פון גאָלדע מאיר, פּנחס ספיר און זלמן ארן. לויט ידיעות, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין ציבור, האָבן די דריי מנהיגים געדראָט אשכולן מיט דעמיסיע, אויב ער וועט געבן זיין הסכמה צו שאַפן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. אַ צייט שפּעטער האָט ארן אָפּגעלייקנט די דאָזיקע ידיעות. לויט זיינע רייד „איז נישט געווען קיין דראַנג פון גאָלדע מאיר און פון מיר צו דעמיסיאָנירן. אפשר איז געווען אַ באַ־געגעניש צווישן אונדז און אפשר איז געווען אַ סינכראָניזאַציע פון אונד־זער שריט".

אין מפא"י האָבן זיך די מיינונגען גלייך פאַרטיילט, פאַר בן־גוריונען פון איין זייט און פאַר אשכולן און די וותיקים פון דער צווייטער זייט. אשכול האָט אָנגעווענדעט די אָנגענומענע טאַקטיק, כדי צו דערגרייכן אַ מערהייט אין דער פּאַרטיי. ער האָט צונויפגערופן אַ דרינגענדיקע זיצונג פון דער רעגירונג דעם 14־טן דעצעמבער און געמאָלדן וועגן זיין דעמיסיע. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון מפא"י האָט געדאַרפט באַשליסן צי מען דאַרף אָננעמען בן־גוריונס טענה, געשטיצט דורכן יורידישן באַראַטער פון דער רעגירונג, און דאַן איבערגעבן אַן אַנדער פּאַרטיי צו פאָרמירן די רעגירונג, אָדער אָפּוואַרפן די טענה און געבן אשכולן די מעגלעכקייט צו פאָרמירן אַ נייע רעגירונג און דורך דעם פאַרזעצן זיין מאַכט אין דער פּאַרטיי. דער סעקרעטאַריאַט פון מפא"י, און דערנאָך דער צענטראַל־קאָמיטעט, האָבן אויסגעוויילט די צווייטע מעגלעכקייט. טראָץ דער דראָאונג פון בן־גוריונען צו פאַרלאָזן מפא"י און צו גיין צו די וואַלן מיט אַ באַזונדערער ליסטע, איז דורכן צענטראַל־קאָמיטעט אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אַרויפצולייגן אויף אשכולן די מיסיע צו פאָרמירן אַ נייע רעגירונג און זיך שטעלן בראש פון איר. דאָס מאָל מיט אַ מערהייט פון 241 קעגן 61. דער פּראַקטישער פירוש צו דעם באַשלוס איז געווען, אַז העכער 60 פּראָצענט פון די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט זענען גענייגט צו גיין מיט אשכולן און די וותיקים און ווייניקער פון 40 פּראָצענט שטיצן בן־גוריונען מיט די „יונגע". די האָבן

זוכה געווען צו אַ נייער באַצייכענונג און מען האָט זיי גערופן „די מינדערהייט״.

בן־גוריון זעצט פאָר דעם קאַמף קעגן דער מערהייט, וואָס האָט זיך געשאַפן קעגן אים אויפן צ. ק. פון דער פאַרטיי און וואָס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט מיט אַ גרעסערן כוח אויף דער מפא״י־קאָנפערענץ אין פעברואַר 1965. ער פסלט אשכולן פערזענלעך און דערקלערט, אַז „ער איז נישט ראוי צו זיין פרעמיער״ און „איז נישט ראוי צו שטיין ביים רודער״. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט וועט ער זיך באַנוצן מיט ווערטער, וואָס קאָנען נישט אַנדערש אויסגעטייטשט ווערן, ווי אַז אשכול און זיינע אונטערשטיצער זענען אָפּנאַרער. אשכול ווידער, אויס שוואַכקייט, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין כוח, האָט אין בן־גוריונס פערזענלעכע אָנגריפן געזען אַ זעלטענע געלעגנהייט צו באַפעסטיקן זיינע פאָזיציעס דורך דורכפירן אַ רייניקונג אין דער רעגירונג. ער פאָדערט פון יוסף אלמוגי, דעם שיכון־ און אנטוויקלונגס־מיניסטער און פון דעם וויצע זיכערהייט־מיניסטער, שמעון פרס זיך אָפּצוגרענעצן פון בן־גוריונס ווערטער, אָדער צו דעמיסיאָנירן. ביידע וויילן אויס די דעמיסיע פון דער רעגירונג און מעלדן וועגן איר דעם 21־טן מאי 1965.

טראָץ זיין שאַרפער קריטיק קעגן אשכולן, איז דיין נישט געווען גענויגט זיך אָנצושליסן צו די „יונגע״, וועלכע האָבן נאָך דער קאָנפערענץ אין אָקטאָבער 1963 פאָרגעלייגט צו שאַפן אַן אָרגאַניזירטע און אַקטיווע פראַקציע אין דער פאַרטיי און צו גרינדן אַ זעלבשטענדיקע וואָכנצייטונג. שמעון פרס, וועלכער איז געווען קעגן שאַפן אַ באַזונדערע פראַקציע און אַרויסגעבן אַ זעלבשטענדיקן וואָכן־זשורנאַל, האָט געשטרעבט צו אַ בונד צווישן די „יונגע״ און אשכולן. לויט זיין מיינונג האָט מען געקענט אשכולן געווינען אַלס פאַרבינדעטן און אים באַוועגן קעגן דער אַלטער אָנפירערשאַפט. פרס האָט דעמאָלט געהאַלטן, אַז די האַרטנעקיקע קעגנער פון די „יונגע״ זענען גאָלדע מאיר, פנחס ספיר און זלמן ארן. דאָס זענען פירער, וועלכע האָבן זיך באַצויגן מיט שנאה צו דיינען. דאַקעגן דיין האָט אין אשכולן, וועלכער איז נאָך דאַן געשטיצט געוואָרן דורך בן־גוריונען, געזען אַ האַרטן קעגנער און אַ נישט דערפאָלגרייכן פרעמיער, און דווקא מיט גאָלדע מאיר — און נישט מיט פנחס ספיר — האָט ער געפונען אַ גרעסערע פאַרשטענדעניש און אַ געמיינזאַמע שפראַך.

אין מאי 1964 האָט דיין געענדערט זיין שטעלונג און אויסגעדריקט די גרייטקייט צו גרינדן אַ פאָליטישע צייטשריפט. דעמאָלט איז ער אויך מער ווי שטענדיק געווען גענויגט צו שטעלן זיך בראש פון אַ פראַקציע, הגם ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג צו שאַפן אַ שאָטן־רעגירונג און זיך שטעלן בראש פון איר. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ווען ער וואָלט געשאַפן די פראַקציע און אַרויסגעגעבן אַ וואָכנצייטונג, וואָלט אויספראַ־

בירט געוואָרן זיין מעגלעכקייט צו שאַפן די קערפּערשאַפט בראש פון וועלכער ער וואָלט זיך געשטעלט און מיט איר אָנגעפירט.

אָבער די שריט, וועלכע בן־גוריון האָט געמאַכט אַרום דעם „עסק־ביש" און דער „קאָמיסיע פון די 7", האָבן צו דעם אַ סוף געמאַכט. ווייל בן־גוריונס מעשים האָבן אָנגעוואָרפן די „יונגע" און דער מינדערהייט זייערע שריט. דיין האָט, זעט אויס, פאַרשטאַנען, אַז אויב עס וועט אַנטשטיין אַ פראַקציע, וועט בראש פון איר שטיין בן־גוריון און נישט ער. און איצט האָט מען אים אין אַלץ אידענטיפיצירט מיט בן־גוריונען. עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס כל זמן בן־גוריון האָט געגלויבט, אַז ער וועט זיך קענען אַרויסהעלפן מיט אשכולן אין זיין קאַמף קעגן דער „קאָמיסיע פון 7", האָט ער אים געשטיצט און געהאָלפן באַפעסטיקן זיין מנהיגות. אָבער מיטן מאָמענט, ווען אשכול האָט אים אָפגעזאָגט אין איין ענין אין דער „קאָמיסיע פון די 7", וואָס רירט אים אָן פערזענלעך, האָט בן־גוריון געענדערט די שטעלונג און געוואָרן זיין געשוואוירענער פיינט.

בן־גוריון האָט געטענהט, אַז אשכול „איז נישט ראוי צו זיין פרעמיער", דאַקעגן האָט דיין אונטערגעשטראָכן, ווי ער האָט דאָס געזאָגט אויף דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון מפא"י דעם 3־טן יוני 1965, אַז פון פערזענלעכן שטאַנדפּונקט איז אשכול נישט פסול אין זיינע אויגן צו זיין פרעמיער, און אַז דאָס איז נישט קיין פערזענלעכע פראַגע, נאָר אַ פראַגע פון אַ וועג. דער וועג פון מפא"י איז אים נישט געפעלן געוואָרן און ער וואָלט פאַרגעזעצט אים צו קריטיקירן אפילו ווען מען וואָלט אויפן אָרט פון אשכולן באַשטימט פנחס ספּירן. דאַקעגן וואָלט בן־גוריון זיך באַפרידיקט מיט באַשטימען אַן אַנדערן אויפן אָרט פון אשכולן. בן־גוריון האָט געקרויינט זיין קאַמפּאַניע ווי אַ מלחמה פאַרן אמת און גערעכטיקייט — „דער אמת איז פאַר אַלעמען" — דאַקעגן האָט דיין קיין איין מיבוט נישט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ גענוגנדיקע באַזע פאַר שאַפן אַ פראַקציע און זיכער נישט פאַר אַ פאַרטיי, וואָס זאָל פון איר אויסוואַקסן. פאַר זיינע חברים האָט ער געזאָגט, אַז ער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, אַז ער זאָל געהערן צו אַזאַ פראַקציע, אַז יעדער זשורנאַליסט זאָל אים קענען אויפוועקן אינמיטן דער נאַכט מיט אַ טעלעפאָן־רוף און אים פרעגן, „דיין, ווו שטייסטו איצט אין דער פראַגע פון אמת און גערעכטיקייט?"

דאָס יאָר 1965 איז געווען אַ יאָר פון וואַלן — דעם 19־טן סעפטעמבער צו דער הסתדרות און זעקס וואָכן שפּעטער צו דער 6־טער כנסת און צו די מוניציפּאַליטעטן. צוליב די זיך דערנענטערנדיקע וואַלן האָט די „מינדערהייט" געדאַרפט גיך באַשליסן צי זי וויל זיך שפּאַלטן און גיין באַזונדער צו די וואַלן. שבת דעם 26־טן מאַי איז אין אביחיל פאָרגעקומען אַן איינדרוקספולער צוזאַמענפאָר מיט דער באַטייליקונג פון 3000 אַקטיוויסטן פון דער „מינדערהייט". דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר האָט געדאַרפט קלאָר מאַכן

פאַר די פירער פון דער „מינדערהייט" וווהין עס בלאָזן די ווינטן אין זייער מחנה — צי אין דער ריכטונג פון אַ שפּאַלטונג, אָדער צו אַ המשך פון קאַמף אינערהאַלב דער פּאַרטיי. די הויפּט־רעדנער, בראש מיטן שרייבער יזהר סמילאַנסקי האָבן זייער שאַרף קריטיקירט די מערהייט פון מפא"י.

פאַרן צוזאַמענפאָר אין אביחיל איז דיין געווען קעגן אַ שפּאַלטונג. אָבער אין אביחיל איז ער, זעט אויס, באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער שטי־מונג צווישן די אַקטיוויסטן, וועלכע זענען אויפגעשטורעמט געוואָרן פון סמילאַנסקיס רעדע. פון דיינס געמאָסטענע און פאָרזיכטיקע, פון פאַרויס צוגעגרייטע רייד האָט מען געקענט פאַרשטיין, אַז ער איז גענויגט צו אַ שפּאַלטונג.

אָבער דיין האָט גורם געווען אַן איבעראַשונג, אַפילו אַ דערשטוינונג און זיכער אויך אַן אַנטוישונג, ווען אַ חודש נאָכן צוזאַמענפאָר האָט ער מודיע געווען, אַז ער בלייבט אין מפא"י און שטייט נישט צו צו זיינע חברים אין דער „מינדערהייט", וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן און געשאַפן די רפ"י־פּאַרטיי — רשימת פועלי ישראל.

דיינס באַשלוס האָט אין די אויגן פון ציבור אויסגעזען ווי אַן עקסטרעמע ענדערונג אין זיין שטעלונג און אין פולשטענדיקן קאָנטראַסט צו דעם, וואָס מען האָט פון אים דערוואַרט. צי איז דאָס דער מוטיקער מנהיג, וועלכער שטרעבט אַנטשלאָסן צום ציל און ווייסט נישט פון קיין פחד? צי איז דיין, דער געוואַגטער חייל, אויך דיין דער מוטיקער פּאָליטיקער? אַזוי האָבן באַזונדערס געפרעגט די, וועלכע האָבן אים געוואָלט פאַר אַ מנהיג פון דער נייער פּאַרטיי. די אַנטוישונג איז געווען אַזוי גרויס, דער ווייטיק אין אַנבליק פון דעם גיבור, וועלכער האָט אַזוי טיף אַנטוישט, אַז אַ טייל פון זיינע אַנהענגער האָבן רעאַגירט אויף אַן עקסטרעמען אופן, מחוץ יעדער מאָס. ער ווערט פשוט באַשולדיקט אין פאַראַט. די צייטונג „ידיעות אחרונות" פאַרעפנטלעכט דעם 27־טן יוני אויף דער גאַנצער ברייט פון דער ערשטער זייט רעאַקציעס אויף דיינס דעציזיע, צווישן זיי פון איינעם פון די פירער פון דער „מינדערהייט", וועלכער זאָגט, אַז „דיין האָט אונדז פאַראַטן". אַנדערע רעדן וועגן דעם, אַז ער האָט זיי אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין רוקן.

אויף דער לייטונגס־זיצונג פון דער „מינדערהייט", וואָס איז פאָרגעקומען דעם 27־טן יוני, האָט שמעון פרס קריטיקירט די, וועלכע האָבן איבער־געגעבן דער פרעסע די רעאַקציעס אויף דיינס „פאַראַט" און זיי געטאַדלט אין נאָמען פון דער גאַנצער לייטונג. פרס האָט געזאָגט, אַז דיין איז שטענ־דיק געווען קעגן אַ שפּאַלטונג און דעריבער איז זיין נישט אָנשליסן זיך אין דער נייער פּאַרטיי נישט קיין פאַראַט. אָבער די שטעלונג פון די רפ"י־פירער, וועלכע האָבן אין האַרצן געהאָפט, אַז דיין וועט ענדערן זיין שטעלונג און וועט זיך אָנשליסן צו זיי, האָט נישט באַרואיקט די געמיטער. הויפּטזעכלעך נישט די, וועלכע האָבן מיט ענטוזיאַזם געזען אין אים אַ נייעם

מנהיג. אפילו צבי ברענער, זיין פריינט פון דער עכו־תפיסה, האָט אים באַשולדיקט אין מפקיר זיין בן־גוריונען, וואָס נאָך אַביסל וועט מען דאַרפן אויפשטעלן פולקן, כדי אים צו היטן״, און אין אַ פּערזענלעכן בריוו האָט ער אָנגעדייט, אַז דיין האָט געהאַנדלט לויט דעם וואָס עס איז גוט פאַר זיין פערזענלעכער קאַריערע.

דריי חדשים שפּעטער האָט דיין געמאָלדן וועגן זיין אַריינטריט אין רפ״י.

די דעצידירנדיקע באַגעגעניש וועגן די באַדינגונגען פון דיינס אַרייננטריט אין רפ״י איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון רפ״י דעם 3־טן סעפּטעמבער, און דער פאָרמעלער, אפילו פייערלעכער הסכם איז צושטאַנדגעקומען אַ שעה שפּעטער אין בן־גוריונס ווינונג און אין זיין אָנוועזנהייט. נאָך דעם ווי אַלע באַטייליקטע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף זייערע פּלעצער אין סאַלאָן פון בן־גוריונס הויז אין תל־אביב, וואַרטנדיק אויף זיין דערקלערונג, האָט דער אַלטער פלוצים געווענדעט זיין בליק צו דיינען און אים געפרעגט די אַלטע שאלה: „וואָס טוסטו דאָ?״

דיין: „האָסט מיך איינגעלאַדן, בין איך געקומען. איך קאָן אויך אַוועקגיין״.

בן־גוריון: „ניין, ניין״.

אויך דאָס מאָל האָט זיין שאלה געהאַט אַ בייסיקן אַקצענט. הגם פּרס איז איבערצייגט, אַז ביי בן־גוריונען האָבן זיך איבערגעדרייט די יוצרות און וועלנדיק פרעגן מיט וואַרעמקייט „מה שלומך?״ פלעגט ער פרעגן „מה אתה עושה כאן?״ (וואָס טוסטו דאָ?).

נתן ינאי, וועלכער ברענגט אין זיין בוך „קרע בצמרת״ אַלע פּרטים פון דער דאָזיקער באַגעגעניש, שילדערט דיינען אַלס רעדנער, וועלכער האָט געעפנט די דעבאַטע אין אַן אַנטשלאָסענעם טאָן און איז גלייך צוגעטראָטן צום ענין: „רפ״י דאַרף, לויט מיין מיינונג, ווירקן אין דער ריכטונג פון טוישן די רעגירונג און איר פּראָגראַם, און נישט דווקא צוריקברענגען בן־גוריונען צו דער מאַכט״. ער קלערט אויף, אַז דער ציל דאַרף זיין די ענדערונג פון דער שיטה, און נישט נאָר טוישן אשכולן אויף אַ צווייטן. בן־גוריון האָט צו דעם געגעבן זיין הסכמה: „איך האָב נישט געקלערט צוריקצוגיין צום פּרעמיער־אַמט״. דאַן האָט זיך דיין דערנענטערט צו דער טעמע, לגבי וועלכער בן־גוריון איז ספּעציעל פּילבאַר — „צי איז די פאָדערונג וועגן באַשטימען אַ יורידישע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע דער גאַנצער פּראָגראַם פון רפ״י, אָדער האָט זי צו זאָגן דעם ציבור אויך אַנדערע זאַכן?״

בן־גוריון: „זי האָט אויך אַנדערע זאַכן. אָבער דאָס איז אַ פּרינציפּיעלער ענין״.

דיין: „איך בין נישט מסכים״.

במשך פון 10 מינוט איז פאָרגעקומען אַ מיינונגס־אויסטויש צווישןביידע, ביז בן־גוריון האָט אַביסל מוותר געווען. דאָס בוך וואָס ער גרייט צו, שפּעטער

באַקאַנט אונטערן נאָמען „דברים כהווייתם" (פאַקטן ווי זיי זענען), וועט ער פאַרעפנטלעכן נאָך און נישט פאַר די וואַלן. אַזוי האָט דיין עפּעס דער־גרייכט, אַז רפ"י זאָל נישט דערשייַנען אין די וואַלן נאָר אַלס פּאַרטיי פון דער לבון־פּרשה. לויט נתן ינאי, זענען בן־גוריונס פּשרה־ווערטער אויפגע־נומען געוואָרן „מיט צופרידנקייט און טרויער: דאָס קריגס־פערד איז פּלוצים געוואָרן מיד און אַלט".

גלייך נאָך דעם זענען די פירער פון רפ"י אַוועק פון בן־גוריונס הויז צו דער זיצונג פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון רפ"י, וווּ פּרס האָט גע־מאָלדן וועגן דעם, אַז דיין האָט זיך אָנגעשלאָסן אין רפ"י.

דיינס אַרייַנטריט אין רפ"י, האָט געזאָגט זלמן ארן, איז געווען ווי אַ „געדונגענער קדיש" — ווייל זיין האַרץ איז נישט געווען דערבייַ. ער האָט נישט געוואָלט קיין שפּאַלטונג, נישט געוואָלט שאַפן קיין נייַע פּאַרטיי, געשטאַנען מיט צוויי־קריצן אויף בן־גוריונס זייט, און זייַנע ציין זענען נישט קיין קינסטלעכע".

אַ טייל פון זייַנע וואַקלונגען זענען אַרויסגעפלאָסן פון זייַנע באַציאונגען מיט בן־גוריונען. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט, אַז מען זאָל אים אידענ־טיפיצירן מיט אַן אַנדערער פּערזאָן, אפילו מיט בן גוריונען. און לעצטנס האָבן זיך פאַרטיפט די חילוקי דעות צווישן ביידע. דיין האָט געוווּסט, אַז רפ"י איז בן־גוריונס פּאַרטיי, און ער איז געווען אין כעס צוליב דעם אופן פון שאַפן די פּאַרטיי דורך אַ יחיד אויפן ביוראָקראַטישן וועג. בן־גוריון האָט דאָס געטאָן, הגם ער האָט געוווּסט, אַז דיין און פּרס זענען קעגן אַ שפּאַלטונג. און אויב פּרס האָט, צוליב פּערזענלעכער איבערגעגעבנקייט און פולשטענ־דיקער אידענטיפיקאַציע פון זיין נאָמען מיטן נאָמען פון בן־גוריון, גענומען אויף זיך די גזירה און זיך אָנגעשלאָסן אין דער נייַער פּאַרטיי גלייך נאָך דעם ווי בן־גוריון האָט געמאָלדן וועגן איר אַנטשטייאונג — האָט דיין געוואָלט דעמאָנסטרירן, אַז קיינער איז נישט באַפולמעכטיקט צו באַשליסן וועגן שאַפן פאַר אים אַ נייַע פּאַרטיי.

אין די קנאַפּע צוויי יאָר פון זיין טעטיקייט אין רפ"י, פון סעפּטעמבער 1965 ביז מאַי 1967, האָט ער זיך ווייניק באַשעפטיקט מיט די ענינים פון רפ"י. דעם אָרגאַניזאַטאָרישן עול האָט געטראָגן שמעון פּרס. דער שווערער פינאַנסיעלער לאַגע פון דער נייַער פּאַרטיי האָט ער כמעט נישט געהאָלפן. ער האָט געזאָגט, אַז רפ"י האָט נישט קיין פינאַנסיעלע פּראָבלעמען, ווייל זי האָט נישט קיין געלט. אויך דער ציבור האָט פון אים ווייניק גענאָסן, ווייל זייַנע אויפטריטן זענען געווען געציילטע. פאַר דער ענדערונג, וואָס רפ"י האָט צוגעזאָגט אירע ווײַלער, האָט ער אַבסאָלוט גאָרנישט געטאָן. פאַר אים איז נישט אַרויס קיין שום פּלאַן וועגן ענדערן די לאַגע. ביים באַשטימען די ליניע פון דעם רפ"י־אָרגאַן „מבט חדש", האָט ער זיך זייער זעלטן אַרייַנגעמישט און נאָר כדי צוריקצוציען אַרטיקלען, וואָס זענען געווען

צופיל אָנגרייפעריש, אָדער זיי האָבן אַנטהאַלטן אַ נישט באַרעכטיקטע קרי־טיק קעגן דער רעגירונג.

אין דער כנסת איז דאָס געווען מער אַ פראַקציע פון אַ יחיד ווי אַ כוח, וואָס דערמוטיקט און פירט די פראַקציע, בראש פון וועלכער ער שטייט. נישט איין מאָל האָט ער אָנגעווענדעט אַן אַנדערע ליניע ווי זיינע חברים. דאָס איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק נאָך דעם ווי צה״ל האָט אָנגע־גריפן אין אַ רעוואַנזש־אַקציע די ירדנישע מיליטערישע פּאָזיציע אין דאָרף כּאַמאַאַ אין נאָוועמבער 1966. בן־גוריון און פרס האָבן אָנגעגריפן אשכולן אין דער כנסת און אים זייער שאַרף קריטיקירט. לויט זייער מיינונג איז דער אינצידענט געווען אינגאַנצן אַן איבעריקער און דער אופן ווי אַזוי די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן, האָט געבראַכט ישראל אַ שאָדן. דיין דאַקעגן איז געווען פאַר דער אַקציע. ווען בן־גוריון האָט באַשולדיקט אשכולן אין אַ „זיכערהייטס־דורכפאַל״ און האָט נישט אויפגעקלערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך צוליב דער שטרענגער געהיימקייט, האָט אים דיין פאָר־געשלאָגן, אַז ער וועט דעמיסיאָנירן פון דער אויסערן־ און זיכערהייטס־קאָמיסיע פון דער כנסת, און בן־גוריון זאָל אַריינגיין, כדי אויפצוקלערן אין וואָס עס באַשטייט דער „זיכערהייטס־דורכפאַל״. נישט האָבנדיק קיין חשש, אַז ער האָט פאַרלעצט די סודות פון דער מדינה. דיין האָט געטענהט, אַז ער ווייסט נישט וואָס עס איז אשכולס „זיכערהייטס־דורכפאַל״, וועגן וועלכן עס רעדט בן־גוריון. היות בן־גוריון האָט נישט אָנגענומען דיינס פאָרשלאַג, האָט ער אים געזאָגט, אַז אויב אַזוי וועט ער נישט קענען אים שטיצן קעגן אשכולן אין דער פראַגע פון דעם זיכערהייטס־„מחדל״ און האָט אים אפילו געבעטן נישט צו שטעלן די רפ״י־פראַקציע פאַר קיין גע־שעענע פאַקטן.

דער איינדרוק איז געווען, אַז דיין געפינט זיך אין רפ״י מיט איין פוס. ער באַהאַלט נישט אויס זיין אַנטוישונג פון דער פאַרטיי און פון אַ טייל פון אירע פירער. ער האָט אפילו עפנטלעך געפרעגט וואָס פאַראַ ציל האָט די עקזיסטענץ פון אַ פאַרטיי מיט 10 דעפוטאַטן אין דער כנסת.

וואָס עס איז זיכער היינט צו טאָג, איז דאָס, אַז ער האָט אַרויסגעוויזן פאַרנומפּט אין אַלע זיינע שריט זינט ער האָט דעמיסיאָנירט פון זיין אַמט אַלס לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער. זיינע וואַקלענישן, וואָס האָבן אים גע־בראַכט אַ שאָדן אין 1965, וועלן פאַר אים בקרוב ווערן אַ נכס אַלס אַ מענטש מיט וועלכן מען קאָן רעדן. ווייל דער פאַסיקער מאָמענט אַנטפּלעקט זיך פיל פריער ווי ער אַליין און אַנדערע האָבן דערוואַרט. אין מאַי 1967 פאַר־וואַנדלען זיך אַלע זיינע חסרונות, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין רפ״י — אין מעלות אין די אויגן פון מפא״י, וואָס באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון אַ פאַרטרעטער פאַר אשכולן אויפן אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער.

ניינצנטער קאַפּיטל

# דער זיכערהייטס־מיניסטער

(1967 און שפּעטער)

משה דיין, וועלכער איז אַלט געוואָרן 50 יאָר אין מאַי 1965, געפינט זיך ווידער, שוין צום צווייטן מאָל אין זיין לעבן, מחוץ דער טראַסע. זיין פּאַרטיי, רפ״י, איז אַלץ מער אָפּגעשטויסן געוואָרן פון דעם וועג, וואָס פירט צו דער רעגירונג און מאַכט — און אין דער פּאַרטיי האָט ער זיך אַליין דערווייטערט פון דער צענטראַלער טעטיקייט. אויף וויפל ער האָט געהאַט וועלכע עס איז האָפענונגען בנוגע רפ״י, זענען זיי צערונען געוואָרן. אין דער זעלבער מאָס קאָן מען זאָגן, אַז רפ״י האָט זיך אין אים אַנטוישט.

געוויינלעך ווערט אַ פּאָטענציעלער מנהיג אויסגעפּרוווט אין צוויי פראַגן: צי איז ער מסוגל צו ברענגען זיך און זיינע חברים, וועלכע גייען מיט אים, צו דער מאַכט? און ווען ער וועט קומען צו דער מאַכט — צי וועט ער זיין אַ גוטער פּרעמיער? עס זעט אויס, אַז אַפילו די צום מערסטן ענטוזיאַסטישע אָנהענגער פון משה דיין זענען געווען פריי פון ענטפערן אויף דער צווייטער פראַגע, ווייל די תשובה אויף דער ערשטער איז געווען אַ פולשטענדיק נעגאַטיווע. ווי עס האָט געזאָגט איינער פון זיי: „דיין איז נישט פּאַסיק צו אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט אַ פּאַרטיי״. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך אין דעם מודה געווען. די געזעלשאַפט פון מענטשן, לויט זיינע רייד, האָט אים געלאַנגווייליקט און די פּאַרטיי־עסקנים נאָך מער; די רייבונגען צווישן זיי, זייערע טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען אין די אָפּטיילונגען, זייערע פראַגן, וואָס זענען נישט געווען פאַרבונדן מיט אויסערן־ און זיכערהייטס־פּראָבלעמען, און אַלע איבעריקע קליינע ענינים, האָבן אים בכלל נישט אינטערעסירט.

ער האָט זיך דערווייטערט פון זייערע אויפנאַמעס און אויף די מסיבות אויף וועלכע ער האָט געמוזט זיין, איז ער קיינמאָל נישט געבליבן לענגער ווי ביז 11 אַזייגער אינאָוונט. אויך אין די באַראַטונגען פון דער רפ״י־אָנפירערשאַפט האָט ער זיך ווייניק באַטייליקט. זיינע חברים האָבן באַמערקט,

אַז נאָך צוואַנציק מינוט אין זייער געזעלשאַפט הייבט ער אָן צו ווערן אומגעדולדיק. בדרך כלל האָבן זיי געוווּסט, אַז זייער צייט ביי אים האָט זיך געענדיקט, ווען זיין געזעס האָט אָנגעהויבן זוכן אַ באַקוועמע פּאָזיציע אויפן בענקל. צו די, וועלע האָבן נישט פאַרשטאַנען זיין „סיגנאַליזאַציע", האָט ער פשוט געזאָגט „שלום", זיך אויפגעשטעלט און איז אַוועקגעגאַנגען.

דיין האָט אויפגעקלערט זיין האַנדלונג מיט מאַנגל אין אַמביציע צו ווערן פּרעמיער, אָדער בעסער געזאָגט, אַז די אַמביציע איז געווען באַ־גרענעצט מיט אַ פּרייז: ביז אַ געוויסער גרענעץ איז ער געווען גרייט צו טון פאַר דער אַמביציע, און נישט מער. דאָס הייסט, אַז אויב ער וועט זיין פּרעמיער — מה טוב, אויב נישט — איז נישט שרעקלעך. דאָס איז נישט קיין לעבנס־פראַגע. אַזוי האָט ער אָפּגעוואָרפן יעדן פאָרשלאַג וועגן אַ שאָטן־רעגירונג בראש פון וועלכער ער זאָל שטיין, ווען ער איז געווען אין דער אָפּאָזיציע אין מפא״י און ווען ער איז געשטאַנען בראש פון רפ״י. צבי ברענער, זיין גוטער חבר פון דער עכו־תפיסה און איינער פון די ווייניקע, מיט וועלכע דיין האָט זיך געטיילט מיט זיינע דאגות, האָט געזאָגט: „איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז משה דיין וויל זיין פּרעמיער. זיין גאַנץ וועזן איז קעגן פּאַרטייאישקייט".

די הויפּט־שוועריקייט ביי דיינען אַלס פּאַרטיי־מנהיג באַשטייט אין דער אומפעאיקייט אָדער אומווילן צוזאַמענצואַרבעטן מיט אַ מאַנשאַפט. דאָס האָט באַזונדערס געפילט שמעון פּרס, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון רפ״י, וועלכער האָט געטראָגן די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אָרגאַ־ניזאַציע. פון צייט צו צייט האָט ער זיך באַקלאָגט דערויף, אַז ער איז נישט מסוגל צו קומען צו אַ פולער און פאַרפליכטנדיקער פאַרשטענדיקונג מיט דיינען. מען האָט געקענט קומען מיט אים צו אַ פאַרשטענדיקונג לגבי אַ געוויסן שריט אָדער אַן אָפּשניט פון וועג, אָבער נישט וועגן אַ ברייטן פּלאַן, מיט פיל פּאַזעס און אויף לאַנגע יאָרן. זיינע חברים אין רפ״י האָבן אַנטפּלעקט, אָדער באַשטעטיקט דאָס, וואָס עס איז שוין פריער געווען באַ־קאַנט, אַז דיין איז אַ מענטש פאַר זיך. „אַן איינזאַמער וואָלף" — דאָס איז געווען אַ פאַרשפּרייטע באַצייכענונג אין די קרייזן פון זיינע אָנהענגער און קעגנער.

טראָץ דעם האָט דיין געשטראַלט מיט מנהיגות און האָט דערוועקט ביי מענטשן דעם ווילן מיט אים צוזאַמענצואַרבעטן און צו גיין מיט אים. דאָס רעטעניש אין זיין פּערזענלעכקייט האָט געפונען אַן ענטפער אין דעם גריכישן וואָרט, וואָס נישט אַלע האָבן עס פאַרשטאַנען — „כאַריזמע". ער איז אַ „כאַ־ריזמאַטישע פּערזענלעכקייט", ער האָט אַ „כאַריזמע". נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז מיט זיין שמייכל אַליין האָט ער געפאַנגען דאָס האַרץ פון מענטשן.

זיין כוח האָט זיך, אַלזאָ, פאַרקערפּערט אין זיין זעלבשטענדיקייט און נישט אין זיינע פעאיקייטן און אויך נישט אין זיינע געזעלשאַפטלעכע און

פּאָליטישע געדאַנקען. זיין הויפּט־פּאַרמעג איז געווען ער אליין, זיין רעאַליזם, זיין פאַרנונפט און זיין פעאיקייט ריכטיק אָפּצושאַצן אַנטוויקלונגען, און נישט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער און פּאָליטישער וועג, וועלכן ער האָט פאָרגעשלאָגן אַנדערע. אַזוי איז זיין כאַראַקטער געוואָרן נישט ווייניקער וויכטיק פון זייַנע אָנשויאונגען, און זיין פּערזענלעכקייט נישט ווייניקער ווי זייַנע געדאַנקען.

זיין פּערזענלעכקייט, הגם זי האָט אַרויסגערופן קאָנפליקטן, האָט שטענדיק דערוועקט קנאה און פאַרערונג. אַלס יחיד איז דיין געווען סווערען איבער זיך. מער ווי אַנדערע האָט ער געטאָן, געזאָגט און געהאַנדלט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. אין נאַציאָנאלע פראַגן האָט ער געזאָגט וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק, אַפילו ווען דאָס איז געווען אין אַ ווייטיקפולער סתירה מיט די געפילן פון ציבור. אַזוי האָט ער געזאָגט, אַז ער פאָדערט נישט קיין געטריישאַפט פון די אַראַבער, אָבער גלייכצייטיק האָט ער געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי איינשאַלטן אין מלוכהשן דינסט. אַזוי האָט ער געשריבן, אַז דער ישראלי „שוויצט" אין אַפריקע און אַזוי האָט ער געשריבן, אַז ער האָט נישט פיינט די „יורדים". אין די ראַמען פון זייַנע אויפטריטן אין דער כנסת האָט ער אויסגעדריקט זיין מיינונג אויך ווען זי איז נישט געווען אין איינקלאַנג מיט דער רפ"י־ליניע און איז אַפילו געווען אין קעגנזאַץ צו דעם וואָס עס האָבן געזאָגט זייַנע פראַקציע־חברים, בן־גוריון און שמעון פרס. זיין צוגעהעריקייט צו רפ"י האָט אים נישט אָפּגעהאַלטן פון אויסדריקן סימפּאַטיע פאַר מענטשן פון קעגנערישע פאַרטייען און אויסאיבן אַ שאַרפע קריטיק קעגן זייַנע פאַרטיי־חברים. דאָס וואָס ער איז געווען איינער פון די פירער פון רפ"י, האָט אים נישט געשטערט צו זאָגן, אַז ער איז גרייט צוריקצוגיין צו מפא"י.

אַפילו וועגן צה"ל, וואָס איז אים געווען אזוי נאָענט צום האַרצן און צו וועלכן דער ציבור האָט זיך באַצויגן מיט יראת הכבוד, וואָס גרענעצט מיט קדושה, האָט ער געשריבן אין זיין בוך „טאָגבוך פון דער סיני־אַקציע" זאַכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן פאַרדרוס אויף אזוי ווייט, אַז גאָלדע מאיר האָט געזאָגט, אַז זיין בוך אַנטהאַלט די האַרבסטע רייד, וואָס זענען ווען עס איז געזאָגט געוואָרן קעגן צה"ל און דער העכסטער קאָמאַנדע. זי האָט געטענהט, אַז אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי דיין, וועלכער האָט אַ פול מויל מיט די „הויכע מלוכהשע אינטערעסן", דאַרף צוגעצויגן ווערן צו געזעלשאַפטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט („הארץ" פון 17־טן אָקטאָבער 1965).

אויך אין באַצוג צו זיין משפחה האָט ער אַרויסגעוויזן אויפריכטיקייט מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט אָנגעהויבן זיין לעבן פונדאָסניי, וואָלט ער נישט חתונה געהאַט און נישט אויפגעשטעלט קיין משפחה. און שפּעטער וועט ער אַפילו זאָגן, אַז יעל האָט ער ליבער געהאַט פון אַלע זייַנע קינדער (אינטערוויו פאַרן „ל'עקספרעס" דעם 3־טן מאי 1969).

זיינע אומגעזעצלעכע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען זענען געוואָרן אַ סקאַנדאַל. אָבער אין דעם איז געקומען צום אויסדרוק זיין אייגנאַרטיקייט. די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען האָט ער דורכגעפירט אין אזור (נישט ווייט פון תל־אביב) — אין אַלטן אזור. דאָס אָרט איז געווען באַקאַנט, אַז עס פאַרמאָגט פיל אַרכעאָלאָגישע עקספּאָנאַטן פון דער קאַלקוליטישער תקופה און עס זענען דאָ קיינמאָל נישט דורכגעפירט געוואָרן אומפאַנגרייכע אויס־גראָבונגען. נאָך איידער עס זענען געמאַכט געוואָרן די נויטיקע וויסנ־שאַפטלעכע פאָרשונגס־אַרבעטן, האָט מען אויף דעם אָרט אויפגעשטעלט דירות פאַר נייע עולים. אין גאַנג פון צוגרייטן דעם שטח פאַרן בוי האָבן די טראַקטאָרן אַנטפּלעקט אַלטע קברים. דיין, וועלכער איז דאַן געווען שעף פון געגעראַל־שטאַב, איז געקומען צום אָרט און האָט אָנגעהויבן נישטערן צווישן די קברים. אריה ראָזענבאום, אַ 10־יאָריק ייִנגל פון די נייע עולים, האָט נאָכגעפאָלגט די אויסגראָבונגען פון באַרימטן שעף פון גענעראַל־שטאַב און אים געהאָלפן. צווישן ביידע האָבן זיך אַנטוויקלט ענגע פּריינט־שאַפטלעכע און אַרבעטס־באַציאונגען. זיי האָבן צווישן זיך אויסגעטוישט אַר־כעאָלאָגישע עקספּאָנאַטן און ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס ייִנגל האָט אַ חוש פאַר אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, האָט ער אים מיטגענומען צו אויסגראָבונגען אין אַנדערע ווייטע ערטער.

דיין האָט זיך באַפריינדעט מיט אריהס עלטערן און זיין מוטער פלעגט אים מכבד זיין מיט טיי און קוכן נאָך דעם ווי ער פלעגט זיך ביי זיי טושן און איבערטאָן די בגדים. זייער פריינטשאַפט האָט אָנגעהאַלטן און דעם 20־טן מערץ 1968 האָט אריה ראָזענבאום געהאַט די געלעגנהייט צו ראַטעווען דאָס לעבן פון משה דיין. אַ בלאָק קורקאַר־ערד פון אַנדערהאַלבן טאָן האָט זיך אָפּגעריסן און איינגאַנצן צוגעדעקט אונטער זיך משה דיינען, וועלכער האָט געגראָבן אין אַן אַלטן קבר. אריה האָט אַלאַרמירט די טראַקטאָריסטן און דעם מגן דוד אדום. אַ דאַנק דער גיכער רעטונגס־אַרבעט איז ער ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

דיין האָט געטענהט, אַז מיט זיינע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין אזור ראַטעוועט ער פון פאַרניכטונג וויכטיקע עקספּאָנאַטן, וואָס וואָלטן צעשטערט געוואָרן דורך די שווערע גראָב־מאַשינען, אָדער וואָלטן אויף שטענדיק פאַרשוווּנדן געוואָרן צוליבן בוי פון די הייזער. אָבער די ידיעות וועגן די פאַרבאָטענע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען און די בריוו פון לייע־נער, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די צייטונגען, האָבן דערפירט צו דעם, אַז ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אין דער פאָליציי אָפּצוגעבן אַן אויפקלערונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָנקלאַגע קעגן אים, אַז ער פירט דורך אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אָן אַ דערלויבעניש. דיין האָט פון זיין זייט מודיע געווען, אַז ער איז גרייט מבטל צו מאַכן זיין פּאַרלאַמענטאַרישע אימוניטעט, כדי מען זאָל אים קענען אויספאָרשן און אַפילו שטעלן פאַר

אַ משפּט. דעם 25־טן יאַנואַר 1965 האָט די פּאָליציי אים אויסגעפּאָרשט. אַנשטאָט צו שטעלן אים פאַר אַ משפּט, איז דערגרייכט געוואָרן אַ הסכּם צווישן אים און דער אַרכעאָלאָגישער אָפּטיילונג. יגאל ידין, וועלכער איז אינצווישנצייט געוואָרן פּראָפעסאָר און הויפּט פון דעם אַרכעאָלאָגישן פאַקולטעט ביים העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, באַצייכנט ד״ר בירן און ד״ר יבין, וועלכע זענען געשטאַנען בראש פון דער אַרכעאָלאָגישער אָפּטיילונג אַלס „פאַרברעכער״. ווען זיי האָבן אים אויפגעקלערט זייער קאָנסטערנאַציע, נעמענדיק אין אַכט וואָס דיין איז געווען אַ מיניסטער, הויפּט־קאָמאַנדיר בעת דער סיני־אַקציע און כנסת־דעפּוטאַט, האָט ער צוגעגעבן: „איר זענט פאַרברעכער, און נישט ער. אויב איר לאָזט אים גראָבן, וואָס וועט זאָגן יעדעס

עס זעט אויס, אַז די פאַרשפּרייטע מיינונג לגבי דייענען, אַז אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי ער וועט טאָן דאָס נויטיקע, נישט רעכענענדיק זיך צופיל מיט פּאַרטייאישע און פּערזענלעכע מאָטיוון, האָט אַרויסגערופן דעם נס און אַ גרויסע כוואַליע פון צוטרוי און סימפּאַטיע, וואָס האָבן אים צוריקגעבראַכט צו דער רעגירונג און צו דעם שטאַרק באַגערטן אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער ערב דער מלחמה.

ווי מען זאָל נישט שילדערן און אָפּשאַצן די געשעענישן אין מאַי 1967, איז איין זאַך קלאָר: די פּלוצימדיקע קאָנצענטראַציע פון גרעסטן טייל פון דער מצרישער אַרמיי אין סיני; דאָס פאַרנעמען פּאָזיציעס און דאָס איינגראָבן זיך אין די ערשטע פראָנט־ליניעס פון סיני; דאָס אַרויסטרייבן דעם או״אָ־כּוח פון עזה־געביט און פון דעם טיראַן־דורכגוס; דאָס שליסן די אילת־בוכטע (טיראַן) פאַר דעם ישׂראלדיקן שיפס־פאַרקער דעם 23־טן מאַי און נאַצערס דערקלערונג פאַר מצרישע פליער אין סיני, אַז „די וואַסערן אין דער אילת־בוכטע זענען אונדזערע טעריטאָריאַלע וואַסערן. אויב די מנהיגים פון ישׂראל און גענעראַל רבין ווילן אַ מלחמה, אהלאַן וואַסאַהלאַן, אונדזער אַרמיי וואַרט אויף זיי״. — זענען געווען געשעענישן, וואָס האָבן אינגאַנצן אַרויסגעפירט דעם ישׂראל־ציבור פון גלייכגעוויכט. דעם ציבור איז קלאָר געוואָרן, אַז דער אָפּשרעקונגס־כּוח פון צה״ל, אויף וועלכן ער האָט זיך געשטיצט, איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן ווי ער וואָלט נישט געווען. נאָך מער. די זעלבסטזיכערקייט פון מצרישן פּרעזידענט פון איין זייט און די אומזיכערקייט פון לוי אשכּול פון דער אַנדערער זייט, האָבן אַרויסגערופן אין אַלע ישׂראל־קרייזן אַ ציטער פאַר דער מלחמה און אירע רעזולטאַטן. די שוידערלעכקייטן פון נאַצישן חורבן זענען אויפגעשטאַנען תּחיית המתים און עס איז געבוירן געוואָרן אַ פּחד פאַר אַ נייער פאַרניכטונג אין אַראַבישן סטיל. אשכּול האָט באַפוילן צו מאָביליזירן די רעזערוויסטן און אין פאַרלויף פון אייניקע טעג זענען אַלע דינסט־פעאיקע מענער געוואָרן חיילים. אין פלוג איז ישׂראל געווען גרייט זיך צו שטעלן צום קאַמף. אָבער עס האָט

געפעלט דער כוח, וואָס זאָל באַשליסן ווי אַזוי צו לאָזן אין גאַנג דעם מאַ־ביליזירטן כוח. דאָס לאַנגע וואַרטן האָט ביים ציבור אַרויסגערופן דעם ספק בנוגע דער פעאיקייט פון צה״ל לייכט צו באַזיגן די מצרישע אַרמיי.

אין די פעלד־אָפּטיילונגען פון צה״ל האָט געהערשט אַ זעלבסטזיכער־קייט. אָבער דער שעף פון גענעראַל־שטאָב, רב־אלוף יצחק רבין, האָט נישט באַוויזן אָנצושטעקן די רעגירונג און דעם ברייטן ציבור מיט דער זיכערקייט, וואָס האָט געהערשט אין דער אַרמיי. ער אַליין האָט זיך שלעכט געפילט דעם 23־טן מאַי, אין טאָג ווען נאָצער האָט פּראָקלאַמירט דאָס שליסן די אילת־בוכטע און וועגן זיין גרייטקייט אַרויסצוגיין אין אַ מלחמה קעגן ישראל. דער מיליטערישער הויפּט־דאָקטאָר האָט באַפוילן רבינען פולשטענ־דיקע רו.

אַ קראַנקער שעף פון גענעראַל־שטאָב, אַ זיך וואַקלענדיקער פּרעמיער און זיכערהייטס־מיניסטער, וועלכער איז נישט זיכער מיט זיינע שריט, די וואַקסנדיקע חוצפה פון פּרעזידענט נאָצער און די טאָג־טעגלעכע פאַרשטאַר־קונג פון מצרישן מיליטער אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון סיני — דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ נויטשטאַנד־מצב, וואָס אַזעלכן האָט ישראל ביז איצט נישט געקענט. עס האָט זיך געשטאַרקט די איבערצייגונג, אַז כדי צו פאַר־איינינקן דאָס פאָלק איז נויטיק צו שאַפן אַ קאָאַליציע־רעגירונג פון אַלע פּאַרטייען. אָנהויבנדיק פון 23־טן מאַי האָט זיך געשטאַרקט די פאָדערונג פון דער מערהייט פּאַרטייען צו שאַפן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער איינהייט. אָבער די אָפּאָזיציע־פּאַרטייען זענען געווען גרייט צוצושטיין צו דער אשכול־רעגירונג מיטן באַדינג, אַז עס וועט פאָרקומען אַן ענדערונג אין דער אָנפי־רונג פון זיכערהייטס־מיניסטעריום. דעם טאָג האָט אשכול איינגעלאַדן די אָפּאָזיציע־פראַקציעס אויף אַ באַראַטונג. ווי גרויס עס איז געווען די זאָרג פאַרן קיום פון דער מדינה זאָגט עדות דער פאַקט, אַז אויפן וועג צו דער דאָזיקער באַראַטונג האָט מנחם בעגין, דער פירער פון „חרות״, געפרעגט שמעון פרסן, „צי בן־גוריון, אין עלטער פון 81 יאָר, איז גרייט זיך צו שטעלן בראש פון אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער איינהייט?״ בן־גוריון און בעגין זענען געווען פּאָליטיש ווי אַ קאַץ און אַ מויז. א צייט שפּעטער וועט בעגין אַנטפּלעקן, אַז צוליב דער גרויסער זאָרג פאַרן קיום פון דער מדינה „האָבן מיר פאַרגעלייגט דעם גרעסטן קעגנער פון דער חירות־באַוועגונג אַלס פּרע־מיער״.

אין משך פון צען טעג, פון 23־טן מאַי ביזן 1־טן יוני, האָט זיך געפירט אַ שווערער געזעלשאַפטלעכער קאַמף פאַר ענדערן דעם צונויפשטעל פון דער רעגירונג. דער הויפּט־גרונט פון דער ענדערונג איז געווען די דורך אַלעמען אָנערקענטע נויטווענדיקייט צוריקצוקערן דעם ציבור און דער אַרמיי די זעלבסטזיכערקייט און דעם צוטרוי אין דער רעגירונג. דאָס האָט מען דער־וואַרט צו דערגרייכן דורך פאַרשטאַרקן די אָנפירערשאַפט פון זיכערהייטס־

מיניסטעריום. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם זענען אַרויסגערוקט געוואָרן פינף יסודותדיקע לייזונגען: פון אשכולן אליין, וואָס האָט אַנטהאַלטן דריי מעגלעכקייטן — ער וועט ווייטער שטיין בראש פון ביידע אַמטן, אָבער וועט געניסן פון דער הילף פון אַ קאָמיסיע פון מיליטערלייט, אָדער פון אַ מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר זיכערהייטס־ענינים, וואָס זאָל אויך אַרומנעמען פאַרשטייער פון דער אָפּאָזיציע, אָדער ער וועט באַקומען אַ ספּעציעלן געהילף פאַר מיליטערישע ענינים — יגאל אלון. דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז געשטיצט געוואָרן מיט דער גאַנצער קראַפט דורך גאָלדע מאיר; די צווייטע מעגלעכקייט, וואָס איז צוערשט פאַרגעשלאָגן געוואָרן דורכן בלאָק פון חירות־ליבעראַלן און דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער פאַרטיי — אז בן־גוריון זאָל צוריקקומען אַלס פרעמיער אָדער אַלס פאַרטיידיקונגס־מיניסטער; דער דריטער פאָרשלאַג, וואָס איז אויך געקומען פון די זעלבע פאַרטייען — דיין זאָל באַשטימט ווערן אַלס פאַרטיידיקונגס־מיניסטער; דער פערטער פאָרשלאַג איז געקומען פון דעם פירער פון דער רעליגיעז־נאַציאָנאלער פאַרטיי, דעם אינערן־מיניסטער משה חיים שפּיראָ — צו באַשטימען יגאל ידין אַלס פאַרטיידיקונגס־מיניסטער; דער פינפטער פאָרשלאַג, וועלכן עס האָבן געשטיצט די וותיקים פון מפא״י און די מענטשן פון אחדות עבודה — איבערצוגעבן דאָס פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום צו יגאל אלון. צו דעם זענען צוגעקומען פאַרשידענע וואַריאַציעס — דיין אַלס וויצע־פּרעמיער, אויסערן־מיניסטער, אָדער אַלס איינער פון די דריי באַראַטער פון אשכולן.

וואָס שייך די שריט און דעם געדאַנקענגאַנג פון משה דיין, אויפן פּאַן פונעם קאַמף פאַר שאַפן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאלער איינהייט, דאַרף באַטאָנט ווערן דער אָנהויב־פּונקט, אַז גלייך ווי אַנדערע איז ער אויך איבעראַשט געוואָרן פון די געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 14־טן מאַי. פּונקט ווי דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, יצחק רבין, האָט ער געהאַלטן, אַז די מלחמה מיט מצרים איז ווייט. בעת זיין באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט ער רעפערירט פאַר אַ גרופּע פּראָפעסאָרן אין הארוואַרד־קאָלעדזש און זיי דערקלערט, אַז אין פאַרלויף פון די נאָענטסטע צען יאָר זעט ער נישט פאַר קיין מלחמה. און אזוי האָט ער אָנגענומען די אָפיציעלע אָפּשאַצונג פון צה״ל און פון דער רעגירונג, אַז צוליב די שווערע קאָמפּליקאַציעס פון דער מצרישער אַרמיי אין דער בירגער־מלחמה אין תימן, וועט זי נישט זיין גרייט צו קיין מלחמה מיט ישראל.

אָבער נישט ווי אַנדערע, האָט דיין צוגעאײלט זיך אַליין אויסצובעסערן. בעת די אשכול־רעגירונג האָט געזען אין דעם גרויסן שטראָם פון מצרישן מיליטער קיין סיני און די אַרקעסטערס־פּאַראַדעס איבער די קאַירער גאַסן נאָר אַ כוח־דעמאָנסטראַציע, האָט ער געזען די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער מלחמה. לויט שלמה נקדימון אין זיין בוך „לקראת שעת האפס״, האָט דיין נישט אָנגענומען די מיינונג פון דער רעגירונג בעת דער אינספּעקציע

פון די געוועזענע שעפן פון גענעראַל־שטאַב ביי די פּאַנצער־אָפּטיילונגען דעם 15־טן מאַי, און האָט געהאַלטן, אַז „נאַצער וועט זיך אַנטשליסן אויף אַ ווייט־גייענדיקן שריט, און נאָכן באַזייטיקן די אונ״אָ־אָפּטיילונגען פון די ישׂראל־גרענעצן איז ער עלול צו שליסן די טיראַן־בוכטע״. די דאָזיקע נבואה האָט זיך באַשטעטיקט. אין דער זעלבער צייט האָט דיין געזאָגט צו זיינע חברים, אין אַ פּעסימיסטישן טאָן, אַז די אשכּול־רעגירונג וועט „אַראָפּשלינגען״ דאָס שליסן די בוכטע. ער האָט נישט געגלויבט, אַז דאָס וועט אַרויסרופן אַ געזעלשאַפט־לעכן שטורעם, וואָס וועט צווינגען די רעגירונג זי צו עפענען מיט כּוח. דאָס איז געווען זיין צווייטער טעות.

ווי דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אים אין יענער צייט, האָט ער זיך דערווייטערט פון דעם קאָכעדיקן טאָפּ פון פּאַרטייאישער טעטי־קייט. ווען עס איז אויסגעבראָכן דער קאָנפליקט אַרום דער לבון־פּרשה, איז ער געפאָרן קיין אויסלאַנד, און בעת עס האָט זיך פאַרשאַרפט דער קאַמף צווישן דער מינדערהייט און מערהייט אין מפּא״י אין זומער 1965, איז ער מיט אַ פישער־שיף אָפּגעשוווּמען קיין עריטרעא. דאָס מאָל, אַנשטאָט צו אינסטרואירן די פּאַרטיי, אָדער נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אירע באַראַ־טונגען אַרום דעם שאַפן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער איינהייט, האָט ער זיך דעם 20־טן מאַי געזעגנט צו אשכּולן צו אשכּולן און געבעטן ביי אים אַ דערלויבעניש צו באַזוכן די צה״ל־איינהייטן אין דרום, כּדי „צו זען די ענינים פון דער נאָענט״. אשכּול איז העפלעך אַנטקעגנגעקומען זיין ביטע און געשטעלט צו זיין רשות אַ מיליטערישן אויטאָ און אַן אַדיוטאַנט אין ראַנג פון אַ סגן־אלוף (פּאָדפּול־קאָווניק). אָנגעטון אין מיליטערישע בגדים מיטן ראַנג פון אַ רב־אלוף, האָט ער באַזוכט די מיליטערישע אָפּטיילונגען, זייענדיק ווייט פון פּאַרטיי־אישער טעטיקייט און אפילו פון קאָנטאַקטן מיט דער אָנפירונג פון זיין אייגענער פּאַרטיי.

עס זעט אויס, אַז אין דער פּאַזע וויל ער לערנען. לויט זיינע רייד זענען אַדורך 10 יאָר זינט ער האָט פאַרלאָזט די אַרמיי, אַ תּקופה אין וועלכער עס זענען פאָרגעקומען צאַלרייכע אַנטוויקלונגען און פאַרפולקאָמונגען. און אפשר קלערט ער וועגן אַ מיליטערישער פונקציע, וואָס וועט אויף אים אַרויפ־געלייגט ווערן און ער וועט קענען ביישטייערן פון זיין דערפאַרונג. יעדנפאַלס, מיט זיין חוש מאַכט ער אַ ריכטיקן שריט.

אין אָנהויב האָבן זיך אַנטפּלעקט ווייטגייענדיקע חילוקי דעות צווישן אים און בן־גוריונען און אין דער זעלבער מאָס צווישן אים און שמעון פּרסן, וועלכער שטיצט בן־גוריונס שטעלונג. בעת די באַראַטונגען פון דער רפ״י־אָנפירונג דעם 21־טן מאַי, צו וועלכע ער איז געקומען פון פראָנט, האָט דיין געטענהט, אַז ער האָט פעסטגעשטעלט אַ גרויסע אַנטוויקלונג אין די פּאַנצער־אָפּטיילונגען פון אלוף ישׂראל טל און אַז די אַרמיי און דער אָפיצירן־קאָרפּוס זענען איצט בעסערע ווי אין זיין צייט. דעריבער האַלט ער, אַז „צה״ל

וועט זיך קענען אַנטקעגנשטעלן דעם שונא". בן־גוריון און פרס האָבן גע־האַלטן, אַז אין אַנבליק פון דער פאַרשטאַרקונג פון דער מצרישער אַרמיי מיט סאָוויעטיש געווער, וועט זיך צה"ל געפינען אין אַ שווערער מלחמה, וואָס וועט פאָדערן אַ סך קרבנות. בן־גוריון האָט איבערגעריסן דיינס רייד מיט דער פראַגע: „אויף ווי ווייט וועט זיך צה"ל קענען אַנטקעגנשטעלן דעם שונא, אויב די מצרים וועלן זיך באַנוצן מיט ראַקעטעס. וואָס פאַרא פאַרלוסטן וועט ליידן די ציווילע באַפעלקערונג אין אַזאַ פאַל?". פונקט ווי אין 1956 האָט בן־גוריון אויך איצט מורא געהאַט פאַר די מצרישע באַמבאַרדירונגען פון די באַפעלקערונגס־צענטערן. אויף דעם האָט געענטפערט דיין — לויט נקדימון — „אַ ראַקעטע איז אַן עראָפּלאַן אָן אַ פּליער, נישט דאָס וועט דעצי־דירן וועגן דער מלחמה. צה"ל איז אַן ערשטקלאַסיקע אַרמיי און די חיילים וועלן קענען אויסהאַלטן דעם פּרווו".

דיין איז געווען דערפאַר, אַז מען זאָל די מלחמה אָנהויבן וואָס פריער, איידער די מצרישע אַרמיי פאַרענדיקט די מלחמה־צוגרייטונגען אין סיני. דאַקעגן האָט בן־גוריון געטענהט דאָס פאַרקערטע. ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף דעמאָביליזירן די רעזערוויסטן, „אַראָפּשלינגען" דערוויל דאָס שליסן די אילת־בוכטע, אַראָפּבייגן דעם קאָפּ און דערלאַנגען אַ קלאַפּ באַר אין אַ שעת כושר, כדי זי ווידער צו עפענען. בן־גוריון האָט געזאָגט, אַז ישראל דאַרף באַשטימען די פּאַסיקע פאַר איר צייט און זיך נישט לאָזן אָנ־וואַרפן אַ צייט, וואָס איז גוט פאַרן שונא.

אין בן־גוריונס אויפפאַסונג האָט נישט קיין קליינע ראָל געשפּילט די פּערזענלעכע שנאה צו אשכולן און זיין ווילן צו טוישן אים אויף אַן אַנדערן, וואָס עס וועט קרוינען מיט אַ נצחון זיין קאַמף קעגן דער קאָמיסיע פון די זיבן מיניסטאָרן, און אויך די אָביעקטיווע מורא, אַז אשכול איז נישט מסוגל אָנצופירן מיט דער מדינה בעת אַ מלחמה, און נישט מיטן פּאָליטישן קאַמף נאָך איר.

דווקא די פּעסימיסטישע אויפפאַסונג פון בן־גוריונען און פון פרסן האָט באַוויגן דעם לעצטן צו ווירקן אין דער ריכטונג פון שאַפן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער איינהייט און אויסנוצן די דאָזיקע געלעגנהייט, כדי צוריקצו־ברענגען בן־גוריונען אויפן פּרעמיער־אַמט. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז אויך געווען אַ צוגאָב־סיבה, צוליב וועלכער דיין האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו דערווייטערן זיך פון דער פאַרטייאישער טעטיקייט און צו זוכן פאַר זיך אַ מיליטערישע פונקציע. אָבער די באַמיאונגען פון שמעון פרסן, טראָץ דער אונטערשטיצונג פון דעם בלאָק חרות־ליבעראַלן און פון דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, זענען דורכגעפאַלן. מפא"י האָט זיך קאַטעגאָריש קעגנ־געשטעלט בן־גוריונס צוריקקער, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז „עס וועלן פאַלן קעפּ". פון די פינף פאָרשלאַגן וועגן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער

איינהייט, איז דער ערשטער, וואָס איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן געוועזן דאָס באַשטימען בן־גוריונען אַלס פּרעמיער, אָדער אַלס זיכערהייטס־מיניסטער. דאָס האָט באַדייט, אַז פּאַר רפ״י איז געבליבן נאָר די מעגלעכקייט צו ווירקן, אַז דיין זאָל באַשטימט ווערן אַלס זיכערהייטס־מיניסטער אין דער רעגירונג פון לוי אשכול. דער דאָזיקער פאַקט האָט געשאַפן אַ גרויסע שפּאַנונג אין דער רפ״י־אָנפירונג, הויפּטזעכלעך צווישן פּרסן און בן־גוריונען. ער האָט געפאָדערט, אַז קודם כל זאָל מען פּסלען אשכולן. זיין שטרעבונג אים צו באַזיגן האָט צונישטגעמאַכט אַלע זיינע שריט. דעריבער, ווען ער איז שוין יאָ מסכים געווען, אַז דיין זאָל זיין זיכערהייטס־מיניסטער און נישט ער אַליין, האָט ער צו די רפ״י־פירער געזאָגט דעם 27־טן מאַי, אַז „אויב אשכול וועט נישט פאַרלייגן דיינען נאָר דעם אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער, דאַרף מען דאָס נישט אָננעמען".

בן־גוריון האָט קודם כל געוואָלט באַזייטיקן אשכולן, דאַקעגן האָט פּרס געהאַלטן, אַז דער נאַציאָנאַלער צוגאַנג דאַרף דעצידירן און ער האָט ציטירט בן־גוריונען זיינע אייגענע רייד: „אויב מען וועט אויף איין שאָל פון דער וואָג אַרויפלייגן די זיכערהייטס־באַדערפענישן און אויף דער צווייטער זייט אַלע אַנדערע באַדערפענישן — וועט די זיכערהייטס־שאָל אַנטשיידן". און אַזוי, ווען די מערהייט פון רפ״י האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון פּרסן, וועלכער פּירט פאַרהאַנדלונגען וועגן נאָמינירן דיינען אַלס זיכערהייטס־מיניסטער און געניסט פון דער אונטערשטיצונג מצד דעם בלאָק פון חרות־ליבעראַלן, פון דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער פּאַרטיי און אַן ערנסטן טייל פון מפא״י און אפילו אין דער באַוועגונג פון לאחדות העבודה (משה כרמל, למשל, האָט בעסער געוואָלט דיינען ווי יגאל אלונען), זענען צווישן זיינע הויפּט־קעגנער, יעדער איינער צוליב זיין סיבה, געווען בן־גוריון, לוי אשכול און גאָלדע מאיר.

היות אַ געוויסע צייט האָט אויסגעזען כמעט אוממעגלעך, אַז אשכול און מפא״י זאָלן איינגיין אויף דיינס נאָמינאַציע, האָט דער אינערן־מיניסטער שפּיראָ געבעטן יגאל ידין ער זאָל מסכים זיין צו זיין דער קאַנדידאַט פון די פּאַרטייען, וועלכע פאָדערן אָוועקצונעמען פון אשכולן דעם אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער ווי אַ באַדינג צו פאַרמירן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער איינקייט. ידין — וועלכער איז אינצווישנצייט געוואָרן דער באַראַטער פון זיכערהייטס־פראַגן פון לוי אשכולן, וועלכער האָט געגלויבט, אַז דורך דעם וועט ער צוריקגעווינען דעם צוטרוי פון ציבור — האָט געענטפערט מיט אַן אָפּזאָג. לויט זיין מיינונג זענען געווען נאָר צוויי פּאַסיקע קאַנדידאַטן אויפן אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער: יגאל אלון און משה דיין. צווישן זיי ביידע האָט ער באַפאָרצוגט דיינען. דאָס האָט ער געזאָגט אלונען אַליין, אשכולן און דיינען. דעם 30־טן מאַי איז ידין געפאָרן צו דיינען אין זיין הויז אין צהלה און האָט אים געזאָגט, אַז ער דאַרף זיך אַנשליסן אין דער רעגירונג

אַלס זיכערהייטס־מיניסטער. אויף דעם האָט דיין געענטפערט, אַז לויט זיין מיינונג וועט בן־גוריון זיין אַנטשידן קעגן דעם. דעריבער האָט ידין געבעטן דיינען ער זאָל מסכים זיין, אַז ער זאָל אים פּערזענלעך פּאָרלייגן, און נישט אַלס פאָרשטייער פון רפ״י, אין דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייניקייט, וואָס דאַרף אַנטשטיין. אויף דעם האָט דיין געגעבן אַ פּאָזיטיווע תשובה.

אין ידינס מיינונג וועגן אלון און דיין איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש. זייענדיק שעף פון גענעראַל־שטאַב האָט ידין באַפאָרצוגט אלונען פון אַלע שטאַנדפּונקטן. אין מאַי 1967 האָט ער געהאַלטן, אַזביידע זענען אין דער זעלבער מאָס פּעאיק צו פאַרנעמען דעם אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער. אָבער ער האָט אַנטשידן לטובת דיינען, „ווייל עס איז געשטאַנען די פראַגע פון מאָראַל פון פאָלק, און דאָס פאָלק האָט געוואָלט משה דיינען. וועגן דעם איז נישט געווען קיין שום צווייפל, פּונקט ווי עס איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז מען דאַרף פון אשכולן אַוועקנעמען דאָס זיכערהייטס־מיניסטעריום״.

גאָלדע מאיר, ווי דער גענעראַל־סעקרעטאר פון מפא״י און פילאר פון דעם בלאָק צווישן מפא״י און אחדות העבודה, האָט געטענהט, אַז מען קאָן שטאַרקן די אשכול־רעגירונג און באַנייען דעם צוטרוי פון ציבור צו איר אויך אָן טוישן דעם זיכערהייטס־מיניסטער און נישט שאַפנדיק אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייניקייט. איר קעגנערשאַפט צו דער אויסברייטערונג פון דער רעגירונג און הויפּטזעכלעך צום צוטריט פון רפ״י און צום איבערגעבן דאָס זיכערהייטס־מיניסטעריום דיינען, איז אַרויסגעפלאָסן פון מאָטיוון, וואָס האָבן גענומען אין באַטראַכט די טובה פון דער פּאַרטיי און פון אירע פּער־זענלעכע געפילן. זי האָט געגלויבט אין נצחון פון צה״ל און האָט נישט גע־וואָלט זיך טיילן מיט די פּרוכטן פון נצחון מיט אַנדערע פּאַרטייען און פּער־זענלעכקייטן. זי האָט אויך געהאָט אירע אייגענע מאָטיוון. זי האָט געגעבן אירע נאָענטע צו פאַרשטיין, אַז די פאַרשטאַרקונג פון דער רעגירונג קאָן מען אויך דערגרייכן דורך אינערלעכע שריט — למשל, דורך נאָמינירן זי אַלס וויצע־פּרעמיער צו אשכולן. איינע פון די אָנגעזעענסטע מפא״י־פּערזענלעכקייטן האָט שפּעטער געטענהט, אַז „גאָלדע האָט זיך געפילט טיף געטראָפן, וואָס אשכול האָט איר דאָס נישט פאָרגעשלאָגן און אַנדערע האָבן נישט געגעבן ענערגיש געווירקט אין דער ריכטונג, כדי איבערצוצייגן אשכולן אין דער נויטווענדיקייט, אַז זי זאָל זיין וויצע־פּרעמיער״. זלמן ארן האָט דאָס אָפּגעלייקנט.

ווי עס זאָל נישט זיין, איז גאָלדע מאיר געווען די אייינציקע פּעסטונג און צום סוף די לעצטע, וועלכע האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם צוטריט פון משה דיין אַלס זיכערהייטס־מיניסטער אין דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייניקייט. ווען אויך זי האָט זיך איבערצייגט, אַז מען קאָן נישט באַנייען דעם צוטרוי פון ברייטן ציבור צו דער רעגירונג פון לוי אשכול, נישט טוישנ־דיק דעם זיכערהייטס־מיניסטער, האָט זי זיך געשטעלט מיט דער גאַנצער

קראַפּט אויף דער זייט פון יגאל אלון. נאָך דעם ווי זי איז מיט דעם דורכ־געפאַלן, האָט זי אויסגעאיבט איר גאַנצן איינפלוס אויף אשכולן, כדי צו באַשטימען אלונען אַלס וויצע־פּרעמיער, און דאָס מאָל מיט הצלחה.

אשכולן איז נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. ער אליין, זעט אויס, האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט אויף ווי ווייט זיין פּערזאָן דערוועקט אַרום זיך אומזיכערקייט. ער האָט זיך נישט געכאַפּט וואָס מען וויל פון אים, ווען מען פאָדערט פון אים, אַז ער זאָל באַשטימען יגאל אלון אַלס פּריווילעגירטן געהילף פאַר זיכערהייטס־ענינים — און ער האָט אפילו געטראָגן כאַקי־בגדים און אים באַגלייט צו די זיצונגען פון גענעראַל־שטאַב און אויף אינספּעקציעס אין די מיליטערישע איינהייטן און זיך אַפילו געטראָפן מיט רעדאַקטאָרן פון טאָג־צייטונגען און דיפּלאָמאַטן ווי ער וואָלט געווען דער אַמטירנדיקער זיכערהייטס־מיניסטער — און דערנאָך דריקט מען אויף אים ער זאָל פאַר־עפנטלעכן, אַז ער איז זיין אָפיציעלער געהילף; און נאָך שפּעטער פאָדערט מען פון אים ער זאָל איבערגעבן דאָס זיכערהייטס־מיניסטעריום אלונען אָדער דיינען. און אויב דאָס אַלץ איז נישט גענוג, דערוואַרט מען פון אים ער זאָל מסכים זיין, אַז אַזאַ מעכטיקע פּערזענלעכקייט ווי גאָלדע מאיר זאָל ווערן זיין פאַרטרעטער. אשכול האָט פּרובירט צו מאַנעווורירן. איינמאָל האָט ער מסכים געווען צו נאָמינירן יגאל אלון, דערנאָך האָט ער געענדערט די שטעלונג און אַרויסגערוקט פאַרשידענע פאָרשלאָגן צו האַלטן אין זיינע הענט ביידע אַמטן, אָן געהילפן און אָן אַ פאַרטרעטער.

ביידע קאַנדידאַטן אויפן אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער, אלון און דיין, האָבן געהאנדלט גאַנץ פאַרשידנאַרטיק. אויך אלון איז געווען איבערצייגט, אַז מען דאַרף צונעמען דאָס זיכערהייטס־מיניסטעריום פון אשכולן. אין דער פראַגע איז נישט געווען קיין אונטערשיד צווישן אים און דיינען, אָבער אלון איז גרייט געווען צו זיין אַ געהילף פון אשכולן, אַ מין פּאַקטישער זיכער־הייטס־מיניסטער און אויף אַזאַ אופן „אריינגליטשן" זיך אין אַמט. דערנאָך האָט ער גאַנץ אָפן געפאָדערט פאַר זיך דאָס זיכערהייטס־מיניסטעריום. ער איז זייער טעטיק פאַר זיין נאָמינאַציע און שטעלט זיך שוין אפילו פאַר אַלס פאַקטישער פאַרטיידיקונגס־מיניסטער. אַזוי גליטשט ער זיך נישט מער, נאָר ווערט מיט כוח געשטופּט צום אַמט.

דיין, דאַקעגן, האָט אָנגעווענדעט דעם כלל — אַז די מלאכה פון אַ צדיק ווערט געטאָן דורך אַנדערע. ער דערווייטערט זיך פון די פּאַרטיי־אישע טעטיקייטס־צענטערן אין ירושלים און תל־אביב. דעם גרעסטן טייל פון דער צייט ווידמעט ער די באַזוכן ביי מיליטערישע איינהייטן. פון צייט צו צייט קומט ער פון נגב צו באַראַטונגען. אָבער ער שטעלט זיך נישט פאָר אַלס קאַנדידאַט אויפן אַמט פון זיכערהייטס־מיניסטער. ער אַליין פּסלט יעדן אַנדערן אַמט, וועלכן מען שלאָגט אים פאָר. ער וויל נישט זיין וויצע־פּרעמיער און נישט באַראַטער, אָדער געהילף. ווען אשכול

האָט אים דעם 31־טן מאַי געפרעגט צי ער וועט זיין גרייט צו זיין וויצע־פרעמיער אין דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייניקייט, אָדער וואָס פאַראַנדערן אַמט ער איז גרייט איבערצונעמען, האָט דיין געענטפערט: „דאָס איז אַ היפּאָטעטישע פראַגע, דעריבער וועט מיין ענטפער אויך זיין אַזעלכער. איך בין גרייט צו זיין פרעמיער, אָדער זיכערהייטס־מיניסטער, אָדער ביידע. אָבער אויב עס וועט מיר נישט געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו זיין דער ממונה איבער זיכערהייטס־ענינים, וויל איך מאָביליזירט ווערן אין צה״ל און דאָס נישט אין די ראַמען פון אַ פּאָליטישן משא ומתן. אין אַזאַ פאַל וועל איך זיין גרייט צו דערפילן א פונקציע, וואָס וועט אויף מיר אַרויפגעלייגט ווערן דורכן שעף פון גענעראַל־שטאַב״. אשכול האָט געפרעגט, „וואָס, צום ביישפּיל?״ און דיין האָט געענטפערט, „קאָמאַנדיר פון דרום־פראָנט, ווייל איך קען גוט דעם סיני און דעם מצרישן שונא. אָבער אין די ראַמען פון מיליטערישן דינסט וועל איך אויך זיין גרייט צו זיין אַ שאָפער פון אַ טאַנקעטקע״.

אין דער פאַזע האָט אשכול שוין מסכים געווען מוותר צו זיין אויפן זיכערהייטס־מיניסטעריום לטובת יגאל אלון. אָבער אין דיינס ענטפער האָט ער פלוצים פאַר זיך געזען אַ שאַנס פאַר א רעטונג. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דיינס ענטפער ווי ער וואָלט געפונען אַ גרויס פאַרמעגן. „אויב אַזוי האָב איך דיין הסכמה פאַר דעם אַמט? (קאָמאַנדיר פון דרום־פראָנט) און דיין האָט געענטפערט, „יאָ, אָבער דאָס האָט נישט קיין שייכות מיט דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייניקייט״.

דער דאָזיקער דיאַלאָג, וואָס ווערט געבראַכט אין בוך פון נקדימון „לקראת שעת האפס״, איז געשילדערט געוואָרן נאָך אַלעמען און ער איז געבייגט צו דיינס ווערסיע וועגן דעם געשפרעך. ווייל לויט אַן אַנדערער ווערסיע, פון אשכולן, האָט דיין מסכים געווען צו זיין קאָמאַנדיר פון דרום־פראָנט אָן אַנדערע באַדינגונגען. דעריבער האָט אשכול געמיינט, אַז אַלע זיינע פראָבלעמען זענען געלייזט געוואָרן ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע. ער האָט געגלויבט, אַז איצט וועט ער נישט דאַרפן מקיים זיין די הסכמה איבערצוגעבן דאָס זיכערהייטס־מיניסטעריום יגאל אלונען. ווייל אויב דיין וועט זיין קאָמאַנדיר פון מצרישן פראָנט, וועט זיך שטאַרקן די זעלבסטזיכערקייט ביים ציבור און דער צוטרוי צו דער רעגירונג און צו דער אַרמיי, און ער, אשכול, וועט קענען ווייטער האַלטן ביידע אַמטן. דעריבער האָט ער זיך צוגעאיילט און געמאָלדן זיינע חברים אין דער פאַרטיי־אָנפירערשאַפט און די פירער פון אַנדערע פאַרטייען, וועלכע פאָדערן די נאָמינאַציע פון משה דיין, אַז דאָס פראָבלעם איז געלייזט געוואָרן און אַז מען קאָן פאַרמירן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייניקייט — ווייל דיין אַליין האָט צוריקגעצויגן זיין קאַנדידאַטור און ער האָט געבעטן אַ מיליטערישן אַמט.

מיט אשכולן האָט דיין זיך געטראָפן צו אַן אַנטשיידנדיקן געשפרעך

וועגן זיין פונקציע אין דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייניקייט, נישט מעלדנדיק וועגן דעם פּאָרויס שמעון פּרסן, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון רפ״י, וועלכער אַרבעט מיזאַם פאַר זיין נאָמינאַציע אַלס זיכערהייטס־מיניס־טער. אפילו נאָכן געשפרעך האָט ער וועגן דעם נישט געמאָלדן דער פּאַרטיי.

די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען 4.30 נ. מ. און פּרס איז וועגן דעם כמעט צופעליק געוואָרן געוויר ערשט 11 אַזייגער ביינאַכט פון אברהם עופר, וועלכער האָט אים איבערגעגעבן, אין שליחות פון די מפא״י־פירער, אַז היות עס איז אָפּגערעדט געוואָרן מיט דיינען וועגן אַ מיליטערישן אַמט, איז אויפגעשוווּמען דער פאָרשלאַג, אַז פּרס זאָל אַריין אין דער רעגירונג אַלס מיניסטער פון רפ״י. פּרס האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג און ער איז אַוועק צו דיינען, כדי פון אים אַליין צו הערן וואָס עס האָט פּאַסירט. דיין האָט אים איבערגעגעבן זיין ווערסיע, אַז ער איז מסכים געווען צוריקצוגיין אין דער אַרמיי אַלס קאָמאַנדיר פון דרום־פראָנט, אָדער איבערנעמען יעדע אַנדערע פונקציע, וועלכע עס וועט אויף אים אַרויפלייגן דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, אָבער אָן שום פאַרבינדונג מיט דער שאַפונג פון דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייניקייט.

פאַרוואָס האָט דיין דאָס נישט דערציילט זיין פּאַרטיי באַלד פון אָנ־הויב? לויט זיינע רייד, ווייל ער האָט זיך געזען אַלס מאָביליזירטער, און די אָפּעראַטיווע פּראָצעסן פון דער אַרמיי זענען נישט קיין ענין פאַר אַ פּאַרטייאישער באַהאַנדלונג. די נאָמינאַציע פון דער אָדער אַנדערער פער־זאָן אויפן אַמט פון קאָמאַנדיר פון דרום־פראָנט איז נישט קיין טעמע פאַר באַהאַנדלונגען אין רפ״י, אָדער אין אַן אַנדערער פּאַרטיי. און ער האָט טאַקע געמאַכט אַ שטרענגע פונאַנדערטיילונג צווישןביידע ענינים און האָט דאָס אפילו דעמאָנסטרירט אויף אַ וויטיקלעכן אופן. פאַר איינער פון די באַראַטונגען פון די רפ״י־פירער, האָט זיך דיין געטראָפן מיט בן־גוריונען אויף אַ פּריוואַט געשפרעך און אים איבערגעגעבן סודות פון די מיליטערישע פּלענער. דאָס האָט ער געטאָן צוליב דעם אויסנאַם־שטאַנד פון דוד בן־גוריון. דערנאָך האָט בן גוריון אויף אַ זיצונג דערציילט די פירער פון רפ״י וואָס ער האָט געהערט פון דיינען וועגן די אָפּעראַטיווע אַלטער־נאַטיווע פּלענער פון צה״ל. ווען דיין האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך מיט כעס אויפגעשטעלט און דערקלערט, „איך בין נישט גרייט צו באַ־האַנדלען אויף אַ פּאַרטיי־פאָרום קיין מיליטערישע פּלענער״, און האָט מיט צאָרן פאַרלאָזט בן־גוריונס הויז. בן־גוריון איז געבליבן דערשיטערט, דער־שטוינט און פאַרשעמט און האָט געמורמלט אַנטשולדיקונגס־ווערטער צוליב דער מיספאַרשטענדעניש.

אין פלוג האָט דיין, מיט זיין הסכמה צוריקצוגיין צו אַ מיליטערישן אַמט, געהאַנדלט אין קעגנזאַץ צו די, וועלכע ווילן אים מאַכן פאַר זיכער־הייטס־מיניסטער און האָט שיעור נישט מצליח געווען זיי מכשיל צו זיין.

אָבער אַלע טריקן און מאַנעוורן האָבן נישט געקענט ראַטעווען אשכולן. די טאָג־טעגלעכע פאַרשטאַרקונג פון מצרישן כוח אין סיני אין אָנבליק פון די וואַקלונגען און דער נישט אַנטשלאָסנקייט פון דער אשכול־רעגירונג האָט געשאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, וואָס פאָדערט די נאָמינאַציע פון משה דיין אַלס זיכערהייטס־מיניסטער, ווייל נאָר דורך דעם וועט באַגייט ווערן די זעלבסטזיכערקייט פון ציבור און זיין גלויבן אין דער אַרמיי. אויך אין סעקרעטאַריאַט און אין צענטראַל־קאָמיטעט פון מפא״י האָט זיך געשאַפן און אויסקריסטאַליזירט אַ מערהייט, וואָס האָט געפאָדערט זיין נאָמינאַציע. גאָלדע מאיר איז געבליבן אין אַ מינדערהייט מיט איר קעגנער־שאַפט. אין דער מפא״י־פראַקציע אין דער כנסת, איז די אונטערשטיצונג פאַר דיינען געווען אַזוי גרויס, אַז דער פאָרזיצער פון דער פראַקציע, וועלכער האָט איינגעלאַדן אשכולן אויפצוקלערן זיין שטעלונג, האָט אים געזאָגט, אַז אין דער פראַקציע „קאָן אויסברעכן אַן אויפשטאַנד". אויף אַ זיצונג פון דער פראַקציע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 30־טן מאַי, האָט דער פאָר־זיצער פון דער כנסת, קדיש לוז, געזאָגט, אַז „זיי פאָדערן דיינען, איך האַלט, אַז דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס וועט קענען באַרואיקן דעם ציבור".

צום סוף האָט די סימפּאַטיע פון די חיילים צו דיינען, די טעטיקייט פון די פרויען און הויפטזעכלעך די אַנטשלאָסענע שטעלונג פון דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער פאַרטיי און פון בלאָק חירות־ליבעראַלן, די מערהייט אין מפא״י גופא און די מיזאַמע און פלייסיקע טעטיקייט פון גענעראַל־סעקרעטאַר פון רפ״י שמעון פרס, און אויך די שטיצע פון יגאל ידין, אַן אומפּאַרטייאישער מענטש, ווייט פון פערזענלעכע חשבונות — דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ דרוק, וועלכן לוי אשכול און משה דיין קענען זיך נישט אַנטקעגנשטעלן. אַ שטאַרקן איינדרוק מאַכט אויף אשכולן די באַגעגעניש מיט די פאַרשטייער פון בלאָק חירות־ליבעראַלן, בעת וועלכער עס זאָגט אים מנחם בעגין: „הער פרעמיער־מיניסטער, איר קענט פאַראייניקן אַרום זיך דאָס גאַנצע פאָלק אין פאַרלויף פון אַ האַלבער שעה, אויב איר וועט מסכים זיין צו דער נאָמינאַציע פון משה דיין אַלס זיכערהייטס־מיניסטער". נאָך דער באַגעגעניש באַשליסט אשכול, לויט זיינע רייד, „אַראָפּצושלינגען דעם ביין" און ער זאָגט צו דער געשיכטע: „מאַך עס גיכער".

דאָנערשטיק דעם 1־טן יוני אין אָוונט האָט ער איינגעלאַדן משה דיינען און אים פאָרגעלייגט זיך אָנצושליסן אין דער רעגירונג אַלס פאַרטיידי־קונגס־מיניסטער. דיין האָט אים גלייך געפרעגט צי ער איז איינגעלאַדן פערזענלעך, אָדער אַלס פאָרשטייער פון רפ״י. איןביידע פאַלן איז זיין ענטפער אַ פּאָזיטיווער, אָבער אין צווייטן פאַל וועט ער דאַרפן רעזומירן מיט רפ״י. אשכולס ענטפער איז געווען: „איך לאַד דיך איין אַלס פאַר־שטייער פון רפ״י, אָבער אויב רפ״י וועט אָפּוואַרפן מיין פאָרשלאָג, לאַד איך דיך איין פערזענלעך".

דאָס מאָל זענען די ענינים געמאַכט געוואָרן געהעריק. דער סעקרע־טאַריאַט פון רפ״י האָט געשיקט פאָרשטייער צו פירן געשפּרעכן מיט אשכולן. ער האָט געבעטן צו געבן אַן ענטפער נישט שפּעטער ווי ביז 10 אַזייגער אין אָוונט, צי רפ״י איז גרייט צוצוטרעטן צו דער רעגירונג פון נאַציאָ־נאַלער אייניקייט, אין וועלכער משה דיין וועט זיין דער זיכערהייטס־מיניסטער. בעת די באַראַטונגען פון דער רפ״י־אָנפירערשאַפט, וואָס זענען שפּעטער פאָרגעקומען אין בן־גוריונס הויז, האָט שמעון פּרס אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן די אונטערהאַנדלונגען מיט אשכולן און האָט געבעטן די חברים צו באַשטעטיקן דאָס אָנשליסן זיך פון רפ״י אין דער רעגירונג פון נאַציאָנאַ־לער אייניקייט. די מערהייט אָנטיילנעמער אין דער באַראַטונג האָט גע־שטיצט פּרסן. נאָר צוויי האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט: בן־גוריון, וועלכער פאַרדעקט זיין קעגנערשאַפט מיט אַן אוממעגלעכן הסכמה־פאָרשלאָג — „איך בין דערפאַר, אַז רפ״י זאָל מסכים זיין צו נאָמינירן דיינען אַלס פאַר־טיידיקונגס־מיניסטער. איך שלאָג אָבער פאָר, אַז צוזאַמען מיט דעם זאָל רפ״י מודיע זיין אשכולן, אַז ער זאָל אָפּטרעטן פון פּרעמיער־אַמט און זאָל ווערן דער פאַרטרעטער פון משה דיין, וועלכער זאָל ווערן פּרעמיער״. און יוסף אלמוגי, וועמענס קעגנערשאַפט איז אַ קאַטעגאָרישע: „אַזאַ אָנשליסן זיך אין דער רעגירונג וועט זיין אַן אָפּלייקענונג פון אונדזער אויפֿפאַסונג און דער אויפפאַסונג פון בן־גוריון, אַז אשכול דאַרף אַוועקגיין. דאָס צו־טרעטן צו דער רעגירונג באַדייט אידענטיפיצירן זיך מיט אשכולן״. אויב בן־גוריון האָט געשאַפן די רפ״י נאָר כדי צו באַזייטיקן אשכולן צוליב דעם חטא פון דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע, האָט ער געליטן אַ שווערע מפּלה און ער אַליין איז געבליבן אין אַ מינדערהייט אין דער פאַרטיי, וועלכע ער האָט געגרינדעט מיט אַ מינדערהייט פון מפא״י.

אָבער דעם אָוונט, דעם 1־טן יוני, איז בן־גוריון געווען פאַראייניזאַמט ווי נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן. אַלע האָבן געשטימט פאַר אָנשליסן זיך פון רפ״י אין דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייניקייט, אַ חוץ דריי, וועלכע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען: בן־גוריון און צוויי פון זיינע חסידים. דיין האָט געפילט די איינזאַמקייט פון דעם אַלטן. ער האָט זיך געוואָנדן צו אים און אים דערמוטיקט מיט אַ דערקלערונג, אַז ער וועט זיך נויטיקן אין זיין עצה און שטיצע. לויטן פּראָטאָקאָל האָט זיך צווישן זיי אַנטוויקלט פאָלגנדיקער דיאַלאָג:

דיין: „איינער פון די צילן פון מיין אַריינטריט אין דער רעגירונג איז די האָפענונג, אַז בן־גוריון וועט זיין גרייט צו זיין מיט מיר בעת אַלע שווערע אַנטשיידונגען פאַר וועלכע מיר וועלן שטיין...״

בן־גוריון: „משה, איך לאַד דיך איין קיין שדה־בוקר״.

דיין: „איך בין דער זיכערהייטס־מיניסטער און אויב איך וועל דיר

באַפעלן צו זיין דאָ אין אַ שעת חירום, נעם איך אָן, אַז דו וועסט נישט פאַרלעצן דעם באַפעל".

בן־גוריון: „מען קאָן קומען קיין שדה בוקר מיט אַן עראָפּלאַן".

דיין: „איך נעם אָן, אַז דו וועסט מיט מיר מסכים זיין, אַז דער זי־כערהייטס־מיניסטער וועט זיין דער, וועלכער וועט באַשליסן צי מען קאָן זיך באַנוצן מיט עראָפּלאַנען".

צום סוף האָט דיין געזאָגט, „איך וועל קומען צו דיר בייטאָג און בייַ־נאַכט, אויב דו וועסט זיין צו דעם גרייט". און הגם די רייד זענען געזאָגט געוואָרן מיט הומאָר און גוטמוטיק, האָט מען פון דעם דיאַלאָג וואר עס וועט קומען צו וועמען אַרויסגעפּילט אַ טאָן פון אָנערקענען דעם אייגענעם ווערט און זעלבסט־כבוד. עס איז אַ פאַקט, אַז דיין האָט נישט געפרעגט קיין עצות ביי בן־גוריונען נישט בעת דער מלחמה און נישט נאָך איר.

אָננעמענדיק מיט זיכערקייט, אַז ער וועט באַקומען אַ פּאָזיטיווע תשובה פון רפ"י, האָט אשכול צונויפגערופן אַ זיצונג פון דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער אייניקייט אויף 8 אַזייגער אינאָוונט. די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו באַפרייען אים פון זיכערהייטס־מיניסטעריום, אויף זיין בקשה, און באַשטימען אויף זיין אָרט משה דיינען. דיין אַליין האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער זיצונג פון דער רעגירונג ערשט נאָך דער אָפּשטימונג אין רפ"י, וואָס איז פאָרגעקומען ביי 12 אַזייגער ביינאַכט. די דעבאַטע איבער דער לאַגע אויף דער ישראל־מצרישער גרענעץ האָט די רעגי־רונג איבערגעפירט צו דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר זיכערהייטס־ענינים, וואָס האָט דאָס געדאַרפט באַהאַנדלען צומאָרגנס דעם 2־טן יוני.

די ערשטע זיצונג פון דער רעגירונג, אין וועלכער דיין האָט זיך באַטייליקט פון אָנהויב ביזן סוף, איז פאָרגעקומען פּרייטיק אין גענעראַל־שטאַב, און איז אינגאַנצן געווען געווידמעט די באַריכטן פון שעף פון גענעראַל־שטאַב יצחק רבין, שעף פון אינפאָרמאַציע־דינסט אלוף אהרון יריב און קאָמאַנדיר פון לופט־פלאָט, אלוף מרדכי הוד. פאַר דיינען איז דאָס געווען אַ לערן־זיצונג.

זונטיק דעם 4־טן יוני איז זיך צונויפגעקומען די רעגירונג און האָט באַפולמעכטיקט די אויסגעברייטערטע מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר זיכער־הייטס־ענינים אַרויסצוציען די מסקנות פון דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אויף דער מצרישער גרענעץ. און אַזוי — אין צוזאַמענשטעל פון אַ קריגס־קאַבינעט — האָט זי באַשלאָסן אָנצוהויבן די מלחמה.

און אַזוי האָבן זיך פאַרענדיקט די וואַקלעניש, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 21־טן מאַי, צווישן אַ דיפּלאָמאַטישן אָנשטרענג און דער אָנווענדונג פון מיליטערישן כוח, צווישן דעם פּרווו צו עפענען די אילת־בוכטע מיט דער הילף פון אַ פיל־נאַציאָנאַלן ים־פלאָט פון די ים־מאַכטן מיט די פאַראייניקטע שטאַטן בראש, און אַ מיליטערישער אַקציע פון

צה״ל. דיינס שטעלונג לטובת אַ מלחמה איז געווען ווי זעלבסטפאַר־שטענדלעך און מיט זיין אַריינטריט אין דער רעגירונג האָט ער געפאָ־דערט גלייך אָנצוהויבן דעם קריג. אין דער צייט, ווען פריער זענען די מיינונגען אין דער רעגירונג געווען געטיילט און אויף דער זיצונג פון דער רעגירונג דעם 27־טן מאַי, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, האָט זיך געשאַפן אַ סיטואַציע פון 9 קעגן 9 — איז נאָך דעם ווי דיין איז געוואָרן זיכערהייטס־מיניסטער, אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אויף אַ קלאָרן און אומצווייטייטיקן אופן. חוץ די צוויי מיניסטאָרן פון מפ״ם, וועלכע זענען געווען קעגן, האָבן אַלע מיניסטאָרן געשטימט פאַר אַ מיליטערישער אַקציע. עס זעט אויס, אז זיין נאָמינאַציע האָט געענדערט די שטימונג און עס איז געווען לייכטער אָנצונעמען דעם באַשלוס.

פאַרוואָס האָט דאָס פאָלק געוואָלט דווקא דיינען? זיכער נישט צוליב זיין האַלטונג אַלס פּאָליטיקער אין די צען יאָר, וואָס זענען פאַרביי זינט ער האָט פאַרלאָזט די אַרמיי. פאַקטיש, צווישן די פיר קאַנדידאַטן, וועלכע מען האָט באַטראַכט אַלס דערפאַרענע אין מלחמה־ענינים — בן־גוריון, ידין, אלון און דיין — האָט מען אים באַפאָרצוגט. בן־גוריון אַליין האָט זיך אַריינמאַנעווורירט אין אַ פּאָליטיש־פּאַרטייאישער פּאָזיציע, וואָס האָט געמאַכט זיין קאַנדידאַטור איינגאַנצן נישט רעאַל. צווישן די דריי איבעריקע זענען ידין און אלון געווען מיליטער־לייט מיט אַ דערפאַרונג פון 1948, בעת דיין האָט געהאַט דעם פאָרטייל, וואָס ער האָט געקענט צה״ל און געהאַט די דערפאַרונג פון דער סיני־מלחמה אין 1956.

נאָך מער, דיין האָט זיך איינגעקריצט אין באַוווסטזיין פון פאָלק אַלס געשטאַלטער און מנהיג פון קעמפערישן צה״ל, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ קאַמפּס־גייסט. אין באַוווסטזיין פון ברייטן ציבור איז ער געווען דער קעמפער בומער איינס פון ישראל.

דיינס הויפּט־ביישטייער צו דעם וווּנדערבאַרן נצחון איבער די אַר־מייען פון מצרים, ירדן און סיריע, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט צוריקגעקערט צה״ל די זעלבסטזיכערקייט. אין דער מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 5־טן יוני, איז צה״ל אַריין מיט אַ זעלבסטזי־כערקייט און גלויבן אין זיין נצחון. די ביישטייערונג פון דיינען צו דער מאָראַל פון מיליטער און פון דער ציווילער באַפעלקערונג האָט איבער־געשטיגן אַלע דערוואַרטונגען.

עס איז שווער צו דערקלערן ווי אַזוי דיין האָט צוריקגעקערט דער אַרמיי די זעלבסטזיכערקייט. די אויפקלערונג ליגט אין אויסגעדראָשענע ווערטער ווי מנהיגות, פּערזענלעכער שאַרם, כאַריזמע. לויט אלוף עזר וויצמאַן, וועלכער איז דאַן געווען שעף פון דער אָפּעראַטיווער אָפּטיי־לונג אין גענעראַל־שטאַב, האָט אין דער געדריקטער שטימונג פון מאַנגל אין אַן אָנפירערשאַפט מצד אשכול, „וועלכער האָט זיך אַרומגעדרייט ווי

אַ געשפּעגסט", און דער שוואַכקייט פון שעף פון גענעראַל־שטאַב (רבין), דיין זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גוטמוטיקער אַנטשלאָסנקייט. „די גרויס־קייט פון דיינען איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געקומען אין גענעראַל־שטאַב מיט אַ שמייכל, מיטן אויג, מיט זיינע טיפע קענטעניש". לויט ווייצמאַנען האָט דיין געקענט דעם שטח און די כוחות נישט ווייני־קער ווי די מענטשן פון גענעראַל־שטאַב.

אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 3־טן יוני, האָט דיין אָפּגעוואָרפן די אילוזיע וועגן אַ פּיל־נאַציאָנאַלן כוח פון די ים־גרויסמאַכטן און אַז דאָס אַמעריקאַנער מיליטער וועט אינטערווענירן לטובת ישראל. פון דעם שטאַנדפּונקט האָט מען צום ערשטן מאָל געהערט אין זומער 1967 קלאָרע און אַנטשלאָסענע ווערטער פון אַ ישראל־מיניס־טער: „איך דערוואַרט נישט און וויל נישט, אַז עס זאָל ווער קעמפן און דערהרגעט ווערן פאַר אונדז. דאָס איז זייער קלאָר".

דיין האָט, אַלזאָ, דעמאָנסטרירט זיין זיכערקייט, אַז צה"ל אַליין איז אימשטאַנד זיך אַן עצה צו געבן מיט דער מצרישער אַרמיי. און ווען מען האָט אים געפרעגט, „צי ער נעמט אין באַטראַכט די געפאַר, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה קענען די מצרים זיך באַנוצן מיט ווייט־דיסטאַנסיקע ראַקעטעס?" — האָט ער געענטפערט: „זאָלן זיי פּראָבירן".

די מלחמה־אויפפאַסונג פון דייענען איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע ווי פון לוי אשכול, און אויך דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף דער באַניי־אונג פון דער זעלבסטזיכערקייט פון מיליטער און אַן אַנטשיידנדיקע השפעה אויף פירן די מלחמה. אשכולס שטעלונג איז געווען, אַז אויב די דיפּלאָמאַטישע באַמיאונגען וועלן דורכפאַלן, זאָל צה"ל דערלאַנגען אַ קלאַפּ דער מצרישער אַרמיי אויף איין פראָנט־אָפּשניט, אין די פאָדערש־טע פּאָזיציעס פון סיני, אָדער אין עזה און אים האַלטן ביז די מצרים וועלן צוריק עפענען די טיראַנא־אילת־בוכטע. עס איז בכלל נישט געווען קיין רייד וועגן אַ טאָטאַלער מלחמה. אַזוי האָבן די ערשטע פּלענער פון צה"ל נישט גערעדט וועגן טעריטאָריאַלע דעראָבערונגען צוליב אָקופּאַציע־צוועקן, נאָר וועגן פאַרנעמען אַ שטיק שטח אלס קאָרט אין די פאַרהאַנד־לונגען, וואָס וועלן קומען נאָך דער מלחמה, וועלכע וועט דויערן אַ טאָג־צוויי. דאָס הייסט, פאַרנעמען אַ באַגרענעצטע טעריטאָריע, וועלכע צה"ל וועט באַפרייען נאָר פאַר אַן אָנגעמבאַרער רעגולירונג פון דעם סכסוך. אַלזאָ, אויב די ערשטע פּלענער האָבן געטראָגן אַן אַגרעסיוון כאַראַקטער, זענען זיי פאָרמירט געוואָרן אין די ראַמען פון אַ פאַרטיידיקונג.

די דרום־קאָמאַנדע און דער גענעראַל־שטאַב האָבן געהאַט אַן אַל־טערנאַטיוון פּלאַן — צו פאַרנעמען אַ גרעסערן שטח, וואָס זאָל זיין אַ פאַרהאַנדלונגס־קאָרט. עס איז, אַלזאָ, געווען אַ „באַגרענעצטער פּלאַן", פאַר וועלכן עס זענען געווען דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, יצחק רבין

און די אשכול־רעגירונג פאַרן אַריינטריט פון משה דיין, און אַ „ברייטער פּלאַן", וועמענס גרענעצן עס זענען נישט דערגאַנגען ווייטער ווי צו דער העלפט פון סיני.

עס זעט אויס, אַז דער עצם אַריינטריט פון משה דיין אין דער רעגי־רונג אַלס זיכערהייטס־מיניסטער, האָט איבערגעוויגן די וואָגשאָל לטובת דעם „ברייטן פּלאַן". אין אַן אינטערוויו, וועלכן עס האָט דערטיילט אלוף ישעיהו גביש, דער דעמאָלטיקער קאָמאַנדיר פון דרום־פראָנט, דער צייטונג „ידיעות אחרונות", האָט ער דערציילט:

„איך האָב באַקומען אַ מעלדונג פון שעף פון גענעראַל־שטאַב צו קומען און פאָרשטעלן דעם טעטיקייטס־פּלאַן פון דער דרום־קאָמאַנדע. מען האָט מיר געזאָגט אין נאָמען פון יצחק רבין, אַז איך וועל דאַרפן אויך פאַר אים פאָרשטעלן דעם פּלאַן. איך האָב אים געזאָגט (רבינען), אַז איך בין געזעסן אינאָוונט און איך האָב אָפּגעשאַצט די לאַגע און איך האָב אַ פּלאַן, וואָס אונטערשיידט זיך פון דעם באַגרענעצטן פּלאַן, און אַז דער בייער פּלאַן (דער ברייטער) ווערט געשטיצט דורך די קאָמאַנדירן פון די אַרמייען.

„רבין האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל פאַרלייגן דעם באַגרענעצטן פּלאַן. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל ברענגען אויך דעם ברייטן פּלאַן און ער איז מסכים געווען. 7 אזייגער אינאָוונט (פרייטיק דעם 2־טן יוני) האָב איך פאָרגעשטעלטביידע פּלענער און דערנאָך איז אַריינגעקומען דער זיכערהייטס־מיניסטער. ער האָט געפרעגט: שעף פון גענעראַל־שטאַב, האָסט אַ פּלאַן? לייג אים פאָר. (נאָך אַ ווערסיע וועגן דער ערשטער אָפּעראַטיווער פראַגע פון דיין). דער שעף פון גענעראַל־שטאַב האָט מיר פאַראָרדנט פאָר־צולייגן דעם פּלאַן. איך האָב אים געפרעגט, וועלכן פון ביידע פּלענער פאָרלייגן דעם פאַרטיידיקונגס־מיניסטער. יצחק רבין האָט מיר געענט־פערט: דעם צווייטן. איך האָב פאָרגעלייגט דעם ברייטן פּלאַן".

אָבער נישט נאָר אין דער פראַגע פון פאַרנעמען אַ ברייטן שטח איז געווען אַן אונטערשייד, אָדער אַפילו אַ קעגנזאַץ צווישן די אויפפאַסונגען פון אשכול און דיין. שוין אויף דער זיצונג פון דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר זיכערהייטס־ענינים, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר דער זיצונג מיטן גע־נעראַל־שטאַב און דער דרום־קאָמאַנדע, האָט דיין אויפגעקלערט, אַז לויט זיין מיינונג איז די פאַרניכטונג פון מצרישן מיליטער וויכטיקער ווי דאָס פאַרנעמען שטחים. אין דער הינזיכט איז אויך געווען אַ חידוש אין זיין שטעלונג. ווייל אין דער סיני־אַקציע אין 1956, האָט ער אויפגעקלערט, אַז מען דאַרף נאָר איינברעכן דעם מצרישן מיליטערישן כוח און נישט דערהרגענען די זעלנער. אין זיין „טאָגבוך פון דער סיני־אקציע", האָט ער געשריבן, אַז ער האָט „אַ סך מאָל גערעדט מיט בן־גוריונען. עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן נישט קיין אינטערעס צו פאַרניכטן די כוחות פון שונא, ווי דאָס איז אָנגענומען ביים באַשטימען די מלחמה־צילן און עס איז בעסער,

אַז עס זאָל פֿאַרגאָסן ווערן ווייניקער בלוט, אויף וויפֿל דאָס איז נאָר מעגלעך". אין 1967 האָט ער געהאַלטן פֿאַרקערט. בעת זיינע אינספעקציעס אין די צה"ל־איינהייטן איידער ער איז געוואָרן פֿאַרטיידיקונגס־מיניסטער, האָט ער געזאָגט צו די קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן אים אויפגענומען, אַז ווען ער וואָלט ווידער געווען שעף פֿון גענעראַל־שטאַב, וואָלט ער ווידער אַרויסגעגעבן דעם זעלבן באַפֿעל, וואָס בעת דער סיני־אַקציע, אָבער מיט איין אָרטאָגראַפֿישער ענדערונג. אָנשטאָט די צוויי „ט" אין דעם וואָרט למוטט (איינברעכן) די מצרישע ארמיי אין סיני, זאָלן זיין צוויי „ת" — למותת (אָוועקהרגענען).

א צווייטע ענדערונג, וואָס דיין האָט אַריינגעטראָגן אין פּלאַן פֿון גע־נעראַל־שטאַב, איז געווען די פֿאָדערונג וועגן אַ קאָמאַנדאָ־כוח צו דעראָבערן די אילת־בוכטע.

דיין דער זיכערהייטס־מיניסטער האָט זיך אונטערשיידט פֿון דיינען דעם שעף פֿון גענעראַל־שטאַב. אין די צען יאָר, וואָס זענען פֿאַרביי, זענען אים שיטער געוואָרן די האָר אויפֿן קאָפּ און זיין שטערן האָט זיך פֿאַראיי־ניקט מיטן פּליך אין מיטן קאָפּ, זיינע לענדן זענען געוואָרן ברייטער און דער בויך בולטער. אָבער מער ווי אין זיין אויסערלעכן אויסזען, האָבן מיליטערלייט פֿעסטגעשטעלט אַן ענדערונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין זיין אויפֿפֿירונג. דאָס איז נישט מער געווען דער דיין, וועלכער רייסט זיך פֿאָרויס און שלעפּט מיט זיך נאָך אין אַ גאַלאָפּ פּערזאָנען, וועלכע זענען פֿון אַ העכערן פֿון אים ראַנג. אַן איבערגעטריבענע פּילבאַרקייט כלפּי דער עפֿנטלעכער מיינונג אין דער וועלט און פֿאָרזיכטיקייט אין די מיליטערישע שריט האָבן כאַראַקטעריזירט זיין מלחמה־פֿירונג. כמעט בעת אַלע פּאַוזעס פֿון דער 6־טאָגיקער מלחמה, איז ער געווען ווי אַ טאָרמאָז פֿון צה"ל, וואָס איז אים אונטערליגן און סיי פֿון דער רעגירונג פֿון נאַ־ציאָנאַלער איינהייט פֿאַר וועלכער ער איז געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך.

דאָס איז געקומען צום אויסדרוק נאָך איידער עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה. בעת דער דעבאַטע איבערן פּלאַן, וועלכן עס האָט פֿאָרגעלייגט אלוף גביש, האָט זיך דערוועקט די שאלה ווי ווייט די כוחות וועלן זיך רוקן פֿאָרויס. אין די פֿריערדיקע פּלאַנירונגען האָט מען גערעדט וועגן ראַיאָן פֿון דזשאבעל ליבני אַלס גרענעץ־ליניע. מיטן באַשטעטיקן דעם „ברייטן פּלאַן" און דעם באַפֿעל צו פֿאַרניכטן די גאַנצע מצרישע אַרמיי, איז געווען נויטיק אַן אַנדערע אָפּשטעל־ליניע. דער גענעראַל־שטאַב האָט געהאַלטן, אַז דער סועץ־קאַנאַל איז אַ נאַטירלעכע ליניע. אָבער דיין איז געווען קעגן דעם. „וואָס זוכט איר אין סועץ? דאָס איז אַ פּאָליטישע משוגעת", האָט ער געזאָגט צום שעף פֿון גענעראַל־שטאַב און האָט פֿעסט־געשטעלט די בערג־דורכגענג — ביי מיטלע און דזשידי — אַלס איינהאַלט־ליניע, צווישן 20 און 40 ק"מ מזרחדיק פֿון קאַנאַל. דאָס איז בערך געווען

די ליניע בנוגע וועלכער עס איז געקומען צו אַ הסכם צווישן פראַנקרייך, ענגלאַנד און ישראל בעת דער סיני־אַקציע. אין זיין זכרון איז נאָך געווען פריש די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע קאַמפּאַניע נאָך דער סיני־אַקציע. דאָס מאָל האָט ער מורא געהאַט פאַר אַ שווערן אינטערנאַציאָנאַלן דרוק, אין פאַל ווען צה״ל־איינהייטן וועלן זיך געפינען אויפן מזרח־ברעג פון סועץ־קאַנאַל. דאָס האָט ער געוואָלט פון פאָרויס אויסמיידן. ער האָט אויך געהאַט אַנדערע נישט ווייניקער וויכטיקע סיבות. לויט משה גלבוע, אין זיין בוך „6 יאָר — 6 טעג״, וואָס ברענגט אַ קאָמפּעטענטע ווערסיע פון לוי אשכול וועגן דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען פאַר און בשעת דער מלחמה, האָט דיין נישט געגלויבט, אַז די מצרים וועלן זיך מודה זיין, אַז זיי זענען באַזיגט געוואָרן אין דער שלאַכט. ער איז געווען ביי דער מיינונג, אַז זיי וועלן פאָרזעצן די מלחמה. ער האָט געטענהט, אַז „אויב צה״ל וועט דערגיין ביז צום קאַנאַל, וועט זיך די מלחמה קיינמאָל נישט ענדיקן. די מצרים וועלן נישט קענען שלום מאַכן מיט דעם, אַז צה״ל־כוחות געפינען זיך אויפן ברעג פון סועץ־קאַנאַל. אויך די סאָוויעטן וועלן מיט דעם נישט משלים זיין. אפשר וועלן זיי אינטערוועניר‌ן מיט אומדירעקטע מיליטער־רישע מיטלען״. דיין האָט אויפגעקלערט, אַז דער סועץ־קאַנאַל איז וויכטיק פאַרן פּרעסטיזש, ווירטשאַפט און מאַכט פון אבדול נאַצער. דער קאַנאַל איז אויך וויכטיק פאַר דער ים־באַפעסטיקונג פון די סאָוויעטן און זייערע פאַרבינדונגען מיט תימן און וויעטנאַם. דעריבער האָט ער געטענהט צו זיינע חברים אין דער רעגירונג: „ווער עס היט דאָס לעבן, דאַרף זיך דערווייטערן פון קאַנאַל. אויב מיר וועלן דערגיין צום קאַנאַל, וועט זיך נאַצער אָפּזאָגן אָפּצושטעלן דאָס פייער און די מלחמה וועט דויערן יאָרן״.

ווי עס האָט פּאַסירט, האָט זיך די מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן דעם 5־טן יוני אַנטוויקלט אויף אַן אַנדערן אופן ווי דאָס האָבן פאָרויסגעזען דיין און אַנדערע. זי האָט פאַקטיש געדויערט נאָר פיר טעג — און איר גורל איז אַנטשידן געוואָרן אין דער ערשטער העלפט פון 5־טן יוני, דורך פאַרניכטן דעם מצרישן לופט־פלאָט אין פאַרלויף פון 3 שעה דורך דער ישראל־אוויאַציע און דורך דעם דורכברוך פון דער פאַנ־צער־אַרמיי פון אלוף ישראל טל אויף דעם באַפעסטיקטן פראָנט־אָפּשניט רפיח—על אריש — — און נישט צוויי וואָכן און אפילו דריי וואָכן, ווי דיין האָט דאָס אָפּגעשאַצט ערב דער מלחמה. נאָך מער. באַלד אין ערשטן טאָג איז קלאָר געוואָרן, אַז די קרבנות פון ישראל זענען פיל קלענער ווי מען האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן און צוליב דעם צוזאַמענברוך און שנעלן אַנטלויפן פון דער מצרישער אַרמיי זענען בטל געוואָרן די סיבות פאַר איר פאַרניכטונג אין די שלאַכטן. פאַרקערט, נאָך דריי קאַמפּס־טעג, האָט צה״ל אָנגעהויבן העלפן די בלאָנדזשענדיקע מצרים איבערצושרייטן דעם מדבר און צוריקקערן קיין מצרים.

דער מאַרש פון צה״ל איז געווען אַזאַ שנעלער, אַז אויפן דריטן טאָג פון דער מלחמה האָט זיך געשאַפן אַ פאַלשער איינדרוק אין גענעראַל־שטאַב, אַז דער צפונדיקער פליגל פון גענעראַל טלס אַרמיי האָט דער־גרייכט דעם סועץ קעגנאיבער קאַנטאַראַ. דיין האָט באַפוילן, אַז דער כוח זאָל זיך צוריקציען צו דער איינהאַלט־ליניע אין ראָמני. אָבער פאַקטיש האָבן די צה״ל־אָפטיילונגען נישט איבערגעשריטן די דאָזיקע ליניע, און במילא איז נישט געווען נויטיק זיי צוריקצוציען. אָבער דער באַפעל אַזוי צו טון ווייזט אָן אויף זיין פאָרזיכטיקן צוגאַנג.

ערשט דעם 7־טן יוני האָט ער געענדערט זיין פאַרבאָט און באַשטע־טיקט דעם פאָרויסמאַרש ביזן סועץ־קאַנאַל, זעט אויס, אונטערן דרוק פון דעם פאָרשריט פון דער אַרמיי. ווייל נאָך דער מלחמה האָט געזאָגט דיין, לויט גלבוע, „איך האָב נישט געוואָלט בשום אופן דערגיין ביזן סועץ, איך האָב אַרויסגעגעבן אַ באַפעל זיך אָפצושטעלן אויף אַ געוויסן מרחק פון קאַנאַל. דאָס מיליטער האָט מיך געשטעלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט״. אָבער עס זעט אויס, אַז ער איז אויך באַאיינפלוסט געוואָרן פון די אַרגו־מענטן פון גענעראַל־שטאַב, אַז די וואַסער־ליניע איז די באַקוועמסטע פאַר־טיידיקונגס־ליניע אויפן האַלב־אינדזל און דאָס פעסטשטעלן אָן אַנדערע פראָנט־ליניע וועט אָפּהאַלטן די אַנטשיידונג און די פאַרענדיקונג פון דער מלחמה.

צוליב דער פאָרזיכטיקייט האָט דיין אָפּגעלייגט מיט אַ טאָג דעם אַנגריף אויף עזה.

אויך נאָך דעם ווי עס איז קלאָר געוואָרן דעם 5־טן יוני אינדערפרי, אַז צה״ל האָט אָן איבערמאַכט אין סיני, האָט ער זיך געהאַלטן ביי זיין מעסיקער טאַקטיק און האָט פאַרבאָטן דער צענטראַלער קאָמאַנדע אָנצו־הייבן אָן אָנגריף, הגם ירדן האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער מלחמה אויף דער זייט פון מצרים און האָט געעפנט אַ פייער אויף ירושלים. צוערשט האָט ער געוואָלט אויסמיידן קאָמפּליקאַציעס אויףביידע פראָנטן און ער האָט פאַראָרדנט דעם אלוף עוזי נרקיס „צו קריצן מיט די ציין און נישט בעטן קיין צוגאָב־כוחות פון גענעראַל־שטאַב״. אלוף נרקיס האָט אויסגע־דריקט די מורא, אַז אין אַזאַ פאַל וועלן די ירדנער איינגעמען דעם הר הצופים און דעם קאַסטעל. דיין האָט געצווייפלט צי עס וועט טאַקע אַזוי געשען, אָבער ער האָט צוגעגעבן, אַז אויב עס וועט טאַקע אַזוי זיין, ווייל ער צוערשט פאַרענדיקן די מלחמה אין סיני און דערנאָך וועט פאַר־שטאַרקט ווערן דער צענטראַלער פראָנט און „מיר וועלן צוריקנעמען דעם הר הצופים און קאַסטעל״. גלייכצייטיק האָט ער גענומען אין אַכט, אַז די מלחמה וועט געפירט ווערן אויך קעגן ירדן, און דעריבער האָט ער באַפוילן צו שיקן די פאַנצער־בריגאַדע „הראל״ אונטער דער קאָמאַנדע פון אלוף־משנה בן ארי, ווי אַ פאַרשטאַרקונג פאַר דער מלחמה אויפן

באַרג ביז ירושלים. דאָס איז געווען איינע פון זיינע וויכטיקסטע אַנטשיי־דונגען אין דער 6־טאָגיקער מלחמה. ערשט ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער גורל פון דער מלחמה אין סיני איז אַנטשידן געוואָרן, האָט ער באַפוילן דעם שטאַב פון צענטראַלן פראָנט אָנצוהויבן אַן אָנגריף דינסטיק דעם 6־טן יוני. אָבער אויך דאָ האָט ער אַרויפגעלייגט האַמולצעס און האָט צוערשט פעסטגעשטעלט דעם רוקן פון באַרג אַלס די איינהאַלט־ליניע. ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די פּאַנצער־בריגאַדע פון בן־ארי, וואָס איז אין אַ גאַלאָפּ־פּאַרמאַרש כמעט אָנגעקומען צום ירדן־טייך, האָט באַקומען אַ באַפעל צוריקצוציען זיך צום באַרג. אָבער דער באַפעל איז גיך בטל געוואָרן און די פּאַנצער־בריגאַדע האָט אויפסניי דערגרייכט דעם ירדן־טייך. כדי צו זיין זיכער, אַז די איינהייטן פון צענטראַלן פראָנט וועלן נישט מיטגעריסן ווערן מיטן שווונג פון דער אָפענסיווע און וועלן נישט אַריבערגיין דעם טייך, האָט ער באַפוילן אויפצורייסן די בריקן. לויט ווי מען דערציילט, ווען מען האָט אים באַריכטעט, אַז אלוף־משנה בן ארי האָט פאַרענדיקט דאָס אויפרייסן די בריקן, האָט דיין געפרעגט: „פון וועלכער זייט?“ ער האָט מורא געהאַט, אַז די פּאַנצער־בריגאַדע האָט אויפגעריסן די בריק פון דער מזרח־זייט פון ירדן.

זיינע טאָרמאָזירונגס־אָנווייזונגען זענען געקומען צום אויסדרוק אין דער פולער מאָס לגבי ירושלים און דער אַלט־שטאָט. צוערשט האָט ער באַ־פוילן דער צענטראַלער קאָמאַנדע, אַז „אויב עס וועט זיין נויטיק, וועלן מיר אַרומרינגלען ירושלים און נישט אַריינגיין אין איר“. יגאל אלון און מנחם בעגין זענען געווען די עקסטרעמסטע אין דער פראַגע. דער רעלי־גיעזער איבערן־מיניסטער, משה חיים שפּירא איז געווען מעסיק און האָט אויסגעדריקט די מורא, אַז די פעלקער וועלן זיין קעגן דעם, אַז די אַלט־שטאָט זאָל זיך געפינען אין די הענט פון ישראל. די דאָזיקע מורא האָט אויך געווירקט אויף דיינען. אָבער די הצלחות אויפן מצרישן און ירדנישן פראָנט האָבן מיטגעריסן די מערהייט מיניסטאָרן פון דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער איינהייט און זיי האָבן געפאָדערט צו „באַפרייען“ ירושלים און זי צו פאַראייניקן. אויך נאָך דעם ווי אשכול האָט רעזומירט אויף דער זיצונג פון דער רעגירונג מאָנטיק דעם 5־טן יוני, אַז קודם כל דאַרף מען „נעמען די אַלט־שטאָט, כדי צו באַזייטיקן די געפאַר פון אומאויפ־הערלעכע באָמבאַרדירונגען (פון דעם ישראלדיקן טייל פון ירושלים), האָט זיך דיין נישט געאיילט וועגן דעם צו מעלדן דעם שטאַב פון דער צענטראַלער קאָמאַנדע. ער האָט אַזוי ווייט אָפּגעשלעפּט, אַז אשכול איז געווען געצווונגען אים צו טעלעפאָנירן אינמיטן דער נאַכט און אים איבערגעבן, אַז „די רעגירונג וויל די אַלט־שטאָט“. אויף דעם האָט ער געענטפערט, אַז פון פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט קאָן מען איינעמען די אַלט־שטאָט במשך פון איין טאָג, דינסטיק דעם 6־טן יוני. אָבער לויט זיין

מיינונג דאַרף מען נישט דעראָבערן די שטאָט דורך אַ פראָנטאַלן אַטאַק, נאָר מיט דער באַלאַגערונגס־שיטה. די אָפּשלעפּונגס־טאַקטיק, וואָס ער האָט אָנגעוואָנדן, האָט געהאַט דעם ציל צו באַפרידיקן די עפנטלעכע מיינונג אין אויסלאַנד. ער האָט באַפאַרצוגט די קאַפּיטולאַציע פון דער אַלט־שטאָט. דינסטיק דעם 6־טן יוני אינדערפרי איז זיך די רעגירונג ווידער צונויפגעקומען אויף אַ זיצונג און יגאל אלון און מנחם בעגין האָבן אויסגעדריקט זייער פאַרביטערונג צוליב „די וואָקלונגען אויפן פּאָליטיש־זיכערהייטלעכן געביט, וואָס האָבן גורם געווען דאָס אָפּשטעלן די מיליטערישע אַקציע צו באַפרייען די אלט־שטאָט". דיין האָט זיי געענטפערט: „איך בין גרייט זיך צו געוועטן, אַז די איינוווינער פון דער אַלט־שטאָט וועלן קומען מיט די ווייסע פענער אין פאַרלויף פון אַ פּאָר שעה, אָדער טעג". אַ העלפט מיניסטאָרן האָט געשטיצט דיינען און די צווייטע העלפט האָט געפאָדערט גיכע שריט צו באַפרייען די אלשטאָט. די זיצונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט רעמי.

די מורא, אַז דער זיכערהייטס־ראָט וועט באַשליסן וועגן אַ פייער־איבעררייס איידער די אלטשטאָט וועט איינגענומען, האָט באַווירקט די מיניסטאָרן, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ גיכע דעראָבערונג פון דער שטאָט. ווען מנחם בעגין, דערציילט גלבוע, האָט געהערט די ידיעות פון „בי.בי.סי." מיטוואָך דעם 7־טן יוני פאַרטאָג, אַז דער זיכערהייטס־ראָט האַלט ביים אָננעמען אַ באַשלוס וועגן אַ פייער־איבעררייס, האָט ער אויפגעוועקט אשכולן פון שלאָף און געפאָדערט גיך צונויפצורופן אַ רעגירונגס־זיצונג. זיין אַרגומענט איז געווען, אַז „ירושלים קאָן מען נישט פאַרגלייכן מיטן גולן, אָדער מיט אַן אַנדער אָרט אין לאַנד אויף דער וועלט. ירושלים קאָן מען נישט דעראָבערן נאָך דעם ווי מען איז מסכים אויף אַ פייער־איבעררייס — נאָכדעם ווי דער זיכערהייטס־ראָט שטעלט פעסט אַן ענדגילטיקן טערמין פאַרן פייער־איבעררייס". אשכול האָט גערופן די רעגירונג אויף 9 אזייגער אינדערפרי און בעגין האָט אויפסניי אָנגעהויבן צו פאָדערן אַריינצורייסן זיך אין דער אלטשטאָט. אָבער איצט האָט דיין שוין געקענט דערציילן זיינע קאָלעגן אין דער רעגירונג, אַז ביינאַכט האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דעראָבערן די אלטשטאָט, אָפּהאַלטנדיק זיך פון אַרטילערישער באָמבאַרדירונג און אָפּהיטנדיק איר הייליקייט. 8.30 אינדערפרי, מיטוואָך דעם 7־טן יוני, האָבן די פאַראַשוטיסטן אָנגעהויבן דעם אָנגריף און האָבן איינגענומען די אַלטשטאָט.

וואָס גרעסער עס איז געווען די הצלחה פון די קאַמפן און עס האָבן זיך געמערקט די דעראָבערטע שטחים, אַלץ מער זענען געשטיגן די טאַר־מאָזירונגס־באַמיאונגען פון משה דיין לגבי דער רעגירונג און דער אַרמיי. אויב ער איז מיט זיין פאַרזיכטיקייטס־טאַקטיק לגבי דער אַלשטאָט געשטיצט געוואָרן דורך אַ העלפט פון דער רעגירונג, איז ער אין פראַגע

פון אָנהויבן די מלחמה קעגן סיריע געבליבן כמעט איינער קעגן אַלע. כל זמן עס האָט געדויערט די מלחמה קעגן מצרים אין סיני און קעגן אַראַבישן לעגיאָן אויפֿן מערבדיקן ברעג, איז דיין געווען קעגן אָנהויבן די מלחמה אויפֿן צפֿון, ווייל מען דאַרף אויסמיידן די קאָמפּליקאַציעס פֿון אַ דריטן פֿראָנט.

עס האָט אויסגעזען, אַז די יוצרות האָבן זיך איבערגעקערט. אשכול, וועלכער האָט זיך געוואַקלט און איז געווען נישט־אַנטשלאָסן, איז געוואָרן פֿעסט און אַגרעסיוו מיטן מאָמענט, ווען דאָס זיכערהייטס־מיניסטעריום איז אַריבער אין די הענט פֿון משה דיין און צה״ל האָט אָפּגעהאַלטן זיינע ערשטע נצחונות. שוין אין דעם ערשטן טאָג פֿון קריג קעגן מצרים, דעם 5־טן יוני, האָט אשכול געפֿאָדערט צו דעראָבערן די קוואַלן פֿון ירדן״ — דאָס הייסט אַרויס אין אַ מלחמה קעגן סיריע. דאקעגן איז דיין, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס דער שעף פֿון גענעראַל־שטאַב, וועלכער רייסט זיך צום קאַמף און איז דערפֿאַר נאָמינירט געוואָרן אַלס זיכערהייטס־מיניסטער, איז איצט געוואָרן אויף אַזוי ווייט פֿאָרזיכטיק אין זיינע שריט, אַז ער האָט אַרויסגערופֿן קעגן זיך אַ קריטיק אין דער רעגירונג, אין דער אַרמיי און ביי אַ טייל פֿון ציבור.

די לאַגע אויף דער צפֿונדיקער גרענעץ איז טאַקע געווען אַן אויסנאַמסווייזע. אין דער צייט, ווען די מצרישע אַרמיי האָט געליטן אַ שווערע מפּלה אין דרום און דער אַראַבישער לעגיאָן האָט זיך צוריקגעצויגן אויף מזרח, געניסט די סירישע אַרמיי פֿון ביידע וועלטן — פֿון די באַקוועמע פּאָזיציעס אויף דער גולן־הויכקייט, באַשיסט זי מיט שווערער אַרטילעריע די ישראלדיקע ישובים צופֿוסנס פֿון באַרג, און מיט דעם האָט זי אויסגעדריקט איר סאָלידאַריטעט מיט די אַרמייען פֿון מצרים און ירדן; גלייכצייטיק איז די סירישע אַרמיי געווען פֿריי פֿון באַצאָלן דעם פּרייז פֿון דער אַגרעסיע, ווייל דער באַפֿעל פֿון דייענען איז געווען אַ האַרטער — נישט אַרויסצוגיין אין אַ מלחמה קעגן דער סירישער אַרמיי. און אַזוי איז סיריע, וואָס איז זינט דער סיני־אַקציע געוואָרן דער פֿאַרביסנסטער שונא פֿון ישראל און אירע באַפֿעסטיקטע פּאָזיציעס אין רמת הגולן האָבן באַשאָסן מיט אַרטילעריע אונדזערע ישובים אין גליל, די וועלכע האָט אָנגעהויבן די וואַסער־ און טראַקטאָרן־מלחמה, די וועלכע האָט די גאַנצע צייט געפֿאָדערט פֿון די אַראַבישע מדינות אַרויסצוגיין אין אַ מלחמה און ליקווידירן ישראל; סיריע, וועלכע איז געווען אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר אין גורם זיין די 6־טאָגיקע מלחמה — איז שיעור נישט אַרויס מיט אַ לייכטן און ריינעם רווח. אין קעגנזאַץ צו מצרים און ירדן, וואָס האָבן געליטן שווערע מפּלות און האָבן פֿאַרלוירן פֿיל זעלנער און שטחים, האָט די סירישע אַרמיי נישט געליטן קיין קרבנות, און פֿון רמת גולן, וואָס איז

נישט דערגרייכט; דערגרייכט, האָבן די סיריער געקענט ווייטער פאַרביטערן דאָס לעבן פון די ישראל־ישובים.

דער גורל פון די ישובים לענגאויס דער סירישער גרענעץ איז געווען אַזאַ ביטערער, אַז זינט 1964 האָבן זיי אייניקע מאָל געפאָדערט פון דער רעגירונג, אַז צה״ל זאָל דעראָבערן רמת הגולן. מען קאָן אָננעמען, אַז ווען עס וואָלט נישט אויסגעבראָכן דער קריג צוליבן שליסן די אילת־בוכטע און דער קאָנצענטראַציע פון מצרישן מיליטער אין סיני, וואָלט זי מן הסתם אויסגעבראָכן צוליב די סירישע פּראָוואָקאַציעס אין רמת גולן. און דאָ האָט אויסגעזען, אַז רמת גולן וועט ווייטער בלייבן אין די הענט פון די סיריער ווי אַ מתנה פון צה״ל.

מיט דער שאַרפסטער קריטיק קעגן דיינען איז אַרויסגעטראָטן יגאל אלון, וועלכער האָט געפאָדערט צו דעראָבערן רמת גולן. ער איז געווען קעגן יעדן וואַרטן נאָכן 7־טן יוני אינדערפרי.

נאָך מער. די איינוווינער פון די צפון־ישובים, וועלכע האָבן מורא געהאַט, אַז די מלחמה וועט זיי נישט אויסלייזן פון דעם סירישן קאָשמאַר, זענען זיך צונויפגעקומען, כדי משפיע צו זיין אויף דער רעגירונג. די אָרגאַניזירונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין די צפון־ישובים, האָט גלבוע באַצייכנט אין זיין בוך אַלס „אויפשטאַנד פון גליל״. דאָנערשטיק דעם 8־טן יוני — נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך פּאַקטיש פאַרענדיקט אויפן מצרישן און ירדנישן פראָנט — האָט אַ פאָרשטייער פון די צפון־ישובים געפאָדערט פון אשכולן אין אַ טעלעפאָנישן געשפּרעך, צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ די סיריער. בעת דעם געשפּרעך האָבן די סיריער אָנגעהויבן אַן אַרטילערישע שיסעריי פון רמת גולן און אשכול האָט דורכן טעלעפאָן־טרייבל געהערט אין ירושלים די אויפרייסן פון די קוילן.

דאָנערשטיק אינאָוונט איז אין ביוראָ פון פּרעמיער אָנגעקומען אַ דריי־פערזאָניקע דעלעגאַציע פון אויבערשטן גליל און געבעטן ביי אשכולן זיך צו טרעפן מיט דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר זיכערהייטס־ענינים, וואָס האָט אַמטירט ווי אַ קליינע רעגירונג. אשכול האָט נישט נאָר גע־געבן צו פאַרשטיין די דריי פאָרשטייער, אַז ער שטיצט מיטן גאַנצן האַרצן זייער פאָדערונג — אויף יידיש האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער איז פאַר דעראָבערן רמת הגולן „ווי אַ בולדאָג״, וואָס רייסט זיך אָפּ פון דער קייט״ — נאָר ער האָט אויך געמאַכט אַן אומגעווײנלעכן שריט: דעם 8־טן יוני אינאָוונט האָט ער איינגעלאַדן די דריי פאָרשטייער צו דער זיצונג פון דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע פאַר זיכערהייטס־ענינים און האָט פאָרגעשטעלט זייער שטעלונג. לויט יגאל אלון איז דאָס געווען דער צווייטער פאַל אין דער געשיכטע פון ישראל, פון געבן בירגער די מעג־לעכקייט משפיע צו זיין דירעקט אויף די באַשלוסן פון דער רעגירונג און פון דער אַרמיי. דער ערשטער פאַל איז געווען אין מאַי 1948, ווען

בן־גוריון האָט אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון עמק הירדן. אָבער ער האָט זיי נישט איינגעלאַדן צו באַטייליקן זיך אין דער זיצונג פון דער רעגירונג.

דאָ טרעפן מיר זיך אָן אויף דער איראָניע פון גורל, אויף אַ מין שפּיצל פון לעבן. ווען אין מאַי 1948 האָבן די פאָרשטייער פון דגניה און כינרת געבעטן פון בן־גוריונען און פון יגאל ידין צוצואיילן די הילף פאַר זיי קעגן דער סירישער אַרמיי, וואָס איז אַריינגעדרונגען קיין צמח און די איינוווינער פון די ירדן־ישובים האָבן געהאַלטן ביים פאַרלאָזן זייערע היימען — די איינוווינער פון מסדה און שער הגולן האָבן דאָס געטון — איז צו זיי געשיקט געוואָרן משה דיין ווי אַ פאַרשטאַרקונג. אַזוי איז ער אויפסניי אַרויף אויפן מיליטערישן וועג, וואָס האָט אים געפירט צום שפּיץ פון זיינע דערגרייכונגען — שעף פון גענעראַל־שטאַב און פאַר־טיידיקונגס־מיניסטער.

איצט איז ער געווען דער אַדרעס. צו אים איז געקומען די דעלע־גאַציע פון גליל מיט דער בקשה צו באַזייטיקן די סירישע אַרמיי פון רמת הגולן. עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז אשכול האָט אָנגעווענדעט אַזאַ עקסטרעמען שריט און האָט צוגעלאָזט די דריי פאָרשטייער צו דער רע־גירונגס־זיצונג, כדי צו שטעלן דיינען אין אַ פאַרלעגנהייט. שטעלנדיק אים פנים אל פנים מיט די איינוווינער פון גליל, וועלכע זענען שווער געפּרוווט געוואָרן דורך די סירישע אַרטילעריע־שיסערייען, האָט ער געשטעלט זיין נשמה־גאַנציקייט ווי פאַר אַן עקזאַמין.

דער דרוק אויף דיינען איז געווען אַ שווערער: די מערהייט מיניס־טאָרן זענען געווען פאַר אַן אָנגריף אויף רמת הגולן און איצט זענען צוגעקומען די פאָרשטייער פון גליל, וועלכע האָבן אָנגעדייטעט, אַז אויב די סיריער וועלן ווייטער פאַרביטערן זייער לעבן פון רמת הגולן, וועלן זיי זיין געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די ישובים. טראָץ דעם האָט זיך דיין גע־האַלטן ביי זיין שטעלונג און דערקלערט די איינוווינער פון די גליל־ישובים, אַז ער וועט זיך נישט אָפּהאַלטן פון רעאַליזירן זיין פּאָליטיק, אַפילו ווען די ישובים וועלן אַוועק פון דער סירישער גרענעץ: „אין דער מלחמה זענען געווען צענדליקער אָדער הונדערטער טויזנטער אויס־געוואָרצלטע (אראבער), וועלכע זענען אַוועק פון זייערע ערטער. פון טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט קאָן מען רירן אייניקע ישראל־ישובים מיט אַ פּאָר צענדליק איינוווינער אויף אַ מרחק פון 10 קילאָמעטער פון דער סירישער גרענעץ. מען קאָן באַאַרבעטן די שטחים אונטער דער שוץ פון טאַנקען".

דער דאָזיקער זאַץ האָט אַרויסגערופן אַ פאַרוווּנדערונג ביי די מיניס־טאָרן: דיין, וועלכער געהערט צו די געטרייעסטע מתישבים און וועלכער גלויבט דאָס גאַנצע לעבן, אַז די התישבות־גרענעץ איז די גרענעץ פון דער יידישער מדינה, דווקא ער איז פלוצים גרייט מוותר צו זיין און

מסכים זיין אויף אַ צוריקטריט פון די ישובים. עס זעט אויס, אַז אַ חוץ לאָגישע אַרגומענטן און דער גרייטקייט צו טראָגן די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין אמת, האָט געווירקט ביי אים דער יצר פון קעגנערשאַפט. ער איז נישט געווען גרייט צו באַשליסן אונטערן דרוק. די, וועלכע האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט אים, האָבן געקענט דעם דאָזיקן שטריך פון זיין כאַראַקטער. איצט האָט אים אשכול צוגעדריקט צו דער וואַנט און אים געשטעלט קעגן די פאַרשטייער פון גליל, און דיין איז געווען געצוווּנגען זיך אַליין צו פאַרטיידיקן. ווען די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע זענען צוריקגעקומען אין זייערע ישובים, זענען זיי געווען איבערצייגט, אַז זיי זענען דורכגעפאַלן מיט זייער מיסיע און אַז רמת הגולן וועט נישט אָנגעגריפן ווערן.

זיין קעגנערשאַפט צו אַ מלחמה מיט סיריע האָט דיין אויפגעקלערט מיט אייניקע אַרגומענטן. אין אָנהויב האָט ער געוואָלט פאַרמיידן דאָס אַריינפּלאָנטערן זיך אין אַ דריטן פראָנט. נאָך דער מפּלה פון מצרים און ירדן האָט ער געטענהט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד וועט בשום אופן נישט דערלאָזן שווער צו טרעפן סיריע, וועמענס רעזשים איז אַזוי נאָענט צו אים. אַלס תלמיד פון בן־גוריונען — דיין האָט אויף זיך אַליין געזאָגט, אַז ער עסט נאָך די שיריים פון בן־גוריונס טיש — האָט ער מורא געהאַט, אַז מיט אירע גרויסע נצחונות וועט ישראל איבערציען דאָס שטריקל. אין 1949, נאָך דעם ווי צה״ל האָט באַזיגט די מצרישע אַרמיי און איז געווען פריי זיך מטפּל צו זיין מיטן אַראַבישן לעגיאָן, האָט דאָס בן־גוריון פאַרבאָטן צו טאָן, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ בריטישער אינטערווענץ. ער האָט אויך געהאַלטן, אַז עס איז פאַראַן אַ מאָס פאַר יעדער זאַך. אויך דיין האָט געהאַלטן, אַז עס איז בעסער אַ קיישל מיט ווייניק גאַנצע אייער, איידער אַ קיישל מיט אַ סך צעבראָכענע אייער.

דיין האָט געהאַט נאָך אַן אַרגומענט — די דעראָבערונג פון סירישן באַרג, וואָס צעשפּרייט זיך איבער ישראל ווי אַ באַפעסטיקטער פעלדז, וועט קאָסטן אַ סך קרבנות. דער ישראלדיקער לופט־פלאָט איז לויט זיינע רייד געווען מיד און וועט נישט זיין אימשטאַנד צו פאַרלייכטערן די שווערע אויפגאַבע פון די יבשה־כוחות און פאַרקלענערן זיינע פאַרלוסטן.

ער האָט געוואָלט פאַרקירצן די מלחמה און זי וואָס שנעלער פאַרענדיקן. ער האָט נישט געהאַלטן, אַז מצרים וועט מסכים זיין אויף אַ פייער־איבעררייס און דעריבער האָט ער מורא געהאַט, אַז אויב צה״ל וועט אָנגרייפן סיריע, וועט זיך ישראל פאַרפּלאָנטערן אין אַ לאַנגער מלחמה אויף אייניקע פראָנטן. אין זיין בוך „6 יאָר און 6 טעג“, האָט גלבוע געשריבן, אַז דיין האָט אייניקע מאָל געזאָגט: „קעגן מיין ווילן איז צה״ל דערגאַנגען צום סועץ־קאַנאַל און דעריבער איז נישטאָ קיין האָפענונג אויף אַ פייער־

איבערייס. די מלחמה קאָן ווערן צענדליקער יאָרן און ישראל זאָל זיך געפינען אין פולער מאָביליזאַציע״.

עס זעט אויס, אַז די מורא פאַר אַ סאָוויעטישער אינטערווענץ און פאַר אַ לאַנגער מלחמה האָבן דעצידירט וועגן זיין שטעלונג. די מערהייט מיניסטאָרן זענען מיט אים נישט מסכים געווען און האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך צוויילן און דעראָבערן רמת הגולן, איידער די מצרים וועלן איינגיין אויף אַ פייער־איבערייס, וואָס וועט אַריין אין קראַפט אַלס באַפעל פון זיכערהייטס־ראַט אָבער צוליב זיין אַנטשלאָסענער שטעלונג און פאַר־דערונג, אַז מען זאָל אים לאָזן אָננעמען אנטשיידונגען אין די ראַמען פון זיין אחריות, האָט זיך די זיצונג פון דער רעגירונג פאַרענדיקט אָן אַן אָפּשטימונג. די מיניסטאָרן זענען זיך צעגאַנגען אהיים דאַנערשטיק ביי־נאַכט, דערוואַרטנדיק, אַז מען וועט זיי רופן אויף נאָך אַ זיצונג, אויב עס וועט זיך ענדערן די לאַגע, אָדער דיין וועט טוישן זיין שטעלונג.

און אין פאַרלויף פון אייניקע שעה האָט זיך טאַקע די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט. פרייטיק דעם 9־טן יוני, 3 אַזייגער פאַרטאָג, איז דיינען באַ־קאַנט געוואָרן, אַז די מצרים זענען גרייט צו בעטן פון זיכערהייטס־ראַט ער זאָל איינשטעלן אַ פייער־איבערייס און האָבן אפילו געראַטן די ירדנער און סיריער דאָס צו טאָן. דאָס איז געווען אַן אַנטוויקלונג, וואָס איז גע־שטאַנען אין קעגנזאַץ צו זיינע פאָרויסזעאונגען. ער האָט אויפסניי באַ־טראַכט זיין שטעלונג. נאָך דעם ווי די מצרים האָבן מסכים געווען אויף אַ פייער־איבערייס, האָט זיך במילא פאַרענדיקט די מלחמה אויפן דרום־פראָנט און צה״ל וועט קענען איבערוואַרפן זיינע כוחות אויף אַן אַנדער פראָנט. איצט האָט ער מער נישט קיין מורא געהאַט פאַר קאָמפּליקאַציעס אויף צוויי פראָנטן. צוליב דער ענדערונג האָט ער מבטל געמאַכט זיינע אַנדערע אַרגומענטן — די מורא פאַר אַ סאָוויעטישער אינטערווענץ און די מידקייט פון לופט־פלאָט ער האָט באַשלאָסן אַנצוגרייפן.

אָבער דיין האָט זיך געמוזט צוויילן. אויב די סיריער וועלן גיין אויפן וועג פון די מצרים, וועט דער זיכערהייטס־ראַט פאַראָרדענען אַ פייער־איבערייס און צה״ל וועט פאַרלירן די מעגלעכקייט צו באַזייטיקן דעם קאָשמאַר פון די סירישע באָמבאַרדירונגען. און היות ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין שטרענגער אָפּהיטער פון אָנגענומענעם סדר און לויט זיינע רייד האָט ער נישט געפונען דעם שעף פון גענעראַל־שטאַב, יצחק רבין — מען האָט אים געזאָגט, אַז ער שלאָפט אינדערהיים — האָט זיך דיין פאַרבונדן דירעקט מיטן קאָמאַנדיר פון דער צפון־קאָמאַנדע אלוף דוד אלעזר און אים באַפוילן צו שיקן זיינע כוחות אין קאַמף קעגן די סיריער און דורכברעכן זייערע באַפעסטיקטע פּאָזיציעס אויפן גולן. ערשט דערנאָך האָט ער וועגן דעם געמאָלדן דעם פּרעמיער. דעריבער האָט אשכול צו־נויפגערופן אַ זיצונג פון דער רעגירונג פרייטיק פאַרמיטאָג און זי האָט

באַשטעטיקט דעם באַשלוס פון זיכערהייטס־מיניסטער אָנצוהייבן די מלחמה קעגן סיריע.

זיין ערשטע פאַראָרדענונג, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן דעם אלוף אלעזר, איז געווען — „זיין טעטיק אויפן גאַנצן גולן", מיט דער ברייטער הילף פון דער אַוויאַציע. אָבער נאָך דעם ווי די מיליטערישע אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער געהאַלטן פאַר ריכטיק, אַז עס איז בעסער בישט איבערצושרייטן די דעמיליטאַריזירטע זאָנע אויפן געוועזענעם מאַנדאַט־שטח, אויף וועלכן די סיריער האָבן פאַרכאַפּט באַפעסטיקטע פּאָזיציעס אין קעגנזאַץ צום הסכם וועגן וואָפנשטילשטאַנד פון 1949. אויף דער זיצונג פון דער רעגירונג פרייטיק דעם 9־טן יוני, האָט ער איבערגעחזרט זיין מורא וועגן אַ סאָוויעטישער אינטערווענץ. ער האָט מורא געהאַט, אַז די סיריער וועלן אויפהייבן אַ געשריי, אַז צה"ל גייט אויף דמשק, און זיי וועלן אריינציען די סאָוויעטן אין אַ מלחמה.

די רעגירונג האָט אָפּגעהאַלטן נאָך פיר זיצונגען וועגן דעם ווי זיך אָפּצושטעלן אויפן גולן אין אָנבליק פון די ווענדונגען פון זיכערהייטס־ראַט איבערצורייסן די קאַמפן. צוויי ווענדונגען זענען געמאַכט געוואָרן פרייטיק דעם 9־טן יוני, 7 און 8 אזייגער אינאָוונט און נאָך צוויי שבת פאַרטאָג. דיין אליין איז פרייטיק 4.30 נ. מ. געפלויגן צו דער שטאַב־פּאָזיציע פון אלוף אלעזר. ער האָט אים פאָרגעשלאָגן בישט צו פירן קיין קאַמפן אויפן דרומדיקן אָפּשניט און זיך צו קאָנצענטרירן הויפּטזעכלעך אויפן אָפּשניט פון באַניאַס.

צומאָרגנס, שבת דעם 10־טן יוני, האָט דיין פאַראָרדנט דעם פאַרטרע־טער פון שעף פון גענעראַל־שטאַב, אלוף חיים בר־לב, צו דערגרייכן קו־נעטרא ביז 2 אזייגער נ. מ. 11.30 האָט ער זיך ווידער געטראָפן מיט אלוף אלעזר אין צפון־שטאַב און אים געהייסן פאַרענדיקן די דעראָבערונג פון דעם שטח פּאַראַלעל צום שאָסיי, וואָס פירט צו קונעטרא און איז בויטיק פאַר איר פאַרטיידיקונג. פון דער באַגעגעניש מיטן אלוף אלעזר, איז ער געפלויגן זיך טרעפן מיטן גענעראַל אָט בול, דעם שעף פון די אונ"א־אָבסער־וואַטאָרן, וועלכן ער האָט גוט געקענט פון די טעג, ווען ער איז געווען שעף פון גענעראַל־שטאַב. דיינען איז געלונגען „אָפּצושלעפּן" דעם טערמין פון דעם פייער־איבערייס ביז 18.30 שבת דעם 10־טן יוני, אָנשטאָט אזייגער 14.00. אזוי אַרום האָט ער געגעבן צה"ל נאָך 6 און אַ האַלבע שעה פון מיליטערישער אקציע, וואָס זענען געווען גענוג פאַר די כוחות פון דער צפון־קאָמאַנדע אָפּצורייניקן פון פיינט די באַזעצטע שטחים אין רמת הגולן.

דעם 12־טן יוני האָט דיין באַזוכט די אָקופּירטע שטחים אין גולן און בטל געמאַכט זיין פאַרבאָט בנוגע איינעם פון די שפּיצן פון חרמון־באַרג. אויף דער ביטע פון פּראָפעסאָר יובל נאמן, וועלכער איז געווען אין רע־זערוו־דינסט, האָט ער באַפוילן צו באַזעצן דעם העכסטן באַרג אין דער

געגנט, וואָס איז געווען וויכטיק פאַר דער ישראלדיקער אסטראָנאָמיע־וויסנשאַפט. ער האָט באַפוילן צו אָקופּירן מוכייבא אין דרום, אויף דער גרענעץ פון רמת הגולן מיט ירדן. איינהאַלטנדיק דעם שוווּנג פון דער צפון־קאָמאַנדע, איז אים געלונגען איבערצוצייגן די עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט, אַז צה״ל גייט נישט אויף דמשק, און גלייכצייטיק האָט ער דערמעגלעכט די דעראָבערונג פון רמת הגולן.

א צייט שפּעטער האָט דער שעף פון גענעראַל־שטאַב, יצחק רבין, רעאַגירט אויף דיינס טאָרמאָזירונגס־שריט: „אין דער 6־טאָגיקער מלחמה האָט יעדער איינער געהאַט א טראומע. דיין האָט מורא געהאַט פאַר די סאָוויעטן און איך פאַר אַ מלחמה פון אַלע אַראַבישע לענדער קעגן אונדז״.

וואָס וואָלטן געווען די רעזולטאַטן פון דער 6־טאָגיקער מלחמה, ווען דיין וואָלט געווען פּרעמיער און זיכערהייטס־מיניסטער, ווי בן־גוריון און אשכול פאַר אים? עס זעט אויס, אַז אויפן דרום וואָלט צה״ל נישט דער־גאַנגען צום סועץ־קאַנאַל און וואָלט זיך אָפּגעשטעלט ביי די בערג־דורכגענג (מיטלע—דזשידי); אויפן צפון וואָלטן די צה״ל־כוחות געבליבן ביי דער אַלטער מאַנדאַט־גרענעץ, אָדער וואָלטן העכסטנס דערגרייכט דעם באַניאַס און כאָרעב. און אויף מזרח, איז אַנצונעמען, וואָלט זיך די לאַגע נישט געענדערט. ווייל עס איז געווען קלאָר, אַז דיין ציט אָפּ מיט איבער־גיין פון דער פאַרטיידיקונג צום אַנגריף אויפן צענטראַלן פראָנט, ביז עס וועלן באַקאַנט ווערן די רעזולטאַטן פון דער מלחמה אין סיני. נאָך מער. אין דער פראַגע האָט ער באַוויזן זיין קאַמפּס־שאַרפקייט און כיטרעקייט. אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה קעגן מצרים האָט ער פולשטענדיק פאַר־באָטן איבערצוגעבן די רעזולטאַטן פון דער שלאַכט. אפילו נאָך דעם ווי די מצרישע אוויאַציע איז פאַרניכטעט געוואָרן און על־אריש איז דעראָ־בערט געוואָרן דורך דער פאַנצער־בריגאַדע פון אלוף־משנה שמואל, האָט ער נישט דערלויבט צו פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע ידיעות און אזוי האָט ער דערמעגלעכט דעם קעניג כוסיין אריינצופאַלן אין דער מצרישער פאַסטקע און גלויבן אין זייערע בלאָפערישע באַריכטן וועגן אָפּגעהאַלטענע נצחונות. מזרח־ירושלים און די אַלט־שטאָט האָט ער געוואָלט דעראָבערן פּונקט אזוי ווי אַנדערע, אָבער דורך קאַפּיטולאַציע, כדי נישט אַרויסצורופן קיין אומצופרידנקייט אין דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט.

גלייך נאָך דער מלחמה האָט מען קריטיקירט זיין טאָרמאָזירונגס־השפעה און זיין מורא פאַר די סאָוויעטן. אָבער די דאָזיקע קריטיק איז געווען אויף אַ קורצער מעטע. מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט בעסער פון אַנדערע פאַרשטאַנען די רעזולטאַטן פון דער מלחמה און בעסער פאָרויסגעזען די אַנטוויקלונגען נאָך איר. זיין מורא, אַז מען זאָל זיך נישט פאַרפּלאָנטערן אין אַ לאַנגער מלחמה און זיין מורא פאַר אַ סאָוויעטישער אינטערווענץ, האָבן זיך באַשטעטיקט מער ווי מען האָט

זיך דאָס פֿאַרגעשטעלט. ווייל די 6־טאָגיקע מלחמה איז נישט געווען די לעצטע מלחמה, ווי מען האָט דאָס דערוואַרט אין ישראל, נאָר אַ מין דער־עפֿענונגס־שלאַכט, וואָס נאָך איר האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלוטיקע לאַנג־יאָריקע אויסמאַטערונגס־מלחמה, אין וועלכער די אַראַבער געניסן פֿון סאָוויעטישער הילף און ווערן ממש געשטויסן צו איר דורכן ראַטנפֿאַר־באַנד. די סאָוויעטישע אינטערווענץ איז דערגאַנגען צו אַזאַ מאָס, אַז דיין האָט זי באַצייכנט ווי אַ „סאָוויעטיזאַציע" פֿון דער מצרישער מלחמה קעגן ישראל.

גלייך נאָך דער מלחמה האָט ער איבערגעחזרט דאָס, וואָס ער האָט געטענהט אין גענעראַל־שטאַב און אין דער רעגירונג, ווען עס איז באַ־האַנדלט געוואָרן די פֿראַגע פֿון דער אייַנהאַלט־ליניע אין סיני. דאָס הייסט, „אויב צה"ל וועט דערגייַן צום סועץ־קאַנאַל, וועט זיך די מלחמה קיינמאָל נישט פֿאַרענדיקן. די מצרים וועלן נישט קענען שלום מאַכן מיט דער סטאַציאָנירונג פֿון צה"ל אויפֿן ברעג פֿון סועץ־קאַנאַל און אויך די סאָ־וויעטן וועלן אויף דעם נישט איינגיין".

דעם 29־טן יוני 1967 — אַנדערהאַלבן יאָר פֿאַרן אָנהויב פֿון דער אויסמאַטערונגס־מלחמה — האָט ער אויף אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון רפ"י אין זאַל פֿון „הבימה" אין תל־אביב, איבערגעחזרט זיין שטעלונג. „איך וויל זאָגן, אַז איך בין נישט זיכער, איך בין ווייט פֿון צו זיין זיכער, אַז עס האָט זיך פֿאַרענדיקט די פֿיזישע מלחמה, און אוודאי בין איך נישט זיכער, אַז עס איז געקומען אַן אַנטשיידונג אויפֿן פּאָליטישן פֿראָנט. מיר געפֿי־נען זיך אין אָנהויב, אין ערשטן טייל פֿון פּאָליטישן קאַמף, און נאָך דער ערשטער פֿאַזע, א וווּנדערבאַרע און פֿון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט, אָבער אין דער ערשטער פֿאַזע פֿון דער מיליטערישער מלחמה". און ווייטער: „די אַרמיי פֿון מדינת ישראל געפֿינט זיך היינט צו טאָג ביים סועץ, אין שארם א־שייך, אויפֿן ירדן, אין קונעטרא, אויפֿן סירישן באַרג. מיר גע־פֿינען זיך סך הכל איין מיליטערישן טריט פֿון אַלע אַראַבישע הויפּטשטעט. ווייניקער ווי 100 קילאָמעטער פֿון קאיר, דמשק, רבת־עמון און ביירוט. מיר האָבן נישט קיין שום אַגרעסיווע כוונות. אָבער דאָס זיצן אויף די דאָזיקע גרענעצן איז פֿאַר אונדז מער ווי אַן אַרויספֿאָדערונג, דאָס דער־שיטערט אַלע מדינות אַרום אונדז. צי וועלן זיי שלום מאַכן מיט די דאָ־זיקע גרענעצן?" ביי אַנדערע געלעגנהייטן האָט ער באַצייכנט דאָס זיצן פֿון צה"ל לענגאויס דעם סועץ „ווי טרעטן מיט די פֿיס אויפֿן האַלדז פֿון מצרים". און דאָס איז אַ לאַגע, פֿון וועלכער די מצרים מוזן זיך באַפֿרייַען.

אויב ער האָט אַזוי קלאָר געזען די רעזולטאַטן פֿאַר און נאָך דער מלחמה, פֿאַרוואָס האָט ער נישט געהאַט קיין כוח צו געשטאַלטן די אַנט־וויקלונגען?

איין אויפֿקלערונג קאָן מען געפֿינען אין די ווערטער, וואָס ער האָט

געזאָגט גלייך נאָך דער מלחמה. אין אינטערוויו, וועלכן ער האָט דער־טיילט דעם זשורנאַליסט ישעיהו בן פורת דעם 13־טן יוני, האָט ער גע־זאָגט: „די דאָזיקע מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אויפן דרום־פראָנט מיט באַגרענעצטע צילן אויפן מצרישן פראָנט, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז עס וועט שטיין צום רשות פון דער מלחמה זייער אַ קורצע צייט. במילא דערמעגלעכט אַ קורצע צייט די דערגרייכונג פון באַגרענעצטע צילן. אָבער די מלחמה האָט זיך אַנטוויקלט און זיך אַריבערגעוואָרפן אויף אַנ־דערע פראָנטן, וואָס זענען דורך קיינעם נישט צוגעגרייט און פּלאַנירט געוואָרן, אויך נישט דורך מיר".

זיין ראָל אין דער מלחמה האָט ער אַזוי געשילדערט: „דאָס איז געווען מיין וויכטיקסטע אויפגאַבע — איך האָב געהאַלטן די האַנט אויפן מיליטערישן און אָפּעראַטיוון דופק, וואָס עס קומט פאַר ביי אונדז, וואָס עס קומט פאַר ביים שונא, וואָס זענען די פּאָליטישע באַדינגונגען — און איך האָב פון צייט צו צייט געבראַכט פאַר דער רעגירונג די מיליטערישע אַנטשיידונגען, וואָס האָבן צום סוף דערפירט צום מצב, אין וועלכן מיר געפינען זיך". מיט אַנדערע ווערטער, אין אַ נישט פּלאַנירטער מלחמה, אין וועלכער עס זענען פון פאָרויס נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן קיין צילן. אחוץ דער באַזייטיקונג פון דער דראָאונג פיזיש צו פאַרניכטן ישראל, איז שווער געווען פאַר איין מענטש — דערצו נאָך, ווען ער איז אַריין אין דער רעגירונג אין לעצטן מאָמענט — צו פירן זי לויט זיין ווילן. אין דער לאַגע איז די אַרמיי אַליין געווען אַן אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר.

צום פאַקט, וואָס זיין קאָמפּעטענץ האָט זיך נאָך נישט געענדיקט באַפעס־טיקט אין דער רעגירונג און אין גענעראַל־שטאַב, כדי זיי פולשטענדיק איינצוהאַלטן, דאַרף מען צוגעבן, אַז די גיכע אַנטוויקלונג פון די געשעע־נישן און די איבעראַשנדיקע מיליטערישע נצחונות האָבן אין אַ נישט קליינער מאָס אונטערגעגראָבן דעם גלויבן אין דער גערעכטיקייט פון זיינע אַרגומענטן. קודם כל איז ער, אין קעגנזאַץ צו זיין פריערדיקער מיינונג מיטגעריסן געוואָרן, פונקט ווי די גאַנצע רעגירונג און דער ציבור, מיטן גלויבן, אַז נאָך דער דאָזיקער שווערער מפּלה וועלן די אַראַבער איינגיין אויף אַ שלום. אין אינטערוויו, וועלכן ער האָט דערטיילט דעם 13־טן יוני 1967 דער ראַדיאָ און דער טעלעוויזיע־נעץ פון „בי.בי.סי.", האָט ער אויף דער פראַגע וואָס עס דערוואַרט ישראל, געענטפערט: „מיר וואַרטן אויף אַ טעלעפאָן פון די אַראַבער". אויף דער פראַגע וואָס עס וועט זיין דער ווייטערדיקער שריט פון ישראל, האָט ער געזאָגט: „מיר וועלן נישט מאַכן קיין שום שריט. מיר זענען פולשטענדיק צופרידן פון דעם, וואָס מיר האָבן איצט. אויב די אַראַבער ווילן וועלכע עס איז ענדערונג, זאָלן זיי זיך צו אונדז ווענדן". עס האָט נאָך געהערשט די אויפפאַסונג, אַז די פרוכטן פון נצחון, די דעראָבערטע שטחים, וועלן זיין אַ קאָרט אין די אונטער־

האַנדלונגען צווישן ישׂראל און די אַראַבישע מדינות. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער טערמינאָלאָגיע, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן פּאָרזיכטיק, כדי צו באַצייכענען די שטחים, וואָס געפינען זיך אין די הענט פון צה״ל — „באַזעצטע שטחים״ און נישט „באַפרייטע״, אָדער „אָנגעשלאָסענע״. דאָס הייסט, אַז זיי ווערן געהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז זייער גורל וועט אנטשידן ווערן אין אַ משא ומתן.

דעמאָלט, אין דער צווייטער העלפט יוני, איז געווען אַן איינשטימיקייט, אַז פּאַר אַ שלום־אָפּמאַך, וואָס וועט דערגרייכט ווערן אין דירעקטע פּאַר־האַנדלונגען, וועט זיך צה״ל צוריקציען אין דרום צו דער מאַנדאַט־גרענעץ, חוץ דעם עזה־פּאַס. מיט דער שטעלונג איז אויך משה דיין מסכים געווען, פּונקט ווי יגאל אלון און די פירער פון בלאָק חרות־ליבעראַלן.

די דאָזיקע אויפפאַסונג פון משה דיין, הגם זי איז געשטאַנען אין סתירה צו זיינע פריערדיקע פּאָרויסזעאונגען, איז זיך גוט צונויפגעפאַלן מיט זיין טאָרמאָזירונגס־פונקציע, וועלכע ער האָט דערפילט. אָבער אין יענער צייט איז ער געווען דער ערשטער, וועלכער האָט צוגעשריבן דער מלחמה אַן אַנדערע באַדייטונג. פון דעם איז געבוירן געוואָרן די סתירה אין זיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, אַ סימן, וואָס ווייזט אָן אויף זיין אינערלעכער קאָנסטערנאַציע.

נאָך איידער עס איז אויסגעבראָכן די 6־טאָגיקע מלחמה, האָט מען זי אין ישׂראל באַצייכנט ווי אַ קיום־מלחמה. דאָס איז געווען די מיינונג פון אַלע קרייזן און פּאַרטייען. אויך דיין האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ קיום־מלחמה. אָבער ער איז געווען דער ערשטער צווישן די פּאָליטיקער, וועלכער האָט אָנגעוויזן אויף דער ראָל, וואָס עס האָט געשפּילט אין דער מלחמה די בענקשאַפט פון פאָלק צו זיין היסטאָרישער נחלה. דעם 7־טן יוני, ווען די מלחמה האָט נאָך געדויערט, האָט ער ביים כותל מערבי געזאָגט: „מיר זענען צוריקגעקומען צו אונדזערע הייליקע ערטער, מיר זענען צוריקגעקומען, כדי מיר זאָלן זיך פון זיי קיינמאָל נישט צעשיידן״. שפּעטער, דעם 3־טן אויגוסט, האָט ער מספּיד געווען די געפאַלענע אין דער יידישער אלט־שטאָט, אין דער מלחמה פון 1948, וועלכע זענען אויפ־סניי געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן הר הזיתים, און געזאָגט: „ברידער, וואָס איר זענט געפאַלן אין דער באַפרייאונגס־מלחמה — מיר האָבן נישט אויפגעגעבן אייער חלום און מיר האָבן נישט פאַרגעסן אייער קרבן. מיר זענען צוריקגעקומען צום באַרג, צום וויגעלע פון אונדזער פאָלק. צו דער נחלה פון די אבות, צום לאַנד פון די שופטים און פעסטונג פון מלכות בית דוד. מיר זענען צוריקגעקומען קיין חברון, שכם, בית לחם, ענתות, יריחו און צו די ירדן־דורכגענג. ברידער, מיר טראָגן מיט אונדז אייער קרבן — מיר ווייסן, אַז כדי צו געבן ירושלים לעבן, דאַרפן מיר אַוועק־

שטעלן חיילים פון צבא הגנה ישראל און זיינע פאַנצער־אָפּטיילונגען אויף די בערג פון שכם און פאַר די בריקן פון ירדן״.

דיין האָט שטאַרק מקפיד געווען אין זיינע רייד. ער האָט געזאָגט: „מיר האָבן זיך צוריקגעקערט״, „מיר זענען צוריקגעקומען״, און נישט מיר האָבן דעראָבערט, אָנגעשלאָסן און באַפרייט. די אויסדרוקן „חזרנו״ און „שבנו״ קאָן מען פאַרשטיין ווי אַ פּרינציפּ פון פרייען צוגאַנג צו אַלע הייליקע ערטער אין תנ״ך־לאַנד אין די ראַמען פון אַ קאָנפעדעראַציע — אין וועלכער דיין האָט געזען אַ לייזונג פאַרן ארץ־ישראל פּראָבלעם — ווען זי וועט אַנטשטיין.

מיט דעם זעלבן אָטעם־צוג, מיט וועלכן דיין האָט געזאָגט דעם 7־טן יוני ביים כותל מערבי, אַז „מיר זענען צוריקגעקומען צו אונדזערע הייליקסטע ערטער, מיר זענען צוריקגעקומען, כדי זיך מער מיט זיי נישט צו שיידן״, האָט ער צוגעגעבן, ווי עס איז דאַן געווען אָנגענומען דורך דער גאַנצער רעגירונג, אַז „אונדזערע אַראַבישע שכנים לייגן מיר פאָר אין איצטיקן מאָמענט, מיט אַ גרעסערער אַנטשלאָסנקייט אין דער איצטיקער שעה, אַ שלום״. און אַזוי האָט זיך פּאַקטיש געשאַפן אַ סתירה, וועלכע ער אליין האָט פאַרשטאַנען בעסער פון אַנדערע. די פאַראייניקונג פון ירושלים און דאָס אויסשטרעקן די האַנט צו אַ שלום מיט די אַראַבער גייען נישט צוזאַמען — פון אַראַבישן שטאַנדפּונקט. אין דעם באַשטייט אויך דער אונטערשיד צווישן אַ קיום־מלחמה און אַ מלחמה. אין וועלכער עס האָט געווירקט די בענקשאַפט פון פאָלק צו דער נחלה פון די אבות.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אין דיינס לעבנס־געשיכטע, האָט די פראַגע פון נחלת אבות געהאַט אַ פּראַקטישע און פערזענלעכע באַדייטונג, און נישט נאָר אַ היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע. זיין פאָטער שמואל, וועלכער האָט געשטרעבט צו „דעראָבערן״ מיט אַרבעט די ערד פון באַראָן ראָטשילד אין חורן אין אָנהויב פון דער צווייטער דעקאַדע פון 20־טן יאָרהונדערט, האָט ווייטער זיך אינטערעסירט מיט דעם פּראָבלעם. ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די סירישע רעגירונג האָט קאָנפיסקירט דעם באָדן, וואָס האָט געהערט צו פיק״א (קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט פון ראָטשילד), האָט שמואל דיין זיך אייניקע מאָל געוואַנדן שריפטלעך צום דעמאָלטיקן אויסערן־מיניסטער משה שרת, כדי אים צו באַוועגן צו אַ דיפּלאָמאַטישער טעטיקייט. דעם 17־טן מערץ 1953, האָט אים שרת געענטפערט מיט אַ בריוו: „איך צווייפל, צי מיר וועלן קענען עפעקטיוו פאָדערן דאָס אייגנטום־רעכט אויף די שטחים בעת שלום־פאַרהאַנדלונגען מיט סיריע, ווייל אויף ווי ווייט דאָס איז מיר באַקאַנט, האָבן די סירישע קאָנפיסקירט דעם דאָזיקן באָדן נישט אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון און ביוראָקראַטישן אופן, נאָר האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז די קאָנפיסקאַציע זאָל טראָגן אַ יורידישגעזעצלעכן כאַראַקטער״. זיין בריוו האָט שרת פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„טראָץ דעם איז נאָך פאַראַן אַ שאַנס אין דער צוקונפט". און שמואל האָט אים געענטפערט, „עוד לא אבדה תקוותנו", און ער האָט פאַרגעזעצט צו באַשעפטיקן דאָס אויסערן־מיניסטעריום מיטן פּראָבלעם פון חורן־באָדן.

נאָך דער 6־טאָגיקער מלחמה איז שמואל דיין געווען פון די ערשטע ציווילע פּערזאָנען, וועלכע האָבן באַזוכט רמת הגולן. דעם 24־טן יוני 1967, אויסגעשטאַט מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש אַריינצוגיין אין דעם אָפּ־געשלאָסענעם שטח, האָט ער אין דער באַגלייטונג פון מיליטער־לייט גע־זוכט דעם באָדן פון באַראָן אין חורן. דערנאָך האָט ער געשריבן אין זיין ביאָגראַפיע, אַז „אָט איז באַוויזן געוואָרן, אַז די דאָזיקע שטחים געפינען זיך 6 קילאָמעטער פון דער ליניע פון פייער־איבערייס, אלזאָ, די ערד פון באַראָן געפינט זיך נאָך נישט אין אונדזער באַזיץ. און ווי גרויס איז דער צער". עס איז קלאָר, אַז ווען זיין זון משה וואָלט געווען ביי דער זעלבער מיינונג וואָס יגאל אלון, אַז מען דאַרף דעראָבערן גאַנץ דרום סיריע, וואָלט שמואל זוכה געווען צו פאַרווירקלעכן זיין לעבנס־חלום און די שטחים פון חורן וואָלטן געוואָרן ווי די נחלת אבות פון משה דיין.

די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן האָט געפירט צו דעם, אַז דיין, דער זיכערהייטס־מיניסטער, איז פאַקטיש געוואָרן דער פאַראַנטוואָרטלע־כער פאַר די פאַרנומענע שטחים. דורך דעם איז ער געוואָרן אַ מין העכס־טער מיליטערישער גובערנאַטאָר איבער זיי. אויף דעם געביט האָט ער זיך אויסגעצייכנט. די אַראַבער, וועלכע זענען במשך פון צענדליקער יאָרן געהעצט געוואָרן צו שנאה כלפי ישראל, האָבן אָנגענומען זיינע באַדינ־גונגען פאַר אַ צוזאַמענאַרבעט, נישט איינבייגנדיק זייער רוקן און נישט אָנווענדנדיק קעגן זיי אַן אייזערנע פויסט.

עס קאָן זיין ,אַז דער סוד פון זיין הצלחה איז געלעגן אין זיין גרונט־באַציאונג צו די ארץ־ישראל אַראַבער. ווייל צוליב דעם וואָס די מלחמה האָט אַזוי קורץ געדויערט, האָבן אַ גרויסע באַדייטונג געהאַט די מיינונגען, וואָס האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט פאַר איר אויסברוך. פּאָליטיקער און מי־ליטערלייט האָבן נישט באַוויזן אויפסניי צו פאָרמולירן געדאַנקען ווי אַזוי אויסצונוצן דעם מיליטערישן נצחון פאַר אַ פּאָליטישער רעגולירונג פון קאָנפליקט, און דעריבער האָבן זיי איבערגעחזרט די אַלטע אָנשויאונגען. ווער עס האָט, למשל, געשטרעבט אויסצוברייטערן די גרענעצן פון ישראל איבער גאַנץ ארץ־ישראל, האָט איצט געטענהט, אַז מען דאַרף אָנשליסן די פאַרנומענע שטחים. אזוי איז אַנטשטאַנען די באַוועגונג פון אַ גרויס ארץ־ישראל; ווער עס האָט מורא געהאַט, אַז ישראל זאָל נישט פאַרלירן איר יידישן כאַראַקטער צוליב דעם דרייפאַכיק גרעסערן נאַטירלעכן צו־וואוקס פון די אַראַבער, האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף וואָס שנעלער צו־ריקגעבן די פאַרנומענע שטחים. דיין האָט זיך באַוועגט צווישן ביידע עקסטרעמע פּאָזיציעס און אַרויסגערוקט דעם געדאַנק פון אַ קאָנפעדעראַציע

בנוגע די ארץ־ישראל אראבער. דעם 21־טן דעצעמבער 1966 — בעת ער אליין האָט געטענהט, פונקט ווי אַנדערע, אַז די מיליטערישע קאָנפעדעראַציע איז ווייט — האָט ער אויף אַ סטודענטן־פאַרזאַמלונג אין ירושלים געזאָגט, אַז די אנטשטייאונג פון אַ קאָנפעדעראַציע, אין וועלכער עס וועלן אריין „ישראל, ירדן און די פּאַלעסטינעזער פון מערבדיקן ברעג" קאָן זיין אַ לייזונג פאַרן ישראל־אראבישן פּראָבלעם. דער הויפּט־באַדינג פאַר אַזאַ קאָנפעדעראַציע, לויט זיינע רייד, דאַרף זיין, אַז די מיטגלידער פון דער קאָנפעדעראַציע זאָלן האָבן פולע אויטאָמיע אין פראַגן פון זיכערהייט און אויסערן־פּאָליטיק, און די צוזאַמענאַרבעט צווישן זיי וועט זיך קאָנצענטרירן אויפן עקאָנאָמישן געביט.

אַן אַנדערער פאַקטאָר אין זיין באַציאונג צו די ארץ ישראל־אראבער איז געווען אַ רעזולטאַט פון זיין באַציאונג צו דער אַראַבישער מינדערהייט אין ישראל. זיין צוגאַנג צו דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע איז געווען אַ פּיל מער ליבעראַלער ווי פון בן־גוריון. וואָס שייך דער טריישאַפט פון דער אַראַבישער מינדערהייט צו מדינת ישראל איז ער געווען אַן אויסנאַם. דעם 11־טן אָקטאָבער 1965 האָט ער אין די ראַמען פון דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער 6־טער כנסת געהאַלטן אַ רעדע אין אַראַבישן דאָרף טירא, און דורך דעם אַרויסגערופן דעם צאָרן פון נישט ווייניק יידן. זיינע אַראַבישע צוהערער האָט ער געזאָגט, אַז זיי דאַרפן טאָן איינס פון די ביידע: די, וועלכע ווילן לעבן אין דער יידישער מדינה, דאַרפן איר זיין געטריי, און די, וועלכע ווילן נישט, זאָלן זי פאַרלאָזן. אָבער פאַר דעם האָט ער אייניקע מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז די אַראַבער, וועלכע ווילן לעבן אין ישראל, דאַרפן זיך נישט אסימילירן אין דער ישראל־געזעלשאַפט, נאָר פאַרקערט, אָפּהיטן די קולטור־געזעלשאַפטלעכע ווערטן און ווי ווייט מעגלעך זיי אַנטוויקלען.

די דאָזיקע שטעלונג האָט געהאַט אַ השפּעה אויף זיינע ערשטע שריט אלס מיליטערישער גובערנאַטאָר. פון ערשטן מאָמענט אָן האָט ער געשטרעבט צו שאַפן גוט־שכנותדיקע באַציאונגען צווישן די איינוווינער פון ישראל און די אַראַבער פון די פאַרנומענע שטחים. באַטראַכטנדיק זיי אַלס פאַרבינדעטע אין דער צוקונפט, האָט ער מקפּיד געווען נישט אָפּצורייסן זיי פון זייער קולטור־געזעלשאַפטלעכן וויגעלע און געשטרעבט צו שאַפן ווי ווייט מעגלעך אַ ליבעראַלע מיליטערישע אַדמיניסטראַציע, וואָס איז מחמיר נאָר אין זיכערהייטס־פראַגן. זיין צוגאַנג איז געווען, אַז די מיליטערישע אַדמיניסטראַציע דאַרף זיך וואָס ווייניקער אַריינמישן אין לעבן פון די איינוווינער און נישט זיין דער באַלעבאָס איבער זיי. ער האָט געשטרעבט צו דערטיילן זיי פרייהייט אין אינערלעכע ענינים און דערמעגלעכט אָנצוהאַלטן קאָנטאַקטן מיט זייערע ברידער אויף דער צווייטער זייט פון דער ליניע פון פייער־איבעררייס. דאָס זענען געווען די יסודות פון

זיין צוגאנג נאָך איידער עס איז אויסקריסטאַליזירט געוואָרן די אַזוי גע־רופענע פּאָליטיק פון אָפענע בריקן.

זיין ערשטע פאַראָרדענונג איז געווען נאָרמאַליזאַציע.

דעם ערשטן שריט צו באַזייטיקן די באַריערעס האָט ער געמאַכט אין ירושלים. ער האָט געפאָדערט פון אלוף עוזי נרקיס צו עפענען די טויערן פון דער אלט־שטאָט. ער האָט צוויי וואָכן שפּעטער באַפוילן צו באַזייטיקן די חיילים, וואָס היטן די דורכגענג. ווען מזרח־ירושלים איז אָנגעשלאָסן געוואָרן אין ישראלדיקן טייל פון ירושלים און די גאַנצע שטאָט איז פאַר־אייניקט געוואָרן דעם 29־טן יוני 1967, האָט ער פאַראָרדנט צו באַזייטיקן אַלע מיליטערישע וואַכן צווישן ביידע טיילן.

די גיכע באַזייטיקונג פון די באַריערן צווישן ביידע טיילן פון ירוש־לים, האָט געהאַט דעם קלאָרן ציל צו פאַרבינדן ישראל מיט דער אלט־שטאָט. אָבער גלייכצייטיק איז דאָס אויך געווען אַן אויסדרוק פון זיין אויפפאַסונג, אַז עס וועט נישט זיין קיין שום באַריער צווישן יידן און אַראַבער. ער האָט שטענדיק געטענהט, אַז אַן אַ באַריער וועלן ביידע פעלקער קומען אין אַ קאָנטאַקט צווישן זיך, וועלן זיך קעגנזייטיק בודק זיין, וועלן צווישן זיך קעמפן, אָבער צום סוף וועט געפונען ווערן אַ וועג פאַר אַ פרידלעכער קאָעקזיסטענץ. אָבער אויב עס וועט זיין אַ באַריער — מצד אַן אונ״אָ־כוח, אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרמיי, אָדער סתם אַ פּלויט — וועלן ביידע פעלקער קיינמאָל נישט קומען צו קיין פאַרשטענדיקונג און די באַריער וועט נאָר פאַראייביקן די מיספאַרשטענדענישן צווישן זיי.

אין די ראַמען פון די דאָזיקע גיכע אנטשיידונגען האָט ער באַשלאָסן צו שטעלן דעם הר הבית, אויף וועלכן עס געפינען זיך די צוויי גרויסע מעטשעטן אמאר און אל אקצא, אונטער דער קאָנטראָל פונעם העכסטן מוסולמענישן ראַט. דורך דעם האָט ער באַוויזן צו באַזייטיקן די רעלי־גיעזע סיבה פאַר אַ קאָנפליקט אין דער צוקונפט און פון פאַרויס צונישט־מאַכן די אַראַבישע טענה פאַר אַ הייליקער מלחמה. ווייל שוין צו יענער צייט האָט זיך געשאַפן אַ באַוועגונג פון עקסטרעמע רעליגיעזע און אַנ־דערע, וואָס האָט געפאָדערט צוריקצוקערן דעם הר הבית צו די יידן און באַנייען זיין קדושה דורך אָפריכטן תפילות. נאָך איידער עס זענען באַ־זייטיקט געוואָרן די באַריערן און די אויפזיכט איבערן הר הבית, איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם מוסולמענישן ראַט, אַז ער האָט באַשלאָסן צו דערמעגלעכן אַלע מוסולמענער פון די פאַרנומענע שטחים און אין ישראל אָפצוריכטן דאָרט תפילות פרייטיק דעם 23־טן יוני, צוויי וואָכן נאָכן סוף פון דער מלחמה. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל זינט 20 יאָר, ווען ישראל־מוסולמענער האָבן געקענט דאַוונען אין הייליקן פאַר זיי אָרט. מיליטערלייט האָבן ווידער מורא געהאַט, אַז עס וועט קומען צו אַ מאַסנהאַפטער פּילגרימען־באַוועגונג קיין ירושלים פון אַלע עקן ארץ

ישראל, וואָס קען זיך פאַרענדיקן מיט בלוט־פאַרגיסונגען. אָבער אויך דאָס מאָל איז דיין געבליבן פעסט ביי זיין שטעלונג. די מורא פאַר מוסולמענישע אומרועןן האָט ער בטל געמאַכט מיט דער פעסטשטעלונג, אַז בירגער, וועלכע האָבן נישט געקעמפט אויף דער זייט פון זייער אַרמיי בעת דער מלחמה, וועלן זיך פּלוצים נישט באַנוצן מיט געווער און מיט אַנדערע געוואַלד־טאַטן דווקא נאָך דער מפּלה. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען גערעכט און דאָס עפענען די באַריערן, וואָס האָט גורם געווען אַ מין „פעלקער־וואַנדערונג", איז דורכגעגאַנגען פולשטענדיק רואיק.

ווי עס איז געווען זיין שטייגער, האָט ער דאָס אַליין דורכגעפירט, און נישט דורך פאַראָרדענונגען פון די אַנטשפּרעכנדיקע אַמטן. זיינע פאַראָרדענונגען צו עפענען די באַריערן און אָפּצוהאַלטן די תּפילות אין ירושלים האָט ער דירעקט געגעבן נרקיסן, און נישט דורכן גענעראַל־שטאַב; בעת זיינע וויזיטן אין די שטעט פון מערבדיקן ברעג דעם 17־טן און 20־טן יוני, האָט ער דירעקט באַפוילן די קאָמאַנדירן פון די בריגאַדעס און פּולקן צו באַזייטיקן די באַריערן, צוריקקערן די קאָנפיסקירטע אויטאָס, דערמעגלעכן די לאַנדווירטן אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט אויף זייערע פעלדער און באַגרענעצן די פּאָליציי־שעהן נאָר צו דער נאַכט. אַזוי האָט ער באַפוילן צו דערמעגלעכן דעם צוריקקער פון די פּליטים פון קאַלקיליא און אויפסניי אויפבויען די שטאָט. און ווען ער האָט באַזוכט די שטאָט דעם 28־טן יוני, איז ער אויפגענומען געוואָרן דורך די איינוווינער פון קאַלקיליא מיט בראַוואָ־אויסרופן „יאיש דיין" (זאָל לעבן דיין).

דאָס שאַפן גוט־שכנותדיקע באַציאונגען איז געקומען צום אויסדרוק אין די רעגולירונגען, וואָס ער האָט געמאַכט לגבי דער מערת המכפּלה אין חברון. אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן די אַראַבער פאַרבאָטן דעם אַריינגאַנג פון די יידן איבער דער זיבעטער שטיג. איצט האָט ער דערמעגלעכט די אַראַבער אָפּצוריכטן די תּפילות אין זייער מעטשעט אין דער מערת המכפּלה אַזוי ווי זיי האָבן דאָס געטאָן לאַנגע יאָרן, אָבער ער האָט אויך דערלויבט די יידן צו באַזוכן דאָס הייליקע אָרט און עפענען אַ בית כּנסת, אַזוי ווי עס איז געווען, איידער עס איז געבויט געוואָרן דער מעטשעט. אַזוי האָט ער געגעבן אַ ביישפּיל פאַר אַ גייסטיקער קאָאָעקזיסטענץ. דיין האָט אויפגעקלערט, אַז מיט דעם וואָס דאָס אָרט איז הייליק פאַר יידן הייסט נישט, אַז מען דאַרף עס צונעמען ביי די מוסולמענער. סיי יידן און סיי מוסולמענער האָבן רעכט אָפּצוהאַלטן אין דער מערת המכפּלה דעם רעליגיעזן קולט.

סוף יולי האָט ער געגעבן אַן אָפיציעלע באַשטעטיקונג פאַרן פּראָצעס, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אויף אַ נאַטירלעכן אופן — די באַנייאונג פונעם פאַרקויף פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פון דער גדה המערבית קיין

ירדן. פאַר דעם צוועק זענען שפעטער געבויט געוואָרן נייע בריקן אויפן אָרט פון די בריקן, וואָס זענען אויפגעריסן געוואָרן אין דער מלחמה און עס זענען געפלאַסטערט געוואָרן נייע וועגן. דאָס עפענען אויפסניי די בריקן צווישן ביידע טיילן פון ירדן־קעניגרייך האָט געקרוינט זיין פּאָליטיק מיט דער באַצייכענונג „די פּאָליטיק פון אָפענע בריקן". אין אַ געוויסער הינזיכט איז דאָס געווען אַ מין אָנהויב אין דעם חזון לעתיד — אַ וויזיע פאַר דער צוקונפט — אַז די אַראַבער, וועלכע וועלן לעבן אין אַ קאָנפע־דעראַציע מיט ישראל, וועלן זיין פאַרבונדן מיט זייערע ברידער אויף דער צווייטער זייט גרענעץ פון דער קאָנפעדעראַציע, און גלייכצייטיק וועלן זיי צוזאַמענאַרבעטן מיט ישראל.

אין זומער 1968 איז געווען קלאָר, אַז דער שלום איז ווייט און די פאַרנומענע שטחים וועלן בלייבן אונטער דער שליטה פון ישראל אַ לענגערע צייט. דער דאָזיקער פאַקט האָט גורם געווען אַן ענדערונג אין דער שטעלונג פון משה דיין. כל זמן די פאַרנומענע שטחים זענען געווען אַ דעפּאָזיט אויף אַ קורצער צייט, איז ער געווען קעגן אַן עקאָנאָמישער צוזאמענאַרבעט צווישן ישראל און די פאַרנומענע שטחים און קעגן יידי־שע אינוועסטיציעס. זיין הויפּט־מורא איז געווען, אַז די אַראַבער וועלן באַזייטיקט ווערן פון זייערע אונטערנעמונגען און דורך דעם וועט זיך אַנטוויקלען אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו די ישראלים. דעריבער האָט ער געזאָגט, אַז אפילו ווען עס איז זיכער, אַז אַ ישראל־דאָקטאָר וועט בעסער פירן אַ שפּיטאָל אויף די פאַרנומענע שטחים, איז בעסער, אַז די לייטונג זאָל בלייבן אין די הענט פון אַן אַראַבישן דאָקטאָר. ער איז געבליבן געטריי די פּרינציפּן, אַז יידן דאַרפן זיך נישט אריינמישן אין לעבן פון די אַראַבער; אַזוי האָט ער נישט דערלאָזט, אַז דאָס בילדונגס־מיניס־טעריום זאָל זיך אַריינמישן אין דער בילדונגס־נעץ אויף די פאַרנומענע שטחים און האָט איבערגעלאָזט כמעט אַלע לערן־ביכער, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן פאַרשפּרייט שנאה צו ישראל. און דאָס כדי צו פאַרמיידן דעם איינדרוק, אַז מען וויל „ישראליזירן" די פאַרנומענע שטחים.

די יידישע מדינה פון משה דיין איז נישט געווען דעפינירט אין אַ געאָגראַפישער גרענעץ, נאָר אין אַ דעמאָגראַפיש־קולטורעלן תחום. און דאָס איז אויך חל אויף דער פּאַלעסטינעזישער איינהייט, וועגן וועלכער ער האָט נאָך נישט פעסטגעשטעלט צי דאָס וועט זיין אַ באַזונדערע מדינה, אָדער אַ טייל פון ירדנישן קעניגרייך, וועמענס איינוווינער לעבן אין ארץ ישראל. עס האָט אים נישט געשטערט דער פאַקט, וואָס די פּאַ־לעסטינעזער, איינוווינער פון דער גדה מערבית וועלן דערווייל ווייטער זיין ירדנישע בירגער, און אויך נישט דער פאַקט, וואָס די לאַגע אין דער מדינה קאָמפּליצירט זיך דורך דעם וואָס די אַראַבער, וועלכע לעבן אין די ראַמען פון דער ישראל־סוווערעניטעט וועלן זיין אירע בירגער און במילא

וועלן זיי זיך באַטייליקן אין וואַלן אין די ראַמען פון אַן אַנדערער סו־ווערעניטעט.

ווי ווייט דיין איז געווען ליבעראַל אין עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטור־ענינים, אַזוי האַרטנעקיק איז ער געווען אין זיכערהייטס־פּראַגן. אויף דער טעטיקייט פון די אַראַבישע טעראָר־אָרגאַניזאַציעס און פּאַר־לעצונגען געווענדעט קעגן ישראל און אירע איינוווינער, האָט ער רע־אַגירט מיט אַן אייזערנער פויסט. ער האָט באַשטעטיקט דאָס אַרויס־טרייבן די מנהיגים, וועלכע העצן צו אַן אויפשטאַנד, אַדמיניסטראַטיוון אַרעסט פאַר פאַרדעכטיקטע אין דיווערסאַנטן־טעטיקייט און האָט זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט פון אויפרייסן הייזער פון באַשולדיקטע אין טעראָר קעגן ישראל — אפילו ווען זיי האָבן געהערט צו עלטערן און קרובים, וועלכע זענען געווען ריין פון דער דאָזיקער זינד.

די כללים פון זיין שפּיל האָט ער איינציקע מאָל אויפגעקלערט פאַר די איינוווינער פון די פאַרנומענע שטחים. צום ביישפּיל, דעם 11־טן אָקטאָבער 1967, אין רעזולטאַט פון אַ גרויסן שטרייק אין די שולן אין דער גדה מערבית, האָט ער דאָס אויפן פאָלגנדיקן אופן פאָרמולירט אין אַ באַגעגעניש מיט די נכבדים פון שכם: „איך פאָדער נישט פון אייך, אַז איר זאָלט אונדז ליב האָבן, אָדער איר זאָלט שלום מאַכן מיט אונדזער מאַכט. איר האָט פאַרלוירן די מלחמה און איר ווייסט נישט וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט, צי אַ נייע מיליטערישע רונדע, אָדער שלום־געשפּרעכן. איך פון מיין זייט וויל, אַז עס זאָל זיין שלום, אָבער עס איז קלאָר, אַז איר איינוווינער פון די שטחים זענט הילפלאָז צו טאָן עפּעס אין דער, אָדער אין דער צווייטער ריכטונג. איצט איז די ברירה אין אייערע הענט צו מאַכן אַן אויפשטאַנד, אָדער שלום מאַכן מיט דעם צווישן־מצב. איך דערוואַרט פון דער באַפעלקערונג און פון די ציווילע אינסטאַנצן, אַז זיי זאָלן פירן אַ נאָרמאַל לעבן און אויספילן די פליכטן, וואָס עס לייגט ארויף די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע און מיר וועלן דערפילן די פליכטן, וואָס עס לייגן אויף אונדז אַרויף די מיליטערישע אַדמיניסטראַ־ציע און די רעגירונג. די ברירה, וואָס שטייט פאַר אייך איז אַ נאָרמאַל לעבן, אָדער אַן אויפשטאַנד. אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז אויב איר וועט אויסוויילן דעם אויפשטאַנד וועלן מיר נישט האָבן קיין אַנדערע ברירה און מיר וועלן מוזן אייך איינברעכן“.

זיין כוח איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט פאָרמולירט דעם קלאָרן אלף־בית פון זיין פאָליטישן שפּיל און אים זאָרגפעליק אָפּגעהיטן. ווי ער וואָלט געהאַלטן אין איין האַנט אַ מערל און אין דער אַנדערער האַנט אַ שטעקן.

כל זמן די איינוווינער פון די פאַרנומענע שטחים זענען נישט גע־גאַנגען אויפן וועג פון בונט, האָבן זיי געפילט נאָר דעם טעם פון מערל.

דיין האָט אפילו געשטרעבט צו שפּייזן זיי וואָס מער מיט „זיסע מאכלים״, כדי זיי זאָלן האָבן וואָס צו פאַרלירן אין פאַל, ווען זיי וועלן אַרויף אויפן וועג פון פיינטלעכע אַקטן.

די קלאָרקייט פון זיינע שפּיל־כּללים, דאָס נישט מותּר זיין אויף קיין האָר סיי וואָס שייך געבן פרייהייט פאַר ציווילער, ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיקייט און סיי פאַר אַ שטרענגער באַשטראָפונג צוליב פיינטלעכע מעשים, האָט געהאָלפן דיינען צו פאַרווירקלעכן מיט דערפאָלג זיין פּאָליטיק.

דעם דאָזיקן כּלל פון גרייטקייט צו אַ קאָעקזיסטענץ און שלום האָט דיין אויך אָנגעווענדעט אין זיין צוגאַנג צו די אַראַבישע שכנים פון ישראל. אויך לגבי זיי האָט ער אָנגעווענדעט אַן אייזערנע פויסט אין זיכערהייטס־פראַגן. אָבער דאָ האָט ער נישט דערגרייכט די רו. פייער־אויסטויש, שיסערייען פון אַרטילעריע און טאַנקן, באָמבאַרדירונגען און לופט־קאַמפן, סאַבאָטאַזש־אַקטן פון קאָמאַנדאָ־גרופּן, סאַבאָטאַזש און צע־שטערונגס־אַקטן זענען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג פוןביידע זייטן פון דער פייער־איבערייס־ליניע, ביז מצרים איז מסכּים געווען, אין אויגוסט 1970, אויפסנייַ צו רעספּעקטירן דעם פייער־איבערייס.

אין פלוג, איז געווען אַ פּשוטע סיבה פאַר באַנייען די מלחמה צווישן ישראל און מצרים. ישראל האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן די שטחים, וואָס זי האָט דעראָבערט אין יוני 1967 כּל זמן די אַראַבער וועלן נישט שליסן מיט איר קיין שלום נאָך דירעקטע פאַרהאַנדלונגען אין וועלכע עס וועלן פעסטגעשטעלט ווערן נייע זיכערהייטס־גרענעצן פון מדינת ישראל. דיין, וועלכער איז געווען קעגן צוריקטריט אין 1957, האָט איצט גע־פאָדערט, אַז ישראל זאָל זיך נישט צוריקציען פון שארם א־שייך, כדי נישט צו דערלאָזן צו אַ נייער מצרישער בלאָקאַדע אין די אילת־בוכטעס און זיך נישט צוריקציען פון עזה־פּאַס, כּדי פון פאַרויס פאַרמיידן, אַז דער דאָזיקער געביט זאָל ווידער ווערן אַ שפּרונג־ברעט פאַרן מצרישן מיליטער קעגן ישראל, און זאָל זיך נישט צוריקציען פון רמת הגולן, כּדי די סיריער זאָלן נישט באַנייען דאָס באַשיסן ישראל־ישובים, צה״ל זאָל זיך נישט צוריקציען פון די בערג פון יהודה און שומרון און דאָס פאַראייניקטע ירושלים זאָל בלייבן די הויפּטשטאָט פון ישראל. אַנדערע מיניסטאָרן זענען געווען שותּפים צו דער דאָזיקער אויפפאַסונג, אָבער דיין איז געווען דער, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט די דאָזיקע פּרינ־ציפּן אין דער וואַל־פּלאַטפאָרם פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי צו די וואַלן אין נאָוועמבער 1969 אַלס תּורה בעל פּה און זיי פאַרוואַנדלט אין גרונט־ליניעס פון דער רעגירונג פון גאָלדע מאיר. ער האָט איינגעפּלאַנצט דעם באַוווסטזיין אין דער רעגירונג און אינעם ברייטן ציבור, און שארם א־שייך און די טעריטאָריאַלע פאַרבינדונג צווישן אילת און איר דאַרפן

בלייבן אין די הענט פון ישראל אין די ראַמען פון יעדער רעגולירונג. מצרים דאַקעגן האָט געפאָדערט אַ פולן ישראלדיקן צוריקטריט צו די ליניעס פון 4־טן יוני 1967, האָט זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוגיין אין דירעקטע פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ שלום, אונטערשטרייכנדיק, אַז זי וועט זיך נישט באַפרידיקן מיט קיין שום רעגולירונג פון סכסוך, וואָס וועט נישט פאַר־זיכערן די רעכט פון פאַלעסטינעזישן פאָלק. און אַזוי בעת די ישראלדיקע פאָדערונגען האָבן אין די אויגן פון די מצרים אויסגעזען אַלס אויסדרוק פון אַן עקספּאַנסיע־יצר, האָט ישראל אין די מצרישע פאָדערונגען געזען אַ פרווו צו פאַרבעסערן די מלחמה־פּאָזיציעס, כדי צו ליקווידירן ישראל אין אַ פּאַסיקן מאָמענט. אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ מצב פון סטאַגנאַציע.

פרעזידענט נאַצער האָט געוואָלט דערפירן צום צוריקטריט פון ישראל מיט דער הילף פון דער אַרמיי און פאַר דעם צוועק האָט ער אָנגעהויבן די אַזוי גערופענע „אויסמאַטערונגס־מלחמה", גלויבנדיק, אַז ישראל וועט נישט קענען אויסהאַלטן די מאָביליזאַציע־לאַסט, דעם פינאַנסיעלן עול און הויפּטזעכלעך די מענטשלעכע פאַרלוסטן. דיינס רעאַקציע אויף דער אויסמאַטערונגס־מלחמה איז נישט געווען קיין אַנדערע ווי ער האָט אָנגע־ווענדעט אין זיינע יוגנט־יאָרן, אָדער ווען ער איז געווען שעף פון גענע־ראַל־שטאַב. זיין כלל פון די טעג פון די רעוואַנזש־אַקציעס — „מיר זענען נישט אימשטאַנד צו פאַרמיידן דעם מאָרד פון אַרבעטער און משפחות, אָבער מיר קענען פעסטשטעלן אַ הויכן פרייז פאַר אונדזער בלוט" — האָט אים אויסגעזען צו זיין ריכטיק ווי שטענדיק. ישראל האָט נישט געקאָנט פאַרמיידן קרבנות, אָבער צה"ל האָט געפאָדערט פון די מצרים אַ זייער הויכן פרייז. פונקט ווי די פאַראַשוטיסטן זענען אין דער העלפט פון די 50־קער יאָרן אַריבער טיף אויף דער צווייטער זייט פון די וואָפנ־שטילשטאַנד־ליניעס אַזוי זענען די עראָפּלאַנען פון לופט־פלאָט אַריין אין די מצרישע הימלען און באָמבאַרדירט אין דער טיף פון דער מצרישער טעריטאָריע. דאָס איז געווען א המשך פון דער עסקאַלאַציע און נישט קיין באַנייאונג. לויט ישראלדיקע אָפּשאַצונגען זענען ביי אַ 10.000 מצרישע זעלנער געפאַלן אין דער אויסמאַטערונגס־מלחמה און מיט דעם האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַליין אויסמאַטערן.

אַנדערש האָבן אויסגעזען די פאַרלוסטן פון דער אויסמאַטערונגס־מלחמה: זי איז נישט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מלחמה אָן אַ ברירה; עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די דאָזיקע מלחמה ווערט געפירט צוליב דער פּאָליטיק פון ישראל, און נישט פאַר איר קיום. אַנ־דערע האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען דאַרף קעמפן און פאַרלירן מענטשן פאַר די שטחים, וועלכע ישראל איז אין פּרינציפּ גרייט צוריקצוגעבן און פאַר אַ סך האָט עס אויסגעזען, אַז ישראל האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין אַן ענג געסל אָן אַן אויסגאַנג, וואָס פאָדערט אַ סך בלוט. אין אַ פאָלק,

וואָס לעבט מיטן טיפן באַוווסטזיין פון אַ שבט, וועלכער פאַרקלענערט זיך, האָבן די מענטשלעכע קרבנות געהאַט אַ דאָפּלטע באַדייטונג. יעדעס לעבן, וואָס איז אויסגעלאָשן געוואָרן, האָט ווי אָפּגעריסן אַן אבר פון פאָלק. דיין, וועלכער האָט געדאַרפט באַרעכטיקן דעם טייערן און ווייטיקפולן פּרייז, האָט אים אויך געדאַרפט איינקאַסירן אין נאָמען פון פאָלק; ער האָט אונטערגעשריבן די בריוו צו די משפחות פון די געפאַלענע און ער איז געווען דער קאָנקרעטער אַדרעס, צו וועלכן עס האָבן זיך געוואָנדן עלטערן, אלמנות און יתומים ער זאָל זיי געבן די האָפענונג און דעם גלויבן, אַז די קרבנות זענען נישט געפאַלן אומזיסט; ער האָט געדאַרפט פאַרזיכערן דעם פאָלק, אַז זיינע זין זענען געפאַלן אין דער שלאַכט, כדי צו שטאַרקן די מדינה און ממשיך צו זיין איר קיום.

הגם זיין פונקציע האָט דאָס פון אים נישט געפאָדערט און זיין קער־פּער איז שוין צו דעם נישט געווען מער צוגעפּאַסט, האָט ער זייער אָפט באַזוכט די ערשטע פייער־ליניעס. ער איז אָנגעקומען אין די ווייטסטע און געפערלעכסטע פּאָזיציעס און איז אַפילו געקראָכן אויף אַלע פיר צו די פאָדערשטע אָבסערוואַציע־פּונקטן און האָט הנאה געהאַט פון דעם, וואָס ער קען דאָס טאָן אזוי ווי יעדער אנדערער זעלנער. עס האָבן זיך ווידער איבערגעחזרט די אַלטע געשיכטעס ווען הויכע אַרמיי־אָפיצירן האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך נישט שטעלן אין קיין געפאַר, און ער האָט זיי גפּענטפערט, אַז אומעטום ווו אַ זעלנער געפינט זיך אין אַ געפאַר, איז נישטאָ קיין שום באַרעכטיקונג, אַז ער אַליין זאָל זיך נישט געפינען אויף דעם פּלאַץ. ער האָט זיך וויטער געפירט אזוי ווי איינער, וואָס לייגט נישט קיין אַכט אויף זיין לעבן. בעת איינע פון זיינע באַזוכן אויף די פאָ־דערשטע ליניעס, האָט דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע אים פאַרבאָטן אַרויפצוגיין אויף דעם אָפּשניט, וואָס איז געווען אַן אומאויפהערלעכער ציל פון דער מצרישער אַרטילעריע. דער קאָמאַנדיר האָט אים בערך אַזוי געזאָגט: „חיילים האָבן מיר אַ סך, אָבער אַ זיכערהייטס־מיניסטער האָבן מיר בלויז איינעם”. אויף דעם האָט דיין געענטפערט: „ווערסט זיך וונדערן וויפל קאַנדידאַטן עס זענען פאַראַן אויף דעם אַמט, ווען ער וועט זיך באַפרייען”.

נאָכדעם ווי אשכול איז געשטאָרבן, האָט דיין נישט אַרויסגערוקט זיין קאַנדידאַטור אויפן אַמט פון פּרעמיער און האָט מיט צופרידנקייט אָנגענומען די קאַנדידאַטור פון גאָלדע מאיר. ער האָט נישט אונטערגענומען קיין שום שריט צו פאַרבייטן ספּירן. צי צוליב די געשאַפענע באַדינגונגען וואָס האָבן זיך געשאַפן, צי צוליב דעם עלטער, וועלכן ער האָט דערגרייכט, אָדער ווייל דאָס איז געווען זיין אמתע נאַטור, האָט ער זיך אינגאַנצן באַפרייט פון דעם אימאַזש פון אַ בונטאַוואַטשיק. ער וועט מער נישט קריטיקירן די וותיקים־פירער און וועט זיין לאָיאַל צום פּרעמיער גאָלדע מאיר. נאָך מער.

ענינים, וואָס געהערן צו זיין מיניסטעריום, וועגן וועלכע ער קען אליין דעצידירן, וועט ער דאָך ברענגען פאַר גאָלדע מאיר צו אַ באַהאַנדלונג און וועט בעטן איר הסכמה — למשל, ווי די נאָמינאַציע פון גענעראַלן אין דער אַרמיי און אין גענעראַל־שטאַב. און ער וועט זיך אַפילו ווייניקער אַריינמישן אין אָנפירן מיט צה״ל דורכן גענעראַל־שטאַב.

אָבער דאָס אַליין איז נישט געווען גענוג. זיין אמט האָט געפאָדערט מער ווי פּערזענלעכן מוט. דאָס באַנייען די מלחמה מיט מצרים, די אָנגריפן און סאַבאָטאַזש־אַקטן פון די אַראַבישע טעראָר־אָרגאַניזאַציעס, די טאָג־טעגלעכע ידיעות פון נייע קרבנות, און איבער אַלץ דער באַוווסטזיין, אַז דער שלום מיט די אַראַבישע מדינות איז ווייט און כמעט אָן שאַנסן — די אַלע זאַכן האָבן אַרויסגערופן אַ שווערע און געדריקטע שטימונג. דיין איז געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן אויף אַ ניכטערן אופן געזען די ווירקלעכקייט און דאָס פעלן פון שאַנסן פאַר אַ נאָענטן שלום.

אויב עס זענען נישטאָ קיין אויסזיכטן אויף אַ שלום — האָט זיך פאַרן ברייטן ציבור אַרויסגערוקט די פראַגע: „וואָס וועט זיין דער סוף״. דאָס הייסט, ווי לאַנג וועט ישראל קעמפן פאַר איר עקזיסטענץ און וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָס לעבן אָן אַ שלום? בעת אַ צוזאַמענפאַר, וואָס איז פאָרגעקומען אין היכל שלמה אין ירושלים, אויף וועלכן דיין האָט גע־ענטפערט אויף זיכערהייטס־פראַגן, האָט אים אַ טוריסטין פון די פאַראייניקטע שטאַטן געפרעגט אויף יידיש, „וואָס וועט זיין דער סוף״? אויך פאַר אַ יידישער פרוי, וואָס איז נישט קיין איינוווינערין פון ישראל, איז דיין, זעט אויס, געווען דער אַדרעס פאַר דער פראַגע וועגן קיום פון יידישן פאָלק. דער פאַקט, וואָס ער איז געווען גרייט צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, איז געווען אַ קלאָרער סימן, אַז די פאָדערונגען פון זיין אמט, האָבן גובר געווען זיין נאַטור.

דעם 17־טן אויגוסט 1969 האָט דיין אין אַ רעפעראַט, וועלכן ער האָט געהאַלטן בעת אַ פייערלעכן סיום פון אַ קורס פון שטאַב־אָפיצירן געזאָגט, אַז די פראַגע „וואָס וועט זיין״ איז נישט אַראָפּ פון די ליפּן פון אונדזער פאָלק אין משך פון פיר טויזנט יאָר, זינט זיין אנטשטייאונג ביז הייַנט צו טאָג. און מען קען זאָגן, אַז די דאגה „וואָס וועט זיין?״ איז אָן אָרגאַני־שער טייל פון דעם וועזן פון אונדזער פאָלק. „איר האָט זיכער געלייגט אַכט, אַז אין מיינע לעצטע זאצן האָב איך אַרויסגעלאָזט דאָס וואָרט „סוף״ — איך האָב געזאָגט „וואָס וועט זיין״, און נישט „וואָס וועט זיין דער סוף״. איך האָב דאָס געטאָן דערפאַר, ווייל דעם שווער־פּונקט פון דער יידן־פראַגע דאַרף מען לייגן אויף דעם וועג און נישט אויף דעם ענד־ציל, אויפן פּראָצעס און אויפן קאַמף, און נישט אויף דער לעצטער סטאַציע. „המנוחה והנחלה״ זענען פאַר אונדזער פאָלק געווען אויסגעבענקטע שטרעבונגען, און נישט קיין ווירקלעכקייט. און אויב מיר האָבן דאָס פון צייט צו צייט

דערגרייכט, זענען דאָס געווען קורצע איבערגאַנג־סטאַציעס. — אַ גייסטיקע שטרעבונג, וואָס דערמעגלעכט אָנצוזאַמלען כּוח און מוט פאָרצוזעצן דעם קאַמף". לויט דיינען איז די פראַגע „וואָס וועט זיין?" געבוירן געוואָרן מיטן ערשטן ייד, אברהם, וועלכער איז געווען „דער ערשטער ייד אויף דער גאַנצער וועלט" און אויף וועלכן עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דער עול צו האַלטן זיך אין ארץ ישראל אין קאַמף קעגן „נישט ווייניקער ווי צען פעלקער" — — — און דעמאָלט האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געשטעלט די יידישע פראַגע: „וואָס וועט זיין?" און דער גרויסער גאָט אין הימל האָט אים געענטפערט: „אל תיראאברהם! (זאָלסט נישט מורא האָבן אברהם)".

דער „אל תירא" — האָט דיין פאָרגעזעצט — האָט זיך פאַרשטאַרקט און איז געוואָרן דער מאַטאָ פאַר אונדזער פאָלק — אל תירא עבדי יעקב. איך האַלט דעריבער, אַז די איינציקע יסודותדיקע תשובה, וואָס מיר קענען געבן אויף דער פראַגע „וואָס וועט זיין?" איז — מיר וועלן פאָר־זעצן דעם קאַמף. עס זעט מיר אויס, אַז פונקט ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַזוי אויך איצט דאַרף זיין אונדזער ענטפער אויף דער פראַגע „וואָס וועט זיין?" — מער זיך קאָנצענטרירן אַרום דער פאַרזיכערונג פון אונדזער כּוח, אויסצוהאַלטן די שוועריקייטן און אונדזער מעגלעכקייט צו פאַר־מעסטן זיך מיט די דאָזיקע שטרויכלונגען — ווי דערוואַרטן אבסאָלוטע און ענדגילטיקע לייזונגען פאַר אונדזערע פּראָבלעמען. מיר דאַרפן זיך מער צוגרייטן צו אַ לאַנגן גייסטיקן און פיזישן קאַמפּס־פּראָצעס ווי פעסטצושטעלן אַ צייט־קאַלענדאַר פאַר דערגרייכן די „מנוחה ונחלה".

און אַזוי זוכנדיק אַן ענטפער פאַר דער באַדייטונג פון יידישן קיום איז דיין געוואָרן אַ מער געטרייער זון ווי זיין פאָטער און זיינע עלטערן, ווי ער האָט זיך דאָס אַליין פאָרגעשטעלט, פונקט ווי זיין זיידע ר' אברהם און זיינע אבות — די רבנים סקווירא און זיינע אבות אבותיו פון די רבנישע הייפן פון זיין זיידע פון שפּולא און רבי פּנחס פון קאָריץ, האָט ער זיך אויך געשטיצט אויף דער תורה, כּדי צו פאַרשטיין דעם יידישן שטייגער און פונקט ווי זיי האָט ער געגלויבט אין דעם וואָס גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען — „קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה כי לך אתננה" (בראשית י"ג 17); און אַ קאַמף האָט ער געפאָדערט פונקט ווי זיין פאָטער שמואל, וועלכער האָט געטענהט צו זיינע חברים אין דגניה, אַז זיי זאָלן נישט גע־פינען קיין מנוחה און נחלה פאַר זיך אַליין אינעם קיבוץ, וועלכן זיי האָבן געשאַפן, נאָר זאָלן פאָרזעצן דעם קאַמף אַלס דעראָבערונגס־קבוצה.

ער האָט זיך פאַרטיפט אין זוהר און געלייענט דעם ספר וועגן האר"י און שטודירט די תורה פון דער קבלה. לויט זיינע רייד איז ער באַאיינדרוקט געוואָרן פון דער פערזענלעכקייט פון האר"י „אַלס מענטשלעכע דערשיינונג נישט פון נסים ונפלאות. איך גלויב נישט אין דער יידישער מיסטיק, נאָר

אין דער קולטור און געשיכטע פון יידישן פאָלק און אין דעם, אַז במשך פון אַלע יאָרן האָט דאָס פאָלק געירשנט טאַלאַנטן און כאַראַקטער".

נישט ווערנדיק אליין קיין רעליגיעז-גלויביקער ייד, האָט ער פרור־בירט צו געפינען אַן אייגענעם פירוש פאַרן ספּעציפישן שטייגער פון יידישן פאָלק. לויט אים איז דאָס יידישע פאָלק געבענטשט געוואָרן מיט „צוויי מיטלען", וואָס האָבן אים דערמעגלעכט דורכצוהאַלטן אומאויפהער־לעכע קאַמפן. דאָס ערשטע מיטל איז די אמונה — „איך מיין נישט דעם רעליגיעזן גלויבן, נאָר דווקא אמונה אלס אנטי־טעזע צום יאוש, אַלס פאַקטאָר, וואָס איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אינעם גייסט פון ישראלדיקן פאָלק, וואָס איז אויסגעמישט געוואָרן מיטן בלוט פון פאָלק זינט דעם ערשטן טאָג; דער גלויבן אין וועג, אין דער גערעכטיקייט און צוקונפט פון פאָלק, די אמונה וואָס היט אָפּ און פאַרהאַרטעוועט קעגן פאַרצווייפלונג, הילפלאָזיקייט, פאַרלוירנקייט און טאָטלאָזיקייט". דאָס צווייטע מיטל איז מוט — דער „אל תירא". דאָס איז דער יסוד און דער באַדינג פאַר דער מעגלעכקייט צו שטיין אין קאַמף — אין אַלע דורות און אַלע סיטואַציעס, וואָס ענדערן זיך".

דער וועג און דער קאַמף זענען פאַר אים געווען דער תמצית פון לעבן און דער העכסטער ציל סיי אין לעבן פון יחיד און סיי אין לעבן פון יידישן פאָלק. זיין לעבן איז געווען פול מיט קאַמפן און מלחמות — פון פאַרברענען דגניה ב', דורך דעם מאָרד פון יעקובי אין נהלל, פאַסטוכער־געשלעגן, הגנה, ווינגייט, צווייטע וועלט־מלחמה און די ישראל־מלחמות — באַפרייאונגס־מלחמה, רעוואַנזש־אַקציעס — סיני־אַקציע, זעקס־טאָגיקע מל־חמה, אַראַבישע טעראָר־אָרגאַניזאַציעס און די אויסמאַטערונגס־מלחמה — ווי דאָס לעבן פון דער מערהייט ישראלים. דער טויט איז געווען זיין שטענדיקער באַגלייטער און פון אים האָט ער וואָס מער געפאָדערט די באַדייטונג פון לעבן. ווי אַזוי צו שטאַרבן איז ביי אים געוואָרן אַן אומאָפּ־רייסבאַרער טייל פון ווי אַזוי צו לעבן.

עס זעט אויס, אַז עס האָט זיך געשאַפן אַן ענלעכקייט צווישן ישראל און דיינעןביידע זענען פאַראיינזאַמט, דינאַמיש, ענערגיש און בעלי מום. פונקט ווי עס איז געטראָפן געוואָרן די ראיה פון דיינען אַזוי איז אויך געטראָפן געוואָרן דער חזון פון ישראל דורך די שלום־האָפענונגען, וואָס זענען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אַן ענלעכקייט, וואָס איז געקומען אויף אַ בולטן אופן צום אויסדרוק בעת דיין האָט מספיד געווען זיינע חברים און חיילים, וועלכע זענען געפאַלן אין די קאַמפן. דעמאָלט האָט איין אויג געפינקלט מיט אַ מעכטיקער לעבנס־לוסט און דאָס צווייטע אויג איז געווען פאַרלאָשן אונטער דעם שוואַרצן אויגן־לאַפּ, טויט. עס זעט אויס ווי ער וואָלט סימבאָליזירט ישראל ווו דאָס לעבן און דער טויט זענען ענגע שותפים אין איר קיום; זי איז גרייט צו שטאַרבן, כדי צו לעבן.